# א פֿאַרשפּעטיקטער



## יוסף קערלער

# א פארשפעטיקטער גלאק

דערציילונגען
נאָוועלעס,
פארצייכענונגען

מאָסקווע
פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל"
1990

ББК ~~84 Е7~~
Б 91

„א פֿאַרשפּעקטיקטער עכאָ" דערשײַנט נאָך דעם בוך נאָ־וועלעס „דאָס לעבן גייט ווײַטער", וואָס האָט געמאַכט אַ רושעם אין דער ייִדישער ליטעראַרישער וועלט. אין איצטיקן בוך זײַנען אײַנגעשלאָסן די דערציילונגען, נאָוועלעס, פֿאַרצייכענונגען, וואָס דער שרײַבער האָט געשאַפֿן פֿאַר די לעצטע יאָרן.

יוסף בורג איז, ווי פֿריִער, ליריש, אייגנאַרטיק, זײַנע העלדן זײַנען, ווי פֿריִער, פֿאָלקס־מענטשן, וואָס טיילן זיך אויס מיט זייער שטאַרקן מוט און גײַסטיקן קויעך.

Б $\frac{4702210201-271}{083(02)-90}$ 377—90

ISBN 5—265—01439—X

© Состав и оформление. Издательство «Советский писатель», 1990

# פון נאָענט
# און ווײַט

# א נײַער אָנהייב

ס'איז געווען א זוניקער פרימאָרגן.

די אַלטע געגנטלעכע גרענעץ־שטאָט אפן סאמע דאָרעם, באגאָסן מיט שטראָמען גינגאָלד, האָט געאָטעמט מיט שאַרפע רייכעס פון זיסלעך צעבלי־טע לינדן־ביימער, אָנגעטאָנענע אין ווײַסן צוויט. די פּילצאָליקע קלויסטער־טורעמס האָבן גײַוועדיק געציילעמט די ראַנדן פון נײַ־אופגעקומענע קוואר־טאַלן, און די גאַנצע שטאָט האָט זיך געבאָדן אין בלויקײַט.

בלוי — די פאַרב פון יונגן כאַלעם.

און ער איז געווען יונג.

געווען פעסט געבויט, מיט שנעלע אומרויִקע באַוועגונגען, וואָס האָבן דערציילט וועגן אן איבערפלוס פון ענערגיע. זײַנע טונקעלע איילבירט־אויגן האָבן גאָרניט געבעטן, נאָר אַלץ פאַרלאַנגט. און ארום די ־אויגן, אף זײַן ברייט מענעריש פּאָנעם, צוגעברענט פון דער זון, האָבן עטלעכע זומער־שפּרענקעלעך ווי אונטערגעשטראָכן די קלוגשאַפט פון זײַן בליק.

אינגאַנצן א כוידעש, זינט ער האָט געענדיקט דעם מאָסקווער פּאָליטעכ־נישן אינסטיטוט. איצט, גייענדיק צום אַנשטאַלט, וווּהין ער האָט באַדאַרפט זיך יאַווען אף אַרבעט, זעט ער, ווי אפן גאַנצן וועג הייבן זיך צום הימל מעכטיקע הייבקראַנען, גלײַך ווי גיגאַנטישע הענט וואָלטן זיך געשטרעקט צו דער זון. אין דער לופט האָבן געשוועבט גאַנצע פּאַרטיקע בלאָקן, מיט טיר־און־פענצטער, עס האָט זיך געקלאַמערט א וואַנט צו א וואַנט, און מאַמעש פאַר די אויגן זײַנען אין א ריטמישער שנעלקײַט געוואַקסן עטאַזשן. געוואַקסן, פּונקט ווי די צײַט, וואָס לייגט זיך צונויף פון סעקונדעס און מינוטן. צענדליקער זונען האָבן זיך צעפּלאַקערט אין די פענצטער, און די שויבן האָבן זיך צעזונגען מיט א מין פאַרביק געזאַנג.

נעכטן נאָך האָבן פּאַזע דעם וועג ווײַס געשימערט דאָרפישע שטיבער מיט גערטנער פון פאָרנט, און פויערטעס האָבן געפירט גרינוואַרג אפן מארק. נעכטן... ס'האָבן באַדאַרפט פאַרגיין פינף יאָר, אז דער נעכטן זאָל פאַר־וואַנדלט ווערן אין א מעכטיקער פּאַנאָראַמע פון נײַע קוואַרטאַלן, אָנגעפּילטע מיט זון. און ער האָט דערפילט א באַגײַסטערטע נאָענטקײַט צו די מענטשן אין געלע קאַסקעס, וואָס האָבן אין ריטמישער געמאָסטנקײַט געווימלט אף די בויונגען, געטאָן זייער קלוגע אַרבעט.

דער הויפּט־אינזשעניער פון א פּראָיעקטיר־אינסטיטוט, א מאַן אין די מיטעלע יאָרן, וועמען ער האָט דערלאַנגט זײַן אָנווײַזונג, האָט אים זייער פרײַנטלעך אופגענומען, א ווײַלע זיך אײַנגעקוקט אין זײַנע פּאַפּירן, דער־נאָך איבערגעפירט דעם בליק אף אים אַליין, ווי וועלנדיק זיך אין עפּעס אי־בערצײַגן, און גוטברודעריש אויסגערופן:

— נו, מאַרעק, אין אַ גוטער שאָ!

דער שמועס איז געווען אַ קורצער, גלייַך פּאָר ביידן איז שוין אַלץ קלאָר, אַלץ באַשלאָסן, נאָר מאַרעק איז אַרויס פונעם אינסטיטוט אויפֿ דער טומלענדיקער גאַס מיט אַ פאַרזאָרגטן בליק, ער איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע שפּאַן, מיטאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט, און אַזוי, אַ מינוט, און צוויי, געשטאַנען אויף איין אָרט.

וואָס פאַר אַ נייַעם פאַדעם וועט דער גורל איצט אַרייַנוועבן אין זייַן יונג לעבן?

ער איז געשטאַנען אינמיטן גאַס, ווי ניט קיין היגער, ווי אויף אַ שייד־וועג, איבער דער גאַס האָט געשטראָמט אַ גאָלדיק־פאַרטראַכטער פרילינג, און אים האָט זיך אויסגעוויזן, ווי אין פלאַנטער פון די שטאָטישע קלאַנגען, רייַסט זיך אַרייַן אַ שטים, אָט נאָענט און אָט ווייַט, אַ שטים, וואָס זאָגט אים:

— באַטראַכט זיך גוט, מאַרעק!

ער דאַרף אויף מאָרגן ווערן דער אָנפירער פון אַ גאַנצער גרופּע פּראָיעקטאַנטן, אָנפירן מיט אַ טעכניש געשולטן קאָלעקטיוו.

צי וועט ער זיך ספּראַווען?

און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער גייט אַרייַן אין אַ טאָג, וואָס איז ניט זייַנער.

וואָלט כאָטש געווען מיט וועמען זיך באַראַטן. ער האָט געהאַט אַמאָל ניט ווינציק מיטשילער, מיט וועלכע ער האָט זיך געכאַוועט. נעמט ער זיי איבערקלייַבן אין זיכּאָרן — איז קיינער ניט פאַראַן. אַלע זייַנען נאָכן צענטן קלאַס זיך צעפאָרן. ווער קיין לענינגראַד, ווער קיין נאָוואָסיבירסק. ווייַזט אויס, פאַרבליבן אין יענע קאַנטן. ער וואָלט זיך אויך ניט אומגעקערט אין אָט דער פּראָווינציִעלער שטאָט, ווען ניט זייַן פאָטער, וואָס האָט, עמעס, ניט אייַנגעריסן קיין וועלטן, נאָר גאַנץ דייַטלעך געגעבן אָנצוהערן:

— אינדערהיים וועסטו אויך ניט זיצן מיט קיין ליידיקע הענט...

און ער האָט ניט געוואַגט זיך קעגנשטעלן דעם פאָטערס באַגער, כאָטש מיט זייַן דיפּלאָם האָט ער געהאַט אַלע מעגלעכקייַטן אָנצוקומען אין דער אַספּיראַנטור, אויף דער קאַטעדרע פון שטאָט־בויונג.

עפּשער טאַקע מיטן פאָטער זיך אָן אייצע האַלטן?

ווייסט ער אָבער פאַרפריִער, וואָס זייַן פאָטער וועט ענטפערן:

— ביסט איצט אַ דערוואַקסענער מענטש, מאַרעק, טו ווי דו פאַרשטייסט...

און פון צווישן אָט די ווערטער וועט זיך אַרויסהערן אַן אַנדער קאָל:

— מייַן דאָר האָט ניט געהאַט קיין אויס וואָל. מיר האָבן געמוזט מילכאָמע האַלטן מיט אַן אַכזאָריעסדיקן סוינע. דערנאָך אופשטעלן אונדזערע כאָרעווע היימען...

דאַרף ער נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל דערפילן אין זיך דעם אייגענעם קויעך, דאַרף זיך אייַנוואָרצלען אין אַ לעבן, פאַר וועלכן ער שרעקט זיך. און אינעם יונגן לויטערן פרימאָרגן האָט ער אַ צאַפּל געטאָן מיט אַ שטילער בענקשאַפט נאָך יענע פרייַע סטודענטישע יאָרן, פול מיט ברויזנדיקן אומרו.

א פֿאַרזונקענער אין געדאַנקען, ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס עס קומט פֿאַר אין זײַן נעשאָמע, האָט מארעק מיט גרינגע, פֿאַמעלעכע טריט זיך פֿאַרנומען מיט דעם זעלבן וועג אױף צוריק.

ניין, ער וועט פֿון דעם פֿאָרשלאָג זיך אָפּזאָגן. ער טראַכט ניט בלײַבן דאָ אױף שטענדיק... נאָך הײַנט וועט ער פֿאַרפּאַקן זײַן ייִנגלש פֿאַרמעגן און זיך אומקערן קיין מאָסקווע, פּרוּוון דאָרט ענדערן זײַן אַנווײַזונג.

די גאַס מיט אירע קלאַנגען און רײַכעס האָט אים ביסלעכווײַז באַרויקט, און זײַנע מאַכשאָוועס האָבן אָנגעהויבן זיך דערווײַטערן פֿון דעם הײַנטיקן שמועס מיטן הויפּט־אינזשעניער.

אין א דערבײַיִק גערטנדל, מיט הוידלקעס און קליינע פֿאַרביקע צויבער־שטיבלעך צווישן סימעטריש אַרומגעשניטענע ביימלעך, האָט זײַן אויפֿמערק־זאַמקײַט צוגעצויגן דער ליאַרעם פֿון קליינע קינדער, וואָס האָבן זיך גע־שפּילט אין כאַפּערלעך, ער האָט זיך דערנענטערט, נאָכגעשפּירט די שפּרינגענדיקע, לאַכנדיקע קינדער.

קינדער טראַכטן ניט פֿון מאָרגן.

פּלוצעם האָט אין זײַן קאָפּ זיך גענומען דרייען א ניגן, מיט ווערטער לאַנג שוין פֿאַרגעסענע.

קינדער שפּילן, ווען זיי ווילן...

און וואָס מער ער האָט געוואָלט זיך באַפֿרײַען פֿון דעם ניגן, וואָס האָט אויפֿגעוועקט א פֿאַרשלאָפֿן ווינקל אין זײַן זיקאָרן, אַלץ צודרינגלע־כער האָבן די ווערטער זיך צונויפֿגעלייגט אין שורעס:

קינדער האָבן שפּילעכלעך,
שפּילן, ווען זיי ווילן.
גרויסע שפּילן נאָר מיט זיך,
ווײַל אייביק דאַרף מען שפּילן...

מארעק איז געוואַקסן אין א שטוב, וווּ עס האָט אַמאָל ברייט און זאַפֿ־טיק געקלונגען דער בעסאַראַבער ייִדיש, מיט זײַנע פֿאַרשפּיצטע קאָמעצן. דאָס איז געווען, ווען דער זיידע מיט דער באָבען האָבן נאָך געלעבט. זײַן מוטער, א לערערן פֿון פֿרעמד־שפּראַכן, האָט ביז הײַנט ליב ייִדישע פֿאָלקס־לידער. און צומאָל, ווען זי זינגט זיי אויס מיט איר טיפֿער, נידעריקער שטים, און די סטרונעס פֿון דער גיטאַרע פֿאַרשפּרייטן זילבערנע קלאַנגען, שפּילט אויף א פֿאַרביק געוועב פֿון בענקשאַפֿט און אירע שוואַרצע סאַמע־טענע אויגן, ווערן פֿאַרגאָסן מיט א מאַטן גלאַנץ.

...גרויסע שפּילן נאָר מיט זיך

וואַכט אויף א פֿאַרשלאָפֿן ווינקל אין זײַן זיקאָרן, און די לייוויקישע וויגליד, מיט וועלכער די באָבעשי האָט אײַנגעוויגט זײַן קינדהײַט, קלינגט ווי א רעפֿרען צו דער שפּיל, וואָס הייבט זיך ערשט אָן אין זײַן אייגן לעבן. און ער שטעלט זיך פֿאָר דעם דערשטוינטן אויסדרוק אױף דער מוטערס פּאָנעם, ווען ער וועט קומען אהיים מיט זײַן קאַטעגאָרישן באַשלוס:

— איך פֿאָר צוריק קיין מאָסקווע...

און אירע שוואַרצע אויגן, רירנדיק צאַרטע, וועט פֿאַרציִען א מאַטער, פֿאַרגליווערטער גלאַנץ...

פון ערגעץ ווײַט האָט אָנגעיאָגט א קיל ווינטעלע, שטיפעריש געשוי־בערט זײַנע לאַנגע, צעפּלויגענע קוטשערן; זיי צעוואָרפֿן איבערן פּאָנעם, ווי געפּרוּווט פאר אים עפּעס־וואָס פארשטעלן, און זיך פארקליבן אונטער זײַן צעקנעפּלטן דזשינס־העמדל. ער האָט מיט א נערוועזער האַנט־באַוועגונג פארשארט די האָר. פּלוצעם... ווי דורך א פארוקט פאַרהענגל, האָט א שווינדל געטאָן פאר זײַנע אויגן עפּעס א באקאנט פּאָנעם און זיך דורכגעטראָגן גיך, ווי א פרישער ווינט.

עס האָט אים מיטאמאָל א ריס געטאָן אױף צוריק, גלײַך א שארפער בליץ האָט דורכגעשניטן זײַן מויעך, ער האָט דערזען דעם פּראָפיל פון א יונגער פרוי, וועלכע איז אריבערגעגאנגען די גאס, שטאָלטנע און איידל, מיט א לײַכט שוועבנדיק גענגעלע, ווי זי וואָלט מוירע געהאט אָנרירן די ערד. דעם קאָפּ האָט זי געטראָגן אזוי שטאָלץ פאריסן, אז עס האָט זיך געדאכט, זי זוכט עמעצן אינדערלופטן.

מארעק האָט אופגעציטערט. ער האָט זיך דערמאָנט... ניין, ער האָט אין דעם אויגנבליק זיך גאָרנישט ניט דערמאָנט, אינסטינקטיוו זיך געלאָזט נאָך איר.

— רע — נא — א — א!

די גאס האָט זיך א וויג געטאָן.

ער האָט נאָענט־נאָענט געזען איר פּולע, געטאָקטע רונדיקײַט; געזען דעם לעבעדיקן גלאַנץ פון אירע שווארצע צעלאָזטע האָר איבער דער אָפּ־געברענטער, טיף דעקאָלטירטער פּלייצע; געהערט דעם שאָרך פון זײַד ארום אירע שלאַנקע פיס און דאָס שווערע, אײַנטאָניקע קלאַפּן פון די הויכע אָפּצאסן איבערן אספאַלטירטן טראָטואר.

א הייסע כוואַליע פון אומגעריכטער פרייד האָט א כלינע געטאָן צו זײַן הארץ.

פון וואָס פאר א צויבער־מײַסעלע האָט זי זיך באוויזן? און עפּשער איז עס גאָר ניט רענא?

אים איז שווער געווען אָנקניפּן אין דעם, וואָס ער האָט איצט געזען, דאָס, וואָס ער האָט געדענקט.

...זי איז געווען א שילערן פון אכטן קלאַס.

א גרינגע, א רירעוודיקע. שטענדיק אין א ברוינער, געפּאַלדעוועטער שול־פאָרמע, מיט א שניי־ווײַס געהעפטן קעלנערל. צוויי לויז־פאַרפלאָכ־טענע צעפּ זײַנען, כוואַליעדיק שווער אראָפּגעפאלן איבער אירע שמאָלע פּלייצעס, און איר פּאָנעם, ווי פון ווייכסטן סאמעט, האָט געשטראַלט מיט איידלקײַט. און נאָר די אויגן, טיף שווארצע, האָבן געקוקט שטיל און מיט בענקשאַפט.

זיי האָבן געלערנט אין איין שול, אױף איין שטאָק, א טיר קעגן א טיר. נאָר ער האָט זי קימאט ווי ניט באמערקט. ניט געזוכט איר באגעגעניש, כאָטש ביידע זײַנען געווען אין ביוראָ פון שול־קאָמיוג. דער כילעק אין יאָרן — זי אין אכטן, און ער אין צענטן — האָט דעמלט אויסגעזען צו גרויס.

אפילע איר טאנצן און זינגען אױף אלע שול־אָוונטן, איז אים ווייניק אָנגעגאנגען.

אלע זינגען בא פופצן יאָר!

דאָס אײנציקע, וואָס פֿלעגט אים צומאָל כידעשן, זײַנען געווען אירע אויגן. ער האָט ניט געקאָנט באַנעמען, וויאַזוי אַזאַ פֿריילעך מיידל, פֿול מיט ברען, האָט עס אַזעלכע אומעטיקע אויגן, גלײַך זיי וואָלטן געלעבט זייערס אַ באַזונדער לעבן.

אַזוי וואָלט מיסטאמע אָט די נאָענטע פֿרעמדקײַט אָנגעהאַלטן ביזן סאָף פֿון זײַן לערנען, ווען ניט דער ארויסלאָז־אָוונט — דאָס געזעגענען זיך מיט דער שול. די אומפֿאַרמײַדלעכע געמישטע געפֿילן פֿון פֿרייד און אומעט. דער סאַמע ליכטיקסטער אָנדענק, וואָס אַ מענטש טראָגט דורך דורכן גאַנצן לעבן.

דורכן גאַנצן לעבן...

...זײַן פֿאָטער געדענקט אויך דעם ארויסלאָז־אָוונט, ווען ער, דער פֿאָטער, האָט געענדיקט די שול. ער געדענקט גוט יענע נאַכט, איר פֿײַערלעכע שטילקײַט, דעם ציטער פֿון אײגענעם האַרץ. אַ קורצע, וואַרעמע זומערנאַכט, ווען די אָוונטיקע שקיִע באַווײַזט ניט רעכט זיך אויסצולעשן, און עס פֿלאַקערט שוין דער קאַיאָר. אין יענעם קאַיאָר האָבן אָבער ניט קיין זוניקע פֿלאַמען אָנגעצונדן דעם הימל, נאָר די פֿלאַמען פֿון סרייפֿעס. אַפֿילע דאָס גראָז און די בלומען האָבן געאָטעמט מיט פֿײַער. און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שניט פֿון מיליאָנען יונגע לעבנס...

זײַן פֿאָטער איז אַלט געווען זיבעצן יאָר!

אַ לאַנגער בלוטיקער מילכאָמע־וועג איז געוואָרן זײַן אוניווערסיטעט. ער האָט איבערגעלעבט דעם קלעמענדיקן טרויער פֿון צײַטווײַליקן פֿאַרלאָזן שטעט און דערפֿער און די ליכטיקע פֿרייד פֿון ניצחוינעס. ער האָט באַפֿרײַט אוקראַיִנע. באַפֿרײַט זײַן קליין יידיש שטעטעלע, וווּ בלויז דער ווינט האָט געהוילט צווישן די שאָטנס פֿון אַ פֿאַרסאַרפֿעט, אומגעקומען לעבן. דערנאָך האָט דער וועג געפֿירט ווײַטער קיין פּוילן, פּוילן... עס האָט נאָך געריכערט די קרעמאַטאָריע פֿון אָשווענטשים, עס האָט נאָך געיאָמערט די ערד אין טרעבלינקע. און ער איז געגאַנגען ווײַטער און ווײַטער, ביז צו די פּוילישע מײַרעוו־גרענעצן, וווּ אין אײנעם אַ פֿאַרטאָג האָט מיטאמאָל זיך אָפּגעשטעלט זײַן מילכאָמע־וועג.

ער איז אַוועק אויף דער מילכאָמע אַ ייִנגל און זיך אומגעקערט אַ גראָווער מאַן, גראָוו בײַ עטוואָס מער פֿון צוואַנציק, און אין דער סאָלדאַטישער שינעל האָבן עלנט זיך געבאָמבלט צוויי אַרבל. אײנער איז געווען אינגאַנצן ליידיק, און פֿון צווייטן האָט אַלעמאָל, ווי פֿון אַ באַהעלטעניש, זיך ארויסגערוקט אַ פֿאַרקריפּלטע האַנט מיט צוויי אָפּגעהאַקטע, פֿאַרמלאָזע פֿינגער.

מאַרעק איז שוין צוגעוווינט צו זען, ווי זײַן פֿאָטער, זיצנדיק בײַם שרײַבטיש, האַלט די פּען אין אַ שפּאַלט, אײַנגעשניטן אינעם פֿלייש פֿון דער רעכטער האַנט, האַלט זי ווי צווישן צוויי גראָבע פֿינגער, און בײַ יעדער באַוועגונג צוקט דער ליידיקער אַרבל פֿון דער לינקער האַנט, וואָס איז אָפּגעריסן קימאַט ביזן אַקסל. צומאָל פֿאַרלויפֿן אים טרערן אין די אויגן. טרערן ניט פֿון מיטלײַד, נאָר פֿון שטאָלץ מיטן פֿאָטער, וועלכער פֿאַרמאָגט אַזאַ קראַפֿט ניט צו פֿאַלן בײַ זיך, ניט פֿאַרלירן דעם מוט.

זײַן פֿאָטער רעדט זעלטן פֿון יענע פֿינצטערע טעג. די ליידיקע אַרבל רעדן פֿאַר אים... נאָר צײַטנווײַז קרעכצט ער פֿון שלאָף און קלאָגט זיך דערנאָך, אַז אַ גאַנצע נאַכט האָבן אים וויי געטאָן די „הענט".

צומאָל פארקוקט זיך מארעק אַף דער פאָטאָגראפיע פון א יונגן רויט־אַרמייער, וועלכע הענגט בא זיי אין שטוב, און אים איז שווער זיך פאָרשטעלן, אז דאָס איז זײַן פאָטער, אז אזוי האָט ער אויסגעזען מיט א פּאָר צענדליק יאָר צוריק, אים דאכט זיך, אז דאָס איז ער אליין מארעק, גלײַך ער וואָלט געשטאנען פאר א שפּיגל.

זײַן פאָטער איז א דאָצענט אינעם היגן אוניווערסיטעט, ער לייענט א קורס ליטעראטור־געשיכטע. מארעק, פארקערט, איז פארליבט אין מאטעמאטיק. דעריבער טאקע האָט ער באשלאָסן צו ווערן אן אינזשעניער.

ס׳איז אויפגעקומען א נײַער דאָר. דער דאָר פון וויסנשאפטלעך־טעכנישן פּראָגרעס!

דער ארויסלאָז־אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן מיטן פארטיילן די אטעסטאטן, מיט רעדעס און באגריסונגען. אויך זי, אין א העל־בלוי זײַדן קליידל, די צעפּ פארדרייט איבערן קאָפּ, ווי א קרוין, האָט באגריסט אין נאָמען פון דער שילערישער קאָמיוג־אָרגאניזאציע. די בליציקע שײַן פון דעם פײַערלעך באלויכטענעם זאל איז געפאלן אַף איר שטראלנדיק פּאָנעם, זיך פארקליבן אין אירע גרויסע, קײַלעכדיקע אויגן, וואָס זײַנען געוואָרן ענלעך אַף שטערן.

אזא האָט זי מארעק נאָך קיינמאָל ניט געזען.

ווי נאָר דער באל האָט זיך אָנגעהויבן, האָט ער דער ערשטער זי פארבעטן אַף א טאנץ און, ווען ער האָט, טראָגנדיק זיך מיט איר, ווי א וויכער, דערפילט אין זײַנע אָרעמס איר דינעם עלאסטישן קערפּער, דערפילט א שטראָם פון צארטער ווארעמקײַט, וואָס האָט דערלאנגט ביז די שפּיץ פינגער, האָבן פלוצעם די קרישטאָלענע הענגלאָמפּן זיך גענומען דרייען, וויגן, גלײַך זיי וואָלטן אויך ארײַן אין א טאנץ.

ער איז שוין דערנאָך פון איר ניט אָפּגעטראָטן. נאָך יעדן טאנץ איז מען געבליבן איניינעם, געשטיפט מיט יוגנטלעכער צעשפּילטקײַט, און פארטאָג אוועק אינצווייען באגעגענען באם ראנד פון דער שטאָט דעם זון־אויפגאנג, וואָס האָט מיט א פלאמיקער רויטקײַט זיך געשארט פון אונטער די בערג, אָנגעצונדן דעם שווארצן ציילעם פון אן אלט, פארלאָזט קלויסטערל, ווּ דער ווינט האָט פרײַ געשפּילט מיטן זשאווער פון די קופּערנע גלעקער און דאָס צעלעכצטע טורעמל איז ווי געשווומען אין דער ראָזלעך־בלויער, דורכזיכטיקער לופט.

דער הימל האָט זיך אויפגעהויבן הויך איבער דער ערד. די זון האָט געלויכטן. און די ערשטע שטראלן האָבן געגלעט איר בייגעוודיקן גוף. זי האָט מיטאמאָל צעפלאָכטן אירע לאנגע האָר, קאָקעטיש זיי צעשאָטן איבער דער העלקײַט פון איר קלייד. זי האָט אויסגעזען ווי א טייל פון דעם ווּנדערלעכן קאיאָר, ווי א מיראזש, אײַנגעהילט אין בלויען קישעף...

בלוי — די פארב פון יונגן כאָלעם.

פלוצעם האָט זי זיך צעזונגען. לײַכט און צארט האָבן זיך גענומען גיסן הייסע וויברירנדיקע קלאנגען, גלײַך דאָס געזאנג פון א לארך, א פארלוירענע אין די הימלען. זי האָט געזונגען מיט אן איידעלער צוריקגעהאלטנקײַט, ווי זי וואָלט זיך געשראָקן פאר דער טיפקײַט פון אירע געפילן, ניט געוואָלט זיי אנטפּלעקן.

איך וועל שענקען דיר א טרער
פון ליבע־פרייד,
וואָס בלויע הימלען פון לויטערע קאַיאָרן
האָבן אין מײַן הארץ פארזייט...

און עס איז איבערן פארטאָג געשוועמען א ליד — א כאַלעם. און ס'האָט איר געזאנג געהערט דאָס אַלטע קלויסטערל, און דער ווינט, וואָס האָט שטיל געוויגט די קופערנע גלעקער.

ער האָט אויך געהערט, ווי אין א כאַלעם. זי איז געווען די פארקער־פערונג פון מוזיק און פּאָעזיע, און ער האָט אין געדאנק זי א ווײַלע פאר־גליכן מיט זײַן מוטער.

די ליד איז געוואקסן אין אים פון רעגע צו רעגע. איר קרישטאָל־זויבערע שטים, פארכאפּט פון א רירנדיקער צארטקײַט, האָט איבערגע־כאזערט אָפּנהארציק און ריין:

איך וועל שענקען דיר א טרער
פון ליבע־פרייד...

זי האָט אים אָנגעשטעקט מיט איר ניגן, געבריט מיט יעדן קלאַנג, וואָס האָט זיך אָפּגערופן אין זײַן יונג הארץ. אים איז באפאלן עפּעס א ווילדער אופּברויז, און ער האָט, אומגעריכט פאר זיך אליין, זי לײַכט ארומ־גענומען.

— רענא, רענאָטשקאָ!

ערד און הימל האָבן זיך פּלוצעם געביטן מיט די ערטער. דאָס קלויס־טערל מיטן שווארצן ציילעם האָט ערגעץ געשוועבט. און נאָר דער ווינט האָט ניט אופגעהערט וויגן די קופערנע גלעקער.

— רענא... רענאָטשקא...

זי האָט אופגעציטערט. זיך צונויפגעצויגן, ווי א געוויקס, און געשיקט זיך באפרײַט פון זײַנע אָרעמס. א שטילער שמייכל האָט מיט מיידלשער זיסקײַט זיך צעשפּילט אף אירע פּוכקע ליפּן און אופגעדעקט צוויי שורעס ווײַסע ציין.

פון יענעם פארטאָג איז מארעקן אף לאנג פארבליבן די פארשיקערטקײַט פון עפּעס א שטורעם, וואָס האָט געבושעוועט אין זײַנע בליטן, און דער פלאמיקער קאַיאָר מיטן אלטן, פארלאָזטן קלויסטער.

פארגעסענע שטימונגען...

זײַנע געדאנקען האָבן געוואנדערט איבער א פארשווונדענער צײַט, זיך געמישט, געפּלאָנטערט, און ער האָט נאָכאמאָל אויסגערופן, הויך אף א קאָל:

— רענא, רענאָטשקא!

זי האָט זיך האסטיק אָפּגעשטעלט. אויסגעדרייט א פארברוינט פּאָנעם מיט גרויסע, קײַלעכדיקע אויגן. א רונצל געטאָן דעם שטערן, ווי אף עפּעס זיך צו דערמאָנען, און אָנגעשטעלט אף אים א פּאָר אופגעריסענע, פארכידעשטע אויגן.

— דו, מאַר?..

זי האָט פאַרשלונגען דעם סאַף פון דעם נאָמען. קאָן זײַן, אַז איר האָט מיטאַמאָל פאַרפּעלט אָטעם. זי האָט געקוקט אויף אים מיט נײַגעריק־פאַרווונדערטע פלעמלעך אין די אויגן. זיי זײַנען געוואָרן אַלץ ליכטיקער, אַט די פלעמלעך, ביז זיי האָבן אָנגעהויבן שמייכלען. פון דאָרט האָט דער שמייכל זיך געצונדן פאַרשפּרייטן איבערן פּאָנעם, וואָס איז פאַרשווענקט געוואָרן אין אַ לײַכטער רויטקייט.

ער איז געשטאַנען קעגן איר, זײַן האַרץ האָט ווילד געשלאָגן פון גיכן נאָכגיין, גלײַך ס'וואָלט געפּרוּווט זיך אַרויסרײַסן פון דער ברוסט. יענע שילערן פון אַכטן קלאַס, וועלכע ער האָט געדענקט, איז געוואָרן אַ סאַך שענער, ווײַבלעכער. זי האָט אים איבעראַשט מיט דער אַנדערשקייט פון איר פּראַכט. ער האָט זי איצט געזען מיט נײַע אויגן, וואָס האָבן געפינקלט מיט אַ שנײַדיקן גלאַנץ, און ער האָט געזוכט וואָס צו זאָגן. פון אָט דער פּלוצעמדיקער, אומדערוואַרטער באַגעגעניש, פון דער איבעראַשונג זײַנען אָבער די ווערטער געבליבן פאַרהאַקט אין זײַן האַלדז. עס האָט געדויערט עטלעכע סעקונדעס, ביז ער איז געקומען צו־זיך.

— איך האָב דיך קוים דערקענט. עפּעס ביסטו מיטאַמאָל אַזוי אויסגעוואַקסן, אַנדערש געוואָרן.

— מיטאַמאָל? פינף יאָר הייסט בא דיר מיטאַמאָל, זעט אויס, דו טראַכסט מיט קאָסמישע קאַטעגאָריעס.

איר קאָל, לאַנגזאַם און אײַנגעהאַלטן, מיט קורצע איבעררײַסן, אָן דעם קלענסטן סימען פון אויפרעגונג האָט געקאָנט באַטײַטן גלײַכגילטיקייט, ווען ניט אירע אויגן, וואָס האָבן אַ שפּיל געטאָן מיט אַ שוואַרצן בליץ, זיך געוואָרפן פון זײַט צו זײַט, גלײַך זיי האָבן ניט געהאַט אויף וואָס זיך אָפּשטעלן, און געקוקט שטרענג און וואַרעם.

ער האָט אויפגעכאַפּט איר בליק. אויף אַ רעגע זיך פאַרלוירן, ווי אַ געטראָפענער פון איר באַמערקונג. עס האָט אַ שטראָם געטאָן אויף אים מיט אַ באַהאַלטענעם פאַרוווּרף, און ער האָט בעשום־אופן ניט געקאָנט געפינען דעם פּאַסיקן אַרגומענט אויף זיך צו פאַרענטפערן, פאַרוואָס ער האָט גאַנצע פינף יאָר זי קיין איין מאָל ניט אויפגעזוכט. ס'איז געווען ווי ער וואָלט זיך פאַרזינדיקט קעגן איר.

אַזאַ מאָדנע געפיל פון שולדיקייט!

רענאַ האָט באַמערקט זײַן פאַרלוירנקייט, וועגן עפּעס זיך פאַרטראַכט, און אירע אויגן — דער קוואַל פון בענקשאַפט — האָבן געשטראַלט מיט אַ פײַכטער ליכטיקייט.

— דו ביסט אויף לאַנג געקומען, מאַרעק?

זי האָט מיט ווייכקייט אַקצענטירט זײַן נאָמען. עס איז געווען קענטיק, אַז זי איז אויך גערירט פון דער פּלוצעמדיקער באַגעגעניש. און ער האָט געענטפערט שטיל, בלויז מיטן הויך פונעם אָטעם, גלײַך ער וואָלט די ווערטער אַרויסגעבראַכט נאָר צוליב איר:

— אויף זייער לאַנג. אויף שטענדיק.

איר האָט זיך טאַקע אויסגעוויזן, אַז דאָס געזאָגטע האָט אַ נאָענטע שײַכעס צו איר, אַז מיט די ווערטער האָט ער געוואָלט ניט נאָר צו וויסן געבן וועגן דעם, אַז ער האָט שוין פאַרענדיקט מיטן לערנען, באַקומען אַן אָנווײַזונג אויף אַרבעט, נאָר נאָך וועגן עפּעס...

זי האָט מיט פֿאַרשנדיקע בליקן זיך איינגעקוקט אין זײַן קרעפּטיק מענעריש פּאָנעם, אין די שאַרף געשניצטע, צוקנדיקע ליפּן, געוואָרט אויף דעם „נאָך עפּעס", נאָר מאַרעק האָט געשוויגן און שווײַגנדיק זיך געשפּיגלט אין דער פּײַכטער ליכטיקייט פֿון אירע גרויסע, קײַלעכדיקע אויגן, וועלכע ער האָט אַזוי גוט געקענט, כאָטש קיינמאָל ניט געקאָנט דערגיין, וואָס אין זיי איז פֿאַרבאָרגן.

און איצט וואָס ווייסט ער וועגן איר?

אויף גאַנצע פֿינף יאָר איז זי אַרויסגעפֿאַלן פֿון זײַן לעבן. אים האָט די ערשטע צײַט דאָס לערנען אַזוי פֿאַרשלונגען, אַז ער האָט ניט קיין צײַט געהאַט פֿאַר אַנדערע זאַכן. אַפֿילו מאָסקווע, די שטאָט, וואָס וועקט אַזוי פֿיל נײַגער, האָט ער קימאַט ווי ניט געזען. אויך די היים באַזוכט בלויז אויף געציילטע טעג בײַס די קאַניקולן. די איבעריקע פֿרײַע צײַט פֿאַרבראַכט אין די לאַבאָראַטאָריעס אָדער זומער אין די סטודענטישע בוי־אַטריאַדן.

עמעס, באַם אָנהייב האָט ער געשריבן איר בריוו. דאָס זײַנען געווען בריוו מיטן שטעמפּל פֿון ניט אַרויסגעזאָגטער ליבע. און ווען ער איז געווען שוין אין די העכערע קורסן, האָט ער רענען פֿאַרגעסן. איצט האָט אופֿגעוואַכט אַ הויפֿן דערמאָנונגען, וואָס האָבן זיך פֿאַרוואַלגערט אין זײַן האַרצן, אים דערמאָנט שורעס פֿון אַ ליד, וואָס זי האָט אַמאָל אויף אַן אָוונט אין שול פֿאַרגעלייענט:

קומען טעג, פֿאַרגייען יאָרן,
ווי דער טרויער...
אויף קעפּ פֿון אָוולדיקע אַלמאָנעס...

וואָס פֿאַר אַן אומזין! אָט טומלט אַ גאַס מיט מענטשן, פּולסירט מיט לעבן און באַוועגונג. אין דער פֿאָשעטער וואָכעדיקײַט קלינגט מיט יאָמטעוו, און דאָס לעבן שרײַט אַרויס פֿון יעדן טראָט.

זײַן פֿאָטער האָט אים געהאַט דערציילט פֿון קליינע ייִדישע שטעטלעך, פֿון אײַנגעזונקענע היימען, דערטרונקענע אין טײַכן בלוט... אויף שאַגאַלס אַן אויסשטעלונג אין מאָסקווע האָט ער געזען אײַנגעהויקערטע הײַזלעך מיט קרומע דעכער און קרומע פּלויטן, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז פֿון די שאַגאַלישע געמעלן ווייעט מיטן זעלבן טרויער, וואָס אין זײַן פֿאָטערס דערציילונגען. אָט פֿאַר יענער צײַט זײַנען צוגעפּאַסט די שורעס פֿון דער ליד... ער אָבער וועט פּראָיעקטירן נײַע גאַסן, נײַע מיקראָ־ראַיאָנען, און די געשיקטקײַט פֿון בויען וועט שפּילן אין אַלע גלידער. עס וועלן וואַקסן עטאַזשן מיט זוניקער פֿרייד אין די פֿענצטער. און אין יעדן טראָפּן פֿרייד וועט זײַן אַ טייל פֿון זײַן מויער, פֿון זײַן האַרץ, פֿון זײַן נײַעם אָנהייב... און טעג וועלן קומען און פֿאַרגיין פֿריידיקע, שעפֿערישע...

ער האָט מיט שטראַלנדיקע בליקן געקוקט אויף רענען. זי האָט אַזוי אומגעריכט איבערגעקרייצט זײַן וועג.

נאָר וויִאַזוי פֿאַריכטן דאָס, וואָס דער נעכטן האָט קאַליע געמאַכט? און עפּשער איז שוין צו שפּעט?

פֿון אָט דעם געדאַנק איז אים מיטאַמאָל אומעטיק געוואָרן. עס האָט זיך דערוועקט עפּעס אַ ווײַטע פֿאַרנעפּלטע בענקשאַפֿט, אַ ברי געטאָן באַם האַרצן, און זײַנע ליפּן האָבן מיט אַ קורצן אָטעם געבעטן:

— רענא, לאָמיר גיין ערגעץ־ווּ, אויב דו ביסט איצט פריַי!

אין אירע אויגן האָט א שטיפערישער רייץ אָנגעצונדן א גרין שפּאָטיש פיַיערל, באלד זיך אָבער אויסגעלאָשן.

— ניין, מארעק, איך איַיל אין אוניווערסיטעט.

ער האָט א וויַילע פארפרעסט די ליפּן. דינע קנייטשעלער, וואָס זיַינען זיך צעלאָפן אראָפּ פון די אויגן־ווינקלען, האָבן פארקרימט זיַין מויל, און ער האָט מיט אן איבערגעטריקנט קאָל, גלײַך ער וואָלט איַינגעביסן יעדעס וואָרט, זאכלעך געפרעגט:

— עפּשער ביסטו שוין אינגאנצן ניט פריַי?..

אין דער רגע איז מארעק געווען פולשטענדיק ענלעך אַף זיַין פּאָטער. די זעלבע ענערגישע שטריכן, דער זעלבער ערנסטער בליק, אפילע דאָס קאָל איז געווען דאָס זעלבע, און רענען וואָלט זיך אויסגעוויזן, אז ניט מארעק שטייט קעגן איר, נאָר איר באליבטער פּראָפעסאָר, ווען ניט די קרעפּטיקע הענט, וואָס האָבן ארויסגעשפּארט פון די ארבל.

זי האָט ניט געענטפערט אַף מארעקס פראגע, נאָר הילכיק זיך פאנאנ־דערגעלאכט. געלאכט זאפטיק, מיט א פול מויל, און עס האָבן ארויסגע־בליצט אירע צוויי שורעס וויַיסע, געטאָקטע ציין.

דער זייגער אַף איינעם פון די אלטע קלויסטער־טורעמס האָט איבער־געריקט זיַינע גרויסע, שווארצע וויַיזערס, מיט א דריבנעם קלאנג צעדרויבלט אַף פערטלען א גאנצע שאָ, און ס'האָט זיך מעלאָדיש צעקלונגען דער הוי־כער, בלויער הימל, גלײַך דער ווינט וואָלט פון ערגעץ־ווּ וויַיט געטראָגן דעם קלאנג פון קופּערנע גלעקער. רענא האָט זיך א וויַילע איַינגעהערט און איר פּאָנעם האָט אופגעלויכטן.

— נו, איך מוז גיין!

זי האָט מארעקן אויסגעשטרעקט אן איידעלע מיידלשע האנט, אן אָטעם געטאָן אַף אים מיט דער פרישקיַיט פון אירע קילע ליפּן:

— פארנאכט באם אלטן קלויסטערל.

און אירע אויגן האָבן געקוקט אַף אים אזוי, ווי זיי וואָלטן געפּרוּווט אריַינדרינגען אין זיַין נעשאָמע. זיי זיַינען געווען אופריכטיק און ריין, ווי בא א קינד, און עס האָט זיך געטיוולט אין זיי עפּעס א טריב פיַיערל, וואָס האָט געהאט די פארב פון בענקשאפט...

מארעק איז לאנג געשטאנען א פארטראכטער. ער האָט געהערט ווי עס דערוויַיטערן זיך אירע טריט. געזען ווי זי פארשווינדט אלץ וויַיטער און וויַיטער. ער איז געבליבן אליין אינמיטן פון א טומלענדיקער גאס, און אין זיַינע אויערן האָט א שטיל געזאנג ניט אופגעהערט קלינגען:

— פארנאכט באם אלטן קלויסטערל...

עס איז געווען ווי א קישעף־שפּרוך, גלײַך זי וואָלט אים פלוצעם גע־שענקט א צויבער־שליסעלע צו איר הארץ, און ער האָט מיטאמאָל זיך דער־מאָנט:

איך וועל שענקען דיר א טרער
פון ליבע־פרייד,

וואָס בלויע הימלען פון לויטערע קאַיאָרן
האָבן אין מײַן הארץ פארזייט...

און די קלאנגען פון דער ליד האָבן אופגעוואכט אזעלכע קלאָרע, לויטע־רע, ווי דורכגעזיפּט דורך דער בלויער ציטערנדיקער לופט.

בלוי — די פארב פון יונגן כאָלעם...

און מארעק האָט געפילט מיט אלע זײַנע כושים, אז זי וועט קומען צום אלטן קלויסטערל. קומען צום מאָרגן פון זייער ערשטער ליבע־ליד, קעדיי, ווי א כאָלעם, ווי א ווונדער ארײַנקומען אין זײַן לעבן, אין זײַן נײַ לעבן, אין זײַן נײַעם אָנהייב...

און ער האָט גרינג, ווי א באפליגלטער, מיט עפּעס א יאָמטעוו אין הארצן פארקערעוועט אף צוריק צו די נײַ־בויונגען, וווּ עס האָט זיך גע־פונען דער פּראָיעקטיר־אינסטיטוט.

# דאָס לעבן

דער דאָקטער הירש איז געקומען פֿון דער קלֿיניק א מידער.

בא זײַנע פֿינף און זעכציק יאָר איז דער הײַנט טאָג אויסגעפֿאַלֿן פֿאַר אים א זעלֿטן שווערער. ער געדענקט ניט, ווען ער, הירש, זאָל געווען זײַן אזוי צעשרויפֿט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז דער טאָג ציט זיך אָן א סאָף. ער האָט שוין געטראַכט אוועקצוגיין פֿריִער און איבערלאָזן אָנשטאָט זיך דעם יונגן, נאָרוואָס געענדיקטן דאָקטער, זײַן אסיסטענט, נאָר ווי אומיסטן זײַנען פּאציִענטן הײַנט געווען ערנסט קראַנקע, וועלֿכע האָבן זיך גערייטיקט אין באַזונדערער אויפֿמערקזאַמקײַט, און ער האָט אלץ אָפּגערוקט די צײַט פֿון אוועקגיין. א שאָ, נאָך א שאָ. און יעדער שאָ איז געוואָרן לֿאַנג, ווי די אייביקײַט.

ער איז ארויס פֿון דער קלֿיניק אָן אויסגעמאַטערטער, געוואָלֿט נעמען א טאַקסי, נאָר זיך באַרעכנט און אוועק צופֿוס.

צי פֿון דעם, וואָס ער איז זיך דורכגעגאַנגען אָף דער פֿרישער לֿופֿט, טיף אײַנגעאָטעמט דעם רייעך פֿון קילֿע ווינטעלֿעך, צי פֿונעם געדאַנק, אז דער טאָג איז ענדלֿעך פֿאַרבײַ, נאָר די מידקײַט האָט באַם קומען אהיים קענטיק נאָכגעלֿאָזט, זיך ווי צערונען געוואָרן. בלֿויז אין דער ברוסט איז פֿאַרבלֿיבן עפּעס אָן ענגשאַפֿט און געשפּאַרט דעם אָטעם. ער האָט עס צו־געשריבן דער הײַנטיקער פֿאַרמאַטערטקײַט און, פֿאַרשאַרצנדיק דעם גאַרדין, ברייט צעעפֿנט דאָס פֿענצטער.

די גאַס איז פֿוּלֿ געווען מיט יונגוואַרג, מיט טומלֿ, מיט אומרויִקע אויגן, וואָס האָבן זיך געלֿאָשן, געצונדן. ערגעץ ווײַט האָט דער הימלֿ זיך געפֿאַלֿ־דעוועט אין ווייכע בלֿיצן, געלֿעגן איבער די דעכער אָן אָנגערויטלֿטער, ווי ער וואָלֿט אָפּגעשלֿאָגן א נאָענטע סרייפֿע, און א פֿלֿאַמיקע שקיִע האָט באַזילֿבערט די פֿאַרנאַכטיקע גרויסע קאַשטאַנען־ביימער.

דער דאָקטער האָט זיך פֿאַרטראַכט.

— עפּשער אונטערציִען א סאַכאַקלֿ?

די מאַכשאָווע איז אויפֿגעקומען פּלֿוצעם, ווי א בלֿיץ וואָלֿט א זעץ געטאָן איבערן לֿויטערן הימלֿ.

וואָס הייסט אונטערציִען?

און יענע, וועלֿכע קומען צו אים טאָג נאָך טאָג מיט זייערע לֿיידן און האָפֿענונגען, מיט זייער אָפּשײַ צו אים און לֿיבשאַפֿט, זיי האָבן שוין גאָר־ניט וואָס צו זאָגן? וויפֿלֿ מענטשן האָט ער אויסגעהיילט, וויפֿלֿ לֿעבנס אָפּ־געראַטעוועט, צומאָלֿ מאַמעש באַם טויט פֿון די נעגלֿ ארויסגעריסן! אים ווײַזט זיך אויס, אז קיינער קען ניט די כירורגישע קונסט אזוי גוט, ווי ער. קיינער האָט ניט אזא לֿײַכטע, געשיקטע האַנט, אזא אבסאָלֿיוטע קענ־

טעניש פונעם מענטשלעכן קערפּער... בלויז אין קליניק, ווי ער היילט און אָפּערירט, פילט ער, אַז ער לעבט, אַז דאָס בלוט פולסירט אין זײַנע אָדערן.

אונטערצײַען א סאכאקל...

ווי אַזוי האָט אים גאָר געקאָנט קומען אַזעלכס אין גערדאנק? פון וואָס פאַר א פּינצטערע ווינקלען אין זײַן מידן מויעך האָט ער עס אויסגעגראָבן?

אַפן שכײַנישן באַלקאָן, קעגניבער, האָט זיך באַוויזן אַן איידעלער פרויען־סילועט, ווי אײַנגעראַמט אין פאַרנאַכטיקן הימל־געוועלב. דאָס איז געווען א יונגע לערערן, מיט א ליבלעך ברוינהויטיק פּאָנעם און העלע אויגן, בלויע, ווי קאָרנבלומען.

סאַראַ געלײַטערטע און כײַנעוודיקע זי איז, — האָט דאָקטער הירש איבערגעפּירט דעם גערדאַנק, פּונקט ער זעט זי צום ערשטן מאָל, — א שטיק צאַפּלענדיק לעבן...

זי איז געשטאַנען, ווי אַן אָפּגעלעבטער טרוים, ווי א וווּנדער, וועלכן מע זעט נאָר אין כאָלעם, און דאָקטער הירש האָט געטראַכט: וואָלט ער געווען א סקולפּטאָר, וואָלט ער אין שטיין אויסגעהאַמערט איר מיידלשע גראַציע און טאָקע אָנגערופן די סקולפּטור „לעבן".

אים האָט זיך געדאַכט, אַז פון איר שטראָמט הוילע פרייד — פרישׁ און יונג, ווי דער פרילינג, — און די פרייד פאַרפלייצט דעם אָוונטיקן דרויסן, שפּאַלט די דעמערונג.

אַף שײַנקײַט, ווי אַף לעבן, האָט רעכט יעטווידער מענטש, — האָט זיך ווײַטער געפּאַלדעוועט זײַן געדאַנק — יעדע שיינקײַט איז אַן אויסדרוק פון קראַפט, אָבער אין דער שיינקײַט פון א יונגער פרוי איז די קראַפט א באַזונדערע, א מאַגישע, א צוזאָגנדיקע...

ער זעט אָפּט, ווי צו דער לערערן גייט אַרײַן זײַן אַסיסטענט, א יונגער דאָקטער, מיט א רויטלעך פאַרשפּיצט בערדל, וואָס פּאַסט זייער צו זײַנע ברוינע שפּילעוודיקע אויגן, צו די פולע, זאַפטיק שמייכלענדיקע ליפּן.

ער כאַפּט זיך, אַז מיט א קאַרג יאָר צוריק, ווען די לערערן האָט זיך באַוויזן, איז אים אויך באַפאַלן עפּעס א ברענענדיקע לײַדנשאַפט צו אָט דעם יונגן מיידל, וואָס האָט געלאַקט, ווי א כאָלעם, א געפיל, פון וועלכן ער האָט עטלעכע טעג זיך ניט געקאָנט באַפרײַען, און דערנאָך געלאַכט פון זיך אַליין.

— וואָס, זיך פאַרליבט, אַלטער שירצניעגער?

אָבער ער ווייסט, אַז דאָס איז געווען ניט מער ווי אַן אָפּשײַן פון ליבע, פּונקט ווי לעוואָנע־ליכט איז דער אָפּשײַן פון זוניקער באַשטראַלונג.

פונדעסטוועגן איז ער אינדערשטיל מעקאַנע געווען דעם יונגן דאָקטער. ניט דערפאַר, וואָס יענער געפעלט דער האַרציקער שכיינע, נאָר דערפאַר וואָס יענער איז יונג.

יונג... אַלט...

דאָס לעבן האָט אַכזאָריעסדיק אָוועקגעשטעלט אָט די אומפאַרמײַדלעכע גרענעץ.

איז ער דען אַמאָל אויך ניט יונג געווען?

און ווען ער פלעגט אין די זומער־כאַדאָשים, א יונגער מעדיצין־סטודענט, אַראָפּקומען אין שטעטל צו זײַן אָרעמער מוטער, האָבן נעגידישע מיידלעך

פארגעסן זייער ייִכעס, און רייַכע טאַטעס זייַנען גרייט געווען סילעקן פאַר אים גאַר גרויסע נאַדנס.

א קליניקיִט, א דאָקטער!

און בא אלעמען האָט ארויסגערופן א כידעש, וואָס אזא אָרעמע אלמאָנע, א בעקערן, וועלכע האָט קוים אליין מיט וואָס דעם טאָג איבערצוקומען, האלט אויס א דערוואקסענעם זון, לערנט אים. און קיינער האָט ניט געוווּסט, די מאמע אויך ניט, אז דער צוקונפטיקער דאָקטער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די פארגעניגנס, וואָס זייַנען פארבונדן מיט די יונגע יאָרן, און אין די פרייַע שאָען געווען א טרעגער בא דער באַן.

זייַן מאמע...

א הייסע בענקשאפט פארכלינעט אים באַם דערמאָנען זיך אין זייַן מוטער. אן אייַנגעשרומפּענע ייִדענע, ווען די פריצייַטיקע עלטער האָט צעקנייטשט דאָס פּאָנעם, זי פלעגט אופשטיין מיטן טאָג גלייַך, זיך פּאָרען בא צעיוירטע מולטערס טייג און באַקן, באַקן... אפן בייַשטידל פון דער טיר, אונטער דער מעזוזע, איז געהאנגען א בלעכן מייער־באלנעס־פושקעלע, וווּהין זי פלעגט יעדן פרייַטיק אריַנוואַרפן אן אָפּגעשפּאָרטן גראָשן אף העלפן נויטבאדערפטיקע, זייַענדיק אליין אייַנגעטונקען אין נויט. זי האָט געגלייבט, אז דערמיט פארלייַכטערט זי די צוקונפט פון איר זון, און די וואָכעדיקייַט, דורכגענומען מיט זויערע רייכעס פון ראָשטשינע, איז דורך אָט די גראָשנס געוואָרן אָנגעזאַפּט מיט שאבעס, מיט יאָמטעוו, מיט וואַרטעניש אף מאָשיִעכן.

שרייַט בא דער דערמאָנונג דער מאמעס בלוט פון ערגעץ א מאסן־קיווער ארויס. שרייַט מיט פּאָרוואָרף. פארוואָס האָט ער זי איבערגעלאָזט איינע אליין, פארוואָס ניט מיטגענומען אף אלע זייַנע וואָגלענישן... קלעמט דאָס הארץ. קאָרטשעט זיך אין דער ברוסט פון ווייטיק. אים טוט באַנג, וואָס ער האָט ניט געזען זיך אייַנגעקוקט אין די שטריכן פון דער מאמעס פּאָנעם, ניט אייַנגעזאַפּט אין זיך די ריינקייַט און די ערלעכקייַט פון איר קאָל.

יונג... אלט...

דער געדאַנק האָט זיך געגליטשט, ניט געפונען קיין אָנהאלטעניש און געבליבן אָן האפט, ווי א ווייַטער פארבלאָנדזשעטער אָפּקלאַנג.

די יונגע לערערן האָט אים באמערקט אין אָפענעם פענצטער און א שמייכל געטאָן האַלב־שעמעוודיק, האַלב־ערנסט:

— א גוטן אָוונט אלעקסאנדער מיכייַלאָוויטש!

כאָטש דער אָוונט איז נאָך ניט צוגעפאלן, אָבער דער טאָג איז שוין געווען ווייַט אוועק. זי האָט אויסגעזען אופגעלייגט, געפלעמלט, ווי די שקיִע, און אירע בלויע אויגן האָבן געשאָטן מיט פייַער.

דאָקטער הירש האָט זיך אריבערגעבויגן איבערן פענצטער־זוים, אויך געוואָלט עפּעס ענטפערן מיט א שמייכל. האָט זיך אָבער דאָס מאָל דער שמייכל ניט אייַנגעגעבן.

ווו האָט ער געזען אזא בלויקייַט?

עפּעס האָט זיך א מיש געטאָן אין זיקאָרן, אופגעלויכטן, ווי ווייַטע שטערן, און, ווי שטערן, זיך געלאָשן.

...יאָ, ער איז דעמלט געווען קימאט אין דעם זעלבן עלטער, וואָס איצט דער יונגער דאָקטער. אין דער „אנאטאָמקע" האָט מען געבראכט א טויטן מיידלשן קערפּער. דער קערפּער איז געווען א פרישער, ניט קיין פּרעפּאריר־טער. געווען דין, שלאנק, ווייס. איר וואקסן פּאָנעם איז געווען צארט און געטראָגן אויף זיך אי דעם שימער פון פייערלעכער שיינקייט, אי דעם הארבן טרויער פון טויט. אירע ווייס זיינען געווען פעסט צוגעשלאָסן, ווי עס וואָלטן שוין הינטער זיי באצייטנס אויסגערונען די אויגן, און עס האָט אויסגעזען, ווי זי שלאָפט.

ער איז צוגעגאנגען און געעפנט איינס פון די פארמאכטע אויגן־לעדלעך. אויף אים האָט א בליק געטאָן א בלוי אויג, א ווייכס, א טרויע־ריקס, גלייך עס וואָלט געקלאָגט אויף דעם יונג אויסגעלאָשענעם לעבן, אויף דער שאנד פון ליגן אן אָפּגעדעקטע און ווערן באלד צעשניטן און צע־שעדיקט.

לאנג האָט אים דערנאָך פארפאָלגט דאָס טויטע בלויע אויג. ער האָט עס געזען קימאט אין יעדן בליק פון יונגע פרויען. געזען אין כאָלעם, מיט אלע פּראָטים, אפילע קלאָרער און דייטלעכער, איידער אויף דער וואָר.

דער דאָקטער איז מיטאמאָל ארײַן אין אן אנדער וועלט און דערפילט דעם איבל פון פאָרמאלין, פוילעניש און טויט.

פּלוצעם האָט ער זיך א וויג געטאָן.

דער הימל אויף יענער זייט פענצטער האָט גענומען פלאַצן, זיך אָנגעג־צונדן אין א העליש פייער, און פון דעם פייער איז א הייסקייט אדורך איבערן גאנצן לייב. געבריט די בלוטן, געשפּארט צו דער ברוסט, און עפּעס א ווייטער דין־קלינגענדיקער רויש איז געשטאַנען אין די אויערן.

א שווייס האָט אים באגאָסן. די קלעפּיקע פייכטקייט האָט זיך פארקליבן צום הארצן. ער האָט עס אונטערגעהאלטן מיט דער האנט, ווי עס וואָלט זיך דאָרט עפּעס אָפּגעריסן. ער האָט געוווּסט, וואָס דאָס באטייט, וואָס פאר א לאטייַנישן נאָמען עס האָט, און מיט דער רויקייט פון א כירורג זיך אויסגעלייגט:

— ס'איז גאָרניט... דאָס לאָזט די מידקייט זיך אלץ נאָך פילן...

אָט אזוי האָט דער מענטש אין אים מעוואַטל געמאכט דעם דאָקטער.

אָבער אין א ווײַלע ארום האָט א ריזיקע שווערקייט זיך אָנגעוואלגערט אויף אים. ער האָט דערפילט, ווי דאָס הארץ זינקט טיפער און טיפער אין עפּעס א ווארעמען אָפּגערונט. פאר די אויגן האָבן גענומען טאנצן ווייסע און רויטע פייערלעך, ווי זיי וואָלטן די גאנצע צייט געהאנגען און נאָר געוואָרט אויף צו קאָנען זיך באווייזן. פלעמלעך האָבן זיך געצונדן אין מויעך, זיך צעשאָטן אין דריבנע גליענדיקע פונקען, זיך געלאָשן, אופגעבליצט און ווידער זיך געלאָשן. און מיטאמאָל איז פינצטער געוואָרן...

אָבער ניט מער ווי א רעגע האָט געדויערט די פינצטערניש, גלייך אן אָדלער איז פארבייגעפלויגן און מיט זיינע צעשפּרייטע פליגל פארשטעלט די שקיע.

— וואָס איז מיט מיר היינט? — האָט ער זיך געפרעגט.

ער האָט א כאַפּ געטאָן דעם אייגענעם פּולס צווישן די פינגער, גע־ציילט דעם דויפעק, און אז דאָס קלאַפּן האָט זיך פארשנעלערט, האָט אין אים דער מענטש א צווייט מאָל אָפּגענארט דעם דאָקטער, גענומען ציילן

צוויי קלעפּ פאַר איינעם, און עפּעס אַ הילפלאָזיקייט האָט אַרויסגעשריגן פון זיינע לאַנגע ביינערדיקע פינגער.

די קויכעס, וואָס האָבן אַ דייע איבער מענטש און גורל, האָבן אָנגעהויבן אים פאַרלאָזן. ביטערע ספּאַזמעס האָבן צונויפגעוואָרגן דעם האַלדז, דאָס פּנים האָט ביסלעכווייז אָנגעוואָרן יעדן טראָפּן בלוט. ער האָט געפילט, ווי דאָס לייב בריט און עפּעס אַ מוירעדיקער באַרג פאַלט אויף אים, צעקוועטשט אים אינגאַנצן...

ווי אין אַ גפעפל זיינען געהאַנגען איבער דעם דאָקטער אומקלאָרע פּעגעמער. ער האָט פאַרנומען זייערע באַוועגונגען, געהערט זייערע שטימען, ווייטע, ווי פון אַן אַנדער וועלט. ער איז געלעגן אין אַ ניט־שלאָפנדיקן און ניט־וואַכנדיקן באַוווסטזיין, און אין זיין זיך לעשנדיקן מויעך האָבן זיך געקייטלט צעשוווּמענע, אָפּגעריסענע שטיקער לעבן, זיך געשטעלט צו־קאָפּנס, צופוסנס...

...אָט איז אַ וועג. אַ שמאָלער, שטויביקער הינטערשטאָטישער וועג. איבערן וועג גייט אַ לעווייע, אַ האַלבער מיניען מענטשן, אַ שיטערע, אָרעמע לעווייע. ער דערקענט זי באַלד. דאָס איז די לעווייע פון זיין פאָטער. דער אָרון, איבערגעדעקט מיט שוואַרצן, שוועבט ווי אינדערלופטן. נאָך אים שלעפּט זיך זיין מוטער, אויך אין שוואַרצן איינגעהילט. זי יאָמערט:

— גאָטעניו, ווי האָסטו עס באַ אַ קליין ווערעמל צוגענומען אַ טאַטן... אַזוי־אָ, ניט געפּאָקט, ניט געמאָזלט...

אַ ייִד מיט אַ צעפּאַטלטער, כווּשעכדיקער באָרד, מיט אַ צעקנייטשט אָפּגעברענט, ווי פון אַ מידבער־זון, פּאָנעם, זאָגט מיט אים קאַדיש. ער איז נאָך אָבער קליין, שרעקט ער זיך פאַר דעם ייִדן און פאַרשלינגט דעם קאַדיש אינאיינעם מיט די טרערן.

אַ צווייטער ייִד אין אַ שטאַרק אָפּגעטראָגענעם, געלאַטעטן טיזליק און אין גראָבע שטיוול, פאַרבלאָטיקטע מיט קוואָרים־ערד, קאַלויטשעט מיט אַ בלעכענער פּושקע, אין וועלכער ס'קלינגען אַ פּאָר פאַריאָסעמטע גראָשנס.

— צדאָקע טאַציל מימאָוועס!..

זיין קאָל איז אַלט, אומעטיק צעצויגן און עלנט, פּונקט ווי די לעווייע. און עס פּלאָנטערט זיך אין אים דער מאַמעס נאָגנדיק יאָמער־געוויין.

דער דאָקטער האָט אויף אַ ווײַלע געעפנט די אויגן. זיין כאָרעוווער בליק איז געווען ווייט...

אין פענצטער האָט אַרייַנגעקוקט אַ סאַמעטענער הימל, געדיכט באַדעקט מיט שטערן. קאַלט, און שיין, און אייביק האָבן זיי געלויכטן, די מיליאַרדן גרויסע און קליינע וועלטן, און איינציקווייז זיך געלאָשן.

ס'האָט גענומען שאַרײַען אויף טאָג.

דעם דאָקטערס פּאָנעם איז פאַר דער נאַכט געוואָרן גרינלעך־בלייך. אונטער די אויגן האָבן זיך געריפט אָנגעשוואָלענע רינגען, געוואָרן אַלץ טינ־

קעלער. פּונעם האַלדז האָט זיך געריסן אַ פאַרשטיקט כריפּעריי. זיין לעבן, ווי אַ קנויט אין אַ לאָמפּ אָן נאַפט, האָט לאַנגזאַם געצאַנקט.

ער האָט ווידער געעפנט די אויגן, ברייט אופגעריסענע, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן אַרויסשפּרינגען פון די אויגנלעכער, דערזען לעבן זיך זיין יונגן אַסיסטענט, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ פאַרזאָרגטער זון, און אַ לייכטער שמייכל האָט אַ ריר געטאָן זיין פּנים.

— ווי פילט איר זיך, אַלעקסאַנדער מיכײלאָוויטש?

ביידנס בליקן האָבן זיך באַגעגנט, זיך צונויפגעגאָסן. דעם אַלטנס — ריינע, קימאַט דורכזיכטיקע, פאַרצויגענע מיט אַ מילדער פייכטקייט, זיינען געווען אַ מין געמיש פון קלוגשאַפט און העזל־האַוואַלימדיקייט, און דעם יונגן דאָקטערס — פאַרצווייפלט־צעשראָקענע, וואָס האָבן געטרונקען דעם ביטערן אורטייל־גיפט.

זיי האָבן געקוקט איינער אפן צווייטן, גלייך דער נעכטן אפן מאָרגן.

דאָקטער הירש האָט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג אַף עפּעס צו זאָגן, אָבער זיינע ליפּן, בלוילעך־ווייסע, האָבן פאַרהאַלטן דאָס וואָרט. ער האָט מיט אַ קורצן זשעסט אָנגעוויזן אַף דעם אַסיסטענטס רעכטער האַנט, און מיט דער רויִקייט פון אַ כירורג אַריינגעלייגט אין איר זיינע, ווי ער וואָלט אים עפּעס איבערגעגעבן...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

שטיל, מיט דער לייכטקייט פון אַ דרעמל, איז דער אַלטער דאָקטער אַריבערגעגאַנגען אין די אייביקע וועלטן און איבערגעלאָזט די קליניק, דאָס ליידיקע בעט און דאָס גרויזאַמע אייביקע שווייגן.

אַ געפּלעפטע איז, ווי פאַרשטיינערט, געשטאַנען די יונגע לערערן לעבן דעם פאַרשטאָרבענעם. דאָס ערשטע מאָל האָט זי געזען דעם טויט אַזוי נאָענט און ניט פאַרשטאַנען, וואָס איז ער איצט אָט דער ליגנדיקער מענטש אין רויטן אָרן, איינגעדעקט מיט בלומען און קרענץ, וואָס איז נאָך נעכטן געווען דער באַרימטער דאָקטער הירש, מיט וועלכן מע האָט געקאָנט זיך גריסן, און ער האָט געקאָנט ענטפערן מיט אַ ליבלעכן שמייכל, וואָס שטעלט ער מיט זיך פאָר? די פראַגע צי דעם ענטפער? און אירע שיינע בלויע אויגן האָבן פון זיך אַליין זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן.

און אַף יענער זייט גאַס, אין אַ שכייניש געבורט־הויז, האָט אַ גליקלעכע מאַמע דערהערט דעם ערשטן קוויטש.

— מאַזלטאָוו! אַ יינגל!

און שטילער, שטילער איז איבערן הימל געשווומען אַ ריין, בריליאַנטן שטערנדל.

# כאַוועלע

מיט געצוימטע טריט האָט ער אריבערגעשפּאַנט די שוועל.

אין דער אָפענער פאַראַדנע טיר זיך א שטומע ווײַלע פאַרהאַלטן, ווי ער וואָלט זיך געקווענקלט צי זאָל ער מאַכן נאָך א שפּאַן פאָרויס, צי זיך אומקערן עפּשער צום אַלטן עפּלבוים, וואָס אין הויף, אָפּשטיין נאָך עטלעכע רעגעס אין זײַן שאָטן, און גענוג.

ס'איז ניט געווען מער יענע שוועל פון אַמאָל באַם אַרײַנקער אין א קליין שטיבעלע מיט א געשניצט גאַנעקל פון פּאָרנט און דרײַ צעלעכצטע הילצערנע טרעפּ, וועלכע די צײַט האָט ווי אויסגעהריזעט.

פון יענער שוועל, פון יענעם שטיבעלע איז געבליבן נאָר דער ווינט. און דער עפּלבוים איז געבליבן. האָט דער ווינט געוויגט דעם בוימס שווע־רע פאַרקרימטע צווײַגן, וואָס האָבן שטיל אַרופגעפּלאַטערט צו א ווײַט פיר־שטאָקיק הויז מיט א סאַך שוועלן, א סאַך גאַנעקלעך און א סאַך טירן.

אין וועלכער אַנקלינגען?

דער פרילינג האָט אַרויסגעשיקט זײַנע שענסטע טעג.

דער אַלטער בוים האָט אומגעריכט זיך צעבליט מיט אַלערליי קאָלירן: ראָזע, גרינגבלעכע און ווײַסע. געבליט געדיכט, ווי ער וואָלט געפּילט, אַז זײַנע יאָרן זײַנען געציילטע, אַז אָט־אָט און ס'וועלן אויסטריקענען אַלע זײַנע זאַפטן. זונען־שטראַלן האָבן זיך געזיפּט דורך דעם בונטן צווײַגן־געפּלעכט.

— כאַווע, כאַוועלע!..

דער נאָמען האָט אַזוי, פון זיך אַליין זיך אַראָפּגעריסן פון די ליפּן און אַרויסגערופן זיסע געפילן פון א לאַנג פאַרלאָפענער יוגנט.

ער האָט דעמאָלט שטודירט אין אָדעסער קאָנסערוואַטאָריע. מוזיק איז געווען דער אינהאַלט פון זײַן לעבן. ער האָט זי געהערט אומעטום. אין מעכטיקן פײַערלעכן געזאַנג פונעם יאַם און אין געשריי פון די מעוועס. שוין זײַנע ערשטע אופטריטן האָבן אַרויסגערופן באַגײַסטערונג. און ער האָט געשטרעבט צו ווערן א באַרימטער פידלער.

ווער כאַלעמט עס ניט, ווען עס גייט דער צוואַנציקסטער פרילינג?!

ווי האָט אים געקאָנט אײַנפאַלן אַפילע, אַז זײַן דעביוט וועט פאָרקומען אין א קליין בוקאָווינער שטעטל, וווּ מוזיק האָט געהייסן דאָס שפּילן פונעם בלינדן בעטלער אויף די יאַרידן, אָדער פון קלעזמער אין די קרעטשמעס און אויף כאַסענעס. בלויז די, וואָס האָבן געלערנט אין גרויסע שטעט, האָבן געוווּסט פון עמעסע קאָנצערטן.

זי האָט אויך ערגעץ־ווו געלערנט.

דערזען האָט ער זי צום ערשטן מאָל זיצנדיק אונטערן עפּלבוים לעבן קליינעם שטיבעלע מיטן גאנעקל פון פאָרנט, וווהין זי האָט ארויסגעטראָגן קעגן דער זון די באַקיינטע שפּיל פון איר יונג לײַב, פון אירע פֿײַן־געטאָקטע גלידער. זונענשטראַלן האָבן געשליפן די צארטע שטריכן פון איר פּאָנעם, זיי באַדעקט מיט א דינער ברוינקייט, און איניינעם מיט אירע קויל־שווארצע אויגן, ווייכע אראָפּגעלאָזטע וויִעס און שווערע געפּאַלדעוועטע האָר געשאפן א זעלטענע, איבערראשנדיקע שיינהייט.

פון א גראמאָפאָן אפן גאנעקל האָט א פרויען־שטים ארויסגעזונגען אן אלטע שליאגער־ליד. די אויסגעשפּילטע פּלאסטינקע האָט געצישעט אזוי, אז די ווערטער האָט מען קוים געקאָנט פאנאנדערקלײַבן.

די מענער ארומרינגלען מיך,
ווי מוקן די שײַן,
און אויב זיי פארברענען
איז די שולד ניט מײַן...

ס'האָט זיך געדאכט, אז די שטים פון דער זינגערן רײַסט זיך אדורך פון ערגעץ גאָר ווײַט, ווי פון אן אנדער וועלט, און די גאנצע ליד איז געווען ענלעך אף אן אלטער אָפּגעבליאקעוועטער פּאָטאָ, באַדעקט מיט שטויב פון פארגעסנהייט.

ער האָט שטיל זיך דערנעענטערט און מיט עפּעס א פארכלינעט קאָל אויסגערופן:

— סארא ראכמאָנעס אף דעם גראמאָפאָן און אף דער זינגערן! מע קאָן מיינען, אז דאָס גאנצע גליק ליגט נאָר אין פארברענט ווערן...

זי האָט אופגעהויבן אירע ווייכע וויִעס, אים א גלעט געטאָן מיט א צעמישטן בליק פון די קויל־שווארצע אויגן, פאריכט אין אײַלעניש די צע־לאָזטע האָר, די ליפּן האָבן זיך א שלענגל געטאָן, ווי צו א שמייכל:

— וואָס, אײַך געפעלט ניט די ליד?

א ליכטיקייט האָט געשײַנט אף איר אָפן פּאָנעם.

אין יענעם אָוונט האָט ער געשפּילט נאָר פאר איר.

זײַן פּאָנעם איז געווען אײַנגעגראָבן אינעם ראנד פונעם פידל. דער קערפּער האָט זיך געוויגט, געבויגן, ווי א זאנג אפן ווינט, גלײַך ער וואָלט געטאנצט אף איין אָרט, און ס'איז שווער געווען צו אנען — ער פירט דעם טאנץ צי דער טאנץ פירט אים.

די פידל האָט געזונגען, ווי א יונג פארבענקט האַרץ:

ווי א ווינט, האָסטו אין פלאמען צעבלאָזן
ראנגלעניש ווילדע, ניט געצוימטע,
אָט בריִענדיקע, ווי פײַער,
אָט כליפּענדיקע, ווי א וויכער
ארום א צעגליטן שטײַער אין די בערג...

און עס האָבן זיך געגאָסן כוואַליעס פון שטורמישע, ברויזנדיקע קלאנ־גען, מעכטיקע, ווי הימלישע דונערן. טענער האָבן זיך געפלאָכטן, ווי שטרײַפן אין פארביקע רעגנבויגנס. ער האָט געשפּילט אזוי, גלײַך ער וואָלט אלץ ביזן לעצטן טראָפּן בלוט ארײַנגעלייגט אין זײַן שפּילן.

זי האָט פריִער קיינמאָל אזא מוזיק ניט געהערט. איר מיידלש האַרץ האָט זיך אויך, ווי א פידל, צעשפּילט. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אז דאָס ציִען די פינגער זייַנע ארויס פונעם פידל דעם ברויזנדיקן שקוואַל פון צויבער־קלאַנגען. בא קיינעם האָט זי נאָך אזעלכע איידעלע, לאַנגע פינגער ניט געזען. און די טענער האָבן זיך געטראָגן, ווי ארויסגעלאָזטע פייגל, געוועזן אָט ווייַט פון איר, אָט זיך אומגעקערט.

נאָך יענעם אָוונט האָט ער אָנגעהויבן זוכן אירע טריט, פאַרלויפן אזוי דעם וועג, אז די באגעגעניש מיט איר זאָל אויסזען ווי א צופעליקע. און ווען זי פלעגט אנטקעגנקומען, האָט ער א ווייַלע זי אָנגעקוקט א שווייַגנדי־קער, ווי ער וואָלט ערגעץ אונטערוועגס פאַרלוירן די ווערטער, וועלכע ער האָט זיך געגרייט איר זאָגן, ביז ער האָט קוים ארויסגעשטאַמלט:

— אָט א צופאַל... פונקט מיר וואָלטן זיך אָפּגערעדט, אירא!

ער האָט היימיש זי אָנגערופן באם נאָמען, זיך צוגערירט מיט די שפּיץ פינגער צו איר האַנט. מיט די זעלבע פינגער, וועלכע זי האָט אזוי באַ־וווּנדערט. איר האָט דאָס בלוט א שלאָג געטאָן אין פּנים, און זי האָט געענטפערט מיט א פאַרשעמטלט שמייכעלע:

— טאַקע א צופאַל?

די אויגן, די האָר, אפילו די שמאָלע פּלייצעס מיט די שטילע באַווע־גונגען — אַלץ אין איר האָט שעלמיש געשמייכלט, און ס'איז געווען אין דעם שמייכל א יאָם פון פאַרהוילענעם צויבער.

דערנאָך איז געווען יענע נאכט פאַר זייַן פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

א הייסע דאָרעמדיקע זומער־נאכט, מיט א האַלבער לעוואָנע איבער א טונקעלן אויסגעשטערנטן הימל, און זיי ביידע אין דער גדיכטקייַט פונעם עפּלבוים, וואָס האָט אָנגעפילט די לופט מיט רייכעס פון זייַנע רייַפע פּייִרעס.

— אירא, מאָרגן וועלן מיר זייַן ווייַט איינער פונעם אַנדערן!

זי האָט ניט געענטפערט. בלויז אראָפּגעלאָזט די אויגן, באַלד זיי צוריק אופגעהויבן און א דריי געטאָן מיטן קאָפּ אזוי, ווי זי וואָלט געפּרוווט אראָפּ־וואַרפן פון זיך די גאַנצע שיינקייַט פון דער נאכט.

פלוצעם איז זי לייַכט אונטערגעשפּרונגען, אָנגעכאַפּט א לאַנגע צווייַג, וואָס האָט געציטערט נאָכגיביק, פלינק אָפּגעריסן אן עפּל, און עס האָט זיך דערהערט א שאַרפער, זאַפטיקער אייַנביס. דערנאָך האָט זי דעם עפּל צוגעטראָגן מיט א צערטלעכן זשעסט צו זייַן מויל. ס'איז געווען ווי עפּעס א שטומער ריטואַל און פונקט ווי א קישעף־שטעקעלע וואָלט א פיר געטאָן פאַר זייַנע אויגן, האָט זיך אים גענומען דאכטן, אז ער איז אין גאַניידן־גאָרטן.

— כאַווע, כאַוועלע...

דער נאָמען האָט זיך אראָפּגעגליטשט פון זייַנע ליפּן, און ס'איז געווען, ווי א טפילע, וואָס האָט גערופן און געבעטן איר נאָענטקייַט, די זיסקייַט פון איר אָטעם. ער האָט דערפילט דעם האַרבן רייעך פון ליבע, דערוואַקסנ־קייַט און דעם סאָד פון מאַנצבל און פרוי. ער האָט זי האַסטיק ארומגענו־מען, זייַנע ליפּן האָבן געזוכט איר מויל, א קליינס, א זאַפטיקס, זייַנע פינ־גער האָבן אומרויִק געשאַרט איבער איר יונגן קערפּער, געבלאָנדזשעט איבער א ווייכער צעגליטקייַט.

— איך האָב דיך ליב, כאַוועלע...

— ליב, ליב... — האָט זי, ווי אַן עכאָ, איבערגעכאַזערט.

די זומערנאַכט איז קורץ. און פאַר פאַרליבטע נאָך קירצער.

זיי האָבן אָפּגערעדט זיך צו טרעפן אין אָדעס, באַם שוואַרצן יאַם, וועלכן זי האָט קיינמאָל ניט געזען. אָפּגערעדט און זיך ניט געטראָפן.

יענער זונטיק, וואָס האָט באַדאַרפט זײַן דער טאָג פון זייער באַגעגע־ניש האָט זיך אָנגעהויבן מיט סרייפעס. די וועלט איז פּלוצעם פאַרכאַפּט געוואָרן פון ווילדע פלאַמען, זיך צעברענט אין אַ מוירעדיקער מילכאָמע.

ער האָט זי געזוכט אויף אַלע וועגן, אויף יעדן קער און ווענד, געמיינט עפּשער צו באַגעגענען זי אינעם וויסטן מענטשן־געלויף, וואָס האָט גע־שטראָמט אויף מיזרעך, אין ערגעץ אָבער איז זי ניט געווען. ביז איינמאָל, אין פעלד־לאַזאַרעט, שוין ווײַט אויף מײַרעוו, ווו ער איז געלעגן אַ פאַר־וווּנדעטער, און פיבער האָט געפרעסן זײַן אָנגעצונדענעם מויעך, איז זי געקומען צו אים, ווי אין אַ פײַערדיקן נעפּל אײַנגעהילט, ווי זי וואָלט זיך אָפּגעשפּאַלטן פון אַ סרייפע, וואָס האָט העליש געפלאַקערט.

— זעסט, — האָט זי געזאָגט, — איך בין געקומען...

ער האָט געוואָלט אויסשרײַען — אירא, נאָר זײַנע ליפּן האָבן ניט גע־פאָלגט און געמורמלט:

— כאַוועלע!

זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער אים, צוגעטראָגן צו זײַנע הייסע ליפּן אַ קענדל פריש קוואַל־וואַסער. דאָס וואַסער איז געווען ניט קיין פּאָשעטס. ס'איז געבוירן געוואָרן אין אַ לאַנגן וועג אונטער די שטערן. ער האָט זשעדנע געטרונקען די קילע פליסיקײַט, נאָר דאָס פײַער אין אים האָט ניט געוואָלט זיך לעשן. און ער האָט אַלץ געטרונקען, געטרונקען...

לאַנג האָט ער דערנאָך געטראָגן מיט זיך אויף די גרויזאַמע מילכאָמע־וועגן איר שיינקײַט, איר יוגנט, געטראָגן די לעצטע ברעקלעך האָפענונג, וואָס האָבן געטליִעט אין זײַן ברוסט. געטראָגן... און פאַרגעסן, ווי מע פאַרגעסט אַ שיינעם כאָלעם.

...ער האָט אַריבערגעשפּאַנט די שוועל.

— צו וועמען דאַרפט איר?

די ווערטער האָבן אָפּגעהילכט פון אַ געעפנטער טיר, אָפּגעשלאָגן זיך אין זײַן געהער, זיך צעברעקלט, ווי ניט איין מענטש וואָלט געפרעגט, און געקלונגען אַזעלכע קלאָרע, אַז מע האָט געקאָנט זיי ציילן.

אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז ניט קיין פּרויען־שטים, וואָס קומט פון דער אָפענער טיר, נאָר דאָס פרעגט ער זיך אַליין.

— צו וועמען טאַקע דאַרף ער?

בליץ־געדאַנקען האָבן זיך געצונדן, געלאָשן, געזוצט אין די שלייפן, און איידער ער האָט באַוויזן צונויפלייגן אין געדאַנק אַן ענטפער, האָט זיך עמעצער אַרויסגעשאַרט מיט שטילע טריט. און דער עמעצער איז געווען אַ פרוי אין די יאָרן, אַ קליינוווקסיקע, מיט מילדע טונקעלע אויגן, אין וועל־כע נאָר די שוואַרצאַפּלען האָבן געפינקלט. און ס'האָט אַרויסגעקוקט פון זיי אַ טיפקײַט און רויִקײַט פון אַ שטילן האַרבסטיקן וואַסער־שפּיגל.

דאָס פּאָנעם בא דער פרוי, מיט אַ נעץ פון דינע קנייטשעלעך, איז

געווען קינדיש פאַרזאָרגט, און די טונקעלע אויגן, מיט דעם בליאַסק אין די אַפּלען, וואָס האָט ניט געפּאַסט צו דער גערונצלטער הויט, האָט פאַר־כּידעשט געקוקט אויף אים.

— איר זוכט עמעצן?

ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, זיך אויסגעגלײַכט. ס'איז געווען קענ־טיק, אַז ער איז ניט צוגעגרייט צו אַזאַ פראַגע.

טאַקע, וועמען זוכט ער?

עפּעס זייער נאָענטס האָט זיך באַוויזן אין איר פּאָנעם, אין דער מאַ־ניר פון האַלטן דעם קאָפּ, אין דער אינטאָנאַציע פון דער שטים. ער האָט געקוקט אויף איר מיט דער פרייד פון דערמאָנונגען, און יונגע טעג, אײַנ־געוועבט אין לעבן, האָבן אויפגעוואַכט, גלײַך דער אָפּגרונט, וואָס די צײַט האָט צעגראָבן, איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן.

און עס זײַנען געשטאַנען פאַר אים צוויי פרויען־געשטאַלטן. איינע אַ יונגע, אַ וווּנדער־שיינע, וועלכע ער האָט געליבט מיט יאָרן צוריק, און די צווייטע — אַ געעלטערטע, אַ גראָע, מיט טרויעריק־קלוגע אויגן.

אַזוי איז געווען אין דער ערשטער רעגע.

דערנאָך — און וואָס ווײַטער אַלץ גיכער — האָט דאָס געשטאַלט, וואָס ער האָט געטראָגן אין זײַן נשמה, אָנגעהויבן בלייך ווערן, עס איז אינ־גאַנצן פאַרשוווּנדן, און דאָס צווייטע געשטאַלט האָט זיך אַנטפּלעקט אַלץ דײַטלעכער און קלאָרער.

כאַוועלע!..

אַ הייסקײַט האָט זיך צעגאָסן איבער זײַן לײַב. אויף די אָנגעצויגענע באַקן האָבן זיך באַוויזן רויטע פלעקן, און די אויערן האָבן געפלאַמט.

אין אָט דער מינוט האָט אויך פאַר אירע אויגן אַ פינקל געטאָן דאָס געשטאַלט פון יענעם יונגן פידלער, וואָס האָט דער ערשטער אין איר אָנ־געצונדן דעם פלאַקער פון ליבע.

ריידן זײַנען זיי ניט געווען בעקויעך. אָנשטאָט דער צונג האָבן גערעדט די אויגן. און די אויגן האָבן געזען איר געעלטערט פּאָנעם. און די אויגן האָבן מיטאַמאָל דערזען, אַז ער איז אָן פינגער. אָן יענע איידעלע לאַנגע פינגער, וועלכע האָבן אַרויסגעצויגן דעם קישעף פון זײַן פידל.

אָט וואָס די אויגן האָבן געזען. און דאָס געזעענע איז געווען אָנגע־זאַפּט מיט טרויער.

קוקט ער אויף זײַן אַמאָליקער ווײַטער ליבע און ווייסט ניט, ווו קאָן זײַן ערגעץ אויף דער וועלט אַ שוועל, וואָס זאָל אים אומקערן דעם צויבער פון פריידיקער יוגנט — דאָס מיידל, וואָס האָט געהייסן אירא, און ער האָט זי גערופן — כאַוועלע...

# נאָדיא

ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן.
אַ יונגער פרימאָרגן האָט געשפּראָצט פאַרן פענצטער מיט ליכטיקער בלויקייט און אַ פאַרטאָגיק ווינטל, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט פון די ווײַטע בערג און פאַרלוירן דעם וועג צוריק, האָט גרילציק געצימבלט אין די שויבן.
דררר... דררר.
און נאָר איבערן צימער האָבן זיך נאָך געשאַרט צעדרויבלטע שטיקער נאַכט, דורכגעבויערטע פון גאַנצפּרײַזן ליכט, זיך פאַרקליבן אין די ווינקלען און געטריפט פון דאָרט מיט אַ שווערער נאָגנדיקער שטילקייט.
מיט יעדער פאַרגאַנגענער רעגע איז די בלויקייט אין פענצטער געוואָרן אַלץ דינער, דורכזיכטיקער, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס האָט דער קלאַנג אין די שויבן אַזוי צעבערעקלט די נאַכט.
דררר... דררר.
דער טעלעפאָן האָט געקלונגען לאַנג און אַקשאָנעסדיק.
אַ גרויער, קורץ געשוירענער, מענערישער קאָפּ אויף אַ ווײַסן קישן האָט אומרויִק זיך אַ דריי געטאָן, לאַנגע קנעכלדיקע פינגער האָבן אַזוי פאַר זיך אַליין, אין עפּעס אַ האַלבן דרעמל, אויפגעהויבן דאָס טרײַבל, און אַ רוי, פאַרשלאָפן קאָל האָט אַרײַנגעהויכט:
— האַל־לאָ.
אויף יענעם עק דראָט האָט עמעצער, פאַרענטפערנדיק זיך פאַר אַזאַ פריִען קלונג, פאַרזיכטיק געפרעגט:
— מאַרק סאַמוילאָוויטש?
אויף אַ ווײַלע איז די שטים פאַרפאַלן געוואָרן. אַ קורצע וואַרטנדיקע פּאַוזע האָט פאַרפלייצט די נאָגנדיקע שטילקייט. באַלד אָבער זיך אומגעקערט:
— אין פּוטילאָווער שפּיטאָל דאַרף מען דרינגענדיק אײַער הילף... דער סאַניטאַר־אַעראָפּלאַן שטייט גרייט...
די שטים איז געווען אַ ווײַטע, אַ הייזעריקלעכע, ווי גלײַך דער מענטש אויף יענעם עק דראָט, וואָלט נאָך יעדן אַרויסגעזאָגטן וואָרט געקריצט מיט די ציין.
דער מאַן, שוין אין אויסגערײַפּטן עלטער, ווען דער טעלעפאָן האָט אויפגעוועקט אין אַזאַ ניט־פּאַסיקער שאָ, האָט די לעצטע ווערטער קוים אויפגעכאַפּט, ווי זיי וואָלטן זיך צעשאָטן ערגעץ אונטערוועגס. ער האָט געעפנט אַ פּאָר מידע פאַרשלאָפענע אויגן, זיך צעגענעצט מיט אַ קורצן אָפּגעהאַקטן גענעץ, און דורך די פּיל דינע קנייטשן אויף זײַן פּאָנעם זײַנען,

ווי דורך טיפע רינוועלעך, געפלאָסן די צעוועקטע מינוטן, פארשלונגענע ווי כוואַליעס איינס אין אנדערן.
און די גאַנצע שטוב איז מיטאמאָל פול געוואָרן מיט א צעטראַגענעם און אופגערעגטן פלאַטער.

דאָקטער רײַזנער, דער הויפּט־קאָנסולטאנט פון דעם קארדיאָלאָגישן צענטער, האָט דורכן פענצטער אפן צווייטן שטאָק פון זײַן דירע א וואָרף געטאָן א זוכנדיקן בליק, דערזען די „וואָלגע" בא דער פאראד־טיר און אראָפּ מיט שנעלע טריט פון די טרעפּ, ווי מוירע האָבנדיק, אז עמעצער זאָל אים ניט א רוף טאָן צוריק.
— גוט־מאָרגן, וואסיאַ!
א יונגער קרעפּטיקער שאָפער, וואָס האָט זיך געפּאָרעט באם מאָטאָר, האָט אופגעהויבן זײַן בלאָנדהאָריקן קאָפּ, און זײַנע גוטמוטיקע גרוילעכע, ארומלויפנדיקע אויגן האָבן אף א רעגע זיך אָפּגעשטעלט.
— גוט־מאָרגן, מארק סאמוילאָוויטש... מע לאָזט אײַך ניט רוען...
דאָקטער רײַזנער האָט פארצויגן א בלייכן שמייכל און זיך ארײַנגעזעצט אין דער מאשין, וואָס האָט זיך גענומען טראָגן דורך א פּלאָנטער פון גאסן מיט געדיכט צעצווײַגטע לינדנביימער בא די זײַטן.
די שטאָט איז נאָך קימאט געשלאָפן. פון די ווײַסע בלאָק־הײַזער האָט געשפּארט א קוואַל פון לויטערקײַט, שטיל בעשימערט אין הימלשן בלוי, און די לופט איז פול געווען מיט פארטאָגיקע קלאַנגען.
— מארק סאמוילאָוויטש, — האָט דער שאָפער אָפּגעריסן אף א ווײַלע די אויגן פונעם וועג — ווען שלאָפט איר?
ער האָט געוווּסט, אז דער דאָקטער האָט נעכטן פארלאָזט די קליניק זייער שפּעט. די נאכט האָט זיך שוין געקליבן אוועקצוגיין, ס'איז שוין געווען הײַנט.
רײַזנער האָט ווידער א שמייכל געטאָן.
ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס אים קומט אויס אָט אזוי, קימאט אָן אָפּרו, פליִען אין די קארפּאטן. ער קען די גאנצע געגנט, ווי זײַנע אייגענע צען פינגער, כאָטש אליין איז ער ניט קיין בוקאָווינער, ניט געוואקסן אין די בערג, דאָס האָט די מילכאָמע מיט פערציק יאָר צוריק אים אָנגערופן דעם אדרעס.
ס'איז געווען קילבלעך און שטיל.
דער וועג צום עראָפּאָרט האָט געפירט דורך א שיטער וועלדל. די ביימער האָבן געשוויגן. און עפּשער האָבן זיי עפּעס גערעדט, נאָר דער שארנדיקער רויש פון דער „וואָלגע" האָט פארטויבט זייער ריידערײַ. רײַזנער האָט געפּרוּווט צושפּארן דעם קאָפּ צום אָנלען, גלײַך ער וואָלט זיך געגרייט כאפּן א דרעמל, און מיטאמאָל באמערקט, ווי די ביימער הייבן שוין אָן בײַטן די פארב, צייכענען סימאָנים פון הארבסט. בלויז אין די צווײַגן האָבן נאָך געזונגען פייגעלעך, וואָס ווילן באלד אוועקפליִען ערגעץ אף דאָרעם, ווו די זון וועט זיי באגעגענען מיט א נײַעם זומער... און ער האָט א טראכט געטאָן, אז ס'איז גאָר קיין שענערס ניט פאראן, ווי פייגל אונטער א פארטאָגיקן הימל, מיט שטימען, ריינער פונעם הימל אליין.

דער אעראָפּלאַן מיטן רויטן קרייז אױף די פֿליגל האָט לײַכט זיך אָפּגעריסן פֿון דער ערד און אָנגעהויבן זײַן וועג אין דער ריכטונג צו די בערג, דאָרט וווּ עס דרעמלט צווישן זיי אין טאָל דאָס דאָרף פּוטילאַ.

אונטן איז געבליבן די שטאָט. ביסלעכווײַז זיך צעגאַנגען אין א גרויליקער דינעם נעפּל. דער אעראָפּלאַן איז געשוווּמען איבער די וואָלקנס, ווי איבער ווײַסן שניי, זיך מיטאמאָל א וויג געטאָן אין א לופֿט־גרוב, און דעם דאָקטער רײַזנער האָט זיך אויסגעוויזן, אז נאָך א רעגע און דער אעראָפּלאַן וועט אראָפּפֿאַלן, ווי אן אונטערגעשאָסענער פֿויגל.

וויפֿל מאָל איז ער, רײַזנער, געפֿלויגן אױף פֿאַרשיידענע לײַנערס, און קיינמאָל איז אים ניט אײַנגעפֿאַלן, אז אזעלכס קאָן פּאַסירן. עפּשער האָט זיך עס איצט גענומען דערפֿון, וואָס דעם אעראָפּלאַן האָט פּילאָטירט א יונגיטשקע פֿליִערן. באַם אופֿזעצן זיך האָט ער שטיל, גיכער אױף צו איבערצײַגן זיך, אז ער כאָלעמט ניט, געפֿרעגט, וויאַזוי מע רופֿט זי, און די פֿליִערן האָט פּונקט אזוי שטיל צעלייגט איר נאָמען אין צוויי זילבן:

— נאַ־דיא.

אירע אויגן האָבן דערבײַ זיך ברייט געעפֿנט, גרעסער געוואָרן. און דער בלישטש פֿון די אַפּלען האָט שעלמיש אופֿגעשפּילט.

— נאדיא, נאדיעזשדא...[1]

רײַזנער האָט איבערגעכאַזערט דעם נאָמען אזוי פֿאַר זיך אליין, און דערנאָך אױף א קאָל, צוגעגעבן:

— איז לאָמיר טאַקע האָפֿן, אז מיר וועלן בעשאָלעם דערפֿליִען.

אים האָט איבעראַשט די אויסגעיידלטע געשניצטקײַט פֿון איר פּאָנעם. ער האָט באמערקט, אז זי האָט זייער שיינע אויגן, זייער פֿרישע ציין און א ליכטיקן שמייכל, און ער האָט א קוק געטאָן אױף איר מיט א פֿאַרקישעפֿטן בליק.

דאָס פֿליִען האָט באַדאַרפֿט דויערן באַ א שאָ צײַט.

רײַזנער האָט זיך באַקוועם אײַנגעמאָסטעט, געטראַכט אפֿילע פֿון צושטוקעווען די זעכציק מינוט צו די ניט דערשלאָפֿענע שאָען. אין דרעמל פֿליט די צײַט גיך אדורך.

מאָדנע, די צײַט פֿליט, און דער אעראָפּלאַן פֿליט. טשיקאווע, מיט וואָס פֿאַר א קורסן, פֿאַראַלעלע צי אנטקעגנדיקע?

און אָט איז די זון!

דער מיזרעך, גלוט־צעברענט, גייט אוף אינעם קאַיאָר. און דאָס אויג באָדט זיך אין א געמיש פֿון קאָלירן און ליכט.

— נאדיא, נאדיעזשדא...

עפּעס האָבן פֿאַר אים אופֿגעפֿלאַטערט מיטאמאָל גאָלדענע טעג פֿון אייגענער יוגנט, א שפּיל געטאָן מיט א פֿרישער נאָענטקײַט פֿון ערשטער ליבע, ווען אַלץ ארום האָט געלאַכט און צוגעזאָגט, און איבערגעלאָזט דערמאָנונגען, ווי פֿאַרטריקנטע בלומען אין א בוך.

טעג פֿון ערשטער ליבע...

זײַנען אָבער יענע טעג געווען מיט בלוט געפֿאַרבט. גרויזאַמע מילכאָמע־טעג. און אין סאַמע ברען — נאדיא, דאָס בוקאָווינער מיידל, די

[1] надежда — האָפֿענונג (רוס.).

„שוועסטער” מיטן טאש פון „רויטן קרייץ” בא דער זײַט, נאַדיא, וואָס האָט געשפּילט מיט דעם כּיין פון יענער וווּנדערלעכער צײַט, ווען עס טרעפט זיך די קינדהײַט מיט דער יוגנט, ווען פון די ליפּן הערט זיך נאָך אַזאַ שמעקנדיקע פרישקײַט און אין דער שטילער נאַיִווקײַט פון די אויגן גייט שוין אויף דער הונגעריקער גלאַנץ פון רײַפקײַט, און ער, דער סערזשאַנט מאָרדכע רײַזנער, דער קוים צוואַנציקיאָריקער מעדיצין־סטודענט פון א קליין פּויליש שטעטל לעבן ראַדאָם.

אױף בלוטיקע מילכאָמע־וועגן האָבן זיי זיך באַגעגנט, ערגעץ אין דער טיף פון די קאַרפּאַטן. אױף מילכאָמע־וועגן האָט, ווי דער פרילינג, זיך צע־בליט זייער ליבע. און אינעם געשפּענסטאַרטיקן ליכט פון סרייפעס האָט ער צום ערשטן מאָל זי געקושט.

דערנאָך שוין ערגעץ ווײַט־ווײַט, אין א קליין טשעכיש דערפל, ווו זייער פּאָלק האָט זיך אָפּגעשטעלט אױף א קורצן אָפּרו, איז טאַקע געווען פרילינג. א שטילער פרילינג־אָוונט, גלײַך די מילכאָמע וואָלט געמאַכט א פײַער־איבערײַס, קעדיי ניט צו שטערן דער אָנהייב־צײַט פון בליִונג. די נאַכט, א באַגאַסענע פון לעוואָנע־שײַן, האָט געאָטעמט מיט טיפן בלוי. און די ביימער האָבן געברענט מיט טויזנטער קנאָספּן, ווי מיט שטערן באַשאָטן.

זיי זײַנען ביידע יונג געווען. ביידע פאַרליבט אין זייער יונגקײַט. און זייער ליבע האָט געשטראָמט פון איין קוואַל מיט דער יונגקײַט און ליבע פון פרילינג, וואָס האָט געקוועלט אין דער אַרומיקער וועלט, צווישן הימל און ערד.

א גוואַלדיקער ווילן צו לעבן, געמישט מיט דערוואַרטונג און האָפער־דיקײַט, האָט זיי אַרומגענומען. זיי האָבן געכאָלעמט וועגן סאָף מילכאָמע, פון שטודירן צוזאַמען מעדיצין; געכאָלעמט פון א ליבע ניט אונטער רויטע פײַער־האָגלען און באָמבע־אופרײַסן, נאָר א יונגע ליכטיקע ליבע ערגעץ אין מאָסקווע אָדער לענינגראַד.

זי האָט מיט א ווילדן ברען אין איר גאַנצן קערפּער זיך געטוליעט צו אים. אירע גרויסע אויגן, שוואַרצע און הייסע, זײַנען פול געווען מיט פײַער, און ער האָט אָנגעקוואָלן פון איר פרישקײַט און אָפּגעבערענטקײַט.

פּלוצעם האָט א פײַף, ווי א פאַלנדיקער שטערן, געשפּאָלטן די נאַכט. דאָס געוויין פון א קויל האָט צעפּליקט די רו און די שטילקײַט. און נאַ־דיא, דאָס בוקאָווינער מיידל, מיט איר יוגנטלעכער צעשפּילטקײַט, איז גע־בליבן הענגען אױף זײַנע אָרעמס, און א קורצער פאַרשטיקטער „אוי” האָט א ווײַלע געפּיבערט אױף אירע בלייך־געוואָרענע ליפּן און גיך זיך געלאָשן.

ס'איז געווען, ווי א רעציכיש־בייזווילִיקער שפּאַס, וועלכן ס'האָט א פײַנטלעכער סנײַפּער, אָפּגעשפּילט פאַרן ליכטיקן פּאָנעם פונעם אויסגע־שטערנטן הימל.

מיט א שטילן געדריקטן טרויער האָט געיאָגט די נאַכט, און אין זײַן הייסן שטראָם פון בלוט, אין זײַן געצאַמטן האַרץ־שלאָג, האָט געוויטיקט איר לעצטער גלעט. און די צײַט האָט ניט מיט טינט, נאָר מיט בלוט יענע דאַטע געשטעמפּלט...

שנײַדט דער אַעראָפּלאַן, דער אָדלער פון אונדזער צײַט, מיט זײַנע מעכטיקע ווילבערנע פליגל די בלויע אָפּגרונטן, טראָגט זיך איבער די קאַר־

פּאַטן און פאַרטראַגט דעם דאָקטער רײַזנער אין זײַן אָווער, גרייט אים צו א באַגעגעניש מיט אַמאָליקע פריידן, לײדן, אומרו און מיט עמעסער ליבע, וועלכע ער האָט געמיינט, אַז זי איז שוין לאַנג אַ פאַרגעסענע.

נאַדיאַ, נאַדיעזשדאַ...

ווי בײַ אַלטע ווונדן, איז בײַ ליבע פאַראַן אַ קימאַט אומבאַגרײַפלעכע אייגנשאַפט: זי לעבט אויף און ווייטיקט דעמלט, ווען, ס׳דאַכט זיך, אַז דאָס מילכאָמע־פײַער, וואָס האָט זי פאַרברענט אין איר לעצטן שײַטער, האָט שוין לאַנג אויסגעברענט.

קוקט רײַזנער פון דער הימל־הייך זיך אײַן אין זײַן פאַרגאַנגענהייט, קוקט מיט עטוואָס מידע בליקן פון אַ מענטשן, וועלכער האָט שוין אַ סך געזען און אַ סך איבערגעלעבט. און דער מאָרגן שפּײַזט זײַן פאַנטאַזיע. דאַכט זיך אים, אַז אָפּן נאָענטן אַעראָפּאָרט וועט אַ פאַרליבטער וואַרטן אויף דער פלי־ערן נאַדיאַ, ער ווייסט פּינקטלעך מיט וואָס פאַראַ רייס זי דאַרף קומען. עפּשער איז ער אויך אַ פלי־ער אין אַ טונקל־בלאָווער אוניפאָרם, וואָס זיצט אויף אים, ווי אויסגעגאָסן. און רײַזנערן ווילט זיך זייער, אַז דער קאַיאַר פון ביידנס יונגער ליבע זאָל ניט וויסן פון קיין פײַער־האָגלען, ניט אויסגעלאָשן ווערן פון אַ טויט־קויל... און אַלע אַנדערע ליבעס אויף דער וועלט אויך ניט.

נאַדיאַ, נאַדיעזשדאַ...

בלאָנדזשעט אין כאַלעל אַרום דער נאָמען אַזאַ ווײַטער און אַזאַ נאָענ־טער, גלײַך ער, רײַזנער, וואָלט אַ צווייט מאָל איין און דאָס זעלבע לעבן געלעבט.

דער אַעראָפּלאַן האָט געמאַכט אַ קרײַז איבער די בערג און אָנגעהויבן זיך דערנעענטערן צו דער ערד.

# א פּײַערל אין די בערג

אלעמאָל, ווען מיר קומט אויס ארויספאָרן אין דער טיף פון די קאר־פּאטן, בעט איך אונטערוועגס דעם שאָפער פון טאקסי פארקערעווען כאָטש ניט אף לאנג צום שטורמישן בארג־טײַך, בא וועלכן כ׳האָב מיט עטלעכע יאָר צוריק פארבראכט אײנעם מיט א באקאנטן שרײַבער קימאט א גאנצן זומער.

איך זעץ זיך צו אף א שטיין.

דער טײַך קײַקלט מיט א הילכיקן געברום זײַנע וואסערן. אָפּגעריסענע שטיקלעך זונענשײַן פלאָנטערן זיך אין די קרוינען פון טרויער־ווערבעס, וואָס הענגען איבערן טײַך און זעען אויס, ווי צעשויבערטע סילועטן אפן פאָן פון א פארנאכטיקן הימל, א באפארבטן מיט מאטן גלאנץ פון גאָלד און מיט דער רויטקײַט פון בלוט.

ערגעץ אין די בערג שפּילט א פּאסטעך אויס אף א דודע א בעטלער־ניגון, דער ווינט וויגט דעם אומעטיקן טרילער, וועקט א בענקשאפט. איך פארמאך די אויגן, און אין זיקאָרן וואכט אוף אן אנדער פארנאכט, אויך א באשטראלטער מיט שקיע־קאָלירן.

...מיר זיצן מיט דעם שרײַבער בא דעם זעלבן ברעג. ער לייענט פון א העפט וועגן שיינהײַטן, ליבע, וועגן דער אייביקײַט פון דער נאטור און קורצהאפטיקײַט פון מענטשלעכן גליק. און אין א פארביקן שפּיל פון זונענ־שטראלן בײַטן זיך מיט די ערטער ליכט און שאָטן.

## פונעם שרײַבערס נאָטיצן

...א גרויסע בלוט־רויטע זון האָט זיך דערנעענטערט צו מײַרעוו. באם ברעג האָט אין דעמערונג זיך געוויַסט א צוגעאנקערט מאָטאָר־שיפל. די כוואליעס האָבן שטיל געריזלט ארום דעם, ווי זיי וואָלטן עפּעס דערציילט דעם שיפער, א ברייטביינערדיקן, מיט עטוואָס צעבויגענע אקסלען, וואָס איז געזעסן א פארטראכטער, מיט ווײַטע בליקן געווענדט צו די טונקל־גרינע בערג.

— דאָברי וועטשער[1].

ער האָט אף מײַן באגריסונג ניט געענטפערט.

עפּשער האָט דער ווינט אזוי שטיפעריש פארטראָגן אין א זײַט מײַנע ווערטער? צי דרעמלט ער גאָר מיט אָפענע אויגן נאָך א שווערן ארבעטס־

---

[1] א גוטן־אָוונט! (אוקר.).

טאָג? און איך האָב נאָכאמאָל, צעטײלנדיק די צװײ װערטער אַף טראפּן, אויסגערופֿן אַף א קאָל, פּונקט װי איך װאָלט זיך פֿאַרמאָסטן איבערשרײַען דעם רויש פֿון טײַך:

— דאָב־רי װע־טשער...

אַף א רעגע האָט זיך זײַן קאָפּ עפּעס א ריר געטאָן. ער האָט אָנגע־שטעלט אַף מיר א פּאָר שפּיזיקע בליקן פֿון אונטער צעפּאָלאָשעטע ברעמען, און כ'האָב דערזען זײַן פֿאַרשפּיצט אָפּגעצויגן פּאָנעם, באַדעקט מיט א נעץ פֿון דינע רונצלען, כאָטש אויסגעזען האָט ער גאָר ניט אזוי אַלט. אין זײַנע אויגן, האָב איך דערזען א יאַם פֿון טרויער.

ער איז מיסטאמע פֿון די, װאָס האָבן ניט ליב קײן פֿרעמדע מענטשן אַרום זיך, האָב איך געטראַכט, װילן זײַן מיט זיך אַלײן. און אָט בין איך געקומען און צעשטערט זײַן אַלײנקײַט. נאָר װאָס זאָל באַטײַטן דער טרויער אין זײַנע אויגן? װאָס פֿאַר א יעסורים קוקן אַרויס פֿון דאָרט?

— איר װאַרט עפּשער אַף עמעצן?

— נײן!

דער טײַך האָט זשעדנע געטרונקען די לעצטע שטיקלעך זון. זיך געפּוצט אין קאָלירן פֿון פֿליסיקע שטרײַפֿן. א װײכע בײנהאַשמאָשעסדיקע שטילקײַט האָט אײַנגעשלונגען דאָס אײנציקע װאָרט, װאָס האָט זיך אָפּגעריסן פֿון זײַנע ליפּן.

איך בין צוגעגאַנגען נעענטער און געפֿרעגט, צי װאָלט ער זיך ניט אַראָפּגעלאָזט מיט מיר צו דער הערבליע, װאָס איז אויפֿגעבויט געװאָרן מיט עטלעכע יאָר צוריק אַף צו זאַמלען די באַרג־װאַסערן, װעלכע פֿלעגן יעדער װעסנע פֿאַרטרינקען די בײַבערעגיקע דערפֿער. זײַנע צעפּאָלאָשעטע ברעמען זײַנען צוריק אַרײַן אין די טיפֿע קנײטשן פֿונעם שטערן. דער אויסדרוק פֿון זײַן פּאָנעם האָט זיך געביטן, און אין דעם בײַט איז געװען קענטיק, אַז ער איז מאַסקים.

איך בין אַרײַנגעשפּרונגען אין שיפֿל, און באַלד האָבן מיר זיך גע־פֿונען אינמיטן שטראָם, װײַט פֿונעם יִשעװ, צװישן טונקעלע, שטײַלע באַרג־אָפּהאַנגען און ריזיקע סקאַלעס. דער װינט האָט שטיל געברומט אינעם פּלאָנטער פֿון די אַלטע סאָסנעס, װי ער װאָלט דערצײלט מײַסעלעך פֿון פֿאַרצײַטנס, און מיר האָט זיך אויסגעװיזן, אַז יעדע רגע קאָנען פֿון די באַרגשפּאַלטן אַרויס הײַדוקן, און פֿײַל־אויסן־בויגן זיך טראָגן אַף פֿײַערדיקע פֿערד אָדער פֿון די װאַסער־טיפֿענישן קאָן פּלוצעם אַרויסשװימען א װוּנ־דערשיין פֿרויען־געשטאַלט מיט לאַנגע צעלאָזטע האָר און א נאַקעטער פּלײ־צע, האַלב־מענטש, האַלב־פֿיש, זיך פֿאַרטשעפּען אין אונדזער שיפֿל און זינ־גען, זינגען... און ס'װעלן די באַרג צעטראָגן איר געזאַנג איבער הײלן און אָפּגרונטן. און אזוי אומהײמלעך איז געװאָרן פֿון אָט דער בערײשיס־דיקער שטילקײַט.

איך האָב זיך אויסגעדרײט צום שיפֿער און געפֿרעגט צי ס'איז נאָך װײַט, ביז דער הערבליע. און װי ער װאָלט געװאַרט אַף אזא פֿראַגע, האָבן אין זײַנע אויגן זיך אָנגעצונדן בײזע פֿײַערלעך, און ער האָט אַרויסגעזיפֿט דורך די צײן:

— א מין האַלבע שאָ.

אָבער נאָך אײדער זײַן ענטפֿער איז רעכט דערגאַנגען צו מײַן געהער,

איז דאָס שיפֿל פֿאַרטראָגן געוואָרן אין אַ קעסלגרוב. זיך אָנגעהויבן ווילד צו דרייען אױף איין אָרט. אַט־אַט וועט עס זיך איבערקערן. מיך האָט באַ־פֿאַלן אַן אומרו, פֿאַר וועלכן איך האָב ניט געהאַט קיין דערקלערונג. איך האָב געפֿילט, ווי אין מיר שטעלן זיך אױף די בלוטן, ווי עס ווערט פֿאַרכאַפּט דער אָטעם און איך קאָן ניט אײַנהאַלטן אין זיך דאָס קלאַפּן פֿונעם האַרץ.

דער שיפֿער האָט אָבער קרעפֿטיק און זיכער געשפּאַלטן מיט די וועס־לען די ווירבלענדיקע כוואַליעס, גלײַך ער וואָלט זיך געראַנגלט מיט אַ ווילדער חיה, וועלכע ער מוז בײַקומען, קעדיי ניט פֿאַרצוקט צו ווערן. און ווען מיר זײַנען שוין געווען אינמיטן שטראָם, האָט ער מיך אַ שניט געטאָן מיט אַ מאָדנעם בליק אין די אויגן, און איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז כ׳האָב אויוועגער געווען אױף עפּעס אַן אײַנגעשטעלטן באַרג־געזעץ. ניט געדאַרפֿט געווען פֿרעגן אינמיטן וועג. דער טײַך און די באַרג האָבן פֿײַנט מענטש־לעכן אומגעדולד, מענטשלעכן אומרו.

מיטאַמאָל איז צוגעפֿאַלן די נאַכט.

אין די באַרג איז די שקיעה אַ קורצע, און די נאַכט פֿאַלט צו טײַקעף.

איר אָנקום האָט געווירקט אױף מיר סוידעסדיק און פֿרעמד. אָנגעפֿילט דאָס האַרץ מיט דעם אייביקן אומרו פֿון נאַכט און פֿינצטערניש. איך האָב דערפֿילט איר מוירעדיקן אָנריר אױף מײַן לײַב און שוין געוואָלט בעטן דעם שיפֿער, ער זאָל לאָזן אין גאַנג דעם מאָטאָר, און מיר זאָלן קעגן שטראָם זיך אומקערן צוריק.

פּלוצעם האָט אין דער פֿינצטערניש אויפֿגעבליצט אַ קליין אויסטערליש פֿײַערל, ווי אַ שטערנדל וואָלט זיך אָפּגעריסן פֿונעם הימל און געבליבן הענגען צווישן די באַרג. די ווערטער, וועלכע כ׳האָב געגרייט זיך זאָגן, זײַנען געבליבן פֿאַרשטאַרט אױף מײַנע ליפּן.

— וואָס איז עס? — האָב איך אַ פֿאַרכידעשטער געפֿרעגט, ניט אָפּ־רײַסנדיק די פֿאַרגאַפֿטע בליקן פֿונעם פֿײַערל.

— וועסט באַלד זען.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס קאָל באַם שיפֿער האָט לײַכט אויפֿ־געציטערט.

ער האָט פּאַמעלעך געקערעוועט נעענטער צום ברעג, נאָר אין דער ריכ־טונג פֿון דעם פֿײַערל, און אין עטלעכע מינוט אַרום האָב איך טאַקע דער־זען ניט ווײַט פֿון דעם אָרט, וווּ מיר האָבן זיך פֿאַרהאַלטן, אַ פּרויען־געַ־שטאַלט, וואָס האָט זיך, ווי אַ פֿאַרקישעפֿטע, באַוועגט אַרום אַ קליין לאָמ־טערנדל, וועלכס זי האָט געפּרוּווט אויפֿהענגען אױף אַ צווײַג פֿון אַ סאָסנע־בוים. אין דער מאַטער שײַן האָבן זיך גרוילעך געצייכנט די שטריכן פֿון אַ קראַנק, אויסגעמאָגערט פּאָנעם, באַרעמלט פֿון נאַכלעסיק צעשאָטענע האָר.

אַ טונקל געשטאַלט צווישן טונקעלע סילועטן.

צי דען איז עס איינע פֿון יענע וואַלד־פֿייעס, וואָס קאָנען פֿאַרלעשן די זון, פֿאַרקלעמען אין די פֿויסטן אַ רעגנבויגן, פֿאַרפֿירן אין די טיפֿענישן פֿונעם טײַך און אין די הייל פֿון די באַרג?

אָבער דאָס פּאָנעם האָט אויסגעזען באַשטראַלט פֿון עפּעס אַן אינערלע־כער שײַן, וואָס האָט געלויכטן מיט ליבע און גלויבן. אירע גרויסע פֿאַר־לענגערטע אויגן האָבן פֿיבערהאַפֿט געפֿינקלט. און איך האָב געטראַכט, אַז

אזא פּאָנעם, אזעלכע אויגן זײַנען פאראן נאָר בא פארליבטע קאַלע־מיידלעך, וואָס ווארטן אױף זייער באַשערטן.

דער שיפער, זעט אויס, האָט געלייענט מײַן געדאנק.

— ניין, ער וועט ניט קומען... ניט היינט, ניט מאָרגן, קיינמאָל ניט...

און עפּשער האָט ער עס אזוי גערעדט צו זיך אליין. איך האָב, אין א שלעכט פארשטעלטער שפּאנונג, א פרעג געטאָן:

— ווייסט דען ניט די פרוי, אז איר געליבטער וועט ניט קומען?

— זי ווייסט, נאָר זי וויל ניט גלייבן... זי ווארט און הערט ניט אויף צו ווארטן...

ער האָט א קוק געטאָן אױף מיר מיט א בליק, ווי בא א געהעצטער כײַע. פּלוצעם, ווי די נאכט וואָלט זיך צעזונגען, האָט זיך דערהערט פון דאָרט, וווּ די פרוי האָט זיך נאָרוואָס באַוועגט, א ריינע שטים, פול מיט אומרו און געבעט.

> פארוואָס עפּעס, זאָג מיר,
> פארוואָס
> עס טוען זיך די סאָסנעס קיין ריר,
> און אומעטיקער ווערט אַלץ דאָס וואַרטן אױף דיר?..

די קלאַנגען זײַנען געוואקסן, פארצווייפלטע און טראַגישע.

דער שיפער, באַהערשט פון דעם געזאנג, האָט ארומגעכאַפּט דעם קאָפּ, באהאלטן דאָס פּאָנעם אין די ברייטע האנטפלאכן, זײַן לײַב האָט געציטערט, ווי בא א געריירטן פון זינען, די ברוסט האָט שווער געצויגן דעם אָטעם, און ער האָט ארײַנגעזיפצט אין דער כאַשכעסדיקער ווײַט:

— ניין, ער וועט ניט קומען...

איך בין באַשטאַנען, מיר זאָלן באלד זיך אומקערן צוריק. נאָר אין דער זעלבער צײַט האָט דערוואכט אין מיר דער שרײַבער, און איך האָב געכאַפּט צו הערן פונעם שיפער די גאנצע געשיכטע.

## דער שיפער דערציילט

...אָט די פרוי הייסט אָקסאַנע. זי איז די טאָכטער פון א וואַלדהעקער, וואָס וווינט א שפּאַן וועג פונדאַנען. מיט א יאָר פינף צוריק איז זי געווען א זעלטענע שיינהײַט. מע האָט ניט געקאָנט בלײַבן גלײַכגילטיק, דערזעענדיק אירע גרויסע פארלענגערטע טונקל־בלויע אויגן און בלוי־לעך־שווארצלעכע האָר, יעדער הערל האָט, ווי א זײַדן פעדעמל, געגלאַנצט. אירע ליפּן האָט געשנירלט א זאפטיקער שמייכל, און אין די אויגן — שײַ־דימלעך.

זי איז געווען לײַכט און שטאַלטנע, ווי א סאַרנע.

יונגעלײַט האָבן זיך געצויגן צו איר, ווי פלאַטערלעך צו ליכט און פארברענט געוואָרן פון אירן א בליק, פון אירס א וואָרט. זי האָט געקי־שעפט מיט איר יונגער פרישקײַט און איבערגעלאָזט ארום זיך א פלאַטער פון בלוי־שווארצע האָר, פון זאפטיקע ליפּן. און דער פלאַטער האָט געוועקט בענקשאפט און באַגערן.

דאַרף געשען, אַז אויף דער בויונג פון דער הרעבליע איז אַראָפּגעקומען אַ יונגער אינזשעניער. ער איז געווען אויף אַזויפיל יונג, אַז אַלע האָבן אים גערופן פּאַשעט באַם נאָמען — יאַשע.

אין אָט דעם יאַשע האָט זיך פאַרליבט די שיינע אַקסאַנע.

ער האָט מיט גאָרנישט זיך ניט אויסגעטיילט פון אַנדערע, ניט מיט זײַן אָפּגעברענט פּאָנעם פון זון און ווינט, ניט מיט זײַנע שטאַרקע, ברייטע אָרעמס, עפּשער נאָר מיט די קויל־שוואַרצע גלאַנצנדיקע פּאַטלעס האָר, טונקעלע שטאָל־אויגן און פּערלדיקע ציין.

גיי וויס די פאַרהוילענע וועגן פון ליבע!

יעדן אָוונט, ווי נאָר ס'איז געוואָרן גוט פינצטער, האָט אַקסאַנע אויף אַ צווײַג פון אַ סאָסנעבוים אויפגעהאַנגען אַ לאַמטערן, און ער האָט לויט דער שײַן געטראָפן צו איר, אויסמײַדנדיק אי קעסל־גריבער, אי אָפּגרונטן.

אַזוי אָוונט נאָך אָוונט.

זי האָט געלעבט מיט די קלאַנגען פון זײַן שטים, מיט די בליקן פון זײַנע אויגן. פאַרשיקערט פון גליק האָט איר פּאָנעם געשײַנט מיט דעם קישעף פון ליבע.

יעדערער, וואָס האָט זי געקענט, האָט זיך געפרייט מיט איר פרייד, אויסער...

## פונעם שרײַבערס נאָטיצן

לאַנגע עטלעכע מינוט זײַנען אַדורך אין שטילשווײַגן.

מײַנע בליקן האָבן זיך צוגעוווינט צו דער פינצטערניש, געוואָרן אַזוי שאַרף, אַז כ'האָב אָן שוועריקייטן געקאָנט אויסטיילן יעדע אומרויִקע באַוועגונג אויפן שיפּערס פּאָנעם; זען די אויגן, וואָס האָבן געקוקט אהין און צוריק מיט אַ לאַנגן צעפלויגענעם בליק, ווי זיי וואָלטן זיך געאַמפּערט מיט זיך אַליין. מיר האָט זיך זייער געוואָלט פרעגן בײַ אים „אויסער וועמען?"

נאָר עפּעס האָב איך ניט געוואַגט צו שטערן זײַן שטילשווײַגן.

סאָפּקאָלסאָף האָב איך ניט אויסגעהאַלטן, און אָפּוואַרטנדיק אַ פּאַסיקע רעגע, אַ פרעג געטאָן:

— אויסער וועמען?

ער האָט מאָדנע צעטראָגן מיר צוגעוואָרפן אַ בליק. זײַנע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ שימער פון אומזיניקייט. דער אָטעם איז געוואָרן שווער און אָפּגעהאַקט. ער האָט פלינק זיך אַריבערגעבויגן איבערן באָרט פונעם שיפל, אָנגעשעפּט אין בײדע הענט אַ זשמעניע קאַלט וואַסער און אַ שמיץ געטאָן זיך אין פּאָנעם אַרײַן, ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּוואַשן עפּעס אַ צעקרימטע פּײַן.

ס'איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע רעגע.

ער האָט קענטיק זיך געשלאָגן מיטן געדאַנק, צי זאָל ער ענטפערן אויף מײַן פראַגע, צי ניט. מיטאַמאָל האָבן פון זײַן מויל זיך גענומען שיטן צעדרויבלטע פאַנאַנדערגעריסענע ווערטער:

— אויסער יענעם, וואָס איז אַליין געווען פאַרליבט אין איר...

## דער שיפער דערציילט

...זײַן הונגער צו אָקסאַנען איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך געכידעשט, וואָס זי דערהערט ניט זײַן שטום געשריי. און וואָס שטאַרקער ער האָט געוואָלט זעטיקן זײַן הונגער, אַלץ אויסגעהונגערטער איז ער געוואָרן. ניט קיין ליבע איז עס געווען, נאָר א פלאַקער פון מעשוגאַס. פאַרדראָסן, וואָס האָבן געברויזט אין אים, האָבן ניט אויפגעהערט צו שוימען. ער האָט געפילט, ווי עפּעס שווימט אַפּיר פון אונטער זײַנע פיס, און ער ווערט אָן יעדן באַריר מיטן לעבן. ער האָט געהערט ווי די צײַט לויפט, געקאַנט אָנטאַפּן קימאַט יעדע רעגע, געווען זיכער, אַז נאָך א ווײַלע — און אַלץ איז פאַרלוירן.

אָקסאַנע האָט אים אויסגעזען, ווי א זון־פלעק, וואָס אַנטלויפט, ווען מע יאָגט זיך נאָך אים. נאָר ערגעץ־ווו האָט דער שטאַרקער ווילן צו ליבע אים אָפּגעענטפערט מיט קליינינקע בליצן פון האָפענונג.

אַזוי זײַנען אַפּגעלאָפן טעג און וואָכן.

עס זײַנען אָנגעקומען געדיכטע פינצטערע נעכט, פול מיט סוידעס און געפאַרן. יעדע נאַכט האָט אָקסאַנע אָנגעצונדן איר לאָמטערן און זיך אומגעקערט אַהיים וואַרטן אויף איר יאַשען.

האָט אין איינער אַזאַ שטאָקפינצטערער נאַכט דער סאָטן זיך אַרײַנגעמישט אין זייער ליבע, פאַרלאָשן דעם לאָמטערן, און יאַשע האָט פאַרלוירן דעם וועג צו זײַן שיינער אָקסאַנע...

## פונעם שרײַבערס נאָטיצן

א קליין פײַערל, ווי א שטערנדל, האָט געבלינצלט אין דער פינצטערניש. דאָס שפּיל האָט מיט אָפּגעלאָזטע ווערטלעך זיך געהוידעט איבער די כוואַליעס, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס שווימט אַזוי יאַשע צו זײַן אָקסאַנען, צעשפּאַלטנדיק מיט די פעסטע אָרעמס די וואַסערן.

און געדאַנקען, ווי בליצן אין דער נאַכט, זײַנען מיר אַדורכגעלאָפן.

...מעגלעך, אַז דײַנע טעג און נעכט, אָקסאַנע, וואָלטן געפלאָסן אומגעשטערט, ווי א באַרגטײַך, וואָלסט געטאָן דײַן טאָגטעגלעכע אַרבעט אין דער דאָרפישער ביבליאָטעק, זאָרגלאָז געשפּאַנט איבער דער בריק פון לעבן און יונגעלײַט, באַצויבערט פון דײַן פאַרשאַרט געלעכטער, וואָס האָט זיך געקנוילט מיטן אָפּגלאַנץ פון דײַנע בלוי־שוואַרצע האָר, וואָלטן דיר נאָכגעגאַנגען פּוסטריט, ווען צעוועקטע ווולקאַנישע קויכעס וואָלטן פּלוצעם ניט אויפגעטרייסלט דײַן געמיט.

דו זעסט מיסטאָמע שטענדיק דאָס אָרט און די צײַט, ווו און ווען ס׳איז פאָרגעקומען אײַער ערשטע באַגעגעניש. ער האָט אין איינעם א פאַרנאַכט זיך געיאַוועט אין דײַן קליינינקער ביבליאָטעק, און דו האָסט זיך געוווּנדערט, וואָס ער זוכט נאָר ווערק וועגן הידראַווליק און בריקן־בויונג. ער האָט געלויבט דײַן קליין פאַרמעגן, און דו האָסט אָנגעקוואָלן פון זײַן לויב. דיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דו האָסט שוין ערגעץ־ווו אים באַגעגנט. קאָן זײַן אויף א יוגנט־פעסטיוואַל אין קיִעוו אָדער אין מאָסקווע.

דו הערסט זיך איין אינעם רויש פונעם ווינט, און דיר דאכט זיך אוואַ־דע, אז דאָס רעדט אזוי יאשע, א פארשיקערטער פון דער ערשטער ליבע. אַ געפיל, וואָס ס'איז שווער ארויסצוברענגען אין ווערטער, נאָר פאר וועלכן דער ווינט האָט טאָמיד זײַנע גליקלעכע וואָרטלאָזע אויסדרוקן.

יעדע נאכט פאלט א בלעטל פונעם קאלענדאר.

דער קאלענדאר אויף דער וואנט מיט זײַנע גרויסע ניכטערע ציפערן זעט אויס וואָכעדיק און אומשולדיק, נאָר ער איז, קאָן זײַן, א פארהוילענער שוטעף צו דײַן גוירל.

יעדע נאכט פאלט א בלעטל, ווי ס'פאלט א טרער פון דײַנע אויגן, ווי ס'ווערט יעדן קאיאַר פארלאָשן דאָס פײַערל אין די בערג, און ס'טוט די נאכט זיך אָן אין א טרויער־שלייער.

טרויער און גוירל.

און א קליין פײַערל אין די בערג רופט צו ליכט און ליבע.

...א קליין פײַערל.

ווי איך וואָלט זיך מיטאמאָל אופגעכאפּט פון א שווערן אומרויִקן כאָלעם, האָב איך א פרעג געטאָן באם שיפער:

— און וואָס איז געשען מיט אָקסאנען, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אז איר יאשע איז אומגעקומען?

— זי גלייבט ניט ביז איצט, — האָט ער געענטפערט, — יעדע נאכט הענגט זי אויף דעם לאמטערן און ווארט, ווארט...

זײַנע רייד זײַנען געפלאָסן אָט ברענענדיקע, ווי פײַער, אָט כליפּענ־דיקע, גלײַך א וויכער פון זיפצן, און זײַן שטים איז געווען א טונקעלע, אן אָפּגעשפּאָלטענע.

— און דער וואָס האָט פארלאָשן דאָס ליכט, ווו איז ער איצט?

דער שיפער איז געזעסן מיטן פּאָנעם צו די טונקעלע בערג און גע־שוויגן. און דאָס שווײַגן איז געווען פארשטענדלעך אָן ווערטער.

אַ נאכט־פויגל האָט זיך צעשריגן לאנג און יאָמערלעך, איך האָב אופ־געציטערט. מיר האָט זיך געדאכט, אז דאָס רופט אזוי די שיינע אָקסאנע, איר יונגע אומגעקומענע ליבע, אויף וועלכער זי ווארט יעדע נאכט.

און איך האָב פארשטאנען, אז אין אָט דער נאכט האָב איך מיט אייגע־נע אויגן געזען דעם הייליקן פלאַם פון ליבע, וועלכער איז ענלעך אויף א פינקלענדיק פײַערווערק, וואָס ווערט געבוירן און פארלאָשן מיט דעם זעלבן שימער...

איך בין זיך פארזעסן באם ברעג.

אַ ברייטע בלוט־רויטע שקיִעה האָט גרויסארטיק געפלאקערט הינטער די בערג, לאנגזאם אָנגעטאָן דעם גאנצן ארום אין ווייכע שאָטנס. איך האָב ניט געהערט דעם שאָפערס אומרויִקע סיגנאלן. איך האָב געקוקט אויף די טונקל ווערנדיקע בארגשפּאלטן, און מיר האָט זיך געדאכט, אז אָט־אָט, און ס'וועט אופבליצן אין זיי א קליין העל פײַערל.

# דער ערשטער אָם

## 1

ס'האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז מײַן פּאַראַיאַריקן אורלויב האָב איך פֿאַר־בראַכט אין אַ פּאַנסיאָנאַט פֿאַר וויסנשאַפֿטלער אין אַ שטאָט אָפֿן צאָפֿן־קאַווקאַז, באַם טײַך באַקסאַן, ניט ווײַט פֿון דעם אייביק פֿאַרשנייטן, צוויי־קעפּיקן עלבּרוס.

געווען איז סאָף סעפּטעמבער. לויטערע טעג פֿון רײַפֿן פֿרידן, מיט מילדע פֿרי־האַרבסטיקע קלאַנגען האָבן מיט עפּעס אַ בראַנזענער אַנגעגליטקײַט גע־וווּנקען צו די גרוי־פֿעלדזיקע נאַקעטע בערג, וואָס האָבן אַרומגעגאַרטלט די שטאָט מיט אירע פֿילשטאָקיקע הײַזער און אַקאַדעמישן שטעטל באַם סאַמע אַרײַנפֿאָר. איבער גאַסן און סקווערן האָבן אין שטראָמען זונשײַן זיך געוויגט די ערשטע געלע בלעטער און לאַנגזאַם געפֿאַלן צו דער ערד. דער האַרבסט האָט אָנגעהויבן זײַן פֿאַרביקע שפּיל.

עס האָט זיך דערנעענטערט די לעצטע וואָך פֿון מײַן אָפּרו. איך האָב זיך שוין געגרייט אין וועג. פּלוצעם האָבן צוויי יונגע מאַטעמאַטיקער, אין גרויס אַמפּעריש וועגן עפּעס אַ טעאָרעמע, פֿאַרביטן זייערע באַשטענדיקע ערטער אין גאַרקיך און זיך צוגעזעצט צו מײַן טיש. איך בין געוואָרן אַן איידעס פֿון אַ הייסן דיספּוט, פֿון וועלכן איך האָב פֿאַרשטאַנען ניט מער ווי דעם נאָמען פֿון אַ היגן פּראָפֿעסאָר, וואָס איז, לויט זיי ביידן, געווען אַ באַ־וווּסטער געלערנטער.

זייער שטרײַט האָט מיר דערמאָנט מײַן אייגענע יוגנט, ווען מיר האָבן אָט אַזוי מיט יונגן ברען געשאַלט אומעטום, אין אַלע פֿריידיקע ווינקלען פֿון שאַפֿן. מיטאַמאָל האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דער נאָמען פֿונעם פּראָ־פֿעסאָר זעט מיר אויס צו זײַן באַקאַנט.

— וואַרט, טײַערינקע, צי ווייסט איר ניט פֿונוואַנען ער שטאַמט?

ווי אַ בליץ איז מיר אַדורך אַ געדאַנק: עפּשער איז ער פֿון מײַנע קאַנטן. יינגלווײַז האָב איך געהאַט אַ כאַווער מיט אַזאַ פֿאַמיליע־נאָמען.

קאָן געשיקט זײַן, אַז דאָס איז ער?

אַ גאַנצע וועלט איז פֿאַר דער צײַט צעטרייסלט געוואָרן...

און עס האָבן גענומען זיך פֿאַנאַנדערוויקלען קנוילן פֿון אַ ווײַטער פֿאַר־גאַנגענהײַט, זיך געצויגן צום סאַמע אָנהייב, צו יענעם קליינעם שטעטעלע אין דער בוקאָווינע, ווו פֿון קאַדמוינים האָבן אין אַלטע הוצולישע כאַטקעס מיט אָפּגעריבענע מעזוזעס אויף די טירן, געלעבט אָרעמע ייִדן האַרעפּאַש־ניקעס. אַ גאַנצע וואָך געהאָרעוועט אין די אַרומיקע וועלדער, צווישן שטעגן און וועגן פֿון דווירעס אויסגעטראָטענע, און נאָר אין די פֿרײַטיקצונאַכטסן,

ווען די מאָס פון צײַט איז געווען דער טונקל־ווערנדיקער הימל, האָבן ווײַבער געבענטשט ליכט אין די מעשענע לײַכטער, און ייִדן האָבן פײַער־לעך און טרויעריק מיט א ניגן געזונגען זמירעס, ווי דורכגעדרונגען פון טיפן עלנט.

האָט פּלוצעם דער ייִדישער שאבעס ארויסגעשפּאנט פון דער שטעטל־דיקער ענגקײַט. דער יונגער דאָר האָט מיט א נײַ מעכטיק געזאנג פון לעבן, ווי דאָס מעכטיקע ריזלען פון יונגע וואסערן, אָנגעהויבן שטראָמען צו דער גרויסער וועלט. געשטראָמט מיט ווארעמע הערצער, איבערגעלאָדע־נע פון בענקשאפט און ליבע, און מיט קויכעס איבערצוקערן וועלטן...

## 2

מײַן האשאָרע האָט זיך באשטעטיקט.

און אָט האָבן מיר זיך געטראָפן אין היגן אוניווערסיטעט. געטראָפן זיך נאָך אן איבערײַס פון צענדליקער יאָרן. אזויפיל שטורעמס און געוויטערן האָבן אף אָט די יאָרן פארקריצט זייער קסאוו מיט בלוטיקע שרײַבצייכנס.

ער האָט גערעדט מיט מיר רוסיש.

א פליסיק שפּילעוודיקן רוסיש, באפארבט מיט א צומיש פון מײַרעוו־אוקראַיִנישער זינגעוודיקײַט. זײַן קאָל איז געווען שטארק און ברוסטיק. דאָס געעלטערטע פּאָנעם האָט פארהיט שפּורן פון אמאָליקן אופברויז. ער האָט געקוקט אף מיר מיט צעווארעמטע בליקן, און איך האָב זיך פּלוצעם דערמאָנט:

> ייִדיש, מײַן גאָלדענער ברונעם,
> פון דיר האָט דער באלשעמטאָוו געטרונקען,
> און אזויפיל פּראָסט־פּאָשעטע ייִדן,
> אין וואָגל דורך וועגן און לענדער...

און עס האָט, ווי א ווײַטער עכאָ, זיך אָפּגערופן אין מײַן זיקאָרן דער ווייכער, זאפטיקער פאָלקס־ייִדיש, וואָס האָט אין יענע יונגע יאָרן געקלונ־גען מיט אזא לויטערער פארליבטקײַט.

צי דען קאָן מען אנטלויפן פון זיך אליין?

איך האָב פארשטאנען, אז די צײַט האָט ניט בלויז געענדערט זײַן אויס־זען, נאָר אויך איבערגעריסן די פעדעם, וואָס האָבן אים אמאָל פארבונדן מיט זײַן ווײַטער היים. און עס האָט א יאָג געטאָן אף מיר מיט אומעטי־קער פרעמדקײַט.

## 3

די אאודיטאָריע איז געווען א פולגעפּאקטע.

ער איז געשטאנען פאר דער קאטעדרע און אפן טאָוול האָבן זיך איינער נאָכן אנדערן געביטן מאטעמאטישע צייכנס, פארוואנדלט געוואָרן אין פאָר־מולן. יונגע בליקן האָבן מיט גיריקן דאָרשט נאָך וויסן באגלייט יעדן זשעסט

זײַנעם, יעדע באַוועגונג. ער האָט ווי א קישעפּמאַכער געפירט זײַנע צו־הערער אין די פאַרצווײַגטע לאַבירינטן פון אינטעגראַלן און דיפערענציאַלן און באַלויכטן דעם וועג מיט ווערטער, ווי פאַקעלן.

ס'איז געווען זײַן שפּראַך, זײַן וועלט, זײַנע באַגריפן...

פּלוצעם האָט ער אין מיטן ריידן זיך פאַרהאַקט, אָנגעשטרענגט זיך אײַנגעקוקט אױף דעם אָנגעשריבענעם, גלײַך ער האָט עפּעס פאַרגעסן, דורכגעלאָזט, און אױף זײַנע שלייפן האָבן זיך אָנגעגאָסן דינע אָדערלעך.

אין דער אאודיטאָריע איז געוואָרן שטיל. א שטילקײַט, אין וועלכער עס האָט, ווי זיך געהערט דאָס ריטמישע קלאַפּן פון יונגע הערצער.

און מיטאמאָל האָבן אפן טאָוול זיך גענומען אויסשטעלן גרויסע פּאַר־שעטע, געצוקטע, יידישע אלעפן. זיי האָבן זיך געטוליעט צו פּליוסן און מינוסן, גלײַך זיי וואָלטן באַדאַרפט זײַן אָנשפּאַר.

— וואָס פאַר א צייכנס זײַנען דאָס? — האָט עמעצער א פרעג געטאָן.

ער האָט לײַכט א פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן גראָוו געוואָרענעם קאָפּ, פאַרזשמורעט זײַנע קלוגע גרינלעכע אויגן, וואָס האָבן געקוקט מיט א שטענדיקער גרייטקײַט צו א שמייכל. ארומגענומען דערנאָך די אַאודי־טאָריע מיט א שטראַלנדיקן בליק, און מיט א האַרטן קלאַנג אין דער שטים, קורץ אָפּגעענטפערט:

— געוויינלעכע צייכנס, אָנגענומענע אין דער מאַטעמאַטיק.

אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט.

איך ווייס ניט, וואָס ער האָט אין דער רעגע אראָפּגעלייענט פון מײַן פּאָנעם. איך אָבער האָב דערזען אין זײַנע אויגן דעם טאַטן זײַנעם, וואָס האָט א לעבן לאַנג געקנעלט מיט קליינע קינדער איוורע און אויסגעזוגען דעם אלעף פרום און הארציק, מיט א טיפער קאַוואָנע און זעלטענעם ניגן.

איך האָב דערזען דעם קליינעם, קינדערש אומבאַהאָלפענעם ייִדן לויפן פון זײַן ברענענדיקן כיידער. דער טאַלעסקאָטן האָט געפּלאַטערט אפן ווינט, ווי ווײַסע אונטערגעהאַקטע פליגל, און אין די אויגן האָט זיך געלאָשן דער טרויער פון א ניט־דערזונגענעם אלעף. און מיר האָט זיך געדאַכט, ווי פאַר־נעם טאָוול האָט א פלאַקער געטאָן מיט בענקשאַפט, וואָס געהערט אינגאַנצן דער פאַרגאַנגענהײַט, נאָר האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אָן א צאָל עכאָס...

אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט...

עפּשער האָט ער אין אָט דער רעגע זיך אויך אין עפּעס דערמאָנט. עפּשער א קוק געטאָן אױף צוריק און דערזען מיטאמאָל יענע ווײַטע יונגע שײַן אין איר פולער צעשײַנטקײַט, ווי עס וואָלט פון גאָר ווײַט אָפּגעשלאָגן א שטראַליקײַט אױף די היינטיקע טעג... איך האָב באַמערקט, ווי א וואָרע־מער גלאַנץ האָט א שפּיל געטאָן אין זײַנע אויגן, און ער האָט מיט א שלעכט פאַרשטעלטן ציטער אױף די ליפּן, אָנגעהויבן דערקלערן:

— אלעף איז דער ערשטער אָס פון א זייער אלטער שריפט... דער ערשטער אָס פון די צוויי־און־צוואַנציק אויסיעס, וועלכע ייִדן נוצן שוין טויזנטער יאָרן...

אין וואָס פאַר א ווינקלען פון זײַן מויעך האָבן אופגעוואַכט אָט די ווערטער? מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז אפילע זײַן שטים האָט זיך געענ־דערט, אז זײַנע אויגן זײַנען פאַרלאָפן מיט עפּעס א שאָטנדיקײַט, גלײַך ער וואָלט מיטאמאָל זיך דערמאָנט:

עס וואַרט אַף דיר אַן אַלעף אין אַ סידער,
דער אַלעף אין דער אייביקייט פון אונדזערע לידער...

און, דאַכט זיך, צום ערשטן מאָל פאַר צענדליקער יאָרן האָט ער זיך צוגערירט צו דעם אַלעף ניט ווי צו אַ פּאַשעטן מאַטעמאַטישן צייכן, נאָר ווי צו אַ קלאַוויש, וועלכן מע צווינגט אַרויסברענגען דעם קלאַנג פון באַהאַלטענע סטרונעס...

4

עס איז געווען שפּעט נאָך האַלבן טאָג, ווען מיר זײַנען אַרויס פון אוניווערסיטעט. איבער דער שײנער קאַווקאַזער שטאָט האָבן שוין געשפּילט די ראָזע פלאַמען פון זונפאַרגאַנג. די גאַסן זײַנען געווען ליכטיק פון דער זון, וואָס איז לאַנגזאַם געפאַלן צום מיזרעוודיקן האָריזאָנט. עס האָבן געווימלט אין זיי שוואַרץ־אויגיקע קאַווקאַזער מענטשן און העפלעך זיך געגריסט מיט אונדז. ער האָט מיך אָנגענומען פאַרן אָרעם און, גלײַך ער וואָלט געוווסט מײַן געדאַנק, וואָס האָט די גאַנצע צײַט פון אונדזער באַגעגעניש מיך פאַרפאָלגט, האָט ער אַ זאָג געטאָן אויפן אַמאָליקן פּראָסטן, היימישן ייִדיש:

— אַנטלויפן פון זיך אַליין קאָן מען נאָר אין שלאָף, אין כאָלעם...

און פונוויַטן האָבן פאַרטראַכטע אין זייער אייביקייט געפינקלט די צווייפאַרשנייטע באַרג־שפּיצן פונעם עלברוס, ווי ווײַטע פאַרגליווערטע הויקערס פון אַ קעמל.

# נעכט

א שטילע לעוואַנע־נאכט האָט זיך געשפּרייט פאר מײַן פענצטער. שטערן האָבן אַרײַנגעקוקט און איינציקווײַז זיך געלאָשן ווי אויסגעברענטע ליכט. איך האָב זיך דורכגעוועקט פון שלאָף. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט ביז צום ווײַטסטן, פאַרוואָרפנסטן ווינקעלע איז פאַרוויגט אין א קילער, אָפּגעלאָשענער בלויקײַט.

איך האָב אַזעלכע נעכט געזען אין מײַן קינדהײַט צווישן טונקעלע בערג און שטיינערנע ברעגעס. געזען אין מײַן יוגנט, ווען זיי האָבן, ווי אַ״ס־געשפּינט פון ליכט און שאָטן, אַרײַנגעוועבט אין מײַן כאָלעם די איידלסטע פעדעם פון בענקשאַפט און ליבע.

נעכט.

דאָרעמדיקע זומערנעכט פון שטילן פרידן.

איבערן טײַך שוועבט א פּײַכטער דורכזיכטיקער נעפּל, ווי א דין שפּינגעוועב. רייכערט זיך, גלײַך די וואסערפלאך וואָלט געפּרוּווט זיך צונויפגיסן מיט דער לופט.

דאָס איז די צײַט פון סאמע זיסן שלאָף באם וואַרעמען פלאקער פון צעלייגטע שײַטערס.

אָטעמען טאקע האסטיק די ברוסטן, און מידע פליטנטרײַבער שלאָפן אויס אָף נאַקעטע שטיינער זייער טיפן העפקערדיקן שלאָף.

נאָר אָט שווימט ארויס פון הינטער די בערג א פולע קופּערנע לעוואָנע, שפּילט מיט וואַרעמע בליקן און גיט צו פליגל די סאמע דרייסטע טרוימען...

שטייט אוף אויסגעמאטערטע ספּלאַוניקעס!

טרײַבט אָפּ פון זיך דעם זיסן שלאָף! איצט איז די בעסטע צײַט אָף אויסבינדן ספּלאַוועס!

שאַרן זיך שווערע, טעמפּע טריט איבערן שטיינערנעם ברעג. און ס׳הילכט אָפּ אין דער נאַכטישער שטילקײַט:

— זײַליק!

— ליפּצע!

— שטעפּאַן!

ווישן מידע פליטנטרײַבער אָפּ דעם שלאָף פון די אויגן און נעמען וואַלגערן נאַסע אָפּגעשיילטע ביימער, באַגלייטנדיק יעדע באַוועגונג מיט א טיפן אָטעמצוג:

— הע... הא, הע... הא!

און ס'דאכט זיך, אַז אין די ווײַטע בערג קרימט זיך עמעצער נאָך:

— הע... הא, הע... הא...

בינדן פליטנטרײַבער ספּלאָוועס אויס. נעמען פּאַר אַ שוטעף די לעוואַנע.

ווײַל מע דאַרף אָפּכאַפּן. דער זומער איז קורץ. רעגנס לויערן אין די בערג, ווי ווילדע כײַעס אויף זייער רויב, און די מוירע פאַרן ווינטער איז גרויס.

— זיילי

— ליפּצע!

— שטעפאַן!

נעכטן!

אין פּריצישן הויף לעשן זיך איינס נאָכן אַנדערן די גרויסע, געקעסטלטע פענצטער, פאַרהאַנגענע מיט טײַערן זײַד.

לאַקירטע ברישקעס צעפאָרן זיך, רודערן אויף די נאַכטישע שטילקײַט, און דאָס געקאָוועטע פערדישע געלויף הילכט אָפּ, גלײַך מע וואָלט שטיינער געזיפּט.

באַראָן פאָן שטיפּט בלײַבט איבער איינער אַליין.

אין זײַן קאָפּ רוישט דער אַלטער בורגונדישער ווײַן, ווי דער הייליקער קלאַנג פון קלויסטער־גלעקער, און אין זײַן פאַרנעפּלטן שיקערן מויעך זידן די בלוטן פון אופרעגונג. ער פירט אַ שמועס מיט זיך אַליין:

— די ייִדן, אַט דער פרעמדער עלעמענט אויף אונדזער ערד, לויערן אויף מײַנע גיטער, מײַנע וועלדער און זעגמילן...

ער מאַכט אַ שפּאַן פאַרויס צום ווינקל, וווּ עס הענגט אַ זעלטן מײַסטערווערק פון איטאַליענישן רענעסאַנס, ציילעמט זיך ברייט איבער מיט דער גאַנצער פלאַך פון דער רעכטער האַנט און פאַרגלאָצט פרום די אויגן צום „הייליקן בילד", פּונקט ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל דערזען די נאַקעטע, צוגענאָגלטע געשטאַלט פון יעזוסן.

— ביזן סאָף פון אַלע דורות וועלן זיי טראָגן די שולד פאַר דײַן פאַרגאָסן בלוט!

און ציילעמט זיך נאָכאַמאָל איבער.

באַראָן פאָן שטיפּט האָט אין די יונגע יאָרן שטודירט טעאָלאָגיע אין אַ דײַטשישן אוניווערסיטעט... און אין די בורשענשאַפטן און ווײַנקעלערס געכאָוועט אין שיקרעס און זנוס זײַן סינע צו ייִדן, געכאָוועט אינייִנעם מיט זײַן „שטאָלצן גערמאַנישן גײַסט".

איצט שטייט ער אין אַ פרומער פּאָזע. אין האַרצן ברענט אַ ווילדע רעציכע און אין קאָפּ שווינדלט וואַנזין...

— ביזן סאָף פון אַלע דורות...

באַראָן פאָן שטיפּט ציילעמט זיך צום דריטן מאָל איבער. די אָפּגעפאָרענע ברישקעס צעפירן איבער דערפער, שטעטלעך און פּאַלאַצן זײַן שטרענגן באַפעל:

„בונטאַרן אומעטום פאַרפאָלגן און שטרענג באַשטראָפן!"

ווער האָט ניט געקאָנט דעם באַראָנס באַפעלן?

נעכט... פון לעוואָנע־שיַין באַלויכטענע. מיט פלוצעמדיקע אַבלאַוועס און שאַנלאַנגע סאַדיסטישע פאַרהערן אין די סיגוראַנצע־קאַבינעטן.

— יודע...

— באָלשעוויק...

מאַמעס האָבן אויסגעוויינט די נעכט און דערשראָקענע געוואָרפן צדאָקע אין די מייער־באַלנעס־פּושקעס. און טאַטעס האָבן אויסגעבונדן די באַראַנישע ספּלאַוועס, געפירט זיי איבער ברויזנדיקע טײַכן און זיך געשראָקן פאַר פאַרוואַלקנטע הימלען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

א פּוילע לעוואָנע האָט אַריַינגעקוקט אין מײַן צימער, באַגאָסן אים מיט א זילבער־ווײַסער שיַין. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פון די שטוב־ווינקלען שאַרן זיך אַרויס שאָטנס פון מײַן ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט: פליטנטרײַבער, צעשאָסענע באַ די ברעגעס פון היימישע טײַכן, און יונגע טרוימער פון א נײַער וועלט, אומגעקומענע אין די פלאַמען פון מילכאָמע־פײַערן.

# געווּיסן

## (בלעטלעך פון אַן אַלטן העפט)

איך שלאָג זיך שוין לאַנג מיט דער דייע, צי זאָל איך שרײַבן וועגן אים. מיר דאַכט צומאָל, אַז איך האָב קיין רעכט ניט דערויף. עפּשער איז עס די מוֹרא פאַר מעגאַלאָ זײַן אַ סאָד אָדער פאַר כאַלילע שלעכט אויסגעטײַטשט ווערן. און עפּשער איז עס דער געראַנגל מיטן אייגענעם געוויסן. אוודאי קאָן איך מאַכן דעם געהעריקן אָפּקלײַב פון ווערטער און שטימונגען, וואָס זאָלן מינערן יעדן פאַלשן כשאַד. אויך זײַן נאָמען בין איך ניט מעכוייעוו צו דערמאָנען. מיך מאַטערט אָבער אַן אַנדער געדאַנק: צי האָב איך ריכטיק אַרויסגעהערט דעם ווײ פון זײַן צעשפּאָלטן געמיט, פאַרשטאַנען דעם אָפּטן פּלאָמיקן אויפברויז פון זײַן לעבן, צו וועלכן איך בין גרייט זיך צורירן מיט דער פען, ווי אַ כירורג מיטן סקאַלפּעל. און אויב יאָ פאַרשטאַנען, טאָ ווו איז מידאַס־האַראַכמים?

און דאָך וועל איך פּרוּוון.

...פון די שפּאַלטן פון אַ בעקאַוועדיקער צײַטונג האָט מיט גרויסע אויסיעס אַראָפּגעשײַנט זײַן נאָמען. אויב גלייבן דעם אַרטיקל, איז ער אַן אָנגעזעענער ליטעראַטור־קריטיקער, צו וועמענס וואָרט מע הערט זיך צו, וועמענס מיינונג מע שעצט. פּאָעטן ווידמען אים לידער, פּראָזאַיקער וואַרטן אויף זײַנער אַ קריטישער באַמערקונג. נאָר פאַרוואָס, ניט קאַרגנדיק קיין שוואָכים, ווערן ניט דערמאָנט זײַנע ווערק? וואָס האָט ער באַוויזן אָנצושרײַבן פאַר גאַנצע דרײַ צענדליק יאָר?

איך האָב זיך אײַנגעגעסן אין די שורעס.

און ווי אין אומזיכטבאַרער פּאַרהאַנג וואָלט זיך צערוקט, האָבן פּלוצעם פאַר מײַנע אויגן געגומען זיך קנוילן ליכטיקע דערמאָנונגען פון אַ ווײַטן אָפּגעבליטן פרילינג.

...מיר זײַנען געווען נאָענטע פרײַנט.

איך געדענק אים, אַ העל־בלאָנדן, מיט טיפע בלויע אויגן, וואָס האָבן פאַרכאָלעמטע געקוקט אויף דער וועלט. די ליפּן, דינע, עטוואָס ביטערלעך צונויפגעפּרעסטע, האָבן באַהאַלטן אַ סאַרקאַסטישן שמייכל. און זײַן קנאָכיק פאַרשפּיצט פּאָנעם איז געווען באַשירעמט פון עפּעס אַ פרעמדער, ניט־ייִדישער איידלקייט.

ער איז פארטראָגן געוואָרן מיטן יונגן שטראָם, וואָס האָט פון די קליינע בעסאַראַבער שטעטלעך א כלינע געטאָן צו דער אויסטערלישער קרײַזשטאָט מיט אירע צענדליקער אוראַלטע באָטעמעדראָשים, ווי פאַר־שטיינערטע טפילעס, מיט אַן אוניווערסיטעט, וואַרשטאָטן און פאַבריקן, עס האָט געאָטעמט מיטן אַראָמאַט פון ראַדיקאַלע שטימונגען. „באַפאַרבט מיט בלוט פון אַרבעטסמאַן...״

א שטאָט פון פרייד און טרויער, פון אשירעס און אָרעמקייט, מיט זין און טעכטער — אײַדעלע טרוימער... און סעמינאַריסטן אין שוואַרצע גאַ־לאַכישע סוטאַנעס, סטודענטן אין ווײַסע לאַנגע העמדער ביז די קני, פיל פון זיי ארומגעגאַרטלט, מיט דרײַפאַרביקע ברייטע גאַרטלען, מיט האַקנ־קרייצן, ווי שוואַרצע שפּינען, אויף די אָרעמס:

— נידער מיט די ייִדן!

און פון די צלאָמים קימאַט אויף יעדן ראָג, האָט קריסטוס א פאַרטרויער־טער, מיט צעשפּרייטע הענט, גערופן צו ליבע, גוטסקייט און טאָלעראַנץ...

ער איז געקומען פון עפּעס א יעשיווע, מיט סמיכעס אויף ראָוו, און אין טפילן־זעקל אָנשטאָט טפילן — א באַנד „שירים״ פון ביאַליקן. ער איז גע־קומען א פאַרבלענדטער פון א נײַער שײַן און מיטן גאַנצן ברען פון זײַנע צוויי צענדליק יאָר זיך גענומען דורכשלאָגן דורך די דזשונגליעס פון הונ־געריקע, פאַרפּײַניקטע טעג.

עס איז געווען אין יענע געבענטשטע יאָרן, ווען די יונגע ייִדישע לי־טעראַטור אין רומעניע איז אופגעגאַנגען דורך כאָלעם צו וואָר און האָט מיט א טריומף־מאַרש, פײַערלעך און זאָרגלאָז געשפּאַנט איבער כמורנע, נידעריקע גאַסן מיט אַלט־ייִדישן שטייגער און געטראָגן אין זיך דעם וואַ־רעמען, אויסגעיידלטן קאָלאָריט פון שאַפן.

און ער האָט, ווי א פאָדעם, זיך אַרײַנגעוועבט אין אָט דעם ווונדער־לעכן געוועב פון עקסטאַטישער דערהויבנקייט...

עס איז געווען דער טרוים, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פונעם פאַרדרעמלטן שטעטל, און ער האָט געפונען דעם וועג צו דער יונגער שרײַבער־מישפּאָכע, געוואָרן א טייל פון איר, כאָטש דערווײַל נאָך ניט געשריבן.

גיי וויס, פאַרוואָס א שרײַבער שווײַגט!

איך האָב זיך באַקענט מיט אים אין א פאָלקסקיך שוין אין די ערשטע טעג פון זײַן קומען, און מיר איז אופגעפאַלן די באַשיידענע צוריקגע־האַלטנקייט זײַנע, גלײַך ער וואָלט זיך געשראָקן פאַר דער גרויסער מאַכנע באַזוכער — פּאָשעטע ייִדישע אַרבעטער־יוגנט פון קימאַט איין עלטער מיט אים, באַלאָדענע מיט געבוירענער איידלקייט, — באַזוכער, וואָס האָבן אכוץ א ביליקן אָנבײַסן דאָ פרײַ אויסגעכאַלעמט זייער גרויסן כאָלעם...

עס איז געווען א לינדער פרילינג־אָוונט.

א וואַרעם רעגנדל האָט דריבנע געפּויקט אין די טונקעלע פענצטער און זײַנע טראָפּנס, ווי שוואַרצע טרערן, האָבן זיך געקײַקלט איבער די שויבן. אין קיך איז געשטאַנען א געדיכטער גרויער רויך, וועלכן מע האָט געקאָנט שנײַדן מיט א מעסער. און פון דער גרויקייט האָט אין סאַמע

מיזרעך זיך אויסגעטיילט א שווארצער צעשויבערטער קאָפּ. א פּאָר שווארצע אויגן און א שווארץ העמד. און אין אָט דער דורכויסיקער שווארצקייט האָבן די אויגן געפינקלט פּיצבטע, ווי א נאכטיקער וואסער־שפּיגל, און ס׳האָט פיינערלעך געקלונגען די גרויסע מאנגערישע פּאָעזיע.

דינער רעגן אף די שויבן,
רויטער בלי אין גרינער שיין.
כ׳שפּיגל מיינע שווארצע אויגן
אין א בעכער רויטן ווין.

מאנגערס פּארמעט־פּאָנעם, אָן א טראָפּן בלוט, מיט דינע אָנגעלאָפענע אָדערלעך בא די שליפן, איז געווען שטרענג פּארטראכט. ער האָט ניט געלייענט, נאָר אויסגעזונגען זיינע לידער מיט א שיר־השירימדיקן ניגן, און עס האָט זיך געדוכט, אז א ליכטיקער שטראל האָט געשפּאָלטן די גרויקייט.

מיין נייער כאווער האָט מאנגערן צום ערשטן מאָל געזען, ער האָט געקוקט אף אים שטום, פארגליווערט און אין פארטראָגנקייט געמורמלט:

— זיינע לידער זיינען קאפּיטלעך טילים, געשריבן אין יידיש...

איך האָב געהערט דאָס אומרויִקע קלאַפּן פון זיין הארץ.

עס זיינען פארגאנגען עטלעכע טעג, און ער האָט ווידער זיך געטראָפן מיט מאנגערן פּאָנעם־על־פּאָנעם.

דאָס מאָל אין די קליינע צוויי צימערלעך אפן פערטן שטאָק פונעם יידישן הויז, שלעכט באלויכטענע, דערפאר אָבער באשטראלטע מיטן קישעף־ליכט פון יידישן שאפן.

מאנגער האָט געהאלטן זיין באַרימטע לעקציע „צעשויבערטע קעפּ", א מין פאנטאסטיש געוועב פון דיכטער און דיכטונג. און מיין כאווער האָט א פּארגאפטער געשלונגען יעדער מאנגעריש וואָרט און ווידער אין פאר־טראָגנקייט געמורמלט:

— זיינע לידער דארף מען ניט לייענען... מ׳דארף זיי דאווענען...

אין א קורצער צייט ארום האָט מען זיי אָפּט באגעגנט אין גאס: דעם געוועזענעם יעשיווע־באָכער מיטן ניט־יידישן פּאָנעם און דעם „פרינץ פון דער יידישער באלאדע". צוויי צעשויבערטע קעפּ, איינער בלאָנד, ווי ציי־טיקער ווייץ, דער צווייטער שווארץ און העפקער, ווי די נאכט. און בעשאס איינער האָט זיך געשארט בא די ראנדן פון יידישער פּאָעזיע, האָט דער צווייטער מיט איר איינגענומען די וועלט...

פלוצעם האָט דאָס לעבן אונטערגעטראָגן א סיורפּריז.

ער איז מיטאמאָל געזאלבט געוואָרן פאר א קריטיקער. ווער האָט דער ערשטער פארשפּרייט דעם שעם און אף וואָס פאר א סמאך, — איז געבליבן ניט פארענטפערט. מע האָט אפילע ניט באמערקט, אז קיין איין וואָרט זיינס האָט נאָך ניט געזען די ליכטיקע וועלט, ניט געפילט דעם רייעך פון פרישן דרוק. עס האָט דערמאָנט אין יענעם באַרימטן אנדערסען־מייסעלע — קיינער האָט ניט געזען, אז דער מיילעך איז נאקעט...

נאָר ער האָט אליין זיך אופגעפירט באשיידן. זיך ניט געוואָרפן אין די אויגן. אויסגעמיטן הארבע וויקוחים. זיך געהיט עמעצן פארטשעפּען. עפשער

האָט ער געהאַלטן פון דער מידע, אז ווער עס ווינט אין א גלעזערן הויז, טאָר אַף קיינעם קיין שטיינער ניט וואַרפן.

אפילע אויג אַף אויג זיינען זיינע רייד געווען העל, זוניק, באַגאָסן מיט א באַצויבערנדיקער מוזיק פון פּאָעזיע, צו וועלכער ער האָט מאמעש געגליט פון ליידנשאַפט.

און אזוי שטילערהייט האָט ער אלץ מער פארברייטערט ארום זיך דעם קרייז פון אָנגעזעענע שרייבער.

מיין פריינטשאַפט מיט אים האָט מיר ניט נאָר געגעבן דעם שליסל צו זיין געמיט, נאָר אויך קלאָר געמאַכט דעם סאָד פון זיין ניט־שרייבן.

עס איז געווען א ביטערער סאָד, א מין שווערער גראַנגל צווישן אומ־באַהאָלפנקייט און אייגנליבע. און וואָס פארביקער זיינע געדאַנקען זיינען געקומען אַף דער צונג, אלץ אַקשאָנעסדיקער האָבן זיי ניט געוואָלט זיך אויסלייגן אַף פּאַפּיר.

גאַנצע נעכט האָט ער געשריבן, געמעקט, ווידער געשריבן. ער האָט געמיינט, אז דער קויעך פון שאַפן ליגט אין שווארצער קאַווע, און ער האָט זשעדנע זי געטרונקען. און ווען עס האָט סאָפּקאָלסאָף פון זיין שרייבן זיך יאָ עפּעס באַקומען, איז עס געווען בלייך, קורץ־אָטעמדיק, אָן א סימען פון לעבן.

איינמאָל, אין א מינוט פון כעזשבן־האַנעפעש, האָט ער זיך געקלאָגט פאר מיר:

— אַף צו פליעסקען בראַוואָ דאַרף מען האָבן צוויי הענט, אַף צו זיין א שרייבער דאַרף מען אויך האָבן צוויי זאַכן — א וואַרעם האַרץ און טאַ־לאַנט...

ער האָט עס געזאָגט מיט אזא צוגעשלאָגן קאָל, גלייך טרערן וואָלטן אים געוואָרגן.

ניין, ער האָט פארמאָגט ביידע אייגנשאַפטן, נאָר מיט זיין טאַלאַנט ניט געקאָנט זיך אָן אייצע געבן. ער איז ניט געבענטשט געווען מיט דער בראָכע פון נאַטירלעכער שעפערישקייט...

א צווייט מאָל האָט ער מיר דערציילט א מייסע מיט א יידן, וואָס האָט באַשלאָסן אליין צו שרייבן א סייפער־טוירע, געוואָלט זיך צערטלען און זעטיקן מיטן גענוס פון הייליקן שאַפן, אָבער די געצוקטע אויסיעס האָבן אַראָפּגעטריפט פון דער געגנדזענער פען אזעלכע קאַלטע, פארשווומענע. ער האָט געפּרוּווט זיי דערוואַרעמען מיטן בלוט פון זיין האַרצן, נאָר זיי זיינען געלעגן אַפן געלן פּאַרמעט ווי טויטע אָפּגעלאָשענע קוילן... גאַנצע נעכט האָט ער געשריבן און גאַנצע נעכט זיך באַגאָסן מיט טרערן...

איך האָב זיך געהיט פון געבן אים פילן, אז איך פארשטיי דעם רעמעז מיטן יידן, ניט געוואָלט אים מעצאער זיין, ער האָט אָבער אליין צוגעגעבן:

— א פען, אפילע א געגנדזענע, איז גוט, אז מע קען...

און אין דער זעלבער רעגע, באַהערשט פון אן אינעווייניקסטער פאַר־ליבטקייט, פון א גלייבן אין זיך, וואָס האָט אים געלויכטן, ווי א שטערן, האָט ער זיך מיטאמאָל ווי דערמאָנט:

— נעכטן געווען בא דעם שרײַבער נ. ער איז באגײַסטערט פון מײַן עסיי, וואָס איך קלײַב זיך שרײַבן...

ער האָט אַליין זיך פאַרשריגן. ער האָט זיך צוגעוווינט צו הערן דאָס לעבן, ווי א פידל. נאָר צומאָל, ווען עס האָט געשלאָגן ווי אין א פויק, דערצו נאָך באם סאמע אויער, איז ער געוואָרן היפש געצוימט, פאַרשלאָפן אף זיבן שלעסער.

דערווײַל האָבן צײַטן זיך געביטן.

עס זײַנען צוגעקומען נײַע שרײַבער מיט קלינגענדיקע נעמען, און עס איז געווען צו באוווּנדערן, מיט וואָס פאר א לײַכטקײַט ער האָט זיך אַרײַנגעהיימישט אין דער נײַער סוויווע.

אין איינעם א פרימאָרגן האָב איך אים דערזען אף די טרעפּ פון דער שטאָטישער ראטושע.

עס איז געווען א בלענדנדיק לויטערער פרימאָרגן. די פרישע לופט, נאָך ניט קיין אָנגעגליטע פון דער דאָרעם־זון, האָט מעכײַעדיק אָנגעפילט די ברוסט. אינעם קרישטאָל־ריינעם הימל האָבן געשימערט די באגילדעטע צלאָמים אף די אלטע קלויסטער־טורעמס, לאנגזאם געשווומען אינײנעם מיט ווײַסע וואָלקנס, ענלעכע אף הרודעס פרישן שניי. און פון די דעכער און באלקאָנען האָבן אראָפּגעפלאטערט רויטע פאָנען, זיי האָבן אויסגעזען, ווי א ריזיק רויטער וואלד.

אף די גאסן האָט געטומלט מיט יאָמטעוו.

מיליטער־אָרקעסטערס האָבן אופגעשפּילט הילכיקע מארשן. טענצער און טענצערנס אין בונטע נאציאָנאלע קאָסטיומען האָבן מיט לײַכטע גראציעזע באוועגונגען אויסגעפירט אוקראַינישע פאָלקס־טענץ, און פרייד האָט געשפּארט דורך טיר־און־טויער.

איך האָב אים דערזען פונווײַטן אף די טרעפּ פון דער שטאָטישער ראטושע, צווישן ערן־געסט, וואָס האָבן באדארפט באגריסן דעם יאָמטעוו, און די אייגענע אויגן ניט געגלייבט.

לעבן אים איז געשטאנען א מאן אין די מיטעלע יאָרן, וועמען כ׳האָב שוין אמאָל געזען, כ׳האָב ניט געקאָנט זיך דערמאָנען, ווער דאָס איז. מײַן כאווער האָט אין אים עפּעס אַרײַנגערעדט, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז יענער הערט אים מיט גרויס פאַרגעניגן.

— מיט וועמען ביסטו עס געשטאנען הײַנט אזוי גוט־ברודעריש?

— וואָס, דו ווייסט ניט, ווער דאָס איז?

— ניין!

ער האָט אָנגעשטעלט אף מיר זײַנע טיפע בלויע אויגן, וואָס האָבן זיך געמינעט מיט עפּעס א שיקערן אָפּגלאנץ, און זײַן פּאָנעם האָט געשטראַלט מיט גליק און צופרידנקײַט.

— אָבער אזעלכע שורעס זײַנען דיר באוווּסט?

אין ווינטער־פאַרנאכטן אף רוסישע פעלדער,
ווו קען מען זײַן עלנטער, ווו קען מען זײַן עלנטער!

און זײַן שטים, א שטילע, געשמאַמעדיקע האָט זיך פארלוירן אינעם יאָמ־טעוודיקן טומל.

איך האָב ניט געענטפערט. נאָר טיף אין הארצן איז מעקאנע געווען זײַן נאָענטקײַט מיט אזא גרויסן דיכטער, ווי דאָוויד האָפשטיין.

יאָ, איז אים האָט געבושעוועט עפּעס אן אומבאגרײַפלעכע היפּנאָטיזירנ־דיקע קראַפט.

לאנגע יאָרן האָב איך אים דערנאָך ניט געזען.

מיר האָבן זיך באגעגנט ערשט נאָך דער מילכאָמע. פון די פרישע קוואָרים האָט ארויסגעשריגן דאָס ווארעמע בלוט פון אונדזער פארשניטן פאָלק. עס האָט זיך געדאכט, אז די גאנצע יידישע ליטעראטור איז איבער־געשיט מיטן אש פון די קדוישים.

— איך בין געווען בא זיך אין שטעטל, — האָט ער מיר געזאָגט בא דער ערשטער באגעגעניש, — אין אויסגעהארגעטן שטעטל... אפן אָרט פון מײַן אָנהייב־לעבן, פון דער ערשטער וויג... איך האָב געשפּאַנט איבער ארויסגעריסענע מאצייוועס, און די יידישע אויסיעס האָבן געוויינט אונטער מײַנע טריט...

ער האָט טיף איבערגעלעבט דעם גרויסן כורבן. זײַן ניט־יידיש פּאָנעם איז געוואָרן אָפּגעצויגן, די קינבאקן האָבן ארויסגעשטארצט, ווי נאָך א מאגייפע, און די בלויע אויגן זײַנען געווען פארגאָסן מיט טרויער... עס איז געווען זײַן טרויער איבער א וועלט, וואָס איז אכזאָריעסדיק פארטיליקט געוואָרן.

— מ׳וועט דארפן שרײַבן נײַע קינעס...

איך האָב ניט געפרעגט בא אים, ווען ער מיינט מיט דעם „מ׳וועט דארפן", זײַן פּאָנעם האָט אויסגעדריקט אזויפיל צאר, אז נאָך א טראָפן און דער בעכער קאָן איבערגעפולט ווערן...

---

איך האָב זיך אײַנגעגעסן אין די שורעס.

צי דען טאקע האָט ער פאר דרײַסיק יאָר זינט אונדזער ערשטער בא־געגעניש גאָרנישט ניט אָנגעשריבן? יעדנפאלס אזוינס, וואָס זאָל ווערט זײַן דערמאָנט צו ווערן. און מיר האָט זיך געדאכט, אז איך זע אים ארומגיין מיט א פראָזשעקטאָר, וואָס בלענדט שטארק די אויגן, און קיינער זעט ניט דעריבער, אז דער מיילעך איז נאקעט...

די בלעטלעך האָב איך געפונען אין א סייפער, וואָס איך האָב אָפּגע־קויפט בא אן אלטן יידן. דער נאָמען פונעם אווטאָר איז ניט אָנגעוויזן. אויך ניט דאָס יאָר, ווען זיי זײַנען געשריבן געוואָרן. איך האָב אין די בלעטלעך גאָרניט געענדערט, אכוץ דער אָרטאָגראפיע, און אזוי ווי עס איז ניט געווען קיין איבערשריפט האָב איך צוגעשטעלט א קעפּל.

— פארוואָס „געוויסן"?

צי דען מוז אלץ האָבן א פארוואָס?

# א פאַרשפּעטיקטער עכאָ

פון וואָס אָנהייבן?

עפּשער פון יענעם ווײַטן זומערדיקן פאַרנאַכט אין א דאָרעמדיקער שטאָט הארט בא דער גרענעץ? א פּאַפּיראָסן־קלייטל אין א זײַטיק געסל, א לאַמטערן מיט אויסגעזעצטע שײַבלעך באַם רינשטאָק. אַף דער שוועל א פּארקויפערן. די דאָרעמדיקע זון האָט גאָלדיק־ברוין אָפּגעפארבט איר פּאָנעם. די גרינע, ווי יונג גראָז, שפּילעוודיקע אויגן, האָבן געדעדט די שיינע ערדישע שפּראַך פון בלי־צײַט, פון איר האָט געשפּרודלט א לוי־טערער קוואַל פון לעבנספרייד, ווי גלײַך זי האָט פאַר אָט דער טיר ארויס־געטראָגן איר באַכיינטן מיידלשן פלאַטער, און מיט א לידעלע, דורכגעזאַפּט פון פײַן, האָט זי ווי זיך געבעטן בא די פאַרבײַגייער:

קופּיטיע, קויפּט זשע, פּאַפּיראָסן,
טרוקענע, פון טרערן ניט פאַרגאָסן...

איר שטים, מיט א כליפּ אַף די אייבערשטע נאָטן, איז געווען ריז־לענדיק צארט, און אזויפיל קלינגענדיקער זילבער איז געווען אין אָט דער שטים!

דער לאַמטערן באַם רינשטאָק האָט געוואָרפן א קאָסע שײַן אַף איר שלאַנקער איידלקײַט, אָנגעצונדן אין אירע אויגן פארשארטע גרינע פײַער־לעך, און דער קופּער פון אירע שווערע צעפּלאָכטענע האָר, צעטיילט מיט א שרונט אינמיטן, האָט געברענט אינעם זומערדיקן פאַרנאַכט. א פאַרנאַכט, וועלכער האָט פאַנאַנדערגעבלאָזן צעבושעוועטע, בערייסידיקע פלאַמען פון אופגעבערויזטע באַגערן און כאַלוימעס...

איז אָבער יענער פאַרנאַכט, ווי א כאָלעם, צערונען אין הונדערטער שפּעטערדיקע פאַרנאַכטן.

וועלן מיר אויך אַף א ווײַלע פאַרגעסן אין אים.

## 1

...פון מאָסקווע קיין וואַרנע האָט דורך שטאָט און דאָרף, דורך פעלד און וואַלד זיך געטראָגן אין אײַלעניש א צווישנפעלקערלעכער עקספּרעס און אָפּגעוויקלט די לעצטע קילאָמעטער סאָוועטישע ערד.

עס האָט גענומען שפּראָצן אַף טאָג.

בא איינעם א וואַגאָן־פּענצטער איז געשטאַנען אַן עלטערער מאַן מיט א כשיוועסדיק אויסזען פון א געלערנטן און פּאָרטראַכט זיך אײַנגעקוקט אין דעם נעפּל־גרויען באַגינען, אין וועלכן דער צוג האָט זיך אַרײַנגעשניטן מיט א פאַרשטיקטן אָטעם, יאָגנדיק פאָרויס און פאָרויס.

אַן אײן־און־אײנציקער מענטש בײַם לויפנדיקן וואַגאָן־פּענצטער.

וווּהין פירט זײַן וועג?

קאָן זײַן, אַז ער פאָרט גאָר אינגאַנצן ניט קיין אויסלאַנד. פּאַשעט זיך אופגעכאַפּט אַזוי פרי, ווײַל ער מוז אָט באַלד אויסשטײַגן.

פּלוצעם האָט ער זיך נאָכגעפרעגט בײַם קאָנדוקטאָר, ווען עס גייט אָפּ א צווייטער באַן. ער דאַרף פּינקטלעך וויסן, וויפל צײַט עס בלײַבט אין זײַן רעשות, אויב ער וועט איבערײַסן זײַן נסיעה און זיך אַראָפּכאַפּן אויף דער נאָענטסטער סטאַנציע. ער האָט דאָס באַשלאָסן נאָך נעכטן, אָפּפאָרנדיק פון מאָסקווע. איצט אָבער קומען אויף אַלערליי צעשוווּמענע געדאַנקען, און אים באַפאַלט עפּעס א מאָדנע אומרויִקײַט.

עפּשער ענדערן דעם באַשלוס, פאַרקריכן אונטער דער וואַרעמער קאָלדרע ביז איבערן קאָפּ און אַזוי אָפּליגן אויף דער פּאָליצע ביז דער גרענעץ?

א וואָקזאַלכל איז פאַרבײַגעפלויגן. דער זייגער אַפן פראָן האָט געוויזן צען מינוט אויף זעקס. ער האָט א קוק געטאָן אויף זײַן האַנטזייגערל — די מינוטן ליפן. ביז דער נאָענטסטער סטאַנציע איז געבליבן א מין שאָ וועג.

בײַם קאָנדוקטאָר האָט דער זייגער אויך געוויזן די זעלבע צײַט.

צי דען קאָן זײַן, אַז אַלע ווײַזערס פון אַלע זייגערס זאָלן אײַלן אַזוי, ס'זאָל קיין צײַט ניט בלײַבן אויף נאָכאַמאָל אַלץ דורכטראַכטן?

ער האָט פּײַנלעך פאַרביסן די ליפן, א נעץ פון דריבנע, דינינקע קנייטשעלעך און האָט צעקעסטלט זײַן בלאַס ניט־אויסגעשלאָפן פּאָנעם.

און די באַן האָט דערווײַל געאײַלט איבער אומעטיקע אָפּגעקאָסעטע פעלדער.

א פויער איז אופגעשטאַנען מיטן טאָג גלײַך און סקירדעוועט היי בײַ דער סאַמע אײַזנבאַן. זײַנע באַוועגונגען זײַנען שווערלעכע, פאַרהאַקטע, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין אָפּטרייסלען פון זיך דעם שלאָף. ער שפּאַרט זיך אָן א ווײַלע אויף דער האַרבליע און קוקט נאָך דעם צוג. וועמען זוכט ער אין די שוואַך־באַלויכטענע יאָגנדיקע פענצטער? מיסטאָמע קיינעם ניט. פּאַשעט אויס געוווינהײַט שיקט ער נאָך זײַן פרײַנטלעכן גוט־מאָרגן. און ווײַט־ווײַט, אינמיטן סטעפּ, עלנט און סוידעסדיק, וויגט א בעריאָזקע אירע צווײַגן איבער א בערגל ליים מיט א רויטן שטערן צוקאָפּנס. און אין א גרינעם דרעמל צעלויפט זיך איבערן לײַב פון דער ערד א קנופּ פון זיך שלענגלענדיקע ריוון, — סימאָנים פון אמאָליקע טראַנשייען, — ווי אָפענע ניט פאַרצויגענע וווּנדן...

דעמלט אין מיליטער־צוג, אומקערנדיק זיך פון פראָנט, איז ער אויך געשטאַנען בײַם פענצטער. עס האָבן געיאָגט און געדרייט זיך פאַר די אויגן כאָרעווע שטעט, פאַרברענטע דערפער, א צעריסענע ערד און קוואָרים, קוואָרים...

צעווייטיקטע דערמאָנונגען, באַגראָבענע אונטער די אָפּגעפאַלענע בלעטער פון פאַרגאַנגענע יאָרן, וואַכן אויף שטיקער וועלט, שטיקער לעבן דרייען זיך אין א מעשונעדיקן געיעג...

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט.

לאַנגזאַם, וואַגיק, גלײַך ער וואָלט בײַסן אויסשטײַגן זיך אַלץ נאָך געיִישעווט, איז ער אַראָפּגעקראָכן די צווײ וואַגאָן־טרעפּלעך, מיט צעפּלוי־גענע בליקן זיך ארומגעקוקט, פּונקט ווי עמעצער האָט באַדאַרפט קומען אים באַגעגענען און איז ניט געקומען. אים האָט ארומגעכאַפּט אַן אָנגע־קילט פּרימאָרגנדיק ווינטל, און ער האָט דערפילט מיטאַמאָל, ווי עס האָט אַ שלאָג געטאָן דאָס האַרץ אין דער ברוסט, אינעם קאָפּ, אין די אויערן, גלײַך ער וואָלט באַשטאַנען פון לויטער האַרץ.

איצט וווּהין?

די פראַגע איז שטעקן געבליבן אין האַלדז אַ ניט דערזאָגטע. דאָס אײ־גענע קול איז מיטאַמאָל געוואָרן פרעמד. און פונעם וואָקזאַל, וואָס האָט אין דער גרויער פאַרשלאָפנקייט אויסגעזען ווי פאַרוויינט, האָט אויך אַן אָטעם געטאָן מיט אַ נאָגנדיקער פרעמדקייט.

2

וואָס האָט געטראָפן?

אין אַ גרויס דרײַפליגלדיק ווינקל־פענצטער פון דער זאַוואַדישער לאַ־באָראַטאָריע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ גרינלעכע שײַן און, ווי אַ שטערן, זיך דורכגעריסן דורך די פילצאָליקע העל־באַלויכטענע קאָרפּוסן און צעכן.

עס איז געווען נאָענט צו האַלבער נאַכט.

פּראָפעסאָר לעוו גורין, דער הויפּטענערגעטיקער, וועלכער האָט די לעצטע צײַט קימאַט אופגעהערט אַרבעטן דורך די נעכט, איז פּלוצעם זיך ווידער פאַרזעסן אין זײַן קאַבינעט, עפּעס פאַרטיפט געכעזשבנט, פּלאַנירט, געגנישטערט אין ליניעס און ציפערן.

אַלץ איז געקומען אומדערוואַרט.

דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן, ווי אַלע טעג. אַ פינפמינוטיקע באַראַ־טונג מיט זײַנע מיטאַרבעטער. אַ שמועס מיט אַ באַזוכער. פּלוצעם האָט מען אָנגעקלונגען פונעם פּראָפעסאָר׳אַנעלן קאָמיטעט און מיטגעטיילט, אַז אים איז באַשטימט געוואָרן אַן אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער וואָיאַזש צום בולגאַרישן יאַם־ברעג און ער דאַרף זיך גרייטן אין וועג.

— ווען? וויפל צײַט איז געבליבן?

ער האָט פּונקט געהאַלטן אין פאַרענדיקן אַ וויכטיקן פּראָיעקט וועגן פאַרקלענערן אַפּן זאַוואָד דעם טעגלעכן געברויך פון ענערגיע, אַ סיסטעם, אויף וועלכער ער האָט געפּאַטערט אַ סאַך כאַדאָשים האַרעוואַניע. צי וועט ער באַוויזן?

ער האָט שוין לאַנג קיין אויסלענדישע רײַזעס ניט געמאַכט. דאָס לעצטע מאָל איז ער מיט אַ יאָר פינף צוריק געווען אין פּראָג. אין דער הונדערט־טורעמדיקער אַלטערטימלעכער שטאָט, מיט אירע פּאַריסענע קלויסטער־שפּיצן, פּרעכטיקע פּאַלאַצן און קאַשטאַנען־אַלייען אין דער שטאָט, ווו עס גיסן האַרמאָניש זיך צונויף געשיכטע מיט קונסט, גאָטיק מיט באַראָקאָ און ווו עס שימערט אין דעם טויזנטיאָריקן פּראָגער שטיין אַ וווּנדערלעך גע־פלעכט פון ליכט, שאָטן און קאָליר.

נאָר געדענקט האָט ער עפּעס אַנדערש.

זײַן זיכּאָרן האָט געטראָגן די וויזיע פון קרומע, איבערגעפלאָכטענע, פאַרדרעמלטע געסלעך, ניט מער ווי א דרײַ שפּאַן די ברייט. ענגע, גרויע מויערן, בא די גרינע ברעגן פון דער ווּלטאַווע, האָבן כמורע אַריבערגע־קוקט איינער צום צווייטן, ווי צעקריגטע שכיינים. און צווישן די געס־לעך — א ייִדישער בעסאַלמען פון וויַטע פאַרגעפלטע צײַטן, און אַלט־נײַע שול, מיט איר פּרי־גאָטישער קרעאַציע. און אפן אַלטן ראַטהויז־טורעם א זייגער מיט ייִדישע אויסיעס, וואָס זײַנע ווײַזערס דרייען זיך אין א פאַרקער־טער ריכטונג, גלײַך די צײַט וואָלט געגאַנגען אָף צוריק.

די אַמאָליקע, אַלטע פּראָגער ייִדישע געטאָ.

ער איז ווי אַרײַן אין א וועלט פון לעגענדעס, פאַרזונקענע אין שטראָם פון וויַטע צײַטן, וועלכע דוירעס האָבן אויסגעוועבט פון בלוטיקע רעדיפעס און גזיירעס און צווישן זיי די באַוווּסטע גוילעם־לעגענדע, די מעגילע פון קעגנשטעלן זיך מיט דער האַק אין האַנט, גרייט צו באַשיצן און גרייט צו נעקאָמע, ווען בא די טויערן פון געטאָ האָבן געלויערט טויט־סאַקאַנעס.

און פּראָג האָט די לעגענדע אין שטיין פאַרייביקט.

בלויז דער לעצטער גזאַר, דער סאַמע בלוטיקער, איז אויסגעהאַמערט לעדוירעס אָף די ווענט פון דער אַלטער, איידעלער פּינכאַס־שול.

נעמען פון נאַצישע טויטלאַגערן און נעמען פון 77 297 אויסגעלאָ־שענע לעבנס.

נעמען... נעמען... נעמען...

און פון די נעמען שרײַט אַראָפּ, ווי א פאַרשטיינערט געוויין, דער ווײ פון א פאַרטיליקטער היים.

ער האָט געהערט דערציילן, אַז שפּעט באַנאַכט, ווען פּראָג שלאָפט, גייען אַראָפּ פון זייערע פּאָסטאַמענטן דער גוילעם און זײַן באַשאַפער, דער באַרימטער ראַבי לייווי בען בעצאַלעל, דער מאַהאַראַל. דער ליימענער מענטש דרייט זיך אַרום און עלנטער אין די מיט גרויל אָנגעזעטיקטע געסלעך, און האָט ניט מער וועמען צו באַשיצן, און זײַן באַשאַפער, דער מאַהאַראַל, שטייט אין דער אַלטער פּינכאַס־שול פאַר די ווענט פון קידעש־האַשעם, א פאַרקאָוועטער אין טרויער...

און די ווּלטאַווע שווענקט שטיל אירע טונקעלע, באַנאַכטיקע וואַסערן.

שוין פינף יאָר פאַרבײַ. ווי גיך די צײַט לויפט.

אָט איז ער, דאַכט זיך, נאָרוואָס געקומען אפן זאַוואָד. א יונגער אינזשעניער, וועלכן קיינער האָט ניט גערופן אַנדערש, ווי ליאָווע. עמעס, קיין זאַוואָד איז נאָך דעמלט קימאַט ניט געווען. נאָר עפּעס אַן אָנהייב. א פּלאַן, און וורעמיאַנקעס[1], און באַראַקן, און טעג אָן פאַרטאָגן און אָן פאַרנאַכטן. אָבער אין דעם לעבעדיקן גאַנג פון שאַפן זײַנען היסטאָרישע דאַטעס ניט קיין טויבע ווענט, וואָס טיילן אָפּ פאַרשיידענע יאָרן. גיכער זײַנען עס מאַרקיר־צייכנס אָף די אומענדלעכע געשלענגלטע וועגן פון לעבן. און ער איז געגאַנגען אינײנעם מיטן לעבן. געוואָקסן אינײנעם מיט

[1] צײַטווײַליקע ווינונגען (רוס.).

די קאַרפּוסן און צעכן. און בא קוים פּערציק יאָר שוין געוואָרן א דאָק־טער פון טעכנישע וויסנשאַפטן.

אוואדע רופט זיך אָפּ צומאָל די בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים, נאָך דעם שטילן שטעטעלע אויף דער אוקראַינע. ווען די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט, איז ער דאָרט געווען. איינגאַנצן איין מאָל געווען. ער האָט געמיינט טרעפן אייגענע, נאָענטע, און געטראָפן א פאַרסאַרפּעטע, כאָרעווע היים, מיט העפקערע ווינטן איבער פרישע קוואָרים. און כאָטש ער האָט שוין געהאַט הינטער זיך א לאַנגן וועג פון בלוט און פייער, איז ער דאָך א צייט אַרומגעגאַנגען, ווי מיט א קייוועך אין דער נעשאָמע.

אויך אין דער שטאָט, וואָס ליגט דאָרט בא דער גרענעץ, איז ער געווען. דאָרט אויך געזוכט און דאָרט אויך ניט געפונען...

אינצווישן זיינען טעג אוועק אויף צוריק, ווי ברעגן גייען אָפּ אויף צו־ריק פון אָפּגעשוווּמענע שיפן. מע האָט פונדאַסניי באַדאַרפט אָנהייבן לעבן, באַדאַרפט עס צונויפהעפטן אין איין געוועב — פאָדעם צו פאָדעם, כאַ־לעם צו כאַלעם.

ער האָט דעמלט, אַרומגייענדיק איבער די כורוועס פון זיין היים, פּלו־צעם זיך דערמאָנט אין האָפּשטיינס ליד, גלייך ער וואָלט ווידער געווען א שילער פון דער זיבניאָריקער יידישער שול און דער לערער מיטן פאַר־כאַלעמטן שמייכל, וואָס האָט גערעדט יידיש מיט שאַרפע קיילעכדיקע ריישן, לייענט אויף א קאָל:

איך גלייב, ס׳איז מיר באַשערט
אויף מיין יערושע־ערד
דעם אַש פון אַלע סרייפעס אויסצוראַמען...

עס האָט פונדאַסניי אויפגעשפּילט דער באַגער צו שאַפן, בויען. און נייע פּלענער, נייע שטימונגען האָבן פאַרפלייצט זיין יונג געמיט.

און אַזוי שוין א היפּשע פּאָר צענדליק יאָר שטייט ער בעראָש פון א גאַנצן קאָלעקטיוו. זיין ביישפּיל פון באַגייסטערטער שעפערישקייט שטעקט אָן אַלע זיינע קאָלעגן. פאַלט עמעצן צומאָל איין: עפּשער גענוג, זיך שוין איינגעמידט, טוט מען א קוק אויפן צווייישטאָקיקן הויז: אין דעם גרויסן דרייפליגלדיקן פענצטער ברענט א גרין פייערל, לעוו נאָומאָוויטש איז אויף דער וואַך... ווערט וואַרעמער אויף דער נעשאָמע און עס קומען צו נייע קויכעס.

איצט האַלט דער קאָלעקטיוו אין פאַרענדיקן א וויכטיקן פּראָיעקט, וואָס דאַרף פאַרקלענערן דעם געברויך פון ענערגיע.

צי וועט ער באַווייזן?

עמעס, דער אָנלויף פון טאָגטעגלעכע פאַרצווייגטע פּראָבלעמען, אויפ־געקומענע באַם אויסאַרבעטן אָט די נייע סיסטעם, האָבן אוועקגערויבט ניט ווינציק קויכעס, און דער אָפּרו באַם שוואַרצן יאַם וואָלט איצט געווען ווי צוגעטראָפן.

אָבער, צי וועט ער באַווייזן?

ער האָט אויסגעטאָן די ברילן, אויסגעווישט די גלעזלעך.

— ווען? וויפל צייט איז געבליבן?

לויט דעם ענטפער, וואָס ער האָט באַקומען, איז געווען קענטיק, אַז

צײַט איז פאַראַן. און ער האָט א צופרידענער געענטפערט אין טעלעפאָן־טרײַבל:

— גוט, מאַסקים.

און ווידער, אַרײַנגראָבנדיק זײַן גראָען קאָפּ אין ציפערן און ליניעס, זיך פאַרזעסן ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַרײַן.

## 3

ווען פּראָפעסאָר גורין איז צוגעפאָרן צום אַעראָפּאָרט, וואָס האָט זיך געפונען א צוויי קילאָמעטער אַרויס פון דער שטאָט, האָט די זון שוין געהאַלטן אין אונטערגיין. איר פײַערדיקע ראָד איז געווען טיף אַרײַנגע־זעצט אין דער הימלשער בלויקייט, געגאָסן מיט פּליסיקן גאָלד איבער פּאַסאַדן און דעכער, און די לופט איז געווען פול מיט מילדע סאָף־זומערדיקע קלאַנגען.

„אַנושקאַ" האָט, ווי א זילבערנער אָדלער מיט צעשפּרייטע פליגל, זיך אָפּגעריסן פון דער סיבירער ערד, א שוועב געטאָן צו די הימלען און איבערגעלאָזט אונטער זיך די שטאָט, א פאַרשלייערטע אין א דינעם נעפּל פון טכילעס נאַכט.

ער איז געפלויגן קיין מאָסקווע.

אין סאַלאָן, טראָץ דעם רויש פון די מאָטאָרן, איז געווען שטיל. גורין האָט נאָך צוויי וואָכן אָנגעשטרענגטע אַרבעט געגאַרט אָט די מערקוויר־דיקע שטילקייט. מיטן רוקן אָנגעלענט צום ווענטל פון שטול, האָט ער פון מאָל צו מאָל פאַרוקט דאָס פאָרהענגל, און צוגעפאַלן מיטן פּאָנעם צום קליינעם קײַלעכדיקן שײַבל.

דאָרט אױף יענער זײַט, אין די ווײַטע מערכאָקים, איבער פאַנטאַסטישע הייכן און אָפּגרונטן, איז אָנגעגאַנגען די אייביקע שפּיל פון טאָג און נאַכט. אױף מיזרעך האָט נאָך געהאַלטן אין פּאָרענדיקן איר גאַנג א צע־פלאַמטע זון. פאַרצויגן א שטיק הימל מיט א שאַרלעך־רויטער בלענדעניש, און ס'איז שוין אָנטקעגן געהאַנגען א פולע בלייכע לעוואָנע. מיטאַמאָל האָט די זון אויסגעלאָשן אירע פײַערן, דער הימל האָט גענומען האָגלען מיט שטערן, וואָס זייער ליכט האָט מיט א פאַנטאַסטישער שנעלקײַט דורך טויזנטער יאָרן געיאָגט צו דער ערד, און דעם קאָסמישן כאַלעל האָט פאַרנומען דער אייביקער אומרו פון נאַכט און פינצטערניש.

פּראָפעסאָר גורין האָט א טראַכט געטאָן: אַשטייגער, ער זאָגט צו עמעצן:

— אָט אַזוי, פון אייביקײַט צו אייביקײַט שטעלט זיך אײַן דער גע־ראַנגל פון ליכט און פינצטערניש, אין דער נאַטור, ווי אין מענטשלעכן לעבן.

פון די רייד האָט זיך אָנגעהויבן א שטילער שמועס מיט זיך אַליין, ווי גלײַך דער סאָד פון וועלט און אייביקײַט וואָלט זיך ערשט הײַנט אַנטפּלעקט פאַר אים.

עמעצנס קאָל האָט צערטלעך א גלעט געטאָן זײַן געהער. גורין האָט

אַפּגעריסן פּונעם שײַבל זײַן פּאָרטראַכטקײַט און דערזען אַ יונגע סטיוואַר־דעסע, וואָס האָט ניט אַזוי מיטן מויל, ווי מיט אירע גרינע צעשפּילטע אויגן, פאַרגעלייגט:

— לימאָנאַד, ביטע...

אַ גוטמוטיק בלאָנדזשענדיקער שמייכל האָט אויסגעשנירלט אירע עט־וואָס צעעפנטע ליפּן, און פון אָט דעם שמייכל האָט איר פּאָנעם באַקומען אַ כיינעוודיק־שטיפערישן אויסזען.

— לימאָנאַד, ביטע...

אירע קופּער־רויטע האָר זײַנען שווער אַראָפּגעפאַלן איבער אירע פּלייצעס און מיט אַ פײַערדיקן שטראָם געברענט אויף איר הויכן האַלדז. אירע אויגן האָבן אויך געשאָטן מיט פײַער אַרום זיך, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַנדערש ווי גרין־פרײדיק קאָנען זיי ניט פלאַמען.

גורין איז אין אויגנבליק געבליבן זיצן אַ געפּלעפטער.

די ערשטע רעגע האָט ער עפעס ווי ניט פאַרשטאַנען, וועמען ער זעט פאַר זיך. אַ נערוועזע צערודערונג האָט ווי אין דער נעפּלדיקײַט פון אַ כאַלעם אים פּלוצעם פאַרטראָגן צו די ווײַטע טעג פון זײַן אייגענער יוגנט, פון דער ערשטער ליבע מיט איר קישעף פון פּאָעזיע און באַ־האַלטענעם אופּברויז, און זײַנע אויגן האָבן אַ פינקל געטאָן מיט צע־בליצטע בליקן:

„ריטאַ!"

ס'איז אָבער ניט געווען יענע ריטאַ, וועלכע גורין האָט, ווי אין אַ צויבער־שפּיגל, דערזען פאַרקערפּערט אין דער יונגער סטיואַרדעסע, נאָר אַן אָפּבילד פון דעם מיידל, וואָס איז אין פאַרלויף פון יאָרן ווי אַ כאַלעם פאַרשוווּנדן אינאיינעם מיט זײַן פריִער יוגנט.

און איצט, ווי עס וואָלט ניט געווען קיין אָפּגרענעצונג פון צײַט, האָט דער נאָמען אַ שפּיל געטאָן אין זײַן צעפלאַמטן מויעך מיט אַלערליי ליטערע און דורכזיכטיקע קאָלירן.

— לימאָנאַד, ביטע. .

דאָס קאָל פון דער סטיואַרדעסע, איר אויסזען האָט ווי צעבלאָזן פלאַמען פון אַ ווײַטער צײַט, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר אויסגע־לאָשן אויף שטענדיק, צעוויקלט אַ פילפאַרביקע פילם־לענטע, וואָס דעם ווערט פון יעדן קאַדער האָט ער, דאַכט זיך, אָנגעהויבן באַנעמען. איר שטים האָט אים דערמאָנט אין גאָר אַנדערע ווערטער, ווערטער, דורכ־געזאָפּטע מיט פּײַן.

קופּיטיע, קויפט זשע, פּאַפּיראָסן,
טרוקענע, פון טרערן ניט פאַרגאָסן...

די ווערטער האָבן אופגעוואַכט אין זײַן זיקאָרן אַזעלכע ווײַטע און אַזעלכע נאָענטע, גלײַך ער וואָלט אַ צווייט מאָל, טראָגן דעם סייכל האַיאָשער, איין און דעם זעלבן כאָלעם געכאָלעמט. דעם כאָלעם פון אַ לעבן, פאַרקערפּערט אין אַ צווייט לעבן, ווי אַ פאָדעם פון אַ ריזיק געוועב, אַרײַנגעפלאָכטן אין אייביקײַט, ווי די אייביקע שפּיל פון טאָג און נאַכט אויף יענער זײַט באָרט.

...ליאָווע גורין איז נאָכן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט געשיקט געוואָרן אַלס פיזיקער אַף דאָרעם, אין איינעם פון די נאַרוואָס באַפרײַטע קאַנטן. אַ יונגער באָכער, אַ לעבעדיקער און וויסנגיריקער, איז ער פאַרטראָגן געוואָרן אין אַ וועלט מיט זיטן און מינהאָגים, וואָס האָבן אים אויסגעזען אַנדערש און פרעמד. ער האָט אַף יעדן שריט און טריט זיך אָנגעשטויסן אין אָט דער אַנדערשדיקײַט און בײַ זײַנע קוים צוויי און צוואַנציק יאָר זי איינגאַנצן ניט פאַרשטאַנען.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָט ער אָנגעטראָפן אין יענעם געסל, ווו פאַר דער טיר פון אַ פּאַפּיראָסן־קלייטל האָט אַ יונג מיידל, ווי אַ פּייע, געצווייבערט מיט איר געזאַנג צופעליקע פאַרבײַגייער:

קופּיטיע, קויפּט־זשע פּאַפּיראָסן...

און אַף אַן אַלטער גיטאַרע אויסגעשפּילט דעם ניגן אַזוי, גלײַך ווי איר מיידלשע בענקשאַפט וואָלט אַרויסגעשריגן פון די אָנגעצויגענע סטרונעס.

גורין האָט ניט פאַרשטאַנען צוליב וואָס דאַרף עס אַ מיידל, מיט אַזאַ יוגנטלעכער צעשפּילטקײַט, שטיין אַפן גאַס און לאָקן קונים, ווען אַרום זידט און קאָכט אַ נײַ לעבן. ער האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן, און, קויפנדיק פּאַפּיראָסן, געפרעגט בײַ איר:

— דו האָסט ניט קיין אַנדער אַרבעט?

ער האָט זיך געווענדט צו איר אַף „דו" און זיך געכידעשט, וואָס אָט דער קורצער, שטומפּיקער קלאַנג האָט פּלוצעם באַקומען אַזויפיל פאַרבײַקײַט.

זי האָט געטאָן אַ קאָסע קוק אַף אים מיטן פײַער פון אירע גרינע אויגן, ווי יונג גראָז, ווי געזאָגט: „עפּעס צופיל ווילט איר וויסן".

אַן אויגנבליק האָט זי אים געלאָזט דורך אַ שפּעלטיקל פון אירע לאַנגע וויִעס אַרײַנקוקן אין איר פרישער, מיידלשער יונגקײַט, וואָס האָט אַרויסגעפלאַטערט פון אירע דורכזיכטיקע שוואַרצאַפּלען, און קורץ געענטפערט:

— ניין, דאָס איז ניט מײַן אַרבעט... פּאָשעט אויס געוווינהײַט...

מענטשלעכע געוווינהײַטן... אַרײַנגעשפּינטע, ווי אַ פליג אין אַ נעץ, ווי אײַנגעגעסענער זשאַווער אין די קנייטשן פון זאַרג פאַרן מאָרגן, האָבן זיי ניט לײַכט זיך אונטערגעגעבן דעם נײַעם לעבנסשטייגער. דאָס געוועזענע קרעמערל איז שוין געווען אין אַ מעלוכיש קלייטל, באַקומען אַ געזיכערטן לוין, נאָר פון געוווינהײַט געמיינט, אַז זײַן טאָכטער, וועלכע גרייט זיך אָנקומען אין אַ טעכניקום, דאַרף אים אַלץ נאָך העלפן ציִען פּאַרנאָסע...

אָבער דער שימער פון לעבן איז ניט געלעגן אין די אָפּשטאַרבנדיקע געוווינהײַטן, נאָר אין די זאַפטיקע אָרעמס פון יוגנט, אין דעם רייץ פון שפּילנדיקע אויגן. גורין האָט אַרײַנגעקוקט אין אָט די אויגן און שטיל געפרעגט איר נאָמען. און זי האָט פּונקט אַזוי שטיל צעלייגט אין צוויי טראָפּן:

— ריי־טאַ.

דערבײַ איז איר נעזל געוואָרן שקאָציש פאַריסן. דורכן ענגן אָפּגעצױ־געגעם סוויטער האָבן זיך אַרויסגעפּרעסט אירע שטײַפע, היפּשלעך אַרויס־געזעצטע מיידלשע בריסטן. אַ קאַלטע עפּל־רויטקייט האָט מיט אַן אײַנגע־בוירעגעם כיין געגליט אויף אירע באַקן, און איר פּאָנעם האָט פאַרקרימט אַ קימאַט טײַוולאָניש שמייכעלע.

עפּשער האָט דער לאַמטערן געוואָרפן אַזאַ קרומע שײַן?

און געווען איז אַ זעלטענער פאַרנאַכט. דער ברייטער הימל האָט גע־טריפט מיט לעוואָנע, זילבער און בלויקייט. גורין מיט ריטען האָבן שפּאַ־צירט אין שכייניש ן סאָד, זיך אַרײַנגעשלײַכט אין שאָטן פון צעצווײַגטע עפּלביימער. ס'איז געווען די אָנהייב־צײַט פון בליונג, און די ביימער האָבן געבערענט מיט טויזנטער ווײַסלעכע קנאָספּן, ווי גלײַך עמעצער וואָלט זיי באַזילבערט מיט שטערן־שטויב.

דער ווײַסער פרילינג־קישעף!

יענער פרילינג אין לעבן, וועלכער צווינגט פאַרליבטע אַרויסזאָגן ווער־טער, וואָס זייער אייגנטלעכן ווערט זיי באַנעמען ערשט אין האַרבסט אָדער קיינמאָל ניט...

וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ שפּאַצירל!

ריטאַ האָט זיך באַוועגט מיט אַ לײַכט, פּעדערדיק גענגעלע. פון איר שלאַנקער בייגעוודיקייט האָט אָפּגעשלאָגן מיט רייץ, וואָס איז געלעגן אין יעדן קנייטש פון איר קלייד, אין יעדן פאַלד. און גורין האָט איר געזאָגט ווערטער, וועלכע זי האָט ביז איצט ניט געהערט פון קיינעם. ער האָט געזען אירע שטראַלנדיקע אויגן, אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אויף די לאַנגע הערעלעך פון אירע שוואַרצע ווײַעס ציטערן צוויי גרויסע ליכטיקע טרערן, גרייט זיך אָפּרײַסן און אַראָפּפאַלן, ווי ריינע דימענטלעך. און נאָך האָט ער געזען אירע פולבלעכע קאַרשן־רויטע ליפּן... און עפּעס בערייישיסדיקע פלאַמען האָבן געבושעוועט אין זײַן ברוסט...

דערווײַל האָט די ראָד פון לעבן פאַרגעזעצט מאַכן אירע רונדעס. די צײַט איז געגאַנגען מיט שטומע טריט.

פאַרליבטע הערן קיינמאָל ניט די טריט פון דער צײַט.

ווײַל אַ סאַך פרייד איז געווען אויפן הימל און אויף דער ערד, און ווײַל פרילינג און ליבע איז געווען אויף דער וועלט, און פריידיקע יוגנטלעכע צעלאַכטקייט פון ביידע.

גורין האָט ניט געוווּסט, וואָס עס וואַרט אויף אים אין דער צוקונפט. און ריטאַ האָט אויך ניט געוווּסט. און קיין איין מענטש אין דער וועלט ווייסט עס ניט. דערצו איז ער געווען צו יונג, קעדיי קאָנען אויסרעכענען פאָרויס זײַנע קויכעס. און ריטאַ איז געווען נאָך ייִנגער. זייער ליבע איז געווען העכער פון אַלע ערדישע כעזשבוינעס, העכער אפילע פון די וואָלקנס און פון דער לעוואָנע...

אָבער פאַר פאַרליבטע איז דער פרילינג געווען אַ צו קורצער, און מע האָט באַדאַרפט באַם זומער אויסבאָרגן טעג. האָט פּלוצעם אויסגעבראָכן דער מילכאָמע־שטורעם אויף אונדזער ערד, זיך געוואָרפן אויף זייער ליבע מיט מערדערלעכער קראַפט, און דער יונגער כאָלעם איז געבליבן אַ ניט דער־כאָלעמטער...

דאָס איז געווען דער איינציקער ראָמאַן אין גורינס יונגן לעבן. אַ ראַ־

מאַן אַן אַנהייב און אַן אַ סאָף. און איצט נאָך אַ סאַך, אַ סאַך יאָרן בלעטערט ער די אָפּגעבליאַקעוועטע טײַערע זײַטלעך.

אין מאָסקווע האָט פּראָפעסאָר לעוו גורין געביטן זײַן מאַרשרוט. פונעם עראָפּאָרט ווינוקאָוואָ איז ער אַריבערגעפאָרן אויפן קיִעווער וואָקזאַל און פון דאָרט פאַרגעזעצט זײַן רײַזע מיט דער באַן.

5

...איצט וווּהין?

ער האָט לאַנג זיך געפּלאָנטערט צווישן נײַע פאַרביקע גאַסן מיט אויסגעגלאָשענע פענצטער. אַרײַנגעקוקט אין די הײַזער, אַלע גלײַך אומבאַקאַנט. אַ געוויסע צײַט האָט ער זיך געשאַרט לענגויס די פאַסאַדן, ווי ער וואָלט אויסגעקליבן, אין וועלכן טויער אַרײַנגיין.

דער קאַיאַר האָט ביסלעכווײַז אויפגעוועקט די שטאָט. איינצלנע מענטשן האָבן געשאָטנט, ווי סילועטן. פרעמדע מענטשן, נאָר גורין האָט זיך אײַנגעקוקט אין זייערע פּנימער.

ער האָט געוואָלט אויף אַ רגע אָפּשטעלן די צײַט, אַ קוק טאָן אויף צוריק, זיך דערמאָנען, ווי דורך אַ כאַלעם, דאָס זײַטיקע געסל מיטן לאַמטערן באַם רינשטאָק, און אויף דעם זעלבן אָרט, וווּ דער כאַלעם האָט זיך איבערגעריסן, גלײַך מע וואָלט געדרייט אַ טעלעפילם אין פיל סעריעס, דערזען מיטאַמאָל ריטען אויף דער שוועל פונעם פּאַפּיראָסן־קלייטל.

אָבער ריטא איז אוועק... ריטא איז געוואָרן בלויז דערמאָנונג...

פּלוצעם האָבן אין דער טויבער פאַרטאָגיקער שטילקייט זיך אַרײַנגעריסן אַקאָרדן פון אַ גיטאַרע. שטאַרקע, געדיכטע אַקאָרדן, ווי זיי וואָלטן ענג געוועזן אין דער גרויער מאָרגן־לופט. און עס האָט זיך צעוויגט אַ מיידלשע שטים, צאַרט און טרויעריק:

קופּיטיע, קויפט זשע, פּאַפּיראָסן,
טרוקענע, פון טרערן ניט פאַרגאָסן...

עפשער האָבן פייגל אַזוי געזונגען? און עפשער האָט ער זיך אַליין אַזוי דערציילט אַ מײַסעלע פון מיט פערציק יאָר צוריק?

עפשער איז אַזוי געווען, און עפשער ניט...

...פונוויטן האָט זיך דערטראָגן אַ גרילץ פונעם ערשטן טראָליבוס. זיך צעשאָטן אויף איינציקע צעדרויבלטע קלאַנגען און זיך אָפּגערופן אין גורינס האַרץ מיט אַ מאָדנעם אומרויִקן פלאַטער.

ער האָט פאַרהאַלטן אַ טאַקסי און זיך אומגעקערט צום וואָקזאַל, פאַרלאָזנדיק די שטאָט האַרט בײַ דער גרענעץ, ווו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּאָר שאָ, קעדיי צו הערן, ווי אַ פאַרשפּעטיקטן עכאָ, דעם לעבעדיקן איבערגעריסענעם ניגן פון זײַן יוגנט.

# שפינוועבס

## 1

אין אַ יונגן ליכטיקן אַפּרעל־פרימאָרגן, ווען די וועלט האָט נאָרוואָס מיט אַ פריידיקער פאַרביקייַט זיך צעבליט, און דער זון איז מיטאַמאָל געוואָרן ענג אין פענצטער, איז אין אַ שרייַבער־הויז ניט ווייַט פון קיִעוו דערגאַנגען צו מיר אַ טרויעריקע בסורע, ווי אין אַ שוואַרצן וואָלקן אייַנגעוויקלט, און כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז ערגעץ אין אַ גרויסשטאָט, אויף איינער פון די צענטראַלע מאַגיסטראַלן, איז אין מיטן העלן טאָג אומגעקומען מייַנער אַן אַלטער גוטער פרייַנט...

ווייַטער דרייַ פינטעלעך... און שוין.

מיר איז אומעטיק געוואָרן פון אָט דער פלוצעמדיקער ידיִעה. עפּעס אַ רויִע קעלט האָט מיך אַרומגעכאַפּט, און די ליכטיקייַט, וואָס האָט געשטראָמט פון אַ גאַנצן בונט פריידיק־לאַכנדיקע שטראַלן, האָט געשטאָכן די אויגן. איך האָב צוגעשלאָסן די וויִעס, און אַזוי, מיט פאַרמאַכטע אויגן, געפּרוּווט אויסלייגן אין מויעך דעם גאַנצן אומגליקלעכן פאַרלויף פון דער געשעעניש.

אַ כוואַליע פון ווילדע, פאַנטאַסטישע געדאַנקען האָט אַ שפּאַר געטאָן אין מייַן מויעך. ווי אין אַ קאָלירטן פילם האָב איך דערזען אַ ווייַטע, איבערגעפולטע שטאָט, אַ צעווירעטע פון פיר־ און זעקסשטרייַפּיקע אויטאָסטראַדעס, איבער וועלכע ס'יאָגן אין אַ שווינדלענדיקן געייַל, פאַרגעסנדיק דעם נעכטן און דעם מאָרגן, גאַנצע לאַווינעס פאַרשיידנפאַרביקע אויטאָמאָבילן, פּלאָנטערן זיך פון ענגשאַפט, ווי אין אַ ווירבל־געדריי, ווערן פאַרשלונגען פון אַ מעשונע־ווילדן פאַרטויבנדיקן געבריל, און אַ טומלענדיקער אופגערודערטער מענטשן־שטראָם האוועט איבער די טראָטואַרן.

פלוצעם... סטאָפּ!

אַ פינקלענדיקער „פּיִאַט‟ האָט מיט אַ גרילצנדיקן אַליאַרם־קוויטש פאַרטשעפּעט אַ שווערן, אומגעלומפּערט פאַלנדיקן קערפּער און זיך אַ גליטש געטאָן מיט אים איבערן געשליפענעם אַספאַלט. דאָס האַסטיקע יאָגעניש האָט מיטאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט, און אין דער מינוטן־לאַנגער פאַרשטאַרטקייַט האָט אַ סירענע פון גיכער הילף זיך אַרייַנגעשניטן מיט אַ צעצויגענעם געשריי פון אומקום. אַ גרוילעכע צעשוווּמענע שרעק האָט זיך פאַנאַנדערגעוויגט צווישן הימל און ערד.

— וואָס האָט פּאַסירט, סיניאָרינאַ?

— גאָרניט... אַן אַלטער מאַן, עפּעס אַ פרעמדער, מיט אַ ניט־דערוועלטיקער פאַרטראַכטקייַט, איז געפאַלן אונטער אַ מאַשין...

איר יונג, קופער־פארביק פּנים האָט באהאלטן א טונקעלן, פון גלייב־גילט געשליפענעם שמייכל, און אין אירע קארע אויגן האָט א פינקל געטאָן דער סארפּעדיקער פלאם פון דאָרעם־איטאליע.

און דער פרעמדער אלטער מאן איז א צענעריקטער געלעגן אויף א צענטראלער גאס אינעם אלטן רוים. זיין גראָער קאָפּ איז געווען אויסגע־דרייט אין א זייט, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט. פון דער איינגעבראָכענער ברוסט האָט זיך נאָך געזיפּט א טרוקענער כריפּ, זיך צעברעקלט אינדער־לופטן. ס׳האָט זיך געפילט, ווי מיט א מעשונעדיקן ווייטיק רייסט זיך דאָס ערדישע צו אנטלויפן, און טראָפּן נאָך טראָפּן רינט אויס דאָס לעבן. די בלוט־פארלאָפענע אויגן פונעם אלטן מאן האָבן מיט א פארגליווערטן כידעש־בליק זיך לאנגזאם געלאָשן...

בא דער זייט האָט עלנט זיך געוואלגערט אן איבערגעפאָרענער אופ־געריסענער לעדער־טאש, פון וועלכן ס׳האָט ארויסגעשטארצט א בוך אויף א מאָדנע פרעמדער שפראך, און דער ווינט האָט געמישט די זייטלעך אהין און צוריק, אהין און צוריק...

דער ווינט האָט געלייענט „באָנציע שוויג״, וואָס „איז ווי א שאָטן דורך אונדזער לעבן״, און דער גרויזאמער אקט פון טויט, די שרעק־לעכע רעטעניש, איז אופגעבונדן געוואָרן אזוי גיך, אזוי פּאָשעט. און שוין...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאכט זיך, אָט דאָ ניט לאנג, ווען עס האָט, ווי א פאנטאסטישע כאָלעם־שפּיל, זיך אָנגעהויבן פארשפרייטן א פיבער פון וואנדערן, האָב איך אים באגעגנט אין גאס, איינגעטונקען אינעם אָוונטיקן ליכט פון צעהעלטע ווי־טרינעס. ער האָט אויסגעזען מוירעדיק פארזאָרגט. די בלענדנדיקע נעאָן־רעקלאמעס האָבן ניט געקאָנט פארשרייען און פארשטעלן די פארזאָרגט־קייט אויף זיין פּנים. ווי א ווייטער אומעטיקער עכאָ רופט זיך אָפּ אין מיינע אויערן זיין אופגערעגט, צעטרייסלט קאָל:

— שוין עפּעס לאנג דיך ניט געזען... ווייסט, מיר גרייטן זיך אויך אין וועג... קלייבן זיך אוועקפאָרן...

דעם „אויך״ האָט ער פארשלוקערט, פארכלינעט, ווי עס וואָלט אים מיטאמאָל פארפעלט אָטעם. אין זיינע אויגן האָבן א בלישטשע געטאָן קליינע, קינדערשע טרערן. און פון א וויטרינע האָט געקוקט אויף אונדז א פרויען־מאנעקען און געשמייכלט מיט א פארגליווערטן שמייכל.

איך האָב גראָד באקומען אויף א לענגערער צייט א פּוטיאָווקע אין א שרייבער־הויז און צוגעזאָגט אויף מאָרגן ארייַנקומען צו אים זיך געזעגנען.

און אָט איז ער געבליבן אונטערוועגס א ניט־דערפאָרענער. געבליבן אויף אייביק אין דער „אייביקער שטאָט״. און אין געדאנק האָט אופגעבליצט דאָס אלטע ווערטל:

„די פיס טראָגן, וווּ דער קאָפּ זאָל ליגן״.

און שוין.

ניטאָ מער מיין פריינט.

געוועזן — ניטאָ. ווי ענג פאַרבונדן זײַנען די צוויי באַגריפן אינעם גאַנג פון אײביקײַט. און פון דער בסורע האָט אַרויסגעשריגן דער טרויער פון ניט־דאָ־קײַט...

2

ווען האָבן מיר זיך באַפרײַנדעט?

איך געדענק הײַנט ניט פּינקטלעך, ווי־אַזוי איך בין געוואָרן אַן אָפטער אַרײַנגייער אין זײַן קליין, גאַסטפרײַנטלעך בוידעם־שטיבל, וואָס איז געווען אַ מין „ליטעראַרישע היים" פאַר יונגע שרײַבער אָן אַ היים.

קנוילן זיך דערמאָנונגען, ווי אָפּגעריסענע בלעטלעך פון אַ קאַלענדאַר. איך לאָז זיך פירן פונעם זיקאָרן צו יענער ווײַטער צערודערטער צײַט, צו דעם אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן, ווען פון בעסאַראַבער קליינע שטעטלעך האָט צו דער רומענישער קרוינשטאָט — בוקאַרעשט אַ כּלינע געטאָן, ווי פון אַן אופגעריסענער דאַמבע, אַ כוואַליע פון ייִדישער יוגנט, אַן אויסגעבענקטע נאָך דער גרויסער וועלט און אַ זשעדנע נאָך אידילישער שיינקײַט און דערהויבנקײַט. אַ יוגנט, אָנגעלאָדן מיט אַ הייסן אופברויז פון בונטאַרישע שטימונגען און מיט בליקן פון אומרו צו דער וועלט און צום לעבן.

איבער אַלע ענגע בוקאַרעשטער ייִדישע גאַסן האָט מען געקאָנט זיי באַגעגענען, די בעסאַראַבער זין און טעכטער, פאַרטראָגענע אין די הויכע כאַלוימעס פון ווען איבעראַנדערשן די וועלט, כאַלוימעס, וואָס האָבן געלויכטן מיטן ליכט פון זייערע ערשטע און הייליקסטע געפילן.

...אמאָליקע ענגע בוקאַרעשטער גאַסן, ווי אַ גרויער קנויפּ פאַרפּלאָנטערטע האָר, וואָס ווערן קיינמאָל ניט צעקעמט. אַן אַרבעטער־סלאָבאָדקע מיט אָפּגעבליאַקעוועטע נידעריקע הײַזער, פאַבריק־קוימענס און שטומע קלויסטער־שפּיצן. אויף די ראָגן ברודיקע טראַקטירן, נאַכט־לאָקאַלן און יונגע הפקערע פרויען, וואָס זוכן דורך די נעכט ווען צו פאַרקויפן זייער צאַרטקײַט, זייער ליבע, און הונגער פיבערט אַרויס פון אונטערגעפּאַרבטע אויגן.

האָט, ווי פון אַ צאַרטן גלעט, זיך צעפּרילינגט אין אָט דער סלאָבאָדקע אַ יונגע ייִדישע ליטעראַטור. עס האָט זי געבוירן די ייִדישע גאַס. דער אופּבלי פונעם ייִדישן וואָרט. אַ גאַנצער דאָר שרײַבער מיט וואַרעמע הערצער און לײַדיקע קעשענעס, געטראָגן פון דער בענקשאַפט צו עפּעס אַ העכערער שליכעס, האָט יונג און פריידיק זיך צעזונגען מיט אַ פרישן און מעכטיק געזאַנג. און ס'האָט דער ניגן אָפּגעקלונגען אין אַלע שיכטן פון פאָלק, באַזונדערס אין דער אָרעמקײַט, אַ באַזונגענע אין די נײַע לידער און אין דעם גאַנצן שעפערישן געוועב פון דער יונגער פּאָעזיע.

און אַ לינדער ווינט פון ראַדיקאַלן ראָמאַנטיזם האָט אופגעכאַפּט דאָס געזאַנג. עס צעטראָגן איבער די קליינע, נידעריקע, סובלאָקאַטאָרישע מאַנסאַרדעס, ווו עס האָבן זיך געמערט די ייִדיש לייענער, געקומענע פון פאַבריקן און וואַרשטאַטן.

ער איז אויך געוועזן פון יענעם דאָר לייענער.

אַ שנײַדער בען שנײַדער איז ער געקומען פון אַ פאַרוואָרפן בעסאַראַ־

בער שטעטל און מיטגעבראַכט מיט זיך אַן איינגעבוירענע ליבע צו ייִדי־שער פֿאָלקס־שאַפֿונג, וועלכע האָט געפֿונען אַ גינסטיקן באָדן אינעם צע־וויגטן, טומלענדיקן ייִדישן בוקארעשט.

אַ קליינוווקסיקער, האָט ער זיך אויסגעטיילט פֿון אַלעמען מיט זײַן רונדן העל־בלאָנדן קאָפּ, קורצע הענט און נאָך קירצערע פֿיס. געגאַנגען איז ער אַ ביסל שווערלעך. שטענדיק פֿאַרטראָגן אין געדאַנקען. זײַן פּאָנעם האָט אויסגעזען עפּעס ברייטער ווי לענגער. אַזאַ טיפּיש דאָרעם־רוסיש ייִדיש פּאָנעם, וואָס האָט קעסיידער געשמייכלט מיט אַ ווייך ליכט פֿון אופֿ־געלייגטקייט און מילדקייט פֿון אַ טויב. אַן אַניוועסדיקער, מיט שטילע אויגן, וואָס האָבן זיך ווי געבעטן, מע זאָל זיי קיין שלעכטס ניט טאָן, האָט ער פֿונעם לעבן קיין סאַך פֿאַר זיך קיינמאָל ניט געמאָנט. טאָמיד אָבער גרייט געווען זיך טיילן מיטן לעצטן ביסן, צומאָל אים אַפֿילו אײַנ־גאַנצן אוועקגעגעבן. ער האָט ניט געקאָנט צוזען ווי אַ מענטש הונגערט, און אַליין געבליבן אַ הונגעריקער.

דער גורל, וואָס האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ שנײַדער־געזעל, און ניט פֿאַר קיין פּאָעט, האָט מיט דער פֿולער האַנט אים באַשאָנקען מיט אַ גרויסן כיילעק ליבשאַפֿט און פֿאַרשטענדעניש פֿאַר פּאָעזיע און אים ענג פֿאַר־בונדן מיט די ראָמאַנטישע טרוימען פֿון יענער צײַט.

ער איז געוואָרן אַן אייגענער בײַ דער יונגער שרײַבער־מישפּאָכע. ער האָט געגאַרט צו הערן די יונגע שטימען, זיך אָנשיקערן מיט רייד, מיט מענטשלעכע געדאַנקען, מיט דעם טאָגטעגלעכן שטראָם פֿון לעבן. און זײַן קליין צימערל איז גיך געוואָרן אַ ליטעראַרישער „סאַלאָן".

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען צו אים, האָב איך דאָרט געטראָפֿן עטלעכע דיכטער פֿון דער גרופּע „פּראָלעטאַרישע". דאָס קליינע צימערל איז געווען אַזוי געדיכט אָנגערייכערט, אַלעמענס פּנעמער האָבן אַרויסגעקוקט ווי דורך אַ נעפּל. אין סאַמע מיטן איז געשטאַנען אַ יונגער דיכטער, זייער אַן אויסגעדייוועטער, הויט און ביין, מיט אַ געלבלעך אָפּ־געצויגן פּאָנעם און שטאַרק פֿאַרשפּיצטע אַקסלען, ווי אײַנגאַנצן אויסגע־שניצט פֿון געלן טרוקענעם האָלץ.

ער האָט אויסגעזען הונגעריק, איך האָב שוין דעמלט זיך אויסגע־לערנט דערקענען הונגעריקע לויט דעם געלן פֿלאַם אויף זייערע פּנעמער.

ער האָט מיט אַ כריפּענדיק, געשפּאָלטן קאָל געלייענט זײַנע אַ ליד, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַזעלכע שורעס:

דאָך וועל איך ביזן סאָף מײַן ליד דערזינגען,
כאָטש אָן אַ טראָפּן ווײַן, אָן אַ ריפּטל ברויט.
ס'האָט די נאַכט געפּרעסן מײַנע לונגען
און געפֿאַרבט דעם מאָרגן בלוטיק־רויט...

ס'איז געוואָרן שטיל אין דעם קליינעם צימערל, וואָס איז ווייניקער פֿון אַלץ געווען צוגעוווינט צו שטילקייט.

די ליד האָט מען געגלייבט. האָט דען געקאָנט אַנדערש זײַן? אַלע זײַ־נען געווען יונג, געווען פֿאַרליבט אין ליטעראַטור, אין לעבן, אָבער מיט אַ באַזונדער ברען האָט דער גאַסטגעבער אויפֿגענומען די ליד. ער איז גע־ווען מאַמעש אין אַ מאָדנעם טראַנס, זײַנע געדיכטע בלאָנדע ברעמען האָבן זיך צעטאַנצט פֿון באַגײַסטערונג, גלײַך ער וואָלט עס געווען דער אַווטאָר.

שווער צו זאָגן, ווער נאָך ס'האָט איבערגעלעבט אזא שטורעם פון געפילן. ער האָט ווי אויסגעשיילט זיך פונעם רויך, זיך דערנעענטערט צו מיר מיט גרוי־בלויע קינדעריש פארזשמורעטע אויגן, ווי ער וואָלט מיך אָפּגעמאָסטן, און מיט א זאפטיק קלינגענדיקן בעסאראבער יידיש האכנאָעדיק שטיל, א פרעג געטאָן:

— און דיר געפעלט די ליד?

זיינע פארכאָלעמטע אויגן זיינען געוואָרן נאָך פארכאָלעמטער, און ער האָט ארויסגערופן בא מיר א געפיל פון פריינטשאפט און דאנקבארקייט.

היינט, ווען א לאנגע קייט פון יאָרן ליגט שוין הינטער מיר, דער־מאָן איך מיט ליבשאפט און צערטלעכקייט יענע „ליטעראַרישע היים", וועל־כע איז שוין לאנג פארשוווּנדן און לעבט נאָר אין מיינע האלב־פארהיטע פראגמענטן.

## 3

...א גאנצן טאָג האָט געשאָטן א נאסער שניי, א סאָף־ווינטערדיקער. פארנאכט־צו האָט געכאפט א פרעסטל און זיך צעבליט אויף די שויבן. שטראָ־מען ווארעם ליכט האָבן זיך געגאָסן פון דער ליוסטרע און, ווי דורכגע־דרונגען פון אָט דעם ליכט, האָט געשיינט אלץ ארום מיט א שטימונגס־פולער פארטראכטקייט. ער איז געלעגן אויף א סאָפקעלע, און די בליקן זיינע האָבן פארזאָרגטע געבלאָנדזשעט איבער דער סטעליע.

— עפּעס איז מיר היינט אומעטיק...

פארן פענצטער איז אָנגעפלויגן א שווארצע וואָראָנע, זיך אראָפּגעלאָזט אויף א נאקעט־געפרוירענער צווייג, אויסגעגליטשט זיך און, צעשפּרייטנדיק אירע שווארצע פליגל, זיך צעשריגן לאנג און צעצויגן:

קררראאא, קררראאא...

זיינע גרוי־בלויע אויגן האָט מיטאמאָל פארצויגן א טעמפּע אויסגע־לאָשנקייט, און דאָס קאָל איז געוואָרן פארבלאָז און דערשלאָגן:

—צו גוטן אָדער כאָלילע צו שלעכטן?..

און ציִענדיק דעם געדאנק ווייטער, האָט ער געפרעגט, ווי בא זיך אליין:

— איין גאָט ווייסט, וואָס עס ווארט אויף מיר דאָרט...

דער „דאָרט" איז געווען ווייט, ווי א ווייטער כאָלעם. און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז ער כאָלעמט טאקע א כאָלעם, ווען ער האָט געזען אמאָל מיט יאָרן צוריק, ווען ער האָט פון זיין בעסאראבער שטעטל זיך געלאָזט צו דער גרויס־שטאָט. דעמאָלט איז ער קיין גאנצע אכצן ניט אלט געווען. נאָר ער געדענקט אלץ, ווייל דאָס, וואָס געשעט אין דער יוגנט, געדענקט זיך אויפן גאנצן לעבן. צי דען אָבער קאָן איין און דער זעלבער כאָלעם זיך כאָלעמען צוויי מאָל?..

עס האָט זיך באשיימפּערלעך אָנגעזען, ווי זיין לעבן ווערט צעשפּאָלטן אפצווייען. פון איין זייט — די איינגעזעסנקייט, מיט וועלכער אים איז שווער זיך צו שיידן, און פון דער צווייטער — דאָס טריבע לויכטן פון פרעמדע ווייטן, ווי געשפּענסטער. אים האָט זיך געדאכט, אז עמעצער האָט

אים אריַינגעפּלאָנטערט אין א געדיכטן שפּינוועבס, פון וועלכן ער וויל זיך ארויסרייַסן, ארויסרייַסן... און קאָן ניט.

ער האָט געפילט אז עפּעס האָט זיך איַינגעבראָכן. עפּעס, וואָס ס׳איז ניט לייַכט צו פאַריכטן. און וואָס טיפער ס׳איז צוגעפאלן די נאכט, אלץ שטארקער האָט אים געפּייַניקט דער צווייפל. מיט אומרו האָט ער געקוקט אויף דער סטעליע, און די ברוסט האָט דורכגעשטאָכן שפּיציקער ווייטיק.

און שוין...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין ניט געווען בא זייַן אומקום. שטייט ער פאר מיר א לעבעדיקער, און איך צעכאָלעם זיך, אז באלד וועל איך אים באגעגענען אין גאס. ער וועט פרעגן בא מיר:

— וואָס זעט מען דיך ניט... שרייַבסט עפּעס?

— יאָ, איך שרייַב וועגן דיר...

— וועגן מיר? — וועט ער זיך ווונדערן. — ווער בין איך, וואָס מע זאָל וועגן מיר שרייַבן?!

און איך וועל זיך דערמאָנען אָן באָנציע שווייַג.

פונקט ווי באָנציע, האָט ער אויך אזוי ווייניק פונעם לעבן געמאָנט. באָנציע איז אָבער געווען א סאך מאזלדיקער פון אים: ער איז געשטאָרבן בא זיך אינדערהיים און פארייביקט געוואָרן פון א פארייביקטן...

## 4

ס׳איז געווען א טאָעס.

מייַן פרייַנט איז אין ערגעץ ניט געפאָרן. ניט אומגעקומען אונטער די רעדער פון א פינקלענדיקן לימוזין ערגעץ אין דער פרעמד. פּאָשעט אין אנדערנס אומגליק האָט מיר אין א שרייַבער־הויז ניט ווייַט פון קיִעוו פארשטערט די פרייד פון יונגן פרילינג.

# ייִדיש

כ'האָב אָנגעשריבן דאָס קעפּל, און ווי איך וואָלט ארויסגעבראכט אַף די ליפּן עפּעס א סוידעספּולן שפּרוך, האָט זיך פּלוצעם אוועקגעשטעלט פאר מײַנע אויגן דאָס גרויסע פירשטאָקיקע הויז מיט איבערבלײַבענישן פון אַלטפרענקישע אָרנאמענטן און באפּוצונגען, דאָס הויז, ווו עס האָבן אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן זיך אָפּגעשפּיגלט אַלע שטראָמען פון אמאַליקן ייִדישן לעבן און ווו עס איז אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט פאָרגעקומען די באַוווסטע ייִדישע שפּראַך־קאָנפערענץ.

טשערנאָוויצער ייִדישע שפּראַך־קאָנפערענץ.

אין סאַמע מיזרעך, צווישן די קויהאָנים פון דער ייִדישער ליטעראַטור — י.־ל. פּערעץ. איבערן יאָמטעוודיק דעקאָרירטן זאַל שוועבט א פּאַרביקער ווערטער־אויצער און עס קלינגט פײַערלעך און דערהויבן:

— ייִדיש איז די שפּראַך פונעם ייִדישן פאָלק!

טשערנאָוויץ...

די שטאָט מיט א שטאַרקער דײַטשישער אסימיליאַציע־כוואַליע און מיט זיך און טעכטער — געקומענע פון די ענגע הינטערגעסלעך און פון בוידעם־שטיבער, אָנגעפּילטע, ווי מילגרוימען, מיט געמיט און לוסט צו באַזינגען און דערציילן פון דעם ייִדישן לעבן, וואָס ריזלט אין דער טיפעניש פון פאָלק. און עס האָט מיטאמאָל זיך צעקלונגען א נײַער ניגן און מיט א טריומף־מאַרש געגומען שפּאַנען איבער די פאַרפּלאָנטערטע טשערנאָוויצער גאסן, טראָגנדיק אין זיך א בענקשאַפט צו דערהויבנקײַט, צו ייִדישן שאַפן.

מעגלעך, אַז אַף די זעלבע גאסן האָט איציק מאַנגער אויסגעזונגען אָט די שורעס:

> דו, אַלטע שטאָט, מיט ווינקלען־קרומע גאסן,
> פון דײַנע פענצטער טריפט א זיס דערמאָנען.
> דאָ האָט געבליט טרובאַדורן־ליד און לייד
> און ס'בלײַען נאָך זיכרוינעס, וועלכע וויאָנען...

א מעהאַלעך טיילט אונדז אָפּ פון יענעם „בערייִשיס". פון יענע ערשטע גלאַנץ־יאָרן, וואָס האָבן געהאַט דעם רייעך פון אופּבלי. אין פײַער פון דער גרויסער וועלט־סריפע איז פאַרברענט געוואָרן א דריטל פון אונדזער פאָלק. אָבער ייִדיש איז געבליבן, און מיטן אָפּגעראַטעוועטן שטראָם לעבן האָט זיך אומגעקערט דער איבערגעריסענער ניגן...

טשערנאָוויץ.

פון אַלע זײַטן רופט צו זיך די הײַנטיקע צײַט מיט אירע פאַרצווײַגטע מיקראָ־ראַיאָנען און אינדוסטריעלן פּייזאַזש. נײַע גאסן פאַרלירן זיך אין אומענדלעכע ווײַטן. אַף גלאַנציקע אַספאַלט־שאָסייען יאָגן היין און צוריק

פילפאַרביקע אויטאָמאָבילן, וואָס ווערן פאַרטראָגן, ווי אין אַ שפּילנדיקן נעפּל.

אַ „מאָסקוויטש" האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער צענטראַלער גאַס באַם פּאָרטאַל פון אַ גרויסער ביכער־קראָם, וווּ עס זײַנען אויסגעשטעלט די ווערק פון אַ ריי ייִדישע שרײַבער. פון די פּאָליצעס קוקן אַראָפּ פּרעכטיקע אײַנבונדן מיט נעמען פון באַוווּסטע פּראָזאַיִקער און פּאָעטן. די נעמען בײַטן זיך אָפּט, וואַנדערן אַריבער אין די אַלמערס פון שטוב־ביבליאָטעקן, און אַנדערע פאַרנעמען זייערע ערטער.

פון דעם „מאָסקוויטש" איז אַרויסגעשטיגן אַ יונגע פרוי, אַ בלאָנד געטאָן אַרום זיך מיט אַ וואַרעמקייט אויף איר פײַן געשניצט פּנים און זיך געלאָזט גלײַך צו די ייִדישע ביכער.

איך האָב פון אַ זײַט איר נאָכגעקוקט. כ'בין געשטאַנען אין גרויסן און ערנסטן וואַרטן, און ווען זי האָט אַרויסגעצויגן אַ באַנד נאַרוואָס דערשינענע דערציילונגען און געבעטן אים פאַרפּאַקן, האָב איך זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און פאַרזיכטיק אַ פרעג געטאָן:

— אַנטשולדיקט, פאַר וועמען קויפט איר דאָס?

— פאַר זיך.

— איר לייענט ייִדיש?

אירע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט אַ ליכטנדיקן שמייכל און געקוקט אויף מיר אַזוי, ווי זיי וואָלטן מיך אָפּגעמאָסטן:

— ניט נאָר איך לייען, נאָר אויך מײַן מאַן. אפילו מײַן בײַניאָריקן זון לערנען מיר ייִדיש.

פון דעם ווײַטערדיקן שמועס האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זי איז אַ ציין־דאָקטער, איר מאַן — אַן עלעקטראָן־אינזשעניער. ייִדיש האָבן זיי זיך אויסגעלערנט, נאָך זײַענדיק סטודענטן אין לענינגראַד. געלערנט פון די לעקציעס, וואָס ווערן רעגולער געדרוקט אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

גערעדט האָבן מיר רוסיש. נאָר פון צײַט צו צײַט האָט זי אַרײַנגעוואָרפן ייִדישע ווערטער, וואָס האָבן געקלונגען מיט אַזאַ פרישקייט, ווי מע וואָלט זיי געפאַרבט מיט לויטערסטע קאָלירן.

און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך הער אָפּקלאַנגען פון יענער ווײַטער צײַט, ווען יונגע טרוימער האָבן, ווי פאַקעלן, געטראָגן דאָס ליכטנדיקע ייִדישע וואָרט, זעענדיק דערין דעם יעסאָד פון אונדזער קיום.

פאַר די אויגן דאָס אַלטע פירשטאָקיקע הויז.

דאָ האָט אָפּגעקלונגען פּערעצעס קישעפדיק וואָרט, דאָ האָט עליִעזער שטיינבאַרג פאַרגעלייענט זײַנע מעשאָלים און איציק מאַנגער האָט אויסגעפיבערט זײַנע באַלאַדעס... איצט לאָזן דאָ אָפּט הערן זייער שעפעריש וואָרט די יאָרשים און פאָרזעצער — די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער.

...איבערן זאַל שוועבט אַ פײַערלעכקײַט. פּאָעטן לייענען זייערע לידער. פּראָזאַיִקער — פראַגמענטן פון זייערע נײַע שאַפונגען. דאָס הײַנטצײַטיקע לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן אין אַלע ריכטונגען, שאַטירונגען, שטרײַטן

און גערֹאנגלעניִשן, וואָס קומען פאַר אין אלגעמיינעם קלאַל־לעבן, גייען דאָ אדורך.

איך דערזע אין זאַל די יונגע פרוי. זי איז היינט מער יאָמטעוודיק, ווי אין ביכער־קראָם. זי בייגט זיך אַלעמאָל אריבער צו א יונגנמאַן, רוימט אים עפּעס איין, און איך באמערק, ווי ביידע שלינגען מיט א יוגנטלעכער אַנגעשטרענגטקייט יעדע ארויסטרעטונג.

שאלט און רופט איבערן זאַל דאָס לעבעדיקע יידישע וואָרט. און דער דימיען ברענגט אראָפּ יענע ווייטע צייט, ווען אין דעם זעלבן זאַל איז פייערלעך דערקלערט געוואָרן:

— יידיש איז די שפּראַך פונעם יידישן פאָלק.

# פּאַסכאַ־נאַכט

שפּעט באַנאַכט האָט דער קלויסטער־גלאָק זיך צעקלונגען, געשלײַדערט קופּערנע קלאַנגען אין דער פינצטערניש, און יעדער קלאַנג האָט גערופן:

— שטייט אויף, ס'איז פּאַסכאַ־נאַכט!

— שטייט אויף...

דער הימל, אַ נידעריקער, איז געווען טיף פאַרזונקען אין כאַשכעס, ווי ער וואָלט אױף אייביק באַהאַלטן די לעוואָנע און די שטערן. אַ נאַסער ווינט האָט געבלאָנדזשעט צווישן דיביימער און אומעטיק געסווישטשעט. און פון ערגעץ ווײַט האָבן הינט זיך געריסן פון די קייטן און געבילט.

פון די כאַטעס האָבן זיך אַרויסגעשאַרט פּויערים. די שײַן פון די וואַקסענע ליכט אין זייערע הענט, האָט געשפּאָלטן די פינצטערניש, און זייערע פּענעמער האָבן אויסגעזען געל און פאַרכטיק, ווי אױף איקאָנעס. די ליכט האָבן ניט געוואָלט ברענען, זיך געלאָשן פונעם ווינט, זײַנען פּויע־רים געוואָרן צאָרנדיק, געוואָלט שילטן, נאָר זיך אײַנגעהאַלטן. אַלטע פּויערטעס האָבן געפּרוווט וויינען, טאָר מען אָבער ניט, די מענער קאָנען ברויגעז ווערן, האָט מען געשלונגען די טרערן. און יונגוואַרג, מיט קליינע ליכטלעך אין די הענט, האָט זיך געשטופּט פאָרויס, אַלעמאָל באַנעצט מיט דער צונג די אָפּגעבריטע פינגער, און אַ טפילע־ניגן האָט זיך געטראָגן דורך דער נאַכט:

— כריסטאָס וואָסקרעס!

באַם סאַמע עק דאָרף, צווישן צוויי שטיינערנע באַרג־שפּיצן, וואָס זייער שטיינערדיקע נאַקעטקייט וואַרפט אָן אַ מאָרעשכוירע, טוליעט זיך אַ קימאַט שוין אײַנגעפאַלענע כאַטע. אַ שטרויענער דאַך, וואָס הייבט אָן פון אַלט־קייט שוואַרץ צו ווערן, דריקט שווער אױף די ווענטלעך, אונטערגעשפּאַרטע מיט בוקאָווע דרענגלעך.

שטייט די כאַטע, פאַרוקט פון גאָט און פון לײַט. זעלטן־ווען עס פאַר־בלאָנדזשעט אַהער אַ דורכגייער, וואָס וואַנדערט איבער די בערג, און וואַרפט צו דער כאַטע אַ נײַגעריקן בליק. גאַנצע טעג שטייט זי אַ פאַריגל־טע, ווי אַ פאַרלאָזטער קלויסטער, און די קליינע פאַרשטויבטע פענצטער קוקן טרויעריק, ווי זיי וואָלטן געזאָגט:

— שוין אונדזערס אָפּגעלעבט!

מיט יאָרן צוריק איז אָט די כאַטע געווען קימאַט דאָס האַרץ פונעם דאָרף. יעדן זונטיק פלעגט מען זיך דאָ צונויפקומען, זיך צעזעצן אין די ווינקלען, טרינקען טונקל־ברוינעם קוואַס, און קאָסטען פלעגט דערציילן וועגן זײַנע וואַנדערונגען איבער דער גרויסער וועלט.

זײַן שטים איז געװען װי אױסגעהאַמערט פֿון שטײן, און ס׳האָט זיך אױסגעװיזן, אַז די װערטער קומען ניט ערגעץ פֿון טיף אינעװײניק, נאָר קריכן אַפֿיר פֿון אונטער זײַנע לאַנגע הוצולישע װאָנצעס.

און װען דער קװאַס האָט דערװאָרעמט די פֿױערישע בלוטן, דעמלט פֿלעגט איװאַן, דער יונגער װאַלדהעקער מיט דער בלאָנדער טשופּרינע אַרײַנכאַפּן די דודקע צװישן די צײן, פֿאַרגלאָצן די אױגן צו דער פּאַרײ־כערטער סטעליע און אַ צעצױגענער טרױער האָט זיך אַ גאָס געטאָן איבערן שטיבל.

האָבן עטלעכע יאָר זיך אַ רוק געטאָן, זיך צעלײגט אױף קאָסטענס פּאַ־נים, װי קאַרבן אױף אַ דעמב. זײַן שטים איז געװאָרן שװאַך, און אַ טרוקע־נער הוסט האָט ביסלעכװײַז זיך אַרײַנגעריסן אין זײַן רײדן.

נאָר פֿאַר װעמען האָט דען קאָסטען נאָך געהאַט צו רײדן? האָבן דען די יאָרן בײַ אים ניט צוגערױבט אַלץ? אים איבערגעלאָזט ניט מער, װי לײדיקע פֿיר װענט, װאָס האָבן זיך געקרישלט פֿון אַלטקײַט, און אַ סאָסנע־בױם הינטערן פֿענצטער, װעלכער האָט אַרײַנגעװוּנקען מיט אַן אױסגעטריקנ־טער צװײַג, װי אײנער רעדט: „מיר איז דען בעסער?‟

אַן אױסגעמאַטערטער, מידער, פֿלעגט ער אַהײמקומענדיק פֿון װאַלד, זיך פֿאַרוקן אין דער אַלטער כאַטע און גאַנצע נעכט זיך ראַנגלען מיט זײַן פֿאַרגאַנגענהײט..

— עך, אַמאָל, אַמאָל...

איצט האָט די געלע שײַן קױם דערגרײכט ביזן פֿענצטער. אין שטוב איז געװען סמוטנע, אױף די װענט זײַנען געהאַנגען ברײטע אומבאַװעגלעכע שאָטנס. אַ פּאָר יונגע װאַלדהעקער זײַנען געזעסן באַם אױװן, די אױגן געװענדט צו אַ הילצערנעם טאָפּטשאַן, אױף װעלכן ס׳איז געלעגן קאָסטען מיט אַן אָפּגעצױגן פּאָנעם און שטאַרק אײַנגעפֿאַלענע באַקן.

— הערסט? — האָט אײנער פֿון די װאַלדהעקער שטיל אַ זאָג געטאָן, — ס׳קלינגט דער קלױסטער־גלאָק!

— פּאַסכאַ־נאַכט! — האָבן די איבעריקע פּאַרכטיק אַרױסגעשטאַמלט.

און יעדער קלאַנג, װאָס האָט פֿונװײַטן זיך דערטראָגן, האָט אָנגעװאָרפֿן אַ מורע.

קאָסטען האָט זיך אױסגעצױגן אױף זײַן געלעגער, אױפֿגעעפֿנט די אױגן, און זײַן בליק האָט געבלאָנדזשעט איבער די גרױע װענט.

— איװאַן! — האָט ער פּלוצעם אַרױסגעכאָרכלט, אָנװײַזנדיק אױף עפּעס מיט די פֿינגער. — איװאַן! שפּיל עפּעס... שפּיל די לעצטע ליד... און געדענק, אַז דו האָסט געשפּילט אין פּאַסכאַ־נאַכט.. אין דער נאַכט פֿון טכיאַס־האַמײסים...

אין שטיבל איז מיטאַמאָל שטיל געװאָרן, נאָר דער קלױסטער־גלאָק האָט נאָך אַלץ געװעקט קאַלט און סרױעריק:

שטײט אױף, ס׳איז פּאַסכאַ־נאַכט!

# אײַביקע שפּיל

מיר זײַנען שוין אָפּגעפֿאָרן היפּשע עטלעכע שאָ.

אין קופּע האָט געשלומערט א גרויע, אומהיימלעכע, הארבסטיקע דע־מערונג. דער קורצער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן לעשן, און א נעפּלדיקער ליכט־שטראַל האָט געבלאָנדזשעט איבער אָפּענע אָפּגעקאָסעטע ווײַטקייַטן, איבער אופגעאקערטער שווארצערד, וואָס האָט אומעטיק זיך געשפּרייט פארן לויפנדיקן וואגאָן־פענצטער.

מײַן שאָכן, א באיאָרטער מאן, וואָס איז געזעסן קעגניבער, האָט אָנגע־שטרענגט און פארטראַכט זיך אײַנגעקוקט אין דעם הארבסטיקן דרויסן, געקוקט אזוי, ווי ניט בלויז די אויגן, נאָר דאָס גאנצע גערונצלטע פּאָנעם זײַנס וואָלט געגאפט דורך די ברילן. און איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אז ער איז ניט אזוי פארכאפט פון די אויסטערלישע פארוואנדלונגען אין דער נאטור, ווי פון דער פאטאלער שפּיל — דעם אָפּשײַן פון אײביקייַט...

וויפל צײַט איז ער אזוי געזעסן?

איך האָב ניט געציילט די מינוטן. נאָר גאָר גיך האָט ער זיך אויס־געדרייט צו מיר אין האלבן פּראָפיל, און גלײַך ווי איין העלפט פּאָנעם וואָלט געגעבן צום דרויסן, און די צווייטע צו מיר, האָט ער פילדײַטיק א זאָג געטאָן:

— פּונקט ווי אין דער נאטור, זײַנען אויך אין דער מענטשלעכער גע־זעלשאפט גרויסע געשעענישן צוזאמענגעשטעלט פון קליינע מענטשלעכע גוירילעס, אָנגעלאָדענע מיט שפּאנונג פון וויי און פרייד, ווי די פארבײַ־יאָגנדיקע טעלעגראף־דראָטן מיט גוטע און שלעכטע בסורעס...

מיר איז שווער געווען צו טרעפן, וווהין צילט זײַן געדאנק, און איך האָב געטראַכט בא זיך, אז דאָס זײַנען ניט מער ווי רייד, אָנגעווייעטע פונעם הארבסטיקן פארנאכט.

איך האָב שוין פאר די פאָר שאָ פאָרן זיך דערוווּסט, אז ער איז פון מאָלדאוויע, א שרײַבער, וואָס האָט ביז דער מילכאָמע געשריבן אף יידיש, אפילע ארויסגעלאָזט אין בוקארעשט א קליין ביכעלע לידער. איצט שרײַבט ער דאָסראָוו מאָלדאוויש. נאָר קוים פארבענקט ער זיך, לייגט ער זײַן בענקשאפט אויס אין יידיש, דרוקט זיך אפילע פון מאָל צו מאָל.

פּלוצעם האָט ער זיך אָפּגעקערט פונעם פענצטער, זיך אויסגעדרייט צו מיר מיט זײַן גאנצן גוף. זײַנע אויגן האָבן זיך צעפּינטלט הינטער די שײַבלעך פון די ברילן, באקומען אן אומרויִקן גלאַנץ. און מיט א מילדער היימישקײַט, גלײַך ער וואָלט אף דער שטעל עפּעס פארפאסט, האָט ער

געגומען אריַינשפּינען אין גרויען בײַנהאַשמאַשעס אַ צווייקאַליערנדיק געוועב פֿון נאַענט און וויַיט.

...ס׳איז געווען האַרבסט.

אַ לויטערער פֿרימאָרגן, דורכגעזאַפּט מיט רייכעס פֿון פּאַרוועלקטע גרעזער און פֿײַכטער ערד, האָט געגליט מיט אַ געל־רויטן פּלאַטער, שטיל געראַשט מיט טרוקענע, שטעכיקע קלאַנגען, און די ביימער האָבן טרויעריק געוואָרפֿן פֿאַרן ווינט זייערע טויטע בלעטער.

איך האָב פֿאַרקערעוועט אין אונדזער אַלטן שטאָט־פּאַרק.

דער וועג איז מיר אַליין אַנטקעגנגעלאָפֿן. זיך געשלענגלט פֿאַר מײַנע טריט, און מיר איז נאָכגעגאַנגען דער אומעטיקער רויש פֿון נעכטיקן בלעטערפֿאַל.

דער פּאַרק איז געווען קימאַט ליידיק.

איינצלנע סילועטן האָבן דורכגעשמוגלט אין די אַלייען. און פֿון די ביימער זײַנען געשפּרונגען וועווערקלעך, פֿאַרלאָפֿן דעם וועג און מיט אַ נאַיִוון צוטרוי זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פֿיסלעך, אין אַ בעטנ־דיקער פּאָזע.

אויף אַ באַנק האָט איינזאַם זיך געשוואַרצט אַ געשטאַלט פֿון אַן אַלטן מאַן. ער איז געזעסן, ווי אַ געשפּאָלטענער שאָטן, פֿאַרדעקט אויף דער העלפֿט מיט אַ ברייט־צעעפֿנטן זשורנאַל.

און שטיל איז געווען אין פּאַרק.

אַ כאַלעמדיק־פֿאַרקלערטע שטילקייַט האָט זיך אַריַינגעוועבט אין בלייכן ליכט פֿון דער זון. און דאָס לעבן, ווי אַ מידער פֿויגל, וואָס רירט קוים מיט די פֿליגל, האָט שטיל געזיפֿצט אינעם שאָרך פֿון די טויטע בלע־טער.

מיר איז מיטאַמאָל געוואָרן אומהיימלעך אין אָט דער זוניק־פֿאַרביקער מעלאַנכאָלישער שטילקייַט. באַם האַרצן האָט שווער געקלעמט, און אין קאָפּ האָבן זיך געפּלאָנטערט ווערטער, גאָט ווייסט פֿונוואַנען געקומענע אויפֿן זיקאָרן:

די יאָרעלעך ציִען, די יאָרעלעך פֿליִען,
די צײַט גייט אַוועק, ווי רויך...

מיך האָט פּלוצעם באַפֿאַלן עפּעס אַ בעסוילעם־שטימונג, און איך האָב געוואָלט וואָס גיכער פֿאַרלאָזן דעם פּאַרק.

ס׳איז מיר אויסגעקומען גיין מיט דער אַלייע, וווּ עס איז געזעסן דער אַלטער מאַן, און אַזוי פֿון זיך אַליין, האָב איך געכאַפּט אַ קוק אין זײַן זײַט. מיטאַמאָל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט, ווי עס וואָלט מיך עפּעס אַ קויקער אַ צי געטאָן אויף צוריק, כ׳האָב ווידער אַ קוק געטאָן, און מײַנע אייגענע אויגן ניט געגלייבט: „אויף ייִדיש?"

עס איז געווען אַזוי מאָדנע צו זען אַ מענטשן אין די פֿריִע מאָרגנ־שאָען איינעם אַליין אין מיטן פּאַרק, פֿאַרטיפֿט אין לייענען אַ ייִדישן זשור־נאַל. ער איז געווען אַזוי אַריַינגעטאָן אין לייענען, אַז ער האָט אַפֿילו ניט באַמערקט, ווי איך האָב זיך צוגעזעצט אויף דער זעלבער באַנק.

נאָר וואָס פאַר א וווּנדער?

אױף דעם צעעפנטן זײַטל האָב איך דערזען מײַן נאָמען.

די שורעס און אבזאצן האָבן פּלוצעם כוואַליענדיק זיך גענומען באַוועגן, זיך געבראָכן, צעפלאָסן אין די אויגן. און איך האָב קימאַט פיזיש געשפירט, ווי עס ענדערן זיך די שטריכן אויף מײַן פּאָנעם.

— אנטשולדיקט, איר זענט א היגער?

געפרעגט האָב איך אזוי דערפאַר, ווײַל מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז איך האָב אים שוין געזען אמאָל.

דער מאַן האָט אופמערקזאַם מיך אָפּגעמאָסטן מיט זײַן בליק. פאַרצויגן א דינעם שמייכל, וואָס האָט ווייכער געמאַכט דעם אומנאַטירלעכן, פאַרגליווערטן אויסדרוק אויף זײַן פּאָנעם.

א מאַכשאָווע, ווי א בליץ, האָט דורכגעפינקלט אין מײַן מויער — עס איז דאָך דער זעלבער ייִד, וואָס מיט פופציק יאָר צוריק!

פונוואַנען האָט ער זיך געיאַוועט אהער? וויִאזוי אויסגעמיטן גאַזקאַמערן און קרעמאַטאָריען?

און דער געדאַנק האָט מיך פאַרטראָגן צו פאַרגאַנגענע יאָרן, גלײַך איך וואָלט אין א נעפּל אַרײַנגעלאָזט א שטראַל פון א לאַמטערן.

וואָס איז געווען דעמאָלט, מיט פופציק יאָר צוריק?

...איך בין שוין א לאַנגע צײַט געווען אָן אַרבעט. ניט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ און געפילט א באַשטענדיקע בענקשאַפט צו ברויט, א באַגער, וואָס טראָגט דעם נאָמען — הונגער.

איך האָב געהונגערט באַטאָג, אַרומשליאָנדערנדיק פּוסט־און־פּאַס איבער די שטאָטישע גאַסן. איך האָב געהונגערט באַנאַכט, קאָרטשענדיק זיך אויף א האַרטער באַנק אין פּאַרק, און מיר האָט זיך געכאָלעמט פריש־געבאַקן ברויט.

איך בין אָבער געווען יונג.

אין מײַנע אָדערן האָט פריידיק געשטראָמט דאָס לעבן, פרילינג האָט געזונגען אין מײַן האַרצן:

איז מײַן כאָלעם לידער שוועבן,
ווי א פידל, זינגט מײַן האַרץ פון פרייד.
אין ליד איך זוך דעם סאָד פון לעבן
און דעם ניגן, וואָס פאַרגייט.

מײַן אָרעמע, קליינינקע מוזע! כ׳האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט איר איבער די אַרבעטער־קיכן, וווּ איך פלעג צומאָל באַקומען אן אומזיסטן אָנבײַסן. דאָרט האָב איך געלייענט מײַנע לידער, מײַן טרוים וועגן א נײַער, בעסערער וועלט. און דאָרט אָפן אָרט באַקומען דעם „האָנאָראַר"...

דאַרף זיך טרעפן, אז אין איינעם א פרימאָרגן, האָב איך דערזען אין אונדזער פּאַרק א יונגנמאַן, וואָס איז געזעסן פאַרטיפט אין לייענען א ייִדישע צײַטונג.

איך האָב זיך אויך צוגעזעצט אויף דער זעלבער באַנק.

נאָר וואָס האָט פּאַסירט?

באַ מיר האָט געגומען שווינדלען אין קאָפּ. דער אָטעם האָט זיך פֿאַר־האַקט. און פֿאַר די אויגן איז אַוועק אַ טאַנץ פֿון אויסיִעס, שורעס. טאַטע זיסער, ס'איז דאָך מײַן נאָמען, מײַנע אַ לִיד!

צום ערשטן מאָל אין לעבן האָב איך דערזען מײַן נאָמען אין אַ צײַטונג, און אַלץ אַרום איז געווען אַזוי רויִק, אַזוי וואָכעדיק.

מײַן האַרץ האָט ווילד געשלאָגן. יעדער אייוועך אין מיר האָט וויב־רירט. די אויגן האָבן ניט געוואָלט גלייבן. עפּשער אַ טאָעס? נאָר עפּעס אַ קאָל האָט צודרינגלעך געשריגן אין מײַנע אויערן:

— אָפּגעדרוקט. אָפּגעדרוקט!

ס'איז געווען מײַנע אַ לִיד, וועגן וועלכער איך האָב שוין לאַנג פֿאַר־געסן, זײַענדיק איבערצײַגט, אַז אין רעדאַקציע וועט זי קיינער ניט לייע־נען, נאָר פּאַשעט זי אַרײַנוואַרפֿן אין קויבער.

איך האָב מיט פֿאַרליבטע בליקן געקוקט אויף דעם לייענער, וואָס איז געווען פּונקט אַזוי יונג, ווי איך, און איך האָב געוואָלט באַ אים בעטן:

— כאָווערל, לייען אויף אַ קאָל, איך זאָל אויך הערן... דער גאַנצער פּאַרק זאָל הערן...

און עס איז געווען פֿרילינג אויף דער וועלט. דער פּאַרק האָט געלויכטן מיט זײַנע שענסטע פֿאַרבן, און אַ פֿריידיק, פֿײַערלעך געזאַנג האָט אָנ־געפֿילט מײַן האַרץ. אַ געזאַנג פֿול מיט האָפֿענונגען און טרוימען. אַ פֿאַר־ביקער בוקעט פֿון די סאַמע איידלסטע כאַלוימעס, וואָס בליִען אויף צומאָל אין וואָכעדיקע טעג...

...נאָר פֿאַרוואָס האָבן איצט, נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט ספּאַזמעס זיך צונויפֿגעקליבן אין מײַן האַלדז? צי דען ווערן ניט אַלט די געפֿילן פֿון דערזען פּלוצעם דײַן נאָמען מיט געדרוקטע אויסיִעס?

דער ייִד אויף דער באַנק האָט דערפֿילט מײַנע צעבליצטע בליקן. ער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר זײַנע אויגן, באַהאַלטענע אין דער טיף פֿון שווערע אַראָפּהענגענדיקע וויִעס, און איך האָב געכאַפּט די מינוט אויף נאָכאַמאָל צו פֿרעגן:

— איר זענט אַ היגער?

ער האָט פֿאַרצויגן די ליפּן אויף אַ זײַט, ווי ער וואָלט וועלן אַ שמייכל טאָן. און איך האָב געקוקט אויף זײַן געקאַרבט פּאָנעם מיט די קלוגע, וואַרעמע אויגן און באַהערשט פֿון עפּעס אַן אײַנגעהאַלטענער פֿרייד, האָב איך געוואָלט אים בעטן:

— ייִד, טײַערינקער, איר לייענט דאָך מײַנע אַ זאַך... לייענט אויף אַ קאָל, זאָל דער גאַנצער פּאַרק הערן...

איך האָב זיך אָבער עפּעס געשעמט, און אין זיך געטראַכט — אָט דאָס איז ער, דער זעלביקער ייִד פֿון אַמאָל, וואָס איז געקומען פֿון די בוידעם־און קעלער־שטיבער, פֿון די פֿאַבריקן און וואַרשטאַטן. געקומען מיט זײַן אייגענעם ניגן, מיט זײַן אייגן געזאַנג וועגן אַ שענערער וועלט. און טראָגט נאָך ביז הײַנט דאָס פֿײַער פֿון קיִעם אין זײַן האַרצן...

און איך האָב זיך דערמאָנט אין קויהעלעס:

א דאָר עס קומט, א דאָר עס גייט,
נאָר די ערד, די זעלבע אַף אייביק שטייט...

בלעטער האָבן גענומען פאלן פון די ביימער. טויטע, טרוקענע געלע בלעטער, ווי פארגליוועטע זיפצן. און הארבסטיקע קלאנגען, קוים דער־גאנגענע צום אויער, האָבן אָנגעפילט די פרימאָרגנדיקע שטילקייט.

דאָס לעבן האָט געשפילט זײַן אייביקע שפּיל...

פרילינג — הארבסט.

מײַן שאָכן אין קופּע איז אנשוויגן געוואָרן.

איך האָב אופגעכאפּט זײַן בליק. א שווערן מידן בליק, וואָס איז געווען ווי א שליסל צו דער נאָרוואָס דערציילטער געשיכטע.



# דעם נעכטן
# אין די אויגן

# מײַן פֿרילינג, מײַן האַרבסט...

כ׳האָב הײַנט זיך אױפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף עפּעס פֿריִער װי געװײנטלעך. דער קאָפּ איז געװען װײטיקלעך שװער. אין אים האָבן נאָך געעגבערט רעשטלעך פֿון א בײזן איבערגעריסענעם כאָלעם. א טעמפּע שװאַכקײַט איז געלעגן אין אַלע מײַנע גלידער. און די אױגן האָבן קוים־קוים זיך געעפֿנט פֿאַרן נײַעם טאָג.

און דער נײַער טאָג איז געװען אַזאַ פֿרישער, אַזאַ לױטערער, פֿול מיט פֿרײדיקע פּרימאָרגן־קלאַנגען און ליכטיקע שטראָמען זונענשײַן. נאָענט באַם פֿענצטער, קימאַט אָנרירנדיק מיט די צװײַגן די שױבן, האָבן אין א לײַכטן דרעמל זיך געװיגט אַלטע צעקנאָדערטע עפּלבײמער, אָנגעטאָנענע אין גרינגן װײַס־ראָזעװען צװײט. זײ האָבן אױסגעזען אַזױ לײַכט, װי זײ װאָלטן געשװעבט איבער דער ערד.

אַלטע עפּלבײמער האָבן געבליט מיט יונגן פֿרילינג, און דער גאַנצער אַרום איז מיטאַמאָל געװאָרן נײַ, געשטראָמט מיט גליק און האָפֿענונג און זיך געבאָדן אין דער כּיִעסדיקער בלױקײַט פֿון די הימלען.

איך האָב געװאָרפֿן א קורצן בליק צום שפּיגל אױף דער װאַנט. דאָס גלאָז איז אױך געװען פֿאַרטאָגיק־בלױ. פֿון אים האָט אױך אַרױסגעשײַנט דער פֿרילינג מיט יונגקײַט און בליִונג.

פּלוצעם...

אין דער שפּיגל־טיפֿקײַט האָב איך דערזען דאָס פּאָנעם פֿון מײַן טאַטן. א שטאַרק געעלטערט, צעאַקערט פּאָנעם, װאָס האָט געקוקט אױף מיר מיט שאָטנדיק־פֿאַרלאָפֿענע, אױסגעלאָשענע בליקן, װי ער װאָלט די נאַכט ניט דערשלאָפֿן, און דער קאָפּ איז געװען אינגאַנצן װײַס, װי יונגער װײַסער צװײט.

אַלטקײַט און בליִונג...

א קילקײַט האָט א גליװער געטאָן אין דער ברוסט, דאָס האַרץ האָט זיך א װיג געטאָן, כ׳האָב אין פֿרילינג דערפֿילט דעם האַרבסט און זיך דערמאָנט, אַז הײַנט איז דער טאָג פֿון מײַן געבױרן.

װי װײַטע אָפּקלאַנגען, האָבן מיטאַמאָל זיך צעשפּליטערט און צעשאָטן אין מײַן געמיט פֿאַרגאַנגענע שטיקער לעבן. עס האָבן אױפֿגעטױכט װײַטע און פֿאַרגעסענע געשעענישן. עס האָבן זיך אױסגעשײלט געשטאַלטן פֿון מענטשן, װאָס א טײל פֿון זײ איז שױן לאַנג פֿאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַש... און עס האָט זיך א װיקל געטאָן א גאַנצער פּלאָנטער פֿון שטורמישע דערמאָנונגען װעגן ליבע און האַס, װעגן זינד און אומשולד.

# אקיידעס־יִצכאָק

מײַן לעבן האָט זיך אופגעכאפּט אין א נאקעט־געהויקערט שטיבל באַם סאמע ברעג פון א שטורמישן בארג־טײַך. איבער מײַן צוקאָפּנס האָבן אומרויִק און צעווילדעוועט זיך געכוואַליעט רוישיקע וואסערן און ס'האָט געריזלט דער שטילער שאָרך פון וועלדער, דערציילנדיק דער נאכט פאר־הוילענע מײַסעלעך.

מײַן מאמע האָט געהאלטן, אז איך בין געקומען אויף דער וועלט פריי־טיק פארנאכט, אין פאָרלעצטן טאָג פון כוידעש מײַ, פונקט צו ליכט־בענטשן.

און אזוי איז פארשריבן געוואָרן אין סייפער־האכאיִם.

א שיינעם כוידעש האָט מײַן מאמע אויסגעקליבן צו ליגן אין קימ־פעט מיט איר ערשטלינג. א כוידעש פון בליִונג און באנײַונג. אויך א טאָג א שיינעם, א פאָרכטיקן האָט זי אויסגעקליבן — ערעוו שאבעס. עפּשער האָט טאקע די שיינקײַט פונעם כוידעש און די הייליקײַט פונעם טאָג גוי־רעם געווען דערצו, אז אין יאָרן ארום זאָל פלוצעם דער פרילינג זיך צע־זינגען אין מײַן הארץ מיט יענעם אָנגעווייטיקטן ניגן פון ליכט־בענטשן...

געוואקסן בין איך אינײַנעם מיט דער פרייד פון די שוואלבן און מיטן געוויין פון דער סאָווע. מיך האָט מײַן מאמע פארוויגט מיט לידער, פול מיט בענקשאפט, און דער טאטע האָט מיך אײַנגעשלעפערט מיט מײַסע־לעך און לעגענדעס, אין וועלכע ער האָט אַרײַנגעוועבט און אַרײַנגעשפּינט זײַן אייגן געמיט און זײַן אייגענעם עלנט, ניט אנענדיק אפילע, וויפל קישעף עס האָט פארמאָגט זײַן שפּראך.

אזוי האָב איך געיאַרשנט בא מײַן טאטע־מאמע סײַ דעם טרויער פון לעבן, סײַ דעם פלאטער פון פּאָעזיע...

צו פינף יאָר האָב איך אָנגעהויבן גיין אין כיידער. מײַן רעבע איז געווען א קליין געהויקערט יידל מיט א געל־אָפּגעצויגן פּארמעט־פּאָנעם, באַרעמלט מיט א שיטער אש־גראָ בערדל, וואָס האָט זיך ווי געציִשעוועט, צי זאָל עס וואקסן, צי ניט. ער האָט געהאט לאנגע קנעכלדיקע פינגער, וואָס האָבן עפּעס מעשונעדיק זיך באוועגט צום טאקט באַם לערנען, גלײַך ער וואָלט דיריזשירט מיט אן אָרקעסטער.

אָט דער רעבע האָט די סעדרעס פון כומעש ניט פארטײַטשט, נאָר אויסגעטײַטשט און איבערפאנטאזירט אויף זײַן אויפן. די פּסוקים זײַנען בא אים ארויסגעקומען פלאמיקע און יעדער וואָרט איז אויסגעוואקסן, געוואָרן גרויס און פײַערדיק... מיט א פארכאפּטן אָטעם האָב איך זיך צוגעהערט צו דער פּליסיקײַט פון זײַנע רייד, צו דער בילדערישקײַט פון זײַן שפּראך. די אָוועס האָבן זיך לעבעדיק אנטפּלעקט אין מײַן קינדעריש־צעשפּילטן דימיען, מיך פארטראָגן אין א וואונדערלעכער צויבער־וועלט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי איבער אונדזערע בערג האָט אווראָם געפירט יִצכאָקן צו דער אקיידע. איך האָב אים געזען ליגן א געבונדענעם אפן מיזבייעך, און מײַן הארץ האָט געוויינט פון ראכמאָנעס. איך האָב אויך געהערט דאָס דונערנדיקע קאָל פונעם מאלעך, וואָס האָט געשוועבט אונטער א צעשפּאָל־טענעם הימל:

— ניט ריר דײַן זון... ס'איז נאָר געווען א געטלעכער אויספּרוו...

ערשט אין יאָרן ארום האָב איך פארשטאַנען די ווערט פון מײַן רעבן, וועלכער איז בעלי־סאָפּעק געווען מער דיכטער, ווי מעלאַמעד. ער האָט באַלויכטן די טראַגישע אַקיידעס־יִיצכאַק־שײַנקײַט מיט אויסגעכאַלעמטע ווערטער־נײַקײַטן, וואָס גייען מיר נאָך ביז הײַנט אײַניינעם מיט דעם צוי־בער פון יענע ווײַטע ביידער־נעכט, זיי גייען מיר נאָך, ווײַל מיר האָבן דאָך אליין געזען, ווי פיל יִיצכאָקס זײַנען דערשטיקט געוואָרן אין גאַז־קאַמערן, פארברענט געוואָרן אין קרעמאַטאָריען און דער הימל האָט זיך ניט געשפּאָלטן...

## נעקאַמע

עטלעכע שפּאַן פונעם אַלטן מארק האָט גוילעמדיק־פּארטראַכט זיך געהויבן איבערן שטעטל א כמורנער, אָפּגעבליאַקעוועטער, דרײַשטאָקיקער מויער, מיט א פארווישטער אויפשריפט נאָך פון ווײַטע עסטרײַכישע צײַטן: פאָלקסשול.

די געבײַדע איז געווען שטרענג צעטיילט אין צוויי העלפטן. איינע פאר מיידלעך, מיט אַלטע פארזעסענע לערערנס, די צווייטע — פאר יִינגלעך. איןביידע טיילן, וואָס האָבן געהאַט באַזונדערע אַרײַנגאַנגען, איז דאָסראָוו שילער באַשטאַנען פון קינדער, געקומענע פון דער יִידישער אָרעמקײַט.

איך האָב אויך געלערנט אין אָט דער שול.

קימאַט יעדן אינדערפרי פלעגט די מאַמע מיך ארויסבאַגלייטן מיט דערשראָקענע אויגן.

— זע, קינד, דער לערער זאָל דיך ניט דארפן שלאָגן...

דער לערער, פאר וועלכן יִידישע מאַמעס האָבן זיך אַזוי געשראָקן, איז געווען א יונגער, א לאַנגפּיסיקער, שמאָל־ביינערדיקער דײַטש, וואָס האָט זיך געפּלאָנטערט אין דער לאַנגקײַט פונעם אייגענעם קערפּער. ער איז ניט געווען פון „אונדזערע" דײַטשן, וועלכע האָבן געלעבט בישכיינעס, נאָר א געקומענער פון ערגעץ א שוואַבישער פּראָווינץ אין טראַנסילוואַניע. ער האָט געהאַט א רויטלעך־הארט פּאָנעם, בייזע גרוי־קעצישע זיך זשמורענ־דיקע אויגן און זייער נידעריק־געשוירענע בלאָנדע האָר. קוים פלעגט ער מיט זײַן קעצישן בליק עמעצן א ברי טאָן פון אויבן אראָפּ, איז יענעם א קילקײַט פארלאָפן אונטער דער הויט.

פאר יעדן מינדסטן שרײַב־פעלער פלעגט ער שלאָגן מיט דער שאַרף פון דער ווירע איבער די דלאָניעס. שלאָגן אַזוי, אַז בלוט־רויטע געשווילעכצן זײַנען אָנגעלאָפן. דערבײַ האָט זײַן הארט־רויטלעך פּאָנעם געפלאַמט און אין די אויגן האָט זיך געצונדן א וועלפיש פײַער.

— לאָוזבובן!

און געמיינט האָט ער מיט דעם זידלוואָרט די יִידישע קינדער, וועלכע ער האָט געלערנט און וועלכע ער האָט פײַנט געהאַט מיט אַן אײַנגעע־בוירענער, פארטײַעטער סינע.

און ווען עמעצער פון די שילער איז נאָכן אָנבײַסן געקומען אין ביידער א צעמיימעסטער, האָט דער רעבע אראָפּגענומען פונעם טיש דעם קאַנטשיק — א קורץ שטעקעלע מיט עטלעכע דינע, לאַנגע רימענדלעך, ווי

צעשניטענע רעציִעס, און אין זײַנע פרומע אויגן האָט א גלי געטאָן א ראַכמאָנעס־געפיל:

— שוין ווידער דער האָמען־האַראָשע?..

ער האָט געמאַכט א קורצע האַפּסאַקע, פאַרצויגן דעם פּאַרמעט־בלייכן שטערן ארויף צו דער יאַרמעלקע, און עטוואָס אופגערודערט צוגעגעבן:

— לעס דין ווע לעס דאַיען...

און אנדערש מאָל, באַהאַלטנדיק דעם קאַנטשיק, האָט ער מיט א טפילע־קאָל געגעבן צו פאַרשטיין:

— דער קאַנטשיק, קינדער, איז ניט מער ווי אַף צו שרעקן, קעדיי־ גאָטס טוירע זאָל אופגענומען ווערן בעאַהאַווע... ניט כאָלילע, ווי בא דעם האָמען די ווירע אַף צו מייִמעסן ייִדישע קינדער...

ווי אויסטערליש עס זאָל ניט קלינגען, נאָר אָט דער בלוטדורשטיקער „האָמען" האָט פאַנאַטיש ליב געהאַט פּאָעזיע. ער האָט א סאַך לידער און באַלאַדעס געקענט אַף אויסווייניק און זיי פאַרגעלייענט מיט אַזא געטלעך־ כער באַגײַסטערונג, גלײַך ער וואָלט געזאָגט טפילע. זײַנע אויגן זײַנען דער־ פון געוואָרן ווי מילדער. דער אויסדרוק פונעם פּאָנעם ווייכער. אים איז באַפאַלן א מין „גוטסקײַט", און ער האָט מיט א צעשרויפטער שטים געגנע־ מען ווי פאַרענטפערן זײַנע אַכזאָריעסדיקע אָנפאַלן:

— דער שטאַרקער שלאָגט שטענדיק דעם שוואַכן... אַזוי איז געווען אין אַלע צײַטן... ווי הייסט עס דאָרט בא הײַנריך הײַנעס?

Und wem es just passieret,
Dem bricht das Herz entzwei...

וויִאַזוי האָבן מיר קינדער פון צעניאָריקן עלטער געקאָנט זיך פּאַנאַנ־ דערקלײַבן, באַגרײַפן, וווּ עס הייבט זיך אָן געטלעכקײַט און וווּ עס ענדיקט זיך לעסטערונג. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אין די הײַנישע פּאָר שורעס ליגט דער ענטפער צו דער רעטעניש פון אַלע אונדזערע ליידן. און אַזא האָפענונגסלאָזער טרויער האָט געיאָגט פון די ווערטער.

אין איינעם א טאָג האָט ער ניט געטראָפן אַפן טיש זײַן ווירע. ער האָט זי לאַנג ארומגעזוכט, און ווען ער האָט סאָפקאָלסאָף זי דערזען א צעבראָכענע אַפּצווייען, פאַרוקט טיף אין די שפּאַלטן פון א פענצטער־ ברעט, איז זײַן פּאָנעם געוואָרן מוירעדיק פאַרקרימט. ער האָט מיט די צוויי העלפטן אין דער האַנט געמאַכט עטלעכע מאָדנע האַסטיקע באַוועג־ גונגען, אָט, און ער וועט זיך א לאָז טאָן מיט זיי אין א ווילדן טײַוואָלאָנישן ווייכער, און מיט עפּעס א ניט־מענטשלעך קאָל האָט ער א ריטשע געטאָן:

— וועמענס אופטו איז עס?

דרײַ צענדליק פּאָר אויגן האָבן שרעקעוודיק געקוקט אַף אים מיט פאַר־ שטומטע בליקן. קיינער אָבער האָט ניט געענטפערט, זיך ניט מוידע גע־ ווען. און דאָס שווײַגן האָט נאָך מער צעפלאַקערט זײַן גרימצאָרן.

— איר שווײַגט, וואַגאַבונדן!

א קײַכלדיקער אָטעם האָט זיך געריסן פון זײַן שמאָלער ברוסט. די אויגן, אָנגעגאָסענע מיט רעציכע, האָבן ארומגעשאַרט איבער אַלעמענס פּענעמער, דערנאָך זיך א גליטש געטאָן איבער מײַנעם און זיך פאַר־ האַלטן.

— דו האָסט צעבראָכן...

ס'איז מיטאַמאָל אַזוי שטיל געוואָרן, ווי גלײַך דער גאַנצער קלאַס וואָלט אויפֿגעהערט אָטעמען. אַ טעמפּע אָנגעלאָדענע שטילקייט, ווי מע וואָלט אין די אויערן וואַסער געגאָסן. איך האָב אויפֿגעציטערט פֿון דעם פֿלור־צעמדיקן כשאַד, געבליבן שטיין פּאַר אים מיט אָפּגעשטאַרבענע גלידער, פּונקט ווי איך וואָלט עס טאַקע געווען דער שולדיקער. איך האָב געפֿילט ווי די בלוטן הייבן אָן פֿרירן פֿאַר שרעק. איך האָב זיך פֿאַרגעשטעלט, וואָס מיך דערוואַרט, און די שרעק האָט פֿון עפּעס אַ ווײַטער ווײַט אויפֿגעשריגן אין מיר: „זאָג, ווער עס האָט צעבראָכן די ווירע". אָבער איך האָב געכאַפּט די פּאָר צענדליק בליקן פֿון מײַנע כאַווײרים, אומרויִקע און דערשראָקענע, א... א פּײַנלעכע וואָרגעניש האָט גענומען שטיקן אין האַלדז.

איך האָב געקוקט דעם טײַוול גלײַך אין זײַנע גרוי־קעצישע אויגן, מיט בלוט פֿאַרלאָפֿענע, ווי בײַ אַ צערייצטער כײַע, און אַ מאָדנע אַקשאָנעס האָט פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ.

סינע האָט זיך באַגעגנט מיט סינע.

ווי אַ לעמפּערט, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אָף מיר, זיך אײַנגעפֿלאַנטערט מיט זײַנע לאַנגע מאַלפּישע פֿינגער אין מײַנע געדיכטע, שוואַרץ־געקרויזלטע האָר. מיר פֿאַריסן דעם קאָפּ אַרויף, דעם זעלבן קאָפּ, וועלכן מײַן מאַמע האָט אַזוי צערטלעך געגלעט, פֿאַריסן אַזוי, ווי ער וואָלט מיט אַלע קויכעס געוואָלט מיך אַרויסשלעפּן פֿון מײַנע אַלטע, געלאַטעטע מאַלבושים, און מיט אימפּעט גענומען פּאַטשן איבער מײַן פּאָנעם, איבער די הענט, מיט וועלכע כ'האָב געפּרוּווט זיך שיצן. געפּאַטשט אַקשאָנעסדיק, ביז בלוט האָט אַ כלינע געטאָן.

זײַנע פּעטש האָבן אי ווי געטאָן, אי דערנידעריקט. אַלע קריוודעס זײַנען לעבעדיק געוואָרן, געבריט אין מײַן קינדערשער ברוסט: פֿאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שטראָף? פֿאַר עפּעס אַ פֿאַרשאָלטענער ווירע, וועלכע ניט איך האָב צעבראָכן, און אַפֿילו ווען איך?...

אין קאָפּ האָט געשווינדלט. דאָס צעקײַלטע פּאָנעם האָט געפֿיבערט. איך האָב געוואָלט וויינען, נאָר אַ ברענענדיקער באַגער נאָך נעקאָמע, נאָך פֿיזישער נעקאָמע, וואָס האָט ניט קיין נאָמען, האָט געטריקנט מײַנע טרערן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זײַנע גרוי־קעצישע אויגן לאַכן אויס מײַנע ווייטיקן.

„דער שטאַרקער שלאָגט שטענדיק דעם שוואַכן..."

און סינע האָט זיך באַגעגנט מיט סינע.

אין מיר האָט פּלוצעם אויפֿגעפֿלאַמט אַ וואַנזיניקער פֿאַרלאַנג, אַ גאַרעניש אַזאַ, זיך אײַנבײַסן מיט אַלע מײַנע יונגע, שאַרפֿע ציין אין זײַן פֿאַרהאַסטן לײַב...

ס'האָט געדויערט מיסטאָמע אַן אויגנבליק און עפּשער נאָך ווינציקער. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס גאַנצע יונגע לעבן מײַנס האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַ טונקעלן אָפּגרונט. אַ הייסער שטראָם האָט זיך אַ קײַקל געטאָן איבער מײַן קערפּער, און איך האָב דערפֿילט מיטאַמאָל אין מײַן מויל אַ געזאַלצענעם בײַגעשמאַק פֿון וואַרעם בלוט. איך האָב שוין ניט געהערט, ווי די לופֿט איבערן גאַנצן קלאַס האָט דורכגעשניטן אַ רעציכעדיקער אויסגעשריי:

— פערפלוכטעס יודען־שווייַן!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אין יענע יאָרן האָבן פון די מינכענער ווייַנקעלערס נאָרוואָס זיך אָנגעהויבן פארשפרייטן די ערשטע מיקראָבן פון דער נאצישער מאגייפע, וואָס האָט אין יאָרן ארום פארסאמט א האלבע וועלט...

# איינמאָל יאָמקיפּער

מייַן קליין יידיש שטעטעלע, באַם סאמע אריינפאָר אין די בוקאָווינער קארפאטן האָט געשעמט מיט זייַן אלטן רעבן, וואָס האָט געצויגן זייַן ייִכעס פונעם באַלשעם האקאָדעש, געהאט א מאלעך אין הימל, א נאָמען אין דער וועלט און א סאך כאסידים אויף דער ערד.

ער האָט שוין לאנג ניט געוווינט אין אונדזער שטעטל. די סרייפעס פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע האָבן אים פארטראָגן ערגעץ אין א שטאָט בא דער אונגארישער גרענעץ, נאָר יעדער יאָר צו יאָמים־נויראָים פלעגט ער קומען צו פאָרן, קעדיי צו פראווען כסידעס אין זייַן אלטער היים. דעמלט האָט דאָס שטעטל, ווו עס האָט א גאנץ יאָר געגעסטיקט א מוירעדיקע אָרעמקייַט, פלוצעם אופגעלעבט. עס האָט געטומען, קאָכן און זידן אין אלע גאסן און געסלעך. מע האָט אים באגעגנט מיט פויקן און טאצן, מיט צעוועקטע היסלייַוועסדיקע טענץ און צעבליצטע פאקעל־פייַערן, גלייַך ער וואָלט געפירט מיט זיך א נעס פון דערלייזונג. און נאָר שפעט אין די נעכט האָט געשוועבט איבערן שטעטל א פארקלעמטער סליכעס־געברום, וואָס האָט אין די פרימאָרגנס זיך געענדיקט מיט אומעטיק צעצויגענע טקיִעס פונעם עלעלדיקן שויפער־בלאָזן.

אויך מייַן טאטע, א פּאָשעטער ייִד, האָט געטראָגן אין זיך א טיפע האכנאָע צום רעבן און צו גאָט, דעם איינציקן אָנשפאר אין אלע זייַנע מאטערנישן.

מייַן טאטנס פרומקייַט, אָבער, וואָס איז געווען א שטילע, א בעניִמעס־דיקע, איז באשטאנען פון בלויז דאווענען יעדן טאָג. און בייסן דאווענען פלעגט ער אופהייבן זייַנע אויגן צום הימל מיט א היספּײַלעסדיקן טילים־רוף:

— אליך נשאתי את עיני היושב בשמים...[1]

ס׳איז געווען דער פּראָסטער כסידישער נוסעך פון ייִדישע טפילעס מיט זייער פרומען טרויער און העפקערן בעטלער־ניגן.

איינמאָל יאָמקיפּער האָט דער טאטע מיך, א קליין כיידער־ייִנגל, מיטגענומען דאווענען באַם רעבן אין בעסמעדרעש.

די שול איז געווען הייס־אָנגעשטאָפּט מיט מיספּאלעלים. ייִדן אין ווייַסע קיטלען און הוילע זאָקן, זייַנען געשטאנען די קעפּ באהאלטן אונטער טאלייסים, פארזונקען אין צעדריבלטע קרעכצן, און עס האָט זיך

---

[1] איילעכאָ נאָסאָסי עס אייניי האיושעוו באשאָמאָיִם (העבר.). צו דיר, וואָס אין די הימלען וווינסט, הייב איך אויף מייַנע אויגן.

געדאכט, אז די שאריי־ראכמים זײַנען אופגעפּראַלט און די טפילעס גייען גלײַך צו די הימלען...

אין מיזרעך, נאָענט לעבן אַרנקוידעש, האָב איך דערזען א מיטלוווקסיקן ייִדן אין א גרויסן ווײַסן קיטל. א ווײַסן טאַלעס איבערן קאָפּ, מיט א ברייטער זילבערנער אטאַרע. זײַן געדיכטע צווײשפּיציקע באָרד און לאַנגע געדרייטע פּייעס זײַנען אויך זילבער־ווײַס, גלײַך ער וואָלט באַשטאַנען פון לויטער ווײַסקײַט. נאָר זײַנע אויגן האָבן געפיבערט מיט א טונקלען שנײַדיקן גלאַנץ.

— טאַטע, ווער איז דער ייִד, דאָרט? — און איך האָב אָנגעוויזן מיט א פינגער אַף יענעם אָרט, וווּ דער ייִד איז געשטאַנען.

— ש־ש־ש־ש, דאָס איז דער הייליקער רעבע, זאָל לעבן...

און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי איך זע אין א פײַערדיקן וואָלקן ארום זײַן קאָפּ דעם פלאַטער פון קעדושע...

פאַרן אָמעד איז געשטאַנען א באַלטפילע און געדאַוונט שאַכרעס מיט עפּעס קורץ־אָטעמדיקע בעטנדיקע טענער. ס'איז אָבער אין זײַן דאַוונען קיין טרער ניט געווען. פלוצעם איז ער אנשוויגן געוואָרן. זיך אָפּגערוקט אין א זײַט. א רעגע האָט געגליווערט א פאַרכטיקע, אנגסטיקע שטילקײַט. און אין אָט דער שטילקײַט האָט מיטאַמאָל אַרײַנגעיאָמערט דעם רעבנס אַלט קאָל, ווי א געוויין וואָלט אים פאַרקראָכן אין האַלדז און זיך געריסן פון דאָרט מיט א שווערן איימעדיקן קרעכץ:

ער האָט איינײנעם מיטן לאַנגן טאַלעס אופגעהויבן די הענט צום הימל,

היום יכתב בספר הזכרונות החיים והמות...[1]

ווי צוויי ווײַסע פליגל וואָלטן זיך צעשפּרייט. אָט־אָט, און ער וועט זיך אָפּרײַסן פון זײַן אָרט און א פלי טאָן ארויף גלײַך צום קיסיי־האַקאָוועד. זײַן קאָל האָט מיט א פארהאַקטער פײַן זיך געוויגט אינעם גאָלדיקן נעפּל פון די ברענענדיקע ליכט. א ציטער האָט דורכגעצוקט דורך דער איידע מיספּאַלעלים. און ווײַסע טאַלייסים האָבן זיך אויך געוויגט אין א טויב פאַרקלעמטן געברום.

מיר האָט זיך געדאכט, ווי א פאַרהוילענע האַנט פון יענוועלטיקע פאַרבאָרגענישן שוועבט ארום אין שול און פאַרשרײַבט מיט א פײַערדיקן קסאַוו, וועמען לעבן און וועמען ניט... און דער טויט האָט געשראָקן מיט עפּעס א ווײַסער טאַכריכים־שרעק.

איך האָב א קוק געטאָן אַף מײַן טאַטן. ער איז ערשט מיט א כוידעש צוריק אופגעשטאַנען שיווע נאָך א יונגער שוועסטער, וועלכע א שיקערער פּאַרעץ האָט געשענדט, און זי האָט פאַר ווייטיק און בושע זיך באַגאָסן מיט נאַפט און פאַרברענט געוואָרן.

דעם טאַטנס פּאָנעם איז געווען פאַרוואָלקנט מיט עפּעס א טונקעלן שאָטן פון צאַר. דער קאָפּ טיף געבויגן, ווי באַלאָדן מיט ווי פון דוירעס פאַרפײַניקטע, ייִדישע טעכטער, האָט ער זיך געשאָקלט אין דער ברייט, און פון זײַן ברוסט, וואָס איז ניט געווינט געווען צו קיין קרעכצן, האָט זיך ארויסגעריסן א שווערער פאַרשטיקטער זיפץ. מיר האָט זיך אויסגעוויזן,

[1] האיום יִקאָסעוו בעסייפער האזיכרוינויס האכאיִם וועהאמאָוועס (העבר.). — הײַנט ווערט פארשריבן אין סייפער־האזיכרוינעס פון לעבן און טויט.

אז ער וויינט. איך האָב קיינמאָל ניט געזען מײַן טאַטן וויינען, אפילע בא דער לעווײַע פון זײַן שוועסטער האָבן די אויגן זיך נאָר געררויטלט און געפלאַמט מיט א טרוקענעם פײַער.

מיר איז אזוי אומעטיק געוואָרן פון מײַן טאַטנס כליפּען. און די ליכט אין די הענגלײַכטער האָבן אויך געוויינט מיט ווײַסע כיילעוו־טרערן.

איך האָב איבערגעפירט די בליקן צום אָפּענעם אָרנקוידעש. פאר אים איז געשטאַנען דער רעבע. זײַן פלייצע האָט געפּעכלט אין אויג מיט א נאָך מער שרעקיקער ווײַסקײַט. איך האָב געטראַכט פון מײַן טאַטנס שוועסטער. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז איך זע די שטורמישע פלאַמען, וויאזוי זיי כאַפּן ארום איר צאַרטן מיידלשן גוף, וואָס האָט זיך נאָך רעכט ניט באוויזן צו צעבליִען.

מיט א יאָר צוריק, אין דעם זעלבן טאָג, איז אָנגעצייכנט געוואָרן איר שרעקלעכער גוירל. דער רעבע, וואָס איז א טייל פון דער הימלשער געט־לעכקײַט, האָט אן אייגענעם מאַלעך אין הימל, און ווייסט אפריִער, וואָס יעדן מענטשן איז באַשערט, האָט דאָך מיט זײַן הייליקן קויעך געקאָנט ניט דערלאָזן צו אזא הימלשרײַענדיק רישעס. און אזויווי ער האָט עס ניט געטאָן, איז ער א גלײַכער שותּף צו מײַן מומעס יונגע פארשניטענע יאָרן... ער האָט אויווער געווען אף דעם „ואָהבת לרעך כמוך"[1], ווען וועלכן איך האָב נאָרוואָס געלערנט אין כיידער, ווו איז דאָס בעטן איינער פארן אַנ־דערן?

א גאנצער וויכער פון אפּיקאָרסישע געדאנקען, פול מיט צאָרן און פארדראָס, האָבן זיך געקנוילט אין מײַן קאָפּ. מיר האָט זיך געגומען דאכטן, אז דער רעבע הערט מײַנע זינדיקע מאַכשאָוועס, אלע טפילעס זאָגן דאָס אייגענע: עס איז דאָ א גאָט, וואָס זעט, הערט, און ס׳וועט מיר דער־פאר אין הימל אָנגעצייכנט ווערן א הארבע שטראָף. פאר מײַנע אויגן האָבן זיך אויסגעשטעלט די אלע שרעקלעכע טויטן, וועלכע עס האָט מיט צע־האַקטע גלידער אויסגעקרעכצט אין זײַן „אונסאַנע־טויקעף" דער קאָדיש — ראַבי אמנאָן פון מיינץ. א מאָדנער ציטער, ווי פון א בײַסיקן פראָסט, האָט מיך צעטרייסלט, איך האָב געפילט דאָס פרירן פונעם בלוט אין מײַנע אָדערן, אין די אויגן זײַנען אָנגעלאָפן טרערן. מיר האָט זיך געוואָלט אָפּטאָן עפּעס אזוינס, אז די גאנצע שול זאָל דערפון אופציטערן. די סייפער־טוירעס זאָלן ארויסשפּרינגען פונעם אָרנקוידעש, און די הימלען זאָלן זיך שפּאַלטן... און איך האָב זיך צעשריגן מיט א כײַישן געבריל:

— אלוהים אוהב צדיקים...[2]

ווי לאַנג מע האָט מיך געמינטערט, ווייס איך ביז הײַנט ניט. איך ווייס אויך ניט, צי האָב איך בעעמעס באוויזן זיך צעשרײַען. נאָר ווען איך האָב געעפנט די אויגן, איז דער טאַטע געשטאַנען איבער מיר אין שול־הויף און אײַנגעטײַנעט:

— האָסט געמעגט ניט פאַסטן... ביסט נאָך א קליין יינגל...

איך בין אוועק אין גאַס. זי איז געווען לײדיק. קיין איין לעבעדיקער

[1] וועאָהאַוטאָ לערייעכאָ קאָמויכאָ (העבר.) — זאָלסט ליבן דײַן פרײַנט ווי זיך אליין.

[2] עלויהים אויהייוו צאַדיקים. (העבר.) — גאָט האָט ליב צאַדיקים.

נעפּעש, בלויז איך איינער אליין, אַרומגערינגלט מיט פאַרבאַרגענע סוידעס, וואָס קיינער ווייסט ניט זייער באַשייד...

אין יאָרן אַרום, שוין קימאַט באַם סאָף פון דער מילכאָמע, האָב איך אין מאָסקווע באַגעגנט אַ יונגע פרוי, דעם רעבנס אַן אייניקל, אַ קראַנקן־שוועסטער אין דער סאָוועטישער אַרמיי, וואָס איז געקומען אויף אַ קורצן אורלויב. זי האָט מיר דערציילט, אַז דער זיידע האָט זי געבענטשט פאַרן פרייַוויליקן אַוועקגיין אויפן פראָנט.

— און ווו איז ער איצט? — האָב איך מיט אַ האַלב קאָל געפרעגט.

— ער איז אומגעקומען אויף קידעש־האַשעם..

מיר האָט ווידער אַ קלעם געטאָן דאָס האַרץ. איך האָב זיך דערמאָנט אין יענעם ווייַס־קיטלדיקן יאָמקיפּער. עס האָט אויפגעשוועבט די מאַרטירער־געשטאַלט פון ראַבי אַמנאָן — די פאַרפייַניקטע געשטאַלט פון „יודעוס אַמאַרטאַליס"...

## צוליב אַ ביסן ברויט

אויף איין שטאָק, אַ טיר קעגן אַ טיר, וווינט אין שכיינעס מיט מיר אַ יונג פּאָרפּאָלק. ער — אַ טאָקער אויף אַ זאַוואָד. זי — אַ נייטערין. באַ זיי וואַקסט אַ ייִנגל פון אַ יאָר דרייַצן. אַ שילער פון זעקסטן קלאַס, וואָס האָט זייער ליב פרעמדשפּראַכן. ער קומט אָפט אַרייַן צו מיר, ווען עס גיט זיך אים ניט איין עפּעס אַן איבערזעצונג. און עס שטראָמט אַ זעלטענע וואַרעמקייַט פון זייַנע שוואַרצע גלאַטינקע האָר און פון זייַנע גרויסע, שוואַרצע קינדעריש־ריינע און פאַרבענקטע אויגן. אַלע מאָל, ווען ער באַווייַזט זיך, דערמאָן איך זיך, אַז איך צו דרייַצן יאָר בין שוין געוואָרן אויס שילער און אויס קינדעריש־יינגל.

מייַן באַרמיצווע איז אויסגעפאַלן אין אַ זוניקן טאָג. די וועלט איז געווען פאַרגאָסן מיט זון — אַ פאַרפלייצונג פון ליכט און וואַרעמקייַט. אָבער פאַר מיר איז עס געווען אַ גרויער וואָכנטאָג, אַ וואָכעדיקע באַר־מיצווע, אָן אַ דראָשע, אָן מאַפּטער, אַפילע אָן לעקעך־און־בראַנפן.

מייַן טאַטע האָט מיט אַן אַקשאָנעסדיקער פרומקייַט אייַנגעקנעלט אין מיר אַלע דינים פון לייגן טפילן.

— פון דעם טאָג אָן וועסטו אַליין שוין פאַרענטפערן אַלע זינד, וואָס דו וועסט באַגיין...

איך האָב זיך דערשראָקן פאַר זייַנע ווערטער, און מיר האָט זיך אויס־געוויזן, אַז איך פיל אויפן שטערן די שווערע לאַסט פון דער דראָענדיקער שטרענגקייַט, וואָס הויכט אַרויס פון די פאַרשעס.

אין שטוב האָט מען שוין געוואַרט, ס׳זאָל ווערן ווינציקער מיט אַן אומזיסטיקן עסער. דער טאַטע האָט מיט ווייטיק מיר געגעבן אָנצוהערן:

— ווען מען זאָל צופאַלן דער ביסן ברויט, דיר צי דער קלענער שוועס־טערל?

באַ דער זייַט איז געשטאַנען די מאַמע מיט אַ פאַרטרערטן בליק, און איר פּאָנעם איז פאַרוואָלקנט געווען פון טיפן צאַר.

— שרעקלעך, ווען א ביסן ברויט איז מיט גאָלד גליַיך!..

און איך האָב ניט געוווּסט, צו ווען זי רעדט אַזוי — צו דעם טאַטן אָדער צו מיר. און עפּשער האָט זי בּיכּלל מיט אונדז ניט גערעדט, נאָר פּאַשעט אַרויסגעבּראַכט אויף די ליפּן די אייגענע געדאַנקען, ווי זי וואָלט דאָ געווען איינע אַליין.

זי האָט זיך מיטאַמאָל פון מיר אָפּגעקערט, דערוויַיטערט, כאָטש אינ־דערעמעסן איז זי געשטאַנען אויף דעם זעלבן אָרט. דאָס האָבן מיַינע קושיות, מיַינע געדאַנקען זיך דערוויַיטערט, וויַיל עס איז מיר געווען פיַינ־לעך צו קוקן אויף אירע יסורים און צו הערן אירע רייד.

נאָר מיט וואָס האָב איך געקענט העלפן מיַין טאַטע־מאַמע? מיט וואָס העלפן זיך אַליין? בּאַ מיַינע דריַיצן יאָר האָב איך אויסגעזען ווי א זיבּן־אַכטיאָריק קינד. ווער אָבער ציילט עס יאָרן בּאַ די, וואָס מוזן פרי ווערן פאַרדינער? צי בּין איך דען געווען דער איינציקער, וועמען דאָס לעבּן האָט פון קינדוויַיז אַריבּערגעפירט אויף „אייגענע קעסט"?

פלוצעם האָב איך זיך צעוויינט. צי איז עס געווען פון ראַכמאָנעס צו טאַטע־מאַמע, צי פון גרויסן ביטאָכן, אַז גאָר אינגיכן וועל איך ווערן א פאַרדינער און מיר וועלן מער ניט דאַרפן אַזוי הונגערן, ווי איצט.

אין מעשעך פון א יאָר צייַט האָב איך אויסגעפּרוּווט עטלעכע „מעלאָ־כעס". געווען א כוידעש א שיק־ייַנגל, דערנאָך געדינט אין א מאַגאַזין, און ווידער א שיק־ייַנגל. דאָס לאַקיייִשע אין די צוויי „פּראָפעסיעס" איז מיר אָבער ניט געווען צום האַרצן. בּין איך אָנגעקומען צו א שניַידער, א מענטשן, וועמען דאָס לעבּן האָט שטאַרק געעלטערט, כאָטש ער איז געווען אַלט ניט מער ווי א יאָר פערציק.

א קרענקלעכער, מיט א בּלאַס פּאָנעם, א געבּויגענער נאָז, און א פּאָר טיף־שוואַרצע אויגן, וואָס פון זיי האָט אַרויסגעקוקט דער צאַר פון דער וועלט, האָט ער גענייט מיט אַזאַ באַגיַיסטערונג, גליַיך ער וואָלט געשאַפן קונסטווערק. בּאַ דער אַרבּעט האָט ער שטענדיק געזונגען. בּאַזונדערס רירנ־דיק איז געווען די ליד וועגן דריַי שוועסטער ערגעץ אין א וויַיט־פרעמ־דער ענגלישער שטאָט, צווישן ווילד־פרעמדע מענטשן. א קלאָגיק ליד, פון אַלע זיַיטן זייער קלאָגיק. און דאָס געזאַנג האָט שווער געזאָטן אין זיַין שמאָלער בּרוסט, דערציילנדיק, וויַאַזוי

די איינע, זי האַנדלט מיט בּלומען,
די צווייטע — מיט בּענדלעך פון שיך,
און שפּעט בּאַ דער נאַכט טויט זי קומען,
די דריטע, וואָס האַנדלט מיט זיך...

אויף זיַין פּאָנעם איז געלעגן א שטיק שוואַרצע אומעטיקייַט. די ליפּן האָבן טרויעריק זיך אַראָפּגעלאָזט, און ער איז א וויַילע געבּליבּן זיצן ווי פאַרטראַכט, דערנאָך האָט ער פאַרלוירן א טיפן זיפץ און נאָכאַמאָל איבּער־געכאַזערט:

די דריטע, וואָס האַנדלט... מיט זיך...

און זיַין שטים האָט דערציילט פון א פּאַרוויסט און צעטראָטן לעבּן. מיטאַמאָל איז ער אַנשוויגן געוואָרן, געשוויגן לאַנג און פינצטער. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס סקריפּען פון דער נאָדל, און די לויזע, וויַיסע

שטעך אפֿן טונקעלן וואָלשטאָף האָבן אויסגעזען, ווי צוגעסטריגעוועטע טרערן.

איבער צוויי יאָר האָב איך געלעבט בא אָט דעם שניַידער, געלערנט אין אן אָוונט־שול און באַטאָג אים געהאָלפֿן אין דער ארבעט. ער האָט זיך באמיט זײַן גוט צו מיר, זען, איך זאָל ניט אָפּשטיין אין לערנען.

— א פארקערטע וועלט, — האָט ער אמאָל א זאָג געטאָן — ווער ס'וויל לערנען קאָן ניט, האָט ניט פונוואנען... און ווער עס קען — וויל ניט...

און ס'איז ניט קלאָר געווען, צו וועמען זײַנען געווענדט זײַנע רייד, צו מיר צי צו דער פארקערטער וועלט, פול מיט אוולעס, פאר וועלכע ס'איז ניטאָ בא וועמען צו פרעגן... זײַן פּאָנעם האָט זיך פארצויגן מיט עפּעס א פינצטערקייַט, און ער האָט גענומען מיך טרייסטן:

— נישקאָשע, א בוים בייגט זיך, ווען ער איז יונג. ביז דו וועסט ענדיקן לערנען, וועט זיך עפּעס ענדערן אף דער וועלט...

אזוי האָט ער געשליפֿן מייַן מויעך מיט הילכעס לעבן. און איך האָב טאקע געלערנט מיט פלײַס און גערן געארבעט. עס זײַנען אָבער געווען צײַטן, ווען קיין שטאָך ארבעט איז ניט ארײַנגעפאלן, דעמלט האָט ער גע־טיילט מיט מיר דעם לעצטן ביסן, כאָטש ער האָט געהאט א ווײַב, וואָס האָט אים קיין קינדער ניט געבראכט אף דער וועלט, ווײַל זי האָט געליטן פון עפּעס א שווערער קרענק, וועלכע מע האָט געקאָנט היילן, נאָר ס'איז ניט געווען פאר וואָס.

צומאָל פלעג איך פאר אים שרײַבן בריוו צו זײַנער א שוועסטער קיין אמעריקע, בריוו, פול מיט געבעט, יאָמער און זיפצן. באם שרײַבן האָט זיך עפּעס אין מיר אָנגעצונדן און עפּעס אויסגעלאָשן, און דאָס איבער־געלעבטע האָט פארקריצט א וווּנדיק אָרט אין מייַן זיקאָרן.

אזוי בין איך ארויס פון מייַן קינדהייַט, ניט באוויַיזנדיק רעכט זיך צו געזעגענען מיט איר.

## אזוי איז געווען

... 18 יול 1936.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער אקט פון יענעם בלוטיקן גע־ראנגל, וואָס וועט שפּעטער מיט א פּאָר יאָר ארומכאפּן א האלבע וועלט און אוועקטראָגן אין דער אייביקייט מיליאָנען לעבנס.

שפּאניע.

אליארמירנדיקע יעדיעס האָבן, ווי בייזע ווינטן, זיך א טראָג געטאָן פון דעם פירענעישן האלב־אינדזל, פון דאָרט, וווּ עס האָבן זיך צעפלאָ־קערט די ערשטע פלאַמען פון א מוירעדיקער מילכאָמע־סרייפע. אין אָנזאָג פון א פארביטערטן קאַמף פאר פרײַהייַט און סאָציאַלער גערעכטיקייַט, קעגן פארקנעכטונג און פאשיזם — א קאַמף פאר מענטשלעכער ווירדע. און אין מאָמענט פון העכסטער געפאר פארן קיעם פון אָט די דערהויבנסטע אידעאלן האָבן פרײַוויליקע פון צענדליקער לענדער זיך געשטעלט אונטער דער פּאָן פון דער רעפּובליקאנישער שפּאניע, געשאפן די בארימטע אינטערנאַ־

ציאָנאַלע בריגאַדעס, וועלכע האָבן די ערשטע זיך באַגעגנט פּאָנעם־על־פּאָנעם מיטן געייניקטן בלאָק פון דעם נאַציִסטישן דײַטשלאַנד און דער פאַשיסטישער איטאַליע, און מיט זייער בלוט געכאַסמעט אַף די שפּאַנישע שלאַכטפעלדער די פּראָלעטאַרישע פאַרבינדונג מיטן קאַמף פונעם שפּאַנישן פאָלק.

איינער פון די טויזנטער אינטערבריגאַדיסטן איז אויך געווען מײַן איינציקער ברודער — ביניאָמין.

...א ייִנגל פון א יאָר זעכצן, באַלאַדן מיט א געבוירענער איידלקייט און א וואַרעם האַרץ, איז מײַן ברודער פרי פאַרכאַפּט געוואָרן פון פרישע ווינטן, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין די אָרעמע ייִדישע געסלעך. די גרויע ווירקלעכקייט האָט מיטאַמאָל באַקומען אַן אַנדער פאַרב... עס איז געווען די פאַרב פון א נײַ לעבן, פון א נײַער וועלט און ווען ער איז אין א צײַט אַרום פּלוצעם פאַרנומען געוואָרן דורך געהיים־אַגענטן מיט שטעכיקע בליקן, פאַרמישפּעט געוואָרן אַף צוויי יאָר טפיסע, איז דער טאַטע געזעסן אין געריכט־זאַל און בעשום־אופן ניט געקאָנט באַנעמען, פאַרוואָס אייגנטלעך מישפּעט מען אים, דעם זון זײַנעם.

נעכטן איז דער ברודער אים געקומען צו כאָלעם אַזאַ בלייכער, א צעמיימעסטער, א געקאָוועטער אין קייטן און א באָרוועסער גאָר. ער האָט עפּעס געשריגן, נאָר די ווערטער האָבן זיך ניט געקאָנט אָפּרײַסן פון זײַנע בלוטיק־פאַרבאַקענע ליפּן...

קוקט ער איצט אַף זײַן זון, ווי ער וואָלט אים ניט דערקענט. דער ברודער איז פאַר דעם האַלבן יאָר זיצן אין טפיסע ווי אויסגעוואַקסן, מענערישער געוואָרן. עמעס, דאָס פּאָנעם איז נאָך אַלץ קינדיש־צאַרט, נאָר אָפן, מיט אַן אויסדרוק פון רויִקער ערנסטקייט. און דעם טאַטן כידעשט דער שטעל, מיט וועלכן דער ברודער ענטפערט עס אַף די ריכטער אין שוואַרצע מאַנטיעס, ווי גאַלאָכים, גלײַך ער וואָלט גערעדט צו זײַנס א גלײַכן.

באַם טאַטן האָט דער שטערן זיך צונויפגעלייגט אין פאַלדן. ער האָט וועגן עפּעס העפּטיק געטראַכט. עפּשער וועגן צוויי סטירעסדיקע לעבנס: — דאָ אין זאַל מיט ריכטער און זשאַנדאַרמען, מיט יונגע יאַטלעך, וואָס זוכן זייער רעכט צו לעבן אַף דער וועלט. א לעבן, ענלעך אַף א כאָלעם... און דאָס צווייטע — דאָס עמעסע, באַשטענדיקע, אומפאַרענדערטע לעבן, דאָרט אָפן שטורעמדיקן טײַך, אינעם יאָגן זיך נאָך א שטיקל ברויט...

צוויי לעבנס, ווי צוויי צעטיילטע ברעגן.

אין די יונגע יאָרן האָט דער טאַטע אויך געדאַרשט נאָך אַן אַנדער לעבן. געדאַרשט מער מיטן האַרץ, ווי מיטן פאַרשטאַנד. ער האָט געזוכט וועגן, וויאַזוי זיך אַרויסצורײַסן פון דער אָרעמקייט, נאָר קיין וועגן האָט ער ניט געפונען, האָט ער שאָלעם געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז זינט די וועלט שטייט, איז פאַראַן אָרעם און רײַך, און וועמען עס שפּילט צו דאָס מאַזל, דער אַרבעט זיך אַרויף. וויפל אָבער ער אַליין האָט זיך ניט געסטאַרעט „אַרופצואַרבעטן" איז ער אַלץ טיפער פאַרזונקען געוואָרן אין אָרעמקייט, ביז זי האָט זיך צו אים אַרײַנגעצויגן אַף שטענדיק.

קוקט ער אַף זײַן זון, וואָס וויל איבעראַנדערשן די וועלט, און עס זעט אים אויס אַזוי אומזיניק, פּונקט ווי וועלן אַשטייגער מיט הוילע צע־

שפרייטע אַרעמס פֿאַרהאַמעווען דעם שטראָם פֿון אַ באַרג־טײַך. ער פֿילט ניט קיין צער, נאָר עפּעס אַן אויסטערלישן האַס צו די בעקאַווּדיקע העלן אין שוואַרצע מאַנטיעס, באַזאַרגטע מיט רײַכקייט און מאַכט, וואָס שרעקן זיך גאָר פֿאַר אַ פּאָר יונגע יאַטלעך, סילעווען יאָרן פֿאַר אַ שיינעם כאַלעם.

ער האָט נאָך דעמאָלט ניט געוווּסט, אַז אין פֿיר יאָר אַרום וועט אים באַשערט זײַן איבערלעבן דעם טויט פֿון זײַן זון. דער כאַלעם האָט באַקומען אַ טרויעריקן סאָף...

שפּאַניע.

פֿון די פֿראָנטן האָבן די צײַטונגען ניט געבראַכט קיין שום באַזונדערע נײַעס. אַכוץ עפּשער עטלעכע געציילטע שורעס אויף דער לעצטער זײַט, פֿאַרלוירענע צווישן שרײַענדיקע רעקלאַמעס וועגן קינאָ־סטאַרן און נאַכט־לאָקאַלן. און די שורעס האָבן דערציילט פֿאַר דער וועלט אין קורצע ווערטער, אַז אויפֿן מאַדרידער פֿראָנט־אָפּשניט איז די נאַכט דורך אַ שטילע, אָן קאַמפֿן.

דערווײַל האָט די פּאָטשט געפֿירט אין דער ווײַטער בוקאָווינע אַ בריוו מיט פֿרעמדע מאַרקעס און פֿרעמדע שטעמפּלען.

מײַן ברודער האָט געשריבן:

„יעדער שפּאַן ערד ווערט דאָ אין קאַרבאַנעספּולער גרייטקייט אויסגעקעמפֿט...

מאַדריד וועט אין דער נאָענטער צוקונפֿט ווערן דער קייווער פֿונעם פֿאַשיזם... פֿאַר מיר זאָרגט זיך ניט..."

און די פּאָטשט האָט געפֿירט אַ צווייטן בריוו מיט פֿרעמדע ווערטער, אין אַ פֿרעמדער שפּראַך:

„ווען די פֿראַנקיסטן האָבן זיך געריסן צו מאַדריד און די הויפּטשטאָט איז געווען אין געפֿאַר, האָט פֿון די אָקאָפּעס דער ערשטער זיך אויפֿגעהויבן אײַער זון און מיטן רוף „טויט די פֿאַשיסטן!" זיך געוואָרפֿן אויפֿן סוינע. נאָך אים האָט זיך אויפֿגעהויבן דער גאַנצער פֿראַנצויזישבעלגישער באַטאַליאָן אויפֿן נאָמען פֿון דער פּאַריזשער קאָמונע... אײַער זון איז געפֿאַלן, נאָר די פֿאַשיסטן האָבן ניט דורכגעבראָכן דעם פֿראָנט... דאַלאָרעס איבאַרורי".

אין שפּאַניע איז געווען דעמאָלט נאַכט.

נאָר מיר סטײַעט איצט געגנוג ליכט אויף צו זען דעם פּײַכטן פֿאַרגלייווערטן בליק אין די אויגן, וואָס האָבן פֿאַרשטאַרטע אַרויפֿגעקוקט צום אויסגעשטערנטן הימל, זען אויף דער ברוסט, באַם סאַמע האַרץ, אַ פֿאַרבאַקן ריטשקעלע בלוט.

מײַן ברודער איז געווען יונג. קוים צוואַנציק אַלט. געווען פֿול מיט לעבן און מיט כאַלעם... מײַן ברודער איז געוואָרן לעגענדע...

דער טאַטע האָט באַוויינט דעם זונס טויט, ער האָט טיף געטרויערט. און צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן געשמיסן קעגן גאָט מיט ביטערע ווערטער:

— פֿאַרוואָס ביסטו אַזוי גיריק אויף יונגע לעבנס, אַלמעכטיקער? דעמאָלט מײַן שוועסטער, איצט מײַן זון. ווו איז דײַן מידאַס־האַראַכמים? דו האָסט דאָך באַשאַפֿן די וועלט אַזוי, אַז קינדער זאָלן עלטערן באַווייַנען... פֿאַרוואָס זשע ביסטו אויווער אויף דײַן אייגענעם באַשאַף?..

די הימלען האָבן אויסגעהערט מײַן טאַטנס טײַנעס און געשוויגן א מוירעדיק שווײַגן.

איז אין טאַטנס האַרץ פאַרבליבן שפּאַניע און געטאַטשעט דאָרט, געטאַטשעט, ביז פּונקט צום ערשטן יאָרצײַט נאָך מײַן ברודער, איז ער פּלוצעם געשטאָרבן. אָן א קרעכץ אפילו. איך האָב בא זײַן קייווער געזאָגט קאַדיש. דאָס האַרץ האָט געוויינט, אָבער דער קאַדיש האָט זיך באַקומען א טרוקענער, א מין ווידערשפּעניקער. איך האָב דאָך אויך געהאַט מײַנע טײַנעס צו דער וועלט און צו גאָט...

אזוי איז געווען מיט פופציק יאָר צוריק.

...פירט א וועג פון פּוענקאַראַל קיין פּאַרדאָ. און אפן וועג, ניט ווײַט פון מאַדריד, איז א קליינער בעסוילעם פאַראַן. דאָס שפּאַנישע פאָלק האָט דאָרט אוועקגעשטעלט א מירמלשטיין מיט אַן אויפשריפט:

„די פריײַוויליקע פון אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס, געפאַלענע ווי העלדן פאַר דער פרײַהײַט פון שפּאַנישן פאָלק, פאַרן ווווילזײַן און פאָרשריט פון דער מענטשהײַט".

איך ווייס ניט, צי האָט דער שטיין זיך פאַרהיט ביז הײַנט. נאָר דאָרט שלאָפן אין אייביקן שלאָף הונדערטער אינטערבריגאַדיסטן, און צווישן זיי אויך מײַן ברודער. לייג איך אוועק אָט די שורעס מײַנע, אָנשטאָט א בינטל בלומען, אויף דעם שטיקל שפּאַנישן ערד, לייג אוועק מיטן הייסן באַגער, אז אין קיין איין שטוב זאָלן מער קיין טרויערצעטלען ניט קומען...

## אליין...

זי האָט נאָך אַלץ געשײַנט מיט עפּעס א רירנדיקער און צאַרטער שיינקײַט. עס האָט נאָך אַלץ אין איר געשפּילט דער כיין, מיט וועלכן דער הימל האָט זי באַשאָנקען מיט א מילדער האַנט, כאָטש זי האָט שוין קימאַט ווי געגליט מיטן לעצטן אָפּשייד־גלי פון א האַרבסטיקער זון.

און איך בין נאָך דעמאָלט קיין גאַנצע זיבעצן ניט אַלט געווען.

געשעט דאָך צומאָל, אז די קאַפּריזע נאַטור שטויסט א יונגלינג מיט א נאָך אומבאַשטימטן געברי‍ל פון אופוואַכנדיקער מענערישקײַט אין די אָרעמס פון א פרוי, וואָס ברענט שוין מיט א מאַטעוון גלאַנץ פון א וועלקנדיקער בלום.

מיר האָבן זיך אָפּט באַגעגנט אין א קרײַז פון יונגע אַרבעטער.

ס'איז געווען יענע צײַט פון בונטאַרישן אויפברויז, וואָס איז פאַרזייט געוואָרן אין דעם פרוכטבאַרן באָדן פון נויט, פאַרקנעכטיקונג און עקספּלואַטאַציע, און געדראָט מיט שטורעם...

ווער איז זי געווען?

דעם גאַנצן עמעס האָט קיינער ניט געוווּסט. זי האָט זיך געהאַלטן אָפּגעשלאָסן. וועגן איר לעבן קיינמאָל ניט דערציילט. און עפּשער איז ניט געווען וואָס צו דערציילן, כאָטש עס האָט זיך שווער געלייגט אפן סייכל, אז בא אזא גלאַנצנדיק פאַרכאַפּנדיקער שיינהײַט, זײַנען אַדורך די בעסטע בלי־יאָרן פון קיינעם ניט באַמערקט.

אָבער אין דעם קרײַז, ווו מע איז געווױנט געווען צו קאָנספּיראַציע, האָט מען קיין איבעריקע פראַגעס ניט געשטעלט.
ווער זשע איז זי פאַרט געווען?
לויט געוויסע קלאַנגען, איז זי אַוועק פון אַ רײַכער היים, ווו זי האָט געלעבט אין ווילטיק און געקומען צו די הינטערגעסלעך, צו דעם ברעג פון ייִדישער אָרעמקייט, קעדיי צו לעבן אַ לעבן פון הונגעריקע טרוי־מער...
אין איינעם אַן אָוונט, נאָך אַ הייסער דיסקוסיע וועגן דער ראַליע פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור אינעם קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט, ווו זי האָט געפינקלט מיט איר באַהאַוונטקייט און אַנגעלייענטקייט, איז זי פּלוצעם צוגעגאַנגען צו מיר, פאַרצויגן אַ דינעם שמייכל, און אירע פּערל־דיקע ציין האָבן געשוימט מיט אַ וואַרעמער ווײַסקייט.
— צי ווילסטו ניט מיך באַגלייטן אַהיים?
איר פראַגע איז געקומען פון דער זײַט, ווי זי וואָלט עס געפרעגט ניט בײַ מיר.
איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער גאָלדענער מילדקייט פון איר קליין געשניצט פּאָנעם. אויף דעם אָנגלי אין די פאַרשליצטע שמאָלע אויגן, וואָס זײַנען געווען אָנגעגאָסן מיט אַ צאַפּלדיקער פרייליכקייט, און איך האָב ניט געוווּסט, צי זאָגט זי עס ערנסט, צי שפּאַסט זי. עס האָט גענומען אַ שטומע ווײַלע, ביז איך האָב אַרויסגעשטאַמלט:
— פאַרוואָס ניט.
זי האָט פלינק מיך געכאַפּט פאַרן אָרעם און ווילעריש אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן:
— אויב אַזוי, איז געגאַנגען.
מיר האָבן זיך געלאָזט איבער שטילע, דרעמלענדיקע גאַסן. זעלטן האָבן פרעמד און אײַליק דורכגעשלײַכט שאָטנס פון פאַרבײַגייער, און דאָס פרעמדע שאַרן פון זייערע טריט האָט עלנט אָפּגעקלונגען אין דער נאַכט.
ס'איז געווען אַ העלע זומערנאַכט, וואָס האָט זיך געבאָדן אין אַ זיל־בערנער ליכטיקייט, און דער הימל, דורכגעוואָרפן מיט שטערן, האָט זיך קוים געטונקלט.
מיר זײַנען געגאַנגען שווײַגנדיק.
זי האָט געהאַלטן מײַן אָרעם אין אַ צערטלעכן קלאַמער. יעדער שטיקל פינגער פון איר האַנט האָט געקישעפט מיט דער וואַרעמקייט פון איר קערפּער. און עפּעס אַ געזאַנג אָן ווערטער האָט אָפּגענומען דאָס לאָשן.
מיר האָבן לאַנג אַרומגעבלאָנדזשעט. און די נאַכט האָט צעוויקלט אַ גאַנצן פּלאַנטער פון געפילן, פאַר וועלכע איך האָב קיין נאָמען ניט געהאַט.
אַלע מײַנע אייוורים האָבן געבעטן איר נאָענטקייט. געבעטן די זיסקייט פון איר אָטעם, וואָס האָט געשמעקט און פאַרשיכּורט. אַ פײַער האָט גע־שלאָגן פון איר קליין מויל...
אַזוי איז זי אין יענער נאַכט אַרײַן אין מײַן יונג לעבן מיט אַ מאָדנע פּלוצעמדיקייט. אַרײַן ווי אַ צווייטע נעשאָמע.
עס האָבן זיך אַ קנויל געטאָן טעג און וואָכן, אָנגעלאָדענע מיט זיסע פריידן. יעדן אָוונט האָב איך געוואַרט אויף איר אין אַ זיסן דרעמל. און אונדזערע באַגעגענישן האָבן אויסגעזען אַזוי, ווי מיר וואָלטן ניט געקאָנט

מער אויסקומען איינער אָנעם אנדערן. און בא יעדער באַגעגעניש האָט א שטורעם פון פאַרמלאָזע טרוימען אופגעוירט אין מײַן בלוט אזוי, אז איך האָב געפילט ווי עס זינגט אין די אָדערן.

— אך, דו פארליבט ייִנגל מײַנס! — האָט זי שטיל געפליסטערט איבער מײַן אויער. און אזא ווייכע ווארעמקײַט האָט וויברירט אין איר שטים.

ווי אין א מײַסעלע בין איך מיטאמאָל אויסגעוואקסן אין מײַנע אויגן. מיר האָט זיך געדאכט, אז מײַן יונג הארץ, וואָס האָט צום ערשטן מאָל דערוואכט צו ליבע, פול מיט אלערליי סוידעספולע צוזאָגן, האָט זיך צעזונגען אף אלע סטרונעס.

איך האָב זיך ארײַנגעדרייט אין אן אופרייצנדיקער שפּיל, אליין ניט ווּיסנדיק, וווהין די שפּיל וועט מיך פארפירן.

צי האָט זי פארשטאנען, אז איך בין געגליכן צו א ניט־צײַטיקער פרוכט, וואָס דארף נאָך האָבן א סאך ווארעמקײַט און צײַט אף רײַף צו ווערן?

בעפּייִרעש פארשטאנען.

צומאָל האָט זי מיך געלאָזט אפילע פילן אָט דעם כילעק אין יאָרן, וואָס האָט ארויסגערופן בא מיר פארביטערונג און אפילע בייזקײַט. נאָר צוזאמען מיט דער בייזקײַט איז געוואקסן די ליבע. די ליבע, וועלכע ווערט נאָך גרעסער דערפון, וואָס עס דאכט זיך, אז זי איז איינזײַטיק און ניט באלוינט.

צוליב וואָס האָט זי באדארפט די גאנצע שפּיל? זי, וואָס מיט איין ווונק האָט נאָך אלץ געקאָנט אײַנעמען וועלטן?

עפּשער האָט זי געזוכט אין מיר א ווידערקלאנג פון אירע יונגע טעג, פון אירע ניט־אויסגעלעבטע בענקשאפטן. און עפּשער איז עס געווען ניט מער ווי צעבאלעוועטקײַט, וואָס האָט זיך גענומען פונעם ווילטיק, אין וועלכן זי איז באסיעכידיש אויסגעוואקסן?

מיר האָט זיך צומאָל געדאכט, אז זי איז א פרעמדע, מיט א פרעמד לעבן, מיט א פרעמדן וועג, מיט וועלכן זי וועט באלד אוועק אהין, פונוואנען זי איז געקומען.

איך האָב געהיט אירע טריט, נאָר דערהיטן ניט געקאָנט.

אין איינעם א טאָג איז זי פּלוצעם פארשוווּנדן. אוועק אָן א זײַ־געזונט. אין הארצן האָט זיך מיר ווי עפּעס אָפּגעריסן פון חייטיק און פארדראָס.

פארוואָס איז זי אזוי אוועק? וואָס האָט פּאסירט?

איך האָב ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, וויאַזוי וועל איך עס קאָנען לעבן אָן איר אפילע איין טאָג, וויאַזוי אויסקומען אָן דער זיכערקײַט זי צו זען אָוונט נאָך אָוונט.

עס האָט ניט געדויערט קיין פולע צוויי וואכן, מעגלעך, אז אפילע ווייניקער, האָב איך באקומען פון איר א קורץ בריוועלע:

„עפּשער שוין אינגיכן, מײַן פארליבט ייִנגל, וועסטו זיך דערפילן זעלבשטענדיק און דערוואקסן. דעמלט וועסטו פארשטיין, אז ניט יעדע ליבע ווערט אף דעם זעלבן אופן באוויזן... און מיר זײַ מויכל... מיר האָבן געשפּילט אין פארשיידענע שפּילן...“

אזוי איז געקומען א געפיל פון פארלוסט.

אין א צײַט ארום האָב איך אין אײנער א צײַטונג דערזען א טעלעגראם: „נעכטן באנאכט באם אריבערשווימען דעם דניעסטער האָבן זשאַנדארן דערשאָסן א יונגע פרוי...״

דאָס איז זי, האָט מיר אונטערגעזאָגט דאָס הארץ. און עפּשער ניט זי... עפּשער האָט זי באוויזן צו דערגרייכן דעם טיף־געגארטן סאָוועטישן ברעג... ווי:אזוי זיך דערוויסן דעם עמעס? און אויב זי, ווער וועט מיר דערציילן וועגן די לעצטע מינוטן אירע?.. און א בענקשאפט, וואָס די שפּראַך האָט ניט קײן וואָרט פאר איר, האָט זיך צעווײנט אין אלע מײַנע גלידער.

א לאנגע צײַט האָב איך געלעבט מיט דערמאָנונגען וועגן איר. איך האָב זי געזען אין כאָלעם און אין דער וואָר. מיר האָט זיך אָפּט אויסגעוויזן, אז איך הער איר שטיל, פליסנדיק קאָל:

— ווייס, אז די לײדן וועלן פארבײַגײן, קומען וועלן אנדערע, ווײַל אזא איז דאָס לעבן...

צומאָל פלעג איך זיך דערשרעקן, ווערנדיק אין גאס אָפּגענארט דורך א געשפּענסטיקער ענלעכקײַט אף איר פון פארבײַגײענדיקע פרויען, כאָטש כ׳האָב געוווּסט, אז זי איז פארשוווּנדן, און וויפל איך זאָל זי ניט זוכן, וועל איך זי שוין קײנמאָל ניט געפינען... און איך בין געבליבן אלײן מיט מײַן ניט־דערכאָלעמטן כאָלעם. אלײן מיט מײַנע זיבעצן יאָר...

## מײַן בערײשיס

וויפל מאָל איך האָב אָנגעהויבן שרײַבן, אזויפיל מאָל האָב איך געמוזט אופהערן. עפּעס האָט בא יעדער אָנגעשריבענער שורע זיך צעבענקט דאָס הארץ, און די ווערטער האָבן געבריט דעם מויעך. ביז אין אײנער א נאכט האָבן די אָנגעוואָרפענע שורעס מיך אופגעוועקט פון שלאָף, גלײַך זײ וואָלטן געבעטן בא מיר א טיקון.

איך האָב אין האלבן דרעמל געגומען די פּען, זי האָט נאָכגיביק געלאָזט זיך פירן, און די שטילע נאכטישע שאָען זײַנען געוואָרן אָנגעלאָדן מיט אומרו און געראַנגל פון א ווײַטער צײַט.

א שטילע גאס באַרג־אראָפּ באם ראַנד פון שטאָט, א גאס, וואָס וואָרט באנײַס צו ווערן, נאָר דערווײַל האָט זי זיך ווײניק־וואָס געענדערט.

פון בײדע זײַטן הויקערן זיך נאָך צוויי רײען אלטע, אָפּגעשײלטע הײַזער, ווי פון יאָרן צעפרעסענע. אין סאַמע מיט שלענגלט זיך אן אויסגעבּיסענער וועג, וואָס לויפט אראָפּ צו די פארגעפּלטע הינטערשטאָטישע ווײַטן, פונוואַנען עס דערגײט א קילער, זאַפטיקער רײעך פון צײַטיקע פּײרעס.

וויפל קײַלעכדיקע יאָרצענדליקער בין איך דאָ ניט געווען?

דער זיקאָרן לעבט אוף א לאנג שוין פארשווּנדענע צײַט. איך טרעט ווי אין כאָלעם אף די שפּורן פון מײַן אמאָל, וואָס זינגט ארויס פון יעדן שטײן, און אין יעדער שפּור ליגן באהאלטן סימאָנים פון מײַנע ווײַטע, יונגע טעג.

איך שטעל זיך אָפּ בא א הויז מיט צוויי ווײַסע בעריאָזע־בײמער פון

פראַנט. די פענצטער זײַנען פאַרשטעלט מיט קאָלירטע בלומען־טעפּ, און די שויבן שפּילן מיט אַ וואַרעמען גלאַנץ פון רו און אײַנגעזעסנקײַט.

איך האָב געקענט יענעם ייִדן, וואָס האָט אַמאָל דאָ געלעבט. געזען אים אַוועקגיין פון דער שטוב, ווען עס האָבן זיך געריסן די לעצטע פעדעם פון אײַנגעפונדעוועטע לעבנס.

ווער זשע וווינט עס איצט אין אָט דעם הויז? ווער האָט פאַרזעצט די צוויי ביימער פאַר די פענצטער? וואָלט עס געווען אַ היימישער, וואָלט ער אָף זיכער פיר ביימער פאַרזעצט.

אַ לינד דאַרעם־ווינטל שויבערט דאָס גרינס פון די צווײַגן, פלאַטערן זיי אַזוי, ווי זיי וואָלטן זיך אָנגעשטרענגט עפּעס זאָגן, נאָר קאָנען ניט. די הייסע אַווגוסט־זון צינדט אָן די קרוינען פון די ווײַסע בעריאָזעס, דאַכט זיך, אַז צוויי ריזיקע יאָרצײַט־ליכט ברענען, ברענען און ווערן ניט פאַר־ברענט...

פּלוצעם געשעט: דאָס הויז צערעדט זיך מיט דער שפּראַך פון יענעם ייִדן. און קוים פאַרמאַך איך די אויגן, שפּאַנט ער אַליין מיר אַנטקעגן פונקט אַזוי, ווי ער איז מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק אַרײַן אין מײַן לעבן.

שמועל־אַבע סויפער.

ווער האָט צו יענער צײַט ניט געקענט דעם נאָמען, וואָס האָט געצווי־בערט, געקישעפט. געהאַט אין זיך די קראַפט צוצובינדן אַ פּאָר פליגל, געבן האָפענונגען און גלויבן, געבן אַלץ אָדער גאָרניט...

ער איז געווען דער שעפער און דער רעדאַקטאָר פון די „טשערנאָווי־צער בלעטער", דער איינציקער אַדרעס, אַרום וועלכן עס האָבן, ווי די ערד אַרום דער זון, זיך געדרייט אַ גאַנצער דאָר יונגע ייִדישע שרײַבער, גע־קומענע פון אַלע פאָלקס־שיכטן, פון דער פאַרקאָוועטער אָרעמקײַט און פון רײַכן שטאַנד, פון אַסימילאַטאָרישע און כסידישע סוויוועס געקומען מיט רעוואָלטירנדיקע שטימונגען און מיט אופוואַכנדיקער בענקשאַפט צום לאָשן פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן. אָט דאָס געמיש האָט געשאַפן אַ וווּנדערלעכע וועלט, אַ באַשטראַלטע מיט אידילישער שיינקײַט.

ס'איז געווען דער פּריליגג אָף אַלע געביטן פון ייִדישן שאַפן.

נאָענט צו האַלבער נאַכט.

אַ ווינט האָט געהוליעט איבער די פּוסטע ביידעמער און אַזוי געריסן די צעלעכצטע שינדלען, ווי גלײַך עמעצער אין שווערע שטיוול וואָלט גע־טאַפּטשעט איבער די דעכער, און געטריבן:

— גיי, גיי... די נאַכט איז אומענדלעך לאַנג... וועסט ניט אויס־האַלטן...

און איך בין געגאַנגען.

די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. איינע פון יענע נעכט, ווען דער הימל און די ערד גיסן זיך צונויף אין איין גאַנצקײַט, ווען סע הערט זיך לײַכטער, ווי מע זעט. וואָלקנס האָבן פאַרצויגן דעם גאַנצן הימל און אַפילו אָף מינוטן ניט איבערגעלאָזט יענע ליכטיקע שטרײַפעלע, דורך וועלכן מע האָט געקאָנט פעסטשטעלן, ווו עס ענדיקט זיך די ערד און ווו עס הייבט זיך אָן דער הימל.

איך האָב געשפאַנט איבער פינצטערע גאַסן באַרג־אַראָפּ. געזוכט דאָס הויז, וווּ סויפער האָט געוווינט, און אַ פאַרזאַרגטער געבליבן שטיין בײַ דער דרויסן־טיר, וואָס האָט, ווי מיט קישעף, מיך געריצט.

— אָנקלינגען צי ניט...

איך האָב קיין אַכט ניט געלייגט אויף די אויסגעלאָשענע פענצטער, גלײַך זיי וואָלטן גאָר אינגאַנצן ניט געווען.

ערגעץ האָט אַ שטאָט־זייגער אויסגעקלאַפּט די צוועלפטע שאָ. מיט אַ ציִענדיקער פּאַמעלעכקײַט געשפּאָלטן שטיקער צײַט פון דער אומענדלעכער אייביקײַט, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך שטיי דאָ שוין לאַנג, לאַנג און וועל שוין קיינמאָל פונדאַנען ניט אַוועק.

מיטאַמאָל האָב איך דערהערט לײַכטע, שאַרנדיקע טריט. אַ שטראָם פון ליכט האָט מיך באַגאָסן, און אין דער ליכטיקײַט איז געשטאַנען סויפערס פרוי, אַ האַלב־פאַרשלאָפענע אין אַ גיך אַרופגעכאַפּטן מאַלבעש אויף זיך, אירע האָר האָבן געשטאַרצט לויז, ניט פאַרקעמט. איך האָב געוואָלט אויסמײַדן דעם פאַרווונדערטן בליק פון אירע אויגן, וואָס האָט געפרעגט מיט פאָרוווּרף:

— שפּעטער האָט איר שוין ניט געקאָנט קומען?

איך האָב ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן, אינגאַנצן אַ פאַרלוירענער האָב איך קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— איך דאַרף צום כאַווער...

באַם אָנרופן דעם נאָמען, האָב איך זיך אַ ווײַלע פאַרהאַקט, און זי האָט אויסגעכאַפּט בײַ מיר דאָס לעצטע וואָרט:

— סויפער!

און אַ צווייט מאָל מיך דורכגעבויערט מיט איר בליק, ווי זי וואָלט וועלן זיך איבערצײַגן, צי מעג מען מיך אַרײַנלאָזן, און אָנווײַזנדיק אויף אַן אָפענער טיר, געהייסן וואַרטן.

איך בין אַרײַן אין אַ גרויסן צימער, אַרומגעשטעלט מיט שאַפעס ביכער, און געבליבן אַליין אין מיטן פון אַ דרעמלענדיקער שטילקײַט, וואָס האָט אומהיימלעך און פרעמד געלויערט פון אַלע ווינקלען. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די ביכער קוקן אויף מיר מיט דעם זעלבן פאָרוווּרף, וואָס סויפערס פרוי, און איך האָב געפּרוּווט זיך אַרײַנגלייבן אין דער רייניקײַט פון מײַן קאַוואָנע.

וויפל בין איך עס געשטאַנען אין מײַן אַליינקײַט, אַ מינוט, אַ שאָ? קיינער האָט זיך ניט באַוויזן, גלײַך מע וואָלט פאַרגעסן, אַז עמעצער וואַרט. פּלוצעם האָט אַ זײַטיקע טיר אַ סקריפּע געטאָן, און אין רעגע האָב איך דערזען פאַר זיך סויפערן און דערהערט זײַן פרײַנטלעכן, צעצויגענעם אויסרוף:

— אָ, דאָס זענט איר?

ער האָט מיך דאָך ניט געקענט. פונוואַנען זשע אַזאַ היימישע וואַרעמקײַט?

איצט פאַרטראַכט איך זיך צומאָל וועגן אָט דער וואַרעמקײַט, און עס קומען מיר אויפן געדאַנק שורעס פון איציק מאַנגערס אַ ליד, געווידמעט סויפערן:

און מיך, דעם יונגן, פֿאַרליבטן סאָלדאַט,
האָט ער מיט אַ שמייכל באַגעגנט:
— שטעל אויף דעם קאָלנער, צעדרייטער פּאָעט,
דו זעסט דאָך, אַז ס'ע רעגנט...

סויפער איז געווען פֿון מיטעלן וווּקס, ניט עלטער פֿון אַ יאָר פֿערציק. נאָר אין זײַן לאַנגן גרינעם שלאַפֿראָק און אין די שטעקשיך האָט ער אויסגעזען זייער הויך און געעלטערט.

— נו, וואָס וועט איר זאָגן, נאַכטוואַנדלער?..

ער האָט מיט אַ פֿערטל שמייכל אַ קוק געטאָן, און זײַן בליק איז אַ לאַנגע ווײַלע געבליבן הענגען אויף מיר.

איך האָב געוואָלט עפּעס ענטפֿערן, אויסזוכן אַ טערעץ, נאָר מײַן צונג איז מיטאַמאָל ווי אָפּגעשטאָרבן, און איך האָב אַ שווײַגנדיקער אים דער־לאַנגט מײַן באַשריבן העפֿטל.

ער האָט עס אַ מיש געטאָן אַהין און צוריק. זיך אײַנגעקוקט אין דעם קסאַוו, ווידער אַ בלעטער געטאָן און פֿאַרטיפֿט זיך אין לייענען. ער האָט געלייענט און אַלעמאָל זיך אַריבערגעוואָרפֿן מיט אַזעלכע ווערטער ווי „בילדערישקײַט", „לירישקײַט". און איך האָב מיט הונגעריקע אויגן נאָכ־געפֿאָלגט יעדן ריר זײַנעם.

די נעשאָמע איז געווען ניט מײַנע. אין איר איז געזעסן עפּעס אַן אומ־רויִקער שעד. ער האָט מיך אָט געכאַפּט פֿאַרן האַרצן מיט קרומע קנאַכיקע פֿינגער, אָט נאָכגעלאָזט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך געצייצט מיט מיר.

דעם שעד האָב איך באַלד דערקענט.

צום ערשטן מאָל איז ער געקומען צו מיר, ווען איך, אַ שילער נאָך, האָב אין איינעם אַ טאָג באַוויזן מײַנע אַ „ליד" עליִעזער שטיינבאַרגן. און כאָטש איך האָב פֿאַרשוויגן דעם מעכאַבער, האָט שטיינבאַרג דאָך מיט זײַן גוטן שמייכל מיר פּאַטערלעך אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

— אײַ, יינגעלע, שרײַבן לידער איז אַ שווערע האַלאָכע...

איך האָב ניט אינגאַנצן פֿאַרשטאַנען זײַנע ווערטער, ווײַל שרײַבן איז מיר אָנגעקומען גרינג. איך האָב פֿאַשעט נאָכגעמאַכט מאָריס ראָזענפֿעלדן און אַוראָם רייזענען, וועמענס לידער מע האָט געזונגען אין אַלע וואַר־שטאַטן. עס האָבן באַדאַרפֿט פֿאַרגיין יאָרן, ביז איך האָב דערפֿילט דעם עמעסן שווערן געראַנגל מיט יעדן וואָרט, מיט יעדער שורע... און מער קיין לידער ניט געשריבן.

סויפער האָט געלייענט און געלייענט. די שטריכן אויף זײַן שיין פּאָנעם האָבן דערציילט פֿון אַ מאַכשאָווע, מיט וועלכער ער ראַנגלט זיך, און זײַנע קורצזיכטיקע אויגן אונטער די ברילן האָבן געשימערט מיט אַ באַזונדע־רער שאַרפֿקײַט.

ער האָט נאָכן איבערלייענען גאָכאַמאָל אַ מיש געטאָן מײַן העפֿטל אַהין און צוריק און עס מיר דערלאַנגט מיט די ווערטער:

— נאַט, טראָגט עס אַליין מאָרגן אָפּ אין דרוקערײַ...

ער האָט נאָך עפּעס געזאָגט. עפּשער זײַנען עס געווען שטראָף־רייד, אַז ס'איז ניט שיין וועקן מענטשן אין מיטן נאַכט. איך האָב אָבער זײַנע רייד שוין ניט געהערט. עפּעס אַ האָפֿערדיקײַט האָט אָנגעפֿילט מײַן קאָפּ, ווי אַ שיקערעס. דאָס האַרץ אין מיר האָט אַ שפּרונג געטאָן. איך האָב

דערפילט, ווי די האָר נעמען מיך שטעכן, און מײַנע אויגן האָבן געקוקט דורכגעבליצטע ווי מיט טרערן.

מיט אַ צעפלאַמט פּאָנעם און מיט אַ כוואַליע ווילדע געדאַנקען, בין איך ארויס פון סויפערס שטוב. ס'האָט מיך אַ הייב געטאָן אַ ווילדע פרייד, גלײַך אַ פּאָר פליגל וואָלטן אין דער מינוט בא מיר אויסגעוואַקסן און מיך געטראָגן איבער פינצטערע גאַסן צום הויז, וווּ עס האָט זיך געפונען די דרוקערײַ. זי איז געווען אויסגעלאָשן און פאַרשלאָסן. און איך בין גרייט געווען אָפּזיצן באַם טויער ביז אינדערפרי...

אויפן ראַנג לעבן דער דרוקערײַ האָט ווי אַ שאָטן זיך לײַכט באַוועגט דער סילועט פון אַ גאַסנפרוי, וואָס האָט ניט געהאַט וועמען צו פאַרקויפן איר ליבע.

— אָ, מײַן קאַוואַלער, אויף דיך וואַרט איך שוין אַ האַלבע נאַכט! — האָבן טעאַטראַליש אַרויסגעמורמלט אירע פעט געשמינקטע ליפּן.

דאָס קאַסע ליכט פון אַ צעבראָכענעם לאַמטערן האָט צעווירעט איר זייער בלייך און זייער יונג פּאָנעם. און די לופט אַרום איר איז געווען אָנגעפילט מיט אַ טויטן רייעך פון פאַרעלטערטן ביליקן פּאַרפום.

— איך האָב קיין געלט ניט.

— אַ סך מאָן איך ניט, קום!

— אפילו אַ צעבראָכענעם גראָשן האָב איך אויך ניט.

זי האָט אויסגעשפּיגן אַ האַרב זידלוואָרט, דריבנע זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און איר פּאָנעם האָט זיך פאַרקרימט אַזוי, ווי זי וואָלט אייגנצײַטיק אי געוויינט, אי געלאַכט.

יונגע צוויי לעבנס, העפקערע ווי די נאַכט. די פרוי — מיט אַ הונגעריקן גלי אין די אונטערגעפאַרבטע אויגן, איך — מיט אַ זינגענדיקן מאָרגן אין הארצן...

שוין אַ האַלבער יאָרהונדערט איז פאַרבײַ זינט יענער נאַכט. און יעדעס מאָל, ווען איך דערמאָן זיך אין איר, שטייט זי מיר קלאָר פאַר די אויגן, און איך לעב זי נאָכאַמאָל איבער.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך סויפערן מיט זײַן מישפּאָכע געזען אין יענעם זומערדיקן פאַרנאַכט, ווען פלאַמען פון אַ פײַער־מאַבל האָבן זיך צעבושעוועט איבער דער וועלט און אַ וויסטער געלויף האָט זיך געטראָגן איבער אַלע יידישע גאַסן, פון אַלע יידישע היימען.

ער איז געשטאַנען באַם וואָקזאַל מיט אַ קליין פּעקל אונטערן אָרעם און געוואַרט אויף אַ צוג קיין מיזרעך... איך האָב אים פאַרגעלייגט זיך אופזעצן אויף אן אָפענער פּלאַטפאָרמע. נאָר ער האָט מוירע געהאַט פאַר דער פרוי, זי זאָל זיך ניט פאַרקילן. אפילו אין אַזעלכע מינוטן האָט זײַן מישפּאָכע־לעבן געזונגען מיט דער בראָכע פון גאַנצקײַט און זאָרג.

אין יאָרן אַרום האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז ווײַט ניט פאַרפאָרן... ערגעץ אויף פאַרוואָגלטע גאַליציאַנער וועגן, וווּ אָנגעריצטע, צעבושעוועטע באַנדעס האָבן אין גרעסטן שטורעם פון אונדזער געשיכטע זיך געיאָגט נאָך מענטשלעכע לעבנס, איז ער אויף אן אכזאָריעסדיקן אויפן אומגעקומען אינאיינעם מיט זײַן פרוי און זײַנע צוויי טעכטער.

גאליציאנער וועגן.

וויפל געביין פון ניט דערגאנגענע, ניט דערפארענע, האט פארשלונגען די כארעווע ערד? אויך סויפער מיט זיין מישפאכע איז, לויט א ווערסיע, צעהאקט געווארן אף שטיקלעך.

די לופט גליווערט בא דער דערמאנונג. אין דער ברוסט פעלט אויס אטעם. און די פען טונקט זיך אין בלוט.

— וווּ איז יענע מאס פון רעציכע, וועלכע איז אנגעצייכנט פאר א מענטשן? — פרעג איך בא זיך. — און עפשער איז גאר אינגאנצן קיין מאס ניט פאראן?..

ניין, ניט קיין מאציווע שטעל איך אים, סויפערן. ער איז אליין א דענקמאל. און אזוי שטייט ער פאר מיר, ווי אויסגעהאמערט פונעם לעבן אליין. זיין גוטמוטיקער שמייכל, וועלכן די האק פונעם סוינע האט ניט געקאנט אפשפאלטן, איז פארבלוטיקט, און דער פאלקס־יידיש אין זיין מויל — פארשטומט.

איך זע זיין פרוי, מיט איר שאבעסדיקן פאנעם, וועגן וועלכער מע האט שטענדיק גערעדט מיט מער אפשיי אפילע, ווי וועגן אים אליין. און איך טראכט:

אויב ס'איז פאראן א יענע־וועלט, זאלן זיי מיר דארט מויכל זיין די קדוישים, וואס כ'האב געוואגט זיי דערמלט אופוועקן אין האלבער נאכט, קעדיי איבערגעבן אים, שמועל־אבע סויפער, מיין באשריבן העפטל, מיט יענע נאיווע מאטיוון פון בילד און שטימונג, וואס זעען מיר אויס אין ליכט פון אונדזערע הייַנטיקע טעג אזעלכע ווייטע, אבער קיין פרעמדע זייַנען זיי אויך הייַנט ניט. ס'איז ניט געווען קיין טראפן שקאצערייַ אין מיין אופירונג, אויך ניט קיין דרייסטקייַט. ס'איז געווען דאס געשריי פון יונגן וואנזין, וואס האט געטריבן: „גיי, די נאכט איז אומענדלעך, וועסט ניט אויסהאלטן..."

ער האט זיך ניט געבייזערט. פארקערט, א שמייכל געטאן צו מיר מיט פארשלאפענע בליקן... איך האב דערנאך געהאט א סאך רעדאקטארן. זיך געדרוקט אין א סאך צייַטונגען און זשורנאלן, און ניט איין מאל באדויערט, יענעם ערשטן „ארויספאר" מייַנעם און, דערמאנענדיק זיך, באגאסן געווארן פון בושע. איך בין אבער דעמלט געווען יונג, און אין מייַנע אדערן איז געפלאסן דאס פריידיקע געפיל פון לעבן, פון שאפן...

ס'האט אנגעהויבן טאגן.

שטערן האבן זיך געלאשן און פארשוווּנדן, ווי אויסגעלאשענע מענטש־לעכע לעבנס. איך האב זיך אייַנגעקוקט אין דעם אויסגעשטערנטן כאלעל. מיר האט זיך געדאכט, אז איך טראג אין זיך אן אייגענעם הימל, א באהאלטענעם פאר זיך אליין. און איך דארף נאר א קוק טאן אין אים, ווי אף דער נעשאמע וועט ווערן ווארעמער און טרויעריקער.

ווארעמער און טרויעריקער אין איין צייַט.

און איך דאנק דעם גוירל, וואס האט אין יארן ארום, ווי ארויסגעשוווּמענע פון מיין אמאל, מיך געבראכט אף א באגעגעניש מיט מיין פריער יוגנט, מיט מיין בערייִשיס אין דער יידישער ליטעראטור.

# אופגעוואכטע בענקשאַפֿט

דאָ ניט לאַנג האָט מיר לעבן אַ קיאָסק מיט אויסגעשטעלטע ביכער זיך געוואָרפֿן אין די אויגן אַ יונגע שיינע פֿרוי, אַזוי — אין די פֿריִע צוואַנציקער.

איך בין געשטאַנען אין אַ זײַט און צוגעקוקט, ווי אירע גרויסע, וואַרעמע ברוינע אויגן, אָנגעפֿילטע מיט אַ שמייכל פֿון גוטסקײַט, האָבן זיך פֿאַרטראַגן צו דעם רײַך אויסגעשטעלטן סטענד. זי האָט עפּעס לאַנג געשאַרט מיט אירע בליקן און ענדלעך אַרויסגעצויגן אַ בוך אין אַ געלן אײַנבונד.

— אָט דאָס, ביטע, פּאַקט מיר אײַן, — האָט זי זיך געווענדט צו דער פֿאַרקויפֿערן.

איך האָב באַוויזן צו כאַפּן אַ קוק אויפֿן שאַרבלאַט. ס'איז געווען אַ באַנד לידער פֿון שמואל האַלקין. און באַ מיר אין זיקאָרן האָט גלײַך אופֿגעבליצט דאָס געשטאַלט פֿון אַן אַנדער פֿרוי אין אַן אַנדער צײַט — אַ צײַט, וואָס ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז שוין אויף אייביק אין דער פֿאַרגאַנגענהײַט פֿאַרשוווּנדן.

ס'איז געווען אין די ערשטע נאָכמילכאָמע־יאָרן.

איך האָב דעמלט געאַרבעט אין אַ פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אין אַן אַלטער רוסישער שטאָט ניט ווײַט פֿון מאָסקווע און דאָרט זיך באַפֿרײַנדעט מיט איינעם אַ דאָצענט, אַ מאַן אין טיפֿן עלטער, וואָס איז אַמאָל, אין די יונגע יאָרן, געווען אַ לערער אין אַ ייִדישער שול און אויפֿן גאַנצן לעבן פֿאַרהיט אַ וואַרעמע ליבע צו ייִדיש.

אין איינעם אַ טאָג האָט ער פּלוצעם אַ פֿרעג געטאָן, צי בין איך ניט קיין באַלן קומען צו אים הערן, ווי אַזוי אַ רוסיש מיידל לייענט ייִדישע לידער אין אָריגינאַל.

— בעעמעס טאַקע אויף ייִדיש? — האָב איך איבערגעפֿרעגט אַ דערשטויגטער. מיר האָט די גאַנצע מעשׂה זיך עפּעס שווער געלייגט אויפֿן סייכל. וויאַזוי קאָן עס זײַן, אַז אין אַ שטאָט, וואָס געפֿינט זיך אויף אַ מעהאַלעך פֿון יענע צענטערס, וווּ ייִדן האָבן קאָמפּאַקט געלעבט? וועלכע ווינטן האָבן פֿאַרטראָגן אַהער דאָס ייִדישע וואָרט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז פֿאָרגעקומען די באַגעגעניש.

דער דאָצענט האָט געוווינט ניט ווײַט פֿון מיר. ווען איך בין צו דער באַשטימטער צײַט אַרײַן אין זײַן וווינונג, האָב איך שוין דאָרט געטראָפֿן אַ יונג מיידל, וואָס האָט איבעראַשט מיט איר זעלטענער גראַציעזקײַט.

— מײַנע אַ סטודענטקע! — האָט ער זי מיר פֿאָרגעשטעלט, און זײַנע קלוגע אויגן האָבן צוגעווונקען מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל.

זי האָט לײַכט זיך פֿאַרבייגט, אָנגערופֿן איר נאָמען, און אויף איר פּאָנעם האָבן זיך צעשפּילט יונג־מיידלשע פֿאַרבן.

לאַנגע שוואַרצע צעפּ, וועלכע זײַנען געפֿאַלן איבער אירע שמאָלע אַקסלען אַראָפּ צו דער טאַליע, האָבן צוגעגעבן איר קערפּער אַ באַזונדערע שלאַנקײַט. אירע אויגן, אין וועלכע די נאַכט האָט געוווינט אַפֿילו באַטאָג, באַשאָטנט פֿון לאַנגע שוואַרצע וויִעס, האָבן געפֿינקלט מיט עפּעס אַ

פּײַערל, און אַ שפּרודלדיקע יוגנטקייט האָט געפּלייצט פון אַלע אירע באַ־וועגונגען.

עטלעכע רעגעס זײַנען פאַרבײַ אין שטילשווײַגן. אירע בליקן האָבן אומרויִק געבלאָנדזשעט איבערן צימער. ס'איז געווען קענטיק, אַז זי מישט איבער אין געדאַנק, וואָס צו לייענען.

איך האָב געוואַרט, זי זאָל אָנהייבן. פּלוצעם האָט זיך ווי צעמורמלט אַ שטילע, עטוואָס אײַנגעהאַלטענע ריזלענדיקע שטים, און טיקעף געכאַפּט באַם האַרצן. ס'האָבן זיך צערוקט און אָפּגעשווומען ערגעץ־ווו די ווענט, די סטעליע, דערנאָך דער גאַנצער צימער, און אָנשטאָט דעם האָט זיך באַוויזן אַ פאַרוויסטע כאַרעוו־געוואָרענע היים. ווי אַ רעקוויעם האָבן זיך צעקלונגען די סאַמע העכסטע, די סאַמע צאַרטפולע, טראַגישע שורעס:

טיפע גריבער, רויטע ליים,
כ'האָב אַמאָל געהאַט אַ היים.
פרילינג פלעגן סעדער בליִען,
האַרבסט־צײַט פלעגן פויגלען ציִען,
ווינטער פלעגט דאָרט פאַלן שניי,
איצטער בליט דאָרט ווינד און וויי...

זי האָט געלייענט מיט עפּעס אַ באַהאַרצטער שעמעוודיקייט, באַהערשט פון אַ שלעכט פאַרשטעלטן אומרו. געלייענט מיט אַזאַ געפיל, גלײַך ווי די ווערטער וואָלטן זי אײַנגאַנצן דורכגענומען. אַ צעשוווּמענע גרויליקע פּײַן האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט, געשפּיצט זיך אין שאַרפע נאָדלען און גע־שטאָכן ערגעץ אין אַ ווינקל פונעם האַרץ. און כאָטש איר ייִדיש, עטוואָס מיט אַן אַקצענט, האָט געקלונגען אַ ביסל פרעמדלעך, האָט ער אָבער אָנ־געפילט די שטימונג מיט אַן אומרויִקן פלאַטער.

זי האָט פאַרענדיקט די ליד, אַ בלייכער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף אירע ליפּן און עס איז שווער געווען בײַצושטיין דעם רייץ פון אָט דעם שמייכל.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס האָט זי געלייענט אַזוי נאָר פאַר מיר. אַז בכלל איז זי איצט דאָ נאָר צוליב מיר. איך האָב עס באַמערקט אין די אויגן פון מײַן פרײַנט, אין וועלכע איך האָב אויפגעכאַפּט שפּילנ־דיקע בליקן, ווי זיי וואָלטן געפרעגט בײַ מיר:

„נו, ווי געפעלט אײַך?"

מיט אַ געמיש פון נײַגער און איבעראַשונג האָב איך געקוקט אויף זײַן סטודענטקע, געקוקט אַ פאַרגאַפטער אויף איר ליבלעך פּאָנעם, אויף אירע גרויסע פאַרכידעשטע אויגן, אָנגעפילטע מיט אַ ווייכער מילדקייט. איך האָב אַלס צייכן פון דאַנקבאַרקייט אָנגענומען איר קליינע האַנט, וואָס האָט זיך וואַרעם און צוטרויִלעך אַרײַנגעלייגט אין מײַנער. דערבײַ האָט איר פּאָנעם באַשלאָגן עפּעס אַ צעגליטע עפּל־רויטקייט, אין אירע אויגן האָבן אַ שפּיל געטאָן בלויִלעכע פונקען, און זי האָט צונויפגעצויגן די ברעמען אַזוי, גלײַך זי וואָלט געזען מײַנע געדאַנקען.

— איר לייענט וווּנדערבאַר... — האָב איך געזאָגט.

און ווירקלעך, איר לייענען איז געווען ענלעך אויף אַ וווּנדער. איבער דער וועלט האָבן נאָך געבלוטיקט די וווּנדן פון אונדזער כורבן, היימען

זײַנען נאָך געלעגן פּאַרוויסטע און פאַרשניטענע, און אַ רוסיש מיידל אין אַ שטאָט ניט ווײַט פון מאָסקווע האָט אויסגעזונגען אונדזער ווײ...

יאָרן, יאָרן יאָרן... אָפּקלאַנגען פון מײַנע יונגע טרוימען, פון מײַן ערשטן יוגנט־גלויבן, וועלכע איך האָב איצט, ווי צעבראָכענע שערבלעך צונויפגעקליבן, צונויפגעלייגט.

אויף יענער זײַט פענצטער, פון פאַרטאָגיק ליכט צעהעלט, זינגט ווידער איינעם מיטן פרילינג־מאָרגן די פרייד פון זוניקן באַגינען, זינגט עפּעס אַזוי, ווי אין יענעם מײַיקן ערעוו־שאבעס, גלײַך ווי עס וואָלט דער הײַנט דעם נעכטן זײַן יערושע־גרוס געשיקט, און מײַן קאָפּ טונקט זיך אין ווײַסן צוויט.

איך שטעל אָפּ דאָס ציילן פון צײַט.

בלויז צומאָל, אין שאָען, אָנגעלאָדענע מיט שטומער בענקשאַפט, פלאַ־טערט אויף אין מײַן זיקאָרן דער אָפּשײַן פון מענטשן און געשטאַלטן, ווי פונקען פון אַ שײַטער, וואָס לעשט זיך אויס. פלאַטערן אויף אַלע יענע, וועלכע האָבן באַגלייט מיך איבער מײַנע אויסטערלישע וועגן, און באַ־גלייטן אויך ווײַטער ביז הײַנטיקן אדרעס.

# אָפּקלאַנגען...

## אין מײַן היים

איך קום זעלטן צו פֿאָרן אַהער.

פֿאַרוואָס?

קאָן זײַן דערפֿאַר, וואָס כ'האָב דאָ מער קיינעם ניט, און דער אייב־ציקער וועג, איבער וועלכן איך בין אַ באָרוועסער דורכגעלאָפֿן מײַן קינד־הייט, איז לאַנג שוין פֿאַרוואַקסן.

נאָר צומאָל, באַזונדערס אין די נעכט, נאָגט אַ שטילע בענקשאַפֿט באַם האַרצן, — שטעל איך אָפּ אַ טאָג פֿאַר מײַן נעסיע און קער זיך אום אַהער, צו דער שוועל פֿון דער ניט־אויסגעלאָשענער היים...

אַ קנויפּ אַלטע און נײַע גאַסן לויפֿט מיר אַנטקעגן. צעצווײַגטע קאַש־טאַנען נייגן פֿאַר מיר זייער יונגן ווײַסן צוויט, ווי זיי וואָלטן מיך באַגריסט:

— גוט־יאָמטעוו!

איבער די גאַסן טומלט פֿרייד.

פֿאַשעטע מענטשלעכע פֿרייד, באַגלייט פֿון אַ פֿרישן ליכטיקן פֿרימאָרגן. פֿילפֿאַרביקע גירלאַנדעס קלעטערן פֿון שטאָק צו שטאָק, פֿון הויז צו הויז. אַ יאַם פֿון פֿאָנען פֿלאַטערט אין לויטערן פֿרילינג. און מונטערע קלאַנגען גיסן זיך צונויף אין אַ מעכטיקן, פֿײַערלעכן ניגון.

— גוט־יאָמטעוו!..

מענטשן שטראָמען איבער די גאַסן.

אָן אַ שיר מענטשן.

איך קוק זיך אײַן אין זייערע פּנימער, און זיי באַמערקן מיך ניט — אַנדערע מענטשן מיט אַנדערע אומבאַקאַנטע בליקן. איך פֿאַרהאַלט זיך אויף איינער אַ גאַס, אַ ברייט אַספֿאַלטירטער, מיט צווייִשטאָקיקע הײַזער, נאָרוואָס פֿאַרענדיקטע. די באַלקאָנען זײַנען באַצירט מיט פֿאַרבנרײַכע טעפּיכער. און פֿון צענדליקער אָפֿענע פֿענצטער שײַנט מיט ווילטיק, מיט כאַנוקאַס־האָבאָיס.

— גוט־יאָמטעוו!

איך קוק זיך אַרום אין אַלע זײַטן, ווי איך וואָלט עמעצן געזוכט.

וועמען?

אין מײַן היים איז דער פֿרילינג שטענדיק לויטער, בליִענדיק און קלאַנג־פֿול.

שוין סאָף מאַרט, באַלד נאָך דעם ווי ס'הערן אויף די גרוי־בלויע פֿרעסט, וואָס קלינגען ווי דינער שטאָל, הייבן אָן שטראָמען פּײַכטע, וואַרעמע דאַ־

רעם־ווינטן און פאר איין־צוויי מעסלעס ענדערט זיך די וועלט פון ווייס אויף גרין, גלייך אונטער די שנייען האָבן די גרעזער ניט אופגעהערט וואַקסן. די בערג טוען ביסלעכווייז זיך אָן אין גרינעם סאַמעט, און פון די וועלדער טראָגט זיך א שטילער גערויש, פונקט ווי דיביימער וואָלטן געשמועסט צווישן זיך.

יונגע טעג מישן זיך מיט קורצע ליכטיקע נעכט, אָנגעפילטע מיט רייכעס פון בליונג...

פון טאָמיד אָן האָב איך ליב געהאַט דעם פרילינג, ליב געהאַט דעם זיידענעם שאָרך פון וועלדער, לייכט אויסגעטיילט די שטימען פון פאַרשיידענע ביימער, אַפֿט אפילע אליין גערעדט מיט זיי, גלייך זיי וואָלטן געווען מענטשן... און קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען, וויאַזוי פאָרן זיך לינדע אָוונטן, איינגעהילטע אין רויטן גינגאָלד, מיט קאַלטן טרויער אין קליינע פאַריאָסעמטע געסלעך!

...קרומע, ענגע יידישע געסלעך מיט נידעריקע האַלב־כאָרעווע הייזער אונטער שוואַרצע אומעטיקע דעכער. געסלעך, ווי יעסוימים, צוגעטוליעטע צו מעכטיקע בערג. בא זייער צוקאָפּנס יאָגט א באַרג־טייך זיינע גרינע וואַסערן, גלייך די אָרומיקע סאָסנעס האָבן אויף שטענדיק אים אוועקגעשענקט די גרינע זאַפטן פון זייערע צעצווייַגטע נאָדל־צווייגן...

קרומע, ענגע יידישע געסלעך!

די הייזער פון באַלמעלאָכעס מיט גאָלדענע הענט, וואָס האָבן זיי ניט, די הענט, וועמען צו פאַרקויפן, פון פליטנטרייבער, וועלכע גייען אוועק מיטן פרילינג און קערן זיך אום מיטן ערשטן שניי, בייזע, באַאוולטע און גרייטן זיך צו א לאַנגן הונגעריקן ווינטער.

אַזוי פון יאָר צו יאָר.

יונגע ווערן אַלט פאַר דער צייט. אויף זייער אָרט קומען אַנדערע, קעדיי אָפּגעבן דאָ זייער קראַפט, ווי עס קומען יונגע זאַפטיקע גרעזער צו פאַרבייטן פאַרטריקנטע סטויגן היי.

וועגן אָט די געסלעך האָט מען אַמאָל שוידערלעכע קלאַנגען פאַרשפּרייט. מ'האָט דערציילט, אַז אין די נעכט טאַנצן דאָ שיידים בא די פענצטער, און אין וועמענס שויבן זיי קלאַפּן אָן, אין יענעמס שטוב דאַרף עמעצער זיך פעלן... און קומט ערעוו פרילינג, האָט שווינדזוכט, ווי א בייזע האַנט, אָפּגעריסן טאַטעס פון קינדער, קאַלעס פון כאַסאַנים, פונקט ווי מ'וואָלט פון א געדיכט באַקרוינטן בוים אָפּגעהאַקט א צווייַג נאָך א צוויַיג. פון פענצטער און טירן האָט געשפּאַרט מיט יעלאָלעס, און דער ווינט האָט געטראָגן דעם קרעכץ פון א געבראָכן יידיש קאָל:

— ייסגאַדאַל וועייסקאַדאַש...

אָבער פון די בערג האָט געאָטעמט מיט פרילינג, מיט אייביקן לעבן. און קינדער, שפּילנדיק זיך אין כאַפּערלעך, האָבן ווי סטייַעס פייגל, דעם פרילינג צווישן די געסלעך צעזייט...

בלייבע, אָפּגעריסענע, שטענדיק הונגעריקע קינדער, וואָס האָבן ליב געהאַט די בערג, דעם טייך, און גאַנצע טעג אַרומגעלאָפן איבער די געסלעך העפקערדיקע — געטריבן פאַרזשאַווערטע רייפן פון פעסער און איבערגעלאָזט אין שטויב א לאַנגן זיגזאַגישן שפּור.

אין שטויב... אין זיקאָרן...

איך בין אויך געווען אַ קינד פון יענע קינדער. און ביז היינט צו טאָג קרייצן זיך אין מיינע בלוטן: דער וואָרעמער פלאַטער פון יונגער בליונג מיטן קאַלטן טרויער פון פּריציישטיק־פאַרשניטענע לעבנס...

פרייד רוישט אין די גאַסן. פאַשעטע מענטשלעכע פרייד.

אַ קינדער־קאַלאָנע גייט פאַרביי. קינדער פון באַלמעלאָכעס, פון פליטנ־טרייבער, אין ווייסע זויבערע העמדלעך מיט רויטע האַלדזטיכער אויס־געבונדן. אין די פויסטלעך — יונגע בלומען, און אין די אויגן — שיינענ־דיקע בליקן.

אין אַ פענצטער, ווי אין אַ באַלויכטענער ראַם, באַווייזט זיך אַ פּאָרל. ביידע יונג, ווי זיי וואָלטן נאָך נעכטן קינדער געווען. ביידע, זעט אויס, פאַרליבט איינער אינעם אַנדערן. זי פאַרשאַרט קאָקעטיש אירע טונקל־בלאָנדע האָר, וואָס דער ווינט האָט צעבלאָזן, און וואַרפט אים צו אַ שמייכל, פול מיט ליבשאַפט. ער ענטפערט איר אָפּ מיט אַ שטילן, צאַרטן גלעט איבער דער האַנט, און אַרום שפּרודלט דאָס לעבן, פול מיט אַלער־ליי צוזאָגן, פול מיט זיסע האָפענונגען... זייערע בליקן, ווי דער יונגער מיי, זיינען געווענדט צו דער גאַס, צו מיר —

— גוט־יאָמטעוו!

אַ שאָד, כ׳האָב פאַרגעסן בלומען צו קויפן!

קאָן זיין דערפאַר, וואָס כ׳האָב דאָ קיינעם ניט, און דער איינציקער וועג, איבער וועלכן איך בין אַ באָרוועסער דורכגעלאָפן מיין קינדהייט, שלענגלט זיך אַ פאַרלאָזטער, אַ פאַרוואַקסענער און פירט בלויז צום פלויט פונעם אַלטן יידישן בעסוילעם.

מיין טאַטע איז אין פרעמדע טאַכריכים אויף אַ פרעמדן בעסאַלמען צו קווורע געבראַכט געוואָרן. מיין מאַמע איז אויף אייביק פאַרבליבן ערגעץ אונ־טערוועגס צו די גאַזקאַמערן. אויף יענער זייט פלויט, ערגעץ־ווו צווישן אַלטע מאַצייוועס איז נאָר פאַראַן דער קייווער פון מיין קליין שוועסטערל. זי איז געוואַקסן איינינעם מיט מיר, גאָלדיק־טונקל האָבן געשיינט אירע גרויסע קיילעכדיקע אייגעלעך און אַזאַ קינדערישע זיסקייט האָט געצאַפּלט אויף אירע איידעלע ליפּעלעך.

אינגאַנצן אַ מעסלעס איז מיין שוועסטערל קראַנק געווען.

זי איז געלעגן אויף אַ שטרויענעם געלעגער, איר פּענעמל האָט געברענט, און זי האָט שווער געאָטעמט. איבער איר איז געשטאַנען מיין מאַמע מיט געשוואָלענע אויגן פון וויטיק און געבראָכן די הענט. ס׳האָט אויסגעזען, ווי זי פּרוווט פאַנאַנדעררייסן אירע פאַרפלאָנטערטע צען פינגער, און קאָן ניט.

אויך דער אַלטער רעב מאָרדכע איז געשטאַנען בא מיין שוועסטערלס צוקאָפּנס. קליין, איינגעשרומפּן, ווי אַריינגעוואַקסן אין די יאָרן, וואָס זיי־ער צאָל האָט ער שוין לאַנג פאַרגעסן, מיט לאַנגע ווייסע באָרד־און־פּייעס און פונקט אַזעלכע ווייסע געדיכטע ברעמען איבער די פאַרטרערטע אויגן, האָט ער אויסגעזען ווי אַ פאַרשטעלט כיידער־ייִנגל. זומער און ווינטער

האָט ער געטראָגן ווײַסע זאָקן און א שווארצן אָפּגעקראָכענעם טלית־קטן פון ווײַטע, ווײַטע צײַטן.

אַלט איז ער געווען רעב מאָרדכע, ווי די געסלעך, עפשער נאָך עלטער. אָן אים האָט מען קיין כּופעס ניט געשטעלט, אָן אים ניט מעקאבער געווען. ער האָט געדאַווענט אין צוויי פּאָר טפילן און אָפּגעריכט כצאָס. טפילע געטאָן פאר קראנקע און געגעסן פאר געזונטע. מע האָט אים געהאלטן פארן שאַליעך פון גאָט און זיך געוויצעט מיט אים אין פריידן און אין ליידן. א קלייניקייט — אזויפיל לעבנס פארקנאסט, אזויפיל לעבנס איבערגעלעבט. און ער האָט מיט זײַן קליין גופעלע פארשטעלט פאר די געסלעך דעם מעכטיקן אָפּקלאנג פון גרויסע געשעענישן, וואָס זײַנען אָנגעגאנגען אין דער וועלט...

— רעב מאָרדכע, עפשער א דאָקטער? — האָט מײַן מאמע פאַרזיכטיק ארויסגעשטאמלט, ווי זי וואָלט מוירע געהאט אים צו דערצערענען מיט אירע רייד.

— מ׳דאַרף ניט! — האָבן בא רעב מאָרדכען א ציטער געטאָן באָרד־און־פּייעס. — אויב דער בוירע וועט וועלן, וועט זי סײַווי לעבן, אויב כאָלילע ניט...

ער האָט געמאכט א לאנגע האפסאָקע, ווי ער וואָלט זיך וועגן עפּעס וואָס מעיאשעוו געווען מיט זיך אליין, און דערנאָך קאלט צוגעגעבן:

— אויב באָלילע ניט... וועט קיין שום דאָקטער ניט העלפן!

און זײַנע פארטערטע אויגן האָבן צודרייגלעך געקוקט אף מײַן מאַמען.

וואָס האָט ער געזען? עפשער איר צאר? עפשער דעם צאר פון דוירעס פארמאטערטע לעבנס?

— פּיאוועקעס הייס איך שטעלן! — האָט ער אנטשלאָסן באפוילן. — פּיאוועקעס צאפּן אָפּ די בייזע בלוטן...

מײַן מאמע האָט אויך געטראכט, ווי דער אַלטער רעב מאָרדכע, אז אַלץ איז בא גאָט אין די הענט. זי האָט אָבער מוירע געהאט פארן אומגליק און ניט געוואָלט גלייבן, אז ער וועט קומען, אין הארצן האָט געטליעט א שטילע האָפענונג: דער אייבערשטער איז אַלמעכטיק און גערעכט. שוין צוויי אייפעלעך מעקאבער געווען, ס׳קאָן ניט זײַן, ער זאָל דאָס מאָל זיך אף איר ניט מערארכעם זײַן.

און אף יענער זײַט פענצטער איז געשטאנען אן ערעוו־פּייסעכדיקער פארנאכט מיט ווײַטע רויטע הימלען און זיך איבערגעפלאָכטן מיט פּאכעד, פארצווייפלונג און ביטאָכן...

פרייד טומלט אין די גאסן.

א פרוי, נאָך זייער א יונגע, ווי א בלום, וואָס האָט נארוואָס צעעפנט אירע בליטן, פירט א קליין מיידעלע בא דער האנט. דאָס קינד גאפט פארכידעשט אף דער טומלענדיקער וועלט און פארלויפט דער מאמען אלעמאָל דעם וועג, ווי ער וואָלט געפרוווט זי אָפּשטעלן:

— מאמע, זע טויבן פליען... מאם...

ווײַסע טויבן שוועבן אינעם בלױלעכן הימל. ווײַסע טויבן וואָרקען ווי פֿאַרליבטע.

און איך האָב פֿאַרגעסן בלומען צו קויפֿן.

גלײַך מיטן טאָג איז געקומען דאָקטער מייער.

דער גוטער בײזער דאָקטער, וואָס נעמט בא אָרעמעלײַט וויפֿל מ׳גיט, און אויב עמעצער האָט ניט וואָס צו געבן, בעט מען זיך בא אים:

— ליבער הער דאָקטער, קוידעם גאָט, דערנאָך איר...

טוט ער אָן דעם שווארצן איבערציִער און דעם שווארצן הוט מיט די ברייטע ראנדן, נעמט זײַן אייביק רענצעלע און לאָזט זיך אוועק אין די געסלעך.

ער איז אויך שוין א זאָקן, נאָר גלאַט ראזירט, מיט א קאָפּ קורץ־געשוירענע האָר, ווי פֿון פֿלאַקס, און גאָלדענע פּענסנע פֿארשטעלן זײַנע גוטע גרויע אויגן.

אין די יונגע יאָרן איז ער געווען אן איבערצײַגטער טאַלמיד פֿון סען־סימאָן און פוריע. געוואָרט, אז אָט־אָט דארף קומען די שאָ, ווען די רײַכע הויפֿן וועלן זיך אויסדרייען מיטן פּאָנעם צו די געסלעך, נאָר אין די רײַכע הויפֿן האָט מען אים דערווײַל געגעבן צו פֿארשטיין:

— איר נעמט אײַך צופֿיל צום הארצן, ליבער דאָקטער... דאָס אַלץ איז קליינִקייטן... שווערע־ארבעט, אָרעמקייט אין פּונקט אזא געזעצלעכע דערשײַנונג, ווי וואסער, לופֿט... ווען מיר וואָלטן אפֿילע געוואָלט אָף זיי אכט לייגן, וואָלט סײַווי זיך גאָרניט געענדערט.

און יעדעס מאָל, ווען מייער איז שוין גרייט געווען זיך אונטערגעבן אזא לאָגיק, זײַנען אים פֿאַר די אויגן אויפֿגעקומען צענדליקער פֿארטרערטע בעטנדיקע בליקן:

— ליבער הער דאָקטער, קוידעם גאָט, דערנאָך איר...

האָט ער מיט נאָך מער אקשאָנעס זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר די געסלעך. נאָר מיט דער צײַט איז ער מיד געוואָרן פֿון ראנגלען זיך און געוואָרן פּאָשעט — א גוטער דאָקטער...

שטענדיק, ווען דאָקטער מייער באווײַזט זיך אין די געסלעך, הענגען דערשראָקענע פּענעמער אין די פֿענצטער און א פֿארקלעמטע שרעק לויפֿט פֿון שטוב צו שטוב:

— וואָס זשע, ס׳האלט טאקע אזוי שמאָל?

ער ווייסט גאַנץ גוט, אז צו אים ווענדט מען זיך נאָך דעם, ווי מ׳האָט אײַנגעריסן קוואָרים, בײַזערט ער זיך:

— פּינצטערעס פּעבל!

און נאָך די וויזיטן, אויס געוווינהײַט צי עפּשער ווײַל עס טליִען נאָך אַלץ פונקען פֿון נאַיוון גלויבן, שרײַבט ער לאַנגע בריוו אין די הויכע פֿענצטער, מאָנט, וואָרנט. אין דער קרוינשטאָט איז מען שוין צוגעוווינט צו די בריוו פֿונעם אלטן פּראָווינציעלן דאָקטער, לייגט מען זיי אוועק אין א זײַט און מ׳פֿארגעסט אָף זיי צו ענטפֿערן.

אין זײַן לאַנגן, קימאט פֿופֿציקיאָריקן קאמף מיטן טויט האָט דאָקטער מייער אויסגעלערנט אַלע זײַנע באהאַלטענע גענג און ניט זעלטן אפֿילע

קונציק אָפּגענאַרט אָט דעם שוואַרצן סוינע, וועמענס פאַרניכטנדיקע קלעפּ זײַנען אָפּט געפאַלן פלוצעם און צומאָל געלאָזט אױף זיך וואַרטן לאַנגע יאָרן, באַגלייטע מיט שווערע ליידן. און נאָך אַזאַ שפּיל מיטן טויט, אין וועלכער ער, דער דאָקטער, גייט אַרויס אַ זיגער, פינקלט אַ באַהאַלטענער גיצאַכן אונטער זײַנע פּענסנע און ער רעדט געלאַסן, מיט עטוואָס אַ מידער שטים:

— זי האָבען גליק!.. מעדיצינישע הילפע מוז אימער רעכטצײַטיק קאַמען...

און ער לאָזט איבער אױפן טיש אַ ווײַס לענגלעך פּאַפּירל מיט לאַטײַנישע אויסיעס, וואָס מ׳דאַרף עס באַלד אָפּטראָגן אין אַפּטייק.

אין די געסלעך זאָגט מען נאָכדעם:

— וואָדען, ער איז ניט גערעכט?.. מיר זאָלן אַזוי האָבן רעפּועס, ווי ער איז נעבעך גערעכט!

— ניט קיין דאָקטער, נאָר אַ מאַלעך!

און מ׳איז אין האַרצן אים מויכל, וואָס ער פאָרט אום שאַבעס, רעדט צומאָל נאָר דײַטש, און לעבט, ניט דאָ געדאַכט, מיט אַ קריסטלעכער פרוי.

אַזוי האָט מען אין אָט דעם קליינעם וועלטעלע אַלץ, וואָס דער גורל האָט צוגעשיקט, געמאָסטן מיט דער מאָס פון אייגענעם פאַרשטאַנד, פון אייגענעם האַרצן...

פרייד רוישט אין די גאַסן, דערגייט צו אַלע הויפן, צו אַלע ראָגן... אַ גרויסע, פּאַשעטע מענטשלעכע פרייד!

מיר האָבן זיך פאַרוקט אין די ווינקלען, ווי געוואָרן אײַנס מיטן גרינעם שימל אױף די ווענט, נאָר די מאַמע און דאָקטער מייער זײַנען געשטאַנען איבער מײַן קליין שוועסטערל, וואָס איז געלעגן אױף אַ שטרויען געלעגער, געכאַפּט מיט די פאַרברענטע ליפּלעך שטיקלעך לופט, און בײַ די שלייפן האָבן פּיאַוקעס געזויגן איר יונג וואַרעם בלוט. שוין עפּשער אַ שאָ לאַנג, אויב ניט מער, ווי זיי ווערן, די פּיאַוקעס, אַלץ פולער, בײַכיקער, און מײַן שוועסטערל — אַלץ בלייכער און בלייכער.

דאָקטער מייער האָט דורך די פּענסנע אַ פּיר געטאָן מיט די גרויע אויגן איבער דער שטוב, ווי ער וואָלט געזוכט דעם שולדיקן אין מײַן שוועסטערלס מיסע, און מיט קאַס אָפּגעריסן די בלוטזויגער פון די שלייפן.

— ווילדעס עלענט!

דערנאָך האָט ער אויסגעדרייט די זעלבע פּענסנע צו דער מאַמען און אױף אַ היימישן לאָשן איר דערקלערט:

— דיפּ־טע־ריט! זי פאַרשטעהען, דאָס קינד ווערט דערשטיקט...

די ווערטער זײַנען געפאַלן שווערע, שוואַרצע, ווי די בײַכיקע פּיאַוקעס אױפן דיל. און די מאַמע האָט געקוקט אױף אים מיט אַזעלכע קינדערשע, אומבאַהאָלפענע בליקן. זי האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט צו איר. עפּעס מעשונעדיקע ווערטער טראַכט ער אויס... ניין, זי וועט מײַן שוועסטערל ניט אָפּגעבן... קיינעם ניט אָפּגעבן...

— גאַטעניו, וויפֿל איז דער שיר?...

זי האָט געגלעט מײַן שוועסטערלס שטערן, וואָס איז שוין לאַנג קאַלט געווען, פּונקט ווי זי וואָלט איר אָפּגעגעבן איר וואַרעמקייט, איר לעבן. און אָפֿן ליימיקן דיל האָבן זיך קוים געריײַט די זאַטע פּיאַווקעס מיטן אָנגעזויגענעם בלוט פֿון מײַן קליין שוועסטערל און ביסלעכווײַז אויסגעגאַנגען פֿון זאַטקייט...

אין מײַן היים איז פֿרילינג לויטער, בליִענדיק און קלאַנגפֿול:

איך דריי זיך לאַנג אַרום איבער די גאַסן. איבער די היימישע און פֿרעמדע גאַסן. צווישן מענטשן, וואָס באַמערקן מיך ניט. איך שטעל זיך אָפּ פֿאַר אַ צווייסטאָקיק הויז, ווו ס'איז אַ מאָל געווען מײַן קינדהייט, ווי ס'איז אונדזער שטיבל געווען.

זאָל איך אַ קלאַפּ טאָן אין פֿענצטער ווי אַמאָל? אין וועלכן פֿענצטער? און וועמען רופֿן?

איך פֿאַרקערעווע אויף די פֿאַרלאָזטע וועגן פֿון מײַן קינדהייט, און מיר קומען אַנטקעגן אַלטע צעבליטע קאַשטאַנען. זיי בליִען ווילד, ווי מיט צענדליקער יאָרן צוריק, און זייער רייעך איז געדיכט און זיס. איך בריך אָפּ עטלעכע דיניקע צווײַגעלעך מיט יונגן צוויט און לייג זיי שטיל אַוועק באַם פֿלויט פֿונעם אַלטן ייִדישן בעסוילעם...

# קאָרטנשפּיל

צוויי וועגן לויפֿן באַנאַנד.

צוויי וועגן נעמען זייער אָנהייב באַם ראַנד פֿון די קאַרפּאַטן, שלענגלען זיך און פֿאַרשווינדן ערגעץ ווײַט אין די בערג.

איין וועג, טיילווײַז אַ פֿאַרוואַקסענער, מיט טיפֿע קאַרבן, ווי אַן אַלט, געקאָרטשעט פּאָנעם, האָט שוין לאַנג אָנגעווירן זײַן ווערט, שוין לאַנג פֿאַרגעסן דעם סקריפּ פֿון איבערגעלאָדענע וועגענער, דעם שווערן שפּאַן פֿון געקאָוועטע פֿערדישע טריט, ליגט ער אין אַ זײַט, ווי אָפּגעזונדערט פֿון דער אַרומיקער וועלט.

באַם סאַמע וועג שטייט אַ ברונעם, אַ פֿאַרוואַקסענער מיט ברוינעם מאָך. אָן אַ קייט, אָן אַן עמער. זײַנע קוואַלן זײַנען פֿאַרשטאָפּט, און אַ פֿאַרדומפּענע פֿײַכטקייט שלאָגט פֿון זײַן שוואַרצער טיפֿעניש. איבער אים בייגט זיך, ווי איבער אַ קיווער, אַ גרויסער הילצערנער צייל, און דער געקרייצטער גאָט קוקט אַראָפּ מיט ווייטיק צו דעם ברונעם, גלײַך ער וואָלט געכאַלעשט פֿון דאָרשט.

קינדווײַז האָב איך געוווּסט, אַז דעם ברונעם האָבן אין אַלטע צײַטן געלאַכים פֿאַרקישעפֿט, קעדיי ייִדן זאָלן ניט שעפּן פֿון דאָרט קיין וואַסער. קליינע באַשעפֿענישן אין לאַנגע שוואַרצע בגאָדים, וואָס וווינען אין זײַן טיפֿקייט, האָבן אַמאָל, פּונקט ערעוו דער כופּע, פֿאַרבאַרט אַהין אַ קאַלע־מיידל, מ'האָט שוין לאַנג פֿאַרגעסן איר נאָמען, פֿאַרגעסן, ווען דאָס איז געשען, נאָר אין די נעכט הערט מען זי יאָמערן און ס'וויגן די עמערס איר פֿאַרוואָגלטע נעשאָמע.

וויפל אומרויִקע כאַלוימעס האָבן דעמלט געוועקט מײַן קינדערשן שלאָף? וויפל שרעק האָט געלויערט ארום דעם ברונעם מיטן הילצערנעם ציילעם צוקאָפּנס?

ס'איז שווער אָפּגרענעצן, ווו עס ענדיקט זיך די אויסטראַכטעניש, און ווו ס'הייבט זיך אָן די ווירקלעכקײַט.

ס'האָבן באַדאַרפט אַריבער יאָרן, ביז אין איינעם א טאָג איז דער ברונעם פול געוואָרן מיט פריצײַטיק פאַרשניטענע לעבנס...

שוין לאַנג, ווי קיינער פאָרט ניט מיט דעם דאָזיקן וועג, בלויז וועסנע־צײַט פאַרבלאָנקעט אַהער א פאַרליבט פאָרל.

עטלעכע שפאַן ווײַטער לויפט א צווייטער וועג.

ער איז ברייט און גלאַט, ווי מע וואָלט אים באַגאָסן מיט לאַק. ער פינקלט, ווי ער וואָלט זײַן איבערגעשאָטן מיט לויכטנדיקן זילבער. וואָס ווײַטער ווערט דער זילבער אַלץ ווייניקער, ביז דער וועג גיסט איַנגאַנצן זיך צונויף אין איין גרויער שטראַלנדיקער אויבערפלאַך.

און צווישן ביידע וועגן, ווי צווישן צוויי וועלטן, שטייט א נײַ הויז, אויסגעגאָסן פון גלאָז און מעטאַל, מיט צוויי טירן, ווי מיט צוויי זיך דרייענדיקע שפּיגלען. לײַכטע זײַדענע פאָרהענגלעך שטיפן מיט דער זײַדערער רעקלאַמע אפן רויטן מירמל־פאַסאַד פונעם רעסטאָראַן „זאַריא״.

אין זאַל שפּילט אַן אָרקעסטער. די מוזיקאַנטן זײַנען נאָך זייער יונגע, אָנגעטאָן זײַנען זיי אין בונט־אויסגענייטע הוצולישע העמדער, פונקט ווי זיי וואָלטן אַראָפּגעקומען אַהער פון ווײַטע צײַטן. זיי שפּילן א ייִדישן ניגון, אַן אַלטן ייִדישן ניגון, אָן איבערגעפלאָכטענעם מיט הוצולישן טרויער, נאָר זיי שפּילן אים אויס אַזוי, גלײַך ער וואָלט געווען באַשטימט פאַר עפּעס א ווילדן פריילעכן טאַנץ.

צווישן די ווײַס־באַדעקטע טישלעך, באַזעצטע מיט יוגנט און אַלטע לײַט, מיט מענער און פרויען, שוועבט, ווי א שמעטערלינג, אַרום א יונגע אָפיציאַנטקע אין א ווײַסער קרויַן אפן קאָפּ און פונקט אין אַזא ווײַס פאַרטעכל אפן בלויען וואָלענעם קליידל, א ליבלעכער שמייכל שלענגלט זיך אף איר אונטערשטער פולבלעכער ליפּ.

איך פאַרנעם אַן אָרט בײַ א פרײַ טישל און באַשטעל ווײַן, אַלטן הײמישן ווײַן. ער איז זויערלעך, נאָר צעגיסט זיך אין די אָדערן מיט א זעלטענער וואַרעמקײַט. איך טרינק אים פאַמעלעך, א שלונג נאָך א שלונג, ווי ס'פלעגט אַמאָל טרינקען מײַן טאַטע, טרינקען אַזוי לאַנג, ביז טרערן האָבן פאַרגאָסן זײַנע גרינלעך־פינקלענדיקע אויגן.

מײַן טאַטע...

אין די יונגע יאָרן, וועסנע־צײַט, ווען קיין אַרבעט איז נאָך ניט געווען און אין שטוב האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס לעצטע ביסל שפּײַז, האָט ער אָפּט זײַן פאַרצווייפלונג אין קרעטשמע פאַרטראָגן. א ברוינער אָפּגעקראָכענער פידל האָט בײַ זײַן אויער א ניגן אויסגעוויינט, ווי ער וואָלט אים געטרייסט:

— טרינק, טרינק. סײַווי איז דאָס לעבן הפקר!

און מײַן טאַטע האָט געטרונקען, ביז דער ווײַן האָט גענומען קאָכן

אין זײַן האַלדז, דערנאָך האָט ער געזוכט דעם וועג צו זײַן שטוב און, וועקנדיק די אײַנגעשלאָפענע געסלעך, מיט א הייזעריק קאָל זיך געקריגט מיט דער נאַכט.

און נעכט זײַנען געשטאַנען פינצטערע, וואַרעמע, מיט דריבנע רעגנס. אין די קליינע, פאַרשטויבטע פענצטער האָבן געפינקלט געלע שוואַכע פלעמלעך פון אײַנגעדרייטע לאָמפּן און גרויסע מעשונעדיקע שאָטנס זײַ־נען אומגעלומפערט געקראָכן אף די ווענט. פון ערגעץ ווײַט האָבן קלוי־סטער־גלאָקן מוירעדיק געקלונגען, געוועקט צו דער קאַטוילישער פּאַסכא, און זייער קלינגערײַ האָט אָנגעפילט מיט שרעק די איינזאַמע האַלב־טונקעלע ייִדישע שטיבער.

מײַן מאַמע האָט גאַנצע אָוונטן אַרויסגעקוקט אפן טאַטן. זיך די אויגן אויסגעקוקט, ווײַל די קינדער האָבן זיך געלייגט אָן וועטשערע, ווײַל מאָרגן וועלן זיי עפשער אויך זיך מוזן לייגן הונגעריקע, און דער פּייסעך קלאַפּט שוין אין די פאַרוויינטע שויבן. זי האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטוב, אײַנגעהילט אין איר אָפּגעבליאַקעוועטער שאַל, זיך געהויקערט אין אירע דרײַ צענדליק יאָר, און די ליפּן האָבן אַלעמאָל גענומען ציטערן, ווי בײַ א באַליידיקט קינד, וואָס גרייט זיך וויינען.

— שאַ, דאַכט זיך, דער טאַטע...

ס'איז אָבער קיינער ניט געקומען, נאָר בײַ די שוואַרצע איבערגע־פוילטע פּלויטן אף יענער זײַט פענצטער האָבן אָנגעשוואָלענע ווערבעס אומעטיק געקרעכצט.

איך טרינק פון א קרישטאָלענעם בעכער. דער ווײַן איז דורכזיכטיק און ריין, ווי טרערן. מײַן טאַטע האָט ליב געהאַט טרינקען פון א בלעכענעם קוואַרט. זי איז געווען גרוי און צעדראַפּעט, ווי די ווענט אין קרעטשמע.

די דאָרפישע קרעטשמע איז געשטאַנען קימאַט אף דעם זעלבן אָרט, ווו איצט „זאַריא". אונטער דעם זעלבן טיף־בלויען הימל, אין שאָטן פון די זעלבע בערג. א קרעטשמע מיט א שענקער א לאַמדן אין א טאַלעסקאָטן ביז די קני, מיט א דאַר, פאַרשפּיצט פּאָנעם און דערשראָקענע אויגן. דאָס ווײַב זײַנס א קאָזעק, האָט מעפּאַרנעס געוועזן די שטוב און פאַרשטאַ־נען, וויאַזוי צו צעפירן דעם ווײַן מיט אָפּגעשטאַנענע וואַסער און דערבײַ ריידן מיט א פרום שמייכעלע:

— אזא ווײַן, דער קייסער אַליין מעג אים טרינקען!

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט געשימערט די מידע שײַן פון צוויי עלפער הענגלאָמפּן און פידלען האָבן הייזעריק געכליפּעט.

פליטנטרײַבער, וואָס האָבן א גאַנצן טאָג אַרויסגעקוקט, אז עמעצער זאָל קומען זיי דינגען אף אַרבעט, האָבן פאַרנאַכט, ווי פאַרקישעפטע, זיך געלאָזט נאָכן אומעטיק־צעצויגענעם פּלאָנטער פון הוצוליש־ייִדישע ניגונים און דעם אָפּגענאַרטן טאָג אין ווײַן פאַרשיקערט, און ווען קיין געלט האָט ניט געסטײַעט, האָט מען געטרונקען אף באָרג און דערנאָך לאַנג זיך ניט געקאָנט צערעכענען מיטן שענקער.

ווער האָט זיי געוואָגט מישפּעטן פאַר דעם?

מוטיקע, נאַיווע ספּלאַווניקעס מיט קרעפטיקע, פאַרהאַרטעוועטע פויסטן,

וואָס האָבן געקאָנט שטיינער צעמאָלן, מיט הערצער ווי בא קינדער און מיט וואכזאמע אויגן, וועלכע האָבן ניט איין מאָל געקוקט דעם טויט גלײַך אין פּאָנעם ארײַן — אין די סאמע שווארצאפּלען זײַנע.

איך פּריצים פּלעגן צומאָל אין דער קרעטשמע פארבלאָנדזשען. פון ווילטיק שיקערן און שפּילן אין קאָרטן. זיי האָבן זיך געוואָרפן מיט געלט, און פליטנטרײַבער האָבן זיי אקעגנגעשטעלט זייער אָרעמקײַט:

— ניטשעהאָ, אַף קרעדיט... וועסט פארשפּילן, וועסטו זומער אָפּאר־בעטן...

און ווען די בלוטן האָבן זיך צעוואַרעמט, האָבן אָפּט אין זויערלעכן רייעך, ווי פון איבערגעקוואסעטע עפּל, זיך ארײַנגעפלאָכטן פרעכע, שיקערע אויסרופן:

— האָסט פּסיאקרעוו, שוין פארשפּילט דעם גאנצן זומער...

קאָרטן האָבן זיך געמישט, ווי שיקערע געדאנקען, און פידלען האָבן געכליפּעט לאנג און אומעטיק.

איך טרינק דעם אלטן היימישן ווײַן. דער אָרקעסטער שפּילט.

א שלאנקע זינגערן, ווי אויסגעטעסעט פון א יונגן בוים, זינגט ארײַן אין מיקראָפאָן. איך בין איבעראשט פון איר שיינקײַט, פון איר פאנטאסטיש געבלימלט קלייד, וואָס פינקלט, גלײַך זי וואָלט געווען אײַנגעהילט אין שטערן; פון אירע שווערע האָר, צעלאָזטע ביז די אקסל, בין איך אויך איבעראשט. אירע ליפּן זײַנען לײַכט צוגעפארבט, זי זינגט, ניט רירנדיק זיך פון אָרט, נאָר איר קערפּער באוועגט זיך עלאסטיש און גראציעז. איר שטים איז לויטער און הייס, ווי שטראלן פון דער דאָרעם־זון, זי צעגייט זיך איבערן זאל, ווי א פײַערדיקער רעגן וואָלט באגאָסן די צוהערער.

Вівчара в садочку,
В тихому куточку
Жде дівчина, жде.[1]

זי רײַסט אַף א רעגע איבער דאָס געזאנג, גלײַך זי וואָלט פארלוירן דעם ריטם פון דער מוזיק, כאפּט אָבער באלד ווידער אויף דעם טאקט און צינדט אינגאנצן זיך אָן אין א זיסער זאָרגלאָזער פרייד.

Всюду буйно квітне черемшина...[2]

אירע גרויסע שווארצע אויגן לויפן אריבער פון איין טישל צום צווייטן, פון איין פּאָנעם צום אנדערן.

פּונקט אזעלכע שפּילנדיקע שווארצאפּלען האָט פארמאָגט מײַן מאמע און געצוי אזעלכע צארט־געטאָקטע ליפּן און צוויי שורעס פּײַכטע פּערלדיקע ציין. נאָר פון יענע אויגן האָט געטריפט טרויער, און יענע ליפּן האָבן זעלטן ווען געשמייכלט.

איך טרינק פּאמעלעך, און נאָך יעדן שלונג, גאנווענען, ווי געשפּענסטער זיך אונטער נעכטיקע טעג.

---

[1] אפן פאסטעך אינעם סעדל, אין א שטילן ווינקל ווארט א מיידל, ווארט.
[3] עס בליט שטורמיש אומעטום די טשערעמשינא... (אוקר.).

...אין איינעם אן אָוונט איז מײַן טאַטע לאַנג ניט געקומען. די מאַמע האָט, ווי שטענדיק, געוואַרט אויף אים, אַלעמאָל אופגעציטערט, גלײַך זי וואָלט געטריבן פון זיך שווערע אומרויִקע געדאַנקען. איך האָב אויך ניט געקאָנט אײַנשלאָפן. ניט אַזוי דער הונגער, ווי דער מאַמעס צאַר, האָט מוי־רעדיק געגנאָגט באַם האַרצן. כ'האָב געקוקט אויף מײַן מאַמען, אויף די קנייטשן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט איר מויל, אירע אויגן און ניט פאַרשטאַנען, ווי־אַזוי קאָן אַ מענטשלעך האַרץ אַריבערטראָגן אַזויפיל לײַדן. אומזיסט האָב איך באַמיט זיך צו געפינען דעם שולדיקן אין אָט דעם אַלעמען.

איך בין צוגעגאַנגען צום פענצטער. אַ שטילער רעגן האָט געקלאַפּט אין די שויבן. כ'האָב געהאַט אַ געפיל, ווי עמעצער וואָלט מיך גערופן. כ'האָב אַרײַנגעקוקט אינעם פאַרוויינטן פּאָנעם פון דער נאַכט און שטיל געמורמלט פאַר זיך אַליין.

— איך ווייס, פאַרוואָס דו קומסט ניט אַהיים אַזוי שפּעט...

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פון יענער זײַט פענצטער שטייט מײַן טאַטע. ער וואַקלט זיך, ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים. זײַן קרעפּטיקער גוף שפּאַרט אונטער די וואַנט. און זײַן האַריקע ברוסט איז אײַנגאַנצן צעכראַסטעט. ער וויל אַרײַנפלעכטן אַ שמייכל אין רויט־פאַרשוויצטן פּאָנעם. אין די פאַרגאָסענע אויגן. ער האָט עפּעס צו דערציילן, נאָר דאָס פאַרקרימט בלויז זײַן געזיכט. פּלוצעם טוט ער זיך אַ ריס פון אָרט, ווי ער וואָלט גרייט געווען אויף עמעצן זיך וואַרפן. זײַנע שיקערע אויגן ברענען ווילד. זע! עס סקריפּען אין זײַנע הענט עטלעכע נײַע צעקנייטשטע צענערלעך.

— מיינסט, כ'האָב ספּלאָוועס געטריבן?.. אַ פּויטעקע פאַרדינט... אין אַנגסטן האָב איך זיי געוואונען... פאַרשטייסט... אין אַנגסטן...

ער טוט אַ שלײַדער פון זיך דאָס געלט, ווי עפּעס אַן אומרייניקע זאַך, און נעמט עס טרעטן מיט די פיס, פונקט ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ ווילדן, שיקערן טאַנץ...

איך האָב זיך אויסגעדרייט פונעם פענצטער צו מײַן מאַמען. געוואָלט זי טרייסטן, באַרויִקן, איר דערציילן עפּעס אַזעלכס, וואָס זאָל אַרויסרופן אַ שמייכל אויף איר פאַרדײַגעט פּאָנעם. דערציילן, ווי־אַזוי דער רעבע האָט הײַנט מיטן קאַנטשיק איבערגעבראָכן אַ האַנט באַ אורצע שאָלטיק, ווי־אַזוי די רעבעצן איז אַ דערשראָקענע געלאָפן נאָך קאַלט וואַסער, אורצע האָט גערעוועט, און מיר האָבן געלאַכט אין די פויסטן. אורצע האָט אָנגעשטופּט אין די אַרבל דראַניצעס און שפּענדלעך, און דער רעבע איז זיכער געווען, אַז ער האָט דעם באָכער איבערגעבראָכן אַ ביין. נאָר די מאַמע איז, ווי אַ מיד קינד, געזעסן אויפן ראַנד פונעם בעט און געדרעמלט. איך האָב שטילער־הייט זיך אָנגעטאָן און בין אוועק זוכן דעם טאַטן. שוין דאָס ווי־פּלטע מאָל אין מײַן קורץ צעניאַריק לעבן...

נעכטיקע טעג... ווי פאַרוויינטע מאַמעס שטעלן זיי זיך אויס פאַר מײַנע אויגן!

...איך בין געגאַנגען איבערן וועג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן באַם ראַנד פון די קאַרפּאַטן און פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ ווײַט אין די בערג. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע, אַן אומרויִקע. דער ווינט האָט געיאָגט שטיקער

צעריסענע וואָלקנס פון דאָרעם אַף צאָפן, און שטערן האָבן זיך געלאָשן אין זיי, ווי אויסגעברענטע ליכט. דער וועג איז געווען אינגאנצן פינצטער. איך בין געגאנגען מיט ברייטע שפאן, ווײַליונגעריש פארוקט די הענט אין די קעשענעס און געמאכט זיך הארץ.

פאר וועמען דארף עס מוירע האָבן א קינד, וואָס גייט זוכן דעם טאטן?

וואָס נעענטער אָבער צום ברונעם, אלץ ווינציקער איז פארבליבן פון מײַן געוואגטקײַט.

עמעצער האָט זיך אויסבאהאלטן אין די קוסטעס און געבראָכן טרוקענע פרוטיעס. א טויטער בוים האָט געוויגט די קרומע פארשטארטע צווײַגן, אויסגעשטרעקטע צום הימל, ווי הענט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז יעזוס אליין איז אראָפּ פונעם צייל־עם, גייט מיר גלײַך אנטקעגן. זײַנע הענט און פיס זײַנען פארבלוטיקט, פון דער ברוסט טריפן אויך טראָפּנס בלוט. די שיטערע בלאָטע פײַפט אונטער זײַנע טריט, ווי עמעצער וואָלט אים נאָכגעגאנגען און געוויינט. אין מײַן הארץ האָבן געציטערט פעסט אָנגעצויגענע סטרונעס. מיטאמאָל האָב איך דערזען א לאנג ווײַס כופּע־קלייד, ווי א ווײַסער שאָטן האָט עס געשפּאָלטן די פינצטערניש. איך האָב גענומען לויפן, כ'האָב געלייענט קרישמע און געוויינט. דורך די טרערן האָב איך דערזען די שײַן אין פענצטער פון קרעטשמע. זי האָט איבערגעשניטן דעם וועג און זיך געצויגן ביז צו די בערג. און טייקעף האָבן צענדליקער פײַערלעך באלויכטן די נאכט. אזוי פלאמט אויף א פרייד אין מענטשלעכע הערצער.

קינדערשע פאנטאזיעס... ס'איז שווער אָפּגרענעצן, ווו עס ענדיקט זיך די אויסטראכטעניש און ווו הייבט זיך אָן די ווירקלעכקײַט!

מײַן טאטע האָט געשפּילט אין קאָרטן. ס'איז געווען אין סאמע ברען.

אין קרעטשמע איז געשטאנען א פארנעפּלטער ראַש, באלויכטן פון צוויי מאטע עלפּער הענגלאָמפּן.

פליטנטרײַבער זײַנען געזעסן אויסגעלאָשענע, מידע פון טרינקען. מײַלער האָבן זיך געקריגט, געקושט. די קרעטשמע האָט זיך געוויגט אין עפּעס א פארשיקערטער טרייסט, און טויזנטער אוולעס זײַנען פארגאָסן געוואָרן מיט ווײַן און אוועק, ווי גרויע אָפּגענארטע טעג.

אנטקעגן מײַן טאטן איז געזעסן א פּאָרעץ, שוין אין די יאָרן, מיט א גרוי־אשיק פּאָנעם און מיט אן אָדלער־נאָז, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בייגן גלײַך פון די ברעמען און זיך אראָפּגעלאָזט א פארשפּיצטע ביז צו די געלע וואָנצעס, וועלכע זײַנען אראָפּגעהאנגען, ווי טויטע אונטערגעהאקטע פליגל. זײַן קאָפּ איז געווען הויך־פארוואָרפן אַף צוריק; אלע פריצים פארײַסן געוויינלעך די קעפּ.

— אנו, וואָס נאָך האָסטו מיר צו פארשפּילן?

כ'האָב געוווּסט, אז אלע האָבן מוירע פאר אָט דעם פּאָרעץ, אפילע מײַן טאטע. די באציִונגען צווישן דערוואקסענע זײַנען מיר אינגאנצן ניט פארשטענדלעך געווען. אין קרעטשמע זײַנען געזעסן ריזן, מיט פלייצעס ווי אויסגעהאמערט פון שטיין און זיך געשראָקן פאר אָט דעם קליינעם מענטשעלע אין גרינעם יעגער־מונדיר.

איך האָב פאַרזיכטיק זיך דערנעענטערט צום טאטן און אים גענומען ציִען באם ארבל:

— טאַטע, קום אַהיים!

נאָר ער האָט אַפילע זיך ניט אומגעקוקט אויף מיר, גלײַך ווי ניט אים וואָלט איך גערופן. עפּעס אַ ספּלאָווניק מיט אַן אויסגעדאַרט פּאָנעם און וואָנצעס, פּונקט ווי באַם פּאַרעץ, האָט זיך צוגעבויגן און צערטלעך מיר אײַנגערוימט אין אויער:

— טיכאָ, נע טשיפּײַ![1]

איך האָב ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דאַרף איך עפּעס שטיין רויִק, צו־קוקן, ווי מײַן טאַטע שפּילט אין קאָרטן מיט עפּעס אַ פּאַניטש, פאַר וועלכן אַלע האָבן מוירע, אין דער צײַט ווען דער מאַמעס אויגן זײַנען אָנגעגאָסן מיט טרערן און זי קוקט אַרויס אויפן טאַטן שוין וויפל צײַט.

— טאַטע, אַ, טאַטע!

ווידער האָט דאָס זעלבע קאָל מיר אָפּגעענטפערט, דאָס מאָל אַפילע שטרענגלעך:

— דאָסטאַ![2]

פונוואַנען האָב איך געוואָלט וויסן, אַז מײַן טאַטע האָט שוין פאַרשפּילט זײַן גאַנצן זומער. אַ זומער, וואָס באַטײַט האָרעווען אומזיסט, הונגערן אָן אַ ביסל מעל אין שטוב. דער מאַמעס אויגן וועלן אײַנגעפאַלן ווערן און דאָס פּאָנעם וועט ווערן בלייך. דער טאַטע וועט אַהיימקומען „פאַרקנאַקט" און ווייטיק בײַסן די פויסטן, אַזוי אַז אויפן אַנדערן טאָג וועלן זיך נאָך אָנזען אויף די הענט די קאַרבן פון זײַנע שאַרפע ציין.

פּלוצעם האָט אַ בייז שמייכעלע זיך צעלייגט אויפן פּאַרעצס פּאָנעם:

— שטעל דײַן ווײַב אין קאָן, זי איז בײַ דיר אַ פײַנינקע... אָדער דו געווינסט אויף דעם זומער, אָדער...

איך האָב ווײַטער ניט פאַרשטאַנען. עפּעס אַ היץ האָט אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ, דאָס האַרץ איז גרייט געווען אַרויסשפּרינגען פון דער ברוסט, און די ווערטער האָבן געבריט, ווי אָנגעגליטע קוילן. איך האָב פאַר ווייטיק געביסן די פינגער און אומדערוואַרט מיט גאַנצן קויעך אויסגעשריִען:

— טאַטע, קום אַהיים!

ערשט איצט האָט דער טאַטע זיך געכאַפּט, אַז איך שטיי לעבן אים. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר, און איך האָב דײַטלעך געהערט, ווי ס׳שלאָגט זײַן האַרץ. עפּעס האָט געזאָטן בײַ אים אין האַלדז.

— טאַטע, קום אַהיים!

— באַלד זון. וואַרט צו אַ ביסל!

ער האָט זיך אופגעשטעלט אין זײַן גאַנצער גרייס, די צוויי קנייטשן, וואָס האָבן שטענדיק בײַ אים איבערגעשניטן די ברעמען און דעם שטערן, האָבן איצט אויסגעזען נאָך טיפער. מיט שיקערן וואַנזין האָט ער זיך געווענדט צום פּאַרעץ:

— עפּשער וואָלט איר מיט מיר געשפּילט נאָך אויף אַ זומער? איך וועל אַלץ אָפּאַרבעטן. ערלעך אָפּאַרבעטן...

דעם טאַטנס שטים האָט געקלונגען פרעמד. איך בין ניט געוווינט געווען צו הערן אים אַזוי ריידן.

[1] שטיל, טשעפּע ניט!
[2] גענוג! (אוקר.).

— ניין — איז געקומען א קורצער אנטשלאָסענער ענטפער.

דער פּאָרעץ האָט עס געזאָגט פּאַראַקשנט און פראָסט, און זײַנע בליקן זײַנען געוואָרן אויסגעלאָשן און קאַלט.

דער טאטע האָט געפּרוּווט שמייכלען, ווי א מענטש, וואָס פארשטייט א שפּאַס. נאָר דער שמייכל איז באַלד פאַרגליווערט געוואָרן בא די מוילווינקלען, און פון די אויגן האָט געשפּריצט גיפט. אייגנטלעך, זײַנען דאָס ניט געווען קיין אויגן, נאָר אן אָפּגרונט פון ווילד הייס בלוט. ער האָט אויסגעשטרעקט זײַנע קרעפטיקע הענט און געשריִען אף א קאָל:

— קוקט אף אָט די הענט, צי דען זײַנען זיי ווינציקער ווערט, ווי א שוואכע יִידישע פרוי? אזא ווילדקײַט...

און ניט באַקומענדיק קיין ענטפער, האָט ער זיך צוגעזעצט און שוין שטילער, אײַנגעהאַלטענער, געפרעגט:

— וואָס זשע ווילט איר?

און אליין געענטפערט:

— איך זאָל באַליידיקן די מאַמע פון מײַנע קינדער?

ער איז אף א ווײַלע אנשוויגן געוואָרן און אָפּגעווישט מיטן קויטיקן אַרבל די טראָפּנס שווייס פונעם פּאָנעם, און עפּשער טרערן. פּלוצעם האָט ער א זעץ געטאָן אינעם טיש, נאָר אזוי, אז די גאנצע קרעטשמע האָט אופגעציטערט:

— גיב קאָרטן!

און מיר האָט זיך געדאַכט, אז אָט־אָט וועט ער אופשפּרינגען און מיט זײַן גאנצער קראַפט, ווי א פארווּנדעטע כײַע, זיך וואַרפן אפן פּאָרעץ.

די גאנצע קרעטשמע האָט ארומגערינגלט די צוויי קאָרטנשפּילער. פון איין זײַט וואַלד־יעגער אין גרינע טיראָלער מונדירן, פון דער צווייטער — פּליטנטרײַבער. קעגנזײַטיקע סינע, אַלטע פּײַנטשאפט איז ארויסגעטראָטן אין איר גאנצער נאַקעטקײַט. אפילע דער שענקער מיט די דערשראָקענע אויגן איז געשטאנען און עפּעס געמאַכט מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט געזאָגט טילים. זײַן ווײַב האָט אים א שטויס געטאָן מיט אירע ברייטע לענדן:

— שמײַע, ווי מיינסטו, דער אָדן וועט באַקומען א מאַקע?

— און אויב כאָלילע... — האָט ער ניט געוואַגט ארויסברענגען דאָס וואָרט און מיט טיף ראַכמאָנעס א קוק געטאָן אף דער פּליוינעסטע.

די קרעטשמע איז מיטאַמאָל פארזונקען געוואָרן אין א שטילשווײַגן. שיקורים, וואָס האָבן ניט לאַנג צוריק געטומלט, זײַנען געוואָרן אויסגעניכטערט.

— עליע! — האָט מײַן טאטע זיך אויסגעדרייט צו איינעם פון די קלעזמער. — אנו, שפּיל אויס א בעטלעריש, נאָר אזוי, ס'זאָלן די סטרונעס וויינען.

און עליע האָט זיך צוגערוקט נאָענט צו מײַן טאטן. זײַן פולער גוידער אפן פידל האָט לײַכט געציטערט. די אויגן האָט ער פארמאַכט, ווי ער וואָלט געשפּילט אין שלאָף, און פונעם פידל האָט זיך געגאָסן א בעטנדיקער, הארצרײַסנדיקער ניגן. א מין געמיש פון הוצוליש־יִידישן טרויער, גלײַך די סטרונעס האָבן זיך צערעדט אף א מענטשלעכער שפּראַך און געעפנט די הערצער פון די ספּלאַוונִיקעס, זייערע געדאנקען, זייערע באַגערן.

— וואַלעט!

צען גיריקע פינגער, ווי שפּינען, האָבן געמישט די קאָרטן, און דער טאַטע האָט אָנגעשטרענגט געקאָסעט מיט זײַנע שיקערע אויגן, גלײַך ער וואָלט עפּעס געזוכט אין זיי, געזוכט אין זײַן אייגענעם פאַרנעפּלטן געוויסן. עפּשער האָט אין דעם אויגנבליק טויב און פאַרנעפּלט, ווי רעשטלעך פון א שווערן כאָלעם, זיך אוועקגעשטעלט פאַר אים זײַן לעבן — דער מאַמעס פאַרזאָרגטע אונטערטעניקע בליקן, די הונגעריקע פּענעמער פון די קינדער.

— טרעף!

פוןביידע זײַטן איז געשטאַנען א מוירעדיקע אָנגעשטרענגטע שטיל־קײַט. נאָר דעם טאַטנס אָפּגעברענטע הענט האָבן לײַכט זיך באַוועגט איבערן טיש, און די פינגער האָבן אינעם טאַקט פון עליעס ניגן געטאַנצט א שטור־מען טאַנץ. ס'איז געגאַנגען די גרויסע גורלדיקע שפּיל, און די צײַט האָט זיך געצויגן אומענדלעך לאַנג. עפּשער ניט פאַר אַלעמען. פאַר מיר אָבער איז עס געווען דער לענגסטער אָוונט אין מײַן לעבן.

— טויז!

— דאַמע...

עליע דער קלעזמער האָט פּלוצעם אופגעהערט שפּילן, ווי אַלע פיר סטרונעס וואָלטן מיטאַמאָל געפּלאַצט. זײַנע שמאָלע אייגלעך האָבן געקוקט אָפן טיש, ווו ס'איז באַוועגלאָז געלעגן די „דאַמע".

די „דאַמע" האָט מיט איין פּאָנעם געקוקט אָפן פּאָרעץ און געשמייכלט און מיטן צווייטן קאַלט און פאַרגליווערט געקוקט אָף מײַן טאַטן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז דאָס קוקט אָף אים די מאַמע, קוקט מיט באַדויערונג, ווײַל ס'טוען איר וויי דעם טאַטנס „קרומע וועגן". אירע שיין געטאָקטע ליפּן זײַנען פאַרצויגן ווי אָף צו וויינען, זיי באַוועגן זיך קוים:

— וויפל איז דער שיר?

און נאָך האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז דער טאַטע שטייט פאַרשעמט, פאַרלוירן, מיט א לויטערער צאַרטקײַט אין די אויגן. איך האָב נאָך קיינ־מאָל באַם טאַטן ניט געזען אַזעלכע ריינע, וואַרעמע בליקן.

אָף א רעגע האָט א בליץ געטאָן א שמייכל אָף זײַן פּאָנעם, נאָר דער שמייכל — א לײַכטער ציטער פון צונויפגעפּרעסטע ליפּן — איז גיכער ענ־לעך געווען אָף אן אויסדרוק פון שווערע ליידן. אַזוי ביטער שמייכלען מענטשן, ווען דאָס לאַנג דערוואַרטע גליק איז שוין ניט נייטיק. ריטשקעס שוויס זײַנען געראָנען איבער זײַן פּאָנעם און באַהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן געשטראָמט פון זײַנע אויגן.

ס'איז שרעקלעך, ווען מענער וויינען!

איך האָב שוין לאַנג אויסגעטרונקען דעם ווײַן. שוין לאַנג פאַרלאָזט דעם רעסטאָראַן. איך גיי אַרום מיט שווערע טריט איבערן אַלטן וועג. פאַר־ביי דעם ברונעם, איבער דעם זעלבן וועג, וועלכן איך האָב אויסגעשפּאַנט מיט צענדליקער, צענדליקער יאָרן צוריק. מיך שרעקט ניט מער דער שוואַר־צער הילצערנער ציילעם. ער קרעכצט פון אַלטקײַט, ווי עמעצער וואָלט גע־לעגן אונטער אים און געוויינט.

מיר גייען נאָך די נעכטיקע טעג, ווי פאַרוויינטע מאַמעס, מײַן מאַמע, וועמענס יונגע שיינקײַט דער טאַטע האָט שיר ניט פאַרשפּילט אין קאָרטן.

מיט עטלעכע מעטער ווײַטער שטראַלט „זאַריאַ" מיט אַלע אירע פײַערן, א זינגערן, ענלעך אָף מײַן מאַמען, זינגט אַרײַן אין מיקראָפאָן:

ס'קומט דער אָוונט, ס'ווערט דער הימל
בלאָסער,
פונעם טשערעמוש די שאָף עס טרינקען
וואַסער.
און אין סעדל אויף א באַנק באַשיידן
אויפן פּאַסטעך וואַרט און וואַרט זײַן מיידל.

אין איר געזאַנג איז אַזויפיל צאַרטקייט, אַזויפיל קראַפט, וויפל בלומען אין פרילינג.
עס זינגען איר נאָך די אַרומיקע בערג, און ס'ברענט איבער זיי אין פלאַמען דער מײַרעווי־ראַנד פונעם הימל.

# אַן אַלטע טכינע

מײַנער א פרײַנט, א לײַדנשאַפטלעכער ליבהאָבער פון זעלטענע ביכער, האָט פּלוצעם אין א טאָג מיר געבראַכט א מאַטאָנע.
— זע, וואָס כ'האָב אויסגעפונען, דיר וועט עס זיכער ניצן.
און ער האָט מיר דערלאַנגט א זייער אַלט, אײַנגאַנצן דורכגעזאַפּט מיט רייכעס פון שימל, צעשאָטן סייפערל, וואָס איז ווער ווייסט וויפל צײַט אָפּ־געלעגן ערגעץ אויף א בוידעם און זיך געקרישלט פון אַלטקייט.
— א טכינע? — האָב איך פאַרוווּנדערט אויסגערופן און פאָרזיכטיק, ווי צו א טײַערן אוצער זיך צוגערירט צו די פאַרגעלטע שיימעס, און בא יעדן ריר האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך טאַפּ אָן אויף די זײַטלעך שפּורן פון ווײַבערשע פינגער, פיל די ברי̇ענדיקע הייסקייט פון פאַרגאָסענע טרערן, צערונענע איבער די אָפּגעבליאַקעוועטע אויסיעס.
גאָט מײַנער! וויפל דורות ייִדישע טעכטער האָבן מיט א פרומען ציטער געזוכט א טרייסט אין די טפילעס, פאַרטײַטשטע אויף מאַמע־לשון.
און איך האָב זיך דערמאָנט אין מײַן מאַמען.

קינדער געדענקען זעלטן זייער מוטער יונג און שיין, ווײַל דאָס קענען שעצן שיינקייט קומט א סך שפּעטער, ווען די צײַט האָט שוין באַוויזן היפּש צו פאַרשלינגען דעם באַצײַנטן פלאַטער פון פרויישער בליונג.
אויך איך געדענק מײַן מאַמע גראָ און אײַנגעשרומפּן, מיט צייכנס פון מידקייט אויפן פּנים. זי פלעגט יעדן שאַבעס זיך פאַרקלײַבן אין א ווינ־קעלע און ווי א ירושע פון אייביקער בענקשאַפט לייענען די טכינע מיט א געבראָכן קאָל:
— איך בעט דיך, גאָט ליבער, אַז עס זאָל קומען פאַר דיר מײַן געבעט און זאָלסט נייגן דײַן אויער צו מײַן געשריי...
איבערן אַלקער האָט א טיפער פאַרלוירענער קרעכץ א שניט געטאָן, ווי א מעסער, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער דאָס נאַסע פאַלן פון טרערן איבערן פאַרגעלטן פּאַפּיר.
נאָר מע האָט דערציילט, אַז מײַן מאַמע איז געווען אַמאָל א שיינהײַט.
איך האָב ווי אין כאַלעם זיך פאָרגעשטעלט א יונג מאַט־הויטיק פּאָנעם,

מיט גרויסע שפּילנדיקע אויגן, באַשאָטנטע פֿון צאַרט־געוועלבטע ברעמען. די אויגן האָבן אַלעמאָל געביטן זייער אויסדרוק: אָט שטיפֿערישע מיט אַ סאַמעטענעם בליק, אָט ערנסטע, פֿאַרטראַכטע. שווער געפּאַלדעוועטע האָר זײַנען מיט אַ ווילדקײַט אַראָפּגעפֿאַלן איבער אירע אײדעלע, שמאָלע אַקסלען — אַ שײנהײַט. וועלכע האָט זיך ניט געוואָרפֿן אין די אויגן, נאָר פֿאַרכאַפּט מיט ריר־נדיקער צאַרטקײַט, ווי אַ ניט־צעוויקלטע בלום.

צי אַזוי טאַקע האָט מײַן מאַמע אויסגעזען אין איר בליִ, ווײס איך ניט פּינקטלעך. קינדער געדענקען זעלטן זייער מוטער יונג און שײן. נאָר וואָס איך ווײס אָפּ זיכער: דאָס לעבן האָט צוגעײַלט דעם אומזיניק־פֿאַרניכטנדיקן לויף פֿון איר שײנקײַט, און זי איז אַלט געוואָרן, נאָך זײַענדיק זייער יונג.

דאָס לעבן שוינט ניט, ווען צײַטן זײַנען גרויזאַם...

מײַן מאַמע האָט געשטאַמט פֿון אַ קלײן דערפֿל, אַ פּאַרלוירנס אין דער סאַמע טיף פֿון די קאַרפּאַטן, ווו אין שטרענגע טונקעלע וועלדער האָבן אין אַלטע צײַטן געלעבט דרײסטע הײַדוקן, געהאַט דאָרט צווישן פֿעלדזן זייערע פֿאַרבאָרגענע הײלן, פֿונוואַנען זיי פֿלעגן באַפֿאַלן פּריצישע הויפֿן... און אַלעמאָל, ווען די זון האָט אָנגעצונדן דעם מײַרעוו, האָט זיך געדאַכט: רײַכע פּאַלאַצן שטײען נאָך אַלץ אין פֿלאַמען...

בײַ די ראַנדן פֿון דאָרף האָבן מיט שטאַרקער פֿאַרזאָרגטקײַט זיך געטוליעט אַלטע ייִדישע כאַטקעס פֿון וואַלדהעקער און פּליטנטרײַבער, געבלינצלט מיט קרומע פֿאַרשטויבטע פֿענצטער, ווי זיי וואָלטן אין אַ פֿאַרטראָגענעם דרעמל געזען די שטעגן און סטעזשקעס, וועלכע ס'האָט אויסגעשפּאַנט דער באַלשעמטאָוו, געזען די בערג, וואָס זײַנען זיך צונויפֿגעגאַנגען, ווען ער האָט אַ פֿאַרטיפֿטער אין זײַנע מאַכשאָוועס שיִר ניט אַראָפּגעגנידערט אין אַ טיפֿן אָפּגרונט.

די וועלדער האָבן גערוישט מיט אַזאַ שטילער פֿאַרטראַכטקײַט, גלײַך זיי וואָלטן דערציילט הוצולישע לעגענדעס אָדער געמורמלט כסידישע ניגונים און דער ווינט, אָנגעזעטיקט מיט פֿאַרצײַטיקע שטימונגען, האָט געטראָגן איבער די בערג זײַן אײביקן ניגון.

און מײַן מאַמען האָבן פֿון געבוירן אָן באַגלייט טעג, אָנגעפֿילטע ווי לאָגלען מיטן קישעף פֿון אַ צויבער־וועלט.

אַפֿילע דעמלט, ווען זי האָט פֿאַרלאָזט די היים פֿון איר טאַטן און אַוועק מיט איר באַשערטן צו די ברעגעס פֿון אַ שטעטלשן טײַך, ווו טאָג און נאַכט האָבן געבעוועט די זעגמילן, איז ווי אַ רײַכער נאָדן איר נאָכגעגאַנגען דער קלאַנג פֿון היימישע בערג.

מײַן קינדהײַט איז פֿאַרוויגט געוועזן מיט מײַסעלעך און לידער.

די מאַמע האָט די לידער געזונגען, גלײַך זי וואָלט געפֿירט אַ שטענדיקן שמועס מיט איר פֿאַרלאָזטער דאָרפֿישער היים. איר שטים איז געווען אַ וואַרעמע, אַ לויטערע.

היט אײַך גוטע מענטשן!
רויבער טראָגן זיך ווי פֿײַל פֿון בויגן!

און א גאנצער וויכער פון שטורמישע קלאנגען האָט דערציילט פון רויבער אויף שווארצע פערד מיט פייערדיקע גריוועס, רויבער, וואָס האָבן אין פינצטערע נעכט זיך געטראָגן איבער פארפלאָנטערטע וועגן, און פון אויסגעלאָשענע דערשראָקענע יידישע שטיבער מיט פארהאַקטע טיר־און־טויער, וואָס האָבן אומרויק געדרעמלט.

זי האָט געזונגען מיט אזא לייַדנשאַפט, ווי אָט־אָט, און די רויבער וועלן אַנקלאַפּן אין פענצטער.

א צווייט מאָל האָט זי פארצויגן שטיל ווי א זיפץ:

ווער עס וויל די געשיכטע אויסהערן,
דער זאָל די נאכט ניט שלאָפן.
אוי, די געשיכטע איז טרויעריק,
וואָס האָט מיט א מיידל געטראָפן.

און פון זיך אליין האָבן די ווערטער זיך אויסגעלייגט אין א ליד וועגן א יידיש מיידל, וועלכע א יונגער פאניטש האָט אין א טאָג פארשלעפט אין וואלד:

די רעכטע האנט איר אויסגעדרייט
און דעם פוס דעם לינקן.

און אזוי א געפענטעטע איבערגעלאָזט פארשפארט אין א וואלד־שטיבל אָן א דאך.

עפּעס זייער אומעטיק איז מיר געוואָרן פון מייַן מאמעס געזאנג. א געזאנג וועגן אומרעכט און ווילקיר.

א סאך לידער האָב איך דערנאָך געהערט אין מייַן לעבן, פרייַלעכע און טרויעריקע, אָבער די לידער, וואָס האָבן איינגעשלעפערט מייַן קינדהייַט, זינגען און שאלן ביז היינט אין מייַן דאנקבאר געמיט און אויב איך קען זיי ניט נאָכדערציילן, איז עס, ווייַזט אויס, דערפאר, ווייַל מיר פעלט יענע פארב, וועלכע ס'האָט פארמאָגט מייַן מאמע, — מייַן שטערעזאדע.

די וועלט איז געשטאנען פאר א גרויסן בלוטיקן מאבל... די וועלט האָט דערמאָנט זיך אין ווייַטע פארנעפלטע אינקוויזיציע־צייַטן.

בערלין, רוים, טאָקיאָ.

פאקעל־צוגן האָבן אָנגעצונדן פינצטערע נעכט. אויף שייַטערהויפנס האָט געברענט דער מענטשלעכער גייַסט, און דער עכאָ פון ווילדער רעציכע האָט אָפּגעהילכט אין די קארפאטן־בערג.

— יידן זייַנען בייזע גייַסטער!..

...ס'איז געווען א שניי־ווייַסער ווינטערדיקער פרייַטיקצונאכטס. א ברענענדיקער פראָסט האָט צעשפּילט זיך אויף די שויבן. די קעלט האָט אריינגעדרונגען דורך די שפּארונעס אין שטוב, און די אָנגעצונדענע ליכט אין די מעשענע לייַכטער האָבן געברענט מיט א בלייכער ציטערנדיקער שייַן.

מייַן מאמע איז געשטאנען איבער די שאבעס־ליכט אָן אויסגעגלייַכטע, ווי זי וואָלט מיטאמאָל יינגער געוואָרן. זי האָט לייַכט זיך געוויגט אינעם ריטם פון איר אייגענעם געמורמל:

— ליבער הארציקער גאָט, פארנעם מייַן טפילע, דען ווען שוין אלע

טויערן זײַנען צוגעשלאָסן, אַזוי זײַנען דאָך די טויערן פֿון טרערן ניט פֿאַר־שלאָסן...

די ווערטער פֿון איר ליכטבענטשן זײַנען געפֿאַלן אויסגעטאַקט, ווי קאַ־רעלן. מיטאַמאָל איז די מאַמע אָנגעשוויגן געוואָרן. פֿון ערגעץ גאָר ווײַט האָט זיך אַרײַנגעריסן אין איר טפֿילה א שווערער קלאַנג פֿון קלויסטער־גלעקער.

— בים... באָם...

זי האָט אופֿגעציטערט און פֿאַמעלעך גענומען אַראָפּשאַרן די הענט פֿון איר פֿאַרדעקט פּאָנעם, ווי זי וואָלט אין די פֿויסטן צונויפֿגענומען די טרערן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין די פֿאַרוויינטע, צעאַקערטע קנייטשן.

— גוט־שאַבעס!

און זי האָט מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם זיך צוגעהערט צום דרויסן.

אין יענער נאַכט האָט מען פֿון די אַלטאַרן געפּריידיקט „מענטשן־ליבע”, און, ווי צעלאָזטער כײַלעוו איז געפֿאַלן אין די הערצער פֿון גלויביקע:

— ייִדן זײַנען אַנגעלאָפֿענע בייזע גײַסטער...

גזיירעס, גזיירעס...

ווי שוואַרצע קראָען, זײַנען זיי אָנגעפֿלויגן, און ווי פֿון זינען געריטע, אַראָפּגעשריגן פֿון אַלע הײַזער, פֿון אַלע פּלויטן:

„ייִדן דאַרפֿן מיט דאָקומענטן אָדער איידעס נאָכווײַזן זייער בירגער־רעכט, באַקומענע מיט זיבעציק יאָר צוריק...”

דאָקומענטן זײַנען מיט דער צײַט פֿאַרפֿאַלן געגאַנגען, איידעס זײַנען אויך קימאַט אַלע אַוועק אין דער אייביקייט, און הונדערטער ייִדן פֿון די צוגעקומענע עסטרײַכישע פּראָווינצן זײַנען מיטאַמאָל פֿאַרעכנט געוואָרן פֿאַר פֿרעמדע.

די בריקן, וואָס דוירעס האָבן געבויט מיטן בלוט פֿון זייערע הערצער, זײַנען אײַנגעבראָכן געוואָרן, און מײַן מאַמעס בערג, מײַן מאַמעס וועלדער זײַנען איבערנאַכט געוואָרן די היים פֿון היימלאָזע...

די מאַמע האָט פֿרום אופֿגעהויבן די אויגן צום הימל און צונויפֿגע־לייגט די הענט אין א פּאַרכטיק געבעט:

— גאָט באַרעמהאַרציקער, באַהיט און באַשיץ אונדז!

ס׳איז געווען א געשריי פֿון פֿאַרצווייפֿלונג און ביטאָכן. און די וועלט איז געשטאַנען פֿאַר א בלוטיקן מאַבל...

צו די גזיירעס האָט אין א לויטערן זומער־טאָג פֿון ניַינצן הונדערט פֿער־ציק גענומען א סאָף. א ליכטיקער שטראַל פֿון מיזרעך האָט געבראַכט האָ־פֿענונג און גלויבן.

זומער, ווינטער, און ווידעראַמאָל זומער... און א שרעקלעכער פֿאַרטאָג האָט אופֿגעוועקט די וועלט.

מעכטיקע אעראָפּלאַנען מיט שוואַרצע קרייצן אויף די פֿליגל האָבן אָנ־געיאָגט מיט א מוירעדיקן געוואַי, געזייט טויט און פֿאַרניכטונג.

— אוי! — האָט מײַן מאַמע אויסגערופֿן. איר פּאָנעם איז געווען בלייך און א שטומער צער האָט אַרויסגעקוקט פֿון אירע אויגן. אַזאַ האָב איך מײַן מאַמען נאָך קיינמאָל ניט געזען.

— וואָס וועט זײַן מיט אונדז?

די פראַגע איז געווען אַלט, ווי דאָס לעבן. וואָס איז געווען צו ענט־פערן? די וועלט האָט נאָך ניט געוווּסט פון גאַז־אויוונס און אויסגעברענטע צײַכנס אױף נאַקעטע לײַבער... ניט געוווּסט פון אַשוועניצים און טרעבלינקע.

און איך האָב געפרווּווט די מאַמע טרייסטן:

— די מילכאָמע וועט לאַנג ניט דויערן!

און אַליין געבליבן אַ ניט־געטרייסטער.

דער טאָג איז געווען אַ זעלטן לויטערער. די בערג האָבן געגלאַנצט קעגן דער זון מיט זייער גאַנצער פּראַכט און צירונג און ס'האָט געוויזט פון זיי מיט געצווימטער גוטמוטיקער רויִקייט.

אַ פויגל איז פאַרבײַגעפלויגן, געטראָגן פאַר זײַן נעסט אַ שטרויעלע אין שנאָבל. די פליִער האָבן געטראָגן טויט.

מײַן מאַמע האָט פאַריסן די אויגן צום הימל, אָבער די געטער זײַנען געווען אויף דער ערד...

אין איינעם אַ טאָג האָב איך פאַרלאָזט מײַן מאַמע און איר שטוב, די מילכאָמע האָט געוואַרט אויף מיר. פאַרלאָזט און ניט געוווּסט, אַז אויף שטענדיק.

שטראָמען געדאַנקען.

צי האָב איך געקענט מײַן מאַמען? וואָס ווייס איך וועגן איר?

אין יענע יאָרן, ווען זי האָט געזאָלט, ווי אַ בוך, זײַן פאַר מיר אָפן, האָב איך קימאַט ניט אַרײַנגעקוקט אין דעם בוך. איצט, ווען די זײַטלעך זײַנען פאַרמאַכט אויף אייביק, זע איך אָפּט איינצלנע שורעס אין כאַלעם.

איך זע מײַן מאַמע אין שוואַרצן אײַנגעהילט, זי האַלט דעם קאָפּ אָנגע־שפּאַרט אויף אירע אָפּגעצערטע הענט, און לײַכט צערטלט אַ ווינטל אירע גרויע צעפּאַטלטע האָר. איר בליק איז פאַרטראַכט, גלײַך ער וואָלט פאַר־מאָגט די פעיִקייט פאַרגליווערט צו ווערן אַפן קעגנשטאַנד, אויף וועלכן ער איז געצילט. עפּעס פרעגן בא מיר אירע ליפּן, און מיר דאַכט, איך הער אָפּגעריסענע ווערטער:

— וויִאַזוי האָסטו געוואַגט מיך איבערלאָזן איינע אַליין?

איך פּרוּוו זיך פאַרענטפערן, נאָר מײַנע רייד ווערן פאַרשלונגען פון העלישע פלאַמען.

— ווי אַלט ביסטו, מאַמעניו?

זי קוקט אויף מיר און שווײַגט. און איך פאַרשטיי, אַז כ'בין באַגאַנגען אַ פעלער, ניט געטאָרט פאַרגעסן איר עלטער. מײַן מאַמע איז אַלט, ווי די וועלט, זי איז אָפּגעגאַנגען מיט אַלע דורות, מיט אַלע צײַטן דעם לאַנגן וועג פון ראַנגלעניש און פּײַן...

איך בלעטער אַ זייער אַלטע טכינע, אַ פאַרשטומטע ווי אַ פידל מיט געפּלאַצטע סטרונעס. די זײַטלעך זײַנען פאַרגאָסן מיט אויסגעטריקנטע טרערן. די אויסיִעס זײַנען אויך שוין פאַרווישט. איך פיל די וואַרעמקייט פון מײַן מאַמעס שאָרסטקע הענט, דעם הויך פון איר אָטעם.

זי איז שוין לאַנג ניטאָ, מײַן גוטע, שעמעוודיקע, פרומע מאַמע. און טויזנטער אַנדערע מאַמעס זײַנען אויך ניטאָ. ערגעץ באַם סאַמע ראַנד פון

די קאַרפּאַטן־בערג איז אַ מאַסן־קייווער פאַראַן, אַן איבערגעפּולטער מיט צאַר און בלוט.
דאָרט איז מײַן מאַמע באַגראָבן.
קיין דאָקומענטן זײַנען ניט פאַראַן... אײדעס אויך ניט... נאָר דער ווינט טראָגט איבער די בערג זײַן אייביקן ניגון, ווי אַן אייביקן קדיש...

## לויכטנדיקע פאַרבן

מיליאַסן שטערנדלעך צינדן אָן דעם אָוונטיקן מײַיקן הימל, צעבליִען זיך, ווי אַ צעדרויבלטער רעגנבויגן, און פאַלן, פאַלן...
איך קוק נאָך דעם פײַערווערק פון לויכטנדיקע פאַרבן, און מיר דאַכט, אַז דאָס זײַנען גאָר צעבלאָזענע פונקען פון אַנגעצונדענע יאָרצײַט־ליכט. און אויף מײַנע ליפּן ציטערט אויף אַ וואָרט, וואָס האָט זײַן אייגענע פאַרב און קלינגט קימאַט אויף אַלע שפּראַכן פון דער וועלט מיט דעם זעלבן קלאַנג: מאַמע...

באַהאַלטן צווישן בערג לויפט פּונקט מײַל די ווײַט אַ גרויער שטיינער־נער וועג. דער אויטאָבוס מאַכט אים דורך פאַר קאַרגע צוויי שאָ, און לענגויס דעם וועג ציִען זיך גרינע, רוישנדיקע וועלדער.
גרין — די פאַרב פון האָפענונג און פרייד.
דעם רויש פון אָט די וועלדער האָט אַמאָל מײַן מאַמע אין אַ ליד פאַר־וועבט און אײַנגעוויגט מײַן קינדהייט. צעקלינגט זיך פּלוצעם ערגעץ טיף־טיף, אין סאַמע האַרץ יענער זעלטענער ניגן, די וווּנדערלעכע ירושה, וואָס איך האָב געיאַרשנט פון מײַן מאַמען.
מײַן מאַמע איז געשטאַנען אויף דער היימישער ערד, ווי אַ יונגע טיף־פאַרוואָרצלטע סאָסנע, וואָס פאַרײַסט איר קרוין צו יענע הייכן, ווו וואָלקנס זעען כאַלוימעס... און קיין שום הוראַגאַן קאָן זי ניט בײַקומען...
און אָט בין איך, אַן אָפּגעבראָכענע צווײַג פון יענעם בוים, ווידער גע־קומען צו די זעלבע וועלדער.

שלענגלט זיך אין דער ווײַט דער גרויער שטיינערנער וועג, און אים לויפט נאָך אַ קליין באַרג־טײַכל. איך בייג זיך אַריבער און דערזע אין דער טיפקײַט דאָס פּאָנעם פון מײַן מאַמען. ווי אַלט און גראָ זי איז געוואָרן.
גראָ — די פאַרב פון דערפאַרונג און כאָכמע.
זי קוקט אויף מיר מיט דערשראָקענע אויסגעלאָשענע בליקן, און דאָס האַרץ קלעמט מיר.
אין יענעם ווײַטן און גרויזאַמען אווגוסט איין און פערציק האָט זי באַ־דאַרפט ווער ווייסט וויפל צײַט אויף אויסשפּאַנען צופוס די זעלבע פּונקט מײַל...

איבער די בערג פאַרגייט די זון אַ בלוטיק־רויטע, און מײַנע אויגן זשמורען זיך... איך דערזע מיטאמאָל דעם וועג אַ פאַרלאָזטן, מיט טויטע פאַרסמאַליעטע סאָסנעס בײַ די זײַטן און מיט צווײַגן ווי אָפּגעבראָכענע הענט. דער וועג איז אָנגעפּילט מיט דראָענדיקער אימה, קאָרטשעט זיך פֿון מײַרעוו אויף מיזרעך.

און מײַן מאַמע שפּאַנט איבער אים אין איר שוואַרץ שפּיצן־שאַלכל פֿאַרשלייערט. אין דעם יאָמטעוודיקן שאַלכל מיט פראַנדזן, צונויפגעקלעפּטע פֿון טרערן... זי שפּאַנט איבער די פופציק מײַלן פֿון וואָגל און נאַווענאַד. זי גייט אַ פֿאַריאָגטע איבער דעם וועג, ווו די ערד האָט דאָרשטיק געטרונקען טײַכן בלוט.

און איר גייט נאָך אַ סאַרפּענדיקע אויגוסט־זון און ברענט מיט מידבער־היץ אירע מידע טריט.

מײַן מאַמע האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פֿונעם כורבן און אין אַ שטילן פֿאַרטאָג זיך געזעגנט מיט איר היים, מיט די שוואַרץ־אויסגעברענטע ייִדישע הײַזער, וואָס זײַנען געשטאַנען פֿאַרזונקענע אין אַ פֿאַרלוירענעם שטום־שווײַגן. זי איז צוגעפאַלן מיטן פּאָנעם צו די פֿרישע קוואָרים, פֿון וועלכע ס'האָבן נאָך געפלאַקערט צום הימל די יעלאָלעס פֿון פֿאַרפּײַניקטע מאַמעס און קינדער און זיך אויך געזעגנט מיט זיי...

אויף וואָס פֿאַר אַ נעס האָט זי געהאָפֿט, לאָזנדיק זיך איינע אַליין? וואָס פֿאַר אַ גאָט האָט זי אָנפֿאַרטרויט איר אָפּגעראַטעוועט ביסל לעבן, אויף וועלכן דער סוינע האָט ווי אַ צערייצטע כײַע געלויערט.

און מיר ווילט זיך פּלוצעם, טראָץ לאָגיק און געזונטן סײַכל־האַיאַשער, זיך אומקערן צו יענעם ווײַטן נעכטן, דעריאָגן מײַן מאַמע אינמיטן וועג און טיילן מיט איר אַלע לאַסטן, שטרויכלונגען און געפאַרן. לאַסטן פֿון אַלע פֿופציק מײַל, ווו יעדער שפּאַן איז אויסגעשטעלט אויף סאַקאָנע. איך וויל גיין לעבן איר, אָפּווישן דעם שווייס און צאַר פֿון איר אויסגעמאַטערט פּאַ־נעם. ווישן די טרערן, וואָס זײַנען פֿאַרגליווערטע געשטאַנען אין אירע אויגן. איך וויל אונטערהאַלטן זי, ווען דער סאַם־האַמאָוועס פֿון מידקײַט נעמט ריזלען אין אירע געבליטן און דאָרשט טריקנט דעם גומען.

איך וויל צופאַלן צו די פּיס פֿון יענער אַלטיטשקער בעטלערקע מיטן שוואַרצן בלעכענעם ציילעם אויף דער ברוסט, וועלכע האָט געטיילט מיט מײַן מאַמען איר טרוקענעם לאַבן ברויט און דעם קאַלטן לאָגל וואַסער. און צו־פֿאַלנדיק, קושן פֿון דאַנקבאַרקײַט דעם זוים פֿון אירע פֿאַרשטויבטע קליידער.

איך וויל גיין מיט מײַן מאַמען דעם לאַנגן פופציק־מײַלנדיקן וועג. זי מונטערן און טרייסטן און הערן איר שטילע שטים, וואָס רײַסט מאַמעש הימלען...

איצט, נאָך אַזויפֿיל יאָרן, פֿאַרלעצנדיק כראָנאָלאָגיע און נאַטירלעכן גאַנג פֿון געשעענישן, וויל איך פֿאַרמאַכן איר די אויגן, ווען זי האָט באַם יאָם פֿון קידעש־האַשעם אויסגעהויכט איר איידעלע נעשאָמע. איך וויל, זיצנ־דיק בײַ איר קייווער, מיט אַ זאַק אַש אויף מײַן גראָען קאָפּ, דערציילן איר

פון פולשטענדיק גאַרמאַלע מענטשן, וואָס האָבן געהאַרגעט מיט א רויק געוויסן, אויסגעפּירט זייער בלוטיקע מעלאָכע, פּונקט ווי זיי וואָלטן אין אנדערע באַדינגונגען געהאַקט האָלץ אָדער געפּירט בוכהאַלטעריע.

איך וויל איר דערציילן, אז נאָך דעם, ווי זיי האָבן געבראַכט דעם גרויסן קרבן אויף דער וועלט, זיינען זיי ווידער געוואָרן אייגנטימער פון געשעפטן און רעסטאָראַנען און זיי וואַרגן זיך ניט אין די נעכט פון שוידערלעכע קאָשמאַרן, ווי גלייך קיין פאַרברעכנס וואָלטן גאָר איינגאַנצן ניט געווען. און אויב עפשער יאָ, ווערן זיי אויסגעקויפט דורך מאַגישע ווערטער, ווי „פליכט" און „באַפעל".

מאַמע... מאַמע...

מיר דאַכט, אז דאָס האָט דער גורל מיך באַשאָנקען מיט יאָרן, כדי איך זאָל פון דיינע ליידן אויספלעכטן א טרויעריק געוועב און ווי א וואָרע־נונג עס שענקען אַלע מאַמעס פון דער וועלט...

מיליאָסן שטערן צינדן אָן דעם אָוונטיקן הימל, צעפאַלן זיך ווי א צעדרויבלטער רעגנבויגן, און צווישן די צענדליקער, צענדליקער קאָלירן פינקלען העל־גרינע פאַרבן — פאַרבן פון רו, האָפענונג און פרייד...

## פאַרטריקנטע בלומען

איך האָב היינט איינגאַנצן אומגעריכט זי אין כאַלעם געזען, מיין יונגע — אַלטע מאַמע, געהערט איר בענקענדיק געזאַנג, איינגעגליווערט אין א טרער, און מיין ברוסט האָט געפּרעסט א נאָגנדיקע פּיין.

וויפל צייט האָט געדויערט דער כאַלעם?

און עפשער איז עס גאָר קיין כאַלעם ניט געווען, נאָר א מין איבערוף פון מיראַזש מיטווירקלעכקייט. א מינוט אַזאַ פון בענקשאַפט.

אין מיין פענצטער האָבן אַריינגעקוקט העפקערע שטערן, צעוואָרפענע איבער א גרויען הימל, און אייניציקווייז זיך געלאָשן. דעמער־ליכט פון א געשפּאָלטענעם מוילעד, ווי א קרומע שווערד, האָט געפּלייצט מיט א זיל־בערנער בלייכקייט, און אין צימער האָט זיך אַריינגעריסן אן אנדער לעבן, קימאַט א וואָרהאַפטיקס, ווי דאָס לעבן, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף יענער זייט פענצטער, און א ווייע געטאָן מיט פּייכטע רייכעס פון סאָף־נאַכטיקע שאָען.

ס'האָט גענומען שאַריען אויף טאָג.

א צעוועקטער, האַלב שוין וואַך און האַלב נאָך אין דרעמל, האָב איך זיך געראַנגלט מיט די צעשוווּמענע כאַלעם־רעשטלעך, וואָס האָבן אקשאָנעס־דיק זיך געפּלאָנטערט אין מיין פאַרנעפּלטן מויעך.

איך האָב מיין מאַמע געזען...

אין דער רעגע האָבן מיינע בליקן פאַרטשעפּעט דעם אַלטן טעפּעך, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט און באַלויכטן מיטן שימער פון באַגינען, האָט דער טעפּעך, אויסגעוועבט פון פאַשעטע איבערגעפּלאַכטענע ליניעס און פאַרבן, גלייכצייטיק אָבער אקוראַט אונטערגעקליבענע לויטן טאָן, מיך פּלוצעם איבעראַשט מיט זיין האַרמאָנישקייט.

וויאַזוי האָב איך עס פריער ניט באַמערקט?

און איך האָב א ווײַלע א טראַכט געטאָן, אַז דעם טעפּעך האָבן זיכער געשאַפן פּרויִשע הענט, אין וועמענס נעשאָמע ס'האָט געלעבט דאָס דער־הויבענע געפיל פון שיינקייט.

וויפל איז אַלט דער טעפּעך? פופציק? הונדערט?

קאָן זײַן, אַז די פרוי, וועלכע האָט אים אויסגעוועבט, איז שוין אוועק פון דער וועלט, און נאָר איר פאַרביק געוועב אַף דער וואַנט איז געבליבן, לעבט און פרייט דאָס אויג.

און אַזאַ בענקשאַפט איז אַרויסגעשווומען פון דער גרויקייט.

מיטאַמאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ווי פון ערגעץ ווײַט־ווײַט, עפּשער פון די זיך לעשנדיקע שטערן, וויגט זיך א שטילער אומעטיקער ניגון. אפילע ניט קיין ניגון, נאָר א געזאַנג, וואָס וועקט אין מײַן זיקאָרן ווײַטע דערמאָנונגען. און די דערמאָנונגען פלעכטן זיך איבער מיט דער פאַרבן־אַשירעס אַף דער וואַנט, און עס גייט אוף א בעשוטפעסדיק פאַרהוילן געזאַנג, פונקט ווי א פאַרבאָרגענע האַנט וואָלט זיך צוגערירט צו א סאַך אָנגעצויגענע סטרונעס.

פאַרבן און געזאַנג.

זיי גיסן זיך איבער פון איין אייביקייט אין א צווייטער. איך דערהער פלוצעם א שעפע פון טענער און ווערטער, וואָס ווערן אַלץ נעענטער און נעענטער. איך דערזע דעם ציטער פון א לויטערער טרער, א שעמעוודיק־באַהאַלטענע אין פאַרוויטלטע אויגן־ווינקלען, און די ווערטער, אויסגעפיבערטע פון פײַן, צעשליידערטע פון שטורעמס, לייגן זיך אויס אין שורעס מיט אויסיִעס שוואַרצע, קאַנטיקע.

בא דײַן וויגל זיצט דײַן מאַמע,
זינגט א ליד און וויינט;
ווערסט אַמאָל פאַרשטיין, מיסטאַמע,
וואָס זי האָט געמיינט...

עפּעס טוט זיך א ריר אין מײַן צערודערט געמיט. און יונגע טעג פלאַקערן אוף אין גרוילעכן קאַיאָר.

מיט אָט דער ליד, אויסגעוויינט פון טרערן, האָט מײַן מאַמע מײַן קינדהײַט פאַרוויגט. אין איר זינגען איז ניט געווען קיין טרויער, קיין אומעט, נאָר רויִע בענקשאַפט, וועלכע זי פלעגט אויסזינגען מיט א האַלב קאָל, מאַנאַטאָן און צעווייטיקט. דאָס איז ניט געווען קיין געזאַנג, נאָר א מין אימפּראָוויזאַציע פון הוילע זיפצן, וואָס האָבן הילפלאָז געשוועבט איבערן אַלקער, דערנאָך זיך געזעצט מיט דריבנע שאָטנס אַף איר בלאַס פּאָנעם און דאָרט פאַרגליווערט געוואָרן.

זי איז אויך שוין ניטאָ אַף דער וועלט. א מערדערישע קויל האָט איבערגעריסן איר לעבן, אָבער די ליד שוועבט אַרום און שטיקט מיט איר קראַפט, מיט איר גאַנצער מעכטיקער וואָג און מיט דער אומגעוויינלעכער עקספּרעסיע פון איר רוף און געוויין...

אַמאָל האָט די ליד געבושעוועט אין מײַן געמיט, ענלעך אַף דעם ברויזנדיקן שטורעם פון א באַרג־טײַך. איך האָב אפילע אין די נעכט געהערט איר רויש, אירע קרעכצן, גלײַך וואַסערן וואָלטן מיט א ווילדער בלינדקייט געשלאָגן צו די ברעגעס. מיט דעם גאַנג פון יאָרן איז אָבער דער שטורעם שוואַכער געוואָרן. דערנאָך אינגאַנצן זיך אײַנגעשטילט. גע־

בליבן זייַנען בלויז שפּליטערס פֿאַרבאָרגן טיף אונטערן האַרצן, ווי קוילן אונטער וואַרעם אַש.

אַזוי טרעפֿט צומאָל סײַ אין כאָלעם, סײַ אויף דער וואָר, אַז אין אונדזער שטורמישער צײַט מיט איר האַסטיקן געלויף צו דעם אָנהייב פֿון איין־און־צוואַנציקסטן יאָרהונדערט דערהער איך פּלוצעם דעם אָפּקלאַנג פֿון ווײַטע פֿאַרגאַנגענע יאָרן, גלײַך איך וואָלט פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ פֿאַרלאָזט הויז, אין וועלכן עס האָבן זיך נאָך פֿאַרהיט רייכעס פֿון אַן אָפּגעלעבטער צײַט, ווי אויסגעטריקנטע בלומען פֿאַרהיטן דעם רייעך, וואָס איז אַמאָל אין זיי געווען...

# באַ מײַן אַמאָל

## 1. אַ זײַטיקער גאַסט

דאָס אָפּרו־הויז, אין וועלכן איך בין פֿאַרפֿאָרן, האָט זיך געפֿונען אין אַ טאָל באַם סאַמע ברעג פֿון די קאַרפּאַטן, באַם אַמאָל פֿון מײַנע ערשטע טרוימען, ערשטע שטרויכלונגען, און סימאָנים פֿון ווײַטע טעג האָבן מיט אַ זיסן ווייטיק מיך באַגעגנט.

דער טאָג האָט זיך געלאָשן.

איבער ריזיקע באַרג־שפּיצן איז געהאַנגען אַ רויטע, קײַלעכדיקע זון, און אין אירע לעצטע שטראַלן האָבן גײַע פֿאַנסיאָנאַטן, מיט בונטע דעכער און ברייט געשניצטע סטריכעס, אויסגעפּאַרמטע אין אַ דעקאָראַטיוון הוצו־לישן סטיל, געלויכטן שטאָלץ און זיכער.

— אײַער נאָמען? — האָט געפֿרעגט באַ מיר אַ יונגע „שוועסטער", וועלכע האָט פֿאַרשריבן יעדן נײַ־אָנגעקומענעם. אַ ליבלעכער שמייכל האָט געשפּילט אין אירע גרויסע קאַרע אויגן, און אליין איז זי געווען אַזוי צו־טרעפֿלעך היימיש, אַז איך האָב באַוווּנדערט, וואָס זי טראָגט גאָר אַ ווײַסן כאַלאַט, און ניט קיין פּילפּאַרביק אויסגענייט העמד, און אין אירע האָר פֿלאָנטערן זיך ניט קיין קאָלירטע לענטעס, ווי צוגעשפּיליעטע רעגנבויגנס.

סטיליזירטע פֿאַנסיאָנאַטן פֿאַר די אויגן.

אַ הוצולקע אין ווײַסן.

און נידעריקע, מיט שטרוי באַדעקטע פּויערישע כאַטקעס אין זיקאָרן...

צופֿוסנס פֿון די בערג שפּרינגט אַ באַרג־טײַכל איבער שטיינער און גראָזן. דורכזיכטיק־ריינע טיפֿקײַט באַהאַלט אין זיך די בלויקײַט פֿונעם הימל און דעם שאָטן פֿון די בערג.

דער זעלבער הימל, די זעלבע בערג.

עפּעס האָט אַ ווייע געטאָן מיט היימישקײַט... און איך האָב דערפֿילט די פֿרייד פֿון קומען צוגאַסט צו פֿאַרגאַנגענע יאָרן, פֿון זען די היימישע בערג און דעם קישעף פֿון זונפֿאַרגאַנג איבער זיי.

באַ די ראַנדן האָבן געשאַרט זיך סילועטן פֿון פֿאַרליבטע פּאָרלעך און געזוכט אַן אָרט אױף זיך אויסבאַהאַלטן מיט זייער ליבע. ועמעצער האָט זיך צעלאַכט. יונג און הײַטער, האָבן די בערג באַלד געקייפֿלט דאָס פֿאַרבײַ־פֿליענדיקע געלעכטער, אַ פֿרויען־שטים האָט זיך צעזונגען, און דער גאַנצער אַרום איז פֿול געוואָרן מיט אויסגעכאַלעמטן וווּנדער פֿון ליבע און געזאַנג.

אָ, קום שוין, שטילער אָוונט,
און וויג די וועלדער איַין,
מיר זינגען דיר אַ ליבע־ליד,
אָ, ליבע אָוונט־שיַין.

האָט זיך צעזונגען אין מיַין געמיט אַן אַלטע ליד, וואָס האָט אַמאָל אַנט־פּלעקט פאַר מיר דעם צויבער פון יונגע, שטיל־פאַרליבטע פאַרנאַכטן.

אין דעמערונג האָט אַ קרומער געפּלאַסטערטער וועג זיך צונויפגעגאָסן מיט די באַרג־ראַנדן. איך האָב געזוכט באַם וועג אַ גרויס הויז מיט אַ ברייטן הילצערנעם גאַנעק, אַרום וועלכן ס'האָבן אַמאָל בלומען־בייטן געשפּילט מיט צענדליקער פאַרבן. איך האָב געזוכט דעם אָנהייב פון מיַינע ערשטע טרוימען און ניט געוווּסט, אַז דאָס הויז איז פון אַלטקייט שוין לאַנג איַינגעפאַלן. נאָר דער פּלויט איז ערטערוויַיז נאָך געשטאַנען, און פון יענער זיַיט פּלויט האָבן עפּלביימער מיט גלאַטע אָפּגעקראַכענע צוויַיגן אינדערשטיל געגויסעט.

איך האָב געקוקט אויף דעם פאַרלאָזטן גאָרטן. און מיר האָט זיך אויס־געוויזן, אַז צווישן די ביימער גייט אַרום אַ נידעריקע מענערישע געשטאַלט. אַ מענטש אין שאַרפע ברילן פון אַ קורצזיכטיקן רעדט ווי צו זיך אַליין:

טרויעריק, קינדער, אויף דער וועלט דער ברייטער, גראַמער!
ביטער, מיט אַ מאָשל כאָטש זיך קוויקן לאָמיר.

ניט איין מאָל, אין מינוטן פון פאַרצווייפלונג, אין אַ וועלט פול מיט טרויער, האָבן די ווערטער, ווי אַ טרייסט, זיך אָפּגערופן אין מיַין האַרצן...

איך האָב דערזען די שמייכלענדיקע אויגן הינטער די ברילן. און מיר האָט זיך געוואָלט אויסרופן:

— כאַווער עליעזער שטיינבאַרג!

נאָר ווי קאָן מען עס אָפּנאַרן זיך אַליין?..

פון אַ באַרג־שפּאַלט האָט זיך אויסגעשיילט אַ פערד־און־וואָגן, גלייַך אַן אָפּגעשטאָרבענע ציַיט איז אַרויסגעפאָרן אויפן ברייטן שליאַך.

— וויאָ... היַיטאָ! — האָט אַ כריפּענדיק קאָל אונטערגעטריבן די פערד, און דער וואָגן, אָן איבערגעלאָדענער מיט פריש געקאָסעט היי, האָט פויל זיך געשלעפּט.

איך האָב אַ רעגע זיך פאַרטראַכט.

אַ רעגע איז אַ סאַך ציַיט. יעדנפאַלס, גענוג אויף איבערטראָגן זיך צום אָנהייב פון אַ פאַרלעבטן האַלבן יאָרהונדערט. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין אויף דעם אַלטן וואָגן מיט דעם אַלטן פירפאַכיקן סקריפּ פלוצעם אַריַינגעפאָרן אין מיַין וויַיטער קינדהיַיט. אַריַינגעפאָרן אין אַ וועלט, וווּ אָרעמקייט האָט ברייט געשפּאַנט איבער ייִדישע היַיזער, און קינדער, איַינ־געזויגענע אין שטויב, מיט פאַרגעלטע פּענעמלעך און רייַנע, בלאַנדזשענדיקע אויגן, האָבן זיך אַרומגעטראָגן איבער ענגע הינטערגעסלעך, קינדער, וועלכע עליעזער שטיינבאַרג האָט ווי טיַיערע דימענטלעך אויפגעקליבן, געבראַכט זיי אין דעם גרויסן הויז, וואָס האָט געהייסן: „זומער־קאָלאָניע פון ייִדישן שול־פאַריין".

איך בין אויך געווען איינס פון יענע קינדער, פאַר וועמען עס האָט אַנטפּלעקט זיך די גרויסע שטיינבאַרגישע ליבע:

אלעף — אַלע מענטשן זײַנען קינדער,
בייס — ברידערלעך זײַנען קינדער...

און ביז הײַנט נאָך, ווען איך דערמאָן זיך זײַן גאַנצן אַלעפבייס קלינגט ער אין מײַנע אויערן באַזונדערס דערהויבן.

זײַנע לימודים און זײַנע וווּנדערלעכע קינדער־מײַסעלעך, וואָס ער פלעגט דערבײַ דערציילן, האָבן פאַרצויבערט מיט זייער רירנדיק־דיכטערישער וויזיע.

ער האָט גערן דערציילט מײַסעלעך וועגן באַלשעם, וועלכער האָט דאָ געלעבט אין די אַרומיקע בערג, געפּירט טאַטשקעס ליים אויף זיך מפּאַרנעס צו זײַן. איך האָב מיט אַ פאַרגאַפּטער באַגײַסטערונג זיך צוגעהערט צו דער ערדישער פּאַשטעס. מיט וועלכער שטיינבאַרג האָט אויסגעוועבט זײַן בעשט, צום שטילן טאָן, אידילישער רו און פּאָעטיזירטער פרישקײַט פון וואָרט.

איך מײַן טאַטע פלעגט אָפט דערציילן מײַסעס וועגן באַלשעם. בײַ מײַן טאַטן אָבער זײַנען זיי געווען געטלעכער, הייליקער, באַדאָפּטן און דורכגעזאַפּט מיטן צויבער פון לעגענדע. מײַן טאַטנס באַלשעם האָט אויסגעזען ווי אַ מאַלעך, פאַרשטעלט אין אַ פּאָשעטן ייִדן.

אַט האָט שטיינבאַרגס ייִד אין איינעם אַ טאָג געשפּרײַזט איבער די בערג, אַ פאַרטראַכטער אין זײַנע מאַכשאָוועס, מיט עפּעס אַ ניגון אויף די ליפּן. און ער איז גייענדיק צוגעקומען צו אַ טיפן באַרגשפּאַלט. נאָך אַ שפּאַן, און ער וועט, ווי אַ שטיין, זיך אַראָפּקײַקלען אינעם שוואַרצן אָפּגרונט. זײַנען אין דער רעגע די בערג זיך צונויפגעקומען, און ווען ער האָט אַרײַנגעשפּאַנט די טיפענישן און אויפגעהויבן די אויגן, האָט ער מיטאַמאָל דערזען פאַר זיך אַ יונגן הוצול אויף אַ פײַערדיק פערד.

— היי, סרוליק, מיט וואָס פאַר אַ קישעף האָסטו נאָרוואָס צוויי בערג צונויפגעפירט?

דער באַלשעם האָט ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן, ווײַל ער האָט ניט געזען, וואָס אונטער זײַנע פיס איז פאָרגעקומען, האָט ער אַ שמייכל געטאָן מיט זײַן ליכטיקן שמייכל און געענטפערט:

— איך בין ניט קיין קישעפמאַכער, מײַן האַר!

אַזוי האָבן שוין צום ווייפלטן מאָל זיך באַגעגנט אין די בערג רעב ייִסראָעל באַלשעם און דער שטאָלצער ריטער פון די קאַרפּאַטן — אָלעקסע דאָוובוש...

ווען מיר איז אויסגעקומען שרײַבן אַ שריפטלעכע אַרבעט אויף אַ פרײַער טעמע, און איך האָב געפּרוּווט אויסלייגן אויף פּאַפּיר „מײַן באַלשעם“, האָבן קיין ווערטער ניט געסטײַעט, און די, וואָס זײַנען אונטערגעקומען, האָבן אויך עפּעס ניט געטויגט.

„...ווערטער דאַרפן זײַן אויפן רעכטן אָרט, נאָר די, און ניט קיין אַנדערע“ — האָב איך פאַרגעדענקט שטיינבאַרגס אַ זאָג.

איך האָב לאַנג געשריבן. געמעקט און געשריבן און פאַרענדיקט מײַן ערשטן פּרוּוו אַזוי:

„ווילד און טויב איז געווען אין די וועלדער. און אין די נעכט זײַנען די בערג שפּורלאָז פאַרשוווּנדן, און נאָר שטערן זײַנען געפאַלן“.

מיט פאכעד האָב איך צוגעטראָגן שטיינבארגן דאָס אָנגעשריבענע, כאָטש ער איז אַליין געווען ווי א קינד, וואָס האָט געלויכטן מיט דורכזיכטיקער ריינקייט.

א טאַלמיד־כאָכעם און א קינד האָבן געלעבט געאַרעמט...

— איי, סאַראַ קאַטשערעס מיט לאָפּעטעס!

ער האָט א קוק געטאָן אויף מיר, און הינטער זיינע ברילן האָבן די אויגן זיך צעגליט מיט א גליי פון שטראַלנדיקער גוטסקייט.

איך בין געבליבן אַליין מיט מיינע „קאַטשערעס און לאָפּעטעס". אפשר האָרצן האָבן אומעטיק געקלעמט טרערן. און נאָר דער ווינט האָט פריילעך געשטיפט אין די עפּלביימער, ווי ער וואָלט מיך באַרויקט:

— נאַרעלע, ניט יעדן איז באַשערט צו זיין א שרייבער... דערפאַר אָבער וועסטו שטענדיק זיך קאָנען רימען, אַז דו האָסט געלערנט יידיש בא עלי־עזער שטיינבארג.

אין יענעם טאָג האָב איך אַרויסגעשפּאַנט פון מיין גאָלדענער קינדהייט אויפן וועג צו רייפער יוגנט...

איך בין געשטאַנען באַם פּלויט, זיך איינגעהערט אינעם אַלטן קרעכץ פון די עפּלביימער. א ציטער האָט מיך אַרומגענומען, און איך האָב געטראַכט: אין דעם טאָל זיינען געווען אַמאָל שאָלעם־אַליינעם, פּערעץ, אַש. דערנאָך — שטיינבארג. איציק מאַנגער האָט געזען דאָ „שטערן אויפן דאַך"... איצט שטאַרבן דאָ ביימער פון אַלטקייט...

אין די פאַנסיאָנאַטן האָבן אויפגעבליצט פייערלעך, געפינקלט ווי געלע אויגן. אַלץ מער און מער, ביז גאַנצע וועגנט זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פלאַמען. איך האָב זיך אומגעקערט צו די באַלויכטענע סטיליזירטע פּאַנסיאָנאַטן, צו דער העלער יונגער וועלט, פול מיט ליבע און געזאַנג, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין אָט דער וועלט בין איך מיט מיין עלטער ניט מער ווי א זייטיקער גאַסט...

## 2. אויף קייווער־אָוועס

יעדעס יאָר, צוועלף טעג אין סיוון, פאַלט אויס דער יאָרצייט נאָך מיין טאַטן. ער האָט אָפּגעלעבט זיין וועלט אָן טיינעס צום לעבן און די זכיה געהאַט געבראַכט צו ווערן צו קייווער־ייִסראָעל איידער נאָך די פּיערדיקע שלאַנג פון הערעג וועכענעק האָט מיט פּרייסישער אויסגערעכנטקייט זיך גענומען וויקלען אַרום דעם האַלדז פון דער וועלט.

מיין טאַטע ליגט ערגעץ אין דער סאַמע טיף פון דעם אַלטן יידישן בעסוילעם, און מיר קומט אויס זיך פּלאָנטערן צווישן גרינע קוואָרים, פאַרגעסענע און פאַרלאָזטע, צווישן א געדיכטן לאַבירינט פון גרויע אָנגעכמורעטע מאַצייוועס, וואָס אייניקע זיינען אינגאַנצן אויסגעבויגן, און אַנדערע אַריינגעוואַקסן אין דער ערד מיט עפּעס אַן אומעטיקער אַלטקייט.

שווער און פאַרהוילן לויערט איבערן הייליקן אָרט א גרויסע שרעקיקע פאַרשטומטקייט. זי גייט אויף פון די גרינע בערגלעך ערד, מיט איר אָטעמען די אַלטע גרויע מאַצייוועס. דער אויער ווערט אָנגעשפּיצט, קעדיי אויפ־

צוכאפן אין דער לופט דעם עלנט פון א צעוויגט געוויין אָדער דעם אָפּ־הילכנדיקן אָמיין פון א פאַריאָסעמטן קאַדיש.

דער טאָג איז א הייסער. א הויכע זון פלאַמט מיט א בליציקן גלאַנץ איבער דעם געדיכטן בעסוילעם־וואַלד, און דיביימער, אָנגעזשעטיקטע מיט פרישע, יוירנדיקע זאַפטן, וויגן מיט א שטומען, פאַרכטיקן גערויש, זייערע שווערע צווייַגן, ווי זיי וואָלטן שטייענדיק געדאַוונט.

מיט א נאָגנדיקער בענקשאַפט שטיי איך אין א פאַרגליווערטן שטיל־שווייַגן איבערן קייווער פון מייַן טאַטן. א טיפער טרויער ווייעט פון דער מאַצייווע אַראָפּ, און די ליפּן, ווי פאַר זיך אַליין, מורמלען דעם דאַר־דוירעסדיקן אָנגעווייטיקטן:

— ייִסגאַדאַל וועייִסקאַדאַש...

עפּעס א קרעכץ, וואָס קאָן געבוירן ווערן נאָר אפן בייס־האַקוואָרעס, פאַרקלעמט באַם האַרצן, און אין דער טיף פון דער שאָטנדיקער שטיל־קייַט צעזינגט זיך פּלוצעם א פויגל, כאָלעמדיק פאַרבאָרגן.

אַף צוריקוועגס לאָז איך זיך דורך דער הויפּט־אַלייע, ווו אין סאַמע מיט טיילט זיך אויס דאָס וווּנדערלעכע קונסטווערק פון אַרטור קאָלניק — די מאַצייווע פון עליִעזער שטיינבאַרג.

ביידע, סייַ מייַן טאַטע, סייַ שטיינבאַרג, האָבן אין מייַן קינדהייַט אַרייַנגעשפּינט און אַרייַנגעקייטלט א דין און פאַרביק געוועב פון כאָלעם און בענקשאַפט. פאַרזייט מייַן געמיט מיט פּערל פון מענטשלעכער דער־הויבנקייַט און געלייגט א שטענדיקן כויסעם אַף מייַן גאַנץ לעבן.

מייַן טאַטע איז געווען מיט זעקס יאָר עלטער פון שטיינבאַרגן און געשטאָרבן מיט זעקס יאָר שפּעטער.

א פּאָשעטער ייִד, א פּליטנטרייַבער, וואָס האָט זייַן לעבן פאַרבראַכט אַף די שטורמישע באַרג־טייַכן, איז מייַן טאַטע געווען אייַנגעטונקען אין מייַסעס און לעגענדעס, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעזעצט די בענקשאַפט פון דוירעס. לעגענדעס, געבוירענע אין לעוואָנע־נעכט בא די שטיינערנע ברעגעס פון טשערעמוש־טייַך, ווו ס׳האָט ניט איין מאָל אַף זייַנע וואַנדער־וועגן איבער די קאַרפּאַטן זיך געוואָרעמט בא צעלייגטע פייַערן דער באַל־שעם און געכאָלעמט פון בעאַכריס האַיאָמים.

אין די קאַלטע ווינטערדיקע בייַנהאַשמאָשעסן, ווען עס איז ניט געווען מער מיט וואָס צו שטילן דעם הונגער, און דאָס ביסל נאַפט אין לאָמפּ האָט מען אויך באַדאַרפט קאַרגן, האָט מייַן טאַטע געקירצט די צייַט מיט מייַסעס און לעגענדעס. געוועבט זיי מיט די פעדעם פון טאַנאַך, און עס האָבן מיטאַמאָל, ווי אָנגעטראָגן פון פאַרהוילענע מערכאָקים, זיך אַנט־פּלעקט דורך טקופעס און דוירעס די נעוויִים, די כאַשמוינאָיִם, די העלדן פון כורבן באַיִס־שייני, דורך יויכאָנאָן בען זאַקייַ און ראַבי אַקיווע צו די וווּנדערלעכע געשטאַלטן פון כסידעס. ער האָט געציטערט מיט זייערע סאַקאָנעס און געווייטיקט מיט זייערע יעסורים. ער האָט אין די לעגענדעס אַרייַנגעוועבט דעם אומעט פון זייַן אייגענעם האַרבן טרויער און מיט א צוגעלייגט קאָל אַרייַנגעמישט שאַרפע, מעומעדיקע רייד פון דעם גע־פּייַניקטן און ניסיוינעסדיקן איעוו.

צעווייטיקט איז מײַן געמיט
און פֿאַרלאָשן זײַנען מײַנע טעג...

די איעוודיקע טראַגישקייט האָט זיך באַקומען בא אים מיט עפּעס א נאָסטאַלגישער פלאַטערניש, אָבער ניט קיין צעפלאָסענע, נאָר אַן אײַנגעהאַלטענע, א דורכגעלײַטערטע מיטן ליכט פון טרויער און עמונע.

עס איז געווען דער גלויבן פונעם קליינעם מענטשעלע אין א גאָט פון ראַכמים, א גאָט פון וווּנדערלעכער גוטסקייט אין א וועלט פון העפּקיירעס.

און אין דעם אומעטיקן, ווינטערדיקן בײַנהאַשמאָשעס איז אָנגעהאַנגען א פאַנטאַסטישע כאַלעם־שפּיל...

אין יענע ווײַטע ווינטער־נעכט האָבן מיט דעם זעלבן קישעף באַהערשט מײַן יונג געמיט די קינדער־מײַסעלעך פון עליעזער שטיינבאַרג.

געלייענט האָב איך זיי בא דער אַרײַנגעדרייטער שײַן פון א קאַנעצל. אין א ווינקל זײַנען געשלאָפן מײַן ייִנגערער ברודער, וואָס איז שפּעטער העלדיש געפאַלן אין שפּאַנישן בירגערקריג, און מײַן קליין שוועסטערל, א פאַרשניטענע אײנײנעם מיט טויזנטער אַנדערע ייִדישע טעכטער, וואָס האָבן ניט באַוויזן קאַלעס צו ווערן.

אין א צווייט ווינקל האָט שווער געסאָפּעט מײַן טאַטע, גלײַך ער וואָלט אין שלאָף נאָך אַלץ עפּעס דערציילט. נאָר מײַן מאַמע איז געלעגן שטיל, ווי א שטילע טויב.

איך האָב געלייענט די מײַסעלעך, פון וועלכע ס'זײַנען אַזוי היימיש, אָפּט שטיפעריש, אַרויסגעטראָטן פאַרשיידענע כײַעס. די מײַסעלעך זײַנען געווען פול מיט שפּאַנונג, און האָבן, ווי פליגלען, פאַנאַנדערגעבלאָזן מיט זייער פלאַטער דאָס אַרײַנגעדרייטע מידע פלעמל פונעם קאַנעצל, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז צווישן די גרויע ווענט פונעם קליינעם שטיבל ווערט מיטאַמאָל אַלץ העלער און העלער. ס'איז געווען די העלקײַט, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון שטיינבאַרגס מײַסעלעך. און איך האָב אינעם שאָרך פון דער נאַכט געהערט דעם אָטעם פון די שורעס, וואָס זײַנען פול געווען מיט שטילן, ליכטיקן געזאַנג.

אַזוי בין איך געוואַקסן אונטערן טײַערן כעסעד פון טרויער, לעגענדעס און כאַלוימעס. און איבער זיבן צענדליק יאָר טראָג איך דעם ציטער פון יענע קאַלטע ווינטער־נעכט. און פילנדיק אים, באַגיס איך זיך מיטן הייסן שטראָם פון מײַן אייגן בלוט...

...איך האָב זיך אָנגעשפּאַרט אַזוי, ווי איך וואָלט מיט מײַן גאַנצן קערפּער זיך אָנגעלייגט אַף שטיינבאַרגס מאַצייווע.

א ייִד איז צוגעקומען און מיר געזאָגט שטרענג און האַכנאָעדיק, אַז עס איז ניט אָנשטענדיק זיך אַזוי אָנוואַרפן אַף א קייווער פון א צאַדיק. מיר האָט פאַרדראָסן, וואָס דער ייִד ווייסט ניט, ווער שטיינבאַרג איז. נאָר דערזען מיט וואָס פאַר א גרויס שיוראַס־האַלעוו ער איז געשטאַנען מיד געהויקערט, מיט א טרויעריק אָנגעבויגענעם קאָפּ, ווי בא אַן אָוול, איז מײַן פאַרדראָס צערונען געוואָרן.

דער ייִד האָט זיך ארומגעקוקט. עמעצן, זעט אויס, געזוכט מיט זײַנע זקיינישע בליקן. ס'איז אָבער אָפּן בעסוילעם, אכוץ אונדז ביידן, קיינער ניט געווען, האָט ער זיך נאָך טיפער אײַנגעהויקערט און גאנץ שטיל, מיט א טרוקן איבערגעבראָכן קאָל, געטומען זאָגן א ראבאָנען־קאדיש. זײַנע אלטע אויגן זײַנען געווען פארגאָסן מיט א ברענענדיקן צאר, און ס'האָט אים געציטערט דאָס פארומערטע דארע פּאָנעם. וויפל מאָל האָט ער שוין געזאָגט דעם קאדיש איבער פרעמדע קוואָרים, עפשער שוין אפילע פארגעסן דעם זין פון די ווערטער... און ווערטער זײַנען געפאלן טונקעלע, שווערע, ווי שטיינער, און זײַן קאדיש האָט דאָ, באם קייווער פון עליִע־זער שטיינבארג, געקלונגען אזוי מאָדנע און אזוי טרויעריק, אומבאגרײַפ־לעך מאָדנע און אומבאגרײַפלעך טרויעריק.

איך האָב געקוקט אָף דעם ייִדן, פון וועלכן ס'האָט געווייעט מיט עפּעס א מיסטישן אומרו, און מיר איז געוואָרן אומעטיק פון דעם עלנט, וואָס איז געלעגן אויסגעשפרייט אָף זײַן געל אלט פּאָנעם. פּלוצעם האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז שטיינבארג שטייט אוף פון זײַן קייווער, זוכט ארום מיט זײַנע קורצזיכטיקע בליקן די ייִדישע קינדערלעך, פאר וועמען ער האָט מיט אזא גרויסער ליבשאפט „לידעלעך שיינע געשריבן".

טויער, טויער, טויערל!
ס'קלאָרע ציגעלע איז דאָ!
עפן אוף זיך, עפן אוף זיך
אין א שיינער, ריינער שאָ.

און עס טוען פּלוצעם א וואקס אויס פאר די אויגן די קוימענס פון אָשווענטשימער קרעמאטאָריען, פון וועלכע ס'האָט טאָג און נאכט גע־שפּארט דער רויך פון פארברענטע ייִדישע קינדערלעך. עס גיט א ברי באם הארצן די דערמאָנונג פונעם „קלאָר ווײַסן ציגעלע", יענע וויגליד, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער אן אויסטערלישער געפײַניקטער אָבער הערלע־כער ייִדישער וועלט. און עס דאכט זיך, ווי שטיינבארג פארגייט זיך אין א געיאָמער:

אוי, מײַן ווייטיק אָן א שיר איז —
וויל איך שעלטן, וויל איך שרײַען אָן כעקירעס!

און איבער אלע מאציוועס הייבט זיך די שטיינבארגישע מאצייווע־וואנט, מיט די פלאטערנדיקע שוועלבעלעך און מיט דעם אויסגעהאמערטן אָנהייב פון זײַן מאָשל:

טרויעריק קינדער אָף דער וועלט דער ברייטער, גראַמער!
ביטער, מיט א מאָשל כאָטש זיך קוויקן לאָמיר.

די שורעס פון דעם גרויסן רישוין פון ייִדישן מאָשל, ווירקן מיט דער טרייסט פון פאשטעס און דערהויבנקײַט.

דערנאָך קומט די מינוט, ווען דער ייִד פארלירט מער קיין וואָרט ניט. עס רעדן נאָר געבויגענע אין צאר גרויע פארגעסענע מאציוועס.

עס רעדט די שטילקײַט...

# זי איז געוואָרן זיקאָרן

גרויזאם און ווייטיקלעך האָט דער גורל פּלוצעם אונטערגעפירט א סאכאקל — טרויער־לענטעס, בלומען, א קליין בערגעלע אף אונדזער גרויסער ערד. און ס׳גייען ארום אף אָט דער ערד מענטשן, פאר וועמען זי האָט אויסגעזונגען דאָס גרעסטע געזאנג, אויסגעלאכט דאָס גרעסטע געלעכטער און אויסגעוויינט דאָס גרעסטע געוויין...

בויען זיך שטעט און שטעטלעך, ווו זי האָט געשפּילט טעאטער. סע לעבן און סע וואקסט דאָס לאנד, וועלכן זי האָט ברייטהארציק געשאָנקען איר וווּנדערלעכן טאלאנט.

און דאָס הארץ ווייטיקט.

דאָס הארץ נעמט אוף אנדערש, ווי דער סייכל, דעם פארלוסט, דעם הארץ קאָן מען ניט באפעלן.

טרויעריק...

א בערגעלע ליים און א ליידיקער גרויער הימל — סאכאקל? ניין! סע שטארבן נאָר יענע, וואָס האָבן קיין שפּורן אף דער וועלט ניט איבערגעלאָזט.

שטיי איך אָוולדיק אין דער וועלט פון מאציייוועס, א פארטיפטער, געשליירט אין אייביקע שאָטנס, און קאָן ניט פויעלן בא זיך, אז אונטער דעם בערגעלע ליגט סידי טאל, אז ס׳שווייגט אין איר אייביקן שווייגן די צויבער־פליט פון אונדזער יידיש וואָרט.

איז די שטומקייט אליין אָבער ניט שטום. צאפּלט זי אוף און שרייט ארויס אף אלערליי קולעס:

— סידי טאל איז ניט אוועק פון אונדז. זי איז פּאָשעט געוואָרן אונדזער זיקאָרן!..

גיבן די ווערטער א שניט מיט זייער עמעסדיקייט, און דער זיקאָרן פיבערט אין דער ארויסגעשריגענער שטומקייט און ברענגט מיך צוריק צו יענע טעג, ווען סידי טאל איז נאָך געווען מיט אונדז. איך בלעטער די דערהויבענע זייטלעך פון איר וווּנדערלעך לעבן און, בלעטערנדיק, זע איך פאר זיך ניט נאָר דאָס בילד פון אונדזער אמאָליקן טשערנאָוויץ, וועלכער איז אדאנק דער שפּראך־קאָנפערענץ באוווּסט געוואָרן אין דער גאנצער יידישער קולטור־וועלט, נאָר אויך דאָס בילד פון אונדזער גאנצן דאָר. עס לעבט אוף און שימערט פאר מיינע אויגן דאָס ליכט פון איינגעהאלטענעם שמייכל און פון צעגלידערטער ליבשאפט צום פאָלקס־גורל, דאָס ליכט פון אונדזער אמאָליקן טשערנאָוויץ, וועלכער איז אדאנק דער שפּראך־קאָנפערענץ באוווּסט געוואָרן אין דער גאנצער יידישער קולטור־וועלט, נאָר אויך דאָס בילד פון אונדזער גאנצן דאָר. עס לעבט אוף און שימערט פאר

מײַנע אויגן דאָס ליכט פון אײַנגעהאַלטענעם שמײכל און פון צעגלידערטער ליבשאַפט צום פאָלקס־גורל, דאָס ליכט פון ווײַטע ריינע פאַרטאָגן, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן דורך צופיל טונקעלע הימלען...

טשערנאָוויץ — א געמיש פון קלויסטערלעכער אַלטמאָדישקײַט און שפּעטערדיקן מאָדערניזם. אַן אַלטע עסטרײַכישע פּראָווינץ־שטאָט, וווּ ס'האָט געבליט ייִדישע אַסימיליאַציע באַנאַנד מיט ייִדישער אָנגעהעריקײַט. די ערשטע — עכטע „דויטשע מאָזאַישע קאָנפעסיאָן" — האָבן זיך מאַמעש מויסער־נעפעש געוועזן פאַר דעם אויפהאַלט און דער פאַרשפּרייטונג פון דער דײַטשישער שפּראַך און קולטור אין דער פּילשפּראַכיקער בוקאָווינע, וווּ ס'האָבן זיך געקרייצט פאַרשיידענע קולטור־שטרעמונגען און קעגנזײַטיק זיך מאַש־פּיע געווען. און די צווייטע — א קליינע מינדערהײַט פון דער ייִדישער אָרעמקײַט, — האָט געצויגן צום „מייקאַ מאַשמע לאָן" און געזוכט אָן אָנשפּאַר אין דעם ייִדישן פאָלקס־לעבן און דער ייִדישער מאַכשאָווע.

און ווען טשערנאָוויץ ווערט נאָכן ערשטן וועלטקריג, שליסנדיק דעם גרעניצנעם שידעך מיט בעסאַראַביע, א ייִדישער קולטור־צענטער מיט ייִדישע שרײַבער, ייִדישער פּרעסע, ייִדיש טעאַטער, — איז דאָס פאַר די היגע ייִדישע דײַטשן דער גרעסטער קלאַפּ. באַגײַסטערט און פאַרכאַפּט פון שטיינבאַרגס וווּנדערלעכע מעשאָלים, פאַרשיקערט פון איציק מאַנגערס באַלאַדעס, הייבט די יוגנט אָן ביסלעכווײַז זיך אויספלאָנטערן פון דער אַסימיליאַציע־נעץ און קומט צו ייִדיש, ווי שמעטערלינגען צו ליכט.

זי קומט הויפּטזאַכלעך פון עם געדיכטן קנויפּ ייִדישע גאַסן און געסלעך, פון די פאַבריקן און וואַרשטאַטן, ווי אויך פון די מיטל־ און הויכשולן מיט דאַווידס עדעלשטאַטס רעוואָליוציאָנערע לידער און מיט אַווראָם רייזענס „קירכן־גלאָקן".

ניט צו שרעקן, נאָר צו וועקן
גאָר די וועלט אין אַלע עקן,
קלינגט ער מוטיק, רופט ער פלאַמיק:
שטייט צום לעבן אויף!...

די לידער האָבן, ווי א בליץ, זיך אַרויסגעריסן צום דרויסן. און עס האָט זיך צעבליט א נײַער פרילינג אינעם טשערנאָוויצער ייִדישן קולטור־לעבן.

אין איינעם פון די הינטערגעסלעך, בא א טאַטן א בעקער, איז פיר יאָר נאָך דער שפּראַך־קאָנפערענץ געקומען אױף דער וועלט א מיידעלע, וועמען מע האָט א נאָמען געגעבן — סאָרע, סאָרעלע... און ס'איז דער סאָרעלע באַשערט געווען אַרײַנצוקומען מיט ברייטע שפּאַן אינעם הייכל פון אונדזער ייִדישער טעאַטער־וועלט, און פאַרנעמען אַן אָרט אין איינעם פון די „אויבנאָנס". דער קאָוויאָכל האָט זי געבענטשט מיט טאַלאַנט, און דאָס פאָלק האָט איר געגעבן סמיכעס אױף ייִדיש געזאַנג און ייִדישן טאַנץ.

איז טאַקע איר ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער בינע־ראַמפּע פאָרגעקומען בא קוים צען יאָר, ווען די דעמאָלט באַוווּסטע ייִדישע אַקטריסע ראָכעלע אַקסעלראָד האָט באַדאַרפט פאַר איר „שולאַמיס" א מיידעלע, וואָס זאָל קאָנען שיין זינגען.

און סאַרעלע האָט געזונגען אין ייִדישן טעאַטער. דערנאָך האָט זי אויסגעשפּילט און אויסגעזונגען אין טאַטנס בעקערײַ אַלץ, וואָס זי האָט אין טעאַטער געזען און געהערט, און ס'האָט שוין אין איר בלוט געזונגען די שפּעטערדיקע סידי טאַל, דערווײַל נאָך אַן אײַנגעקלעמטע אין די צוואַנגען פון ייִדישער נויט.

אין דעם קעלער איז געווען האַלב־פינצטער, דער אויוון האָט שטיל און סוידעסדיק געגליט, און אַ פּאָר בעקער־יונגען זײַנען, נאָכן פאַרזעצן דאָס געבעקס, געזעסן די הענט פאַרלייגט און געפּלעפּטע זיך אײַנגעהערט אין סאַרעלעס געזאַנג, וואָס האָט ניט געלאָזט זיי אײַנשלאָפן...

פלאַקער, פײַער, פלאַקער,
פלאַקער פריילעך צו.
דעם פויער מיט זײַן אַקער,
דעם פּאַסטעך מיט זײַן קו...

איר געזאַנג האָט געקלונגען מיט גרעזער און געשמעקט מיט בלומען. עס האָבן אויך אופגעלעבט די ייִדישע געסלעך, אין וועלכע ס'האָט צוזאַמען געהויזט אַ גרויזאַמע אָרעמקײַט און אַ פאַרביקער כאַלעם. און דער כאַלעם איז געווען זיסער פון דער וואָר.

און זי האָט געזונגען ביז אין די גרויע פענצטער האָט זיך באַוויזן אַ נײַער באַגינען...

ווען די זעכצניאָריקע סאַרעלע איז אַנגאַזשירט געוואָרן קיין בוקאַרעשט, לויט דער רעקאָמענדאַציע פון אירן אַ קאָרעוו, אויך אַן אַרטיסט, איז די פּרעסע, סײַ די ייִדישע, סײַ די רומענישע מיטאַמאָל פול געוואָרן מיט לויב־געזאַנגען פאַר „דעם מיידעלע, וואָס פאַרקישעפט דעם זאַל". און סאַרעלע בירקנטאַל ווערט איבער נאַכט — סידי טאַל. אַ נאָמען, וואָס וועט זי פון איצט אָן באַגלייטן איבער שטעט און לענדער, און אומעטום וועלן הילכן באַגײַסטערטע אויסרופן:

— בראַוואָ, בראַוואָ, סידי טאַל!

זאָל מיר דערלויבט זײַן אָנשלאָגן דערבײַ אַ פּערזענלעכן טאָן. מיר זײַנען דאָך ביידע בוקאָווינער, ביידע געוואַקסן אין ייִדישע הינטערגעסלעך, און איך זע שוין די באַוווסטע שוישפּילערן, כאָטש בא קיין צוואַנציק האַלט זי נאָך ניט.

און מאָדנע: צוויי אַפּישן איינע לעבן דער צווייטער. איינע מיט גרויסע, שרײַענדיקע ייִדישע אויסיעס — סידי טאַל קומט שפּילן קיין טשערנאָוויץ, און די צווייטע — מיט אַ שוואַרצן האַקנקרייץ, ווי אַ טויטע שפּין איבער דער גאַנצער ברייט, רופט צו פּאָגראָמען, צו שענדלעכן מענטשן־האַס.

עס איז געווען ערעוו דרײַ און דרײַסיק. אויך איבער די בוקאָווינער קאַרפּאַטן האָט אָפּגעהילכט דאָס נאַציסטישע מעשוגאַס פון די מינכענער ווײַנקעלערס און ביר־האַלעס...

איך קום אין טעאַטער זען „ציפּקע פײַער", „דזשייקעלע בלאָפער". אָט איז סידי אײַנגאַנצן טאַנץ און געזאַנג, און אָט זײַנען אירע לידער — בלויז איין פאַרגאָסענע טרער, אָבער אַזאַ שליימעסדיקע, אַז דער גאַנצער וועלט־באַשאַף שפּיגלט זיך אין איר אָפּ.

אפילו אין אזעלכע ספעקטאקלען פון צווייפלהאפטן קינסטלערישן ווערט ווי „די קאמעדיאנטקע“ אדער „די שיקערטע“ האט זי אריינגעבלאזן נעשאמע און לעבן. זי איז געווען שטענדיק געצוימט אין אירע באוועגונגען, ניט איבערגעטריבן מיט הייבן א פיסל אדער א שעלמישן ווונק פון אויג. זי האט מיט איר שפילן נאר געקישעפט, געקישעפט...

פארשיידן קאן מען פירן דעם כעזשבן פון צייט. מע קאן אים באַשטימען לויט דעם זייגער אדער לויט דעם אפגעריסענעם בלעטל פונעם קאלענדאר. פאראן אבער אויך אן אנדער מאס פון צייט. מע קאן זי מעסטן לויט געווויסע געשעענישן אין לעבן.

פירט זיך טאקע סידי טאלס כעזשבן פון צייט לויט דער גליקלעכער באגעגעניש סיי פאר איר, סיי פאר דעם יידישן טעאטער, מיט דעם דיכ־טער און רעזשיסער יאנקעוו שטערנבערג, וועלכער איז אין יענער צייט געווען דער הויפט־אדרעס פון פראגרעסיווער יידישער טעאטער־קונסט. האט טאקע די אומגעריכט־אופגעפלאמטע פרייד פון דער באגעגעניש מיט שטערנבערגן געלאזט טיפע ווארצלען אין סידיס ווייטערדיקן שאפן.

איך האב געהאט די זכיע צו זען קימאט אלע ספעקטאקלען, וואס שטערנבערג האט געשטעלט מיטן אנטייל פון סידי טאל און איר טרופע. נאר אין מיין זיקארן האט זיך שארפער פון אלץ פארקריצט „דער גע־לער שאטן“. עפשער דערפאר, וואס דאס איז געווען סידי טאלס דעביוט, איר ערשטער שפאן צו פראגרעסיוון, עכט קינסטלערישן טעאטער.

די יונגע, מיט אלע זיבן כיינען באשאנקענע סידי, האט געשפילט די ראל פון א יידיש גאסנמיידל, וואס האט געבראכט איבער יאמען אין דער ווייטער לאטיין־אמעריקע איר יוגנט, איר שיינקייט, דעם רייץ פון פארליבט־קייט. און אלץ מיטאמאל אויסגעביטן אף אילוזארישע אוצרעס פון אן אפגענארט גליק.

און וואס שטארקער ס'איז געוואקסן איר באגער איבערצורייסן מיט דעם העפקערדיקן לעבן, זיך אנטקעגנשטעלן דעם גרויסן אומרעכט, אלץ בוילעטער איז איר נאכגעגאנגען דער געלער שאטן פון א גאסנפרוי.

פארזיכטיק און באדאכט האט סידיס איידעלער קערפער, אויסגעשניצט ווי א פידל, זיך באוועגט איבער דער בינע, גלייך זי וואלט געשפאנט אף גליענדיקע דראטן. און אין אירע אויגן, וואס האבן געהאט דעם קאליר סיי פון שווארץ, סיי פון טונקל־בלוי, האט ניט געסארפעט דער טייוולאנישער פלאם פון א גאסנפרוי.

סידי האט געלעבט דאס לעבן פון אט דעם מיידל, געזען מיט אירע אויגן און געפילט מיט איר הארץ. זי האט אין א מאניר פון צארטער אופ־ריכטיקייט אנטפלעקט דעם טרויעריק־שוידערלעכן פרויען־גורל.

באם ברעג פון יאמען ווינען מיר,
באם ברעג פון יאמען אונדזער טיר,
די פרוי פון יעדן זיינען מיר,
מיר.

און ווען זי האט זיך א הייב געטאן אף די שפיץ פינגער צום פענצטער אקעגן יאם, האבן די כוואליעס פלוצעם זיך אפגעשטעלט, די שטערן זיינען העלער געווארן און א שטילקייט האט געגליווערט דעם זאל.

זי האָט אויסגעשפּרייט די אָרעמס, ווי פליגלען, איר קערפּער האָט געציטערט. א דין געוויין פון א פידל האָט זי פאַרוויגט, און זי האָט זיך געדרייט און ניט געקאָנט ארויס פונעם אייגענעם קרײַז...

מיט טיפער דערפינדערישקייט האָט סידי געבראַכט אַף דער בינע דעם צוזאמענשטויס צווישן ריינער, גלויביקער גוטסקייט און דעם ליגן פון א פאַרקויפטער וועלט. געבראַכט מיט פּאַטעטישער ליטערקייט און אַרײַנגעוועבט אין איר קונסט די אידעלע שפּיל פון בענקשאַפט און ליבע.

דערנאָך איז געקומען די צײַט פון רײַפן טאַלאַנט. אַרבעט און לעבן האָבן געשליפן אירע אויסערגעוויינלעכע פעיִקייטן. זיי פאַרייניקט מיט דער־פאַרונג און געניטשאַפט. נאָר ניט באַרירט איר כיין.

עס הייבן זיך אָן קייטלען איינס נאָכן אַנדערן ספּעקטאַקלען פון הויכער קינסטלערישער קרעאַציע. שאָלעם־אליכעמס „אויצער", י. זינגערס „יאָשע קאַלב". רעוויו־אופירונגען, ווי „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען". „טעאַטער און פלאַמען" אאַ.

סידי האָט ניט „קאָפּירט" דאָס לעבן, דעם כאַראַקטער פון אירע העלדן, נאָר פאַרוואַנדלט זיי אין — סידי טאַל... איר שפּילן האָט פאַרמאָגט א סאַך קינסטלערישן טאַקט. און אַלץ, וואָס זי האָט געטאָן אַף דער בינע, איז געווען שיין, איידל, געווען עכטע אַקטיאָרישע שאַפונג.

עס דערמאָנט זיך א קערמעשל בא מיר אין שטוב מיט שטערנבערגן און אַלטמאַנען לעקאָוועד זייער ווערן פינף און זיבעציק יאָר. אַרום טיש האָט זיך געפירט א לעבהאַפטער שמועס וועגן דער ראַליע פון טעאַטער אין לעבן. סידי איז געזעסן אין א זײַט און זיך געשפּילט מיט אירע אויס־געיידלטע פינגער, גלײַך דער שמועס וואָלט זי אינגאַנצן ניט אָנגעגאַנגען. מיטאַמאָל האָט זי א זאָג געטאָן:

— טעאַטער איז פונדעסטוועגן „ניט קיין שפּיגל, וואָס אימיטירט דאָס לעבן, נאָר א פאַרגרעסער־גלאָז", ווי ס'האָט טרעפלעך באַמערקט מאַיאַ־קאָווסקי. אינעם שטראַל פונעם טעאַטראַלן פּראָזשעקטאָר איז די רעגע פון לעבן א סאַך אָנזעעוודיקער, קלאָרער, גרעסער, גלײַך ווי א טראָפּן וואַסער אונטער א מיקראָסקאָפּ...

א סאַך האָבן געפּרוּווט שפּילן טעאַטער אַזוי ווי סידי טאַל, און בא קיינעם האָט זיך עס ניט באַקומען. פאַרוואָס? קאָן זײַן דערפאַר, וואָס מע האָט באַדאַרפט אָפּלעבן אַזאַ לעבן, ווי זי.

אינמיטן די דרײַסיקער יאָרן, ווען דער אַנטיסעמיטיזם אין רומעניע האָט דערגרייכט זײַן אַפּאָגיי, איז דער אײַנגעוואָרצלטער יידישער יישעוו אין בוקאַרעשט, ווי אויך אין גאַנצן לאַנד, צעטרייסלט געוואָרן פון אַן אומ־געהייערן פײַער־שטורעם. אַלץ, וואָס איז געווען יידיש, איז פאַרבאָטן גע־וואָרן. אַפילע רעדן יידיש אַפן גאַס איז פאַרווערט געווען.

סידי טאַל איז אַוועק קיין אויסלאַנד. איך האָב זי געזען אין ווין, ווו א צווייטע, נאָך גרעסערע צעטרייסלונג איז אונדז נאָכגעגאַנגען — דער טרויעריק באַוווּסטער עסטרײַכישער „אַנשלוס" — דער ערשטער שטאָך פונעם היטלעריסטישן מעסער, וואָס איז אַרײַנגערוקט געוואָרן אין די ריפּן פון אייראָפּע.

נאָכן „פאַלן" פון דער פאַשיסטישער רעגירונג אין רומעניע, וואָס האָט געבאַלעבאַטעוועט אַ קאַרג יאָר און איבערגעלאָזט יידישע צאָרעס אויף אַ גאַנץ לעבן, און נאָך דעם, ווי דער קעניג קאַרל דער צווייטער האָט מיט דער הילף פון זיין נייעם פּרעמיער — קאַלינעסקו, צעשאָסן די גאַנצע אָנפירונג פון דער סאַמע שוואַרצמייִקער „אייזערנער גוואַרדיע". צעשאָסן, ניט כּלל אויף צו ראַטעווען די „דעמאָקראַטיע", נאָר אויף צו ראַטעווען זיך אַליין, זיין טראָן און זיין לעבן, וואָס די „גאַרדיסטן" האָבן באַדראָט, — איז געקומען דער האַרבסט פון יידישן קולטור־לעבן אין רומעניע.

עס האָט ווידער אָנגעהויבן דערשיינען אַ יידישע פּרעסע, דער זשורנאַל „שויבן". עס נעמען זיך באַווייזן איינס נאָכן אַנדערן יידישע ביכער. ניט בלויז פון שטערנבערגן און אַלטמאַנען, נאָר פון דער גאַנצער יונגער פּלעיאַדע יידישע שרייבער.

אויך דער יידישער טעאַטער האָט ווידער אויפגעלעבט. און סידי טאַל האָט מיט גרויס דערפאָלג געשפּילט אין בוקאַרעשט. זי איז דעמלט שוין געווען די באַרימטע סידי טאַל...

באַרימטקייט איז ניט קיין גרינגע לאַסט. סידי האָט זי אָבער געטראָגן לייכט, באַשיידן. איבעראַשנדיק, סיי די, וואָס האָבן זי געקענט פון לאַנג, און סיי די, וואָס האָבן זיך נאָרוואָס באַקאַנט מיט איר, מיט איר פּאָשעטקייט און ווייכקייט, מיט איר פאַרליבטקייט אין לעבן.

אַ קליינע דערמאָנונג.

איך טראָג זיך אַרום איבער די בוקאַרעשטער גאַסן מיט מיין נאָרוואָס דערשינען ערשט בוך. איינציקע „קויפן", וואַרפן מיר צו די פּאָר ליי, ווי אַ נעדאָווע, אַנדערע זאָגן זיך אָפּ. ווער העפלעך און ווער גראָביונגעריש. איך בין דאָך ניט דער ערשטער, וואָס קומט אָנבאָטן זיין „סכוירע". אין אַ יידישער שניטקראָם אויף דער סאַמע הויפּטגאַס — קאַלעאַ וויקטאָריאַ — שטיי איך, ווי אַן עוויען בא דער שוועל פון אַ רייכן קאָרעוו, און וואַרט, דער באַלעבאָס בא דער קאַסע זאָל נעמען מיין בוך אָדער זאָל מיר אָפּזאָגן. מיטאַמאָל קומט אָן סידי טאַל און, דערזעענדיק מיין בעטלער־פּאָזע, כאַפּט זי אַרויס פון מיינע הענט דעם אויסגעשטרעקטן עקזעמפּליאַר, דערלאַנגט אים דעם באַלעבאָס, שיקנדיק פאַרויס אַ פיינעם זאַפטיקן שמייכל. און סע גייען דורך געציילטע מינוטן, האַלט איך שוין אַ גאַנצן הונדערטער אין מיין האַנט. דער סוחר בא דער קאַסע האָט, זעט אויס, ניט געקאָנט גוווער זיין סידי טאַלס צויבער־שמייכל.

סידיס שמייכל...

איך האָב אים אָפט געזען מיט אַ סאַך, אַ סאַך יאָרן שפּעטער, ווען אין האַרצן האָט זיך איר שוין אַזוי לייכט ניט געשמייכלט...

איך געזעגן זיך מיט סידי טאַל לעבן איר קיווער. אַ ווינטל ווייעט צווישן די מאַצייוועס, ווי אַ שטיל געוויין, און די קני מיינע בייגן זיך אַזוי פון זיך אַליין אויף צו פאַלן קורים...

דער גורל האָט גרויזאַם און ווייטיקלעך אונטערגעפירט אַ סאַכאַקל — אַ טרויעריק בערגעלע ליים.

סידי טאַל איז אָבער ניט אַוועק פון אונדז. זי איז פּאָשעט געוואָרן אונדזער זיכּרון.

# צו יענער שוועל

ווען איז עס געווען?
קאָן זײַן, אַז מיט אַ יאָר צען צוריק, און עפּשער עפּעס ווינציקער.
אין אַ ייִדישער צײַטונג איז מיר אויפגעפאַלן אַ ליד, וואָס באַהערשט מיך נאָך ביז הײַנט מיט דעם קישעף פון אַן ערשט מאָל לייענען.
די ליד האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַזעלכע שורעס:

געקומען איז דער האַרבסט, די צײַט פון טראַכטן און פון בענקען,
די צײַט פון שיינעם עלטער און פון שיינעם דענקען,
די צײַט, ווען יאָרן ייִנגלשע קומען אין זיקאָרן...

איך האָב געלאָזט זיך אָנטרינקען מיט דעם דיכטערס אידעלן האַרבסטיקן אַראָמאַט, מיט זײַן פאַרשטעלטן טרויער און, ווערנדיק פאַרכאַפּט פון דער געשליפנקײַט און מוזיקאַלישקײַט פון וואָרט און טאָן, זיך פאַרלייגנט אַזוי, אַז ביסלעכווײַז אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ האַרבסטיקן ניגון. אין אַזאַ שטילן, דורכזיכטיק־געלײַטערטן ניגון, וואָס ציט זיך פון אייביקײַט צו אייביקײַט דורך אַלערליי וועגן און דוירעס.
און ס'איז אַזוי אויסטערליש געווען!
איבער דער ליד האָט געשווינדלט אַ וויל־באַקאַנטער נאָמען פון אַ באַוווּסטן פּראָזע־מײַסטער, וואָס האָט אין דער צײַט „פון שיינעם עלטער" זיך גאָר גענומען שרײַבן לידער. געוויינלעך געשעט פאַרקערט: דיכטער גייען אויף דער עלטער איבער צו פּראָזע.
איך האָב זיך אָבער אַזוי אַרײַנגעהיימישט אין דער ליד, אין דער דיכטערישער לײַדנשאַפט, אַז איך האָב ניט געשפּירט, ווי טיף אין מײַן געמיט איז אופגעגאַנגען מײַן אייגענע בענקשאַפט.
זאָל עס געווען זײַן דער קויעך פון עכטער פּאָעזיע?
צי עפּשער דערפאַר, וואָס אין האַרבסט קומען „יאָרן ייִנגלשע אין זיקאָרן", האָט זיך געוויגט פאַר מײַנע אויגן דאָס בילד פון אַ ווײַטן פרימאָרגן, אַ באַזוימטן מיט אַ גילדענעם קאָליר פון טרוקענע פאַרגעלטע בלעטער, און דיביימער, פון וועלכע ס'האָט דער ווינט זיי געריסן, האָבן אויך זיך געוויגט אין שטילע און וואַרעמע געזאַנגען.

ס׳איז געווען דער ערשטער פרידלעכער הארבסט נאָך דעם לאנגן בלוטיקן גרעאנגל מיט דער צעסוואסטיקטער פאשיסטישער כייע.

איך בין צום ערשטן מאָל אין מאָסקווע.

אפן וועג צו דער רעדאקציע „איינינקייט". אפן סאמע ראָג פון קראָפּאָט־קין־גאס איז מיר אנטקעגן געקומען א ווינטלדיקער, שפּילעוודיקער מאן, א מיטלוווקסיקער, מיט א ליכטיקן נוס־אויסגוס אין די טונקעלע אויגן, אין וועלכע עס איז געווען א שיין, וואס האָט זיך געוויגט פון אומרו.

מיינער א פריינט האָט אים אָפּגעשטעלט, געזאָגט, ווער איך בין. ער האָט א קוק געטאָן אף מיר מיט ווארעמקייט אף זיין פּאָנעם און ארויס־געמורמלט אין איילעניש — יוסף ראבין!

בא מיר האָט אָבער דעמלט דער נאָמען קיין גרויסע איבעראשונג ניט ארויסגערופן. א סאך נעמען פון סאָוועטישע יידישע שרייבער זיינען מיר צו יענער צייט נאָך געווען אָדער טייל־וויז, אָדער אינגאנצן אומבאקאנט.

ס׳האָבן באדארפט פארגיין יאָרן...

ערשט דאָס געבורט פון דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" האָט אנטפּלעקט פאר מיר ראבינס אייגנארטיקע שרייבערישע פּערזענלעכקייט. איך פיל נאָך ביז היינט די פרישקייט פון זיינע צוויי דערציילונגען, גע־דרוקטע אין ערשטן נומער. זיי האָבן מיך פארכאפּט מיט זייער סטיל, פאנ־טאזיע, מיט דעם אויפן פון שילדערן געשעענישן, מענטשן, מיט דעם בא־מאָלן די נאטור.

„...עס פאַלט א שניי. יעדעס שנייעלע — באזונדער און ניט געיילט, פאַלט אָן כיישעק, ווי פארטראכט און פארנומען מיט געדאנקען, און טאקע דערפאר, ווייל אין די געדאנקען זיינען זיי גאָר אין הימל, זעען זיי ניט, ווי זיי פאלן..."

צי איז עס דען ניט פּאָעזיע?

אזעלכע בילדער ווירקן אזוי היימיש, אינטים, דורכגעדרונגען פון א לירישער וויזיע מיט עכטער ליבשאפט צום גערעטענעם קינסטלערישן וואָרט.

פון דעמלט אָן האָב איך ניט דורכגעלאָזט קיין איין ווערק זיינס. זיי האָבן שטענדיק ארויסגערופן בא מיר שטימונגען, אסאָציאציעס, איבער־לעבונגען, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען אין מיין געמיט מיט זייער טיפן ליריזם. פון זיינע דערציילונגען און ראָמאנען, דורכגעוועבט מיט פּערזענלעכע זיכרוינעס, ווערן אף אן אייגנארטיקן אויפן, מיט אן אייגענעם ניגן, גע־שילדערט מענטשן און געשעענישן. זיי קוועלן ארויס איינס פונעם צווייטן מיט זייער פילן, דענקען, טרוימען. ציגדן זיך אין אלערליי פארבן. און די פארבן צעשטראלן זיך אין אזא ליכטיקייט.

דאָס צווייטע מאָל האָבן מיר זיך געטראָפן אין טשערנאָוויץ, ווען ער איז אין באַשטאנד פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאנד" גע־קומען אף א באגעגעניש מיט די לייענער. און איך האָב אויך דאָס מאָל ניט געהאט קיין גינסטיקע געלעגנהייט זיך נעענטער צו באקענען מיט אים. ער איז די גאנצע צייט געווען פארנומען, און איך האָב אויך זיך געהאלטן א ביסל אין א זייט.

עס האָבן ווידער באדארפט פארגיין עטלעכע יאָר.

אין איינעם א פראַסטיקן מאָסקווער ווינטערטאָג מיט שניי־באַדעקטע גאַסן און א נידעריקן הימל האָב איך אָנגעקלונגען אין זײַן טיר. א ווײַלע שטיין געבליבן אין א פאַרגליווערטקייט, אופּכאַפּנדיק שאַרנדיקע טריט, וואָס האָבן זיך דערהערט פון יענער זײַט טיר.

מיר האָט געעפנט דער זעלבער רירעוודיקער ראַבין, עטוואָס א געעלטערטער, נאָר ניט קיין אַלטער. און איך האָב, דערזעענדיק אים, זיך דערמאָנט:

אין גרויס אײַלעניש
מײַן עלטער נידערט אַף א שטאַפּל.
עלטער ווער איך, כ'ווער ניט אַלט.
ס'ווילט זיך אַף דער ערד נאָך זאַמען,
מײַן בלאַט מײַן גרויער פון דעם קאָפּ ניט פאַלט...

און ס'איז אין אָט די שורעס, וואָס געווינען מיט זייער פּאַשעטקייט, געוועזן דער ראַבינישער גלויבן און זײַן נעשאָמעדיקער ביטאָכן.

שיינע עטלעכע שאָ בין איך בא אים אָפּגעזעסן. געפילט די בראָכע פון זײַן באַביכערטער שטוב, ווו עס האָט געאָטעמט מיט יידישן גײַסט, וואָס ווייסט עפשער אליין ניט, ווי יידיש ער איז.

און פונקט ווי אין זײַן שאַפן איז פאַראַן דאָס ליכט פון טראַדיציע דער נייר־טאָמיד, וואָס ווערט ניט אויסגעלאָשן, אזוי איז אין זײַן יידיש שעבאַלפּע פאַראַן דער יכעס פון דוירעס, דער כיין פון פאָלקסטימלעכקייט.

ראַבין האָט זיך דערמאָנט, דערמאָנט...

זיכרוינעס האָבן זיך געוויקלט ארום מענטשן און געשעענישן. ארום געשטאַלטן, וואָס האָבן דורכגעשפּרייזט די לענג און די ברייט פון אונדזער לעבן.

עס האָבן זיך געביטן איינער נאָכן אנדערן סילועטן פון באַוווּסטע שרײַבער, וועלכע האָבן אָפט געקרייצט זײַנע וועגן און ניט איין מאָל ניסגאַלע געוואָרן אין זײַן „קורץ און שאַרף".

מיטאַמאָל איז אוועק א שמועס וועגן שמיעל האַלקינען, און איך האָב דערזען די דיכטערישע געשטאַלט. דערזען א שײַנקייט און אופגעציטערט פון דער שיינקייט מיט א וואַרעמען ציטער און מיט נאָך אזא וואַרעמען טרויער...

דערנאָך האָבן זיך אויסגעשטעלט אין איין ריי ווילנע, מאָסקווע, ביראָ־בידזשאַן — יאָרן פון גרויסער אָנגעשטרענגטער אַרבעט און אופשטײַג, וואָס האָט אים געבראַכט קאָוועד, אנערקענונג און באַלוינונג.

מיט א מוירעדיקן אומרו האָט ער גערעדט וועגן דעם גוירל און קיעם פון אונדזער ליטעראַטור, וועגן אונדזער יידיש לאָשן, איבער וועלכן ניט איינער האָט שוין אָפּגעזאָגט א ראַבאָנען־קאַדיש. און איך האָב געטראַכט:

מיליאָנען יידן זײַנען מיט יידיש אַף די ליפּן געגאַנגען אין די גאַזקאַמערן. די העלדן, די באַר־קאָכבאַס פון וואַרשעווער געטאָ, האָבן אין פײַער געלײַטערט דאָס יידישע וואָרט. און אונדזערע קדושים, די יידישע שרײַבער, זײַנען געפאַלן אַל יידיש־האַשעם...

יויסעף ראַבין האָט, זעט אויס, אַרויסגעהערט מײַנע געדאַנקען און

איך פאַרפֿירט אַ שמועס וועגן די פּאַרשניטענע שרײַבער אונדזערע. און אַזאַ ווייטיק האָט אַרויסגעשריגן פֿון זײַנע רייד, פֿון זײַן טאָן. און די לופֿט איז אויך געוואָרן אַ צעשריגענע, און עס זײַנען אופֿגעקומען אין מײַן זיקאָרן די אַלע ווערק, וואָס ראַבין האָט אונדז ביז איצט געגעבן, און יעדעס בוך זײַנס האָט גערעדט צו מיר מיט דער שפּראַך פֿון געבענטשטער שאַפֿונג.

און מיר איז קלאָר געוואָרן דער סאָד פֿון מײַן פֿאַרערונג, מײַן יראת־הכּבֿוד, וואָס איך האָב געטראָגן צו אים דורך יאָרן, ווען איך האָב אים אינדערעמעסן נאָך גאַנץ ווינציק געקענט. און איך האָב געפֿילט, אַז די טיפֿע פֿאַרערונג נעמט זיך פֿון זײַן פּאַשטעס, פֿון זײַן ניט פֿאַרמאָגן די מינדסטע פּרעטענזיע אויף אַ שטענדער אין מיזרח, כאָטש ער איז איינער פֿון די אָנגעזעענסטע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער.

נאָכן געזעגענען, ווען איך בין געבליבן מיט זיך אַליין און אַ שטערן ווי אַ ציטעריקע טרער, איז געהאַנגען איבער דער שטאָט, האָב איך לאַנג ניט געקאָנט זיך באַפֿרײַען פֿון דעם רושם, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט מײַן ערשטער באַזוך בײַ יוסף ראַבינען. איך האָב דערנאָך אַ סאַך מאָל איבערגעטראָגן זײַן שוועל, נאָר יענער ווינטעריקער טאָג אין מאָסקווע, פּונקט ווי זײַן יונג צעזונגענע ליד, זײַנען געבליבן פֿאַרעגיסטרירטע אין מײַן געמיט מיטן בלענד פֿון אַן אויסערגעוויינלעכער בענקשאַפֿט. די בענקשאַפֿט צו יענער היימישער, ראַבינישער שוועל...

## פּאָסט־סקריפּטום

ווען אָנהייב נאָיאַבער איז אין „ביראָבידזשאַנער שטערן" געוואָרן אָפּגעדרוקט מײַן אַרטיקעלע וועגן יוסף ראַבינען, האָב איך זיך אפֿילו ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז אַזוי גיך וועט מיר אויסקומען נאָכשיקן אין רעדאַקציע אַ טרויעריקן פּאָסט־סקריפּטום.

און ער אַליין האָט זיך מיסטאָמע אויך ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז ער וועט אַזוי גיך אַוועק פֿון דער וועלט, כאָטש ער איז געווען אין יענעם עלטער, ווען ניט נאָר יעדער טאָג, נאָר יעדע שעה איז אַ געשענקטע.

אָט איז אַן איידעס זײַן בריוו צו מיר פֿונעם 9־טן נאָיאַבער. ליידער, זײַן לעצטער בריוו.

„ליבער יוסף. איך דאַנק אײַך זייער פֿאַר אײַערע גוטע, האַרציקע ווערטער אין אײַער אַרטיקל אין „ביראָבידזשאַנער שטערן".

איך סטאַרע זיך ניט אַראָפּלאָזן, איך אַרבעט, שרײַב און דרוק צו ביסלעך, דאָס איז פֿאַר מיר איצט אַ היילונג. איך בין פֿאַרנומען און טראַכט ניט אַזוינס, וואָס מע דאַרף ניט טראַכטן..."

האַלט איך איצט אין האַנט דעם „ביראָבידזשאַנער שטערן" פֿונעם 12 דעקאַבער און טראַכט: אָט דער לעצטער כוידעש פֿונעם יאָר 1987 האָט צוגענומען איינעם פֿון די זעלטנסטע פּראָזאַיקער אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

איז דאָס אַ בייזע האַנט אין אַ טראַגישער שפּיל?

ניין!

גיין פון דער וועלט מוז מען... און 87 איז ניט קיין טראגישע ציפער באם פארלאָזן די טראגישע פּלאנעטע אונדזערע.

און דאָך האָט די יעדיע א ברי געטאָן באם הארצן...

ראבין האָט מיר אמאָל געזאָגט, אז א ציגיינערן האָט אים פארזיכערט, אז ער וועט לעבן צוויי און ניינציק יאָר. האָט די ציגיינערן אים אָפּגע־נארט אף גאנצע פינף יאָר.

איז פון דער וועלט אוועק אן אייגנארטיקע פערזענלעכקייט, וועמענס לעבן ס'איז באשטאנען פון אויסדריקן זיך דורך דעם שפּרודלדיקן, שאפנ־דיקן יידישן וואָרט, דורכן אריינוועבן נייע פעדעם אין יעדן פון זיינע ווערק, ווו די יידישע טראגישקייט איז געגעבן מיט א באָסטאלגישער פּלא־טערניש, א באהעפטער מיטן ליכט פון טרויער איבער א ווונדערלעכער יידישער וועלט, וואָס איז אזוי אכזאָריעסדיק פארשניטן געוואָרן.

איך האָב זיך געקענט מיט ראבינען א פּאָר צענדליק יאָר. און באזונ־דערט אין דער לעצטער צייט זיינען מיר געווען גאָר נאָענטע פריינט. און כאָטש מיר האָבן זיך זעלטן געזען, איז אונדזער פריינטשאפט אין טאָך דערפון ניט געמינערט געוואָרן.

מיט עטלעכע כאדאָשים צוריק, זייענדיק אין מאָסקווע, האָב איך אים באזוכט. און מיר איז אזוי מאָדנע געווען צו זען ראבינען אין דער גע־שטאלט פון אן איינגעשרומפּענעם זאָקן, א טיף־געעלטערטן, א דין געוואָ־רענעט, מיט אראָפּגעלאָזטע אקסלען. די בליקן זיינע זיינען עפּעס ווי טריב געוואָרן, און איך האָב ניט געאנט, אז דאָס קוקט ער אזוי דעם סאָף אין די אויגן.

בלויז זיין באוועגלעכקייט האָט אים ניט פארלאָזט. אויך ניט דער ווארעמער אינטערעס צו שרייבער און ווערק, וואָס האָט זיך געשפּירט אין אלע זיינע רייד, ווייל ראבין איז געווען איינער פון די, וואָס האָט קלאָר דערוען די גוירלדיקע אויסדערוויילטקייט פונעם הייינטיקן יידישן שריי־בער, דערזען און אָנגענומען בעאהאווע דאָס טראָגן דעם באשערטן אָל.

ער האָט מיר דעמלט דערציילט פּראָטים וועגן זיינעם א ראָמאן, וועלכן ער טראכט איינגיכן אָפּגעבן אין דרוק. דער ראָמאן, ווי א סאך אין אונד־זער איצטיקער ליטעראַרישער פּרעסע, איז באהעפטעט פון דער קאוואָנע אופ־צושטעלן די גערעכטיקייט אין שייכעס צו די קאָרבאָנעס פונעם פּערזאָנען־קולט אין די טראגישע דרייסיקער יאָרן, אָנגעהויפּנטע מיט פּלאסטן פון פאלשער באגילדעכץ.

איבער צוואנציק יאָר איז דער ראָמאן געלעגן אין טיש־קעסטל. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי איך הער דעם שאַרך און פלאטער פון פאר־עלטערטע בויגנס פּאפּיר מיט אויסיעס, וואָס זיינען פול מיט שטילן טרוי־ער און מונטערן געזאנג, ווייל אין זיינע ווערק שפּירט זיך דער גלויבן אינעם מענטשן און אין א בעסערער וועלט. זיי טראָגן אין זיך דעם רוף צו פארברידערונג, צו מענטשלעכקייט, צו א ליכטיקער צוקונפט.

— איך וואַרט, אז איצט וועט דער ראָמאן ניסגאלע ווערן...

ער האָט געוואַרט, און ניט דערוואַרט זיך...

אָבער ער האָט געגלייבט, אז די גערעכטיקייט וועט קומען פריער אָדער שפּעטער.

פריִער אָדער שפּעטער...

איז טאקע גוט, וואָס די געגארטע שאָ האָט געשלאָגן. דער ראָמאַן איז פּונקט צו דער ציַיט, און עס ווילט זיך אויך גליִיבן, אַז ער וועט זײַן צו דער צײַט נאָכדעם, שפּעטער... אופריכטיק געשאפענע ווערק, וואָס אָטעמען מיט מעסירעסנעפעש, לעבן לאנג.

ראבין געהערט אָן סאָפעק צו דער קאַטעגאָריע אויסדערוויילטע יעכי־דים, וואָס באַשײַנען אונדזער היַינטציַיטיקע ייִדישע ליטעראַטור.

א שריַיבער פון א גרויסן קינסטלערישן פאַרמעסט, דערמאָן איך איצט זיַין נאָמען מיט א טיפן טרויער און מיט נאָך א טיפערן ייִראַס־האַקאָוועד.

# א שײַטער אפֿן װעג

מוישע אַלטמאַן, דער מײַסטער פֿון שטראַלנדיקן ייִדישן װאָרט, האָט געפֿונען זײַן אײביקע רו אױף דעם טשערנאָװיצער שטאָטישן בעסאַלמען. ער איז אַװעק פֿון דער װעלט אַ טיפֿער זאַקן, און זײַן לאַנגער שאַפֿונגס־װעג, װאָס האָט געדױערט העכער זיבעציק יאָר, איז געװען און פֿאַרבליבן אַ ריזיקער צושטײַער צו אונדזער ייִדישער ליטעראַטור, אַ באַרײַכערונג פֿון אונדזער קינסטלערישן שאַפֿן.

אַ טרױמער פֿון אַ ליכטיקן מאָרגן, אַ געטרײַער טרעגער און פֿאַרשפּרײטער פֿון דער פּראָגרעסיװער ייִדישער קולטור, איז ער געװען אַ דערציִער פֿון דורות ייִדישע אַרבעטער און אינטעלעקטואַלן אין די ברײט פֿאַרצװײַגטע בעסאַראַבער קולטור־ליגעס — די הײמען פֿון רעװאָלוציאָנערער יוגנט.

שױן אין זײַנע יונגע יאָרן האָט ער באַװיזן צו גרופּירן אַרום זיך אַ גאַנצן דאָר יונגע ייִדישע שרײַבער, װאָס זײַנען ניסגאַלע געװאָרן אין רומעניע צװישן בײדע װעלט־מלחמות.

אין זיקאָרן שװימען אױף פֿרײדיקע דערמאָנונגען, גליקלעכע מאָמענטן פֿון הײמישע באַגעגענישן. איך זע אים אַ לעבעדיקן. זע אים אַ שרײַבער און קולטור־טוער, אַ לערער און פֿרײַנט.

די ביִאָגראַפֿיע פֿון אַ שרײַבער איז די געשיכטע פֿון זײַן צײַט. שרײַבן װעגן מוישע אַלטמאַנען, װעגן זײַנע װיכטיקע בײַטראָגן צו דער ייִדישער דערצײלונג, ראָמאַן, דראַמע, עסעיִסטיק, װאָלט געהײסן שרײַבן װעגן אַ שטורמישער און אופֿטרײסלענדיקער צײַט. אַ צײַט, װען ער איז „געװען יונג, ניט אַזױ אין יאָרן, װי יונג אין זײַן ניט־געריכטקײט", און גענומען גײן פֿאָרױס אױף זײַן מענטשלעכן און קינסטלערישן װעג.

עס איז געװען יענע צײַט נאָך דער אָקטיאַבער־רעװאָלוציע, װען די ייִדישע ליטעראַטור אין רומעניע, באַאײַנפֿלוסט פֿון דעם גרױסן „רוסישן װוּנדער", האָט אָנגעהױבן צעאַקערן דעם ליטעראַרישן באָדן און אירע אַקערער זײַנען געװען דאָס באַרימטע דרײַלינג פֿונעם אַװיגעראָפּענעם „ליפּקאַנער אָלימפּ", װעלכע זײַנען געקומען אין דער ליטעראַטור יעדערער מיט זײַן װאָרט, יעדערער מיט זײַן נוסח. עליעזער שטײנבאַרג מיטן מאָשל, יאַנקעװ שטערנבערג מיט דער ליד, און מוישע אַלטמאַן מיט דער דערצײלונג און געהאָלפֿן אײַנבירגערן דאָס נײַע ייִדישע װאָרט אי אין פּאָעזיע, אי אין פּראָזע.

שרײַבן װעגן מוישע אַלטמאַנען װאָלט אױך געהײסן צעבינדן די אױיצ־

רעט פון זײַן שפּראַך. „א שפּראַך, וואָס איז ניט נעכטן געבוירן געוואָרן". לאָזן א שפּיל טאָן זײַן ווייכן און זאַפטיקן בעסאַראַבער יידיש, מיט וועלכן ער איז געבענטשט געוועזן, כאָטש ער האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך אין א גרויסער מאָס אויך די לעשוינעס פון די גרויסע וועלט־קולטורן.

די דאָזיקע נאָטיצן פּרעטענדירן ניט אויף דעם, זיי ווילן בלויז מעראַמעז זײַן אויף דער אייגנציקאַרטיקײַט פון דעם פּראָזע־מײַסטער.

מוישע אַלטמאַן, א געבוירענער אין דעם באַוווּסטן שטעטל ליפּקאַן, איז געווען טיף אײַנגעוואָרצלט אינעם בעסאַראַבער יידישן שטייגער, אין יידישן געמיט, וואָס האָט זיך פּאַרמירט אויף דער „ציגײַנערשער גאַס" אין טהאָם פון יידישער אָרעמקײַט. דאָרט האָט דער שפּעטערדיקער שרײַבער געפונען א פּולע, פאַרביקע יידישע מאַסע, וועלכע האָט פּאַרמאָגט, און ברייטהאַרציק פאַרטיילט קראַפט און זאַפט פון יידישן שאַפן.

אָבער אַלטמאַנס געדיכטער שטייגער האָט זיך איבערגעפלאָכטן מיט נײַע אופקומענדיקע שטימונגען אויף דער יידישער גאַס. „איך האָב שוין געוווּסט וועגן לענינען עפּעס מער, ווי דאָס פּופּצניאַריקע באַכערל פון דער ציגײַנערשער גאַס"... ער באַקומט ליב אָט די שטימונגען און גיסט זיך אָן מיט אַלע זייערע זאַפטן.

דערפאַר עפשער איז זײַן פּערזענלעכע ביאָגראַפיע אַזוי שטאַרק ענלעך אויף זײַנע דערציילונגען. זי וואַנדערט איבער זיי, אָנגעהויבן פון „פּעטער טאָמס שטיבל", דורך „בלענדעניש", „די ווינער קאַרעטע", ביז צו די „זקיינישע נאָטיצן". ער אידענטיפיצירט זיך מיט זײַנע פּערסאָנאַזשן. לעבט מיט זייער לעבן, טראָגט פאַרשטעלט די מאַסקע פון זײַן מאָטל אומרו.

אין דער האַקדאָמע צו „מעדרעש פּינכעס" באַשטעטיקט אַלטמאַן, אַז „דער ראָמאַן איז געבויט אויף פּאַרטיקן מאַטעריאַל". און אַליין וועבט ער זיך אַרײַן, ווי א פאָדעם אין אָט דעם „פּאַרטיקן מאַטעריאַל". אין דעם גרויסן און לויטערן פאָלקס־געוועב, און אירע געזונטע לעבנספולע קויכעס ווערן גלײַך זײַנע קויכעס.

אָפּט באַם לייענען שפּירט מען בעפיירעש, אַז דאָסראָוו דערציילונגען זײַנען געבויט אויף ביאָגראַפישע פאַקטן. פּונקט ווי זײַנע העלדן, האָט אויך ער, אַלטמאַן, מיט פיל שווערקײַטן זיך געמאַכט א וועג אין לעבן. אין דעם, קאָן זײַן, שטעקט דער גאַנצער צויבער פון זײַן פּראָזע. דאָס לעבן, וואָס פליסט איבער די זײַטלעך, איז אין א גרויסער מאָס אַלטמאַנס לעבן, וואָס האָט פון אונטער זײַן פען באַקומען א קינסטלערישן טיקן.

איינס פון אַלטמאַנס וויכטיקע ווערק איז זײַן ראָמאַן „מעדרעש פּינכעס". ער איז אײַנגעשלאָסן אין זײַן בוך „די ווינער קאַרעטע", וואָס איז דערשינען אין מאָסקווע קורץ פאַר זײַן טויט. עס איז א מין לירישע נאָוועלן־זאַמלונג, געבונדן לויט איין סוזשעט. די האַנדלונג קומט פאָר אין א שטורמישער צײַט. עס פלאַקערט די ערשטע וועלט־מילכאָמע, „דער גאַנצער אומגליק פון דער מענטשהײַט, איר גרויסע שאַנד". עס יוירט רעוואָליוציאָנערער אופברויז.

דער מעכאַבער אָבער וואַרפט ניט אַרײַן דעם לייענער אין א געווירבל פון סאָציאַלע קאָנפליקטן, כאָטש דער ראָמאַן איז אָנגעלאָדן מיט אינערלעכער שפּאַנונג. ער שילדערט מיט א רויקן, אָבער פעסטן ווילן, דעם מענטשן אין זײַן פאַרצווייפלטן קאַמף מיט דער גרויער ווירקלעכקײַט. פּירט אים

טויפּעס זייַנען דעם גרונט־מאָטיוו — מענטשלעכע הייליקייַט. און די נויטן און לייַדן ווערן באַשטראַלט פֿון א לויטערן גלויבן אין באַפרייַונג.

די צענטראַלע פיגור, ארום וועלכער עס אַנטוויקלט זיך דער סיפּער־האַמייַסע, איז יוסף, א יונגערמאַן, וועמען די מילכאָמע האָט פאַרוואָרפן אין א פרעמד שטעטל. קיינער ווייסט ניט ווער ער איז, פונוואַנען. דער אַוו־טאָר זאָגט ניט אויס דעם סאָד. ער ווייַזט אים נאָר א קראַנקן, אויסגעמאַ־טערטן, מיט א ירמעיאַהישן צאַר אַפן פּאַנעם. אויך דער „קלוימערשט זייַ־טיקער צושויער" מאָטל אומרו, אין וועמענס נאָמען עס ווערט געפירט די דערציילונג, ווייסט אויך נאָר צו זאָגן, אַז יוסף מיט דער דייַטשישער ביבל און כסידישן סייפערל, א יערושע פון זייַן טאַטן, איז „א רעטעניש, א פאַרמאַכטע טיר".

ווער זשע איז ער פאַרט?

עס קומען פאָר גרויסע וועלט־געשעענישן. צו אים דערגייט די יעדיע פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, וואָס זיפּט זיך מיט קאַרגשאַפט „אָפ די לייַלעכער פון די אַרטיקע בלעטער". אָפ וועמענס צאַד איז ער? דעם ענטפער דאַרף מען זוכן אין שליכעס פון די ווערטער „איך מוז זייַן דאָרט... אַהין דאַרף איך גיין... דאָס זייַנען רייד, וואָס פליסן אַרויס, ווי א שטראָם פון פאַרבאָרגענע קוואַלן. און אַלטמאַן גראַווירט אַרייַן אין דעם וואָרט־געמעל זייַן אידייִשע אָנגעהעריקייַט, זייַן אַני־מיַמין.

אין „מעדרעש פּינכעס" קומט צום אויסדרוק אַלטמאַן דער לירִיקער. ער איז אין דעם ווערק מער דיכטער, ווי פּראָזאיִקער. ער באַווייַזט זיך אָבער ווי א דיכטער א רעאַליסט, וואָס פרווט פאַרייניקן די אויסגעטרוימטע וועלט מיט דער וואָכעדיקער ווירקלעכקייַט, גלייַך ער וואָלט פאַרייניקט דאָס האַריץ מיטן מויעך. און אַזויאַרום ווערט אויסגעגליכן די מאַראָכע פון פּאָעזיע אין פּראָזע.

„מעדרעש פּינכעס" איז ניט נאָר א פראַכטפולער קינסטלערישער דאָקו־מענט פון גרויסע היסטאָרישע געשעענישן, נאָר עפּעס אויך א פענצטער צום שרייַבערס אייגענע איבערלעבונגען. און דורך דעם פענצטער זעט זיך בוילעט אָן אַלטמאַנס טעמאַטיק און דער גאַנצער אויפן פון זייַן שאַפן.

אַלטמאַן האָט געלעבט מיט זייַנע העלדן, זיי זייַנען אים נאָכגעגאַנגען פון איין דערציילונג אין א צווייטער. אַזוי וואַנדערט אַריבער דער ציגייַנער קסענאָפאָן פון „מאָטל אומרו" אין דער „אַלטער באַלאַדע אָן גראַמען". דער שרייַבער האָט באַנוצט זיך מיט א מאָלדאַווישער לעגענדע, קעדיי צו ווייַזן מענטשן פון ברוטאַלער גרויזאַמקייט און ווילקער.

דעם אַלטן באַיאַר איז קאַלט און ער ווייסט ניט, וויאַזוי און מיט וואָס די קעלט צו פאַרטרייַבן. עס העלפן ניט די טייַערע פעלצן, ניט די גנהייצטע אויוונס. דער ציגייַנער קסענאָפאָן איז נאַקעט און באָרוועס. אים איז, פאַר־שטייט זיך, אויך קאַלט. דערצו פּלאָגט נאָך דער הונגער אים, זייַן ווייַב און די קינדער. דעם באַיאַר פאַלט איַין א געדאַנק, א שוידערלעכער געדאַנק: ער לייגט פאָר דעם אָרעמען ציגייַנער אָפּשטיין א גאַנצע נאַכט אין גלי־

ווערדיקן טײַך, דערפאר וועט ער באקומען א קו און א וואָגן פּאַפּשויעס.
„און אז איך וועל ניט אויסהאלטן?" — פרעגט קסענאָפאָן. דעם באַיאַרס ענטפער איז ציניש און אכזאַריעסדיק: „איז גאָטס ווילן דערוף, ווײַל ניט גאָט זאָלסט האָבן א קו". דער שרײַבער ברענגט ארויס דעם עלעמענט, וואָס וואקלט זיך צווישן שרעק און טויט, צווישן פארצווייפלטער פּײַן און שטומען פּראָטעסט קעגן הימל־שרײַענדיקער אומגערעכטיקייט.

קסענאָפאָן דער ציגײַנער נעמט אָן דעם פאָרשלאָג, נאָר מיט א טנאַי, „זאָל א גאנצע נאכט ברענען באם ברעג א שײַטער". דער באַיאַר קײַכט פון געלעכטער. „ווילסט מיטן שײַטער דאָס וואסער דערוואַרעמען". נאָר קסענאָפאָן ווייסט צוליב וואָס ער דאַרף דעם שײַטער. ער וועט פונווײַטן אים דערמאָנען אין מענטשלעכקייט, אין ליבע. „ווײַל ליבשאפט — וואַרעמט".

די באלאדע איז דורכגעדרונגען מיט טיפן הומאניסטישן געפיל, שארפן סאָציאלן כוש פאר גערעכטיקייט. עס שרײַט ארויס פון איר דער אומפאר־מײַדלעכער פסאק־דין: דער באַיאַר ווערט סאָפקאָלסאָף פארפרוירן, „ווײַל סינע איז קעלט".

אלטמאנס פּען ציטערט אויף מיט א לירישן צאַר באם באשרײַבן, וויאַזוי דער ציגײַנער קסענאָפאָן שטייט אָפּ א גאנצע נאכט אין אײַזקאלטן וואסער. זי טרייסלט אויף מיט איר פּאָעטישקייט, מיט איר טיף טראגישער און דער־הויבענער שילדערונג.

אויך אין זײַן דערציילונג „א סרייפע אין מוישעוו־זקיינים" איז פײַער א וויכטיקער עלעמענט. מיט דעם כילעק נאָר, וואָס דער אלטער זיאמע באנוצט זיך מיט פײַער אויף אָפּצאָלן פאר דעם אומשולדיק פארגאָסענעם בלוט. ער צינדט אונטער דעם מוישעוו־זקיינים, ווו פּאשיסטן פּראווען א סודע, און שטייט פונווײַטן אונטער א בוים, קוקט אויף די פײַערן, ווי מאָ־נענדיק בא זיי: „זאָל ברענען נאָך, נאָך, נאָך..." עס איז דאָס הייליקע פײַער, דער סימבאָל פון נעקאָמע.

אין דעם זעלבן נוסעך איז אויך זײַן נאָוועלע „רוזשאנקע". אויך דאָרט קומט בוילעט צום אויסדרוק דאָס נעקאָמע־געפיל. „עס וועט ניט פארגעבן ווערן דאָס פארגאָסענע בלוט, ביז דאָס בלוט וועט ניט האָבן קיין נעקאָמע..." אלטמאן האָט אין „רוזשאנקע", וואָס איז געשריבן געוואָרן אָנהייב דרײַסי־קער יאָרן, ווי ארויסגעפירט דעם רייעך פון דער גרויסער וועלט־סרייפע, דעם רייעך פון גאַז...

מיט דעם זעלבן שרײַבערישן קויעך און דיכטערישן געמיט זײַנען גע־בויט אלע אנדערע אלטמאנס דערציילונגען און ראָמאנען.

מע מעג מיט זיכערקייט אָנזאָגן, אז אלטמאנס שרײַבערישע זריזע האָט זיך שעפעריש צעוואקסן אין זײַנע אידייענרײַכע „זקיינישע נאָטיצן".

טיף אין געדאנק, געשליפן אין לאָשן, אנטפלעקן זיי זײַן לאמדאָנעס און בקיעס, זײַן פארוואָרצלטקייט אין אָוואר און זײַן צוגעבונדנקייט צום הײַנט. פאראן אין זיי א שלאָל מיט מאָטיוון, וואָס צייכענען זיך אויס דערוי־קער מיט זייער רײַכער, פארביקער בילדערישקייט, מיט זייער קלאָרקייט און

פאַטאָס. זיי פאַרמאָגן אָפּט דעם צויבער פון פאָלקסטימלעכקייט סײַ אין לאָשן, סײַ אין טאָן.

אלטמאַנס „זקיינישע נאָטיצן" דערמאָנען אָפּט דעם סאָף פון זײַן „אלטער באַלאַדע", וועלכע ענדיקט זיך אַזוי: „אויך איך האָב ניט איין מאָל געהאַט דאָס וואַסער ביזן האַלדז. און ווען ס'האָט געהאַלטן שווער, פלעגט קסענאָ־פאָן דער ציגײַנער דערשײַנען אויפן ברעג, און — ס'האָט געהאָלפן..."

מוישע אלטמאַנס לאַנגן שרײַבערישן וועג האָט באַלויכטן יענער שײַטער פון גוטקייט און מענטשלעכקייט, וואָס האָט געפונען א טיקון אין זײַן פאַר־צווייגטן יידישן שאַפן, ווו עס אַנטפּלעקט זיך בוילעט דאָס קאָלירפולע גע־שטאַלט פון דעם וווּנדערבאַרן פּראָזאַיקער, דראַמאַטורג און עסעיִסט.

# געהענעם און ווידערשטאנד

פאר מיר ליגט מישע לעווס נײַער ראָמאַן „דער מישפּעט נאָכן אורטייל", וועלכן איך האָב שוין געהאט געלייענט מיט א צײַט צוריק אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאַנד". די פּען רײַסט זיך שרײַבן אונטער דער ווירקונג פונעם נאַרוואָס נאָכאמאָל איבערגעלייענטן. איצט שוין צווישן די טעוועלעך פון א בוך. שרײַבן, אזוי צו זאָגן, ווען אלץ איז נאָך ווארעם, ווען דער געדאנק האָט זיך נאָך ניט פאַרמירט אינגאנצן, און ווערט דיקטירט נאָר פון אָנגעהויפּטע שטימונגען, פאַרבליבענע נאָכן לייענען.

ס'איז צום באוואונדערן, וויאזוי לעוון האָט זיך אײַנגעגעבן אויפצואמלען אזויפיל פאקטישן מאטעריאל און שאפן אזא געפלעכט פון דאָקומענטאציע, איבערלעבונגען און שרײַבערישער אינטויציע.

נאָר א מענטש, וואָס האָט געזען מיט אייגענע אויגן, און דורכגעלאָזט דורכן אייגענעם הארץ, איז מסוגל אזעלכעס און אזוי אָנצושרײַבן. ס'איז א וויכטיקער, שעפערישער שליכעס דורכגעפירט גוט, עכט, מײַסטעריש.

...אינעם קליינעם יידישן שטעטעלע, מיט שטרוי און שינדל געדעקטע הײַזלעך, „ווו שוואלבן בויען נעסטן אונטער שטילע סטריכעס", האָט פון מײַרעוו זיך ארײַנגעריסן די ציוויליזירטע כײַע און אָנגעהויבן אירע בלוטיקע אַרגיעס. אָנגעהויבן די שענדונג פון אן אלט פאָלק.

שוין באם אָנהייב פונעם ראָמאַן און קימאט ביזן סאָף טראָגן מיר זיך בעמאכשאָוועסדיק אריבער אין יענעם קליינעם פוילישן שטעטעלע. מיר וואנדערן ארום איבער אויסגעליידיקטע יידישע געסלעך, ווו עס בלאָנדזשען ארום ניט־אויסגעלעבטע שאָטנס פון פארשניטענע לעבנס.

אומעטום „קויל־שווארצע קוימענס פון שטיבלעך מיט אויסגעבערענטע אויגן", „וואָס זײַנען געשטאנען הארט איינס לעבן צווייטן" — שטומע איידעס פון אונדזער שוידערלעכער אקיידע.

שפּאַרעוודיק, אין קארגע פאָר זאצן, וואכט אויף פאר די אויגן יענע „גוטע נאכעסדיקע וועלט" אין איר אמאָליקער אטמאָספער, ווען עס האָט נאָך געאָטעמט מיט לעבנספולקײַט, מיט „פּאראַשטשינעט ברויט אין באקדייזשע... באקן קנישעס מיט קעז". און לעגאמרע ניט פאַרויספילן דעם נאָענטן סאָף.

פון אָט דעם שטעטעלע קיין סאָביבאָר איז דער וועג א קורצער, מיט דער האנט צו דערלאנגען. אָבער לויט די לײַדן און לויטן פּײַן, וואָס עס מאכט דורך דאָס ייִנגל בערעק, ביז ער פאלט ארײַן אין טויט־לאגער, איז דער וועג א גאָר לאנגער.

ער ווערט געטריבן פון סרייפע־פלאמען און טויט־שרעק. געטריבן דורך אָפענע הארבסטיקע וועלדער. עס קומען צום אויסדרוק רירנדיקע וויזיעס,

אופטרייסלענדיקע כורבן־בילדער, גרויליקע, צערודערנדיקע בילדער פון הערגע וועכנעק, דורכגעפירט מיט יענער פרײַסיש קאלט־געסיידערטער אויסגערעכנטקייַט. די שילדערונגען שפּיגלען אָפּ, ווי אױף אַ קינאָ־טאַשמע, די טיפע און הארבע גווירלדיקייַט פון בערעקס און רינעס רײנער, ניט־אויס־געלאַדענער ליבע, וואָס ווערט געהייליקט אין פײַער פון אומקום...

אין סאַביבאָר, ווו „יעדער טאָג פון אַנגסט און גרויל איז מער פון אַ יאָר”, ווו טעג און נעכט פּײַניקן די לאַגער־הענקער די אומגליקלעכע קאַ־צעטניקעס, אין אַט דעם קעסל פון איעוודיקע יעסורים שמעלצט זיך איבער דער כאַראַקטער, די פּסיכיק, דער גאַנצער וועלט־באַנעם פון דעם ייִנגל בערעק. דער קאַצעטלער פרידריך שלעזינגער — קוריעל, אַ ליכטיק גע־שטאַלט, אַליין אַ דײַטש, אַנטפּלעקט פאַר אים דעם גאַנצן מאַראַלישן פאַר־צעפּ פונעם דײַטשישן פאַשיזם.

„...מײַן פאָלק איז געפערלעך קראַנק. און די קרענק איז אַזאַ, אַז ס׳איז מיר אַ שאַנדע געהערן צו אים”.

פון אַט דעם געמעל טראָגט זיך אַ טיף מענטשלעכע ליבשאַפט. עס איז אַ מין פּאַסיווער העראָיזם, וואָס פאַרדאַקומענטירט מיט אַ צעפּײַניקט געמיט פול מיט צאָרן און ווײ, די אַכזאָריעסדיקע, הימלשרײַענדיקע גרוילטאַטן בימיי היטלער.

אַ צווייטע צענטראַלע געשטאַלט איז דער קריגסגעפאַנגענער סאָוועטי־שער אָפיצער אַלעקסאַנדער פעטשערסקי.

די לאַגערניקעס פון סאַביבאָר האָבן באַדאַרפט טרייסט, גלויבן, אַק־טיווען ביטאָכן. „ניט מיט טרערן דאַרף מען צאָלן, נאָר מיט געווער”. עס איז דאָס קאָל, וואָס רופט צו ווידערשטאַנד אין אַזוינע באַדינגונגען, ווען ס׳איז, דאַכט זיך, אָפּגענומען געוואָרן יעדער מיטל אַרויסצוווײַזן ווידערשטאַנד.

עס איז דער טראַגיזם פון פאַרמעסט.

פון איין זײַט אַ טעמפּע מאַכנע מערדער, באַוואָפנטע מיט מאָדערנסטע קלייזײַען, פון דער צווייטער — אַ דערהויבנדיקער פרײַהײַטס־גײַסט, מיט גלויבן אין מענטש, וואָס דאָס גיט נישט נאָר ווילן און קויעך, נאָר אויך כאָכמע און אויסדויער אין טעג פון גרעסטע געפאַרן.

ניט איין מאָל האָבן ייִדישע מאַסן געגעבן העראָישע געשטאַלטן. די ווילנער גאַסן ווייסן צו דערציילן פון הירש לעקערט. די לעמבערגער — פון נאַפטאָלע באָטווין. אויך אַלעקסאַנדער פעטשערסקי, דער פאַרליבטער אין לעבן און מענטש, ווערט דער עמוד־אייש פון דער סאַביבאָרער אונטערערדי־שער, אַנטינאַצישער באַוועגונג. צו אים ציִען זיך די פאַרפּײַניקטע קאַצעט־לער, ווי פונקען צו אַ פלאַם.

און דער ווילנסקאַמף איז גויוער דעם גורל.

ביידע, סײַ בערעק, סײַ פעטשערסקי, האָבן אַרויסגעוויזן הייליקע פאַר־ביסנקייַט. ביידע ווערן איבעם ראָמאַן פאַרוואַנדלט אין סימבאָלן פון אַ שטאַרק לײַדנדיקן, אויסגעמאַטערטן, אָבער ניט איינגעבראָכן פאָלק.

בויען אַ ווערק אױף קאָנקרעטע, ניט פאַראַלגעמיינערטע פּערסאָנאַזשן, ווו דער שרײַבער מוז זיך האַלטן אין באַשטימטע ראַמען, קאָן זיך ניט קינסט־לעריש פאַרשלייערן אין פאַרשיידענע פיגורן און געשטאַלטן, איז ניט פון די לײַכטע זאַכן. דער אַווטאָר האָט גויוער געוועזן אַט די געהעמטקייַט און געשאַפן אַ וואָגיק, פאַרטיפט ווערק, אין וועלכן די נויטן און לײַדן ווערן

באשטראַלט פון לויטערן גלויבן אין דעם אומפאַרמײַדלעכן בראָך פונעם נאַציזם.

עס איז א ווערק, ווו עס קרייצן זיך אכזאָריעסדיקע, קאַלטבלוטיקע רע־ציכע מיט מענטשלעכער ווירדע, מענטשלעכן כאַלעם. עס איז דאָס געוויין און דער ניגן פון מענטשלעכע ווערטן, פון וועאַהאַווטאַ לערייעכאַ קעמויכאַ. און אָט דער טיפער באפרײַערישער זין פון אונדזער פינצטערן נעכטן איז אָרגאניש ארײַנגעוועבט אינעם ליכט פונעם מאָרגן, אין דעם ליכטיקן און שווערדיקן אקאָרד „לעבן און ניט פארגעסן", מיט וועלכן עס ענדיקט זיך דער ראָמאן.

דער שרײַבער זוכט אין דעם ווערק צו באנעמען די מוירעדיקע טראַגיק פונעם יידישן פאָלק. „די ליידן פון א גאנצער געשיכטלעכער טקופע". ער פרווט ארײַנדרינגען טיפער אינעם לעבן. קוקן אף אים פון אינווייניק, פון דער פאָזיציע פון זײַנע העלדן. „א ריר און דער ווי ווערט זיך בא אים א שאָט טאָן פון יעדן גליד". פון שורע צו שורע, פון סאָביבאָר ביז די פראָ־צעסן, דורך דער גאנצער נאָכמילכאָמעדיקער אייראָפּע טראָגט זיך אָט דער שאלנדיקער וויי־געשריי פון די „טויטע, וואָס לעבן".

אָפּט צייכנט דער קינסטלער זײַן אומעט אין ווייכע אקווארעל־טאָנען. „ווידער וואקסן סאָנישניקעס און פון ווײַטן זעט מען, ווי עס פּאשען זיך בעהיימעס, נאָר דער פּאסטעך איז אן אנדערער און קיין פּאסטעכל איז ניטאָ לעבן אים". מיט צוויי־דרײַ שטריכן באקומט זיך א גאנצע פּאָעטישע אילוס־טראַציע.

„דער מישפּעט נאָכן אורטייל", אָנגעגאָסן מיט געדאנקלעכע און פּאָעטי־שע זאפטן, איז געשריבן אין א קלאָרן, לויטערן סטיל. צײַטנווײַז מיטן מע־טאָד פון א היסטאָריקער, דורכגעדרונגען מיט צאר און צאָרן. „ניטאָ קיין שוידער, וואָס זאָל נאָך סאָביבאָר קאָנען דערשיטערן". עס איז א ווערק, וואָס העלפט ניט נאָר איבערלעבן נאָכאמאָל דעם יידישן טראגיזם, נאָר אויך אויס־הערן די שטים פונעם שרײַבער, פול מיט ווייטיק און פּראָטעסט.

ס'איז א ראָמאן, וואָס אין אים איז פאראן אזויפיל טרויער און אזוי ווינציק פרייד. אָבער ווי האָט דען אנדערש געקאָנט זײַן?



# אין אומרו
# פון שטורעם

# גזוירע

— וואָס איז עס פאַר א געשריי?

דער, וואָס האָט געפרעגט, איז געווען א יונגער סטודענט פון מאָלדאָוויע, וועלכער איז געקומען פארברענגען אין די בערג זײַנע קאָניקולן.

ער האָט פריִער קיינמאָל אזא געשריי ניט געהערט, פונקט ווי טויבע זיפצן וואָלטן אָנגעפילט די דרעמלענדיקע לופט פון א שטילער, אויסגעשטערנטער דאָרעם־נאַכט.

דאָס געשריי האָט אָפּגעקלונגען אומעטיק צעצויגן. און א געמיש פון עטלעכע עכאָס האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין א מעשונעדיקן, נאַכטישן יאָמער.

ער האָט באמערקט, ווי איך האָב אופגעציטערט.

ווונדערט זיך ניט, יונגער פרײַנט! אין אײַערע יאָרן, ווען איך האָב אויך געהאַלטן בא צוואַנציק, האָט דאָס געשריי פון א סאָווע מיך ניט געקימערט. איצט אָבער דערגייט עס צו מיר, ווי א קלאָג־רוף, גלײַך זי וואָלט עמעצן באוויינט, און עס וויעט פון דעם רוף מיט אַן אַלטן, הארבן טרויער...

פאַרוואָס?

ווײַל דאָס לעבן האָט א זיקאָרן.

...איך האָב נאָרוואָס אײַך אָנגעהויבן דערציילן פון אוריִעל דעם וואַלדשוימער. ער האָט געלעבט פונקט דאָ, ווו מיר זיצן מיט אײַך אין אזא שיין געפלאַנצטן בלומען־גאָרטן. אין אוריִעלס צײַטן איז אפילע קיין סימען פון א גאָרטן דאָ ניט געווען. שטאָטישע זײַנען ניט געקומען אַהער אף אָפּרו. פון ווילטקייט האָט קיינער ניט געשטורעמט די שטילע בארג־אָפּהאַנגען. און די אַלע ארומיקע סאַנאַטאָריעס און פּאַנסיאָנאַטן, וועלכע איר זעט איצט, זײַנען אויך ניט געווען. אינגאַנצן איין כאַלופּע איז געשטאַנען פאַריאָסעמט אינמיטן וואַלד. אַן אַלטע כאַטקע מיט שוואַרצע געטעסעטע ווענט און פּונקט אזא שוואַרצן שטרויענעם דאַך. די ווענט האָט געפרעסן דער מילב און אינעם דאַך האָבן פייגל זיך נעסטן געבויט.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו אוריִעלן.

א גאַנץ לעבן האָט ער שווער און געטרײַ אָפּגעהאָרעוועט בא יענעם. פלינק און שרעקלאָז געטריבן ספּלאַוועס אף די שטורמישסטע טײַכן. געטריבן אזוי, אז קיין גלײַכן צו אים איז ניט געווען. איבערגעפירט א פאַרמעגן, און אַליין געבליבן אף דער עלטער אָרעם, ווי די נאַכט.

איז אים טאַקע ניכע געווען די שטעלע פון א וועכטער.

עמעס, אוריִעלן האָט געצויגן צו דער שטילקײַט פון די ברעגעס, וואָס איז אנדערש ווי אין די בערג. יענע שטילקײַט קאָן רעדן, דערציילן, און ער האָט פארשטאַנען איר לאָשן. אים האָט געצויגן צו די מענטשן, וואָס האָבן אין די נעכט זיך געוואָרעמט בא צעלייגטע פײַערן. ער האָט געבענקט

נאָך זייער שטילן געמורמל, וואָס האָט זיך אַרײַנגעוועבט אינעם רויש פונעם טײַך, גלײַך די נאַכט וואָלט געריידט פון שלאָף.

מיט דער צײַט אָבער האָט ער זיך צוגעוווינט צו דער אַליינקײַט, פונקט ווי ער וואָלט מיט איר אַ גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט.

קיין ביקס אויף אָנשרעקן גזלנים אָדער זיך פאַרטיידיקן פון חיות האָט אוריעל, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט.

ווי קומט צו אַ ייִדן אַ ביקס?!

דאָס איינציקע געווער, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, איז געווען אַ זייער אַלטע ירושה־האַק, וועלכע איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, ווי אַ טײַערע זאַך.

געווען איז די האַק פון בלויעלעכן שטאָל, שאַרף, ווי אַ חלף, און געהאַט אַ געשניצט הענטל פון אַ זעלטן מין האַרטן האָלץ. ווער ווייסט, וויפל נעכט דער שניצער איז ניט דערשלאָפן, ביז ער האָט אויסגעקאַרבט אויפן שטיל לייבן און הירשעלעך. פאַרוואָס דווקא לייבן און הירשעלעך, האָט קיינער ניט געוווּסט. עפשער איז דערין געווען אַ טיפער מיין, וואָס האָט לעדויערס באַדאַרפט דערמאָנען אין גבורה און אין רירעוודיקײַט — די צוויי וויכטיקסטע אייגנשאַפטן בײַ אַ פּליטנטרײַבער. ווען מע האָט מיט דער האַק געטעסעט קלעצער באַם טײַך, האָט איר קלאַנג זיך אָפּגערופן אין די בערג מיט אַ לאַנגן, דינעם ציטער, ווי עפּעס אַ זעלטענער מוזיקאַלישער אינסטרומענט.

יעדער מאָל, ווען איך פלעג פאַרבײַגיין אוריעלס שטיבל, פלעג איך אים טרעפן זיצן אויף דער שוועל אין זײַן גראָבן לײַווענטענעם העמד, צעכראַסטעט און אָפּגעצערט, און לעבן אים די האַק. ער איז געזעסן אַ פאַרלאָזטער, אַ פאַרזונקענער אין עלנט, אַרומגערינגלט מיט בערג, וואָס האָבן געשוויגן פאַרוויגט אין אייביקן וועלט־סאָד. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער אַליין געהערט אויך צו עפּעס אַ ווײַטער סוידעסדיקער וועלט.

וועגן וואָס האָט ער געטראַכט?

גיכער פון אַלץ וועגן גאָרניט. גלאַט אַזוי געניסטערט אין דער פאַרטרויערטער ווײַטקײַט. קאָן זײַן, אַז טיף אין דער נשמה האָט ער באַדויערט זײַן לעבן. עפשער געהאַט אַפילו טײַנעס צו גאָט, וואָס האָט אים אַזוי גרויזאַם געשטראָפט אויף דער עלטער — צוגענומען בײַ אים אין אַ שוואַרצער מאַגיפע צוויי דערוואַקסענע טעכטער, און דערנאָך דאָס ווײַב, וועלכע האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם צער. נאָר קיין שום קריוודע האָט ער אויף זײַנע ליפּן קיינמאָל ניט אַרויסגעבראַכט. פאַרקערט, מיט אַ פרומער געהאָרכזאַמקײַט געטראָגן זײַן גורל.

— דער אייבערשטער פאַרלאָזט ניט...

און מיט עפּעס אַ גלוביקער אַניוועס הייס געפילט דאָס פײַער פון ביטאָכן, וואָס האָט אַרײַנגעדרונגען טיף אין זײַן האַרצן און געוואַרעמט זײַן פאַרומערט לעבן.

פונקט ווי דאָס וואָלט געווען ערשט נעכטן, זע איך אים שאַבעס און יאָמטעוו שפּאַנען איבער דער איינציקער, אויסגעטראָטענער סטעזשקע. ניט געײַלט, שטענדיק מיט דעם זעלבן גאַנג, שיקנדיק פאָרויס זײַנע לאַנגע טריט. ער לאָזט זיך אַראָפּ אין טאָל, גייט אײַנגעהילט אין טאַלעס, אַרופגעצויגן אויף אים די שאַבעסדיקע קאַפּאָטע, וואָס האָט שוין לאַנג אָפּגעדינט

איר צײַט, און די גאַנצע אָרעמקײַט זײַנע שפּאַרט אַפּיר פון דעם אַלטן, געלאַטעטן שאַבעסדיקן בעגעד.

אין באַלשעמס שולכל האָט ער געהאַט זײַן אייגן ווינקל, דאָרט, ווו עס ברענען די גייר־טאַמידס, און פון דאָרט, מיט אַ פרומער שרעק, געקוקט אויף די גרויסע שוואַרצע אויס׳יעס, צעשטעלטע איבערן אָרנקוידעש אין אַ האַלבער לעוואָנע.

„דע לפני מי אתה עומד״ (ווייס, פאַר וועמען דו שטייסט).

ער האָט געדאַוונט מיט אַזאַ שטילער היסלײַוועס, מיט אַזאַ ווײַנענדיק אַלטמאָדישן ניגון, גלײַך ער וואָלט טאַקע געשטאַנען פאַר גאָט אַליין, פאַר דעם זעלבן גאָט, וואָס האָט אַלפּי יוישער באַדאַרפט אַראָפּנידערן פון די הימלען און, גאָר פּאַרקערט, — באַ אַזרי׳עלן בעטן מעכילע...

אַזוי האָבן עטלעכע יאָר אַוועקגעשפּאַנט פּאַרויס. אַזרי׳על האָט זיך אַלץ מער געעלטערט, געוואָרן אָפּגעשוואַכט. דאָס פּאָנעם נאָך טיפער צעאַקערט, אײַנגעשרומפּן. די באָרד ניט גראָוו, נאָר געלבלעך־ווײַס און שיטער. אַפילע דער קאָפּ אונטער דער פאַרשפּיצטער יאַרמעלקע איז עפּעס ווי קלענער געוואָרן. ער האָט זיך באַוויזן אַלץ זעלטענער אין טאָל און אויף צוריקוועגס זײַנען די פיס געוואָרן קלאָציק־שווער, אופגעהערט פאָלגן. אין דער ברוסט האָט געזאָטן אַ פאַרשטיקטער אָטעם און ער האָט מיד געשלעפּט באַרג־אַרויף זײַן בידנע ביסל לעבן.

— דער אייבערשטער פאַרלאָזט ניט...

און אַזוי וואָלט ער געצויגן זײַן לעבן ביזן סאָף פון זײַנע טעג, ווען ס׳זאָל אין איינעם אַ טאָג ניט געוועזן אַ זעץ טאָן דער בראָך פון מילכאָמע.

געציילטע טעג האָט זיך געפּאָדערט, אַז די דוירעסדיקע יידישע אײַנגעזעסנקײַט זאָל אָפּגעווישט ווערן. דער וועג אין טאָל איז פאַר אַזרי׳עלן מיטאַמאָל געוואָרן אָפּגעשניטן. און אין די אַלטע אויגן זײַנע, אין דער טי־פער אויסגעלאָשנקײַט זייערער האָט גענומען טריפן אַ שטילער טרויער.

אַ געדיכטע פינצטערניש האָט אײַנגעהילט די בערג, און אין שרעק זײַנען פאַרגליווערט געשטאַנען די באַרג־שפּיצן. און איבער די פינצטערע בערג האָבן זיך געקײַקלט בייזע עכאָס פון באָמבעס־אופרײַסן.

באַהאַלטענע וועגן און שטעגן, מיט יאָרן און שלוכטן, האָבן אויך דער־קלערט מילכאָמע.

איר זעט יענעם באַרג־שפּיץ, באַלויכטן פון לעוואָנע־שײַן? איצט זעט מען אים שלעכט אָן, ווײַל ס׳איז פינצטערלעך. הינטער יענעם באַרג האָט זיך געפונען אונדזער פּאַרטיזאַנישע גרופּע. איך בין געוועזן צווישן די אויס־שפּירער און פון דאָרט אָפּט, באַזונדערס אין לויטערע טעג, נאָכגעפּאָלגט נאָך אַלץ, וואָס ס׳קומט פאָר אין טאָל. מיט אייגענע אויגן געזען דאָס ווילדע געיעג נאָך מענטשלעכע לעבנס. געזען, ווי געהאַנגענע וויגן זיך אויף טלי׳עס, מיט אַרויסגעשטעקטע צונגען, פאַרגלאָזטע אויגן און בלוי־געוואָרענע פיס; געקוקט אויף די סרייפעס און קיין מאַכט ניט געהאַט זיי צו לעשן.

צומאָל פלעג איך אָנשטעלן מײַן בינאָקל אויף אַזרי׳עלס שטיבל, כאָטש עס איז געווען צו דעם מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. ווײַט אַרום האָט אַ טעמפּע שטילקײַט געשראָקן מיטן שטומשווײַגן. צו מיר איז אין אָט דער שטילקײַט דערגאַנגען אַפילע אַזרי׳עלס טרוקן הוסטל, וואָס פלעגט זיך אַרויסרײַסן פון זײַן אַלטער ברוסט.

הײַנט גלײבט זיך קוים, אַז זײַן כּאַטקע, אַרײַנגעפּלאָכטן אין דער טיף פון אומענדלעכע וועלדער, איז געשטאַנען אין אַזאַ וועלט־פאַרוואָרפעניש, אין אַזאַ עלנטקייט.

און שטעלט אײַך פאָר, די מילכאָמע האָט געפונען דעם וועג אויך צו אזריעלס פאַרוואָרפן שטיבל.

...ס'איז געווען אַ שאַבעסדיקער זומער־פרימאָרגן, אָן איין וואָלקנדל. די זון איז פרײַ אַרויסגעשווומען פון אונטער די בערג, אָנגעהויבן צייכענען איבערן הימל איר אייביקן קרײַז און געשײַנט בלענדנדיק העל. און פאַר די אויגן האָבן זיך געשפּרייט שטילע, פאַרשלאָפענע ווײַטן אָן יעדן סימען פון אַ לעבעדיקן נעפעש.

איך בין געזעסן אין מײַן באַהעלטעניש, נאָכגעקוקט דעם פרײַען, באַדאַכטן פלי פון בושלען און געטראַכט, צי וועלן זיי געפינען ערגעץ־ווו אין דער וועלט אַ וואַרעם, פרידלעך אָרט אויף איבערווינטערן. ביסלעכווײַז האָט דער הימל באַקומען אַ ראָזלעך־ווײַסן אויסגוס, און די נידעריקע צעשטראַלטע זון איז מיט אַ קילן, רויטלעכן גלאַנץ באַפאַלן די באַרגישע גרינקייט.

אזריעל איז אין יענעם שאַבעסדיקן פרימאָרגן געשטאַנען אין טאַלעס אײַנגעהילט, געבויגן פון אַלטקייט, גלײַך ער וואָלט זיך געגרייט פאַלן קוירים. און די געל־ווײַסע באָרד האָט שטראַליק באַרעמלט זײַן פאַרשפּיצט פּאָנעם מיטן הויכן, צעשניטענעם שטערן. עס איז געווען ווי ניט קיין לעבעדיקן מענטש וואָלט מען דאָרט געזען, נאָר עפּעס אַ געשפּענסט. ער איז געשטאַנען באַוועגלאָז, מיטן פּאָנעם צו מיזרעך און געדאַוונט מיט אַ שטילן טשוווע־ניגן:

— אַדויני, אַדויני אייל ראַכום וועכאַנון...

ער האָט געקלאָגט און גערופן מיט אַלע איווורים, מיט אַלע כּושים, און עס האָט אַזוי אויסטערליש פאַלש געקלונגען דער דאָזיקער רוף. אַ וועלט איז פאַרטרונקען אין בלוט. און ער רופט נאָך אַלץ אָן גאָט — אַ דערבאַרעמדיקער, אַ ליַיטזעליקער זײַנע אויגן, פול מיט צאַר, האָבן געקוקט קינדיש פאַרוווּנדערט, ווי ער וואָלט בעשום־אויפן ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די וועלט איז אַראָפּ פון גלײַכן וועג...

פּלוצעם, ווי פון אונטער דער ערד, זײַנען אויסגעוואַקסן צוויי פאַרשוינען, אין שוואַרצן אָנגעטאָן, ווי צוויי שוואַרצע שאָטנס. זיי זײַנען געווען בעגילופן, נאָר זיך געהאַלטן אויף די פיס. די קרעפּטיקע אָפּגעברענטע הענט, האָבן אַרויסגעשפּאַרט פון די פאַרקאַטשעטע אַרבל. און אויף די אַרבל, העכער די עלנבויגנס, האָבן זיך געזילבערט אויסגענייטע טויטנקעפּ מיט געקרייצטע ביינער. זיי האָבן עפּעס געזוכט, די פאַרשוינען. דערזען אזריעלן באַם אויסשטיין שימענעסרע, מיט דרײַ שפּאַן אויף צוריק, האָבן זיי פּאַכדאָנעסדיק זיך געכאַפּט פאַר די אווטאָמאַטן.

— פּאַרטיזאַנער!

באַלד אָבער באַמערקט, אַז אַרום איז קיינער מער ניט פאַראַן, און זיך צעלאַכט מיט אַ גאַזלאָניש פרעך געלעכטער.

— אָ, דער ראַבינער טאַנצט!

צי האָבן זיי פאַרבלאָנדזשעט אַזוי טיף אין וואַלד, צי עפּשער האָט עמעצער אונטערגעזאָגט, אַז עס איז נאָך ווו געבליבן אַ ייִד — דער לעצטער ייִד — ווער קאָן וויסן.

אזריעל, אָנגעזעטיקט מיט יאָרן, וואָס איז אױף שטורמישע וואַסערן דורכ־געגאַנגען דעם גרויל פֿון וועלט־פֿאָרלוסט וויפֿל טויטן, האָט מיט גאָרנישט ניט אַרויסגעוויזן קיין פֿאַרלוירנקייט. ער האָט נאָר אופֿגעהויבן צו זיי אַ שווערן, שטומען בליק, און דער טאַלעס, מיט דער אָפּגעבליאַקעוועטער אַטאָרע אױפֿן קאָפּ, האָט לײַכט אַ ציטער געטאָן.

איינער פֿון די געקומענע, מיט אָנגעזאָטלטע ברילן אױף דער פּלאַטשיק־געשטופּלטער נאָז, האָט זיך דערנעענטערט צו אזריעלן, און זײַנע וואַסע־ריקע אויגן מיט רויט־פֿאַרלאָפֿענע ווײַסלעכער, ווי בײַ אַ וואָלף, האָבן זיך גיך־גיך באַוועגט.

— זי זינד פּאַרטיזאַנער, ניכט וואַר?

זײַן פֿליישיקע האַנט האָט אָנגעכאַפּט אזריעלס ווײַסע באָרד און זי אַ פֿליק געטאָן מיט אַזאַ שטאַרקן ריס, אַז דער אַלטער האָט זיך אַזש אַ וואַקל געטאָן פֿון ווייטיק. אױפֿן טאַלעס זײַנען אַראָפּגעפֿאַלן עטלעכע רויטע טראָפּנס בלוט.

— פֿי, פֿאַרלאַוזטער יודע!

ער האָט מיט אַ פֿאַרקרימטער עקל־גרימאַסע אַ שפּײַ געטאָן אין אזריעלס פּאָנעם און אים צוריקגעוואָרפֿן אין דער באָרד אַרײַן אַ גאַנצן זשמוט געל־ווײַסע, קלעפּיקע האָר.

עס איז געווען אַ באַגעגעניש ניט פֿון מענטש מיט מענטש, נאָר פֿון מענטש און כײַע.

איך האָב מיט ווייטיק אין האַרצן צוגעקוקט, ווי די בייזע כײַע גרייט זיך פֿאַרצוקן איר רויב. געהערט ווי דער טויט קלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן, נאָר קומען אים צו הילף ניט געטאָרט... אונדזערע אייגענע פֿיס האָבן גע־טראָטן אױפֿן ראַנד פֿון אָפּגרונטן...

זיי אָבער האָבן ניט שטאַרק געאײַלט זיך מאַכן אַ סאָף צו זייער קאָרבן. געוואָלט זיך פֿריער, ווײַזט אויס, איבער אים לוסטיק מאַכן, פֿאַרפֿירן אַ כויזעק־שפּיל, וואָס זאָל דעם יודע דערנידעריקן אין די אייגענע אויגן.

— צײַגען זי אונדז אויך אירען הערליכען יודענטאַנץ!

און זיי האָבן ווידער אויסגעשאָסן אַ ווילד, צעהאַקט געלעכטער.

— ביטע, מיט גרעסטען פֿאַרגעניגען — האָב איך פּלוצעם דערהערט אזריעלס צעקאַליעטשעטן דײַטש — אָבער זאָלן מיר די הערן געפֿעליק ער־לאַובען צו טראַקטירען זיי מיט איין גלאָז גוטן אַלטן ווײַן, נאָך פֿאָן קייזערס צײַטן... זיי וועלן טרינקען צו וואָל, און איך וועל טאַנצן, טאַנצן...

עפּעס ווי איבערגעביטן איז געוואָרן אזריעל, דער שטענדיק אַניוועס־דיקער, אָרעמער באַל־ביטאָכן. זײַן פּאָנעם האָט באַשלאָגן אַ גרויקײַט, און די אויגן האָבן אויסגעזען ווי בײַ אַ שפּאַרבער. ער האָט גערעדט געצוימט, געמאָסטן קרעפֿטיק אַרויסגעבראַכט די ווערטער.

די צוויי פֿאַרשוויגען האָבן ניט אײַנגאַנצן געגלייבט אזריעלן. געלאָקערט נאָך יעדן קער און ריר זײַנעם. אַ פּאָר מאָל זיך איבערגעוואָרפֿן מיט שי־קערע בליקן. אָבער דער קויעך פֿון אַ געשמאַקער גלאָז ווײַן האָט, זעט אויס, געבראָכן זייער צווייפֿל.

— נון גוט, אָבער שנעלער, שנעלער!

— יאַ, ביטע, איך נעם נאָר דעם שליסל...

און ער האָט א יִינגלשן שפּאַן געטאָן פאָרויס.

וואָס האָט דער אַלטער, שוואַכער אזריִעל צוגעטראַכט א מינוט פאַרן טויט, פאַרן אומפאַרמײַדלעכן טויט?

און אויגנבליק האָט געדויערט, ביז אזריִעל האָט מיט גאָר שטילע טריט, קימאַט אויף די שפּיץ פינגער, זיך באַוויזן צוריק אין דער אָפענער טיר. ער איז געווען פעסט אײַנגעהילט אין טאַלעס. די צעפּליקטע באָרד אונטערגע־הויבן, מיט עפּעס א שמייכל אויפן אויסגעבלייכטן פּאָנעם. און נאָר די אויגן האָבן געשאָסן מיט פלאַמיקע צאָרן־בליקן.

ער האָט זיך שטײַף אויסגעגלײַכט, פּונקט ווי ער וואָלט קיין וואָג און שווערקײַט פון עלטער אויף זיך ניט געטראָגן, א לײַכטן קער געטאָן מיט די אַקסלען אַזוי, אַז דער טאַלעס האָט געשווינד זיך אַראָפּגעגליטשט פון זײַנע פּלייצעס, און עס האָט אין זײַן רעכטער האַנט א בלאַנק געגעבן דער שטאָ־לענער גלאַנץ פון דער אַלטער ירושע־האַק מיט די אויסגעשניצטע לייבן און הירשעלעך אויפן שטיל. און ווי עס וואָלט זיך אין אים מיטאַמאָל דער־וועקט די גוואַלדע פון אַלע דורות פּליטנטרײַבער, געקייפּלט אויף די יעסורים און טויט־געשרייען פון די געראַבעוועטע און פאַרפּײַניקטע. האָט ער בליץ־שנעל זיך א וואָרף געטאָן אויף די צוויי פאַרשוינען, וואָס זײַנען געשטאַנען צו אים מיט די רוקנס, און נאָך איידער יענע האָבן באַוויזן זיך צו כאַפּן פאַר די אויטאָמאַטן, האָט ער פלינק, מיט א ווילדן צאָרן־געברום, ווי אַן אַנגעפלויגענער שטורעם, וויסט און מעכטיק געהאַקט מיט ביידע הענט איבער זייערע בלאָנדע, צעשויבערטע קעפּ. געהאַקט האַסטיק, מיטן אימפּעט פון א גײַסטיק קראַנקן, וועלכן ס'איז באַפאַלן זײַן מעשוגאַס, פון זײַן האַלדז האָט זיך געריסן א דערוואָרגענער געשריי, און עס האָט זיך געדאַכט, ווי פון דער האַק צעלויפן זיך אין אַלע עקן רויטע, קלינגענדיקע רייפן.

איין רעגע בלויז האָט אזריִעל צײַט געהאַט צו באַמערקן, ווי דאָס בלוט האָט באַוואַשן זייערע צורעס. בלויז איין רעגע האָט פון זייערע וואַסעריקע אויגן געשפּאַרט מיט שרעק. — זיי האָבן זיך א וואַקל געטאָן אויף צוריק, דערנאָך פאָרויס, זיך געדרייט אויף די באַשטיוועלטע פיס, געקאָרטשעט די קני, ווי זיי וואָלטן זיך פאַר עמעצן געבוקט. עס איז אַוועק א טאַנץ — א צעהוידעטער שיידים־טאַנץ. און אַזוי, טאַנצנדיק, האָבן זיי מיט צעשפּרייטע הענט זיך געבויגן צו דער ערד, ווי זיי וואָלטן געפּרוּווט כאַפּן דעם אייגע־נעם שאָטן...

א רעגע בלויז.

איין איינציקע רעגע... און עס איז שטיל געוואָרן...

אזריִעל, וועלכער האָט אַפילע א פליג אויף דער וואַנט קיינמאָל ניט אָנ־גערירט, האָט מיט געפּענטעטע טריט זיך געשאַרט צו דער אָפענער טיר, זיך געוויגט פון איין זײַט אויף א צווייטער. די האַק, פאַרקלעמט אין דער רעכטער האַנט, איז געווען ווי צוגעוואַקסן, גלײַך ער וואָלט מוירע געהאַט, אַז די צוויי פּעגירים, וואָס האָבן פאַרקריפּלטע זיך געוואַלגערט בא זײַנע פיס, קאָנען זיך נאָך פּלוצעם אופרײַסן פון דער ערד. ער האָט פּאַמעלעך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שוועל, געוואָלט מיט דער לינקער האַנט אַרופּ־שלעפּן אויף זיך דעם טאַלעס און אַזוי, אַן אָפּגעשוואַכטער, געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט. אין איין האַנט די האַק, און אין דער צווייטער דער טאַלעס... און פון די אויגן־ווינקלען האָבן פון זיך אליין געטריפט טרערן, גרונעגן

איבער זײַן געל־ווײַסער באָרד און אינעם שטילן סאָף־זומערדיקן פרימאָרגן האָט ארומגעבלאָנדזשעט א סליכעסדיקער קלאָג־ניגון:

— אַדוי־נוי, אַדוי־נוי אייל ראַ־כום ווע־כאַ־נון...

ס׳איז געווען שאבעס אַף דער וועלט. און אזריעל האָט צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן מעכאלעל שאבעס געווען...

איך בין געזעסן הינטער מײַן בארג־שפּיץ און פונווײַטן אלץ צוגעזען. מיך האָט ארומגעכאַפּט א ברענענדיקער באַגער אראָפּצונידערן צו דעם אלטן אזריעל, צופאלן צו זײַן אײַנדרײַען געבראָכענעם גוף, אָנטאָן אים צוריק דעם טאַלעס אַף די פּלייצעס און אליין אויך זיך פארגיין אין א שטיל געוויין. אין יענע יאָרן האָבן מיר זיך אויסגעלערנט וויינען שטילערהייט. וויינען אין זיך, כאָטש עס איז געווען גענוג סיבעס פאַר געיאָמער.

איך האָב אופגעהויבן די אויגן צום הימל, ער איז געווען ווײַט, און אַף דער ערד האָט געוועלטיקט איין איינציקער גאָט — דער גאָט פון נעקאָמע.

אין יענעם מאָצע־שאבעס האָט שוין אזריעל קיין האַוודאָלע ניט געמאכט. די קויכעס האָבן אים אינגאנצן פארלאָזט. באלד נאָך דעם, ווי די ערשטע שטערן האָבן זיך באוויזן, האָט בא זײַן שטרויענעם געלעגער זיך אָנגעצונדן א וואקסן ליכטל, געבלינצלט פארשטעלט, קעדיי די שײַן זאָל צום דרויסן ניט דערגיין, און עס האָט אין דער שטילקײַט זיך געהערט דער אָטעם פונעם פלעמל, וואָס האָט געצאנקט אינעם צעלאָזטן כיילעוו. און אזריעל, גלײַך ער וואָלט האָבן אלץ פארענדיקט אַף דער זינדיקער ערד, האָט מיט א טיפן קרעכץ געזאָגט ווידע און צוקאָפּנס איז געשטאנען דער טויט, געוואָרט רויִק, געדולדיק, אקשאָנעסדיק.

מע זאָגט, אז בא צאדיקים נעמט גאָט אליין צו די נעשאָמע דורך א קוש. אויב דאָס זאָל זײַן עמעס, האָט אזריעל ניט נאָר אָפּגעלעבט אין די בערג, ווי דער באַלשעם האקאָדעש, נאָר אוועק פון דער וועלט, ווי איינער פון יענע פארטײַעטע, פארניסטערטע לאַמעדוואָווניקעס.

און די וועלט איז אָרעמער געוואָרן מיט א באהאלטענעם צאדיק.

קימאט אין די זעלבע שאָען, ווען מיר האָבן צו קוורע געבראַכט דעם אלטן אזריעל, געטראָגן אים, אײַנגעוויקלט אין זײַן טאַלעס, איבערגעדעקט מיט דער שאבעסדיקער קאַפּאָטע, אין די זעלבע שאָען האָבן צוויי שאָטנס, באוואָפנטע מיט דײַטשישע אווטאָמאטן, זיך אראָפּגעלאָזט פון די בערג, און עס האָט מיטאמאָל זיך א וויג געטאָן די נאכט. אופרײַסן האָבן געשפּאָלטן די פינצטערניש, גלײַך דער הימל וואָלט זיך געבראָכן. די נעסט פון רעציכע האָט גענומען פלאַמען.

אין טאָל האָט געוועלטיקט דער גאָט פון נעקאָמע...

און א גאנצע נאכט האָט איבער אזריעלס פרישן קייווער יאָמערלעך געכליפּעט א סאָווע, און שטערן זײַנען געפאלן, גרויסע, ליכטיקע, גלײַך דער טונקעלער הימל, ווי אײַנגעהילט אין טרויער, האָט געגאָסן מיט גרויסע, ליכטיקע טרערן...

אזוי, יונגער פריינט, ווי נאָר איך דערהער דאָס געשריי פון א סאָווע, וואקסט אויס פאר מיינע אויגן דער אלטער אוריעל.

און די האק?

די האק האָבן מיר אָפּגעהיט ווי דאָס אייגענע לעבן. זי האָט דורכגעמאכט מיט אונדז א לאנגן בלוטיקן וועג. מיט איין מאָל אונדז אָנגערעגט צו גוורע, און שוין באם סאמע סאָף פון דער מילכאָמע, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט צו די אייגענע, באפרייטע היימען, האָבן מיר זיך פלוצעם געכאפּט, אז די האק מיט די אויסגעשניצטע לייבן און הירשעלעך, וואָס איז איבערגעגאנגען פון דאָר צו דאָר, איז מיטאמאָל פארפאלן געוואָרן. וויאזוי דאָס איז געשען, ווער און ווו עס האָט זי פארלוירן, האָבן מיר ניט געקאָנט דערגיין. עס האָט אויסגעזען, ווי די ערד האָט זי פארשלונגען, גלייך זי וואָלט אוועק צו אירע לייבלעכע יאָרשים — צו די לעצטע יידן פליטנטרייבער...

# א געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען

איספּאַס.

א קליין דערפֿעלע אַפֿן וועג צו די קאַרפּאַטן, וואָס טיילט זיך מיט גאָר־נישט ניט אויס פֿון די אַרומיקע דערפֿער, עפּשער נאָר מיט זײַן אויסטער־לישן סלאַווישן נאָמען, וואָס וואָרצלט אין דער טיף פֿון דווירעס. גענוג אָפּ־צוטיילן דעם ערשטן בוכשטאַב, עס זאָל א קלינג טאָן:

— אי — ספּאַס... און דאָס באַטײַט: און געראַטעוועט...

ווער ווייסט מיט וואָס פֿאַר א געשעעניש דער נאָמען איז פֿאַרבונדן, און וואָס פֿאַר א שטורעמס ער איז געבוירן געוואָרן?

די אַרומיקע בערג קייטלען זיך אין א שטילער פֿאַרטראַכטקייט. און נאָר דער ווינט וואָיעט אין די באַרגשפּאַלטן, ווי ער וואָלט געטראָגן עפּעס א ווײַטן עכאָ פֿון פֿאַרהוילענע קלאַנגען.

אַן עכאָ פֿון קלאַנגען, פֿון צײַט, פֿון מענטשלעכן זיקאָרן...

וואַנדערער, אויב דיר וועט אויסקומען דורכפֿאָרן אָט דאָס דערפֿעלע, פֿאַרהאַלט זיך א ווײַלע, הער זיך גוט אײַן אינעם רויש פֿונעם ווינט, און דו וועסט אָפֿ זיכער דערהערן א וויכער פֿון מעשׂנע קלאַנגען, ווי גלײַך עמעצער וואָלט האַסטיק געוויגט קלויסטער־גלאָקן. און אויב דיר וועט אָפּ־גליקן אין דײַן וואַנדער־וועג און דו וועסט באַגעגענען א באַיאָרטן טוישעוו, שטעל אים אָפּ און ער וועט גערן דיר דערציילן א זייער טרויעריקע און זייער העלדישע געשיכטע.

איך האָב זי געהערט מיט יאָרן, יאָרן צוריק.

## א

...אין די לעצטע מילכאָמע־טעג, ווען עס האָט נאָך, ווי פֿון א ניט פֿאַר־היילטער וווּנד, געטריפֿט מיט צעבראָכענע האָפֿענונגען און פֿאַרוויאַנעטן כאַלעם און מע האָט באַדאַרפֿט, ווי פֿון אונטער כורוועס, אויסגראָבן זיך אַליין, אָנהייבן פֿונדאַסנײַ צובינדן פֿאָדעם צו פֿאָדעם, לעבן צו לעבן, האָב איך אָפֿ די וועגן, וואָס האָבן געפֿירט אָפֿ צוריק פֿון דער באַפֿרײַטער טראַנס־ניסטריע, באַגעגנט ניט ווײַט פֿון דעם דערפֿעלע איספּאַס אַן עלטערע פֿרוי. און עפּשער האָט זי מיר נאָר אויסגעזען אַלט, ווײַל איר דריבנע גערונצלט פּאָנעם איז געווען א מאָדנער צונויפֿשטעל פֿון א שאַרף פֿאַרשפּיצטן קין, איבערגעצויגן מיט א דינער בלייך־גרינלעכער הויט, טרוקן ברענענדיקע אויגן, ווי בא א פֿיבער־קראַנקן, און בלוטלאָזע ליפּן, וואָס האָבן זיך באַ־וועגט מיט עפּעס א קינדעריש־קאַפּריזנער ווייכקײַט.

זי איז געזעסן צוגעשפּאַרט צו אַ בוים. זײַן געלעכצטער שטאָם האָט אומעטיק געוויגט שוואַרצע אָפּגעבערענטע צווײַגן און פאַרשפּרייט אַ נאָך ניט אײַנגאַנצן אויסגעוועפּטן רייעך פון סרייפעס. זי איז געזעסן אין הוילע זאָקן אױף די פיס, ווי מע זיצט שיווע, און צוניפּציעדיק אפן פּאָנעם אַלע רונצלען פון איר בלייך־גרינלעכער הויט, געפרעגט בײַ מיר:

— איר וואָלט געגלייבט, אַז אין דער כוואַליע פון מאָרדן, וועלכע האָט פאַרפּלייצט די גאַנצע לענג פון די בוקאָווינער קאַרפּאַטן, זאָל בלײַבן פאַר־היט אַן איינציק קליין דערפעלע?

די פרוי האָט שווער געאָטעמט, און אין יעדן אָפּגעריסענעם אָטעם־צוג, וואָס האָט זיך געריסן פון איר טרוקענער ברוסט, האָט זיך אַרײַנגעקייטלט אַ לײַדנשאַפטלעכע און אויסטערלישע געשיכטע וועגן פאַרברעכן און דרייסט־קײַט, מעסירעסנעפעש און גוורע, וועגן אַ גאַלעך מיטן נאָמען מאַקאָווײ. זי האָט גערעדט אין אַ האַלבן דרעמל, באַלויכטנדיק אירע רייד מיטן שימער פון אייגענער פאַנטאַזיע, און אין יעדן אַרויסגעבראַכטן וואָרט האָט געפלאַ־טערט לעגענדע...

און די וועלדער אַרום האָבן גערוישט, אַזוי ווי זיי וואָלטן אויך עפּעס דערציילט.

איך האָב געקענט דאָס דערפעלע. געקענט דעם גאַנצן קאַנט, וואָס האָט קימאַט גאַנצע פיר מילכאָמע־יאָר זיך געטונקען אין רעציכעס. און דעם גאַלעך האָב איך געקענט.

אינעם האַסטיקן געלויף פון אונדזער אומרויִקער צײַט האָב איך אָבער פאַרגעסן די פרוי. פאַרגעסן דאָס דערפעלע. און אויך דעם גאַלעך מיטן נאָמען מאַקאָווײ.

## ב

איספּאַס.

דער צוג שנײַדט דורך דאָס דערפעלע אין געציילטע מינוטן.

אין אָפענעם פענצטער אָטעמט אַרײַן אַ וואַרעמער און ווייכער זומער־טאָג. פּילקאָלירקע הוצולישבאַצירטע הײַזלעך שווינדלען פאַרבײַ, בלענדן מיט דעם רייץ פון גליקלעכער באַזעסנקײַט און פרידלעכער רו. פונוויטן נעפּלען זיך באַוועלדערטע בערג, זיי זעען אויס געדיכט און טונקל. בײַ זייער צופוסנס שפּרייטן זיך פעלדער, וואָס יאָגן נאָך דעם צוג מיט אַ צעהוידעטן שטיל־שאָרכענדיקן רויש פון רײַפנדיקע טווע־זאַנגען.

אַ קלויסטערל טויכט אויף. אַן אַלט, פאַרשלאָסן צערקווועלע, מיט לענג־לעכע אויסגעלאָשענע פענצטער. אַרום דעם קלויסטערל דרעמלט אַ צווינ־טער, און אַפן סאַמע שפּיץ פונעם שוואַרצן אײַזערנעם צײלעם שפּילט מיט צויבער־פאַרבן אַ קופּער־רויטע שקיִע.

אין מײַן קינדהײַט, פאַרזייט מיט אַ קערנדל שרעק אין האַרצן, מיט אַ מוירע פון כאַליִע ניט בלינד ווערן, בין איך מיט אָפּגעקערטע בליקן און אַ שפּרונג אױף די ליפּן פאַרבײַגעלאָפן דאָס קלויסטערל. אויך דעם גאַלעך האָב איך אויסגעמיטן אין מײַן קינדהײַט, און באַם באַגעגענען אים אַרי־

בערגעוואָרפן א שטרוי איבער דער פּלייצע. פאַרוואָס עפּעס דאַפקע א שטרוי, ווייס איך ביז הײַנט ניט.

צי האָט דער גאַלעך באַמערקט דעם מינהעג־קאַדמוינים? מיסטאָמע יאָ. ווײַל עפּעס א קרומער שמייכל האָט געשוועבט אויף זײַנע ליפּן.

שפּעטער מיט יאָרן, ווען איך האָב פאַרשטאַנען דעם באַטײַט פון אזא שמייכל און באַהערשט פון א בושע־געפיל, געגאַרט אים באַגעגענען, עפּשער זיך אפילו פאַרענטפערן פאַר די אריבערגעוואָרפענע שטרויעלעך, איז ער שוין אויף דער וועלט ניט געווען.

דאַכט זיך מיר איצט, פאַרבײַפאָרנדיק דאָס דערפעלע, אז די סטעזשקע האָבן נאָך ניט אָפּגעמעקט די שפּורן פון זײַנע טריט. און די באָן יאָגט נאָך א געמיש פון קלאַנגען, ווי גלײַך עמעצער וואָלט מיט קויער געוויגט די פאַרשטומטע גלעקער באַם אַלטן קלויסטערל, און אין די קלאַנגען רײַסט זיך אַרײַן, ווי א שטורעם, א שאַלנדיקער עכאָ, אן אָפּקלאַנג פון א מוירע־דיקער צײַט.

...זומער אײַן און פערציק.

בלוטדורשטיקע באַנדעס, פאַרשיקערטע פון ווילדן יידן־האַס, האָבן ווי בלינד צעבלאָזענע זאַווערוכעס דורכגעשניטן די גאַנצע לענג פון די קאַר־פּאַטן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך מאָרד און גזײלע.

וואָס מער די סינע איז געוואַקסן, אַלץ בלוטיקער זײַנען געוואָרן די רעציכעס, און צענדליקער טויטן האָבן מיט כײַשער קראַפט זיך געוואָרפן אָפּן לעבן, פאַרצוקט א דאָרף נאָך א דאָרף און פאַרוויסט אַלטע, פון דורעס אײַנגעזעסענע יידישע היימען.

אין די בערג, מיט פאַריסענע שפּיצן, פונקט זיי וואָלטן באַם הימל גע־בעטן הילף, האָבן לאַנג געגליווערט צעווייטיקטע יעלאָלעס פון ווײַבער און קינדער.

דערנאָך איז שטיל געוואָרן...

די בערג זײַנען געשטאַנען פאַרטראַכטע, גלײַך זיי וואָלטן געטראָגן אין זייער שטיינערן האַרץ א פאַרבאָרגענעם צאַר, געשטאַנען באַלויכטענע פון פײַער־רויטע שקיִעס, און די פלאַמיקע גסיסע־פאַרבן האָבן געצאַנקט, ווי ליכט באַם צוקאָפּנס פון טויט...

## ג

מאַקאָוויי איז געווען אין סאַמע בלי פון זײַן עלטער, באַ די פּופּציק אן ערעך. עמעס, אין זײַנע לאַנגע, ברוינע האָר האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע זילבער־פעדעם. אָבער ער האָט אויסגעזען קרעפּטיק, געווען ברייט־פּלייציק, מיט שאַרפע מענערישע שטריכן אינעם עטוואָס אײַנגעפאַלענעם ענערגישן פּאָנעם. און זײַנע גרוילעכע פאַרזשמורעטע אויגן אונטער גע־דיכטע ברעמען האָבן פאַרטײַעט אין זייער טיפקײַט אן אומרויִק־טליִענדיק פײַער.

ער איז געווען א זון פון א פּאָשעטן פויער, און פון זײַן גאַנצער קרעפּ־טיקער פיגור אין א שוואַרצער געפאַלדעוועטער ריאַסע מיט א ברייטן גרי־

נעם גאַרטל קימאַט ביז אונטער דער ברוסט האָט געוויִעט מיט געזונטער פֿויערישקייט.

— מוזשיק!

מיט אַזאַ צונאָמען האָט מען אים געקרוינט נאָך אין גימנאַזיע. און דורכן גאַנצן לעבן איז אים נאָכגעגאַנגען זײַן פֿויערישער אָפּשטאַם. ניט איין מאָל פֿלעגט זיך אים אויסווײַזן, ווי ער הערט דאָס כּריפּענדיקע קאָל פֿון זײַן זיידן, דעם געוועזענעם הײַדוק:

— דער שפּאַרבער און די שוואַלב פֿליִען אין פּאַרשיידענע הימלען...

אין די סטודענטישע יאָרן, ווען רײַכע באַיאַרישע זינדלעך האָבן פֿרייִדיק און זאָרגלאָז פֿאַרבראַכט די צײַט, האָט מאַקאָוויי זיך אָפּגעגעבן מיט שטודירן דעם טאַנאַך און די שפּראַך, אויף וועלכער ער איז געשאַפֿן. און מאָדנע, אים האָט מיטגעריסן ניט אַזוי דער רעליגיעזער אינהאַלט, ווי דער ליטעראַריש־קינסטלערישער פֿאַרנעם.

נאָר אויב דער טאַנאַך האָט געהאַט אַ דירעקטע שײַכות צו זײַנע טעאָלאָגישע אָנשויונגען, האָבן סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן, מיט וועלכע ער האָט פּלוצעם זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן אויף די העכערע קורסן, זיך אינגאַנצן ניט געפּאָרט מיט זײַן צוקונפֿטיקער גאַלאָכעס.

וואָס האָט גורעם געווען דערצו?

זאָל עס געווען זײַן דער ווילן צו באַנעמען דעם גאַנג פֿון דער מענטשלעכער געשיכטע אין איר גרעאַנגל פֿון פֿינצטערניש און כאַאָס צו ליכט און האַרמאָניע? צי עפּשער איז עס געווען דאָס פֿײַער פֿון פּלוצעם אומגעקומענע ספּייקעס בענעגייע גאָט און זײַן מישפּעט, בענעגייע ציל און זין פֿון לעבן, וואָס האָט, ווי בײַ אַ סאַך פֿון זײַן דאָר, אויך אין זײַן יונגער נעשאָמע זיך צעפֿלאַקערט?

ווער קאָן עס הײַנט וויסן?

קיין באַשטימטע פּאָליטישע אָנשויונגען האָט מאַקאָוויי ניט געהאַט. די געזעלשאַפֿט האָט ער באַטראַכט ווי אַ פֿעלקער־צעטיילונג, און ניט ווי אַ צעשפּאָלטענע אויף קלאַסן. און, האַלטנדיק עס פֿאַרן אייניציקן עמעס, האָט ער אויף אַזאַ אופֿן געוואָלט זיך דערגראָבן צום סאָד פֿון סאָציאַלע יוירונגען.

מיט יונגן ברען האָט ער שטודירט די ווערק פֿון די פֿראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן, זייערע געדאַנקען וועגן דעם לעבן און דער געזעלשאַפֿט, וועגן אָרדענונג און האַרמאָניע האָבן אַנטפּלעקט פֿאַר אים אַ נײַע וווּנדערלעכע וועלט. ער איז געווען אַ פֿלאַמיקער אָנהענגער פֿון זשאַן זשאַק רוסאָ, וועמען ער האָט מאַמעש פֿאַרגעטערט, געווען באַווירקט פֿון רוסאָס באַרימט יווערק „יוליע, אָדער די נײַע העלאָיזע”.

יוגנט איז שטענדיק יוגנט.

אפֿילע דעמלט, ווען עס דאַכט זיך, אַז טעאָלאָגישע צוימען האָבן אָפּגעטייט די פּאָעזיע פֿון יונגקייט, פֿאַרשטעלט אַלע האָריזאָנטן פֿאַר דעם האַרץ און דער נעשאָמע...

און עפּשער איז מאַקאָווייען, דעם זון פֿון די קאַרפּאַטן־בערג, נאָענט געווען דער רוסאָישער איבערפֿלעכט פֿון רעליגיעזן און סאָציאַלן פּאַטאָס מיט דעם רוף „צוריק צו דער נאַטור”?

די צײַט אָבער האָט געטאָן אירס.

אין יאָרן אַרום איז ער געוואָרן ניט מער ווי א דאָרפס־גאַלעך, וואָס איז אָנגעגאַנגען פאַר א מענטשן א טיף גלויביקן און גערעכטיקן.

אָבער צו דעם פּאָר צענדליק, פון קאַמע יאָרן אין דאָרף אײַנגעזעסענע, יִידישע מישפּאָכעס, וואָס האָבן דאָסראָוו געשעפט זייער בידנע האַכנאָסע פון אַרענדירטער ערד אָדער פון טרײַבן ספּלאַוועס, האָט ער זיך באַצויגן גלײַכגילטיק און קאַלט. מיט גאָרניט באַרירט זייערע זיטן און מינהאָגים, אָבער קיין גוטס זיי אויך ניט געטאָן, ווי גלײַך זיי וואָלטן גאָר אינגאַנצן אױף דער וועלט ניט געווען. און יִידן האָבן עס אויסגעטײַטשט אױף זייער אויפן.

און דאָך...

ווען צום דאָרף איז דערגאַנגען דער אָפּשײַן פון בלוטיקע פּײַערן, וואָס האָבן זיך צעפלאַקערט ביז אין דער טיף פון די קאַרפּאַטן, האָט מאַקאָוויי זיך פאַרטראַכט:

— אין וועמענס נאָמען און צוליב וועמען ווערן אויסגעפירט די בלו־טיקע מאָרדן?

ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם זאַג פון זײַן זיידן, דעם געוועזענעם הײַדוק:

— דער שפּאַרבער און די שוואַלב פליִען אין פאַרשיידענע הימלען...

— מע טאָר ניט דערלאָזן קיין מאָרדן אין דאָרף!.. — האָט ער פעסט בא זיך באַשלאָסן. — נאָר וויאַזוי?.. מיט וואָס פאַר א מיטלען?..

ער האָט דאָך אַכוץ זײַן גלויבן, וואָס האָט אים באַדאַרפט דינען פאַר א פאַנצער, מער גאָרניט פאַרמאָגט. צי וועט עס גענוג זײַן אױף אָנצינדן הער־צער?

ער האָט געוווּסט, אַז דאָס דאָרף איז ניט קיין אייניהײַטלעכע האַרמאָנישע גאַנצקײַט, און אַז טראָפּנס גיפט האָבן אויך אַהער זיך אַרײַנגעגאָסן... וועט ער געפינען דעם געהעריקן קעגנגיפט? און אויב ניט?

## ד

טעג און נעכט האָבן זיך געביטן.

ליכטיקע זומערדיקע טעג און שטאָקפינצטערע נעכט. און אין די נעכט האָבן געבושעוועט סרייפעס, און שטערן זײַנען געפאַלן, ווי אויסגעלאָשענע לעבנס.

אין איינער א נאַכט האָט מאַקאָוויי געקניט פאַרן אַלטאַר. זײַנע אויגן האָבן געבלאַנדזשעט איבערן באַגילדטן איקאָנאָסטאַס, זײַנע ליפּן האָבן שטיל געמורמלט:

— „פאַרזויסט ניט מײַן נעשאָמע מיט רעשאָים,
און דאָס לעבן מײַנס מיט בלוטדורשטיקע...״

ער האָט דאָס פּסאַלטיר־געבעט אויסגעוואָרעמט אין זײַנע געפילן, באַ־לויכטן עס מיט דער שײַן פון זײַן אייגענעם געמיט. אַלץ האָט איידעס געזאָגט, פון וואָס פאַר אַן אומרו ער איז באַהערשט און צו וואָס פאַר א שליכעס ער איז גרייט...

האָפענונג און פאַרצווייפלונג האָבן זיך צונויפגעגאָסן, געוואָרן איינס. און ער האָט זיך געפילט אַזוי, גלײַך ער וואָלט געהאַלטן אין זײַנע הענט ביידע עקן פון לעבן און טויט...

קימאַט אין דער זעלבער צײַט, אין אַ צווייטן עק דאָרף, אין אַ קליין פאַרומערט שולכל איז שאַפּלדיק געשטאַנען פאַרן אָרנקוידעש דער אַלטער שאַכנע־לייב, אַ פאַשעטער ייִד מיט אַן אויסגעצערט פאַרמעט־פּאָנעם און אַ זילבער־ווײַסער באָרד. ער האָט געהאַלטן אַן אָפן סידערל, פאַרגעלט פון טרערן און באַשפּריצט מיט ביילעוו, און עס האָבן אַרויסגעשריגן פון דאָרט די זעלבע טילים־ווערטער.

אין שולכל איז געווען ווי טישעביאָוו. מע איז געזעסן אויף דער ערד, בײַ איבערגעקערטע שטענדערס. ווײַסע ליכט האָבן געברענט מיט אַ שטילן נאָגנדיקן געפלאַטער, און אַ ווײַטער טרויער פון אַלטע פאַרטונקלטע צײַטן האָט זיך געוויגט אין די ציטערנדיקע פלעמלעך. און עס איז געווען אין זיי עפּעס פון דעם טויט, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער אַלע נאָענטע און ווײַטע וועגן...

שאַכנע־לייב האָט אײַנגעגראָבן זײַן קאָפּ אין פאָרוויכעס און אַרײַנגעוויינט אין אָרנקוידעש מיט אַ צעצויגענעם אייכאָ־ניגן:

— ריבוינעשעלוילעם, זע, וואָס עס איז געוואָרן פון אונדז... מיר זײַנען אויסגעשטעלט אויף שפּאָט און פאַרניכטונג... אַד מאָסײַ?..

טרערן האָבן פאַרגאָסן זײַן פּאָנעם. גליִענדיקע פּײַן האָט געברענט אין זײַן צעריסן געמיט.

און דאָס גאַנצע שולכל איז געווען אײַנגעהילט אין פּאַכעד, אין אומעט, אין וואַרטן אויף אַ נעס...

## ה

אינגיכן האָט זיך אָנגערוקט די שאָ פון אַלילאָס־דאָם.

ווי אַ סטײַע הונגעריקע וועלף, האָבן זיי באַלאַגערט דאָס דאָרף, די פּאַכלײַט פון אַראָפּהאַקן קעפּ, פון צעזעגן לעבעדיקערהייט, די צעשטערער פון דווירעסדיקע מענטשלעכע ווערטן. צעהיצטע, מיט רויטע שיקערע גאַז־לאָנים־פּענעמער, האָבן זיי געוואָרט, עס זאָל צופאַלן די נאַכט... און די לופט האָט פאַרסאַמט דער איבערגעברענטער רייעך פון סאַמאַהאָן.

דאָס דאָרף איז געלעגן פאַרזונקען אין אַ גרויזאַמען שווײַגן. פּלוצעם האָבן אין דער שווערער פאַרשטומטקײַט זיך צעקלונגען קלויסטער־גלאָקן. געקלונגען מיט צעשלײַדערטע קלאַנגען, ווי אַ צאַרנדיק צעברילטער שטור־רעמווינט. פון אַלע פּויערישע כאַטעס איז מיט צעשראָקענע קוילעס אַרויס יונג און אַלט, זיך געלאָזט לויפן איבער אַלע וועגן און סטעזשקעס, ווי גע־טריבן פון אַ בלינדן ווינבער.

און וואָס האָבן זיי דערזען?

דער גאַלעך מאַקאָווי איז געשטאַנען אויף דער זוואָניצע און געוויגט אַלע דרײַ קופּערנע גלעקער מיטאַמאָל. געוויגט שטאַרק, פרײַ, לײַכט און אַליין אויך ווי געשוועבט אין דעם פרומען, צעברומטן געקלאַנג.

לעבן אים האָט א צעטומלטער, מיט א פאַריסענעם קאָפּ געקניט דער קלויסטער־דינער, א צעקנייטשט אַלט פויערל, מיט בלייכע אײַנגעפאַלענע באַקן און שיטערע צעשויבערטע האָר. זײַן צעכראַסטעט העמד האָט אופגע־דעקט א דאַרע ברוסט מיט א בלעכענעם צײלעם אויף איר. ער האָט געמיינט, אַז דער גאַלעך איז פון זינען אראָפּ, און דערשראָקן געפינטלט צו אים מיט די זקיינישע אויגן, יאָמערדיק זיך געבעטן:

— לאָז אָפּ, באַטיושקאַ!

נאָר מאַקאָווי האָט קיין אכט ניט געלייגט אויף דעם פויערל. ער האָט קיין זאַך ניט געזען און ניט געהערט, און טאַקע ווי געטריבן פון וואַנזין, געוויגט די גלעקער אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ביז דאָס גאַנצע דאָרף איז זיך ניט צונויפגעלאָפן. דעמלט האָט ער אָפּגעלאָזט דעם שטריק. דער גלאָקן־געקלאַנג איז מיטאַמאָל אָפּגעשטאָרבן. און נאָר איבער די בערג האָט נאָך לאַנג זיך געטראָגן זײַן קופּערנער עכאָ.

מאַקאָווי איז געשטאַנען אויף דעם גלאָקטורעם א צעפּאַטלטער, מיט א צעפּלויגענער ריאַסע, אָן א גאַרטל. זײַן פּאָנעם האָט געפלאַמט, פון די אויגן האָבן פונקען געשפּריצט, און עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט אינגאַנצן געברענט מיט עפּעס אַן אינערלעך פײַער.

ער האָט מיט שאַרפע בליקן געמאָסטן דאָס אָנגעלאָפענע דאָרף, וואָס האָט געטומלט, געהאָגלט מיט אופגערעגטע קולעס. אָפּגעוואַרט עטלעכע רעגעס, ביז די מענטשן האָבן זיך א ביסל באַרויִקט, קוקנדיק איבער אַלע־מענס קעפּ צו דער גרענעץ פונעם דאָרף, האָט ער זיך געווענדט צו זײַנע לאַנדסלײַט:

— ברידער מײַנע!.. א גרויסע שטראָף וועט פאַלן אויף אונדזערע קעפּ און אויף די קעפּ פון אונדזערע קינדער און קינדסקינדער, אויב מיר וועלן דערלאָזן צו בלוטפאַרגיסונג...

ער האָט די ווערטער אַרויסגעבראַכט מיט גרויס אימפּעט. און זײַן שטים, וואָס איז געוויינלעך געווען א וואַרעמע, א ברוסטיקע, ניט זייער קיין שטאַר־קע, נאָר א ריינע און ווייכע, האָט איצט געדונערט, ווי גלײַך ער האָט דער־קלערט עמעצן א קריג אויף לעבן און טויט...

ער איז געשטאַנען ווי אויסגעגאָסן פון בראָנז, שטאַרק, יונג, אַנטשלאָסן.

— דעם ייִד האָט באַשאַפן גאָט... ניט מיר דאַרפן זײַן איבער אים די ריכטער...

ער איז געווען אופגערעגט, און דאָס פּאָנעם האָט געלויכטן מיט עפּעס א זעלטענער באַגײַסטערונג.

— איך האָב אַלעמאָל, אין שווערע צײַטן, גערופן צו אײַער געוויסן... און איר האָט מיר אַלעמאָל געענטפערט מיט פאַרשטענדעניש... צי דען וועט איר איצט מיך פאַרלאָזן?

פּלוצעם האָט דאָס אַלטע פויערל, דער קלויסטער־דינער, זיך א שאַר געטאָן פאָרויס, צוגעפאַלן צו דעם גאַלעכס פיס, זיך איבערגעצייליעמט, און מיט א ציטערדיק קאָל, אויסגערופן:

— באַטיושקאַ, טײַערער, פיר אונדז... מיר זײַנען גרייט, מיר זײַנען מיט דיר...

עס איז געווען ווי א בליץ וואָלט א שלאָג געטאָן און צעגדליקער קווי־לעס, האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין מעכטיק קאָל:

— מיט דיר... מיט דיר...

א שטראָם ווארעמקייט האָט זיך א גאָס געטאָן צו מאַקאָוויס האַרץ. ער האָט געפילט, ווי די אויגן האָט פארצויגן א פייכטקייט, און ער האָט אין געדאנק זיך געבעטן:

— אַלמעכטיקער גאָט! גיב מיר קויעך אויסצוהאַלטן ביזן סאָף...

א ווײַלע איז שטיל געוואָרן.

די פארזאמלטע אײדע איז געשטאַנען באַוועגלאָז, ווי פארשטיינערט. און אין אָט דער פארשטיינערטער באַוועגלאָזיקײט האָט זיך געפילט א שווערע, אָנגעשטרענגטע קראַפט.

...אַנדערש האָט דער פלוצעמדיקער גלאָקן־געקלאַנג אָפּגעהילכט אין די ייִדישע שטיבער. ער האָט זיך אַהין אַרײַנגעריסן מיט אַן אָנזאָג פון סאַקאָנע. עס האָט א בלאָז געטאָן מיט גרויל, און א פארשטומטע פײַן האָט זיך פארטײַעט הינטער פאַריגלטע און פארהאַמערטע טיר־און־טויער...

## וו

דער טאָג האָט גענומען זיך אויסלעשן.

א בלײַכער זון־פארגאַנג האָט לאַנגזאַם זיך גערוקט צום מײַרעוודיקן האָריזאָנט. געוויקלט זײַנע לעצטע פאַסן אַרום די ייִדישע הײַזלעך, צע־שטעלטע אויף העפקער. און מענטשן מיט אומעטיק פארנעפּלטע בליקן האָבן אַרויסגעקוקט דורך די שפּאַרונעס פון פארהאַנגענע פענצטער און געזען, ווי עס ציט זיך עפּעס א פּראָצעסיע, געהערט ווי שווערע טריט שלאָגן אָפּ איבער די שטיינער פונעם ברוק.

קימאַט דאָס גאַנצע דאָרף, גרויס און קליין, גייט, גייט... צלאָמים און איקאָנעס שוועבן הויך אין דער לופט און אין דער פאָדערשטער ריי — דער גאַלעך. ער טראָגט א גרויסן זילבערנעם צײלעם אין די הענט, האַלט אים שטאַרק צוגעטוליעט צו דער ברוסט.

א פּאַכעד איז באַפאַלן דאָס איבערגעשראָקענע ייִדישע געסל. אין א פארצווייפלטער סאַקאָנע־אײַלעניש האָט מען קינדער אויף די ביידעמער באַ־האַלטן, קאַלע־מיידלעך אין די קעלערס אַראָפּגעלאָזט.

און נאָר מאַקאָווי האָט געוווּסט, אַז דאָס גייט ער איצט באַגעגענען זײַן ניצאָכן איבער פארברעכן. ער איז געווען זיכער, אַז די שיקערע באַנ־דעס וועלן ניט וואַגן זיך אַנטקעגנשטעלן דעם באַשלוס פון א גאַנץ דאָרף. ער האָט געשפּאַנט פּײַערלעך און דערהויבן, אײַנגאַנצן זיך געלויכטן, כאָטש דאָס פּאָנעם האָט אויסגעדריקט מידקײַט און זאָרג. אין זײַן ברוסט האָט זיך צעזונגען עפּעס א מעכטיק געזאַנג. עס איז געווען דער שיר־האַשירים פון זײַן לעבן; דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען.

שאָען זײַנען געלאָפן.

פון יענער זײַט דאָרף זײַנען צו די ייִדישע שטיבער דערגאַנגען אָפּגעּ־

ריסענע שטימען. אַט אופגערודערטע און אַט פאַרדומפּענע, אַט נאָענטע און אַט זייער ווײַטע. קיינער אָבער האָט זיך ניט געוואָרפן אויף די ייִדן מיט נאַקעטער רעציכע. דער שרעק פון אומקום האָט מיטאַמאָל זיך אָפּגעטאָן. און ייִדן, אַלץ נאָך דערשראָקענע, האָבן פאַרוווּנדערטע זיך געפרעגט:

— וואָס האָט דעם גאַלעך מאַקאָווי באַוויגן צו אַזאַ שריט?.. ס'האָט דאָך געקאָנט אים קאָסטן דאָס לעבן...

...און שאַכנע־לייב האָט שטיל און פאַרכטיק, מיט דעם זעלבן אַלטן אייכאָ־ניגן, גלײַך ער וואָלט נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרן אָרנקוידעש, אַרויס־געזיפצט די ווערטער פונעם באַלשעם:

— ווי, די וועלט איז פול מיט ליכט און פול מיט סאָד...

# ז

יאָרן זײַנען פאַרגאַנגען.

א האַרבסטיקער פאַרנאַכט האָט אומעטיק געזיפּט א דריבנעם רעגן און ניט אופגעהערט אָפּטרייסלען די לעצטע בלעטער פון די נאַקעט געוואָרענע טאָפּאָלן אַרום דעם אַלטן קלויסטערל. דער רעגן איז געפאַלן פונעם צע־לעכצטן שינדל־דאַך, זיך צערונען איבער די שויבן פון די טריב־באַלויכטענע פענצטער, און עס האָט אויסגעזען, ווי דאָס קלויסטערל באַוויינט זיך אַליין.

דאָס אָוונט־געבעט האָט זיך געענדיקט. דער לעצטער „אָמין" האָט נאָך א ווײַלע אָפּגעקלונגען צווישן די אַלטע ווענט, באַהאַנגענע מיט פונקט אַזעל־כע אַלטע איקאָנעס. דערנאָך זײַנען אַלע קלאַנגען ביסלעכווײַז אָפּגעשטאָרבן.

און דער גאַלעך מאַקאָווי איז געבליבן אַליין.

אים האָט אײַנגעהילט א גרויע שטילקײַט, וועלכע ס'האָט איבערגעריסן בלויז דאָס צישען פונעם אייל אין דער לאַמפּאַדע, און דער דרויסנדיקער שאָרך פונעם רעגן.

מאַקאָווי האָט לאַנגזאַם גענומען צעקנעפּלען זײַן שוואַרצע געפּאַלדע־וועטע ריאַסע. א קנעפּל נאָך א קנעפּל. ער האָט אויסגעזען מיד, אָפּגע־שוואַכט. זײַנע לאַנגע גרײַז־גרויע האָר זײַנען געפאַלן איבער זײַן פּאָנעם, פאַרשטעלט אים די פינגער, וואָס האָבן אַקשאָנעסדיק ניט געוואָלט אים פאָלגן.

פּלוצעם האָט עפּעס א שאַרפע קלעמעניש א דריק געטאָן אין דער ברוסט, ווי עמעצער וואָלט מיט א דינער לאַנגער נאָדל דורכגעשטאָכן דאָס האַרץ. דער גאַנצער אַרום פאַר זײַנע אויגן האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען, דרייען, די טונקעלע ווענט האָבן זיך אָנגערוקט אויף אים פון אַלע זײַטן, ענג געמאַכט דעם אָטעם, די איקאָנעס האָבן ווי געשוועבט אין עפּעס א גרויער לײַדיקײַט. ער האָט ניט געזען זייערע פּנעמער, נאָר אויגן, ריזיקע אויגן, וואָס האָבן געגאַפט מיט שוידער...

— אָ, גאָספּאָדי!

א קאַלטער שווייס איז אים באַפאַלן, דאָס בלייך געוואָרענע פּאָנעם האָט זיך א קרים געטאָן פון ווייטיק. און דאָס האַלב־אָפענע מויל האָט געזוכט לופט, לופט, לופט...

— גאָספּאָדי, פּאָמילוי, גאָספּ...[1]

ווי אַן אָפּגעהאַקטער אָטעם, זײַנען די ווערטער געבליבן ניט פאַרענדיקטע.

ער איז אָפּגעטראָטן אַף עטלעכע שפּאַן און, קניִענדיק, זיך אַראָפּגעלאָזט פאַרן אלטאַר. די רעכטע האַנט אַף דער ברוסט, און די לינקע, מיט איר גאַנצער ברייטער פלאַך, האָט שווער זיך אָנגעלייגט אפן אָפענעם פּסאַלטיר, פונקט ווי ער וואָלט געפּרוּווט פאַרדעקן דעם רייעך פון די פאַרגעלטע זײַטלעך. ער האָט א ווײַלע זיך צוגעהערט צום האַסטיקן פּולסירן פון זײַן האַרץ, וואָס האָט אויסגעקלאַפּט, ווי א זייגער, די רעגעס פון לעבן. געקלאַפּט אין דער ברוסט, אין די אויערן, אין די שלייפן, — קורצע רעגעס פון מענטשלעכן לעבן. די בלוטלאָזע ליפּן האָבן געמורמלט:

— אָ, גאָט, אין אנגסטן רוף איך צו דיר...

פונעם באַגילדטן צײַלעם איבערן אלטאַר, באַלויכטן פון א מאַטער לאַמפּאַדע־שײַן, האָט אַראָפּגעקוקט צו אים דער געקרייצטער גאָט, און עס איז ניט געווען אין זײַנע בליקן, ניט קיין מיטלײַד, ניט קיין צאַר. און אַזוי איימעדיק איז אים געוואָרן פון דעם.

ער האָט טיפער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, צוגעשלאָסן די ווײַעס און זיך אינגאַנצן אײַנגעהילט אין זײַן אייגענער כאַשכעס. ער האָט דערפילט, ווי דאָס האַרץ זינקט טיפער און טיפער אין א וואַרעמען אָפּגרונט אַרײַן און ביטערע ספּאַזמעס וואַרגן דעם האַלדז. אים האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז ער הערט עפּעס א קאָל, עס קומט פון ווײַט־ווײַט, ער האָט אופגעציטערט. געעפנט די אויגן, שטאַרע, ווי פון אַן איבערגעריסענעם כאָלעם, און מאַמעש דערזען, ווי צווישן זײַנע צעשפּרייטע פינגער איבערן אָפענעם פּסאַלטיר, שטראָמען אַפיר אַלט־סלאַווישע שורעס, זיי שטעלן זיך אויס אין איין ריי. ליכטיקע, ווי הימלישע פײַער, נעמען זיי לייענען זיך אַליין, און ער דערהערט דײַטלעך דעם אכציקסטן פּסאַלם:

„אין נויט האָסטו מיך גערופן,
און איך האָב דיך געראַטעוועט...“

וואָס האָבן זיי פלוצעם, אָט די פּסאַלם־ווערטער, זיך איצט אָפּגערופן אין זײַן זיקאָרן? פון וואָס פאַר א לעבנס־אָפּגרונטן זײַנען זיי אַרויסגעשווומען? ווי א בליץ, האָבן זיי אופגעלויכטן אין זײַן מויעך און באַלויכטן א שטיק ווײַטע פאַרגאַנגענהײַט, דערמאָנט אין דעם, וואָס איז געווען.

און געווען איז גיירעש טראַנסניסטריִע... אַלע ייִדן, וועלכע ער האָט דאַן אָפּגעראַטעוועט פון באַנדיטישע איבערפאַלן, האָט מען דערנאָך מיט ווילדער רעציכע אַרויסגעריסן פון די היימען, פאַרטריבן אין פרעמדע ווײַטן... עמעס, אין פאַרגלײַך מיטן יאַם בלוט אין די אַרומיקע דערפער איז דאָס בלוט פון זײַן דערפל געפלאָסן מיט א קלענערן שטראָם. ער האָט אָבער די גזיירע ניט געקאָנט מער מעוואַטל זײַן... צו גרויס און צו שטאַרק איז געווען די מאַכט פון די צוריקגעקומענע רומענישע גאַרדיסטן... פאַרן ניט דערלאָזן צו קיין פּאָגראָמען האָט ער גאַנצע דרײַ יאָר, ביזן גרויסן ניצאָכן, געמוזט אַליין אויך אָפּריכטן גאָלעס...

[1] גאָטעניו, דערבאַרעם זיך... (אַלט־סלאַוויש).

טרויער האָט באַשלאָגן זײַן אַלט צעאַקערט פּאָנעם. אין אים האָט מיט אַמאָל זיך דערוועקט אַ באַגער צו הערן די קלאַנגען פֿון דעם נאַרוואַס דערמאָנטן פּסאַלם אין זײַן אורעלטער שפּראַך, אַ באַהאַלטענע ערגעץ טיף אין זײַן אָפּגעשוואַכטן זיקאָרן, און מיט אַ בלויזן הויך פֿון די ליפּן, האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

„בצרה קראת ואחלצך..."[1]

זײַן קאָל האָט אַ ציטער געטאָן, ווי ער וואָלט געבעטן בײַ עמעצן מעכילע. און געווען איז אין די דרײַ טילים-ווערטער אי בענקשאַפֿט, אי ווידע, אי טרייסט...

## ט

אַ גאַנצע נאַכט האָט אַ נאַסער ווינט געיאָגט אויף מיזרעך טונקעלע וואָלקנס. די טאָפּאָלן, וואָס האָבן געהיט דעם שוואַרצן אײַזערנעם צײלעם אויפֿן קלויסטערל, האָבן זיך געבראָכן אין גרויס מאַטערניש, ווי זיי וואָלטן געגויסעסט. די נאַכט האָט זיך געצויגן אַ פֿינצטערע, אַ סוידעספֿולע, אַ פֿאַרנעפּלטער קאַיאַר האָט געטראָפֿן דעם אַלטן גאַלעך מאַקאָווי ליגן פֿאַרן אַלטאַר, ווי אַ צוזאַמענגעדרייטער קנויל. זײַן אײַנגעשרומפּענער גוף האָט זיך פֿאַרלוירן אין דער שוואַרצער ברייט-געפֿאַלדעוועטער, אויף אַ העלפֿט צעקנעפּלטער ריאַסע.

די לאַמפּאַדע איבער זײַן צוקאָפּנס איז געהאַנגען אַן אויסגעלאָשענע...

הײַנט, נאָך אַזויפֿיל יאָרן, בין איך ניט אינגאַנצן זיכער, צי האָט דער גאַלעך טאַקע געהייסן מאַקאָווי, אַ נאָמען וואָס דערמאָנט אין די אורעלטע כאַשמאָנאָים, און ווער ווייסט דורך וואָס פֿאַר אַ וועגן און דוירעס זיך פֿאַרשפּרייט אין די הוצולישע קאַנטן. אויך די צײַט פֿון זײַן אוועקגיין פֿון דער וועלט איז עפּשער ניט פּינקטלעך פֿאַרצייכנט. אָבער די גוורע פֿון זײַן געוויסן און זײַן מעסירעסנעפֿעש איז געווען. געווען אַזאַ, ווי איך האָב דאָ באַשריבן.

דאָס קליינע דערפֿעלע, אויפֿן וועג צו די קאַרפּאַטן מיטן אויסטערלישן סלאַווישן נאָמען איספּאַס, איז געבליבן לעדוירעס ווי אַ ליכטיק אינדזעלע צווישן טײַכן בלוט איבער דער גאַנצער לענג פֿון די קאַרפּאַטן.

[1] בעצאָראַ קאָראַסאָ וועאַכאַלצעכאָ (העבר.).

# אן עמעסדיק מײַסעלע

אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד האָבן נעאָנאַציסטן געשענדט א ייִדישן בעסוילעם.

פון צײַטונגען.

— זיידעניו, דערציייל מיר א מײַסעלע, נאָר אן עמעסדיקס, ניט קיין אויסגעטראַכטס...

אזוי האָט געבעטן בא מיר מײַן זיבניאָריק אייניקל. זיך פאַרקליבן אױף מײַן שויס און ארײַנגעטוליעט איר קעפּעלע אין מײַן ברוסט. איך האָב אָנגעשטעלט מײַן זיקאָרן אױף אויסגעלעבטע נעכטנס און אמאָלן, ווײַל יעדער ייִדיש מײַסעלע הייבט זיך דאָך אָן מיט אַן אמאָל...

...אמאָל איז געווען א שטאָט. א גרויסע, שיינע שטאָט. און געלעבט האָבן אין אָט דער שטאָט א סאַך, א סאַך ייִדן. רײַכע — אין ווילעס און פּאַלאַצן, און אָרעמע, וועמען גאָט האָט א גאַנץ יאָר אָפּגעטאָן די גרעסטע צאָרעס, זיי געהאַלטן אין הונגער און נויט, האָבן געהויזט אין נידעריקע, געהויקערטע שטיבלעך, צעשטעלטע איבער ענגע געסלעך.

אומעטום אָבער האָט געצאַפּלט מיט א ריטם פון זיכערער באַזעסנקייט. מע האָט געשוסטערט, געשנײַדערט, געפירט מיסחר, און דעם לעבן אוועקגעשענקט דעם שווערן געראַנגל פון שטורעמדיקע טעג.

און די צײַט איז געלאָפן מיט א מעשוגעדיקער האַסטיקייט.

זקיינים זײַנען מיד געוואָרן, שטיל פאַרלאָזט די וועלט. און לעווייַעס האָבן אָפּט איבער די שפּיציקע שטיינער פון גרויע ייִדישע געסלעך געקלעטערט אַרויף צום אַלטן בייס־האַקוואָרעס, וואָס איז געלעגן ווי אַרויסגעוואָרפן פון דער שטאָט.

קינדער זײַנען גיך געוואַקסן, און מאַמעס האָבן געשמייכלט מיט פאַרביקן געזאַנג. מע האָט אָפּגעשפּילט כאַסענעס, און יונגע פּאָרלעך, אָנגעפילט מיט זאַפט פון דוירעס, האָבן אַרײַנגעוועבט אין לעבן זייער כיילעק, זייער גײַסט, זייער גוירל.

און ס'וואָלט זיכער אזוי געפלאָסן ווײַטער פון דאָר צו דאָר דאָס רײַפע קרעפטיקע לעבן, האָט מיטאמאָל זיך אָנגעהויבן ציִען א קייט פון פינצטערע יאָרן.

בלוטדורשטיקע ראָכצים אין שוואַרצע מונדירן זײַנען ווי סטײַעס רויבפייגל אָנגעפלויגן און מיט א ווילסט טויט־געלויף זיך געוואָרפן אפן ייִדישן לעבן. עס פאַרטיליקט אין גאַזקאַמערן, פאַרברענט אין קרעמאַטאָריעס. און

א שטאָט מיט ייִדן איז אָפּגעווישט געוואָרן. בלויז דער אַלטער בעסאַלמען איז געבליבן. די אייביקע היים, ווו אין דער שטילער געדיכטעניש פון סאָס־נע־ביימער האָבן קייטן פון דורות געפונען זייער רו.

נאָר צי דען טאַקע אייביקע?

אין איינער א ווינטער־נאַכט, אין יאָרן, יאָרן אַרום, האָבן יאַרשים פון יענע ראָצחים אין שוואַרצע מונדירן, גאַזלאַניש, מיט אײַנגעזויגטן סאַם פון האַס, צעוואַלגערט די אַלטע מאַציוועס.

ווילד גראָז וואַקסט פון ווילדן ווינט פאַרזייט...

אויף צומאָרגנס איז א ייִד, איינער פון די שיירעס־האַפּלייטע, וואָס האָט מער קיינעם ניט אויף דער וועלט, געגאַנגען אויף קייווער־אָוועס צו זײַן איי־געגעם נעכטן. ער איז געגאַנגען געהויקערט און פאַרטראַכט פּאַזע דעם אײַנגעפאַלענעם ציגלנעם פּלויט, וואָס האָט מיט זײַן צעקרישלטע רויטלעך לײַב ווי געבלוטיקט, און ס׳האָט געיאָגט פון אים מיט עפּעס א פאַרלאָזטן, העפקערן עלנט.

ס׳איז געווען א סאַף־ווינטערדיקער פרימאָרגן, מיט א בלינדער אײַנגע־שרומפּענער, ווי פאַרפרוירענער, זון. א פראָסטיקע קעלט האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם און טויב געקלונגען אין די אויערן. נאָר די לופט האָט גע־שמעקט מיט א פרידלעכער רו פון דאָרפיש פאַרשנייטע פעלדער, מיט ווינטן, אָנגעקומענע פונוויַטן. גלײַך די פוכיקע ווײַסקײַט פון שניי וואָלט אין זיך אײַנגעזאַפּט דעם רויש פון גאַס און מענטש.

פּלוצעם האָט דער ייִד דערזען: מאַציוועס ליגן אין פאַרשנייטן מייסים־לאַנד צעוואָרפענע, אויסגעוואָרצלטע, ליגן ווי הארוגים. איניקע מיט די אויסיִעס אַראָפּ, די אַנדערע מיט די אויסיִעס אַרויף, ווי מיט טויטע פאַר־שטאַרטע בליקן פאַריסן צו די גרויע הימלען. און נאָר עטלעכע, פון כורבן ניט געטראָפענע מאַציוועס זײַנען געשטאַנען פאַרזונקען אין א שטומען צאַר, ווי מאַמעס איבער טויטע קינדער, און זייער שטומקײַט האָט דערציילט אַזוינס, וואָס דאָס מענטשלעכע מויל איז ניט אימשטאַנד איבערצוגעבן.

דער ייִד איז ווי פון עפּעס א פײַנלעכן טאָעס שטיין געבליבן אין מיטן פעלד. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט דעם שוידערלעכן פּאָגראָם האָט מען דורכגעפירט איבער אים אַליין. צי גאָר איבער יענע מיליאָנען קדושים, וואָס זײַנען שוין איין מאָל פאַרגאַזט געוואָרן...

מיטאַמאָל האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז די מאַציוועס וויינען, שרײַען מיט שטומע געשרייען אין דער אייביקײַט אַרײַן:

— פאַרוואָס קומט אונדז א צווייט מאָל שטאַרבן?..

זייער געיאָמער איז געוואָרן זײַן געיאָמער. זיך אָפּגערופן אין זײַן האַרצן מיט א קנויל פון ווייטיקן. זײַנע אַלטע אויסגעוויינטע אויגן האָבן געשטומען טרערן, און די טרערן זײַנען געזונען איבער זײַן צעאַקערט פּאָנעם. און מיט עפּעס א טמימעסדיקן ציטער האָט ער אויך ווי בא עמעצן גע־פרעגט:

— פאַרוואָס?

און א האַלב־פאַרשטיקטער עכאָ האָט ווי א לאַנגע טקיִע זיך צעהילכט איבערן הייליקן אָרט:

— פאר־וואָס?.. פאר־וואָס?..

ער האָט דערפילט עפּעס אַ גרויסן אַנווער, פאַר וועלכן ס׳איז ניטאָ באַוועמען צו מאָנען...

אַ שטרענגער אומעט האָט מיט שטילקייט פון אַ פאַרגליווערטער וועלט זיך געשפּרייט איבער דעם פאַרשוועכטן בעסוילעם. און דעם ייִדן האָט פּלוצעם, ווי דורך טרערן, זיך אויסגעוויזן, אַז איבערן קוואָרים־פעלד בלאָנדזשעט אַרום אַ קליין מיידעלע, אין ווייַסן אָנגעטאָן. ווען ניט אירע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געקוקט מיט אַ פיבערהאַפטן גלאַנץ, וואָלט ער געמיינט, אַז דאָס ווירבלט דער ווינט אַ הייַפעלע שניי. און עפּשער איז עס גאָר אַן אָפּגעוועקטע נעשאָמע, וואָס האָט ניט מער וווּהין צו גיין... זי פלאַטערט אויף, ווי אַ ווייַסע טויב, און ער הערט זי זאָגן:

— ווייַן ניט, זיידענקע, דו ווייסט דאָך, וויפל מאָל מע האָט אונדז געטייט... געבראָכן אונדזער געביין... געריסן אונדזערע אָדערן... בלוט האָט זיך געגאָסן איבער דער וועלט, ווי וואַסער, און מיר זייַנען געבליבן לעבן... אונדזערע קוואָרים האָט מען געשענדט, און מיר זייַנען אויפגעשטאַנען טכיִעס־האַמייסים. אויך איצט, ווען קיין לעבעדיקע קאָן מען מער ניט רודפן, די צייַט האָט זיך געביטן, איז מען זיך נויקעם אין טויטע...

דער ייִד האָט אויפגעציטערט פון אירע רייד. ער האָט פאַרנומען דאָס קאָל פון טרייסט, אָפּגעווישט די טרערן פון די אויגן, זיך אַרומגעקוקט, און קיינעם מער ניט געזען. דאָס קליינע מיידעלע, ווי אַ קליין טרייסטנדיק מאַמעלע, איז פאַרשוווּנדן. און נאָר די מאַצייוועס זייַנען געלעגן, ווי האַרוגים, צוגעדעקטע מיט ווייַסע טאַלייסים. געלעגן מיט צעטראָטענע ייִדישע אויסיִעס, ווי הייליקע קאָרבאָנעס פון אַ פאַרשניטן פאָלק...

אָט אַזוי, כאַנעלע טייַערינקע, הייבן אַלע ייִדישע מייַסעלעך זיך אָן מיט „אַמאָל איז געווען". סייַ פריילעכע, סייַ טרויעריקע. און אויב דאָס, וואָס איך האָב דיר נאָרוואָס דערציילט איז טרויעריק, איז עס נאָר דערפאַר, ווייַל דו האָסט געוואָלט אַן עמעסדיק מייַסעלע. אַ מייַסעלע, וואָס איז געווען...

פּ.ס. מייַן אייניקל איז בייסן דערציילן אַ פּאָר מאָל מיר אַרייַנגעפאַלן אין די רייד:

— זיידעניו, וואָס הייסט קרעמאַטאָריען, גאַזקאַמערן?..

און איך האָב געטראַכט: סאַראַ גליק, וואָס אונדזערע קינדער ווייסן ניט פון דעם, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, און אויף אַ רעגע אַ צווייפל געטאָן, צי פּאַסט דערציילן אַזאַ מייַסעלע פאַר אַ קינד. באַלד אָבער זיך געכאַפּט, אַז קליין און גרויס דאַרפן אַלץ וויסן, אַלץ געדענקען, ווייַל ס׳איז ניטאָ קיין גרעסערע געפאַר ווי פאַרלירן דעם היסטאָרישן זיקאָרן. באַזונדערס איצט, ווען אַלץ דאַרף געטאָן ווערן, אַז אַזעלכע גרוילִיקייַטן זאָלן זיך מער ניט איבערכאַזערן. ניט הייַנט, ניט מאָרגן, קיינמאָל ניט...

# ווידערשטאנד

פאַרגעסן ליגט אין דער מענטשלעכער נאַטור.
און דאָך קאָנען מיר, לעבנגעבליבענע, וואָס פאַרייניקן היינט דעם נעכטן מיטן מאָרגן, ניט אופהערן טראָגן אין אונדזער זיקאָרן יענע ווייטע צערי־סענע טעג און נעכט, דורך וועלכע ס׳האָט געטריפט יי׳עש, האָפענונגסלאָ־זיקייט און מעסירעסנעפעש, אופהערן טראָגן אויסגעלאָשענע יאָרן, וואָס האָבן ניט זייער גלייכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע.
ס׳איז דער זיקאָרן פון גוורע און ס׳איז גוורע אין זיקאָרן...
און וואָס מער די צייט דערווייטערט די געדיכטע קאָשמאַרן, אַלץ בוי־לעטער ווערן די דערמאָנונגען.
...עס ברענט די טויזנטיאָריקע וואַרשע.
אין די טרויעריקסטע טעג פון איר גסיסע, אפן סאַמע טראַגישן שיידוועג פון לעבן און טויט, האָט א לעצט הייפל האַלב־דערשטיקטע און אויסגעהונ־גערטע, באַהעפטע פון איין נויט, פון איין פיין, באַשלאָסן ניט לייגן זיך אונטער דער האַק. פאַרמויערטע מיט ווענט, געפענטעטע מיט שטעכלדראָט און פאַרקלעמטע פון אלע זייטן אין א קרייז פון פאַראַכטונג און סינע, באַ־וואָפנטע נאָר מיט גייסט און שטאָלץ, וואָס האָט געשטיגן העכער פון זייער ווייטיק, האָבן זיי מיט אַנגעגליטער אַקשאָנעס זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער מעכאַניזירטער באַציסטישער רויב־כייע, זייענדיק גרייט אַלץ אָפגעבן, נאָר ניט די מענטשן־ווירדע.
אויב טויט, זאָל עס זיין א טויט פון קעמפער!
און מיט אָט דער טויט־וויזיע פאַר די אויגן האָבן זיי סטאַי׳ש, מיט א הייליקער פאַרביסנקייט אופגענומען דעם אומפאַרמיידלעכן פסאַק־דין.
וואָס פאַר א קויעך איז נייטיק געווען, אז דער ייִד, בא וועמען דער אכזאָריעסדיקער פיינט האָט מיט אַלע גרויל־מיטלען געזוכט אויסצומעקן דאָס געשטאַלט פון מענטשן, קעדיי ער זאָל ווילגלאָז גיין צו דער שכיטע, אז אָט דער ייִד זאָל מיטאמאָל פון געוויין און אַצוועס, פון פּאַכעד און יי׳עש זיך דערהייבן צו מוט און ווירדע, צו דרייסטקייט און גוורע. און עס קומט אפן זינען פעַרעצעס באַפליגלטער רוף:

> פּראָטעסט קעגן שאָף, קעגן לעמער פּראָטעסט,
> וואָס זאָגן נאָר ווידע,
> פּראָטעסט קעגן גויסעסן און שטאַרבן פאַר שרעק...
> פּראָטעסט אף דער ערד, וואָס זאַפט איין דאָס בלוט.

און זיי האָבן אופגעשטורעמט.
דורעס פון רעדיפעס און מאַרטירערשאַפט האָבן זיך איינגעזאַמלט אין זייער צעשטיקלט לעבן. און זיי זיינען אָפגעגאַנגען מיט אַלע דורעס דעם

לאנגן וועג פון קידעש־האשעם צו קידעש־האשעם...
ברענט די אויסגעבלוטיקטע ווארשעווער געטאָ.
דאָס פארכאַלעשטע שטיקל ערד, ווו עס איז געווען צונויפגעטריבן דער גרעסטער יידישער קיבעץ אין איירָאָפּע. און די ווינטן צעבלאָזן דאָס טויט־טראָגנדיקע פײַער.
ווי לאַנג זשע ברענט עס אזוי?
דרײַ טעג, דרײַ און פערציק מעסלעס, צי גאָר דרײַ הונדערט אָדער גאַנצע דרײַ טויזנט יאָר?
מײַן ברודער איז געפאלן אין שפאניע.
ער איז אָפּ אייביק געבליבן אין ספאַרדים־לאַנד פון קלאסישן מיטלאַל־טער, פונוואנען עס ווייעט נאָך דער אראָמאט פון שטאָלצן אלט־יידישן שטייגער מיטן גלאַנץ און פראכט פון מעיוכעסדיקע קעהילעס און הייליקע טעמפלען, מיטן געזאנג פון יעהודע האַלייווי און יעהודע אַלכאריזי, און... מיט אינקוויזיציעס און שײַטערהויפנס, אָפּ וועלכע מע האָט זײַנע זיידעס פארברענט לעבעדיקערהייט.
מאָרדכע אנילעוויטש איז אומגעקומען אין ווארשע...
און די געטאָ ברענט.
די פלאמען רײַסן זיך מיט א בייזווּנדערדיקן בליק צום הימל. פלאקערן אין א טויטן־טאנץ און טראָגן דעם אָפּשײַן פון פארברענטן מאראנען־געביין, און פארסארפענען די לעצטע רעשטלעך פונעם גרויסן און שטאָלצן פוילישן יידנטום. און עפּעס א קרוויועשאפט ציט זיך פון יענער אַלטער צײַט פון גײַרעש שפאניע — צו די העלדן און מארטירער פון ווארשעווער געטאָ...
עס ברענט שיירעס־ווארשע.
די סרייפעס טרייסלען אויף די ערד, אָבער ניט דאָס געוויסן פון דער וועלט...
שוועבט פאר אונדז דאָס סרייפע־בילד פונעם אויסטערלישן געטאָ־אופֿ־שטאנד, מיט זײַן טרויער און מיט זײַן אומשולד, מיט זײַן טויט און מיט זײַן אומשטערבלעכקײַט, דער אופשטאנד וואָס האָט מיט זײַן בלוט אַל קידעש־האשעם געשריבן די מעגילע פון כורבן־שלישי...

איך טראָג אין דער מאכשאָווע זיך אריבער אין דער אויסגעברענטער געטאָ־שטאָט. דריי זיך ארום איינער אליין צווישן אײַנגעוואלגערטע און פאר־טרויערטע גאסן. סע זײַנען ניט קיין גאסן מער, נאָר צעקריפלטע סקעלעטן פון הײַזער, שטומע אידעס פון אונדזער אקיידע, פארשפּינטע אין פינצ־טערניש. און עס דאכט זיך מיר, אז צווישן די כורוועס שלײַכן ארום אָפּ שריט און טריט שאָטנס פון דערמאָרדעטע און געשאָכטענע. גרויסע מעגו־שעמדיקע שאָטנס, ווי געשפענסטער.
ערטערווײַז טליעט נאָך אש פון סרייפעס, אָבער קיינער האָט שוין מער ניט מוירע פאר פײַער...
א קאַלטער האלבער מוילעד שווימט לאנגזאם איבער דעם פּאָדערהויז פון געהענעם, גלײַך ער וואָלט זיך געגאנוועט, און די הימלען ווייַנען מיט מיליאסן שטערן.
א רעגע ווײַזט זיך מיר אויס, אז די ערד וואקלט זיך אונטער מיר און

ארום מיר. די ערד און דער הימל. צי האָט טאַקע געדויערט א רגע, צי א גאַנץ לעבן, נאָר אַלץ האָט זיך איימעס־מאָוועסדיק אַנטפּלעקט פאַר מיר אין אָט דעם אויגנבליק.

פּלוצעם דערהער איך א וויי־קלאַנג, וואָס פלאַטערט שטיל און פאַרלוירן, ווערט א ווײַלע פאַרלאָשן און צאַנקט ווידער אויף. איך לאָז זיך נאָך דעם יאָמער און דערזע מיטאַמאָל אַן אַלטיטשקע געהויקערט איבער א באַרג מיט אַש. זי איז אײַנגעשרומפּן, גלײַך מע וואָלט פון איר די ביינער אַרויסגע־צויגן. און א שטומער צאַר טריפט פון איר געהויקערטקייט.

אין לעוואָנע־שײַן גליט דער אייביקער בראַנד־צייכן, וועלכן א בלוט־דאָרשטיקער גאַזלען האָט מיט שטעכיקע גלי־נאָדלען און מיט דער לעצטער מאָס פון כײַישער רעציחע אויסגעבערענט אויף איר לײַב...

דער טויט האָט זי דאָך אויסגעמיטן, געשוינט...

שטייט זי פאַרזונקען אין א טונקעלן גליווער, ווי אײַנגעוויקלט אין א שוואַרצן אַלמאָנע־שלייער, און ס׳ציטערן אירע ליפּן:

— וואַרף אַראָפּ די שיך, דאָס אָרט איז הייליק...

און איך פיל דעם טרויער פון אירע ווערטער.

פּלוצעם ווײַזט זיך מיר אויס, אַז זי איז פאַרקוילט. א פאַרקוילטע מוטער, וואָס שטייט אויף יעדער נאַכט טכיעס־האַמייסים, און מיט א יענוועלטיקן יאָמער באַווייַנט זי דעם אומקום פון אַלע פאַרברענטע קינדער...

איך פאַרבייג זיך טיף ביזן גאַרטל און לייג אַוועק צופוסנס פונעם באַרג מיט אַש א בוקעטל בלומען...

מיט א צײַט צוריק בייס א באַזוך אין ווילנע בין איך אַרויסגעפאָרן צו פּאָנאַר. איך האָב אָפּגעשטעלט די מאַשין, ניט ווײַט פון וואַלד, פונוואַנען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער געפלאַסטערטער גאָלגאָטאַ־וועג, פון וועלכן פאַרפּײַניקטע ייִדן האָבן געוואָרפן דעם לעצטן בליק אויף זייער אַלטער ליבער שטאָט, און מיט עטלעכע הונדערט מעטער ווײַטער זיך געשיידט מיטן לעבן.

טראָט בא טראָט בין איך געגאַנגען אין צענדליקער יאָרן אַרום אויף דעם זעלבן וועג פון ווי און פּײַן. געגאַנגען מיט אַלע די, וואָס זײַנען שוין ניטאָ. און מיר איז נאָכגעגאַנגען דער יאָמער פון אָן א דין פאַרמישפּעטע מאַמעס און קינדער.

ווען איך בין אַרײַן אין וואַלד, איז געהאַנגען איבער מיר א גרויער פאַרנעפּלטער הימל.

פאַרוואָס אַזאַ פאַרנעפּלטער?

קאָן זײַן דערפאַר, וואָס צו אים האָבן געפלאַטערט אַזויפיל יעלאָלעס, אַזויפיל וויי־רופן.

יעדער בוים אין וואַלד האָט מיר עפּעס אײַנגערוימט אויף דער סאַמע טרויעריקסטער שפּראַך. אויף דער שפּראַך פון א שטילן פאַרנאַכטיקן בלעטער־רויש בא די ראַנדן פון גרויסע אָפענע גריבער, ווי אָפענע קוואָרים, מיט טונקעלע טיפע אָפּגרונטן, ווו עס ליגט דאָס געביין פון טויזנטער, טויזנטער צעשאָסענע קדושים, און ס׳דאַכט זיך, ווי אין בלעטער־רויש ריזלט דאָס פאַרגאָסענע בלוט. און דער גאַנצער אַרום האָט געאָטעמט מיט אומעט און צאַר.

מיטאמאָל האָב איך דערהערט עפּעס א יענוועלטיק קאָל, וואָס האָט אופּ־געראָדערט די טישעבאָוו־שטילקייט:

— טו אויס די שיך, דאָס אָרט, אויף וועלכן דו שטייסט, איז הייליק...

אין דער טיף פון די טונקעלע אָפּגרונטן האָבן ווייט זיך אָנגעזען מענטשלעכע שארבנס...

און עפּשער האָט זיך מיר נאָר אויסגעוויזן?

איך האָב אוועקגעלייגט א בינטל בלומען און מיט א צעבראָכן געמיט פארלאָזט דאָס אָרט פון דער גרויזאמער ווילנער שכיטע.

...ס'האָט אָפּגעברענט די ווארשעווער געטאָ.

פון די דאָזיקע אומקום־פלאמען האָט אָבער בא אונדזער פאָלק זיך אויס־געפורעמט א פייער־זייל, וואָס לייכט און וועט ביזן סאָף פון אונדזערע דורות באלייכטן יענע ווייטע יאָרן פון וויי און גוורע.

קומענדיקע דורות, טרעגער פון אייביקן שאָלעם, וועלן, ווי לויטערע קאַיאָרן, אויסזינגען א פארביק געזאנג, וויאזוי א פאָלק פארהונגערט און פארדאָרשט, פון ייִעש דערוואָרגן און מיט די סאמע שרעקלעכסטע יעסורים געשטראָפט, איז אופגעשטאנען מיט א שטורעם־אָנזאָג קעגן דעם בלוטיקסטן סוינע אין דער וועלט,

קעדיי אין אייביקייטן לעבן,
ניט פארגעסן,
ניט פארגעבן!
אָט די קדוישים־צאוואָע מיר טראָגן.
ווארשעווער געטאָ, מעגילעס־פּאָנאר.
די געלע לאטע פון אונדזער זיקאָרן.

# אייכאָ

באַקענט האָבן מיר זיך אין אַ צווישנפעלקערלעכן צוג.

ער איז געפאָרן פון וואַרשע צו זײַנעם אַ קאָרעוו, איך — צו זיך אַהיים. שוין באַם אַריבערטרעטן די שוועל פונעם קופּע, האָבן אונדזערע בליקן זיך באַגעגנט, זיך פאַרלוירן אײנער אינעם צווייטן, ווי צוויי באַקאַנטע וואָלטן זיך געטראָפן נאָך אַן איבערײַס פון לאַנגע יאָרן און זיך דערקענט.

די באַן האָט געיאָגט אין אַן אײַלנדיקן געלויף, זיך געטראָגן דורך פעלד און וואַלד, און די רעדער האָבן אײנטאָניק אויסגעקלאַפּט מינוטן און שאָען.

טיק־טאַק, טיק־טאַק.

איך האָב שוין געוווּסט, אַז ער איז אײנער פון דער שיריס־האַפּלייטע, אַן אַלפי־נעס געראַטעוועטער פונעם געטאָ־גענעם. ער האָט אַפילו אַ גע־וויסע צײַט פאַרטיזאַנעוועט דאָ אין די ווײַסרוסישע וועלדער. איצט זיצט ער מיטן פּאָנעם צום פענצטער, פאַרטאָן אין אײגענע מאַכשאָוועס, און רײַסט ניט אָפּ די אויגן פונעם לויפנדיקן דרויסן, גלײַך ער וואָלט אין געדאַנק נאָכאַמאָל דורכגעמאַכט דעם פאַרטיזאַנישן נעקאָמע־וועג. דעם וועג פון בלוט און פײַער.

און דער דרויסן איז אַ זוניקער, אַ פרילינגדיקער. דער יונגער טאָג באָדט זיך אין דער לויטערקײַט פון די הימלען. טרינקט אָן מיט אַ קילער פײַכטקײַט די אויפגעוואַכטע ערד, וואָס אָטעמט מיט זיסע רייכעס פון צאַרט־שפּראָצנדיקע גראָזן און פלאַנצן. און די רייכעס פאַרשיקערן, שלעפערן אײַן, פליצן אין געמיט מיט אַ ווייכער מעגוכע.

פּלוצעם האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר. זײַנע שטאַרע בליקן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט עפּעס אַן אומעט, און ער איז אומדערוואַרט אַרײַן אין אַ ווײַט־פאַרגאַנגענעם נעכטן.

דעמאָלט איז פּונקט ווי אַף צולאָכעס אויך אַזאַ טאָג געווען.

דעמאָלט...

דעם ערשטן טאָג פּייסעך, אינעם „אוואָדים־האָיִינו" — עכאָ פון אַלע פאַרגאַנגענע דורעס, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פאַרטיליקן די רעשטלעך פון וואַרשעווער געטאָ, און ס׳איז אויפגעגאַנגען אין פײַער־פלאַמען דאָס טויזנט־יאָריקע יידישע פויקן.

איבער פערציק פרילינגס האָבן פון דעמאָלט אָפּגעגרינט און אָפּגערוישט. און כאָטש די קוואָרים זײַנען שוין לאַנג מיט ווילדע גראָזן פאַרוואַקסן, הערן די ווינטן ניט אויף דעם יאָמער צו טראָגן.

— איכה ישכה בדד...

אַזוי איבער פערציק...

און עס טאנצן נאָך פאר די אויגן די פײַער־צונגען פון ברענענדיקע גאסן, דורכגעפרעסענע פון הונגער און פּײַן, ווי עס זײַנען דורכגעפירט געװאָרן בלוטדורשטיקע נעגישעס מיט דער לעצטער מאָס פון כײַישער רעציכע. עס שטייען אויף די שאָטנס פון די באר־קאָכבאס פּונעם װארשעװער אופשטאנד. מאָרדכע אנילעװיטש, יויסעף לעװארטאָװסקי... די העלדן־קדוישים, װאָס זײַנען מיט אנגסטיקער אקשאָנעס און מיטן קױער פון לעצטן אָטעם געגאנגען אױף קידעש־האשעם פארן קאָװעד און קיום פונעם פאָלק...

כ׳האָב געקוקט אויף דעם ייִדן. געזען אויף זײַן פּאָנעם א צעקרימטן קאָרטש פון װייטיק. איך האָב געפילט דעם אומעט פון זײַנע רייד, די צעבלוטיקטקײַט פון זײַנע באהאלטענע טרערן. סע האָבן זײַנע רייד, ווי א מידבער־ווינט, געקלאָגט און זיך איבערגערופן מיטן אלטן דוירעסדיקן צאַר.

— בדמיך חיי... דורך דײַן פארגאָסענעם בלוט זאָלסטו לעבן...

און עס האָט זיך פאנאנדערגעקייטלט א בלוטיקע קייט פון גזיירעס און רעדיפעס, פון קאָלערליי שענדונגען און טויטן. ס׳האָט אָפּגעהילכט אין זיקאָרן דאָס ווידערקאָל פון גאָר־גאָר ווײַטע צײַטן. פון די אסאָרע הארוגים מאלכעס, אויף וועמענס מאָרד עס האָבן געוויינט אפילע די כײַעס אין די רוימישע שטײַגן...

קדוישים... קדוישים...

אזא לאנגע קייט פון מעסירעסנעפעש און העלדנמוט, אויף וועגן פון דוירעס צעטראָטענע, דורך רישעס געלײַטערטע...

...איבער פערציק פרילינגס האָבן אָפּגעגרינט און אָפּגערוישט. א נײַער דאָר איז אויסגעוואקסן, פון די כורוועס איז א נײַע שטאָט אופגעשטאנען, א פילשטאָקיק־שלאנקע, א לײַכטע און ליכטיקע, ווי א כאָלעם. נאָר דאָס שטאָלצע, טויזנטיאָריקע ייִדישע פוילן איז פארשניטן געוואָרן...

אייכאָ יאָשווואָ וואָדאָד... האָט דער נאָווי געוויינט אין זײַן טרויער.

דער ייִד איז אנשוויגן געוואָרן, און מיר האָט זיך געדאכט, ווי איך הער זײַן אופגערעגטן אָטעם, הער דאָס האסטיקע קלאפּן פון זײַן האַרץ.

# רוט

## 1

...געדענקסט יענעם מוירעדיק קאלטן ווינטער־טאָג, זאַלושקע — אש־טעכטערל?

געווען א טאָג אזא מיט ווײַסע נידעריקע וואָלקנס, וואָס זײַנען ווי גי־גאנטישע ווײַסע פייגל געהאנגען איבער דער האלב־דאָרפישער גאס. א ברייטע, אַלטע רוסישע גאס מיט צווײ רייען נידעריקע הײַזער און געפּארבטע הילצערנע פּלויטן, איבער וועלכע ס׳האָבן אריבערגעקוקט פארשטאַרטע געפּרוירענע פענצטער, ארומגעצוימטע מיט געשניצטע לײַסטן.

דער פינקלענדיקער שניי האָט זיך געקרישלט פון קעלט, שווער געסקריפּעט אונטער די טריט, און שווארצע קראָען האָבן זיך געוויגט אף פאר־קריפּלטע נאקעטע צווײַגן.

די באטאָגיקע קלאנגען זײַנען געווען געהאמעוועטע, אײַנגעהאלטענע, גלײַך דער פראָסט וואָלט פארקאָוועט דעם רויש פון גאס און מענטש און געדעמערט מיט א בלוילעכער אומעטיקער שטימונג.

די שטימונג פון א קאלטן ווינטער־טאָג.

איך בין געשטאנען מיטן פּאָנעם צום פארשנייטן דרויסן און דורך אַן אויסגעהויכט שטיקל שויב צוגעזען, ווי אף יענער זײַט פענצטער האָט דער ווינט, דער אַלמעכטיקער ווינט, זיך געוואָרפן אף א יונגער בעריאָזקע, געוואָלט מיט קויעך זי ארויסרײַסן. זײַנען אָבער אירע וואָרצלען געווען פעסט פארפעסטעט אין דער ערד, האָט זי זיך געאמפּערט, געראנגלט, און דער ווינט האָט מיט רוגזע זי געשמיסן, נאָר בײַקומען ניט געקאָנט.

א יונג ביימעלע און א מעכטיקער ווינט...

די בעריאָזקע האָט מיט עפּעס א פארבענקטן קרעכץ געשטרעקט פאָ־רויס אירע נאקעטע צווײַגן, ווי זי וואָלט געבעטן הילף, און אזא טרויער האָט געיאָגט פון איר געראנגל.

און דער פראָסט האָט געצייכנט אף די שויבן פאנטאסטישע אוזאָרן.

אין שטוב איז געווען ווארעם.

א גאנצן טאָג האָט מען געהייצט דעם גרויסן רוסישן אויוון. איך האָב אָבער ניט געפילט די ווארעמקײַט. מיך האָט געגליווערט א שנײַדנדיקע קעלט, געפרירט דאָס הארץ, גלײַך מע וואָלט מיר ארײַנגעלייגט א שטיק אײַז אין דער ברוסט. עס האָט זיך געדאַכט, אז דאָס האָט דער דרויסנדיקער ווינט זיך מיט געוואלט ארײַנגעריסן און, ווי א בייזע קלאָלע, ארויסגעהוילט

פון א שוואַרצן טעלער אויף דער וואַנט, ווי פון א שוואַרץ אויפגעריסן מויל:
— ...ייִדן סאַמען די ברײַנעמער!

קלאָר און דײַטלעך האָט פונעם רעפּראָדוקטאָר געטריפט מיט גיפט דער אוראַלטער, פון טויזנטער יאָרן געכאַוועטער בילבול, מיט וועלכן ס'האָט ניט איין מאָל שוין זיך באַנוצט אין אַכזאָריעסדיקע וועלט. און די ווילדע רעכי־לעס זײַנען אַרײַנגעדרונגען ניט נאָר אין די אויערן, נאָר אויך אין מאַרך, אין בלוט, זיך אָפּגערופן אין האַרצן מיט גרויל און שוידער, דורכגעצוקט ביז די נעגל פון די פיס־פינגער און אַרײַנגעיאָגט אין די אויגן א ווילדע, בלאָנדזשענדיקע שרעק.

און דאָס פײַער־שפּײַענדיקע קאָל איינעם שוואַרצן אויפגעריסענעם מויל איז געוואַקסן, ווי א געשוויר, פול מיט קלאַנגען פון בעהאָלע:
— אַלע ייִדן דאַרפן זיך פאַרזאַמלען...

די ווערטער האָבן א שניט געטאָן דאָס געהער, זיך אַרײַנגעגאָסן אין דער פאַרדריקטער שטילקייט מיט א בלײַענער שווערקייט, און יעדער וואָרט האָט גלײַך אָן אָן אָפּהאַלט צוגעשלאָגן דעם לויף פון בלוט אין האַרצן.

און ערגעץ אויף א באַן־סטאַנציע, אויף א זײַטיקער פּלאַטפאָרמע, זײַנען, ווי צוגעפרוירענע צו די רעלסן, געשטאַנען ליידיקע פראַכט־וואַגאָנען און געוואַרט אויף מענטשלעכע לעבנס. געוואַרט אויף אוועקפירן זיי ניט באַוווסט וווהין...

איך האָב אויך זיך געגרייט אין וועג אַרײַן.

איך האָב געזעגן פאַר זיך א לאַנגן וועג. לאַנג ווי דאָס לעבן און שווער ווי דאָס לעבן... און פאַרשטאַנען, אַז מײַן גורל איז געכאַסמעט, אַז די טויערן פון אַלע זיבן הימלען זײַנען פאַר מיר פאַרשלאָסן, און קיין גאָט, צו וועמען זיך ווענדן, האָב איך ניט מער.

ווי אַלט בין איך דעמלט געווען?

זיכער בין איך געווען א סאַך עלטער פון מײַנע אייגענע פינף און צוואַנציק יאָר. אין מײַן בלוט האָבן געלעבט דורעס גערודעפטע, פאַר־וואָגלטע, געטריבענע פון אָרט צו אָרט...

איך האָב אויך זיך געגרייט אין וועג אַרײַן...

מיר איז פאַרגעשטאַנען א פײַנלעכע צעשיידונג. און איך האָב געטראַכט פון איר מיט א באַהאַלטענער שרעק.

דער וואַנטזייגער האָט זיך צעקלונגען, א קליין ברוין־געפאַרבט שטיבעלע מיט צוויי שווערע אײַזערנע געוויכטן אויף צוויי קייטן, ווי זיי וואָלטן גע־שלעפּט די צײַט אַראָפּ, אַראָפּ...

דער זייגער האָט געמאָסטן דעם שאָרך פון טרויער, געוויזן די שאָ פון ליבע און די שאָ פון צעשיידונג.

די שאָ האָט געשלאָגן...

## 2

...זאַלושקע, דו האָסט א צײַט לאַנג אַזוי בריטהאַרציק געטיילט מיט מיר דעם לעצטן ביסן ברויט. אָן מוירע פאַר דער געפאַר, וועלכע איך האָב מיט זיך געטראָגן, מיך באַגלייט אויף אַלע מײַנע עלנטע וואָגלענישן, באַ־

לויכטן ווי דורך א קישעף־ליכט דעם וועג פון מײַן לעבן. מיר איז שווער געווען אפילע צו גלייבן, אז אין דער וועלט פון פײַער און טויט איז פאראן פאר מיר א פרידלעך ווינקעלע.

איך האָב דיך גערופן זאָלושקע... לויט יענעם באליבטן צויבער־מײַסעלע. און אין פולן בלי פון דײַן יונגער שיינקײַט ביסטו געווען, ווי אויסגעוועבט פון עפּעס אַן אומבאגרײַפלעכער רירנדיקער צארטקײַט.

מיר זײַנען ביידע יונג געווען. ביידע פארליבט איינער אין דעם אנדערן, און די ליבע אונדזערע האָט געשוועבט איבער אונדז.

איך האָב געוווסט, אז מיט מײַן אוועקגיין וועלן זיך אָנרוקן טעג און נעכט, דורך וועלכע ס׳וועט טריפן בענקשאפט און טרויער, נאָר די זאָרג פאר דײַן לעבן האָט אלץ פארשאָטנט.

זי איז געשטאנען — די האָר פאנאנדערגעלאָזט איבער אירע שמאָלע פּלייצעס, דאָס פּאָנעם אײַנגעגראָבן אין אירע הענט, ווי אמאָל מײַן מאמע בא ליכט־בענטשן, און שטיל געוויינט. אָבער די ציטערנדיקע הייזעריקלעכע שטילקײַט איז געווען שרעקלעכער פון א הילכיקן געיאָמער.

— וויין ניט, זאָלושקע... מע דארף ניט!

איך האָב געפילט, ווי עס ווערט מיר ענג אין דער ברוסט. נאָר איך האָב מיט גאָרנישט ניט געוואָלט ארויסווײַזן מײַן געריררטקײַט. ניט ארויסווײַזן, ווי טיף אירע טרערן, קעגן וועלכע איך בין געווען אינגאנצן מאכטלאָז, האָבן געקלעמט באם הארצן. עס האָט מיך ווידער ארומגענומען יענע ביטערע פארצווייפלונג, מיט וועלכער איך האָב זיך געמאטערט אזוי לאנג, ביז איך האָב געפונען אַן אָנשפאר און א טרייסט אין אָט דער שטוב, מיט וועלכער איך מוז זיך איצט שיידן. און בילדער, איינס שרעקלעכער פונעם צווייטן, האָבן געצונדן מײַן מויעך, ארויסגעשריגן פון מײַן נעשאָמע מיטן געשריי פון צעריסענע גויראָלעס.

זי האָט שטיל געוויינט, און אלע פיר ווינקעלעך פון שטוב זײַנען פול געווען מיטן טרויער פון איר געוויין.

פּלוצעם האָט זי, ווי א דערשראָקענער פויגל, זיך אָפּגעריסן פונעם אָרט, זיך דערנעענטערט צו מיר. זי איז געווען בלייך, אופגערעגט, מיט א מאָדנע גלי אין די אויגן און, צוקנדיק מיט אלע מוסקולן פון איר פארוויינט פּאָנעם, האָט זי א זאָג געטאָן:

— איך גיי מיט דיר... דײַן וועג איז מײַן וועג... דײַן גוירל איז מײַן גוירל...

פאראן ווערטער זייער וואָגיקע.

זי האָט די ווערטער ארויסגעבראכט מיט אזא הייסן אָטעם, מיט אזויפיל אָפענער אנטשלאָסנקײַט, אז איך בין אף א ווײַלע געבליבן ווי געפּלעפט. עפשער האָב איך זי ניט ריכטיק פארשטאנען. עפשער האָט זי געזאָגט עפּעס אנדערש, אף אַן אנדער שפּראך? אָבער איך האָב פּאָרט געהערט:

— איך גיי מיט דיר...

איך האָב ניט געוווסט, וואָס איך דארף טאָן, קעדיי צו לעשן דעם ברענענדיקן ווייטיק פון אירע ווערטער. מיט עפּעס א ווילדן אומרו האָב איך זי ארומגעכאפּט, אופגעהויבן איבער זיך, און זי האָט געקוקט אף מיר

פון אויבן אַראָפּ, ווי ס'קוקט אַ בוים, וואָס פאַרגייסט זיין קרוין צו די הימ־לען. און איך האָב איר אָפּענעם בליק ניט געקאָנט אַריבערטראָגן.

מיטאַמאָל איז אַלץ פאַרשוווּנדן — דער שוואַרצער טעלער אויף דער וואַנט, מיט זײַן קלאָקלע און סאָם. דער זייגער, וואָס האָט געוויזן די שאָ פון צעשיידונג. אַזוי ווערן אינעם אויסברוך פונעם בליץ פאַרלאָשן אַלע אַנדערע פײַערן. געבליבן איז בלויז איר פּאָנעם מיט אויגן, וואָס האָבן מער ניט געוויינט. און זי איז מער גאָרניט געווען, אויסער אַ מעכטיקן פאַרלאַנג:

— איך גיי מיט דיר...

און איך בין ניט אימשטאַנד געווען זיך קעגנשטעלן אַט דעם פאַרלאַנג. און אויך ניט געוווּסט, צי דאַרף איך זיך קעגנשטעלן. איך האָב מיט אַן אײנערלעכן ציטער אַרופגעלייגט מײַנע ביידע הענט אויף איר קאָפּ, ווי מײַן טאַטע פלעגט עס טאָן יעדן ערעוו יאָמקיפּער, און זי האָט געענטפערט מיט אַן אײַנזאַמען פאַרשפּעטיקטן שמייכל.

נאָר אַנשטאָט זי צו בענטשן, האָב איך געפּרוּווט איר דערקלערן, אַז זי האַנדלט צו אײַליק, ניט געניג באַטראַכט.

— דו ביסט ניט קיין ייִדישקע... דיר דראָט קיין שום געפאַר ניט... יעדנפאַלס ניט אַזעלכע, ווי מיר...

פאַראַן ווערטער זייער וואָגיקע.

נאָר פאַרוואָס האָבן אירע שוואַרצאַפּלען אַ שפּריץ געטאָן מיט אַזעלכע גרינע און געלע פײַערלעך?

איך האָב דערפילט, אַז ניט דאָס האָב איך באַדאַרפט זאָגן, ניט אַזוי... דערפילט, ווי עס לויפן צו גיך מײַנע געדאַנקען, שטויסן זיך אָן אײנער אין צווייטן און צעפּאַלן זיך, צעפאַלן...

— וואָס האָט זי געשטויסן צו אַזאַ שריט? וואָס פאַר אַ קויעך האָט איר באַפוילן אײַנשטעלן דאָס לעבן?

און זי איז נאָך קיין גאַנצע צוואַנציק ניט אַלט געווען. געשטאַמט פון אַן אַלטער רוסישער הײם, וואָס איז פריִער קימאַט ניט באַטראָטן געוואָרן פון אַזעלכן ווי איך... אירע גלאַט פאַרקעמטע קויל־שוואַרצע האָר און פונקט אַזעלכע שוואַרצע שיין־געפאָרמטע ברעמען, צונויפגערוקט איבער עטוואָס געשליצטע אויגן, האָבן פאַרהיט סימאָנים פון אַ מאָנגאָליש־רוסישער גע־מישטקײַט.

### 3

...זאָלושקע טײַערע! ביז איצט נאָך מאַטערט מיך דער סאָד פון דײַן אײדעלער, קרישטאָל־רײנער נעשאָמע, וואָס האָט אַזוי פרײַגיביק זיך אָנט־פּלעקט אינײנעם מיט דײַן ליבע.

פאַר די אויגן נעמט זיך דרייען אַ גאַנצע קאַרוסעל פון פאַרביקע זעונ־גען, און אין פּלאָנטער פון אַט די זעונגען צאַפּלט אַ מעכטיקע פרייד:

זײַ געבענטשט, זאָלושקע,
זײַ טויזנט מאָל געבענטשט!
פאַר דער שטילער, געוואַגטער ליבע דײַנער
אין אַ צײַט,

ווען מיר האָט געפעלט אַן אַקסל
דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן...

מיר קומט אויפן זיקאָרן דאָס אַלטע הויז אין דער אַלטער רוסישער פאַר־שטאָט, דאָס הויז מיט די געשניצטע פענצטער־ראַמען, די סקריפּענדיקע קאַליטקע, וואָס האָט אָפט אַזוי געשראָקן, און די ווײַסע בעריאָזקע...

מיטאַמאָל האָבן אירע שוואַרצאַפּלען זיך אויסגעלאָשן, און זי האָט ווי־דער זיך צעוויינט, נאָר שוין געוויינט, ווי אַ באַוואוסט קינד, מיט אַ כלי־פּערײַ. אירע שמאָלע פּלייצעס האָבן זיך פאַרשפּיצט און זי האָט אומעטיק און צאַרט געבעטן:

— שליס אויס די ראַדיאָ!

און עס זײַנען געפאַלן צוויי גרויסע בלוטיקע טרערן, ווי צוויי רוביִנען רויטע.

דער שוואַרצער טעלער איז מיט אַ געשפּאָלטן וואָרט פאַרשטומט גע־וואָרן. מיר האָבן אויך געשוויגן, אַ שווײַגעניש, וואָס טאָר ניט פאַרלעצט ווערן. און איך האָב שווײַגנדיק געקוקט אויף איר איידל פּאָנעם, ווי איך וואָלט עס צום ערשטן מאָל געזען, געקוקט אין אירע גוטע פאַרוויינטע אויגן. זיי האָבן געפינקלט, ווי שפּליטערס פון צעבראָכענע שטערן. און זי האָט מיר אויסגעזען ווי פון אַ ווײַטער עפּאָכע, וואָס איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן... און איך האָב געטראַכט, אַז מיט אָט אַזעלכע טרערן וועט מען אַמאָל, ווי מיט בריליאַנטן, אויסזעצן אַ ליבגעזאַנג פאַר אַלע יענע רוסישע טעכטער, וועלכע האָבן אײַנגעשטעלט אַ לעבן פאַר אַ לעבן...

איך האָב טיף פאַרמאַכט די אויגן, זיי אַראָפּגעלאָזט אין מײַן נעשאָמע, ווי אַ דורשטיקער לאָזט מיט ציטערנדיקע הענט אַראָפּ אין ברונעם דעם ליידיקן עמער, און אַזוי מיט פאַרמאַכטע אויגן זי אַרומגענומען, געטוליעט אין מײַנע אָרעמס. איך האָב געפילט די וואַרעמקייט פון איר קערפּער, וועלכע האָט געשטראָמט פונעם קלאַפּנדיקן האַרץ אַרויס. און איך האָב, ווי פאַר אַ קינד, איר געגומען דערציילן אַן אַלט מײַסעלע פון טויזנטער יאָרן צוריק. אַ מײַסעלע פון אַ יונגער פרוי מיטן נאָמען רות, אַ טאָכטער פון אַ מאָאַוויטישן שיוועט, וועלכע האָט אין אַנדערע אומשטאַנדן, מיט דער זעלבער אַנטשלאָסנקייט געזאָגט:

— כי אל אשר תלכי אלך...[1]

ס׳איז געווען גוט און אומעטיק.

איך האָב דאָרשטיק געשלונגען אָט די פּלוצעמדיקע, אומבאַגרײַפלעכע פרייד, און ניט געוואָלט אפילו וויסן, אויף וואָס פאַר אַ געפאַר מיר ביידע זײַנען אויסגעשטעלט...

---

[1] קי על אשער טיילכי איילייך (העבר.) — וווּהין דו וועסט גיין, גיי איך אויך.

אומבאמערקט איז צוגעפאלן דער פארנאכט. א טונקל־בלויער ווינטערי־קער ביינהאשמאָשעס, ווען פארבענקטע מענטשן בענקען נאָך שטארקער און טיפער...

## 4

...זאָלושקע, מײַן יונגע ריינע ליבע!

קאָן זײַן, אז דו האָסט שוין אָנגעווירן דעם רייץ און כיין פון דײַן אמאָליקער שיינקייט. דאָס לעבן טוט זיך זײַנס... נאָר אין מײַנע כאלומעס ווערסטו נאָך לאנג ארויסשווימען פון דער פארגאנגענהייט פונקט אזא יונגע, פונקט אזא איידעלע, ווי אין יענע ווײַטע פינצטערע יאָרן...

# פאַרנעפּלטע ווײַטן

אױף א זײַטיקער גאַס אין א ווײַטן סיבירער ײשעוו, וווּ עס איז אָנגעגאַנגען א גרויסע קאָמיוגישע בויונג, האָב איך זי באַמערקט נאָך אײדער אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט.

ווי א שמעטערלינג, האָט זי דורכגעפּלאַטערט פאַר מײַנע אויגן.

איר הויכער מײדלשער האַלדז האָט מיט א צעגלעטער ברוינקײַט זיך אַרויסגעשניטן פון א ווײַס־געבלימלט קאָפּטעלע, אַרײַנגעלאָזט מענעריש אין גראָבע דזשינסי־הויזן. בלאָנדע פּאַסמעס האָר, ווי צײַטיקע קאָרן־זאַנגען, האָבן אומרויִק זיך געשויבערט פון אונטער א ציגל־פאַרביקער קאָסינקע, און דער גאַנצער הוילער האָט צוגעגעבן איר אויסזען א באַזונדער רייץ פון ייִנגלשקײַט.

— נאָס־טעג־קאַ?!

לײַכט אין שטעל, האָט זי זיך פלינק א דריי געטאָן אױף פלאַכע מענערישע אָפּצאַסן און מיט שטרענגער ערנסטקײַט מיר צוגעוואָרפן א זײַטיקן בליק. אירע דינע בויגן־ברעמען האָבן זיך פאַרהויבן, ווי בא א מענטשן, וואָס ווילן זיך עפּעס דערמאָנען און קאָן ניט. דערפון זײַנען אירע גרויסע בלויע אויגן נאָך גרעסער געוואָרן, געגלימערט ווי פאַרשאָטנטע וואַסערלעך, און געדאַכט האָט זיך, אַז זי קוקט ניט אױף מיר, נאָר דורך מיר, ווי מע קוקט דורך גלאָז:

— איר האָט א טאָעס.

זי האָט צוגעטראָגן א האַנט צום מויל, ווי געוואָלט פאַרהאַלטן די ווערטער. איר האַנט איז געווען א קרעפּטיקע, מיט לאַנגע שײנע פינגער. א לײַכטער שמייכל האָט א ריר געטאָן איר פּנים, און דאָס, וואָס אירע ליפּן האָבן ניט אויסגערעדט, האָט איר שאַרפער בליק פאַרענדיקט:

— איך בין ניט באַסטענקאָ...

און דאָך האָב איך פונקט אַזאַ שוין אַמאָל באַגעגנט. נאָר וווּ? ווען?

דער טאָג איז געווען א פאַרביקער, א פרילינגדיקער. דער הימל — א ליכטיקער און לויטערער. ראָזלעך־ווײַסע האָבן געבליט נידעריקע סיבירער עפּלביימער, און זיס האָט געשמעקט דער סיבירער בעז. סאָפּקעס האָבן זיך געטונקלט אין יונגן גרינס, און א באַרג־טײַכל האָט באַזונגען זײַן אייביקן גאַנג.

פּייזאַזשן נאָענטע און פונקט אַזעלכע פּייזאַזשן ווײַטע, וואָס האָבן שוין אָנגעוווירן און פאַרלוירן זייערע פּראָטים, בלויז די שטימונג פון זיי איז געבליבן.

פּלוצעם האָט א ריזיקע ראָד פון צײַט מיט א שווינדלענדיקער גיכקײַט זיך א דריי געטאָן אױף צוריק. איך האָב דערזען דעם אָפּשײַן פון פאַרלאָ־

פּענע שטיקער לעבן, וואָס זײַנען מיטאַמאָל אַרויסגעטראָטן פאַר מיר מיט עפּעס אַ היימישער נאָענטקייט. ס'האָבן אויפגעטויכט אָפּגעווישטערטע, האַלב־פאַרגעסענע געכטנס, אַרומגעוועבטע מיט אַ מאָזאַיִק פון טונקעלע און ליכטיקע קאָלירן. מײַנע געדאַנקען האָבן זיך צעשפּילט, און אין דער צעשפּילטקייט האָט מײַן זיקאָרון בליצשנעל צעקייטלט אַ גאַנצן פלאָנטער פון פאַרנעפּלטע ווײַטן...

# אַ קלויסטערל

צופוסנס פון די קאַרפּאַטן, צווישן צוויי שטײַלע בערג, באַדעקטע מיט אַלטע צעצווײַגטע סאָסנעס, האָט מיט יאָרן צוריק זיך פאַרלוירן אַ קליין מאָלעריש דערפל, וואָס האָט אין אײַנגעשלאָפענעם בלוי פון באַרג און הימל אויסגעזען אַזוי, ווי עס וואָלט אַרויסגעשווומען פון אַ כאָלעם.

באַם ראַנד פונעם איינציק צעפּאָרענעם וועג, און אויסגעטראָטענעם פון פערדישע טלאָען, האָט פונווײַטן, ווי אַ צלאָמים־שטיבל, זיך געגרויט אַן אַלט גאָטיש קלויסטערל מיט אַ שאַרף־פאַרשפּיצטן באַציילעמטן קופּאָל, וואָס האָט געשריגן צו די הימלען. קיין באַזונדערע כאַריפּעסן האָט דאָס קלויסטערל ניט פאַרמאָגט, אויב ניט רעכענען דעם זעלטענעם אָרגאַן, וואָס האָט, ניט געקוקט אויף זײַן קליינעם פאַרנעם, געשעמט מיט זײַן וווּנדערלעכער קלאַנגענרײַכער טאָנאַלקייט.

פון וועלכע טונקעלע צײַטן דאָס קלויסטערל, אַ קאַסטיאָל אַזאַ, האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אָט דעם פּראַוואָסלאַווישן דערפל, איז שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן. פאַרבליבן איז בלויז אַן אויסטערלישע פאַרלויפעניש. ניט גלאַט אַ פאַרלויפעניש, נאָר אַ טײַוולאָנישע געשיכטע, געשריבן מיט די בײַטשן פון עפּעס אַ גרויזאַמען באַראָן אויף די געבויגענע פּלייצעס פון זײַנע לײַבקנעכט, וועלכע האָבן דאָס קלויסטערל געבויט און דערבויען ניט געקאָנט...

אַן אָפּגעריסענער וואַנדער־בעטלער, וואָס וואָגלט איבער די בערג מיט עלנט אָנגעגורט, מיט ווינטן אַרײַנגעפלאָכטן אין זײַנע צעשויבערטע פּאַטלעס און נעכטיקט זײַנע נעכט בײַ צעלייגטע פײַערן, האָט אָפּט די געשיכטע איבערדערציילט. זײַן קאָל איז געווען אַ הייזעריקס, אַ צעריסנס, גלײַך ער וואָלט די ווערטער געצויגן פון זײַן צענעזעקטער טאָרבע, און פון זײַנע רייד האָט געיאָגט מיט אַן אַנגסטיק ציטערניש.

...מעכטיק און איינגוויליק איז געווען דער באַראָן, פון קיין ראַכמאָנעס ניט געוווּסט. אַלעמאָל אַן אַנדער נאַקעטע פּלייצע בלוטיק געפּאַסעוועט, ביז צו טויט געשמיסן.

פאַרוואָס?

ווײַל די קלויסטער־ווענט, אויפגעשטעלטע באַטאָג, זײַנען איבער נאַכט אײַנגעזונקען, פּונקט ווי אַ קלאָלע וואָלט געהאַנגען איבער דעם געבײַ. און טעג זײַנען געגאַנגען בלוט־געפּאַרבטע, ווי פון ווילדע כײַעס פאַרצוקט.

האָט אין איינער אַ נאַכט אַ בייזער כאָלעם אַרײַנגעטריפּט אין באַראָנס אומרויִקן שלאָף. אים האָט זיך געכאָלעמט, אַז עפּעס אַ פאַרזעעניש מיט אַן

אופגעריסן מויל און שטשירענדיקע ציינער האָט זיך אַרײַנגעשלײַכט אין זײַן געמאַך און געהאָגלט מיט אַ פאַרשפּיצט שיידים־קאָל:

— הויכגעשעצטער באַראָן... די ווענט וועלן אַזוי לאַנג אײַנזיִעקן, ביז דו וועסט ניט אײַנמויערן אין זיי דעם ערשטן מענטשן, וואָס וועט זיך באַווײַזן באַלד נאָכן פאַרגיין פונעם מאָרגנשטערן... באַלד נאָכן פאַרגיין... ניט פריִער, ניט שפּעטער...

דער באַראָן האָט זיך אויפגעכאַפּט.

ער האָט געפילט, ווי זײַן לײַב ווערט פאַרגאָסן פון עפּעס אַ שווייסיקער וואַרעמקײַט, און דער מויעך נעמט פיבערהאַפט וואַרטן אַפן באַגינען. נאָך פון דעם פּריִצישן הויף, מיט דרויסנדיקע פאַרפאַלטע לאָדן, האָט די נאַכט זיך געדראַפּעט צו אים שטיל און פאַרהוילן. און דער נײַער טאָג האָט זיך גערוקט מיט אַ מאָדנער לאַנגזאַמקײַט און קאַרגשאַפט פון ליכט.

ענדלעך האָט אָנגעהויבן טאָגן.

אין די אַרומיקע בערג האָבן זיך צעוועקט פרישע רייכעס פון גרעזער און בלומען און אַ קלאַפּ געטאָן מיטן אָטעם פון אייביקן לעבן. פון דער טונקלער בלויקײַט איבערן אויסגעשפּרייטן פאַרטאָגיקן הימל האָט זיך דורכגעזיפּט אַ ציטערנדיקער שטערן, ווי אַ געפרוירענע טרער, עפּעס ניט געאײַלט זיך אויסצולעשן, גלײַך דער שטערן וואָלט וועלן פאַרהאַלטן דעם קאַיאָר, און אַ שטילקײַט, ווי דער אָטעם פון באַשעפער אַליין, האָט אײַנגעוויגט די וועלט.

דער באַראָן איז אַרויס פון זײַן פּאַלאַץ און געבליבן אויג אַף אויג מיט דעם אײַנברעכנדיקן טאָג.

פּלוצעם האָט פונווײַטן זיך געהערט, ווי עמעצער וואָלט גייענדיק שטיינדלעך געשאַרט.

— וואָס איז עס פאַר אַ געשפּענסט?

פון דער פאַרטאָגיקער בלויקײַט האָט אַרויסגעשאָטנט דעם אַרענדאַרס טעכטערל. איינע אַליין אין אַ פאַרטאָג, וואָס קלערט ערשט שאַריִען.

צאַרט, בייגעוודיק, ווי אַ פאַרמאַכטע בלום, וואָס וואַרט אַף די ערשטע זונענשטראַלן, האָט זי מיט אַ דינער קאַראָמיסלע איבערן רעכטן אַקסל זיך געלאָזט צום ברונעם, און די שטילקײַט האָט אײַנגעשלונגען סײַ דעם קלאַנג פון די ליידיקע עמערס, סײַ אירע פעדערנדיקע טריט.

זי איז געגאַנגען דעם קאָפּ פאַריסן, דאָס פּאָנעם קינדעריש־בלייך, מיט אַ צויבער־גלאַנץ אין די אויסגעוואַשענע שוואַרצאַפּלען און אַ פאַרטראַכטן שמייכל אַף די האַלב־אָפענע ליפּן. זי האָט אַרויסגעטראָגן דעם קאַיאָר אַנטקעגן איר זײַדענער אײדלקײַט און דאָס באַכײַנטע שפּילן פון איר יונג אַכצניאָריק לעבן.

באַם באַראָן האָבן אַ צוק געטאָן די אַרויסשטאַרצנדיקע באַקנביינער, ווי זיי וואָלטן געקראָכן פון דער הויט אַרויס. אַ היץ האָט פאַרגאָסן זײַן שאַרבן. די וואַסערדיקע אויגן זײַנע האָבן וועלפיש אַ פינקל געטאָן, באַלד אָבער געוואָרן קאַלט, ווײַס, ווי גלעזערנע.

אין דער רעגע האָט דער הימל זיך געשפּאָלטן. מוירעדיקע דונערן האָבן אויפגעטרייסלט דעם באַגינען און קרומע ווירבל־ווינטן, וואָס האָבן דורך דער נאַכט אין ווינטישן שלאָף געגליוועט, האָבן צעקײַקלט איבער די בערג שאַלנדיקע עכאָס:

— ריווקעלע, קער זיך אום צוריק...

ס'איז געווען ווי די וועלט וואָלט געוואָרפן אין א פאַרהוילענעם קראַמף פון אונטערגאַנג. נאָר זי האָט קיין זאַך ניט געהערט.

בליצן האָבן איר געבלענדט די אויגן, א שטורעם־וואָלקן האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג. און זי איז געגאַנגען... געגאַנגען...

דער מאָרגנשטערן האָט זיך אויסגעלאָשן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט דער צײַט איז דער בעטלער אוועק פון דער וועלט, און ביסלעכווײַז איז אויך די געשיכטע פאַרגעסן געוואָרן.

נאָר דאָס קלויסטערל איז געבליבן באַם צעפּאַרענעם וועג, ווי א זייגער פון א ווײַטער אכזאָריעסדיקער וועלט. און אין די פאַרטאָגן, ווען פלאַמיקע מאָרגנרויט־געוועבן האָבן געוויקלט ארום דעם באַצײלעמטן קופּאָל זייערע פײַערדיקע שלייערן, האָט זיך געדאַכט, אז פון דער גרויער מיזרעכדיקער קלויסטער־וואַנט טריפן אראָפּ גרויסע רויטע טראָפּנס בלוט...

## דער אָרגאַניסט

אין אײנזאַמער מאַן איז געווען דער אָרגאַניסט. א גרײַז־גראָער. נאָר די גראָווקײַט זײַנע האָט געהאַט א מין אשיקן בײַ־קאָליר, ווי באַשאָטן מיט שטויב. די זעלבע שאַטירונג פון עפּעס א טריבער גראָווקײַט איז אויך געלעגן אויף זײַן שטאַרק געראָנצלט און געקנייטשט פּאָנעם, ווי קאָרבן אויף אן אלטן בוים, וואָס האָט איבערגעטראָגן א סאַך שטורעמס.

פאַר אים איז דאָס קלויסטערל געווען א היים, און דער אָרגאָן זײַן אײנציקע פרייד.

קוים האָט ער זיך צוגערירט צו די קלאַווישן, האָט א פײַערלעכער הימן זיך צעשפּליטערט אין טויזנטער קלאַנגען. און די קלאַנגען, ווי שטורעמפייגל, האָבן אָט א שוועב געטאָן צו די הויכע הימלען, אָט פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ אין דער טיף פון די באַרגשפּאַלטן. ער האָט געשפּילט אזוי, גלײַך ער וואָלט דעם פונק פון גאָט אין די פרומע ליטורגישע מעלאָדיעס צעבלאָזן אין א פלאַם פון מענטשלעכקײַט.

ווער ווייסט ווי לאַנג ער וואָלט נאָך אזוי געשפּילט, ווען ניט די וועלטסרייפע, וואָס אירע פלאַמען האָבן אויך פאַרכאַפּט די קאַרפּאַטן.

עפּעס א גרויסע און דראָענדיקע קראַפט האָט זיך אָנגעטראָגן מיט דער גיכקײַט פון א שטורעמווינט. די מילכאָמע האָט זיך אײַנגעגעבן מיט אײַזערנע ציינער, פאַרצוקט די יעסוידעס פון אן אײַנגעזעסן לעבן. און דעם אָרגאַניסט האָט זיך געדאַכט, אז ער איז פּלוצעם פאַרטראָגן געוואָרן אין אן אלטער פאַרגעפלטער צײַט, און די דאָזיקע פאַרנעפּלטקײַט האָט צעשטורעמט זײַן געמיט.

צעשטורעמט איז אויך געוואָרן זײַן שפּילן.

טענער און קלאַנגען האָבן זיך ארויסגעריסן מיט לאַנגע זיפצן, גלײַך זיי וואָלטן באַגאָסן א יאַם פון ליידן און טרויער, זיך צעבראָקלט אָן די גרויע שטיינערנע ווענט. און ס'האָט זיך געדאַכט, אז זיי דערציילן וועגן

שכיינים, ארויסגעריסענע מיט געוואַלט פֿון זייערע היימען, פֿאַריאָגטע פֿון זייער אייגן לעבן.

עס האָבן אַ פֿלייץ געטאָן טעג און נעכט, איבערפֿולטע מיט מענטשלעכער פּײַן, וועלכע האָבן צום סאָף זיך אַרײַנגעדרייט אין די רעדער פֿון יאָגנדיקע באַנען אָן אַ צוריק. באַנען, וואָס האָבן געהאַט נאָר איין־און־איינציקע סטאַנציע...

די וואַרעמע פֿרומקײַט, וואָס האָט געשלאָגן פֿון זײַנע שוין קימאַט אויסגעלאָשענע אויגן, האָט זיך באַדעקט מיט אַ שאָטן פֿון צער. זײַנע פֿינגער האָבן געבלאָנדזשעט איבער די קלאַווישן. און קלאַנג מיט קלאַנג האָבן זיך געראַנגלט, געזוכט איינער דעם צווייטן, זיך צונויפֿגעגאָסן אין עפּעס אַ ציטער פֿון בענקשאַפֿט.

איך האָב געהאָפֿט אויף גוטס,
און שלעכטס איז געקומען!
איך האָב געוואַרט אויף ליכט,
און פֿינצטערניש איז געקומען.

אַ געמיש פֿון צעוועקטע אַקאָרדן, באַטרערטע פֿון מענטשן־צאַר, האָט זיך געריסן צום דרויסן, ווי עס וואָלט אים ענג געווען צווישן די גרויע קלויסטער־ווענט, און דער אָרגאַן האָט אויסגעוויינט זײַן אייגענעם יאָמער:

און געוואָרן צו טרויער איז מײַן האַרפֿע,
און מײַן פֿלייט צו אַ קאָל פֿון געוויין...

גוט, וואָס קיינער האָט זײַן שפּילן ניט פֿאַרשטאַנען. עפּשער נאָר דער נאַזאַרעער אויפֿן ציילעם, האַלב באַלויכטן, האַלב אין שאָטן, האָט אַרויסגעהערט איעווס קלאָג. און געלע צוויי ליכטלעך בײַ זײַן צופֿוסנס האָבן געוויינט מיט וואַקסענע טרערן...

דערווײַל האָבן אָנגעיאָגט הויקערדיקע, פֿאַרכמאַרעטע האַרבסט־טעג. שווערע וואָלקנס האָבן זיך געשלעפּט איבער אַ נידעריקן פֿאַרכמורעטן אָסיען־הימל, ווי אָפּגעריסענע בעטלערס אײַנגעהילט די בערג אין גרויע נעפּלען. די ביימער האָבן געקרעכצט אינעם פֿלאָנטער פֿון ווינט, און אויף די נאַקעטע צווײַגן האָבן געציטערט די לעצטע שטאַרבנדיקע בלעטער און געפֿאַלן צו דער ערד מיט אַ שטילן טרוקענעם זיפֿץ.

אין איינעם אַזאַ טאָג האָט אין קלויסטערל זיך געיאָוועט עפּעס אַ באַוואָפֿנטער פֿאַרשוין אין אַ שוואַרצן לאַקירטן רעגנמאַנטל. ער איז ניט אַרײַנגעקומען אין גאָטס הויז מיט שטילע טריט, ניט אַראָפּגענומען דאָס היטל מיט די איבערגעקרייצטע טויטנקעפּ, נאָר מיט אַ פֿעסטן באַשטיוולטן שפּאַן זיך אַרײַנגעריסן ווי אין אַ קרעטשמע. אײַנגעזויגטער סאַם פֿון האַס האָט געשפּריצט פֿון זײַנע אויגן, און זײַנע בליקן, שטאַר און פֿאַרלאָפֿן, ווי שמאַציק גלאָז, האָבן גיך און ווילד זיך געגליטשט איבער די גרויע ווענט.

— ייִדן באַהאַלט קיינער דאָ ניט אויס?

דאָס זײַנען געווען אָפּגעהאַקטע ווערטער, טרוקענע, פֿרעמדע. זיי האָבן אַ שניט געטאָן, ווי דער ברי פֿון אַ פֿײַפֿנדיקער בײַטש איבער דער הויט, געזאָטן מיט אַ כריפּ, וואָס מע הערט בײַ שיכורע.

— ניין, — האָט קורץ געענטפֿערט דער אָרגאַניסט.

— און אויב איך וועל געפֿינען?

אף דעם האָט דער אָרגאַניסט געענטפערט מיט א פראַגע אף א פראַגע, געפרעגט קימאַט שעפּטשענדיק, ווי גראָזן וואַלטן געווײנט אין ווינט:

— פאַרוואָס מיינט מײַן הער, אַז דאָ דאַרף עמעצער זײַן באַהאַלטן?

און עפּשער האָט ער גאָרניט געפרעגט, נאָר פּאָשעט אַרויסגעבראַכט אף די ליפּן די אייגענע געדאַנקען, פּונקט ווי ער וואָלט דאָ געווען אײנער אַליין אין דעם דאָזיקן קלויסטערל אָן זון און אָן פרייד.

מינוטן האָבן זיך געצויגן ווי שאָען, ווי אייביקײַטן.

דער אָרגאַניסט האָט א ווײַלע פאַרמאַכט די אויגן, און ווײַטער אָפּגעריסענע שטיקער לעבן האָבן זיך געגעפּלט, ווי פון אונטער א געדיכטן שלייער.

ייִנגלווײַז האָט ער געהערט דאָס טרויעריקע געזאַנג פונעם וואַנדערבעטלער, ניט קיין געזאַנג איז עס געווען, נאָר צערודערטע קרעכצן. ער האָט דעמאָלט דערווף קיין אַכט ניט געלייגט. עפּשער דערפאַר, וואָס ער איז יונג געווען, און עפּשער דערפאַר, וואָס א סאַך ווילקיר און ליידן האָבן געוויכערט אין די קאַרפּאַטן.

און איצט...

ער איז געשטאַנען פאַר דעם פאַרשוין א רוּיִקער, און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פון דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט האָט זיך אומגעקערט יענער גרויזאַמער באַראָן...

א טרויער האָט זיך צעלייגט אף זײַן בלייך אויסגעמאָגערט פּאָנעם. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם גראָען קאָפּ טיף אין די אַקסלען, זײַן בליק איז פאַרנעפּלט געוואָרן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז שוין דאָ אָפּן אָרט שטייען די געפאַרן, געצילטע אין אים. און פון די טונקעלע ווינקלען שרײַען אַרויס צענדליקער קוילעס:

— און אויב איך וועל געפינען...

א מאָדנע באַגער האָט פּלוצעם אופגעפלאַמט אין זײַן אַלטן אָפּגעשוואַכטן קערפּער. טרערן ניט קיין אויסגעווייִנטע האָבן זיך צונויפגעקנוילט אין האַלדז. ס׳איז געווען א ווילן אַזוי זיך צו וואַרפן אף דער מיִעסער בריִע, אײַנגראָבן זיך אין זײַן פאַרצעפּי מיט שטײַפע פינגער און נעגל, מיט אַלץ, וואָס קאָן ווי טאָן...

אָבער אין דער רעגע איז דער אָטעם באַפרײַט געוואָרן פון דער אָנגעלאָפּענער אופרעגונג, און זײַן קאָל איז געוואָרן קאַלט און פרעמד:

— צי זעט איר דען ניט, מײַן הער, אַז דאָ איז אַלץ, ווי אף דער האַנט... קיין שום מענטשלעך וועזן האָט זיך ניט ווו אויסצובאַהאַלטן...

שווער צו זאָגן, צי האָט דער „הער” געגלייבט אין די רייד פונעם אָרגאַניסט. נאָר אין קלויסטערל זײַנען אַכוץ די פיר ווענט, דעם אַלטאַר און דעם אָרגאַן קיין שום אַנדערע זאַכן ניט געווען. האָט ער טאַקע מיט אימפּעט געמאַכט עטלעכע ברייטע שפּאַן אין דער ריכטונג צום אַלטאַר, אים אַרומגעטאַפּט פון אַלע זײַטן, און זײַנע אָנגעצונדענע בליקן האָבן דורכגעשטאָכן די געטלעכקײַט מיטן דערנער־קראַנץ אָפן קאָפּ און מיטן רויטן פאַרבלוטיקטן האַרץ. קאָן זײַן, אַז אין דער מינוט האָט ער אין פּאָנעם פון יעשוע האַנוצרי געזען א גאָענטע ענלעכקײַט צו יענע, וועלכע ער זוכט, צו יענע, וואָס ווערן געטריבן אף קידעש־האַשעם.

אָבער ווי נאָר ער האָט זיך דערנעענטערט צום אָרגאַן, איז דער אָרגאַניסט אים ייִנגלש פלינק פאַרלאָפן דעם וועג.

— עפּשער איך עפּעס פֿאַרשפּילן, מײַן הער?.. א זעלטענער אינסטרו־מענט...

און ניט װאַרטנדיק אױף קײן ענטפֿער, האָט ער לײַכט זיך צוגערירט צו די װײַסע קלאַװישן, פּונקט ער װאָלט זײ געגלעט און געצערטלט. דער־הױבענע קלאַנגען האָבן זיך צעװיגט איבער דעם האַלב־טונקעלן רוים, און זײַנע הענט אױף דער קלאַװיאַטור זײַנען איך װײַס געװען, װי דורכזיכטיק.

װאָס פֿאַר א פֿײַערלעכער ניגן האָט זיך געפֿלאָנטערט אין די קלאַנגען?

דאָס קלױסטערל איז פּלוצעם פֿול געװאָרן מיט אַן אומבאַגרײַפֿלעכן ציטער פֿון בענקשאַפֿט, װײטיק, האָפֿענונג — פֿאַרבאָרגענע אין הארצן, אין די לונגען, אין בלוט, דערפֿליגענע אהער פֿון װײַטע יאָרהונדערטער און קאַנטן. און נאָר דער אָרגאַניסט האָט געװוּסט, אז דאָס זײַנען שפּליטערס פֿון א דורעסדיקן אַלטן ייִדישן ניגן, װאָס איז אױפֿגעקומען אין די װײַטע שפּאַנישע אינקװיזיציע־פֿלאַמען — דער אַלטער װײנענדיקער ניגן פֿון קאָל־נידרע.

דאָס רױטלעכע ליכט פֿון דער לאַמפּאַדע איז געפֿאַלן אױף זײַן בלײך פּנים און דערמאָנט אין עפּעס א הײליקײַט.

— געװוּג! — האָט דער פֿאַרשױן א רעװע געטאָן, — דײַן שפּילן איז זינלאָזער קװאַטש.

און אין דער טױטער לײדיקײַט האָבן אָפּגעהילכט שװערע אװעקגײענ־דיקע באַשטױולטע טריט.

װעמען האָט געקאָנט אײַנפֿאַלן, אז אױף יענער זײַט פֿון די אָרגאַן־רערן, צוגעפּרעסט צו דער מיזרעך־װאַנט, שטײט מיט א פֿאַרהאַקטן אָטעם פֿון שרעק א קלײן מײדעלע, א פֿאַרלױרן קינד פֿון פֿאַרלױרענע עלטערן...

## נאַסטענקאַ

ס׳איז צוגעפֿאַלן די נאַכט.

אין קלױסטערל איז געװאָרן שטיל. אזא דראָענדיקע שטילקײַט, אז דער אײגענער אָטעם האָט געשראָקן. דער אָרגאַניסט האָט פֿאַריגלט די דרױסן־טיר, אָפּגעשרױפֿט פֿונעם אָרגאַן צװײ רערן. באַװוּגלאָז, קימאַט װי צוגע־װאַקסן צו דער װאַנט, איז געשטאַנען דאָס קינד — א נײַניאָריק מײדעלע. די שײַן פֿון דער לאַמפּאַדע איז געפֿאַלן אױף איר פּנעמל, און עס האָט אױסגעזען װי פֿאַרבלוטיקט. א טרער האָט געדימענט אין אירע גרױסע דער־שראָקענע אױגן.

דער אָרגאַניסט האָט זי װי אָפּגעריסן פֿון דער מיזרעך־װאַנט, באַטראַכט זי מיט צער, װאָס איז געװען אױפֿגעשריבן אױף זײַן פּנים, אין זײַנע אױגן. ער האָט געפֿילט דעם יונגן קױעך און די רײנע קינדערשע צוגעלאָזנקײַט, װאָס האָט געשלאָגן פֿון איר, און אין זײַן האַרץ האָט דורכגעפֿלאָסן א װאַרעמער שטראָם פֿון א מאָדנער נאָענטקײַט צו דעם פֿרעמדן ייִדישן מײדעלע.

ס׳האָט לאַנג געדױערט ביז איר פּנעמל איז באַהױכט געװאָרן מיט א װײכער ראָזער פֿאַרב, און אירע הענטלעך האָבן זיך צעװיפֿגעלײגט װי צו א געבעט.

— מיר איז אַזוי שרעקלעך געווען... די רעדן האָבן מיך שיִר ניט פאַרטויבט.

מיטאמאָל האָבן פײַערלעך אויפגעגלאַנצט אין אירע אויגן:

— איך ווייס, אַז דאָס האָט איר צוליב מיר אַזוי געשפּילט... געוואָלט מיט אײַער שפּילן אָפּווענדן פון מיר די געפאַר...

זי האָט גערעדט ווי אַ באַיאָרטע, און די וואָג פון אירע ווערטער האָט זיך שווער געלייגט אויף אים.

— אַ קינד, וועמען ס'איז צוגעפאַלן דער גורל פון אַ דערוואַקסענעם, — האָט ער ווי אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין און זי צערטלעך אַרומגענומען, — דו שרעק זיך נאָר ניט, ליבינקע... בײַ מיר וועט דיר קיין שלעכטס ניט געשען...

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט גענומען אויף זיך אַ שווערן על אין אַזאַ צײַט, ווען יעדערער איז שוצלאָז, און די שווערד פון טויט הענגט איבערן קאָפּ. ער האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט באַנעמען, וויאַזוי זי האָט באַוויזן זיך אָפּרײַסן פון דער קאָלאָנע געטריבענע צום טויט, וויאַזוי זי האָט אין אַ שטאָקפינצטערער נאַכט זיך געשאַרט אַרום די ווענט פונעם קלויס־טערל — אַ קינד, אײַנגעוויקלט אין שמאַטעס. ניט אַנדערש, ווי די מוטער האָט אין אַ פאַסיקער רעגע זי אָפּגעשטויסן פון זיך. און אים האָט זיך אויס־געוויזן, אַז ער זעט זי, די מאַמע, ווי זי טרײַבט פון זיך דאָס איינציקע קינד:

— לויף, טרייסט מײַנע, און זאָל דיך גאָט באַשיצן...

ער האָט זי נאָך טיפער צוגעטוליעט צו זיך, זי אַ גלעט געטאָן מיט דער גאַנצער ברייטער פלאַך פון זײַן האַנט, און ער האָט אַ זיפץ געטאָן אין דער טונקעלער נאַכט אַרײַן:

— דײַן מאַמע האָב איך ניט געקענט... נאָר איך האָב געזען אַנדערע מאַמעס, מיט אויגן ווילדע פון צער און פּאַכעד פאַר אײַער גורל, פאַר אײַער לעבן... איר זײַט געווען פאַר זיי די רייִנסטע פרייד אין יענע טעג, ווען עס האָט קיינעם קיין שום געפאַר ניט געדראָט, פונקט ווי אין שאַ פון אומקום זײַט איר געווען זייער ווייטיק...

ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, און ווי ס'וואָלטן אים טרערן גע־וואָרגן אין האַלדז נאָך שטילער צוגעגעבן:

— אַזוי זײַנען אַלע מאַמעס פון דער וועלט...

ער האָט נאָך לאַנג גערעדט אָפּגעריסן, אויפגערעגט, דערציילט עפּעס פון זײַן אייגן עלנט לעבן אין דער טיף פון די קאַרפּאַטן און ניט באַמערקט, ווי זי איז אײַנגעשלאָפן אין זײַנע אָרעמס אין אַ וואַרעמען קינדערשן שלאָף.

עס איז אוועק דער האַרבסט. אים האָט פאַרביטן אַ קאַלטער ווינטער מיט ווײַסע שנייִיקע טעג און פראָסטיקע נעכט. די אייביקע צײַט האָט פאַרשלונ־גען אַ זמאַן נאָך אַ זמאַן. ער האָט אין די נעכט זי געלערנט, וויאַזוי מע דאַרף זיך אָפּירן, וויאַזוי זיך ציילעמען. אים האָט זיך אײַנגעגעבן קריגן פאַר איר הוצולישע מאַלבושים און רויטע קאַרעלן. און אַ נאָמען האָט ער איר צוגעטראַכט:

נאַסטענקאַ...

אַזאַ שיינער, אַזאַ זינגעוודיקער נאָמען.

און ווען ער איז געוואָרן אײַנגאַנצן זיכער אין אַלע פּראַטים, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז צו אים איז געקומען אַ קינד פון זײַנער אַ ווײַ־

טער קרויווע. ווער ס'האָט געגלייבט, ווער ניט... נאָר מאָסערן איז קיינער ניט געגאַנגען. עפּשער דערפֿאַר, וואָס איר אויסזען האָט ניט אַרויסגערופֿן קיין באַזונדער כּשאָד.

אַזוי איז פֿאַרביי אַ יאָר נאָך אַ יאָר... ענדלעך איז געקומען יענער לאַנג געוואַרטער פֿרילינג. אַ נייער פֿרילינג איז עס געווען מיט אַ פֿריידיקער פֿאַרביקייט. אַ פֿרילינג, ווען אומרעכט האָט באַקומען גערעכטע שטראָף און פֿון אַלע זייטן האָט געשפּאַרט מיט האָפֿענונג, מיט פֿרידן, מיט ליבע...

פֿאַר דעם אָרגאַניסט האָט די צייט זיך אָנגעהויבן רעכענען פֿונעם ניינטן מיי טויזנט ניין הונדערט פֿינף און פֿערציק. אַלץ האָט געהערט אָט דעם טאָג, אָט דעם פֿרילינג.

1945.

ביסלעכווייז האָט דאָס קלויסטערל אָנגעוווירן זיין אַמאָליקן באַדייט, געשימערט מיט אַ נייעם גלאַנץ, און דער אַלטער אָרגאַן איז אויך מיטאַמאָל ווי יינגער געוואָרן.

און דער אָרגאַניסט?

איין מאָל איך וואָך האָט דורך טיר־און־פֿענצטער אַרויסגעשטראָמט אַ פֿייערלעכע אָרגאַן־מוזיק. און זויבערע קלאַנגען, פֿול מיט צעוויקלטער לעבעדיקער קראַפֿט, האָבן צעהוידעט און צעוויגט די באַרגישע ווייטן און טיפֿן.

באַך... הענדעל...

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז מיטאַמאָל ליכטיקער געוואָרן, פּונקט ווי די זון וואָלט צעשאָטן איבער בערג און פֿלאַכן גאַנצע בינטלעך פֿייערדיקע שטראַלן, און צוזאַמען מיט דעם ליכט האָט זיך געוויגט אַן איינגעהאַלטענער מורמל פֿון מענטשן, וואָס זיינען געקומען אים הערן. קיין קלויסטערל איז שוין ניט געווען, אַלץ איז פֿאַרשוווּנדן אין דעם וויברירנדיקן וויכער פֿון קלאַנגען.

איך בין אויך צומאָל געווען צווישן די, וואָס האָבן זיך געטראָגן אויף די פֿליגל פֿון יענע קלאַנגען, און ביז היינט הער איך דעם צעוויגטן אומרו פֿון זיין שפּילן.

## בענקשאַפֿט

דער טאָג, ווען כ'האָב זי דערזען, איז געווען פֿול מיט זון און מיט זומער און געלעגן איבער דער וועלט אַ רייכער, אַ זאַטער, אַן אויסגעוואַרעמטער אונטער אַ קלאָרן הימל. פֿון די פּאַלאַנינעס האָט דער צוויט פֿון לינדנביימער און די זאַפֿטן פֿון געקאָסעטן היי אָנגעטרונקען די לופֿט מיט פֿאַרשיקערנדיקע רייכעס.

ס'איז געווען אין די נאָכמיטיק־שאָען.

דער אַלטער אָרגאַניסט האָט געגעבן זיינע קאָנצערטן פֿאַר ליבהאָבער און טוריסטן, וואָס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין הויף פֿונעם קלויסטערל.

זי איז געשטאַנען אין שאָטן פֿון צעבליטע אַקאַציעס.

מיר איז אויפגעפאַלן די פאַרטראַכטקייט, מיט וועלכער זי האָט זיך איינ־געהערט אין דעם שפּילן. מיטאַמאָל האָט א יאָג געטאָן אווירבל־שטורעם פון טענער און קלאַנגען, וואָס האָבן אויפגעלעבט, געלויכטן ווי די העלע זון, געוויגט זיך ווי צווייגן פון פאַרטראַכטע סאָסנעס. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די אימפּראָוויזאַציע, וואָס גיסט זיך פריי פון זיין נעשאָמע, וועט לאַנג ניט אויסהאַלטן דעם שוווּנג, נאָר די קלאַנגען זיינען געוואַקסן, געוואָרן אַלץ שטאַרקער און מעכטיקער און פאַרפלייצט דאָס האַרץ. ס'איז געווען א מין געזאַנג, וואָס האָט פאַרטראָגן צו די שורעס פון שיר־השירים:

ביסט שיין, געליבטע מיינע, ביסט שיין,
דיינע אויגן זיינען טויבן.

צו וועמען איז געווען געווענדט דאָס געזאַנג? פאַר וועמען האָט דער אַלטער אָרגאַניסט אויסגעשפּילט די שענסטע ליבע־פּאָעמע?

— טו מיך א רוף, ווי א זיגל אויף דיין האַרץ.
ווי א זיגל אויף דיין אָרעם,
וואָרעם שטאַרקער ווי דער טויט איז די ליבשאַפט...

נאָר זי איינע האָט געוווּסט, אַז דאָס שפּילט ער היינט פאַר איר, נאָר זי איינע האָט פאַרשטאַנען יעדן קלאַנג פון זיין שפּילן, וואָס האָט דורכגע־נומען איר גאַנץ וועזן, די גאַנצע נעשאָמע, אַלע געדאַנקען, און זי אַליין איז שוין ניט געווען מער קיין צוהערערן, נאָר א געפעס, וואָס זאַמלט אין זיך אָט די קלאַנגען.

ס'איז געווען דער טאָג ערעוו איר אָפּפאָרן זיך לערנען אין א קאָנסער־וואַטאָריע, דער טאָג פון זייער צעשיידן זיך נאָך גאַנצע אַכט יאָר.

אינדערפרי נאָך האָט ער זיך געקלאָגט פאַר איר:

— מיר וועט שווער זיין אָן דיר... דו ביסט אריין אין מיין לעבן, ווי א זונענשטראַל אויף א פאַרוואָלקנטן הימל... יעדן טאָג האָב איך געקוקט אין דיינע אויגן און זיך געפרייט מיט זיי. זיך געפרייט, וואָס זיי זיינען אַזוי בלוי, אַזוי ריין...

א ווײַלע האָבן זיי זיך אָנגעקוקט, ווי אין א שפּיגל געזען זיך אַליין אינעם אַנדערנס אויגן, אירע — ברייט־געעפנטע, בלויע און פאַרקלערטע, ווי דער הימל, זיינע — מוטנע, פאַרטונקלטע.

— מיך האָט געשראָקן דער היינטיקער טאָג, כאָטש כ'האָב געוווּסט, אַז ער איז אומפאַרמיידלעך... איך האָב דאָך אַליין דיך געגרייט צו אים... מוזיק וועט דיר העלפן דערקענען דאָס לעבן, זיין שיינקייט, זיין פרייד און זיין אומעט.

זי האָט געענטפערט, בלויז א שמייכל געטאָן אַזוי, אַז דורך אָט דעם שמייכל האָט זיך אָנגעזען די זאָרג פאַר דעם אַלטן אָרגאַניסט, וואָס איז איר געווען ווי א פאָטער, אויב ניט מער...

זי האָט זיך דערמאָנט, וויאַזוי ער האָט זי געפונען באַם קלויסטערל אין א פינצטערער נאַכט, א דורכגענעצטע, א פאַרפרוירענע, אפילו וויינען שוין ניט געקאָנט. ער האָט לאַנג זי געטוליעט צו זיך, זי געוואַרעמט מיט דער וואַרעמקייט פון זיין האַרץ, מיטן היץ פון זיין צעטעם, האָט זי באַרויקט מיט טרייסטנדיקע ווערטער:

— דו ווערסט וואַקסן אין אַ וועלט, ווו עס וועלן מער קיין מילכאָמעס ניט זײַן... קינדער וועלן מער ניט באַרויבט ווערן פון זייער קינדהײַט... אין אַ וועלט, ווו קיין שום קינד וועט מער ניט דאַרפן פרעגן: פאַרוואָס האָב איך ניט קיין טאַטן? פאַרוואָס האָב איך ניט קיין מאַמע?

און געווען זײַנען זײַנע רייד ווי אַן אייביקער באַגער פון אַלע צײַטן, פון אַלע דורות.

יאָרן האָבן זיך געביטן.

ער האָט די גאַנצע צײַט געזאָרגט פאַר איר ווי אַ לײַבלעכער פאָטער. זי געלערנט ליב האָבן מוזיק. ניט נאָר ליב האָבן נאָר אויך פאַרשטיין איר שפּראַך, און ווען זי איז צומאָל געגאַנגען צווישן די סאָסנעס אין די בערג, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז יעדער בוים איז ווי אַן אָרגאַן־רער. יעדער יאָר אַ רינג, יעדער יאָר אַ נײַע מוזיקאַלישע רער. און זיי קלינגען, די רערן, אין איר נעשאָמע, און איר דאַכט זיך, אַז זי הערט דאָס געזאַנג פון די הימלשע רוימען...

זי האָט זיך דערמאָנט און ווידער אַ שמייכל געטאָן. און ער האָט דעם שמייכל אויפגעכאַפּט און געהאַט דאָס געפיל, ווי זי באַשטייט פון צוויי מענטשלעכע וועזנס, וואָס גייען אין באַזונדערע וועגן און קאָנען זיך ניט געפינען.

דאָס איז געווען אינדערפרי.

איצט איז זי געשטאַנען אויסגעגאָסן ווי אַ פלאַם. אַ לײַכט זומער־ווינטל האָט צעבלאָזן אירע שוואַרצע צעלאָזטע האָר. זי האָט זיי פאַרשאַרט, און ס'איז שווער געווען צו טרעפן, צי איז די גראַציעזקייט פון אירע באַוועגונגען אַן אויסגעלערנטע, צי אַן אײַנגעבוירענע.

וואָלט איך געקענט איבערזעצן אויף פּאַשעטע פאַרשטענדלעכע ווערטער די בלויקייט פונעם הימל, דעם גרינעם פלאַטער פון די בערג און דאָס שפּילן פונעם אָרגאַניסט, וואָלט איך אויך צו דער גאַנצקייט צוגעגעבן די אויסערגעוויינלעך האַרמאָנישע שלאַנקייט פון איר געשטאַלט, פון איר פּאַנעם מיט אַ פּוכיקער ווייכקייט אַרום דעם צאַרט־געטאָקטן מויל.

מיטאַמאָל האָט דאָס שפּילן זיך איבערגעריסן.

אַ שווײַגנדיקע אָנגעלאָדנקייט האָט אויף איין מינוט אַרײַנגעוואָרפן די צוהערער אין אַ געדיכטער אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער שטילקייט, וואָס איז פון סעקונדע צו סעקונדע געוואָרן אָנגעשטרענגטער. דערנאָך האָט דאָס שווײַגן גענומען אויפּצעטערן, אויפּצאַפּלען, גלײַך אונטערערדישע קוואַלן וואָלטן צעוויגט דעם גאַנצן אַרום.

— בראַוואָ, בראַוויסימאָ!

דער אָרגאַניסט האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל. אַ בלייכער שמייכל האָט באַרירט זײַנע טרוקענע ליפּן.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די שפּיץ פינגער מיט אַ בעפּירעשן באַגער צו זײַן העכער פון אַלעמען. אירע ווײַסע הענט, פאַרהויבן איבער זיך, האָבן אַ בליץ געטאָן מיט טראָפּנס פּײַער. אין אירע גרויסע בלויע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. און אַזאַ ליבלעכע צוגעלאָזנקײַט האָט אַראָפּגעשײַנט פון איר פּאָנעם. זי האָט זיך געצויגן אַהין, ווו דער אָרגאַניסט איז געשטאַנען, געוואָלט אײַנזאַפּן אין זיך דעם לעצטן אַקאָרד, וואָס איז ווי

פאַרגליווערט געוואָרן. זי האָט עפּעס געוואָרן, נאָר איר רוף איז אינעם טומל דערטרונקען געוואָרן.

פּלוצעם האָט זי זיך א ריס געטאָן פון אָרט און אײַליק אוועק.

— נאַס־טען־קאַ!

דער נאָמען האָט זיך ווי צעשאָטן אין מויל פון דעם אַלטן אָרגאַניסט, א קלונג געטאָן מיט א מאָדנער צעבראָכנקייט. און אין זײַנע אויגן האָט געשווינדלט עפּעס א טונקעלער שאָטן.

— נאַסטענקאַ...

זי האָט אויף זײַן רוף ניט רעאַגירט. עפּשער האָט זי אים אין טומל ניט דערהערט. און ער האָט איר נאָכגעקוקט א פאַרלוירענער, מיט צעשפּרייטע הענט, וועלכע ער האָט באַלד מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזט. דאָס איז געווען א זייער פײַנלעכער און זייער גרויליקער זשעסט.

זי איז אוועק, איבערלאָזנדיק נאָך זיך דעם טרויער און עלנט פון איר אוועקגיין.

איך האָב זי איך באַגלייט מיט מײַנע בליקן. נאָכגעפאָלגט דער ריט־מישקייט און גראַציע פון איר יוגנטלעכן שפּאַן. איר ווײַס זײַדן קליידל האָט זיך געקנייטשט, געפאַלדעוועט, געבערגלט, ווי א זומער־ווינטל, און געפעכלט אין די שאַטנס פון געדיכט־צעבליטע אַקאַציעס, ביז זי האָט זיך אַרײַנגעשניטן אין א זײַטיק וועלדל און פאַרשוווּנדן.

פונוואַנען האָב איך געוואָלט וויסן, אז דאָס האָט זי זיך אַזוי אָפּגעזעגנט אויף לאַנג, און איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט דער האָפענונג זי צו זען א צווייט מאָל, ווען איך וועל ווידער קומען אַהער. און אין דעם אומרו פון האָפענונג איז געווען די זיסקייט פון דערוואַרטונג.

נאָר א צווייט מאָל איז זי שוין ניט געקומען.

דער אַלטער אָרגאַניסט האָט ווי שטענדיק געגעבן זײַנע קאָנצערטן. זײַן געבויגענער גוף האָט מוירעדיק זיך געצייכנט אין שאָטן אויף דער וואַנט. און אַרום אים האָט געהערשט עפּעס א שטילקייט און פאַרשטיינערטקייט. ס'האָט זיך געדאַכט, אז אין זײַן שפּילן פּלאָנטערן זיך פאַרומערטע קלאַנגען, פול מיט בענקשאַפט, וואָס האַלטן אין איין רופן:

— נאַס־טען־קאַ!..

פּלוצעם וועקט ער זיך אַרויס פון זײַנע וועלטן, און ווי אין א צעשוווּ־מענעם כאַלעם ווײַזט זיך אים אויס, אז נאַסטענקאַ זיצט לעבן אים, הערט זיך אײַן א פאַרקלערטע, מיט א ווײַטן פאַרטראַגענעם בליק אין זײַן שפּילן. אָט נעמט זי אים אַרום. א הייסע ליבשאַפט צעפלאַקערט איר האַרץ, און ער פילט די פולע קרעפטיקע וואַרעמקײַט, וואָס שלאָגט פון איר יונגן קערפּער.

— נאַסטענקאַ...

נײַן, דאָס האָט דעם אַרענדאַרס טעכטערל זיך אָפּגעטיילט פון דער מיזרעך־וואַנט. ער האָט זי קיינמאָל ניט געזען, און דאָך האָט ער זי דער־קענט. אירע צוויי שוואַרצע צעפּ זײַנען געווען פאַרוואָרפן פון פאָרנט, איבער דער ברוסט. די אויגן פײַכטע, ווי שוואַרצע קאַרשן, האָבן געקוקט אויף אים פאַרכאַלעמטע, טרויעריקע. אַזעלכע טרויעריקע, אז טרערן זײַנען אים אַזש אָנגעלאָפן, און זײַן האַרץ האָט געווייטיקט פון איר טרויעריקן בליק. אים

האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי זעט אים אין זײַן איינזאַמקײַט און אירע אויגן זאָגן:

— זאָרג ניט... איך וועל זײַן מיט דיר... איך וועל פונדאַנען קיינמאָל ניט אַוועק...

לאַנגזאַם און שטיל האָט זיך צעזונגען דער אָרגאַן, און זײַן געזאַנג איז געווען, ווי אַ טפילה, ווי אַ רעקוויעם:

איך גלייב, רישעס וועט פאַרשווינדן פון דער ערד,
צום יאָמטעוו פון ברידערלעכקײַט וועלן פעלקער זיך שטעלן,
און קיינמאָל וועט בלוט מער ניט פליסן פון שווערד,
מענטשלעכע הענט ניט פאַרגיסן מער וועלן...

לאַנג האָט אַזוי געשפּילט דער אַלטער אָרגאַניסט. דער זומער־טאָג האָט געהאַלטן זיך אין לעשן.

די זון האָט אויפגעזוכט דעם צײַלעם אױפן קלויסטער־שפּיץ, אים אַרומגעוויקלט מיט אַ פלאַמיקער שײַן, און די שײַן, וואָס האָט געשטראָמט פון די זיך לעשנדיקע הימלשע הייכן, האָט פּלוצעם אויפגעציטערט.

פון וואָס?

אַן אָדלער האָט מיט זײַנע צעשפּרייטע פליגל געשניטן פּאַסן פון דער הימלשער בלויקײַט, מיטאַמאָל זיך צעשריגן מעכטיק און יאָמערלעך.

ווער קאָן פאַרשטיין דעם אָדלערס געשריי?

ער האָט דאָך אַלץ, וואָס מע דאַרף. דעם רויש פון די בערג אונטער זיך, דעם ווײַטן הימל איבער זיך און אַזאַ ברייטע ראַכוועסדיקע אומענדלעכקײַט.

דער אַלטער אָרגאַניסט איז געזעסן ווי פאַרקישעפט פון דער אייגענער מוזיק. זײַן שפּילן איז געוואָרן מיטאַמאָל שטאַרקער, וואָגיקער, פונקט ווי ער וואָלט זיך פאַרוועט מיטן געשריי פונעם אָדלער.

זײַן פּאָנעם האָט באַדעקט אַן אומגעווייִנלעכע בלייכקײַט. און אין די טונקעלע אויגן זײַנע האָט זיך געוויגט די שקיעה...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

טכילעס נאַכט.

איך האָב אױף אַ קורצער ווײַלע זיך פאַרהאַלטן באַם ראַנד פון דאָרף.

ס'איז געווען איינער פון יענע זעלטן שיינע אָפּדערנאַכטן אין דער טיף פון די קאַרפּאַטן, ווען דער גאַנצער אַרום איז פאַרזונקען אין שטילשווײַגן און איז געפאַרבט אין וואַרעמע ציטערנדיקע לילאַווע קאָלירן, ווי דער צוויט פון בליִענדיקע שוואַרצע ווײַנטרויבן.

פון אַ פולער אויפגייענדיקער לעוואָנע זײַנען שטראָמען ליכט זיך צעגאַנגען איבערן גאַנצן הימל־געוועלב, באַגאָסן מיט זילבער די בערג, דעם טאָל, די דאָרפישע הײַזלעך און דאָס קלויסטערל.

איך האָב זיך פאַרהאַלטן אױף אַ ווײַלע, זיך שטום געזעגנט מיטן קלויסטערל, מיטן טונקעלן פאַרשטאַרטן שאָטן, מיט די אויסגעלאָשענע פענצטער... און אַרום איז געשטאַנען אַזאַ פּראַכט, אַזאַ בערייִשעסדיקע פּראַכט, מיט אַזויפיל פרידלעכער מענוכע און צאַרטער בענקשאַפט, אַז ס'האָבן אויסגעזען אומעגלעך און אומגלויבלעך אין אָט דעם געבענטשטן קאַנט מענטשלעכע ליידן. מע׳טשלעער צאַר...

# ווי צוויי טראָפּנס טוי

איך האָב זי באַגעגנט אויף מײַנע וואַנדער־וועגן ערגעץ אויף א קאָמיוגי־שער בויונג אין ווײַטן סיביר.

דער טאָג איז געווען א זעלטן לויטערער, א פרילינגדיקער. דער הימל איבער דער טײַגע איז געהאנגען א רויק־פאַרגליווערטער, אָן א שטיקל וואָלקן. און נאָר א דין רויכל איז ווי א מיראזש געלעגן איבער די סאָפּקעס.

זי האָט פאַרבײַגעפלאַטערט, ווי א שמעטערלינג.

א שיינע, מיט קרעפּטיקע און גראַציעזע גלידער. און אויגן האָט זי געהאַט די זעלבע, און די זעלבע האָר, און דעם זעלבן שמייכל און אפילע דעם זעלבן קלאַנג פון דער שטים, פּונקט ווי יענע, וועלכע איך האָב מיט יאָרן צוריק געזען באַם גאָטישן קלויסטערל אין דער טיף פון די קאַרפּאַטן.

סאַראַ ענלעכקײַט, ווי צוויי טראָפּנס טוי!..

— נאַס־טען־קאַ?

זי האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אירע בליקן, ענגער פאַרצויגן דאָס גאַר־טעלע אַרום דער טאַליע. ס'האָט א שפּיל געטאָן די שלאַנקע געפורעמטקײַט פון איר קערפּער. און זי האָט זיך צעלאַכט, בלינצנדיק מיט אירע פרישע ווײַסע ציין.

— איך בין ניט נאַסטענקאַ...

איך האָב ניט געפרעגט, פונוואַנען זי איז געקומען. מיר האָט זיך זייער געוואָלט, אַז זי זאָל זײַן פון די היימישע קאַרפּאַטן, וווּ איצט שטייט א טונקעלע באַכט, דורכזיכטיק און ריין, ווי דער טרוים, וועלכער האָט זי גע־בראַכט אין אָט דעם ווײַטן סיבירער קאַנט.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז נאָך א רעגע און זי וועט מיט געלעכטער א זאָג טאָן:

— נאַסטענקאַ הייסט מײַן מאַמע...

יענץ ייִדיש מיידל מיט דעם שיינעם ניט־ייִדישן נאָמען, וועמענס שאָטן איך האָב אפילע אין כאַלעם ניט געטראַכט מער צו באַגעגענען.

זי האָט מיר אָבער דאָס ניט געזאָגט.

איך האָב געקוקט אויף איר, און מיר האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז דאָס שטייט זי גאָר באַם קלויסטערל און הערט זיך אײַן אינעם שפּילן פון דעם אַלטן אָרגאַניסט. און ווײַט־ווײַט איבער די בערג שווימען טענער און קלאַנגען, פאַרוועבן זיך אין א הייס, פריידיק געזאַנג:

דאַכט זיך שוין לאַנג אויף אונדז וואַרט מיט זײַן ליד
דער קאַנט, ווו אויף סאָפּקעס באַגולניק עס בליט...

מיר איז קלאָר געווען, אַז זיי האָבן געלאָקט, געמאַניעט די גראַנדיעזע בויונגען אויפן ווײַטן מיזרעך, וווּ דער זומער איז א קורצער, נאָר א בליענ־דיקער, א פאַרביקער, און דער ווינטער — אַן אומענדלעכער לאַנגער, ניט ווײַ־סע פּראָסטיקע ווינטן, וואָס שפּרייטן איבער דער טײַגע וואָלקנס שניי, אָנ־

געדוקטע פון פארכמורעטע האָריזאָנטן. און זי האָט געטראָגן מיט זיך דעם אָנזאָג פון א נײַער צײַט, פון נײַע טעג, פון א נײַ לעבן...

זי איז אוועק.

איר געשטאַלט האָט נאָך עטלעכע מינוט באוועגט זיך פאַר מײַנע אויגן, דער אָנבליק פון איר פּאָנעם האָט געציטערט ווי אין א כאָלעם, אָבער זי האָט מיט גיכע טריט זיך דערווײַטערט, דערווײַטערט און ביסלעכווײַז אינגאנצן פארשוווּנדן אין דער ליכטיקייט פון א ווײַטמיזרעכדיקן זומער־טאָג.

און מיר איז עפּעס ווי א שאָד געווען איצטערינקען מיטאמאָל די זיסע פרייד, וואָס האָט געשטראָמט פון אָט דער פלוצעמדיקער באגעגעניש.

# מידאס־האַרין

ער האָט ניט געקענט שטאַרבן.

פֿײַערן האָבן מיט פֿלאַמיקע שפּיזן געבריט זײַן צעריסן לײַב, געשטאָכן זײַנע גליִענדיקע וווּנדן, גלײַך ער וואָלט געלעגן אויף טויזנטער נאָדלען. ער האָט זיך געקאָרטשעט פֿון ווייטיק, פֿון אַן אַ שיר ווייטיקן, וועלכע זײַנען פֿיל שרעקלעכער געווען, ווי דער געגאַרטער טויט.

אָפּגעריסענע שטיקער פֿײַער האָבן געשפּאַרט פֿון אַלע פֿיר זײַטן, זיך צעשאָטן אין גלײיקע פֿונקען, געלייגט זיך אים צוקאָפּנס, צופֿוסנס.

ער האָט זיך געראַנגלט צווישן טויט און לעבן, צווישן כאַלעם און וואָר. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ניט נאָר אַרום אים בושעוועט אַ פֿײַער־לאַווינע, נאָר אַז דער גאַנצער קאַלטער, האַרבסטיקער דרויסן איז פֿאַרכאַפּט פֿון אַ סרייפֿע, און אירע פֿלאַמען צינדן אָן דעם גרויען נידעריקן הימל.

פֿון די פֿלאַמען האָט פּלוצעם זיך אָפּגעשפּאָלטן אַ פֿרויען־געשטאַלט. ער זעט בוילעט די צאַרטקייט פֿון איר קליין, געשניצט פּאָנעם, בלייך און דערשראָקן, אָן אַ טראָפּן בלוט. ער זעט די שוואַרצע אויפֿגעריסענע אויגן, אויך אָנגעגאָסענע מיט אַ צאַפּלדיקער שרעק.

ווו האָט ער זי באַגעגנט? אויף וועלכע וועגן?

די פֿרוי פֿלאַקערט אַרום זײַן לײַב, וויגט זיך אויף אַ פֿלאַמיקער קרײַקע. דאָס פֿײַער שלאָגט פֿון אירע האָר, פֿון אירע אויגן, פֿון דעם קלייִנעם מויל. און וואָס מער ער וויל זיך באַפֿרײַען פֿון אָט דער געשטאַלט, אַלץ אַקשאָנעסדיקער וויל זי ניט אָפּטרעטן.

ער איז געבליבן פֿאַרזונקען אין גרויסער היץ. זײַן צעשטערטער מויעך האָט געפֿיבערט מיט די לעצטע שפּורן פֿון לעבן. און די יונגע פֿרוי האָט אַלץ געפֿלאַקערט אַרום אים און ניט געלאָזט אים שטאַרבן.

ווו האָט ער זי געזען?

מיטאַמאָל, ווי אין דער סאַמע לעצטער רעגע פֿאַרן טויט, האָט זיך צו אים אומגעקערט דער זיקאָרן. ער האָט אָבער שוין ניט געקאָנט טראַכטן. ער האָט נאָר געקאָנט זען. און געזען האָט ער אַן אויפֿבליץ פֿון בילדער, פֿון ווּיסטע בילדער. אים האָט פֿון דער זונג עפּעס ווי געוואָרגן אין האַלדז. די צונג האָט זיך געריסן פֿון דעם געזאַלצענעם מויל, ער האָט געוואָלט שרײַען, שרײַען...

און די לופֿט איז אויך געוואָרן אַ צעשריגענע.

אַזוי איז אָנגעגאַנגען די אייביקע שפּיל פֿון מענטש און טויט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

...אין אַן אַלטן בעסמעדרעש — אַ צונויפֿגעטריבענע מאַכנע ייִדן, צונויפֿגעטריבן פֿון אַלע עקן וועלט, צונויפֿגעדרענגט קאָפּ צו קאָפּ, מיט טעמפּן

גליווער פון צאַר און שרעק. מענער, פרויען און קינדער פלאָנטערן זיך אין אַ נעפלדיקער ענגשאַפט, זוכן איינער דעם אַנדערן און קאָנען זיך ניט געפינען.

און ווען טאָג און נאַכט האָט זיך צום שיידן באַגעגנט, האָט פלוצעם ווי אַ מוירעדיקע טקיעה אַ שניט געטאָן איבער אַלעמענס קעפּ אַ ווילד־צעקייכטער, גרוילִיקער יאָמער־געשריי:

— ייִדן, מיר ברענען!

און באַלד טאַקע האָבן ברענענדיקע ווענט זיך צונויפגערוקט פון אַלע פיר זייטן ענג געמאַכט דעם אָטעם, געשטיקט מיט גיפטיקע רויכן, און די הענגלײַכטער האָבן זיך צעוויגט אין אַ פאַרכטיקן פּאַכעד.

פאַרצווייפלטע געשרייען און יעלאָלעס האָבן אינאיינעם מיט די פייַערן זיך געריסן צו די פאַרנאַכטיקע הימלען. און וואָס שטאַרקער ס'האָט זיך צעברענט דער בעסמעדרעש, אַלץ פאַרשטיקטער זיינען געוואָרן די קולעס, ביז מענטשן מיט אויסגעזעצטע אויגן און אויסגעשטרעקטע ברענענדיקע הענט האָבן גענומען שפּרינגען פון די פענצטער.

בײַ דער זייַט אָבער זיינען מיט אָנגעצילטע אויטאָמאַטן געשטאַנען די אונטערציִנדער בעראָש מיטן עסעסאָווען קורט בראַון.

קורט בראַון...

אַ יונגער העל־בלאָנדער אָפיצער, מיט אויגן, ווי בײַ וועלף אין פאָספאָר אָנגעצונדן. ער טראָגט אַן ענג פאַרשנורעוועטן מונדיר, מיט אַ ברייטן האַקנקרייץ־באַנד אויפן אָרעם. ער פאָכעט גיִיוועדיק מיט אַ לעדערנער רייַט־בייַטש, און באַפעלט שיסן אויף יעדן, וואָס באַווייַזט אַרויסצושפּרינגען.

פלוצעם דערזעט ער אין אַ שוואַרץ צעעפנט פענצטער אַ יונגע פרוי, ווי אייַנגעראַמט אין אַ טרויער־ראַם. זי שטייט אַן אייַנגעהילטע אין אַ פייַערשאַל און טוליעט צו דער ברוסט אַ קליין קינד. אַזוי טוליען אַלע מאַמעס פון דער וועלט זייערע קינדער אין אַ סאַקאָנע. אויף איר צילט שוין דאָס אויג פון אַן אויטאָמאַט. קורט בראַון אַליין האַלט זי אויפן ציל. עס שטאַרן שוין זייַנע רעציכעדיקע, כייַישע בליקן. ער דערהערט איר צעיאָמערטע שטים. אַזוי צעיאָמערט, ווי אַ מענטש נאָר קאָן יאָמערן איין־איינציק מאָל אין לעבן. און איר געוויין קלינגט עלנט און פאַרלוירן אין דעם וווּנדערלעכן ליכט פון זון־פאַרגאַנג.

— שפּרינג!

און בייס קורט בראַון האָט זי צוגערופן מיט אַ קרומען בליק פון אונטער זייַן פינצטערן שטערן־קנייטש מיטן קענטיקן קאַין־צייכן, האָט אין איר דאָס שוואַכע כייַעס פון אויסגענאָגטע וואָכן און כאַדאָשים אַ שטראַל געטאָן מיט אַ שימער פון האָפענונג. און זי איז געשפּרונגען. און אַ סעריע פייַער־קוילן האָבן אין פלי דורכגעלעכערט סייַ די מוטער, סייַ דאָס קינד.

זי איז געלעגן אין אַ ריטשקעלע בלוט. אונטער איר — דאָס קינד. געלעגן צוזאַמענגעדרייט און קליין, ווי אַ צוגעקלעפּטע צו דעם אָרט. און ס'האָט דער פאַרנאַכט זיך געקלאַמערט אין די לעצטע שטראַלנדיקע רעגעס.

און דער אַלטער בעסמעדרעש האָט געפלאַקערט, ווי הונדערטער קנאַקנדיקע בייַטשן, און עס האָבן געברענט די ספאָרים, וואָס זייערע אויסיעס האָבן געוויינט פון צאַר. און די פלאַמען האָבן ווי געשטיפט מיט דער לעש־

דיקער שקיִע־רויטקייט, און אָנגעפּילט די לופט מיט א טערפּקע ריחער פון געסמאליעטע לײַבער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ער האָט ניט געקענט שטאַרבן, קורט בראַון.

ער, וואָס האָט זײַן וועג מיט בלוט און מענטשלעכע בייִנער געפּלאַסטערט, איז איצט געלעגן א שוועראַפּאַרוווּנדעטער, און אפילו דער טויט האָט ניט געוואָלט אים צונעמען, ניט געוואָלט אים באפרײַען פון די גרימיקע ווייען.

אין דער טריבער אײַנזאַמקייט האָט פּלוצעם אופגעליכטן א פונק, דער לעצטער פונק אין זײַן לעבן. אים איז אײַנגעפאַלן א ווילדער געדאַנק: נאָר א ייִד קאָן אים העלפן. נאָר א ייִד קאָן אים פאַרגעבן די זינד... א ווײַלע איז ער אפילו אין כּעס געוואָרן אַף זיך פאַר אָט דעם געדאַנק, נאָר וואָס טיפער ס'איז געוואָרן די הוילקייט ארום זײַן האַרץ, אַלץ מער האָט דער פונק זיך צעברענט אין זײַן גלייִענדיקן מויער, ביז ער האָט אַנטשלאָסן און צאַרנדיק אויסגערופן:

— א ייִדן ברענגט, א ייִדן!

דער דעזשורנע דאָקטער, א מאַן, וואָס מאַכט שוין דורך די צווייטע וועלט־מילכאָמע, האָט זיך ניט קעגנגעשטעלט דעם לעצטן פאַרלאַנג פונעם גויסעס. און פונעם נאָענטן געטאָ, ווו טאָג־איִין, טאָג־אויס האָט געבושעוועט דער טויט, האָט מען געבראַכט א ייִדן, אַן אײַנגעהויקערטן און אויסגעפלאָגטן. ער האָט קוים זיך געשלעפּט איבער עפּעס א קאָרידאָר, און דער אָפּקלאַנג פון די אייגענע טריט האָט אים געשראָקן.

פאַרן ייִדן האָט זיך געעפנט א ווײַסע שטרענג־געהיטע טיר, און מע האָט אים ארײַנגעלאָזט אין א ליכטיקער פּאַלאַטע, ווו אַלץ איז פינקלענדיק־ווײַס געווען, און אינײַנעם מיטן שווערן ריחער פון יאָדאָפאָרם האָט א בליץ געטאָן א געדריקטע שטומקייט.

דער ייִד האָט דערזען אַף א בעט א גרויסן קלומעק, אײַנגעוויקלט אין ווײַסע באַנדאַזשן, באַדעקטע מיט פאַרטריקנטע טונקל־רויטע פלעקן, וואָס האָבן אין דער ווײַטער פאַרשטומטקייט א קלאַפּ געטאָן מיט גסיסע־אַנגסטן, און אים האָט זיך געדאַכט, ווי די זון שײַנט ארײַן אויך מיט עפּעס א טויטער ווײַסקייט.

דער ייִד האָט זיך דערנעענטערט.

זײַן לאַנג אָפּגעצערט פּאָנעם מיט די פאַרשפּיצטע האַרטע באַקנבייִנער איז נאָך לענגער געוואָרן. און זײַנע קאַליע־געוואָרטלטע אויגן האָבן א קוק געטאָן אַף דעם צעמיימעסטן גויסעס.

דער קראַנקער האָט דערפילט לעבן זיך דעם ייִדן.

פאַמעלעך האָבן זײַנע אויגן־לעפּלעך גענומען זיך פאַרשאַרן. די פאַרבאַקענע ליפּן האָבן זיך פאַרקרימט. זײַן הייסער אָטעם האָט א גלי געטאָן. און ניט זײַן מויל, נאָר ווי עפּעס אַן אינעווייניקסטע שטים האָט א שלייִדער געטאָן די ווערטער:

— יודע, מיר איז שלעכט... העלף מיר שטאַרבן...

דערשטוינט און דערשראָקן איז דער ייִד געשטאַנען. זײַן אָפּגעצויגן פאַרשוואַרצט פּאָנעם האָט אויסגעדריקט פאַרלוירנקייט. ער האָט געקוקט אין דעם דײַטשס אויגן, וואָס זײַנען בעטנדיק געווען צו אים געווענדט, און

דער ייִד האָט דערזען אין דעם שטאָלענעם גלאַנץ דעם אָפּשײַן פֿון װעלפּי־שער רעציכע. און דער שטאַרבנדיקער האָט אין דעם פֿאַרשװאַרצטן ייִדישן פּאָנעם געזען אַן אָפּגעלאָשענע האַלאַװעשקע, אַן אָפּגעשפּליטערטע פֿון פֿלאַמען און סריפּעס.

דער ייִד האָט אױסגעהערט דעם גױסעס׳ שוידערלעכע װידע. קײן װאָרט ניט דורכגעלאָזט, גלײַך ער װאָלט זיך געגרײט טראָגן די װידע אין אײגע־נעם זיקאָרן װײַט אין לעבן אַרײַן...

— און איצט פֿאַרגיב מיר, יודע...

זײַנע רײד זײַנען געװען אָפּגעהאַקט און כריפּענדיק שװער. די האַלב געעפֿנטע ליפּן האָבן הונגעריק געזויגן די לופֿט. און זײַנע פֿאַרנעפּלטע אױגן האָבן געבעטן פֿאַרגעבונג.

בלױז אַ ברוכטײל פֿון אַ סעקונדע האָט דער ייִד אַ טראַכט געטאָן: „מע טאָר ניט אָפּשטויסן אַ האַנט, װאָס איז אױסגעשטרעקט נאָך הילף״. און אין זײַן האַרץ האָט אָנגעפּלײצט אַ פֿרומע דערהויבנקײט. נאָר באַלד טאַקע, האָט, װי אַ בײז װידערקאָל, זיך אָפּגערופֿן די נאָרװאָס געהערטע װידע, אים דערמאָנט, אַז דאָרט װוּ עס האָבן די נעכט זיך געראַנגלט מיט יונגע פֿאַרטאָגן, און שאָטנס פֿון לעבן האָבן זיך געשאַרט צו באַהאַלטענע שװעלן, דאָרט האָבן די װײנטן נאָך ניט באַװיזן צו צעבלאָזן דאָס אַש פֿון די קדױ־שים, די רעגנס האָבן דאָס בלוט נאָך ניט אָפּגעשװענקט, עס שרײַען נאָך די לעבעדיק־באַגראָבענע פֿון אונטער די הײליקע קװאָרים.

און דאָ: פֿאַרגיב... פֿאַרגיב...

צװײ װאָגשאָלן האָבן זיך געװויגט פֿאַר דעם ייִדנס אױגן. אױף אײנער מידאַס־האָראַכמים, אױף דער צװײטער מידאַס־האַדין. די װאָגשאָלן האָבן זיך געװויגט אָט אױף רעכטס, אָט אױף לינקס... און די מינוטן האָבן זיך געצויגן, װי שאָען, װי אײביקײטן.

— זאָג כאָטש אַ װאָרט, יודע...

דער ייִד האָט געשװיגן, און אין זײַן שװײַגן איז געװען דאָס געשרײ פֿון דורעס געראָדעפֿטע, געפּײַניקטע.

דער ייִד האָט אַ לעצטן קוק געטאָן אױף דעם שטאַרבנדיקן און אָן אַ װאָרט צו זאָגן פֿאַרלאָזט די פּאַלאַטע...



# אין אויסגערײַפטע
# טעג

# באַ זיך

און ווידער האָב איך זיך געלאָזט אין וועג.

אָבער דאָס מאָל ניט ווײַט, טאַקע אין דער אייגענער בוקאָווינע, אינ־גאַנצן צוויי שאָ פֿאָרן מיט דער באַן.

דער צוג רירט זיך.

דורך די וואַגאָן־פֿענצטער קוקן צענדליקער פּאָר אויגן. דער פּעראָן שווימט ביסלעכווײַז אָפּ צוריק, די שטאָט דערווײַטערט זיך, און דער צוג פֿאָרט אַרויף אויף אַן אײַזערנער בריק, ווי מע פֿאָרט אַרײַן אין אַ טונעל.

פֿון אונטן פֿאַלדעוועט זיך דער טײַך אין אַ לײַכטן ציטער, וויגט אין זײַן טיפֿקײַט אַ צעפֿלאַקערטן מאַרגנרויט, און ווײַט־ווײַט, אויסגעוואַשן אין פֿרישן טוי, שפּרייטן זיך די פֿעלדער מיט יונגן ווייץ...

אין וואַגאָן שטייט אַ געדיכטער טומל, מענטשן־ריידן, דערציילן עפּעס, אייניקע זינגען אַלטע באַרג־לידער.

בוקאָווינע איז אַ קאַנט פֿול מיט לעגענדעס, מײַסעלעך און לידער.

מײַנע שכיינים פֿון רעכטס, אַ פֿאַרפֿאָלק, — אַ מין געמיש פֿון אַלט און יונג, זעען אויס ווי פֿרעמדע אין דעם טומלדיקן אַרום. זיי זיצן און שווײַגן.

ער איז שווערלײַביק, מיט דינע קאַרבן אויפֿן ראָזלעך־ראַזירטן פּנים. אַפֿילו די סופּער־עלעגאַנטע קליידער זײַנען ניט בעקויעך צו פֿאַרמינערן די יאָרן זײַנע — ער איז נאָענט צו פֿופֿציק, אויב ניט מער. זי — אַ שטאַרק געפּודערטע, אַ געפֿאַרבטע, גלײַך ווי זי וואָלט זיך געשעמט מיט איר. קוים דרײַסיקיאָריקן עלטער; — זיצט „מענעריש" אַ פֿוס איבער אַ פֿוס, שווינדלט מאַנירלעך מיט אירע לאַנגע בורשטין־אויררינגלעך, און אירע אויפֿגעשויבער־טע האָר צעשיטן זיך, ווי לעבעדיקע, איבער דער גלאַטער ווײַסער פּלייצע.

פֿון ערגעץ ווײַט פֿאַרטראָגט דער ווינט צום אָפֿענעם פֿענצטער אַ זיס־לעכן רייעך פֿון יונגן בעז. זי אָטעמט טיף אַרײַן אין זיך די לופֿט:

— זע, ווי שאַרף דער בעז האָט דאָס יאָר זיך צעבליט...

איר קאָפּ גיט לײַכט זיך אַ וויג אַזוי, גלײַך זי וואָלט פֿאַרטיפֿט איר פּנים אין אַ דופֿטיקן בוקעט, און ער ענטפֿערט קורץ:

— יאָ, זייער.

און ביידע שווײַגן ווידער.

וווּהין פֿאָרן זיי? שוין זשע אויף אָפּרו אין די בערג? איז צוליב וואָס האָט מען זיך אַזוי אויסגעפּוצט?

און איך דערמאָן זיך אין די אַמאָליקע פּראָווינציעלע יידישע אַרטיסטן, וואָס פֿלעגן אָט אַזוי, שווײַגנדיקע, פֿאַרדײַגעטע, נאָר פֿאַרפּוצטע, פֿאָרן פֿון שטעטל צו שטעטל.

אַנטקעגן זיצט אַ יונג פּאָרל, אַרומגעריגלט מיט יונגע לײַט. זײַן פֿאַר־

ברוינט פּנים איז באַרעמלט מיט אַ געדיכטער שוואַרצער באָרד, אַרומגע־שוירן לויטן מיזרעכדיקן שטייגער. פון זײַן צעקנעפּלטן כאַקי־העמד קוקט אַרויס אַ פעסטע, פאַרברוינטע ברוסט.

ער שפּילט אויף אַ גיטאַרע, פֿײַערלעך דערהויבן צעטראָגן זיך די אַקאָרדן, זיי צעוואַקסן זיך שטאַרקע, געדיכטע, גלײַך אַ שטורעם פון צעגליטע פונקען, און בלײַבן נידעריק הענגען, פאַרטויבנדיק אַלע אַרומיקע קלאַנגען.

איך בין ניט קיין מיוון אויף זײַן שפּילן, נאָר עפּעס ווערט מיר לײַכט דערפון.

מיטאַמאָל גייען די אַקאָרדן איבער אין צאַרטע לירישע טענער, און עס צעוויגט זיך אַ פולע רייניע מיידלשע שטים.

Ти признайся мені
Звідки в тебе ці чари?
Я без тебе всі дні
У полоні печалі.

(זײַ זיך מודה, פונוואַנען אַזויפיל כיין אין דיר, און דיר כ'בין פאַרכאַפּט פון בענקשאַפט אַלע טעג).

אַ גרין־אויגיקע מיט קופּערנע האָר, וואָס פאַלן גלעקלדיק איבער איר שמאָל איידל פּנים און הערן ניט אויף צו ציטערן און פלאַטערן בא יעדער באַוועגונג, זיי כוואַליען זיך איבער די באַקן, און זי פאַרשאַרט זיי מיט אַ גראַציעזן זשעסט. אין איר איז אַלץ נאַטירלעך, באַשיידן, און אַ סימען פון קאָסמעטיק. איר גאַנצער שלאַנקער קערפּער שלאָגט זיך דורך דורך דעם דינעם געבלימלטן קליידל.

זי איז אינגאַנצן אין געזאַנג. עס זינגט דער בלויער גלאַנץ פון די אויגן, דער הייסער קופּער פון אירע ווייכע האָר, עס זינגט איר גאַנצער בייגעווו־דיקער און רײַפער מיידלשער קערפּער. און פון דער היימישער ליד ווייעט מיט לעגענדע, מיט ליבע, מיט כאַלעם...

Червону руту
Не шукай вечорами...

(דאָס רויטע קוויטל — זוך ניט פאַרנאַכט...)

און די אַקאָרדן פון דער גיטאַרע גייען נאָך דעם געזאַנג.

דאָס גאַנצע לאַנד, פון צאָפן ביז דאָרעם קען די ליד, נאָר ניט אַלע ווייסן פונעם שטעטעלע באַם אַרײַנפאָר אין די קאַרפּאַטן, וווּ די ליד איז געבוירן געוואָרן.

איך וואַרט אויף אַ פרײַער רעגע, קעדיי צו פאַרפירן אַ שמועס, און דער־וויס זיך, אַז דעם יונגנמאַן רופט מען פּאַוועל, ער האָט מיט אַ יאָר צוריק געענדיקט אויף אינזשעניער און אַרבעט אין אַ טעכניקום, און זי הייסט סטע־לאַ, זי שטודירט מעדיצין.

הײַנט איז שאַבעס, פאָרן זיי אויף צוויי פרײַע טעג אַהיים. ער צו זײַן מאַמען, און זי אין דאָרף צו אירע עלטערן.

מײַן געפאַרבטע שכיינע טוט אַ פינטל מיט אירע לאַנגע צוגעקלעפּטע וויעס, פאַרלירט אַ שטילן זיפץ, און פּאַוועל לייגט מיטאַמאָל אַרויף זײַן ברייטע האַנט אויף די סטרונעס, ווי ער וואָלט צוגעדעקט די לעצטע אַקאָרדן,

ווישט אָפּ דעם שטערן, כאָטש ער איז טרוקן, און זאָגט, ווי אַף זיך צו פאַרענטפערן:

— אַף היינט גענוג!

סטעלאַ צעלאַכט זיך מיט אַ גלעקלדיקן געלעכטער, אין די אויגן שפּרינגען אַרום גרינע שרעטעלעך, און דער הייסער קופער פון אירע האָר צעוואַרפט אַ וואַרעמקייט איבער איר איידל געשניצט פּנים.

דער צוג דערנענטערט זיך צו וויזשניץ.

היים מיינע!

אַ קליין שטיל שטעטעלע באַם סאַמע ברעג פון טשערעמוש־טייך, וואָס קייקלט ווילד זיינע וואַסערן דורך דער טיף פון די קאַרפּאַטן.

פרילינג איז מיין היים באַזונדערס שיין און געמיטלעך.

פון די הויכע זוניקע בערג, וואָס בלענדן מיט אַ פאַרטראַכטן שימער, ווייעט אַזאַ טיפע רו, אַזאַ שטילע צאַרטקייט, גלייך זיי זיינען נאָר צוליב דעם באַשאַפן געוואָרן, קעדיי צו צוּיבערן מיט זייער שיינקייט.

עס וואַרפן זיך אין די אויגן די באַניייטע גאַסן, פאַרטרונקענע אין צעצווייגטע גרינע סעדער. ביפראַט די לענין־גאַס מיט אירע געדיכט־צעבליטע קאַשטאַנען־ביימער, וואָס ציען זיך פון ביידע זייטן.

איך זעץ זיך אַף אַ באַנק אין סקווער.

און עלטערער מאַן דערציילט זיין אייניקל, וויאַזוי וויזשניץ האָט אויסגעזען מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק. ער אַליין איז אַ סיביריאַק, אַ פאַרבליבענער דאָ פון נאָך דער מילכאָמע. ער האָט אַ זון אַ טאָקער אַפן אוראַל און אַן אייניקל, אַ שילער פון דריטן קלאַס, וואָס איז צום ערשטן מאָל באַם זיידן צוגאַסט. איך הער זיך איין, מיט וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג ער דערציילט, וויאַזוי פאַרביק ער גייט איבער פון נעכטן צום היינט, וואָס פאַר אַ פאַנטאַסטישע פּלענער ער בויט, טייטלענדיק אין דער טיף פון די בערג, ווו עס וועלן זיין נייע סאַנאַטאָריעס, הייל־אַנשטאַלטן. און איך דערמאָן זיך, אַז גראָד דאָ, אַף אָט דעם אָרט, פונוואַנען ער פירט זיין אייניקל אין אַ נייעם מאָרגן, איז געווען דער שטעטלדיקער מאַרק, אַ גרויסער שטויביקער פּלאַץ, ווו עס זיינען פון פאַרטאָג אָן געשטאַנען באַלעגאָלעס מיט פערד־און־וואָגן, בייזע, ניט דערשלאָפענע הענדלערקעס מיט אויפּעס און אַלטוואַרג, אָנגעפּעלצטע אין שמאַטעס, איינגעהילטע אין צעפליקטע קאָלדרעס, האָבן הייזעריק געשריגן, און יידן אין אָפּגעקראָכענע ברודיקע קאַפּאָטעס און אין ווייסע זאָקן, ווי די ראַבאָנים, האָבן פאַרן דאַווענען געזוכט אַ קוינע אַף אַ קאַפּיטל טילים אָדער אַף אַ בלאַט מישנייעס.

יעדן דאָנערשטיק פלעגן אַף קליינע פערדלעך אַראָפּקומען פון די בערג גאַנצע הוצולישע קאַראַוואַנען, באַלאָדענע מיט שאָפענעם קעז און ברינדזע, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ בעהאָלעדיקער מיסכער, אַ דינגעניש מיט אַ שווערן זיך און מיט קלאָלעס. אין שטויב זיינען געזעסן בלינדע באַנדוריסטן, געזונגען, געשאָלטן, געוויינט, און ביז שפּעט באַנאַכט האָבן זיך געטראָגן הייזעריקע שיקערע קוילעס...

און אַזוי פון זיך אַליין ווענדט זיך מיין בליק צו דער דריישטאָקיקער אוניווערסאַלער קראָם מיט די גרויסע שפּיגל־פענצטער, צום קולטור־פּאַלאַץ, פונוואַנען עס האָט, אַגעוו, אָנגעהויבן זיין שעפערישן וועג דער באַרימטער עסטראַדע־אַנסאַמבל „סמעריטשקאַ“.

מיך זוכט שוין ארום מוישע טוישער. ווי שטענדיק איַלט ער זיך, ווי שטענדיק איז ער צעטראָגן — א קליינינקיַט, זיַן דער באַלעבאָס פון דער גאַנצער קאָמונאַלער שטאָטישער ווירטשאַפט, דערצו נאָך איז ער א דעפּוּטאַט פון שטאָטראַט. איבער דריַסיק יאָר טראָגט ער אויף זיך דעם צווייטן דיקן אָל, טראָגט אים פון ערשטן טאָג נאָכן אומקערן זיך פונעם פראָנט, כאָטש ער איז שוין אויף פענסיע. און ער דערמאָנט זיך אָפט אין יענע ערשטע נאָכמילכאָמע־יאָרן, ווען דער טויט האָט נאָך אַלץ געלויערט פון באַהאַלטענע ווינקלען, ווען פון באַנדיטישע קוילן זיַנען געפאַלן ניט ווייניק אַקטיוויסטן.

— מע האָט באַדאַרפט ניט נאָר בויען, נאָר אויך קעמפן...

איך געדענק נאָך זיַן פאָטער, וועלוול דעם זייגערמאַכער, אן אָרעמאַן מיט א פולער שטוב קינדער, א טוער פון דער אונטערערדישער קאָמוניסטישער באַוועגונג. דעם פאָטערס כאַלעם, זיַן פלאַמיקן גלויבן אין א בעסערער וועלט האָבן מיט שטאָלץ געטראָגן אַלע זיַנע דריַ זין: הערשל, שלוימע און מוישע. די אייניקלעך — פינף דאָקטוירים — ארבעטן אין ווינשניצער שפּיטאָל, מוישעס זון איז שוין אויך אויפן פינפטן קורס, שטודירט אין ווינעצער מעד־אינסטיטוט.

אַזוינס האָט דער אַלטער וועלוול טוישער אפילו אין כאָלעם ניט געזען.

מוישע טוישער, ניט לויטן עלטער, א באַוועגלעכער, זיצט ניט איַן אין קאַבינעט. זיַן ארבעט איז אויף די גאַסן, אויף די אָביעקטן. דאָרט איז זיַן פאַרמעגן, זיַן אשירעס.

פונעם שמאָלן געסעלע, וווּ ס'האָט אמאָל מיַן מאַמע מיך מיט טרויעריקע לידער איַנגעוויגט, איז שוין לאַנג קיין זייכער ניט געבליבן. ווי אומעטום, זיַנען אויך דאָ אויפגעקומען ניַע היַזער מיט ניַע מענטשן, וואָס קוקן מיר נאָך מיט ניַגער.

דעם שטומען איידעס פון פרייד און טרויער, דעם צעצוויַגטן נוסנבוים, האָט קיינער ניט געטשעפּעט. איך טוליע זיך צו זיַן אַלטן שטאַם, און ער רוישט שטיל מיט זיַנע געדיכט באַבלעטערטע צוויַגן, ווי ער וואָלט זיך דערפרייט מיט מיר.

איין הויז אויפן ראָג, וואָס איז איבערגעבויט און באַניַט, שטייט נאָך פון יענע וויַטע ציַטן. איך האָב געקענט די מיידלעך פון דעם הויז. מיידלעך, ווי בלומען, בא א טאַטן א באַלעגאָלע. די עלטסטע איז געווען אין מיַנע יאָרן. איניינעם ארומגעלאָפן באָרוועסע איבער די שטויביקע יידישע געסלעך. און מיטאַמאָל, ווי פאַר איַין נאַכט, אויסגעוואַקסן שלאַנק און שטאָלץ, מיט עפּעס א באַזונדערן גלאַנץ אין די גרויסע אויגן.

איך שטיי פאַר דעם אַלטן הויז, ווי איך וואָלט דאָ געזוכט א לאַנג פאַרלוירענעם כאַלעם, און וואָג ניט אריַנצוגיין.

אויף דער שוועל באַוויַזט זיך א באַיאָרטע גראָווע פרוי. זי באַקוקט מיך א ווײַלע מיט אויסגעלאָשענע בליקן און טוט פלוצעם א צעפיר אירע פאַרלייגטע הענט:

— יאָסעלע, דאָס ביסטו? וויי־וויי, ווי דו האָסט זיך געעלטערט!

זי פאַרבעט מיך אין שטוב, וווּ די ניַע ציַט האָט זיך אריַנגעצויגן

מיטן מאָדערנעם מעבל און פינקלענדיקן קרישטאָל. פונעם צווייטן צימער קומט ארויס פאַוועל, דער זעלבער יונגערמאַן, מיט וועלכן מיר האָבן זיך באַקענט אין צוג. ער בלײַבט שטיין א פאַרוווּנדערטער, קענטיק איבעראַשט פון אַזאַ אומדערוואַרטער באַגעגעניש.

— דאָס איז מײַן פּיאַוועלע... מײַן מיזיניק.

איך ענטפער אָפּ מיט א שמייכל:

— האָסט פּערשפּעקטיק, מיר קענען זיך שוין.

איר דורכגעאַקערט פּאָנעם שמייכלט אויך. איר איז, זעט אויס, צום האַרצן, וואָס זי האָט א מעגלעכקייט מיר באַווײַזן איר גערעטענעם זון.

א ווײַלע איז שטיל. דערנאָך נעמט זי אויספרעגן, שיטן מיט דערמאַ־נונגען. פאַרגאַנגענע יאָרן שטעלן זיך אויס אין איין ריי, מיט זייערע פריידן און מיט זייערע ליידן, און זי רעדט ווי צו עפּעס ווײַטע זעונגען.

פּאַוועל זיצט אין א זײַט און שווײַגט. מיר ווײַזט זיך אויס, אז אים איז לאַנגווײַליק פון אונדזער געשפּרעך. איך פּרוּוו מיט אים פאַרפירן א שמועס, אָבער די מאַמע שלאָגט מיך איבער. זי האָט ניט דערציילט וועגן אירע גערעטענע יאָרשים, וועגן אַלע אייניקלעך, און זי לייגט פאַר מיר אויס די מײַלעס פון אירע קינדער און קינדס־קינדער. פּאַוועל געזעגנט זיך און שאַרט זיך שטיל ארויס פון צימער. מיר קומט פאַר די אויגן דאָס מיידל פון וואַגאָן, און איך ענטפער אָף זײַן שמייכל מיט א שמייכל.

לאַנגזאַם פאַרענדיקט די זון איר קרײַז אַרום דער ערד, פאַרוויקלט דעם מײַרעוו אין צונטער־רויטע פלאַמען, א דינער נעפּל, ווי פון זײַד פאַר־שפּינט די בערג.

איך לאָז זיך מיט דעם אַלטן הענג־בריק איבערן טשערעמוש קיין קי־טעוו. אונטן זידן און רוישן די וואַסערן און פאַרגיסן מיט א ווײַסן שוים די שטיינערדיקע ברעגן.

אויפן לינקן ברעג, ניט ווײַט פון דער בריק, שטייט אַן אַלטער ייִדישער בעסאַלמען. איך גיי אָף קייווער־אָוועס צו מײַנע זיידעס און עלטערזיידעס, וואָס שטאַמען פון דער לינקער זײַט טײַך, פּלאָנטער זיך צווישן אַלטע מאַ־צייוועס מיט זעלטענע אָרנאַמענטן, אָף וועלכע די צײַט האָט קיין שליטע ניט. די מאַציייוועס דערציילן וועגן אַן אַלטן ייִדישן יישעוו, וועלכן איציק מאַנגער האָט אַמאָל באַזונגען:

צווישן קאָסעוו און קיטעוו
שטייט א גאָלדענער ברונעם,
אין טיפן קלאָרן וואַסער
האָב איך א זון געפונען.

דער ברונעם איז שוין לאַנג פאַרשאָטן... מיט מענטשלעכע קערפּערס פאַרשאָטן...

לעאָן לוקס, א מענטש פון איבער די פופציק, קאָן ניט פאַרגעסן, ווי־אַזוי מע האָט באַנאַכט זיך אַרײַנגעריסן אין זייער שטוב, אַלעמען אויסגעג־טריבן פון ... מיט ווילדער כײַישער רעציכע זיך געיאָגט נאָך זײַן קליין שוועס־טערל, וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער. ער האָט זיך באַהאַלטן אין די צווײַגן פון אַלטן צעוואַקסענעם דעמב און אַלץ צוגעזען. און

ביז הײַנט, קימאט פערציק יאָר נאָך דעם בלוטיקן מאבל, כאַלעמען זיך אים נאָך דערשראָקענע קינדערשע אויגן און הארצרײַסנדיקע געשרייען.

לוקס ארבעט אין א וואלד־ווירטשאפט בא ספלאוועס. קוקנדיק אף אים, דערמאָן איך זיך אין די לעצטע יידן־פליטנטרײַבער.

פונעם בעסאלמען קער איך זיך אום מיט דער נײַער אווטאָסטראדע ווישניץ — קאָסעוו — איוואנאָ־פראנקאָווסק, איבער דעם נײַעם אײַזערנעם בריק, איך קאָן זיך גאָר ניט אָנשפיגלען אין דעם נײַעם טייל ווישניץ, וואָס האָט צערוקט זײַנע גרענעצן, פארשלונגען דאָס דערבײַיקע דאָרף — רעוונע. איצט איז עס א שטאָטישע גאס באם סאמע ברעג פונעם טשערעמוש, מיט ליכטיקע פילשטאָקיקע הײַזער, מיט א טורבאזע, וואָס האָט א שעם איבערן לאנד, און מיר דאכט, אז איך האָב זיך אָקאָרשט אומגעקערט פון אן אלטן כסידישן שטעטעלע מיט א בארימטן ראבאנישן הויף, מיט א צענדליק באַ־טעמעדראָשים און כאדאָרים, מיט יעשיווע־באָכערים און טילים־יידן, מיט באלמעלאָכעס און פליטנטרײַבער — א שטעטעלע, מיט עטלעכע נעגידים אין א יאם האָפענונגסלאָזער אָרעמקײַט, און בין ארײַן אין א נײַער וועלט, אין א צײַט פון טרוים.

מיך האָט אָנגעיאָגט א „זשיגולי", א צונטער־רויטער אווטאָמאָביל. דורכן גלאָז קוקן ארויס צו מיר צווי יונגע שטראלנדיקע פּנעמער. איך דערקען מײַנע נײַע יונגע פרײַנט — פאוועלן און סטעלען. זי זיצט באם רודער און פירט, מיסטאמע, דעם טאטנס מאשין.

א גליקלעכן וועג אײַך!

טכילעס אָוונט.

ביסלעכווײַז ווערן ליידיק די גאסן. אין הימל פינקלען די ערשטע שטערן. די לופט א סאמעט־בלויע, פארשיקערט מיט יונגע זאפטן פון צע־בליטע אקאציעס, די בערג דרעלמען אינעם אייביקן רויש פון טשערעמוש.

היימישע גאסן... איך קום זעלטן אהער, נאָר זיי זײַנען מײַנע. ווי דער טײַך, ווי די בערג, ווי די לופט, מיט וועלכער איך אָטעם, ווי דעם פאסטעכס הוצולישע דודע.

יאָ, פאוועל־פײַוועלע, א מענטש קאָן ניט אויסקומען אָן אן אייגענער היים, אָן דער ערד, אף וועלכער ער זאָל, גייענדיק, פילן איר ווארעמקײַט אונטער זײַנע טריט.

היימישע גאסן!

און אזא שטילקײַט ארום. און ס'דאכט זיך, ווי די שטילקײַט האָט אן עכאָ, וואָס רופט זיך אָפּ ווײַטוויײַט...

# די ריִע

די דאָזיקע געשיכטע, איינע פון די סאַמע אויסטערלישסטע, וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו הערן פאַר דער לעצטער צײַט, הייב איך אָן פונעם סאָף. און ניט דערפאַר, וואָס איך אַליין האָב זיך באַקאַנט מיט איר אין אַזאַ סיידער, נאָר אין זכות פון יענעם פּאָשעטן גרויזע אין דער נאַטור, ווו דער בליץ לויכט אויף פריִער, איידער עס קנאַלט דער דונער.

א קאַלטער ווינטער־טאָג.

דעם צוג מאָסקווע — וואָלגאָגראַד האָט, ווי א ווײַסע סריפּע, נאָכגעיאָגט א שניי־זאַווערוכע, וועלכע האָט געווירבלט א ווילדן געדריי איבער אָפענע קאַזאַקישע סטעפּעס, אָנגעהויפנט ווײַסע וויכערדיקע בערגלעך און, ווי א נאַסע צעפליקטע לײַוונט, געקלעפּט צום פאַרשנייטן וואַגאָן־פענצטער.

אין קופּע זײַנען מיר געזעסן זאַלבעדריט.

צוויי מענער און א יונגע פרוי, אַזוי בא די דרײַסיק, וואָס די טונקל־ברוינע קורץ־געשוירענע האָר און דער שלאַנקער קערפּער האָבן איר צוגעגעבן א ייִנגלשן אויסזען. זי איז געווען א באַריידעוודיקע און פריילעכע, און א קוואַל פון פרויִשן כיין האָט געשטראָמט פון איר יונגקײַט, כאָטש ס'איז שווער געווען צו באַשטימען, אין וואָס פּינקטלעך איר כיין איז באַשטאַנען.

מײַן צווייטער שאָכן איז געווען א האַלבער שווײַגער, עפּשער דערפאַר, וואָס אים האָט געפּלאָגט א שווערע סטענאָקאַרדיִע. ער האָט גערעדט אַזוי, ווי ער וואָלט די ווערטער אַרויסגעשטויסן פון דער ברוסט, און פון צײַט צו צײַט געשלונגען וואַלידאָל־טאַבלעטקעס.

ווּעמען באַגעגנט מען עס ניט אין די באַנען?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שאָכן איז מײַנער א בען־איר, וואָס האָט אָנטיילגענומען אין די סטאַלינגראַדער שלאַכטן, דערנאָך מיט זײַן סאַפּיאָרן־באַטאַליאָן געהאָלפן אָפּרייניקן די שטאָט פון שראַפּנעלן און מינעס... און אַזוי איז ער אַף שטענדיק געוואָרן א וואָלגאָגראַדער. ס'איז טאַקע געווען וואָס צו דערמאָנען. זאַכן און מענטשן, וועלכע מיר האָבן פאַרגעסן, האָבן אויפגעוואַכט, געקומען צוריק.

אין קופּע איז געווען וואַרעם.

א לײַכטע געמיטלעכקײַט האָט זיך אײַנגעשטעלט צווישן אונדז. און עס האָט אויסגעזען, ווי מיר וואָלטן זיך געקענט ווער ווייסט וויפל יאָרן. מיר האָבן שוין געוווּסט, וויאַזוי מע רופט יעדן פון אונדז. די פרוי, אַ שטייגער, האָט געהייסן לידיִא אַבראַמאָוונאַ, אָבער זי האָט געבעטן, מע זאָל זי רופן נאָר באַם נאָמען. עפּשער האָט זי געוואָלט אונטערשטרײַכן איר יונגקײַט אָדער גאָר אָפּגעבן קאָוועד אונדזער עלטער. זי האָט גערן דערציילט פון

איר ארבעט אלס אויגן־דאָקטער, און ווען זי האָט דערהערט, אז איך בין פון טשערנאָוויץ, האָט א פלאַטער אופגעפלאַמט אין אירע קאַרע אויגן:

— דאַרפט איר דאָך קענען אַלעקסאַנדער מיכײַלאָוויטש וואַדאָוואָזאָוון?

און איידער איך האָב באַוויזן ענטפערן, האָט זי צוגעגעבן:

— ער איז אײַערער, א טשערנאָוויצער.

זי האָט א קוק געטאָן אף מיר אזוי, גלײַך זי וואָלט געזוכט אין מײַן אָנבליק ענלעכקײַט צו דעם, וועגן וועמען זי גרייט זיך דערציילן.

...אין א קאַלטן יאַנוואַר־טאָג האָבן די צײַטונגען געשריבן:

„אפאַנאַסיעוו זעט די שטאָט, וועלכע ער האָט צום לעצטן מאָל געזען אין פײַער, אין כורוועס, אין שלאַכטן"...

איינער פון די העלדן אין די שלאַכטן בא דער וואָלגע, איוואַן פיליפּאָ־וויטש אפאַנאַסיעוו, איז בלינד געוואָרן. ער האָט די ריִע פאַרלאָרן בייסן פאַרטיידיקן דאָס לעגענדאַרע פּאַוולאָוו־הויז. קאָנטוזיע. א לאַנגזאַם צאַנקנ־דיקע שײַן און פולע בלינדקײַט, נאַכט איז געוואָרן ארום אים, און א טיפע געדיכטע פינצטערניש איז געהאַנגען, ווי א שווערער וואָלקן.

און דאָס לעבן איז זיך געגאַנגען זײַן גאַנג. עס איז אוועק א יאָר נאָך א יאָר. ס'האָבן פּאַמעלעך זיך אָנגעהויבן פאַרהיילן די מילכאָמע־ווונדן, נאָר אפאַנאַסיעוו האָט אומפאַרענדערט געטראָגן אין זײַן גוף דעם שרעקלעכן פּסאַק־דין:

אף שטענדיק בלינד.

ער האָט ניט געזען די שטוב, אין וועלכער ער וווינט, קיינמאָל ניט געזען דאָס פּאָנעם פון זײַן טאָכטער, א געבוירענע שוין נאָך דער מילכאָמע. די וועלט ארום אים האָט אויסגעזען ווײַט און אומרעאַל, ווי א כאָלעם, אָבער די בלינדקײַט, וועלכע האָט אפאַנאַסיעווס וועלט פאַרצויגן מיט א טונקעלן פאַרהאַנג, האָט אין דער זעלבער צײַט געשאַפן אים זײַן אייגענע וועלט. דער געוועזענער סאָלדאַט מיט בלאָנדזשענדיק אויסגעלאָשענע אויגן, ווי זיי וואָלטן שטענדיק עפּעס געזוכט, האָט דאָס לעבן ניט געוואָלט אופנעמען אין פינצטערניש. אים איז קלאָר געוואָרן, אז מילכאָמע קאָן מען פירן ניט נאָר מיט גראַנאַטעס... און ער האָט זיך אויסגעלערנט „קוקן" אף דער וועלט דורך דער בלינדקײַט.

און אזוי וואָלט ער עפּשער אָפּגעלעבט ביזן סאָף פון זײַן לעבן, ווען דער גורל וואָלט ניט אנדערש באַשטימט.

לויט א קאָנקורס איז פון טשערנאָוויץ אריבערגעפאָרן קיין וואָלגאָגראַד דער קימאַט קיינעם ניט באַוווּסטער דאָצענט — אָפּטאַלמאָלאָג וואַדאָוואָזאָוו. אין א צײַט ארום האָט ער באַטראַכט דעם בלינדן אפאַנאַסיעוו, לאַנג זיך אײַנגעקוקט אין זײַנע אויסגעלאָשענע אויגן און אַנטשלאָסן א זאָג געטאָן:

— נו, וועלן מיר, הייסט עס, ביידע זיך גרייטן צו דער אָפּעראַציע...

לידיִא אבראַמאָוונא האָט דערציילט וואַגיק, געלאַסן, גלײַך זי וואָלט יעדן וואָרט צוגעגעבן א באַזונדערן באַדײַט. און אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין איז זי אַרײַן אין א געהויבענער באַגײַסטערונג.

...אין אָפּעראַציע־זאַל. דער קראַנקער ליגט באַוועגלאָז, נאָר ער כאַפּט אוף יעדע ענדערונג ארום זיך, ווי א זעעוודיקער. ניט צום ערשטן מאָל פּרוּווט מען אים אָפּערירן. און ער איז אויסערגעוויינלעך רויִק.

א געוווינהײַט?

ניין, אַפּעראַציעס אַרבעטן ניט אויס קיין אימוניטעט. די צווייטע איז שטענדיק געפערלעכער פון דער ערשטער.

אַלעקסאַנדער מיכײַלאָוויטש איז אויך רויִק. אָבער דאָס איז אַן אַנדער רויִקייט, א שווערע, אָנגעשטרענגטע.

— שפּריץ!

ער מאַכט דעם קראַנקן אַן איניעקציע. א צווייטע, דער קראַנקער הערט אויף פילן די האַנט פונעם כירורג.

— לאַנצעט!

מיט א קוים באַמערקטער האַנט־באַוועגונג טוט ער געשיקט א פּיר איבערן ווײַסל פונעם אויג, א שניט אינעם הײַטל, נאָך א שניט. ליכט כלי־נעט אַרײַן אין דער פינצטערניש, ווי מע וואָלט געעפנט א פאָרהאַנגן פענצ־טער. די ערשטע רעגעס איז נאָך אַלץ פאַרשוווּמען, פאַרווישט.

— דאָקטער, איך זע אײַך!

די צײַטונגען האָבן געשריבן:

„אַפאַנאַסיעוו איז זעענדיק געוואָרן"...

דער צוג האָט געײַלט צו דער וואָלגע. אַלע געשיכטעס, געבוירענע אונטערוועגנס זײַנען שוין געווען אויסדערציילט. מיר זײַנען געזעסן שווײַג־דיקע, געזופּט די נאַרוואָס געבראַכטע הייסע טיי און זיך צוגעהערט, ווי דער ווינט פײַפט — הו־הו, הו־הו.

לידיִא אַבראַמאָווּנא האָט אויפגעהויבן איר פּאָנעם אַנטקעגן דער דרויסנ־דיקער סטעפּישער ווײַסקייט, א ווײַלע זיך אײַנגעקוקט אין, ווי קומענדיק צו זיך פון א פאַרגעסונג, געזאָגט:

— שניי... הויפנס אָנגעוואַלגערטער שניי... אַלע וועגן זײַנען פאַר־שאָטן, — און שטיל, מיט אַן אײַנגעהאַלטענער, אָבער זייער צאַרט־קלינגענ־דיקער שטים פאַרצויגן:

Степь да степь кругом,
Путь далёк лежит,
В той степи глухой
Умирал ямщик...[1]

זי איז מיטאַמאָל געוואָרן אַן אַנדערע. איר פּאָנעם האָט אויסגעדריקט אינערלעכע אויפרעגונג. איר שטים האָט האַרמאָניש זיך צונויפגעגאָסן מיט די קלאַנגען פון דער אַרומיקער פאַרשנייטער וועלט, דערמאָנט אין רוסישע טראַיקעס איבער אײנזאַמע ווײַס־שנייִקע סטעפּעס, מיט הוילנדיקע ווינטן און הונגעריקע וועלף, וואָס ווייַען אויס א מוירעדיקן געוואַי, און די זאַ־ווערוכע האָט געטריפט מיט א מאָדנער ווינטערדיקער בענקשאַפט.

דער זיקאָרן אָבער האָט אונטערגעזאָגט אַן אַנדער ווינטער.

...א פאַרקאָווּעטע פון פראָסט, האָט די ערד געקלונגען, ווי טשוהון. די לופט איז געווען עלאַסטיש און שווער. ווינטן האָבן אָנגעווייעט גאַנצע הרודעס שניי. און פון אונטערן שניי האָבן, ווי צעבראָכענע גלידער, אַרויס־

[1] סטעפּ און סטעפּ אַרום, ס׳ציט זיך ווײַט דער וועג, אין אָט דעם סטעפּ דעם טויבן שטאַרבט אַוועק א פורמאַן... (רוס.).

געשטאַרצט ברוכטיילן פון אַראָפּגעשאָסענע „מעסערשמיטן“ און פון אונטערגעצונדענע „טיגערס“. די זעלבע, וואָס האָבן פאַרוואַנדלט אין אַש און שטויב דעם גאַנצן אייראָפּעיִשן קאָנטינענט.

איצט זײַנען זיי געלעגן צעשמעטערטע לענגאויס דער וואָלגע. און זי, די רוסישע וואָלגע, איז געשטאַנען אַ פאַרפאַנצערטע אין אײַז. און אירע וואַסערן אונטערן אײַז האָבן האַסטיק און שטאַרק זיך געריסן צום קאַספּישן יאַם. זי האָט געוווּסט איר וועג, אַן אײַנגעשטעלטן פון אייביקײַט צו אייביקײַט. און די, וואָס האָבן בײַ אירע ברעגעס פאַרטיידיקט סטאַלינגראַד, האָבן אויך געוווּסט זייער וועג.

טויזנטער פּיס האָבן מיט פײַער און שווערד אויסגעטראָטן דעם וועג אַף צוריק, אַף מײַרעוו... און נאָר קוואָרים, פאַרשאָטענע מיט פּראָסטיקע ווינטן, זײַנען געבליבן אין סטעפּישן מידבער.

В той степи глухой
Умирал ямщик.

צוויי הונדערט טעג און נעכט האָט געדויערט די סטאַלינגראַדער שלאַכט. דאָס, וואָס איז דערנאָך געבליבן, האָט ניט געקאָנט מער אָנגערופן ווערן שטאָט. דאָס זײַנען געווען בלויז כורוועס, אויסגעברענטע, ליידיקע כורוועס. ס'איז שווער געווען אַפילו זיך פאָרשטעלן, אַז אַף דעם אָרט וועט נאָך ווען־ניט־איז אַנטשטיין אַ לעבן.

נאָכאַמאָל דאָס קאָל פון זיקאָרן:

...אין יענעם פאַרוויסטן סטאַלינגראַד האָב איך באַגעגנט דעם דאָקטער יולי פּינוס. ער האָט מיר דעמלט געזאָגט:

— קומט אין יאָרן אַרום, וועט איר זען, וואָס פאַר אַ שטאָט דאָ וועט זײַן...

איך פרעג בײַ לידיאַ אַבראַמאָווּנען, צי איר איז באַוווּסט אַזאַ נאָמען פון אַ סטאַלינגראַדער דאָקטער. זי ענטפערט:

— וואָס הייסט ניט באַוווּסט? ער איז דאָך מיט גאָלדענע אויסיִעס פאַרשריבן אין די אַנאַלן פון סטאַלינגראַד...

אָבער אַף מײַן צווייטער פראַגע, צי זי ווייסט, אַז יולי פּינוס איז געווען דער ערשטער איבערזעצער פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אַף רוסיש, ענטפערט זי מיט אַ שוואַך קאָל:

— ליידער, ניט.

וואָלגאָגראַד.

די זאַווערוכע האָט זיך אײַנגעשטילט. דער צוג איז לאַנגזאַם צוגעפאָרן צו דער פּלאַטפאָרמע פון אַ נײַעם וואָקזאַל. דאָס אויג האָט אויפגעכאַפּט דעם אַרכיטעקטור־סקולפּטורישן פּאָרטראַכט, וועלכער שפּיגלט אָפּ די העראָישע געשיכטע פון דער שטאָט בײַ דער וואָלגע און דעם פּאַטאָס פון בויען, שאַפן. פונעם וואָקזאַל־טורעם האָבן די וואָלגאָגראַדער קוראַנטן מיט אַ מעלאָדישן קלאַנג צעדרויבלט די צײַט.

אַרום איז אַלץ געווען אײַנגעהילט אין ווײַסן. דער שניי איז פּוכיק געלעגן אַף די פּאַסאַדן, געפינקלט מיט אַ בלוילעכן שימער. אַפן פעראָן

האָט געאָטעמט מיט פּראַסטיק־סטעפּישע ווינטן, געקומענע פון דער ווײַט. דערפון זײַנען די טומלענדיקע שטאָטישע קלאַנגען געוואָרן ווייכער, שטי־לער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מע הערט, ווי עס פאַלן צו דער ערד אייג־ציקע גרויסע שנייעלעך. און, וואַרטנדיק אַפן צוג, האָבן די מענטשן אַרײַנ־געצויגן אין זיך אָט די שאַרפע ווינטערדיקע לופט. פון זייערע פּנימער האָט אַראָפּגעלויכטן די וואַקסנדיקע שטימונג פון אויפגעלייגטקייט און דער־וואַרטונג.

וואָלגאָגראַד...

א שטאָט מיט ברייטע פּראָספּעקטן און ווונדערלעכע דענקמעלער: איינע פון די גרעסטע שטעט אַפן דאָרעם פונעם לאַנד.

געוויינלעך ווערט דער אָנבליק פון א שטאָט געשאַפן אין מעשער פון דווירעס. אויף איר ווירקן די נאַטור־באַדינגונגען, די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, די סטרוקטור פון נאַציאָנאַלער טראַדיציע און דער אָטעם פון דער עפּאָכע.

אין דעם זין איז וואָלגאָגראַד עפּשער די איינציקע שטאָט, וואָס האָט ניט קיין פּאַרצײַטיקע דענקמעלער, כאָטש איר געשיכטע גייט אוועק אין דער טיף פון דוירעס.

מאַמײַעוו קורגאַן...

א גראַנדיעזע סימפאָניע פון שטיין, וואָס בלעטערט אויף טרויעריקע מילכאָמע־ציַיטלעך, דערציילט פון גרויסע פאַרלוסטן און פון נאָך גרעסערן העראָיזם. און ווי אַן אוווערטיורע, וועבט זיך אַרײַן אין איר די אַרכיטעקטאָנישע קאָמפּאָזיציע פון דעם לעניַן־פּראָספּעקט.

אַהער צום דענקמאָל פון גוורע שטראָמען מאַמעס מיט טריבע אויגן, וואָס האָבן שוין אַלע טרערן אויסגעוויינט. עס קומען אַהער גראָווע וועטע־ראַנען מיט קינדער און אייניקלעך, געסט פון פאַרשיידענע שטעט און פון פאַרשיידענע לענדער, קעדיי אין דאַנקבאַרן שווײַגן אָפּגעבן קאָוועד דעם אָנדענק פון די געפאַלענע.

וואָס העכער מע הייבט זיך אויף אויף די טרעפּ, אַלץ ברייטער שפּרייט זיך פאַר די אויגן די שטאָטישע פּאַנאָראַמע. עס אַרבעטן זאַוואָדן. ס'גייען באַנען. א ריינער הימל שפּיגלט זיך אין דער גרינבלעכער טיפקייט פון דער וואָלגע.

דאָס איז דער הײַנטיקער טאָג. די הײַנטיקע שטאָט וואָלגאָגראַד.

איך וווין אין האָטעל „יוזשנאַיאַ".

א שפּילעוודיק, אייגנאַרטיק אַרכיטעקטור־ווערק, לויט די העכסטע שטאַפּלען פון דער בוי־קונסט. איך ווייס שוין, אַז אויף אָט דעם אָרט זײַנען אָנגעגאַנגען פאַרביטערטע שלאַכטן. דער סוינע איז געשטאַנען אינגאַנצן בא צוויי הונדערט מעטער פון דער וואָלגע, מיט אייגענע אויגן געזען אירע שטילע וואַסערן און געכאַלעשט פון דאָרשט...

דורכן פענצטער זע איך בלויז פאַרשנייטע דעכער פון די נײַ־אויפגעקו־מענע קוואַרטאַלן. אונטן, אַפן אַספאַלטירטן שאָסיי, יאָגן אָן אויפהער פאַר־שיידנפאַרביקע אַווטאָמאָבילן, ס'אײַלן מענטשן, ווינטערדיק אָנגעפּעלצטע. א פּראָסטיקער ווינט וויגט פאַרשטאַרצטע טאָפּאָל־צווײַגן, און אין דער לופט דרייען זיך לאַנגזאַם די שנייעלעך.

פלוצעם באמערק איך אין דעם איילנדיקן שטראָם א פרוי. איר פּנים זע איך ניט, נאָר לויט דער קליידונג, לויט דער לייכטקייט פון איר גאַנג ווייזט זיך מיר אויס, אַז דאָס איז לידיאַ אבראַמאָווּנאַ. איך דערמאָן זיך איר נעכטיקע דערציילונג אין צוג, אירע אויגן, וואָס האָבן געלויכטן מיט אַזוי־פיל באַגייסטערונג, און איך כאַפּ זיך פאַרן טעלעפאָן־טרייבל, נעם אָן צוויי ציפערן — 09, און עס ענטפערט מיר א זייער צערטלעכע פרויען־שטים:

— דריי און צוואַנציק הערץ.

איך בעט דעם טעלעפאָן־נומער פון דעם פּראָפעסאָר וואָדאָוואָזאָווס וווי־נונג, אַנטשולדיק זיך, וואָס איך קאָן ניט אָנרופן די גאַס און ווייס ביכלאַל ניט דעם אַדרעס. דעם נומער באַקום איך אין איין רעגע. און די זעלבע פרויען־שטים גיט צו:

— פּראָפעסאָר וואָדאָוואָזאָוו איז אויף אַזויפיל באַוווּסט בא אונדז, אַז אָנרופן זיין אַדרעס איז איבעריק.

און אָט זיצן מיר זאַלבעדריט: צוויי מענער און א פרוי, ווי מיט דריי טעג פריער אין צוג.

מיר זיצן אין א געמיטלעכן צימער, אָן אַרומגעשטעלטן מיט שאַפעס ביכער אויף עטלעכע שפּראַכן. מיינע גאַסט־געבער איז דאָס פּאָרפאָלק עטינאַ פאַרבאַשעוויטש און אַלעקסאַנדער וואָדאָוואָזאָוו. דער פּראָפעסאָר איז א מאַן פון מיטלן וווּקס, קרעפטיק געבויט, מיט זייער געצוימטע באַוועגונגען, ווי ער וואָלט אויף פריער באַקלערט יעדן זשעסט, יעדעס וואָרט. ביידע — סיי זי, סיי ער — זיינען זייער אויפגעלייגט. א קלייניקייט — אַזאַ לעבעדיקער גרוס פון דער שטאָט טשערנאָוויץ, וווּ זיי האָבן אָפּגעלעבט שיינע עטלעכע צענדליק יאָר.

עטינאַ איסאַקאָווּנאַ, וועלכע איז קימאַט די גאַנצע צייט פאַרנומען מיט גרייטן צום טיש, שטעלט אַריין אירס א וואָרט אין דעם געשפּרעך:

— אַלעקסאַנדער מיכיילאָוויטש האָט ניט געזאָגט, אַז מירן באַלד האָבן א גאַנצע דינאַסטיע אָקוליסטן...

און איך ווער געוווירע, אַז זייער טאָכטער איז אויך אַן אויגן־דאָקטער. זייער אייניקל, א סטודענטקע פון דריטן קורס, ספּעציאַליזירט זיך אויף אָפּ־טאַלמאָלאָגיע, און אַלע טראָגן די פאַמיליע — וואָדאָוואָזאָוו.

בא אַלעקסאַנדער מיכיילאָוויטשן צעלאַכן זיך די אויגן:

— עפּשער איז איינער פון מיינע זיידעס געווען א וואַסערפירער. דאָס איז דאָך אויך געווען אַן אַמאָליקע יידישע פּאַרנאָסע. פונדאַנען שטאַמט, ווייזט אויס, די פאַמיליע וואָדאָוואָזאָוו...

— און זיינע אייניקלעך זיינען פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים, — פאַרענדיק איך זיין געדאַנק.

און בעשאַס מיר זיצן שוין אין א צווייטן צימער און טרינקען געמיטלעך טיי מיט צובייסנס, בעט איך בא אַלעקסאַנדער מיכיילאָוויטשן א דערלויבע־ניש צו ביישיין אויף זיינער א לעקציע אין אינסטיטוט.

...די סטודענטישע אַאודיטאָריע, אויסגעבויגן ווי א האַלבע לעווּנע, איז פול מיט יונגעלייט אין ווייסע כאַלאַטן. פּראָפעסאָר וואָדאָוואָזאָוו הייסט אַלעמען אַוועקלייגן אין א זייט פּען און העפט און פאַרמאַכן די אויגן.

— גאָרניט העלפט אַזוי ניט צו פאַרשטיין דעם אומגליק פון בלינדקייט, ווי אַליין זיך געפינען אין דער פינצטערניש...

מיט אַט די ווערטער הייבט ער אָן זײַן לעקציע פאַר די קומענדיקע אָקוליסטן. ער באַמיט זיך אַנטפּלעקן פאַר זיי די גאַנצע טיפקײַט פונעם אומגליק, וואָס הייסט בלינד זײַן.

— ניט שטענדיק איז אונדז געגעבן די מעגלעכקײַט אומצוקערן די ראִיע. ווען אָבער אַלע מעגלעכקײַטן זײַנען אויסגעשעפּט, בלײַבט דאָך איבער איין מעגלעכקײַט — די גרייטקײַט פון אַ מיטלײַדנדיקן מענטשן צו העלפן דעם קראַנקן זיך אופהייבן העכער פון זײַן אומגליק...

ער נעמט צו הילף די ליטעראַטור, רופט אָן צווישן אַנדערע דאָס ווערק „אין לאַנד פון בלינדע" פון הערבערט אועלס, ווענדט זיך צו קאָראָלענקאָן, אָסטראָווסקין. שטעלט זיך אָפּ אויף דעם אייגנאַרטיקן געשטאַלט פון איוואַן פיליפּאָוויטש אַפאַנאַסיעוו און דערציילט וועגן די, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער פון זייער טראַגעדיע...

ער דערציילט, און איך טראַכט: ווו נעמט זיך עס בא אים אַזויפיל צײַט? ער איז דעקאַן פון דער קאַטעדרע פון אָפּטאַלמאָלאָגיע, לייענט לעקציעס פאַר סטודענטן, מאַכט דורך די שווערסטע אָפּעראַציעס, ער איז דער אויטאָר פון העכער צוויי הונדערט וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. צענדליקער דערפינדונגען טראָגן זײַן נאָמען. ער איז הויפּט־אָפּטאַלמאָלאָג פון דער וואָלגאָגראַדער געגנט. וויצע־פּרעזידענט פון דער צווישנפעלקערלעכער אָפּטאַלמאָלאָגישער געזעלשאַפט...

מיט עטלעכע יאָר צוריק, צו זײַן זעכציקסטן געבורטסטאָג האָט דער וואָלגאָגראַדער מעדיצינישער אינסטיטוט געווידמעט אים אַ וויסנשאַפטלעכע קאָנפערענץ פון אָפּטאַלמאָלאָגן. עס זײַנען געקומען אָנגעזעענע געלערנטע פון לאַנד און פון אויסלאַנד. זײַן אַרויסטרעטונג אויף דער פײַערלעכער זיצונג, ווו ער האָט דערציילט וועגן זײַן לעצטער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט „ליכט־רעפלעקסן פון אויגן־דעק און זייער קליניש באַדײַטונג" האָט דער דאָקטאָר פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן, פּראָפעסאָר וואָדאָוואָזאָוו אָנגעהויבן אַזוי:

— דזשאָנאַטאַן סוויפט האָט באַשריבן די באַגעגעניש פון גוליווערן אין דער אַקאַדעמיע פון דער פאַנטאַסטישער שטאָט לאַגאָדאַ מיט געלערנטע, וועלכע האָבן דאָס גאַנצע לעבן געכאַפּט זונען־שטראַלן. כאָטש סוויפט האָט אַרײַנגעלייגט אין דער באַשרײַבונג דעם גאַנצן סאַרקאַזם, אויף וועלכן ער איז געווען פעיִק, דאַרף איך אָנערקענען, אַז די לעצטע פופצן יאָר האָב איך זיך אויך מיט דעם פאַרנומען. איך האָב געכאַפּט ליכט־בליקן. עמעס, ניט אויף אויגערקעס, ווי דער אַקאַדעמיקער פון לאַגאָדאַ, נאָר אויפן דעק פון דעם מענטשנס אויג...

# אנושקא

דאָס איז פאָרגעקומען מיט א יאָר דרײַסיק צוריק אין די ערשטע פרי־לינג־טעג, ווען עס בײַטן זיך די ווינטן.

אנטקעגן מײַן פענצטער, אינעם געדיכטן לאבירינט פון א נײַ־געבוי־רענער גאס, וואָס שמייכלט מיט בליקן פון פרידלעכער רו, האָט מיט א וואַרעמער גרוילעכער ווײַסקײַט פון גלאָז און גראניט אויפגעלויכטן א שפּאָגל־נײַע געבײַדע.

נאָך נעכטן זײַנען אויף דעם זעלבן אָרט געשטאנען דרײַ קלײנע הײַזלעך, ארומגעצוימטע מיט א שווארצן צעפרעסענעם פּארקן. זיי האָבן, ווי אוועקגע־וואָרפענע, זיך געטוליעט אין עפּעס א פארקלעמטקײַט פון אן אָפּגעלעבט לעבן און געשראָקן מיט אויסגעלאָשענע פענצטער־לעכער.

האָט אין אײנעם א טאָג זיך דערהערט א שווער געקלימפּערײַ פון אײַזן און א רײַסנדיקער גערויש פון מאָטאָרן. עס זײַנען אָנגעפאָרן בוי־מאַשינעס מיט מעכטיקע הייבקראנען. זיי האָבן פאמעלעך און ריטמיש צעוואלגערט די דרײַ אלטע הײַזלעך, און איך האָב דורך מײַן פענצטער צוגעזען, ווי עס פאלן אײַן די שווערע פארצײַטיקע ווענט און ווי עס קרישלען זיך סוידעס פון ווײַטע און פרעמדע לעבנס.

דערנאָך האָב איך יעדן טאָג געציילט די אויסגעגלײַכטע רייען ציגל, וואָס בויער אין געלע און רויטע קאסקעס האָבן מיט א ריטמישער אויסגע־מאָסטנקײַט געלייגט מײַסטעריש־געשיקט. איך האָב געציילט די שטאָקן, וואָס זײַנען געוואקסן, און מיט אלע מײַנע כושים באַגעפאָלגט דעם וווקס, וואָס האָט געוועקט אין מיר עפּעס א דערהויבן געפיל פון א פײַערלעכער שאפונג, גלײַך איך וואָלט אין אָט דער בויונג ארײַנגעמויערט מײַן אײגע־נעם ציגל.

איצט קוק איך שאָענוויַז ארויס צו די גרויסע פירקאנטיקע, זיך שפּיג־לענדיקע פענצטער־שויבן. אין די אָוונטן צינדן זיך אָן אין זיי געלע, גרינע און בלוילעכע פײַערלעך, פארשיידענע, ווי מענטשלעכע גורלעס. איך זע, ווי צווישן מאַשינעס און קאַנווייערן ווימלען ארום פרויען־געשטאלטן אין ווײַסע כאלאטן, שווימען אין דער נײַקײַט פון די צעכן מיט עפּעס א יוגנטלעכער צעשפּילטקײַט, ווי אין א טאנץ.

איך ווער ביסלעכווײַז א שוטעף צו דעם ריטם פון די ווײַסע סילועטן, ווער ארײַנגעצויגן אין א שפּיל, אין זייערע רירעוודיקע אויסגערעכנטע באַ־וועגונגען. איך פארבינד זיך מיט זיי פונדערווײַטנס, ניט נאָר מיט די אויגן, איך הייב אָן פילן די פרייד פון זייער מי.

אומבאקאנטע מענטשן, וועגן וועלכע איך ווייס גאָרנישט ניט, פּונקט ווי זיי ווייסן גאָרנישט ניט וועגן מיר.

אײנע קען איך אָבער יאָ.

איך האָב זי צופעליק באַגעגנט אין גאַס, ניט װײַט פון דער פאַבריק. די שטרעקע, װאָס האָט אונדז צעטײלט, איז געװען אױף אַזױפיל קלײן, אַז איך האָב געקאָנט באַמערקן די לײַכטקײַט, מיט װעלכער זי האָט פרײַ און גראַציעז געטראָגן איר שלאַנקן קערפּער, איר בלײַענדיקע יונגקײַט, די דינע שטריכן פון איר פּאָנעם, אױסערלעך קאַלט, אינערלעך אָבער, װי מיר האָט זיך אױסגעװיזן, באַהערשט פון באַהאַלטענער קראַפט. ליכט און שאָטן האָבן רעליעף געצײכנט איר האַלבן פּראָפיל, קױל־שװאַרצע, שטרענג פאַרקעמטע האָר, און העלע טיף־בלױע אױגן, װי געשליפענע שטײנדלעך, האָבן גע־שאַפן אַ װוּנדערלעכן קאָנטראַסט.

זי האָט פאַרבײַגעשװעבט מיט אַ פעדערנדיק גאַנגעלע, מיר צוגעװאָרפן אַ לױטערן, רײנעם, ניט־דאַיִקן בליק און פאַרשװוּנדן, ניט אומקוקנדיק זיך.

איצט װײס איך, אַז מע רופט זי אַנושקאַ. זי אַרבעט אין אָט דער פאַב־ריק, פירט אָן מיט אַ בריגאַדע און איז דעפּוטאַט פונעם ראַיאָנישן אױספיר־קאָמיטעט.

פונװאַנען װײס איך?

ס'איז געקומען דער ערשטער מײַ. אַ יונגע זון האָט געטאַנצט אין די אַנטקעגנדיקע שױבן פון די אײבערשטע עטאַזשן. ליכט האָט זיך געגאָסן און באַגאָסן אַלץ און אַלעמען. פענעמער, טראָטואַרן, צעבליטע צװײַגן פון בײמער, און די גאַנצע פאַבריק האָט זיך אַזױ צעליכטיקט און צעשײַנט.

אין גאַס האָט אַן אױסגעפּוצטער עולם, אין העלע בונטע קלײדער, געקאַכט, געיובלט. יונגע פּאָרלעך האָבן זיך געפּלאָנטערט אינעם ריטם פון אַ ראַכװעסדיקער דינאַמישער טאַנץ־מוזיק. די קאָלירן האָבן זיך געביטן מיט אַ מוירעדיקער שנעלקײַט, געמאַכט דעם יאָמטעװ ענלעך צו אַ פיל־פאַרביקן קאַרנאַװאַל, און דאָס לעבן האָט מיט אַ ראַשיקער פרײלעכקײַט זיך געװױגט און אַרױסגעשריִען פון יעדן טראָט.

איך האָב צװישן עולם דערזען מײַן „באַקאַנטע". זי האָט מיט עפּעס אַן אַרטיסטישער באַװעגלעכקײַט זיך געדרײט אין די אָרעמס פון אַ געזונטן באָכער מיט אַ קרעפטיקן קערפּער און פעסטע פיס. אָט האָט ער זי אָפּגע־שטױסן פון זיך, האַלטנדיק אין זײַנע פױסטן איר רעכטע האַנט, און אָט האָט ער װידער זי צוגעצױגן, דערבײַ געטאָפּטשעט מיט די קנאַפּל צום טאַקט פון דער מוזיק אַזױ, גלײַך ער װאָלט מיט זײַנע פיס געפּרוּװט אײַנברעכן דעם אַספאַלט.

פּלוצעם האָט אין די אַלע טומלען און טענץ זיך אַרײַנגעריסן אַ מענע־ריש קאָל, װײַט צעטראָגנדיק:

— צום מיקראָפאָן װערט געבעטן דער בריגאַדיר אַנאַ איסאַקאָװנאַ... (דעם פאַמיליע־נאָמען האָט דער דיקטאָר אױף אַ העלפט פאַרשלונגען).

אַ שטורעם פון אָװאַציעס האָט אױסגעבראָכן, זיך צעהילכט. דער פעס־טער באָכער האָט אָפּגעלאָזט זײַן מײדל, װאָס איז באַלד אַרומגערינגלט גע־װאָרן, װי פון אַ רעגנבױגן. און זי איז געשטאַנען אין דער אַרומרינגלונג עפּעס װי אַ פאַרשעמטע, גלײַך מע װאָלט אַנטפּלעקט אירן אַ סאָד, כאָטש עס האָט זיך געװאָרפן אין די אױגן, אַז דאָ, צװישן אָט די מענטשן, פילט זי זיך װי אין אײגענע.

— הײַדאַ, אַנושקאַ!

אין אעראָפּלאַן האָט זיך אופגעהויבן פונעם שכייניש אעראָפּאָרט, געמאכט א קרייז איבער דער גאס, ווי ער וואָלט באגריסט מיטן יאָמטעוו, און בייטנדיק דעם טעמבער פון זיינע מאָטאָרן, זיך א הייב געטאָן צו די הימלען.

— היידא, אנושקא...

און די ראדיאָ האָט צעטראָגן אין אלע עקן א יונגע, אָפּנהארציקע, מיידלשע שטים. זי האָט דערציילט וועגן ערשטן מיי, וועגן דערגרייכונגען אָף דער פאבריק, דערציילט מיט פּאָשעטע ווערטער, נאָר היינט האָבן זיי געקלונגען פארכאפנדיק, יאָמטעוודיק און שטאָלץ.

ווי א בליץ, האָבן אין מיין זיקאָרן אופגעהעלט מיינע אייגענע יונגע טעג, דערמאָנט אן אנדערן ערשטן מיי, מיט פארפאָלגונגען, ארעסטן און בלוטיקע פארהערן. עס האָבן זיך אויסגעשטעלט פאר די אויגן יענע געקרמענע פון קעלערס און בוידעם־שטיבער אידעלע שרעקלאָזע טרוימער, וועלכע האָבן אין פינצטערע נעכט, אונטער שטעכיקע בליקן פון פּאָליציי און געהיים־אגענטן פארזייט קערנדלעך פון א נייעם וועלט־באנעם אין דעם פרוכטבארן באָדן פון נויט און עקספּלואטאציע...

נאָך יענעם מיי האָב איך אנושקען אָפּט געזען דורך מיין פענצטער. איך האָב שוין געוווּסט פּינקטלעך, ווען זי גייט צו דער ארבעט. לויטן אויסדרוק פון איר פּאָנעם האָב איך געלייענט איר שטימונג. עס האָט אויסגעזען, ווי צווישן מיר און אָט דעם יונגן שלאַנקן מיידל האָט זיך איינגעשטעלט עפּעס א געשלאָסענע נאָענטקייט. און איך בין פארכאפּט געוואָרן פון א שפּיל אָן ווערטער.

אין איינעם א הייסן זומערדיקן פארנאכט האָב איך באמערקט, ווי לענגויס דער פאבריק שפּאנט ארום, עטוואָס א פּארטראכטער, א הויכער יונגערמאן, מיט רויטלעכע צעפּאטלטע האָר, ברייטע פּלייצעס און שנעלע אומרויקע באוועגונגען, וואָס דערציילן וועגן א סאך ענערגיע און פלינקייט. די אונטערגייענדיקע זון האָט צעשפּרייט איבער זיין קאָפּ, אָף זיין גאָלדיק אָפּגעברענט פּאָנעם א רויטע נעץ, און די האָר האָבן דערפון באקומען א קאָליר, ווי פון פייער.

אים האָט געקענט א האלבע שטאָט.

ער איז געווען א באוווּסטער פוטבאָליסט. און ווען ער האָט געיאָגט מיטן שווארץ־ווייס געקעסטלטן באָל איבערן גרינעם פעלד, האָט זיך געטראָגן, ווי א ווינט, איבער די טריבונעס פונעם סטאדיאָן אן אופגערעגטער אומרו, מיט א טופּעריי פון טאנצנדיקע פיס און מיט א יאם פון סווישטשענדיקע קוילעס:

— ניומא, דאווייַ!

און ניומא האָט אין א לייכטן געלויף, ווי א יונגער הירש, זיך א ריס געטאָן פאָרויס און געפּלאָנטערט מיטן באָל, גלייך ער וואָלט מיט די פיס געפלאָכטן א זעלטענעם אוזאָר.

אָף וועמען וואַרט ער?

מיטאמאָל איז פונעם פאבריק־טויער ארויס אנושקא, אין א העל קליידל אָן ארבל, לייכט וויגנדיק זיך אָף אירע הויכע, שלאַנקע פיס. ניומא האָט זיך א לאָז געטאָן איר אנטקעגן, און א שטילע ליכטיקייט האָט אופגעלויכטן

אף זײַן פּנים, גלײַך ער װאָלט ערשט איצט דערזען, װאָס פֿאַר אַ בײגעװו־דיקע און ליכטיקע זי איז.

נאָר פֿאַרװאָס האָט זי זיך ניט אָפּגעשטעלט? פֿאַרװאָס איז זי אַריבער די גאַס, װי קײנער װאָלט גאָר אױף איר ניט געװאַרט? גײ װײס דעם קאַפּריז פֿון אַ יונג שײן מײדל, װען איר לעבן גײט אַריבער אױף נײַע רעלסן...

ניוּמאַ האָט אַ װײַלע באַקוקט יענגלס אָפּן, נאָר מיט אַ מענערישער אָנגעשטרענגטער זשעדנעקײט, זײַן פּנים האָט פֿאַרצױגן אַ קרומע גרי־מאַסע. און מיר איז עפּעס אומרויִק געװאָרן דערפֿון, װאָס ער, אַ ליבלינג פֿון טױזנטער מענטשן, איז עפּעס אַ פֿאַרשעמטער אַװעק אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג.

אין עטלעכע טעג אַרום איז ער אָבער װידער געקומען, װידער געװאַרט. דאָס מאָל איז זי אַרױס פֿון דער פֿאַבריק אַ הײַטערע, אָן אױפֿגעלײגטע. זי האָט אַ קוק געטאָן אין זײַן זײַט. איר בליק איז געװען אַ װאַרעמער, זי האָט געשמײכלט צו אים מיט דער װײַסקײַט פֿון אירע צײן. און איך האָב פֿאַר־שטאַנען, אַז איצט װעט פֿון אירע ליפּן שױן ניט פֿאַרשװינדן דער זאַפֿטיקער שמײכל. ס׳װעלן מער ניט פֿאַרלאָשן װערן די צערטלעכע פֿײַערלעך אין אירע טיף־בלױע אױגן, װי געשליפֿענע שטײנדעלעך. און איך בין פֿונדער־װײַטנס געװאָרן אַ דריטער אין דער שײנער באַהײנטער שפּיל פֿון בענקשאַפֿט און ליבע.

פּלוצעם איז אַנושקאַ פֿאַרשװוּנדן.

עס איז אַװעק אַ כּודעש, אַ צװײטער, איך האָב זי געזוכט מיט מײַנע בליקן טאָג נאָך טאָג, װאָך נאָך װאָך, זיך געפֿילט װי פֿון עפּעס באַרױבט. אַ טיפֿע זאָרג האָט זיך אַרײַנגעגאַנװעט אין מײַן געמיט. אין די גרױסע פּירקאַנטיקע פֿענצטער האָט אַרײַנגעקוקט אַ מילדע סאָף־זומערדיקע זון, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי זוכט אױך מיט אירע שטראַלן דאָס יונגע מײדל.

אין אַ צײַט אַרום האָב איך צופֿעליק באַגעגנט ניוּמען. איך האָב אים אָפּגעשטעלט װי אַן אַלטן באַקאַנטן, און זיך דערװוּסט, אַז אַנושקאַ איז גע־שיקט געװאָרן פֿון דער פֿאַבריק קײן לעני־נגראַד זיך לערנען אין טעכנאָלאָ־גישן אינסטיטוט.

ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן שײַנט די פֿאַבריק־געבײַדע מיט אַלערלײ פֿײַערלעך, פֿאַרשידענע װי מענטשלעכע גורלאָלעס. און איך קוק אַרײַן אין די העל־באַלױכטענע פֿענצטער, װי אױף יענער זײַט לעבט פֿאַר מיר עפּעס אַ סױדעסדיק אומבאַװוּסט לעבן, פֿול מיט אינטערעס און באַדײַטונג.

# שטערן עלטערן זיך ניט...

א צופעליקע, סאַף־זומערדיקע באַקאַנטשאַפט אויף איינעם פון די זאַמדיקע פליאוש־ברעגן באַם שוואַרצן יאַם, ווו דאָס לעבן שענקט אונדז צומאָל אומ־פאַרגעסלעכע, איוסטערלישע באַגעגענישן און איינדרוקן.

דער זיקאָרן פאַרהיט שטענדיק עמעצנס א ליבלעכן שמייכל, עמעצנס אַן אומעטיקן זיפץ. דאָס איבעריקע באַוואָרענען די אָנגעוואָרפענע נאָטיצן, וואָס פאַרבינדן שפּעריש פרייד מיט שלאָפלאָזע נעכט.

...איך בין איינגעשטאַנען אין א פּאַנסיאָנאַט ניט ווייט פון יאַם־ברעג, און שוין אין ערשטן פרימאָרגן, ווען ס'האָט דער יאַם מיך באַגריסט מיטן רויש פון די כוואַליעס און מיט אַן איוסגעוואַשענעם הימל, האָב איך דערזען אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט זיך ווי אַרויסגעשאַרט פון א שכייניש הויז, און מיט געמאָסטענע טריט זיך אַראָפּגעלאָזט צום יאַם, גייענדיק אַזוי, גלייך זי וואָלט געציילט יעדן שפּאַן.

פאַרטראַכט, עטוואָס געהויקערט, האָט זי שווער זיך אַריינגעשריבן אין דעם פרישן יונגן פרימאָרגן, וואָס האָט זיך געריסן פון די יאַם־וואַסערן, מיטגעשלעפּט א שטיק אופגייענדיקע זון, וואָס אירע קאָסע שטראַלן האָבן געפינקלט מיט מיליאַסן ליכטלעך, און זיך געצונדן און געלאָשן אָן א סאָף.

— ווער קאָן זי זיין? — האָב איך א פאַרכידעשטער געפרעגט בא זיך, זעענדיק זי איינע אַליין אין אַזא פריער מאָרגן־שאָ.

איך האָב געוווסט, אַז פרויען פון פישער קומען אָפט צום ברעג אָפּ־וואַרטן זייערע מענער, וואָס זיינען אוועק אין אָפענעם יאַם און נאָך ניט באַוויזן זיך אומקערן. און איך האָב באַשלאָסן, אַז זי איז מיסטאַמע אויך איינע פון יענע פרויען.

א היפּש שטיקל צייט איז זי אַזוי געגאַנגען איבערן זאַמדיקן ברעג און די כוואַליעס האָבן פאַרשווענקט אירע טריט.

פּלוצעם האָט זי, ווי א יאַם־פויגל, זיך אָפּגעריסן פון אָרט און געקומען איילן, קימאַט לויפן מיט א יונגער רירעוודיקייט. איך האָב פון מיין באַלקאָן איר נאָכגעקוקט און געזען, ווי איר גאַנצע אופמערקזאַמקייט פאַרשלינגט דער שאָטן פון א בריוטרעגער, וואָס צעטראָגט די מאָרגן־פּאָטשט. אָט פאַר־קערעוועט ער צו איר דירע, פאַרהאַלט זיך א ווײַלע, גייט אָבער באַלד אַריבער צו א צווייט הויז. מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם וואַרפט זי זיך צום פּאָטשט־קעסטל, עפנט מיט א ציטערנדיקער האַנט, קוקט אָנגעשטרענגט זיך איין אין דער שוואַרצער ליידיקייט. איר געעלטערט, צונויפגעצויגן פּאָנעם קנייטשט זיך, דער קאָפּ פאַרלירט זיך צווישן די אַקסלען און זי שרייט נאָך דעם בריוטרעגער מיט א דערשלאָגן קאָל:

— פאר מיר גאָרניט?

איך הער, ווי ער ענטפערט:

— הייַנט ניט, פרידא איסאקאָווגא, עפשער מאָרגן...

ווי אן אונטערגעקאָסטעטע, מיט פאַרוואָלקנטע אויגן, זעצט זי זיך צו אויף א דערבייַיִקער באנק, באהאלט דאָס פּאָנעם אין די הענט, ווי אמאָל מאַמעס בא ליכט־בענטשן, און ס'איז ניט פארשטענדלעך, צי זי כליפּעט, צי דאָס טרעשטשען אזוי די צווייַגן פון די קאשטאנען־ביימער איבער איר קאָפּ.

די פרוי האָט, ווייַזט אויס, געפילט אויף זיך מייַנע בליקן, זיך אויסגע־דרייט אין מייַן זייַט, און אונדזערע אויגן האָבן זיך באגעגנט. אין א ווייַלע ארום האָט זי ווידער א קוק געטאָן אויף מיר, און, גלייַך זי וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, א ריר געטאָן מיטן קאָפּ.

אזוי האָבן מיר זיך באקענט.

זי איז געקומען אהער מיט יאָרן צוריק, ווען זי האָט, אומקערנדיק זיך פון דער עוואקואציע, ניט געטראָפן מער איר היים, א קליין שטעטעלע אויף דער אוקראַינע. ביז דער פּענסיע איז זי געווען א קראנקנשוועסטער אין דעם זעלבן פאנסיאָנאט. איר איינציקער זון איז ערגעץ־ווו אין בייַקאָנור. מיט וואָס ער פארנעמט זיך דאָרטן, ווייסט זי ניט פּינקטלעך. דאָס איינציקע, וואָס איר איז באוווּסט, — ער האָט א שייַכעס צו די קאָסמישע שיפן.

לאָקאָנישע נאָטיצן מייַנע! א פלאָנטער פון א לאנג הארב לעבן, איינ־געפּאסט אין עטלעכע געפּרעסטע שורעס...

שוין לאנג, אז איר זון האָט איר ניט געשריבן. איז זי עפּעס אומרויִק. קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. גאנצע פארטאָגן שטייט זי אויף באם ברעג, גלייַך ווי פון דער יאם־טיפקייַט דארף ארויסשווימען צו איר א יעדיִע. און דער סוידעסדיקער גאנג פון די כוואַליעס צערטלט, בארויִקט, פארפירט אין אן אנדער וועלט.

איבער איר הענגט דער מאָרגנשטערן, אזא פינקלענדיקער, לויטערער, און איר ווייַזט זיך אויס, אז דאָס איז גאָר קיין שטערן ניט, ס'איז א קאָס־מישע שיף, וואָס שווימט אינעם כאָלעל, און אז איר זון האָט א כיילעק אין איר פלי.

דעמלט, ווען זי האָט בא דעם זעלבן שווארצן יאם באגעגנט צום ערשטן מאָל איר דאניען, איז אויך געשטאנען א יונגער קאָיאָר מיט דעם אייגענעם פינקלענדיקן, לויטערן מאָרגנשטערן.

שטערן עלטערן זיך ניט.

צו איר אָבער האָבן די יאָרן זיך צוגערירט, ווי מיט א מעסער, געקארבט דינע שרונטן אפן פּאָנעם, אויסגעלאָשן דאָס פייַער אין די אויגן. די עלטער איז געקראָכן אויף יעדן גליד, און נאָר באם דערמאָנען איר דאניען האָבן די שווארצאפּלען אויף א רגע זיך אָנגעצונדן.

ער איז געווען א פליִער, געדינט אין דער אוויִאציע, און אין די ערשטע מילכאָמע־טעג, ווען זי האָט זיך געגרייט ווערן א מוטער, איז ער אוועק אפן פראָנט. הענגען בא איר אויף דער וואנט צוויי פאָטאָגראפיעס. איינע אין א שוואַרץ רעמעלע האָט די צייַט עטוואָס פארגעלט. די דאטע אויף דעם בילד טראָגט אריבער דעם געדאנק אויף עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, ווען

איבער דער וועלט האָט געברענט אַ מוירעדיקע סרייפֿע. טעג און נעכט האָבן זיך אויסגעמישט אין אַ בלוטיקן גערוואַנגל. און איר דאַניע האָט פֿון דער סרייפֿע זיך ניט אומגעקערט. קוקט אַראָפּ פֿונעם בילד אַ יונגער לייטענאַנט, בײַ וועמען דאָס מילכאַמע־פֿײַער האָט ניט אויסגעברענט די צאַרטע שטריכן פֿון פֿאַרליבטקײַט אויף זײַן פּאָנעם. אויף דער צווייטער פּאַטאָ — אַ סאָלידער סאָוועטישער אָפֿיצער פֿון הויכן ראַנג, דאַניִיל דאַניִלעוויטש. די האָר בײַ די שלייפֿן הייבן שוין אָן זיך זילבערן, און עס דאַכט זיך, ווי פֿאָטער און זון האָבן זיך געביטן מיט די יאָרן.

אירע טונקעלע אויגן גלעטן די פֿאָטאָגראַפֿיעס, פֿאַרהאַלטן זיך אָט אויף איינער, אָט אויף אַ צווייטער, און מיר ווײַזט זיך אויס, אַז זי מאַכט דורך אין געדאַנק דעם לאַנגן וועג פֿון ליידן, פֿריידן און טרערן — דעם וועג פֿון מײַן דאָר...

זי דערמאָנט זיך, ווי דער זון האָט איר פּלוצעם געמאָלדן, אַז ער פֿאַרלאָזט די היים, גרייט זיך אָנקומען אויף אַן אַוויִאַציע־שול. בײַ איר האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן. זי האָט דערפֿילט אַ הוילקײַט אונטערן האַרצן, זיך אײַנגעביסן מיט די ציין אין דער אונטערשטער ליפּ, באַלד אָבער געענטפֿערט מיט אַ באַהאַלטענעם אומרו:

— נו, זאָל זײַן מיט מאַזל.

פֿון יענעם טאָג אָן האָט זי אים זעלטן־ווען געזען. ער איז מיט דער צײַט געוואָרן אַ פּליִער אַן אויספּרוּווער, דערנאָך געענדיקט אַ מיליטערישע אַקאַדעמיע. מע זאָגט, אַז איצט האָט ער אַ גאָר גרויסן כּילעק אין די שיפֿלעך, וואָס שנײַדן דורך דעם קאָסמאָס.

פֿאַר איר איז ער אָבער אַלץ נאָך דאַניִעלע, און זי וואַרט אויף זײַנס אַ בריוועלע און קאָן זיך ניט דערוואַרטן.

— איר געדענקט דאָס אַלטע יִידישע לידעלע? — פֿרעגט זי בײַ מיר און פֿאַרציט מיט אַן אַמאָליקן, צעצויגענעם טכינע־ניגון:

א בריוועלע דער מאמען,
זאָלסטו ניט פֿאַרזאַמען...

און פֿון די ווערטער, האַרציקע און גלוביקע, פֿלאַמט אויף אין איר אַ זיסע האָפֿענונג — די האָפֿענונג פֿון אַ מוטער.

דער אינוויִיניקסטער אומרו גיט איר אָנצוהערן, אַז מאָרגן וועט זײַן יאָמטעוו. דאָס האָט דער כּאָלעם איר אײַנגערוימט און דאָס האַרץ האָט אונטערגעזאָגט, און דאָס שוויַגנדיקע קאָל פֿון דערוואַרטונג האָט באַשטעטיקט: מאָרגן וועט זײַן אַ בריוו פֿון בײַקאָנור.

בײַקאָנור...

איך שטיי שפּעט אין אָוונט באַם פּוסטן ברעג. דער יאַם, אַ צעשויבערטער, צערטלט זיך אין מאַטער לעוואָנע־שײַן. פֿונווײַטן זעען זיך סילועטן פֿון שיפֿן, וואָס אַנקערן ערגעץ באַם סאַמע הימל־ראַנד. עס דאַכט זיך, דאָס ליכט יאָגט זיך נאָך די כוואַליעס און קאָן זי ניט דעריאָגן, און דאַנײַס טעכטער גיסן וואַסער אין זייערע קרוגן אָן אַ דנאָ...

איך פּרוּוו זיך פֿאָרשטעלן די ווײַטע קאַזאַכישע סטעפּעס, ראַכוועסדיקע

און אומרויקע, ווי דער יאם. זומער און הארבסט גרוי פון אָפּגעוויאַנעטע גרעזער. ווינטער, ווי ווייַט דאָס אויג זעט, א בעריישיסדיקע בלענדנדיקע ווייַסקייַט. דאָס סטעפּישע גראָז שמעקט מיט ביטערקייַט. אָבער פאַר די קאָסמאָנאַווטן, וואָס קערן זיך אום פון די העכסטע הייכן, איז עס געוויס דער רייעך פון ערד, וועלכער באַגעגנט זיי דער ערשטער.

דער קאַזאַכישער סטעפּ שמעקט אָבער ניט נאָר מיט פּאָלין, נאָר אויך מיט ברויט. די אומענדלעכע טווועפּעלדער וויגן זיך אינעם גאָלדענעם אָפּשייַן פונעם הימל. און אז מע קוקט פון דאָרט, פון אונטער די שטערן, איז די ערד א פּרעכטיקע, שטראַלנדיקע גאַנצקייַט, אָן שפּאַלטן, אָן ריסן... און עס שוועבט אינעם כאַלעל דאָס מונטערע מענטשלעכע קאָל, וואָס שיקט א שאָלעם־גרוס דעם צערודערטן דאָר.

קאָסמאָס... ברויט... שאָלעם...

און איך טראַכט: צי דען איז ניטאָ גענוג אָרט פאַר אַלע מענטשן אויף דער ערד, פּונקט ווי פאַר די כוואַליעס אין יאם און פאַר די שטערן אין הימל.

איך קער זיך אום אין פּאַנסיאָנאַט. דורכן פענצטער קוקט אַרייַן אַן אויסגעשטערנטע נאַכט. איך הער זיך אייַן אין אירע קלאַנגען. און מיר ווילט זיך זייער, אז מאָרגן זאָל טאַקע זייַן א בריוו פון בייַקאָנור.

# אף טײַגע-ערדן

איך האָב לעצטנס דורכגעמאַכט אַ צענטויזנטקילאָמעטערדיקע רײַזע איבער אונדזער לאַנד, אַ מין קוועטשניט פון די קאַרפּאַטן־בערג אַף מײַרעוו ביז צו דעם כינגאַנישן באַרגרוקן אַפן ווײַטן מיזרעך, דאָרט, ווו דער טאָג כאַפּט זיך אוף פריִער מיט אַ זיבן־אַכט שאָ.

כ׳האָב באַזוכט די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט ערעוו איר גאָלדענעם יובילײ. כ׳בין געווען אַף דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל און געזען די טיפע ענדערונגען, וואָס קומען איצט דאָרט פאָר.

און אָט בין איך ווידער אינדערהיים.

דער שנעלצוג „מאָסקווע — סאָפיִא״ שטעלט זיך אָפּ אַף אַ פּאָר מינוט, און איך שטײַג אַראָפּ אין מײַן אַלטער שײנער גרענעץ־שטאָט טשערנאָוויץ, וואָס בליט אַזוי פּרעכטיק, באַזונדערס זומער.

די נאַכט איז אַ וואַרעמע, אַ זילבערנע.

די שטאָט, אויך מיט זילבער באַגאָסן, באַגעגנט מיך מיט איר געמיטלעכער שטילקייט און היימישקייט. דרעמלענדיק שנורעווען זיך די הײַזער אין לאַנגע רייען, פינטלען בײַ די פּאַראַד־טירן מיט עלעקטרישע לעמפּלעך, ווי זיי וואָלטן מיך באַגריסט, און די געלע שײַן מינעט זיך אין טונקעלן גלאַנץ פון געשליפענעם אַספאַלט.

איך טרעט אַריבער די שוועל פון מײַן וווינונג. אַ לײַכטער שנאַל פונעם שאַלטער, און אַלץ אַרום ווערט אָנגעפילט מיט ליכט. מײַן וואַכנלאַנג פאַרשלאָסענער צימער לעבט אוף. עס קומען מיר אַנטקעגן די פּאָליצעס מיט ביכער, ליבלעך ווינקט מיר צו מײַן היפּש פאַרבענקטער שרײַבטיש, און די אויגן בלאָנדזשען פון וואַנט צו וואַנט און ווייסן ניט אַף וואָס פריִער זיך אָפּשטעלן.

איך בין ווידער אינדערהיים.

די ראַדיאָ שפּילט. די ליכטיקייט איז פול מיט קלאַנגען. פון מעייווער־לעיאַם הילכן אין עפּיר ריטמען פון אַ דזשאַז־מוזיק. אַ פרוי זינגט מיט אַ הייזעריקער שטים. מיטאַמאָל ווערט דאָס געזאַנג פאַרפאַלן. אַ קורצער סקריפּ, און עס דערהערט זיך אַ מענעריש קאָל, וואָס רעכנט אויס פאַר דער וועלט די גרויסע סומעס געלטער, וועלכע זײַנען נאַרוואָס אַסיגנירט געוואָרן אַף פּראָדוצירן נײַע מינים געווער. עס ווערט דערציילט מיט אַזאַ ציניִשער אָפנקייט, גלײַך עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ געוויינלעכן מיסכער.

כ׳פּיר איבער די כוואַליע ניט מער ווי אַף איין שטריכעלע און רויִק, ניט געײַלט, גיט מאָסקווע איבער די נײַס פון טאָג.

„אַפּן באַם ווערן געלייגט די לעצטע הונדערט קילאָמעטער וועג...״

ניו־יאָרק, מאָסקווע — אַזוי נאָענט, אינגאַנצן אַ האַלבער מילימעטער, אַפילו נאָך ווינציקער, און אַזוי ווײַט...

איך צעעפן ברייט דאָס פענצטער. רייכעס פון ווינטעלעך, וואָס האָבן ניט צו טאָן מיט דער גאַס, יאָגן אָן. שטערן ברילִיאַנטעוועו, ווײַטע, פריידלעכע שטערן, און מײַנע געדאַנקען קײַטלען זיך:

מיר לעבן אין צײַטן גרויזאַמע און טונקעלע,
און אין צײַטן —
פול מיט ליכט און פול מיט שײַן.
איז לאָמיר זיך ווערן,
לאָמיר פאַרטיידיקן אונדזערע היימען,
אונדזערע טרוימען, אונדזער זײַן...

איך טראַכט וועגן דער נעסיע, וואָס כ'האָב דורכגעמאַכט, ווי מע טראַכט וועגן אַ שיינעם כאָלעם, וואָס איז פאַרשוווּנדן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך בלויז צעברעקלטע דערמאָנונגען. עס רופן זיך אָפּ שטעט, וואָס זײַנען נאָך נעכטן געווען פאַר מיר ניט מער ווי געאָגראַפישע באַגריפן, און מענטשן וועלכע איך האָב אַקאָרשט דערקענט.

# אַ מאַמע פון אַ סאָלדאַט

אינעם מאָסקווער אָוונטיקן הימל האָט רוישלאָז זיך באַוועגט אַ גאַנצער קאַראַהאָד פון פײַערלעך.

איך בין אָפּגעפלויגן אויף מיזרעך.

דער גיגאַנטישער „איל" האָט אומבאַמערקט זיך אָפּגעריסן פונעם לופטפעלד. אים האָט אַ שטיקוועגס באַגלייט אַ נעץ פון שטערן, דערנאָך איז די נאַכט פּלוצעם פאַרשוווּנדן און עס האָט גענומען שאַרײַען אויף טאָג.

די פּאַסאַזשירן אין סאַלאָן זײַנען געזעסן צוגעגאַרטלטע צו זייערע ערטער. ווער עס האָט שוין אַרײַנגעקוקט אין אַ זשורנאַל, ווער ס'האָט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט, גערעדט צווישן זיך שטיל, אײַנגעהאַלטן. אַקעגן מיר האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אַ ברייטפּלייציקער יונגערמאַן מיט אַ פעסט געפּאַקטן רוקזאַק, געוויס אַ געאָלאָג, זיי טראָגן עס אַזעלכע רוקזאַקן. אַ העלבלאָנדע שכיינע האָט אים געקוקט אין פּאָנעם אַרײַן און אויף עפּעס זיך נאָכגעפרעגט. באַם יונגנמאַן זײַנען די ווערטער, זעט אויס, טײַערער פון אײדלשטיינער, האָט ער געענטפערט אַ וואָרט איבער אַ וואָרט. אַ קליין מיידעלע, וואָס פליט, ווײַזט אויס, צום ערשטן מאָל, האָט דערקוטשעט איר פּאָטער מיט פאַרשיידענע פראַגעס. דאָס פּאָנעם באַם פּאָטער איז פאַרווינטיקט, די הענט גרויסע, שטאַרקע, עפּשער אַ בויער. די בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל וואַרט אויף בויער.

באַם סאַמע פענצטערל, רעכטס פון מיר, איז געזעסן אַן אַלטע פרוי. מיר איז אויפגעפאַלן איר טיף־צעאַקערט פּאָנעם, אויף וועלכן דאָס לעבן האָט זיך צעשריבן מיט אַ פאַרהוילענעם קסאַוו. אירע אויגן בלויע, וואַרעמע, האָבן געקוקט מילד, די אָדערן אויף די הענט זײַנען געווען בלאָוו און אָנגעשוואָלן. זי איז געזעסן פאַרשלאָסן אין זיך און געשוויגן.

ווער איז זי? — האָב איך געפרעגט זיך אַליין. — וואָס פאַר אַן אינהאַלט

פאַרמאָגט איר שווײַגן? וועגן וואָס קלערט זי? די נײַגעריקייט אין מיר איז געוואַקסן, און איך האָב געפּרוווט פאַרפירן מיט איר א שמועס:

— איר וווינט אין כאַבאַראָווסק?

זי האָט געמאַכט א באַוועגונג, ווי זי זאָל וועלן עפּעס אָפּשטויסן פון זיך, און קורץ, מיט א האַלב מויל, געענטפערט:

— ניין.

אויף דעם האָט אונדזער שמועס זיך אָפּגעשטעלט.

אין א געוויסן מאָמענט האָט זי פאַררוקט דאָס פאָרהענגל, לאַנג, מיט א שטרענגער פאַרטראַכטקייט זיך אײַנגעגראָבן מיט די אויגן אין עם קליינעם פּירקאַנטיקן איליומינאַטאָר, אַרויסקוקנדיק צו דער דורכזיכטיק פּראָסטיקער ליידיקייט אויף יענער זײַט באָרט. איר האָט זיך מיסטאָמע אויסגעוויזן, אַז דער אַעראָפּלאַן הענגט אָן באַוועגונג אין אָט דעם אומענדלעכער פינקלענדיקן רוים, אויף א הייך פון נײַן טויזנט מעטער. ווען זי האָט זיך אָפּגעריסן פון עם פענצטערל, איז איר קאָפּ מיד צוגעפאַלן צום אָנלען פון שטול, און די וויִעס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן.

זי איז אָבער ניט געשלאָפן.

ווי קאָן מען עס שלאָפן, ווען די גאַנצע צײַט שפּריצט מיט קאַיאָר, ווען אין מאָרגנרוים קײַטלט זיך אין א צווייטער, גלײַך סע וואָלט אין דעם מעס-לעס אײַנגאַנצן קיין נאַכט ניט געווען.

— אַכטונג! — האָט א פרישקלינגענדיקע פרויען־שטים צעוויגט די פאַרשלאָפנקײַט. — מיר בעטן צוגרייטן די טישלעך, באַלד וועט דערלאַנגט ווערן פרישטיק.

אין א פּאָר מינוט אַרום האָט פון דער סעקציע, וואָס איז אָפּגעטיילט מיט שווערע פאָרהאַנגען, זיך באַוויזן א שטאַלטנע, גאָלדהאָריקע סטיואַר-דעסע. דאָס ליכטיק־בלויע סאַראַפאַנדל, אָנגעטאָן ספּעציעל באַם צעטראָגן דאָס עסן, האָט פעסט געצייכנט איר טאַליע און איר ברוסט. דער יונגערמאַן קעגנאיבער האָט אומבאַהאָלפן איבערגעקערט אויף זיך די טיי, און אין דער שטילקײַט האָט זיך צעפּערלט דער סטיואַרדעסעס געלעכטער:

— ניטשעוואָ, ניטשעוואָ...[1]

איך האָב באַמערקט, אַז מײַן שכנה רירט זיך ניט צו צו דעם פרישטיק.

— פאַרוואָס עסט איר ניט?

זי האָט עפּעס אומפאַרשטענדלעך אָפּגעענטפערט, צוגעטראָגן צו די איבערגעטריקנטע ליפּן די הייסע טיי, א זופּ געטאָן און אוועקגעשטעלט.

און ווידער איז זי געבליבן זיצן פאַרטיפט אין זיך. און ס׳האָט אויסגע-זען, ווי גאָרניש איז ניט בעקויעך צו צעשטערן דאָס דאָזיקע שווײַגן. אָבער אַכט שאָ פליִען איז אַפילו פאַר א שווײַגנדיקן מענטשן שווער אויס-צוהאַלטן, ביפראַט נאָך, ווען דערנעבן זיצט א פּאַסאַזשיר, וואָס האָט גערן ווערט־מײַסעס, אין וועלכע א מענטש אַנטפּלעקט זיך צומאָל פון א סאַמע אומגעריכטער זײַט.

צי מײַן אײַנגעשפּאַרטקײַט, צי איר באַגער פונדעסטוועגן מיט עמעצן אויסרעדן א וואָרט, ווער ווייסט, נאָר א געשפּרעך האָט זיך אָנגעקניפּט. א וואָרט נאָך א וואָרט, און ביסלעכווײַז האָט זי אָנגעהויבן דערציילן וועגן

[1] ס׳מאַכט ניט אויפּ, ס׳מאַכט ניט אויס (רוס.).

זיך. געערדט האָט זי אַזוי, ווי זי וואָלט שווער געשלעפּט פון זיך די ווער־טער. אַלעמאָל האָט אַן אַסטמע־הוסט איר פאַרהאַקט דעם אָטעם.

איך האָב זיך דערוווּסט, אַז זי ווינט ניט ווײַט פון כאַבאַראָווסק, באַם סאַמע ברעג פון עמור. דעם מאַן האָט זי פאַרלוירן אין בירגערקריג און מער ניט כאַסענע געהאַט. איצט קערט זי זיך אום פון קורסק און אָריאָל, געמיינט צו געפינען דאָרט דעם קייווער פון איר איינציקן זון, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן בײַם די שלאַכטן אויפן קורסקער בויגן.

— וואָלט איך געוווּסט, ווו זײַן געביין ליגט, וואָלט איך קריכנדיק, קריכנדיק...

בײַ איר האָבן געציטערט די ליפּן. אין איר שטים האָבן זיך געהערט טרערן. זי האָט אָבער ווי ווײַט מעגלעך אַראָפּגעשלונגען איר צער, ניט גע־וואָלט אים אַרויסווײַזן.

אַזוי גאַנצע פערציק יאָר!

פון אָנהייב האָט זי ניט געגלייבט אין זײַן אומקום, ווי עס גלייבן ניט אין טויט פון זייערע קינדער אַלע מאַמעס פון דער וועלט. זי האָט גע־וואַרט, אַ האָפענונג האָט זי געוואַרעמט. ער איז אָבער ניט געקומען.

ס'איז אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר. זי האָט אָנגעהויבן באַנעמען, אַז דער עמעס פאַרפאָלגט זי פּוסטריט, און דאָס האַרץ האָט געווייטיקט — דאָס אומ־היילבאַרע, פאַרווונדעטע האַרץ פון אַ מוטער, וואָס כאַזערט איבער מיט שטילן טרויער:

— אויף אַלע פיר וואָלט איך געקראָכן...

עפּשער איז ער גאָר ניטאָ, דער קייווער? און עפּשער איז ער ערגעץ אין אַ פעלד אָדער אין אַ פּאַרק אונטער אַן אַלגעמיינעם אָבעליסק?

זי דערציילט וועגן איר זון.

אַ שטיפעריש קינד געווען. זומער אַרומגעלאָפן אַ באָרוועסער איבער דער טײַגע, גאַנצע טעג פאַרפאַלן געוואָרן באַם אַמור. דערנאָך אַ שילער. די שול איז ווײַט, דערקלײַבן זיך דאַרף מען אויף ליזשעס, אין שנייען און זאַווערוכעס, איז דער מאַמעס האַרץ אומרויִק. קוים באַוויזן זיך רעכט אַרומ־קוקן, און ער איז שוין אַ סטודענט. טרוימט צו ווערן אַ געאָדעזיסט, גיין אויף עקספּעדיציעס אויפן ווײַטן צאָפן, איז דער צווייטער קורס געווען פאַר אים דער לעצטער...

דערווײַל איז די טיי בײַ דער פרוי קאַלט געוואָרן.

איך האָב געוואָלט בעטן בײַ דער סטיוואַרדעסע אַן אַנדער שעלכל טיי פאַר איר, נאָר די פרוי האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— מע דאַרף ניט.

מיר זײַנען אַ ווײַלע געזעסן שווײַגנדיק. אַ ביטער שווײַגן איז עס גע־ווען, אַ פאַרטראַכטונג פון פּײַן. פּלוצעם האָט, ווי אַ מיראַזש, זיך געשטעלט מיר פאַר די אויגן אַ קליין דאָרפיש הײַזל פון געטעסעטע געהילץ, מיט שניי־ווײַסע פאָרהענגלעך אויף די פענצטער און אַן אויסגעוואַשענעם דיל, פאַר־שפּרייט מיט געשטרײַפטע פאַרביקע קאָבריקעס. זי, די באַלעבאָסטע פון דעם הויז איז נאָך ניט אַלט, איר קערפּער איז נאָך שלאַנק, דאָס פּאָנעם גאָלדיק פאַרברוינט. זי ווייסט נאָך ניט פון גראָוו ווערן פאַר דער צײַט, כאָטש דאָס לעבן האָט זי ניט געבאַלעוועט. באַם טיש זיצט איר זון, ענלעך אויף דעם יונגנמאַן פון אָקעגן. זי גיסט אים אַן טיי פון אַ פינקלענדיקן מע־

שנעם סאַמאָוואַר, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אַף איר פרייד, און די שטוב לעבט אויף פון דעם פראָסטן, באַטירלעכן מענטשלעכן גליק.

האָבן אָבער טעג פון גליק זיך געביטן אַף טעג פון צאָרן! איבער דער טײַגע האָבן, ווי א וויגע, זיך געטראָגן שוואַרצע בסורעס, און פון מויל צו מויל האָט מען איבערגעגעבן דאָס גרויזאַמע וואָרט:

— מילכאָמע!

ביזן לעצטן אָטעם־צוג וועט זי געדענקען די מינוטן אַפן וואָקזאַל אײַ־דער דער עשעלאָן האָט געריירט. זי האָט אַרומגענומען איר זון, מיט א פאַר־ווײנט פּאָנעם צוגעפאַלן צו זײַנע ברייטע אַקסלען, און ער האָט זיך געבעטן:

— מאַמע, וויין ניט...

א קאָמאַנדע „פּאָ וואַגאָנאַם" האָט אים אָפּגעריסן פון איר.

היט אַף די מוטער א קליינעם פּאַפּירענעם דרײַעק — דעם איינציקן בריוו פון איר זון. ער האָט איר געשריבן: „מיר וועלן אויפבויען נײַע הײַזער אַפן אָרט פון די כורוועס, מיר וועלן דעריאָגן די צײַט, וואָס די מילכאָמע האָט בא אונדז צוגערויבט. ס'וועט קומען דער טאָג פון זיג, ווי שווער און לאַנג ס'זאָל ניט זײַן צו אים דער וועג..."

א צווייטן בריוו איז אים שוין ניט באַשערט געווען צו שרײַבן.

איך האָב געהערט די אַלטע פרוי און אין איר דערציילונג אַרײַנגע־פלאָכטן מײַנע אייגענע דערמאָנונגען, שפּליטערס פון מײַן ווײַטער פאַר־גאַנגענהײַט, מיט איר אומרו און אירע אַנגסטן.

...פּונעם טשערנאָוויצער וואָקזאַל האָט אין מיט פון די דרײַסיקער יאָרן א מוטער באַגלייט אירן א זון. ער פאָרט אוועק, זי ווייסט ניט פּינקטלעך וווּהין, נאָר עפּעס אַן אומדערטרעגלעכע שווערקײַט קלעמט באַם האַרצן און טרערן פליסן פון זיך אַליין.

— וויין ניט, מאַמע...

איז איר אײַנגעפאַלן אין יענער מינוט, אַז זי באַגלייט איר זון צום לעצטן מאָל? באַלד וועט דער צוג אים פאַרטראָגן ווײַט־ווײַט, איבער לענדער און גרענעצן, דאָרט ווו עס פלאַקערט דער שפּאַנישער בירגערקריג, די פּרע־לודיע צו דער גרויסער וועלט־סרייפע... און ער וועט פון דאָרט זיך ניט אומקערן. עס וועט נאָר אָנקומען פון דאָרט א קורץ בריוועלע אַף א פרעמ־דער שפּראַך און מיט פרעמדע שטעמפּלען...

מײַן מאַמע, א טאָכטער פון די קאַרפּאַטן־בערג, האָט געקענט לייענען נאָר די שפּורן פון כײַעס, האָט זי בלינד געקוקט אַף די געציילטע פאַר שורעס און בלויז מיטן האַרצן געפילט, וואָס אין בריוועלע שטייט...

איך געדענק ווי.אַזוי דער טאַטע, דערוויסנדיק זיך וועגן אומקום פון מײַן ברודער, האָט זיך געקאָרטשעט מענטשיש פאַרהוילן. אָבער די מאַמע, דער סאַמע שטאַרקער און סאַמע שוואַכער מענטש אַף דער וועלט, האָט זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן, טרערן האָבן געשטיקט, געוואָרגן. זי איז געווען א פרוי און געהאַט די פּריווילעגיע אַף אַנטבלויזטן טרויער, אַף ווייטיק... און דער ווייטיק נאָך פאַרלוירענע איז א לעבעדיקער ווייטיק. ער שטילט זיך ניט אײַן, ער ברענט און ברענט...

פאַרשיידענע מערידיאַנען, פאַרשיידענע וועגן...

די מילכאָמע האָט מיט אַן אָנגעגליטן אקער־אײַזן געאַקערט מענטשלעכע גורלעס. איינער איז אַף אייביק פאַרבליבן אין דער היימערד, העלדיש

געפאַלן פאַר זײַן היימלאַנד, דער צווייטער — ערגעץ אין באַסקן־לאַנד, הינטער בילבאַאָ.

יונגע, שטאַרקע, לעבנסלוסטיקע, האָבן זיי באַצאָלט לויטן גרעסטן כּעזשבן... ביידן האָט די מילכאָמע פאַרברענט אױף איר שײַטער. צוויי זעמדעלעך אינעם פײַערדיקן הוראַגאַן, אומגעקומענע ווער ווייסט וווּאַזוי. איינס איז אָבער אױף געוויס — אַט די צוויי זעמדעלעך זײַנען אײַנצעמענטירט אינעם פונדאַמענט פון ניצאָכן, און ווי מיליאָנען אַנדערע, האָבן זיי אים געפעסטיקט.

צי קאָן מען דען, צי איז מעגלעך זיך פאָרשטעלן אין ציפערן דעם עמעסן פאַרלוסט פונעם פאַשיסטישן בלוט־מאַבל? צי קאָנען ציפערן איבערגעבן, וויפל עס זײַנען פאַרגאָסן געוואָרן מוטערלעכע טרערן?

די אַלטיטשקע האָט אַלץ אויסדערציילט און געבליבן שווײַגן. איך האָב געקוקט אױף איר צעאַקערט פּאָנעם, אױף די טיפע קאַרבן, געפילט אױף זיך איר גוטן מוטערלעכן בליק און, פאַרכאַפּט פון אַ ביז איצט אומבאַקאַנט געפיל, האָב איך זיך געפרעגט: וואָס פאַר אַ וואָרט געפינען אױף לינדערן איר צאַר?

כ׳האָב אַ גלעט געטאָן אירע הענט, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך גלעט די הענט פון מײַן מאַמען...

לעבן מיר איז געזעסן דער טרויעריקער און העלדישער נעכטן, פאַרקניפּט אין אונדזער גרויסן הײַנט...

ס׳האָט זיך געשטעלט אַ נײַער טאָג. דאָס אומדערבאַרעמדיקע זייגערווײַזערל האָט פאַרענדיקט דעם גאַנג פון נאָך אַ דורכגעלעבטן מעסלעס.

מיט עטלעכע שאָ צוריק בין איך נאָך געווען אין מאָסקווע, אָנגעקומען מיט דעם צוג פאַרטאָג. ווונדערלעך איז די דוירעסדיק־אַלטע הויפּט־שטאָט אין די פריִע מאָרגנשאָען, ניט באַוויזן נאָך אַרופצוּוואַרפן זיך מיט איר שטורמישן לעבנס־טעמפּ אױף די אײַנוווינער און געסט. די קרעמל־קוראַנטן ציילן אויס זעקס גלײַכמעסיקע מעלאָדישע קלאַנגען, וואָס פאַלן פאַרטראַכטע אין דער שטילקײַט. בײַ די גראַניט־שוועלן פונעם מאַוזאָליי בײַטן זיך די קאַראַולן, און אינעם אַלטן אַלעקסאַנדער־פּאַרק וויגט דער ווינט דעם פאַקעל פון אײביקן פײַער אױפן קייווער פון אומבאַקאַנטן סאָלדאַט.

דאָס איז אונדזער פאַרגאַנגענהײַט, וועלכע מיר האַלטן טײַער ווי אַ הייליקײַט, און אויך די איצטיקע אומרויִקײַט אונדזערע, פילפאַכיק פאַרשטאַרקט דורך דער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דער צוקונפט.

דער אַעראָפּלאַן האָט אָנגעהויבן זיך אַראָפּלאָזן.

ס׳איז געווען האַלבער טאָג, און פונקען פון אַ צעגליטער זון האָבן געבליצט אין די איליומינאַטאָר־שײַבלעך, געוועקט פון דרעמל דעם יונגנמאַן און זײַן באַגלייטערן, געוועקט דאָס קליינע מיידעלע, וואָס איז געשמאַק געשלאָפן, אײַנגעמאָסטעט אינעם שויס פון איר פאָטער, נאָר מײַן שכיינע איז געזעסן אויסגעשעפּט, גלײַך די קויכעס וואָלטן זי פאַרלאָזט, און צוגעקוקט, ווי מיר פליִען אַרויס פון די הימלען. מיטאַמאָל האָט זי זיך נעענטער צוגערוקט צו מיר און אַ זאָג געטאָן:

— אױ, ס׳זאָל נאָר ווידער קיין מילכאָמע ניט זײַן!

און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די ווערטער קלינגען אױף איבער דער גאַנצער אומרויִקער פּלאַנעטע אונדזערער מיט אַלע אירע יעסורים און האָפעוונגען...

אין כאַבאַראָווסקער אעראָפּאָרט האָבן מיר זיך צעשיידט. איך האָב ניט געפרעגט איר נאָמען, נאָר פּאַשעט פאַרשריבן אין מײַן בלאָקנאָט — „א מאמע פון א סאָלדאט...״

וואָס קאָן זײַן דערהויבענער?

# באַ די ברעגן פון דער בירע

א זעלטן לויטערער מײַ־טאָג האָט געשימערט אין דער בלויקײַט פון די ווײַטמיזרעכדיקע הימלען, זיך געבאָדן אין שטראָמען זונענשײַן, און א לײַכט ווינטעלע האָט דערפרישנדיק ארומגעפלאטערט אין דער לופט.

פון כאַבאַראָווסק איז אויף זײַן אָנגעצייכנטן וועג אָפּגעגאַנגען דער עקספּרעס „ראָסיִא״. זיך אוועקגעלאָזט מיט א בראַזגענדיקן אימפּעט, און די רעדער האָבן זיך געאַמפּערט מיט די רעלסן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט זיך באַפרײַען פון די אייגענע אַקסן.

אָפּגעפאָרן עטלעכע מינוט, איז דער צוג ארײַן אין א בריק, צעקרימטע שטאָלענע בריקבויגנס האָבן דורכגעשווינדלט מיט אַן אײַזערנעם געקלימפּער. און אונטן, ווי אין אַן אָפּגרונט, האָט אין א נעץ פון שפּילעוודיקע רונצלען געטראָגן זײַנע וואַסערן דער אמור.

פאַרן וואַגאָן־פענצטער האָבן זיך געוויקלט פאַרווילדעוועטע שטרעקעס ערד, מיט זומפּיקע שטייוואַסערלעך און צעוואָרפענע פלאַמען ברענענדיקן טאָרף, ווי עמעצער וואָלט צעדרויבלט א סרייפע. ווײַט און ברייט, ביזן סאַמע הימל־ראַנד, האָט זיך געשפּרייט די טײַגע, א ראַזעווע פון צעבליטן באַגולניק, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט ניט קיין אָנהייב און האָט ניט קיין סאָף.

איך בין געשטאַנען באַם פענצטער, געפילט א לײַכטע מידקײַט, נאָר אין מיר האָט געבליט די דערוואַרטונג פון א פרייִדיקער באַגעגעניש, און ס׳האָבן אָן אויפהער זיך געשנירלט געדאַנקען. איך האָב זיך דערמאָנט א ליטעראַרישן אָוונט אין ווין אינמיטן די דרײַסיקער יאָרן. דער אָוונט איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן לעקאָוועד דעם פּראָגרעסיוון אמעריקאַנער ייִדישן דיכטער זישע ווײַנפּער. ער האָט געלייענט לידער פון זײַנעם א נאָרוואָס דערשינענעם בוך. און דער זיקאָרן האָט פאַרהיט אזעלכע שורעס:

דער אייביקער ווינטיקער וואַנדערער
אויף אַלע וועגן, וואָס זײַנען פאַראַן, —
ער שפּאַנט איצט באַנאַנד גאָר אַן אַנדערער
אויפן וועג קיין ביראָבידזשאַן...

ביראָבידזשאַן.

קימאַט א האַלבן יאָרהונדערט האָב איך געוואַרט אויף דער באַגעגעניש מיט דיר. וויפל זיך אָנגעהערט, וויפל זיך אָנגעלייענט. און אָט זײַנען אַדורך די דרײַ שאָ פאָרן, און דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט.

איך בין אַראָפּ אויפן פּעראָן. געשטאַנען אויף דער ביראָבידזשאַנער ערד און, פאַרכאַפּט פון עפּעס א גרויסער לעבעדיקער כוואַליע, אויף א רעגע זיך

דערפילט ווי אין א כאַלעם. צו מיר האָט מיט גרויסע זילבערנע אויסיעס געווּנקען דער נאָמען פון דער סטאַנציע אויף צוויי שפּראַכן. אויף ייִדיש פון רעכטס אויף לינקס און אויף רוסיש פון לינקס אויף רעכטס, פּונקט ווי צוויי פאַרליבטע, וואָס גייען אַקעגן איינער דעם צווייטן.

איך בין אַרויס אויפן וואָקזאַל־פּלאַץ.

די שטאָט איז זיך צעגאַנגען אין א ליַיכט רויכל, איבעראַשנדיק מיט איר געאָמעטרישער פּלאַנמעסיקייט פון די גאַסן, פאַרפּוצטע מיט אונטערגעשוי־רענע ביימער פון ביידע זיַיטן. א וואַרעם פרילינג־ווינטל האָט שטיל זיך געגליטשט איבער די צוויַיגן, פאַרטראַכט גערוישט, און העטוויַיט, בא טונקל־ווערונדיקע סאַפּקעס, האָט לאַנגזאַם זיך געזעצט די זון.

שפּעטער וועל איך פון דער ערשטער האַנט זיך דערוויסן, אז די שטאָט איז פאַרהעלטנישמעסיק יונג, אז איר ביאָגראַפיע הייבט זי אָן שריַיבן אין די יאָרן פון דעם ערשטן פינפיאָר און פאַר אָט דער ציַיט איז זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א מאָדערנער שטאָט מיט א פּילטויזנטיקער באַפעלקערונג. נאָר דערוויַיל האָב איך מיט די אויגן געזוכט צווישן די פאַרביַיגייער, בא וועמען צו פרעגן, וויאַזוי זיך דערקליַיבן צו דער רעדאַקציע פון דער געגנטלעכער ציַיטונג.

אָט איז א יונגער מיליציאָנער, א ברוינהויטיקער, מיט געדיכטע שוואַר־צע ברעמען און זייער שאַרפע שמייכלענדיקע אויגן.

— ביראָבידזשאַנער שטערן? — האָט ער מיך איבערגעפרעגט אויף ייִדיש. — אין שטאָט גייען אַרויס צוויי טאָג־ציַיטונגען — איינע אויף ייִדיש, און די צווייטע אויף רוסיש, יעדערע האָט זיך איר רעדאַקציע.

קעדיי פאַרקערעווען אויף דער לעניִן־גאַס, האָב איך באַדאַרפט דורכגיין א קליין גערטנדל. אויף א באַנק האָב איך באַמערקט צוויי מענטשן, פאַר־טיפטע אין א געשפּרעך. איינער איז געזעסן צו מיר מיטן רוקן, און דער צווייטער, אן עלטערער מאַן, האָט אים עפּעס דערציילט. דערנעענטערנדיק זיך, האָב איך דערהערט ייִדישע רייד, און כאָטש כ'האָב זיך געיַילט, דער אַרבעטסטאָג דאַרף אָט־אָט זיך ענדיקן, האָב איך דאָך ניט געקאָנט בייקומען דעם ניסאָיען און זיך אויך צוגעזעצט.

ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אז דער, וואָס איז געזעסן צו מיר מיטן רוקן, איז אויך א גאַסט ערגעץ פון מיַירעוו־אוקראַיִנע. ער איז געקומען צו זיַינער א טאַכטער, וואָס וווינט אין ביראָבידזשאַן. דער אַנדערער אָבער איז א היגער טוישעוו. א מאַן אַזוי בא די זיבעציק, מיט א גלאַטיק אויסגעגאָלט פּאָנעם און א געזונט ברוסטיק קאָל.

אן אַלטער מאַן. פון וואָס פאַר א קאַנטן איז ער אַהער געקומען?.. פון־וואַנען ציט זיך זיַין גאַנג?..

ער האָט גערעדט באַדאַכט, ניט געיַילט. גערעדט מיט עפּעס א וויַיס־רוסישער צעזונגענקייט, גלייַך ער וואָלט געוואָלט, אז זיַינע צוהערער זאָלן געדענקען יעדער וואָרט. און דערציילט האָט ער וועגן דעם, וויאַזוי אין מיַי 1928 זיַינען אויף דער איינגאַנצן אומבאַקאַנטער סטאַנציע טיכאָנקע, וווּ ס'איז געשטאַנען בלויז איין הילצערן היַיזל פאַר איַיזנבאַן־אַרבעטער, אַראָפּ פון צוג די ערשטע ייִדן־איבערוואַנדערער, געקומענע פון די שטעטלעך אין אוקראַיִנע, וויַיסרוסלאַנד, ווּ זיי האָבן אויסגעפּרוּווט דעם טרויעריק־באַ־ווּסטן „טכום־האַמוישעוו", און ביז דעם גרויסן אָקטיאַבער געוועזן באַרויבט

פון זייערע רעכט, געקומען זײַנען זיי אהער, קעדיי צו געפינען זייער גוירל, זייער גליק.

בייסן דערציילן האָט זיך זײַן שטערן שטארק געזונצלט, ווי דער מענטש וואָלט זיך באמיט נאָך עפּעס צו דערמאָנען זיך.

— און אָט זײַנען פארביי פופציק יאָר זינט ס'איז געגרינדעט געוואָרן די יידישע אווטאָנאָמע געגנט. און זעט, וואָס פאר אן ענדערונגען עס זײַנען פאָרגעקומען אַף דעם געוועזענעם אָפּגעשטאנענעם העק פון צארישן רוסלאנד...

אזוי האָב איך פון דער ערשטער האנט באקומען א לעבעדיקע אינפאָרמאציע.

די לענין־גאס האָט זיך ארויסגעוויזן גאָר נאָענט. דורכגעגאַן א פּאָר קווארטאלן, האָב איך אַף דער וואנט פון א צוויישטאָקיק הויז דערזען א מעמאָריאל־טאָוול מיט אזא אויפשריפט:

אין רעדאקציע „ביראָבידזשאנער שטערן"
האָט פון 1935 ביז 1937 יאָר
געארבעט דער סאָוועטישער שרײַבער
ע מ א נ ו י ל  ג ע נ ר י כ א ָ ו ו י ט ש
ק א ז א ק ע ו ו י ט ש

און אַף א שפּאן ווײַטער האָט זיך געפונען טאקע די רעדאקציע אליין.

פאראן מענטשן, וואָס פארכאפּן בא דער ערשטער באגעגעניש מיט זייער אופריכטיקן בליק און פרײַנטלעכן אויפברויז. אזא אײַנדרוק האָט געמאכט אַף מיר דער דיכטער לעאָניד שקאָלניק, דער רעדאקטאָר פון „ביראָבידזשאנער שטערן", באלד נאָך מײַן אריבערטרעטן די שוועל פון זײַן קאבינעט.

א שלאנקער, מיט גוטמוטיקע, עטוואָס שמייכלענדיקע גרוי־בלויע אויגן, זעט ער אויס נאָך גאנץ יונג. רעדאקטאָר איז ער געוואָרן דאָ ניט לאנג, נאָכן פארענדיקן אין כאבאראָווסק די העכערע פארטיי־שול, ווו עס ווערן געגרייט אויך זשורנאליסטן פאר דעם קאנט.

איך האָב אָנגערופן מײַן נאָמען, און זײַנע העלע אויגן האָבן א שטראל געטאָן.

— שאָלעם־אליכעם! איר זענט שוין ניט דער ערשטער שרײַבער פאר דער וואָך, וועלכער קומט צו אונדז אין געסט. מיר גרייטן זיך דאָך צו א יאָמטעוו.

פארפירן מיטן רעדאקטאָר א שמועס איז געווען ניט פון די לײַכטע זאכן. די טיר האָט אַף קיין רעגע ניט אָפּגערוט, אלע מאָל זײַנען ארײַנגעקומען אנדערע מיטארבעטער. ווער מיט א פראגע, ווער מיט א מיטיילונג. ס'זײַנען געווען צווישן זיי אזעלכע, וואָס ארבעטן שוין יאָרנלאנג אין דער צײַטונג און אזעלכע, וואָס הייבן ערשט אָן זייער זשורנאליסטישע טעטיקײַט.

איך האָב זיך באקאנט מיט אווראָם גאָלדמאכער, דעם לייטער פון קולטור־אָפּטייל. ער איז א ביראָבידזשאנער טושעוו פון קינדווײַז אָן, פונדאנען איז ער אוועק אפן פראָנט, געשטורעמט בערלין. נינע וואָראָנינא א שווארצ־כיינעוודיק מיידל, איז די סאמע ייגנסטע אין רעדאקציע. זי איז א מאשיניסטקע, שרײַבט יידישע לידער, גרייט זיך שטודירן זשורנאליסטיק.

שנייער קאָניק, א זשורנאליסט מיט א גרויסן סטאזש, האָט מיט מיר אָפּגערעדט זיך טרעפן אפן אנדערן טאָג, קעדיי נעמען אן אינטערוויו. דערווײַל האָט דער ארבעטסטאָג זיך געענדיקט און ס'איז געקומען די צײַט א טראכט טאָן וועגן א נאכטלעגער. און טאקע וועגן אָפּרוען זיך נאָך אזא אָנגעשטרענגטער רײַזע — אין איין מעסלעס פון מאָסקווע קיין ביראָבידזשאן.

דעם מאָדערנעם האָטעל „וואָסטאָק" האָב איך לאנג ניט באדארפט זוכן, ער געפינט זיך אין סאמע צענטער שטאָט.

אין וועסטיביול האָט געשפילט דער פארנאכט, מיט ראָזעווען ליכט צעליגט זיך אף די ווייכע שטולן. איך בין צוגעגאנגען צום אדמיניסטראטאָר, א פרוי מיט א וואלד רויטלעך געפארבטע האָר און פעט־געשווארצטע ברעמען און וויִעס. עטלעכע רעגעס האָט זי געבלעטערט מײַן פּאַספּאָרט, א קוק געטאָן אף מיר מיט האלב־פארמאכטע אויגן, ווי איר וואָלט געשטערט די צאנקענדיקע שײַן, און ווײַזט אויס, איבערצײַגט זיך, אז איך בין איך, האָט זי קורץ א זאָג געטאָן:

— מיר קאָנען אײַך פאָרלייגן נאָר א פּאָשעטן נומער. אין האָטעל גייט איצט א רעמאָנט, מיר גרייטן זיך דאָך צו א יאָמטעוו.

יאָ, איך האָב שוין באוויזן צו זען, ווי עס קאָכט און זידט אף די גאסן, ווי די שטאָט פּיבערט מיט ערעוו־יאָמטעוו. נאָר בוילעטער האָב איך דערזען דאָס פּוצן זיך און שענערן ערשט דורכן האָטעל־פענצטער. איך האָב געזען דעם צענטראלן פּלאַץ, וווּ עס הייבט זיך אף אן אכטמעטערדיקן פּאָסטאמענט די אויסגעגאָסענע אין בראָנז לענין־סטאטוע. דער אווטאָר פונעם דענקמאָל איז דער באוווּסטער סאָוועטישער סקולפּטאָר, פּאָלקס־קינסטלער פון פססר און לאורעאט פון דער לענין־פּרעמיע און מעלוכע־פּרעמיע לעוו קערבעל. ווי אף דער האנט צעשטעלט, האָב איך געזען די שטרענגע ליניעס פון די שטאָטישע מאגיסטראלן. שלאנקע קאָרפּוסן פון הײַנטצײַטיקע הײַזער, מאָסיווע פארקן און סקווערן. הייבקראנען איבער בויונגען, וואָס קרייצן די הימלישע הייכן. ס'איז צו זען געווען, ווי די שטאָט אנטוויקלט זיך, ווי זי צעשפרייט אירע גרענעצן, פארנעמט נײַע שטאָכים ערד און פארוואנדלט זיי אין בליִענדיקע סעדער.

די שטאָט אָטעמט מיט א ריטם פון בויען, פון שאפן, פון באנײַען.

איך האָב געזען, ווי עס פארײַסן זיך צום טונקל־ווערנדיקן הימל די קוימענס פונעם זאוואָד „דאלסעלמאש" — דעם שטאָלץ פון דער שטאָט. זײַנע קאָמבײַנען קאָן מען געפינען אומעטום: בא דער באלטיק, אף קובאן, אין קאזאכסטאן.

מאָרגן וועל איך זיך דערוויסן, אז דער ביראָבידזשאנער קאָמבײַן האָט באקומען צווישנפעלקערלעכע אנערקענונג. ער איז געווען עקספּאָנירט אין דער יאפּאָנישער שטאָט אָסאקא, און אין בודאפּעשט, וווּ ער האָט באקומען א זילבערנע מעדאל און א דיפּלאָם פון דער ערשטער מאדרייגע.

דאָס וועט זײַן מאָרגן, ווען מיר וועלן מיט לעאָניד שקאָלניקן פאָרן איבער דער שטאָט, און ער וועט פארקערעווען צום יִשעוו פון די ביראָבידזשאנער קאָמבײַן־בויער. איך וועל באוווּנדערן די שיינע נײַע פּילשטאָקיקע הײַזער, די מאגאזינען און קינדער־גערטנער. דער יִשעוו טראָגט דעם

נאָמען פונעם העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד יויסעף בומאַגין, וועלכער האָט בייס דער מילכאָמע איבערגעכאַזערט דעם העלדנטאַט פון אַלעקסאַנדער מאַטראָסאָוון. בומאַגין איז געווען אַן אַרבעטער פונעם זאַוואָד. שטייט ער אויסגעהאַמערט פון גראַניט קעגן דער זאַוואָד־פאַרוואַלטונג, שטייט שטרענג און דערהויבן. און בא זיין צופוסנס — שטענדיק בלומען. וועל איך אויך צולייגן אַ פריש צווייַגעלע בעז.

דאָס וועט זיין מאָרגן...

דערווייַל קלינג איך אָן בוזי מילערן. איך הער אין טרייַבל זיין פאַרוווּנדערט קאָל:

— וואָס? פונוואַנען? פון בירָאָבידזשאַן?

מיר רעדן אָפּ ווען זיך טרעפן און איך מאַך נאַכט.

ס׳איז געווען העלער טאָג, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. די זון איז געשטאַנען הויך אין הימל. די לופט איז פול געווען מיט טאָגיקע שטאָטישע קלאַנגען.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אין רעדאַקציע וואַרט אויף מיר מיסטאָמע שנייער קאָניק מיט זיין בלאָקנאָט.

און אַזוי איז טאַקע געווען.

ווען איך בין אַריין אין רעדאַקציע־לאָקאַל איז שוין אין אַלע אָפּטיילן אָנגעגאַנגען אַ לעבהאַפטע אַרבעט. מע האָט רעדאַגירט מאַטעריאַלן, געגרייט דעם אָרדנטלעכן נומער און אַזאַ קוואַליק, פאַרביק יידיש־לאָשן האָט פאַרכאַפּט דאָס געהער.

שפּעט נאָך האַלבן טאָג, באַלד ווי לעאָניד שקאָלניק האָט זיך אָפּגעפאַרטיקט מיט זיין אַרבעט, זייַנען מיר אויף זיין „וואָלגאַ" אַרויסגעפאָרן אין שטאָט.

שקאָלניק איז פאַרליבט אין בירָאָבידזשאַן. ער פירט מיך איבער גאַסן און הויפן, ווייַזט מיר אַלץ נייַע בויונגען. אָט איז דער פּיאָנערן־פּאַלאַץ, מאַמעש אַ צירונג פון אַרכיטעקטור. דורך די אָפענע פענצטער הער איך דעם געררודער פון קינדער, וואָס טומלען מיט יונגער צאַפּלדיקער פרייד. און אָט איז די שפּאָגל־נייַע פילהאַרמאָניע, וווּ ס׳וועט פאָרקומען די פייַער־לעכע זיצונג לעקאָוועד דעם פופציקיאָריקן יובילייַ פון דער געגנט. שקאָלניק ווייַזט און ווייַזט, און איך פאַרשטיי, אַז דאָס וויל ער, איך זאָל אַלץ זען מיט זייַנע אויגן, מיט זיין אויפגעפלאַמטער באַגייַסטערונג פאַר זיין שטאָט, פאַר זיין בירָאָבידזשאַן. און מיר קומען אָפּן זינגען ווערטער פון זייַנער אַ ליד:

אין פרעמדע שטעט, אין פרעמדע האָטעלן,
מיר כאָלעמט זיך אַלעמאָל
מייַן שטאָט די ליכטיקע, ווי קרעלן,
און די ליכטיקייַט פון בירע־טאָל...

עס הייבט אָן פאַרנאַכטלען, און אַרום דער שטאָט קייטלען זיך דרעמלענ־דיקע סאָפּקעס, אייַנגעהילט אין דיַנע ווייַסע נעפּלען.

ניט ווייַט פונעם האָטעל איז פאַראַן אַ גאַס, וואָס הייסט „טאַרגאָוואַיאַ". קיין גרויסן האַנדל איז אויף דער גאַס ניט צו זען. זי איז אָבער דאָך באַוווּסט

בא א סאך מענטשן — שרײַבער און לייענער. אף איר ווינט דער יידישער שרײַבער בוזי מילער. ווי נאָר איך בין אריבערגעטראָטן די שוועל פון זײַן דירע און דערפילט אין מײַן האנט זײַן פרײַנטלעכן שאָלעם־אליכעם, האָט אף מיר א שלאָג געטאָן מיט אן אָטעם פון אינטימער ווארעמקײַט.

בא מילערן איז פונקט געווען צוגאסט זײַן זון פון כאבאראָווסק, א דירעקטאָר פון אן אונטערנעמונג, זייער א לעבהאפטער און גײַסטרײַכער מענטש, און ס'איז אוועק א שמועס וועגן ליטעראטור, וועגן נײַע ביכער, וועגן סטיל, וועגן דעם אלעם, וועגן וואָס שרײַבער און ניט־שרײַבער קאָנען ריידן שאָענלאנג.

בוזי מילער פארנעמט א בעקאָוועדיק אָרט אין אונדזער ליטעראטור. ער איז באוווּסט ניט בלויז ווי א פראָזאיקער, נאָר אויך ווי א דראמאטורג, א פאָעט און א קריטיקער. מײַן קומען קיין ביראָבידזשאן איז צונויפגעפאלן מיטן דערשײַנען פון זײַן בוך לידער „דער קוואל דער לויטערער" און טאקע בעעמעס. זײַנע פאָעטישע שאפונגען פליסן, ווי פון א לויטערן קוואל, צארט און זוניק, און פארמאָגן יענע פארבן־גאמע, וואָס איז אייגן אזא פילזײַטיקן טאלאנט.

ווי ווײַט בין איך איצט פון דער „טאָרגאָווע־גאס", ווו איך האָב אזוי אומגעריכט פארבראכט ביז אין דער שפעטער נאכט שיינע, צעלויכטענע שאָען, וואָס לאָזן זיך ניט פארגעסן.

אויב מיט בוזי מילערן זײַנען מיר געווען באקאנט פון אונדזערע באגעגענישן אין מאָסקווע און אין טשערנאָוויץ, ווו ער איז געווען ווי א רעדאקציע־מיטגליד פון „סאָוועטיש היימלאנד", איז דער ביראָבידזשאנער שרײַבער ראָמאן שויכעט געווען פאר מיר קימאט א פאָנעם־כאדאָשעס.

א מענטש אריבער די פופציק, מיט א טונקלהויטיק פאָנעם, וואָס מאכט אים ענלעך אף א קאווקאזער, איז ער פול מיט ענטוזיאזם און גוטסקײַט. גרענעצלאָז פארליבט אין אלץ, וואָס איז יידיש און אין אלץ, וואָס איז רוסיש. ער שרײַבט אף ביידע שפראכן.

עטלעכע שאָ האָב איך פארבראכט אין זײַן גאסטפרײַנטלעך הויז. א געוועזענער ערדארבעטער, קען ער גוט דאָס ביראָבידזשאנער דאָרף, און עס איז געווען באלערעוודיק אים צו הערן. שויכעטס לעצט בוך „אקערלײַט" האָט פאר מיר געעפנט א פענצטער צו זײַן קערנדיקן טאלאנט.

איך האָב זיך פארפעדעמט אין ביראָבידזשאן מיט נאָך א גוטן הארציקן פרײַנט. אין האָטעל האָט אף מיר געוואַרט א מענטש. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט:

— קראוועץ נאָכעם.

ער איז געקומען מיך אײַנלאדן אף אן ארויסטרעטונג אין ראדיאָ. איינער פון די אווטאָרן פונעם שיינעם „אלעפבייס", וועלכן ס'האָט ארויסגעלאָזט דער כאבאראָווסקער ביכער־פארלאג, איז קראוועץ.

אויב פאָרן פון ביראָבידזשאן אף מיזרעך מיט א מאשין, איז אף דעם עלפטן קילאָמעטער מאכט דער וועג, אָנגעטאָן אין אספאלט, א שארפן קער, און טייקעף הינטער אים עפנט זיך א פאנאָראמע פון צוויי־און דרײַ־שטאָקיקע הײַזער. דאָס איז דאָס ראכוועסדיק צעשפרייטע דאָרף וואלדהיים — דאָס צענטראלע געהויף פונעם קאָלווירט „איליטשס געבאָטן".

מיר זײַנען פֿאַרפֿאָרן אַהין, ווען דער פֿרילינג האָט האַסטיק געשפּראָצט אויף די ביימער, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אין אַ ווײַס־ראָזעווער בליונג און איבער די פּלויטן זײַנען שווער אַראָפּגעהאַנגען געדיכטע שטענגלעך בעז, ווי זיך געבעטן, אַז עמעצער זאָל זיי כאָטש אָפּרײַסן.

די אַלטע טוישווים האָבן דערציילט, אַז דאָס דאָרף האָבן אין 1928 געגרינדעט צוויי מענטשן: דער ייִד לייב געפּען און דער רוס קיריל מאָס־לעניקאָוו. זיי האָבן זיך אײַנגעפֿונדעוועט אויף וואַלד־שטאָכים, וועלכע ס'האָט פֿריִער קיין מענטשלעכער פֿוס קימאַט ניט באַטראָטן, און אָנגערופֿן זייער צוקינפֿטיק דאָרף — וואַלדהיים.

איך האָב זיך באַקענט מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט פֿונעם דאָרף אינעם מוזיי פֿונעם קאָלווירט, געשטאַנען פֿאַר אָפּגעבליאַקעוועטע פֿאָטאָגראַפֿיעס, געמאַכטע נאָך אין סאַך פֿון די צוואַנציקער יאָרן. אויף אייניקע האָבן זיך פֿאַרהיט די ערשטע אַקער־לײַט באַם קאָרטשעווען ביימער, אויף אַנדערע — באַם פֿאַרזייען ברויט אויף ערד, אַרויסבאַקומענער באַם וואַלד און בא די זומפּן.

„צי איז דאָס ווידמען זיך דער ערדאַרבעט ניט דער גרעסטער טאָך אין לעבן? אין דעם, אַז קינדער און קינדס־קינדער זאָלן יאַרשענען אַ הימלשע ליבע צו ערד? אין דעם פֿילמאָליקן איבערכאַזערן זיך אין די קומענדיקע דורעס?” אָט די ווערטער געהערן צו אַ מענטשן מיט אַ זעלטענעם גורל. אַן אַקער־מאַן און אַ קריגער — וולאַדימיר איזראַילעוויטש פּעלער.

אַ סאַך יאָרן איז ער געשטאַנען בעראָש פֿון דעם קאָלווירט „איליטשס געבאָטן”. אָנגעהויבן זײַן לעבנסוועג אַלס טראַקטאָריסט, איז ער באַלד נאָכן אָנפֿאַלן פֿונעם פֿאַשיסטישן דײַטשלאַנד אויפֿן סאָוועטנפֿאַרבאַנד פֿרײַוויליק אוועק אויפֿן פֿראָנט פֿאַרטיידיקן זײַן היימלאַנד. אומגעקערט האָט ער זיך אַ העלד — אַ פֿולער קאַוואַלער פֿון דעם אָרדען פֿון רום. מע האָט אים אויס־געוויילט אַלס פֿאַרזיצער פֿונעם קאָלווירט, און ער האָט קלוג געפֿירט דיווירטשאַפֿט. די סאָוועטישע רעגירונג האָט הויך אָפּגעשאַצט זײַן איבערגע־געבענע אַרבעט. אים איז צוגעטיילט געוואָרן דער טיטל העלד פֿון סאָציאַ־ליסטישער מי. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון פֿססר, אַלס מיטגליד פֿון דער צענטראַלער רעווידיר־קאָמיסיע פֿון קפּסס, אַלס מיטגליד פֿונעם קאַנטישן און געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט. איצט טראָגט זײַן נאָמען איינע פֿון די הויפּט־גאַסן אין וואַלדהיים.

אין קאָלווירט זײַנען אויסגעוואַקסן אַ סאַך מענטשן, וועמענס נעמען זײַנען באַוווּסט ניט נאָר אויפֿן ווײַטן מיזרעך. דאָס גאַנצע לאַנד ווייסט דעם נאָמען פֿון דער וואַלדהיימער גרינסציכטלערן, מיטגליד פֿונעם קאָמיטעט פֿון סאָוועטישע פֿרויען — פֿייגע פֿײַמאַן. דאָס איז זי, אַ פֿופּצניאָריק מיי־דעלע, אין די מילכאָמע־יאָרן געקומען אין דער גרינוואַרג־בריגאַדע און אויפֿן גאַנצן לעבן אויסגעקליבן די ניט־גרינגע, נאָר דאַנקבאַרע פֿויערישע מי. זייער גורל האָבן פֿאַרבונדן מיטן היים־קאַנט אויך אירע פֿיר קינדער. דער זון מוישע פֿירט אָן מיט אַ קאָמפּלעקס־בריגאַדע אין קאָלווירט, און איר פֿאָטער לייב רעזניק האָט דער ערשטער פֿאַרפֿלאַנצט אין וואַלדהיים אַן אויבס־גאָרטן.

איך האָב געפֿרעגט מאַריאַ לאַזאַרעוונאַ ראַק, די פֿאַרוואַלטערן פֿון דער

קאָלווירט־ביבליאָטעק, וויארום וואָלט איך געקאָנט זען פּיגע לייבאָווען, האָט זי פאַרווּנדערט א קוק געטאָן אויף מיר און געענטפערט:

— וואָס רעדט איר, זי איז איצט אין פעלד.

אַליין מאַריא ראַק לעבט אין דער געגנט שוין בא פערציק יאָר. אָנגעהויבן פון דעם זיידן דעם טראַקטאָריסט, דעם געוועזענעם באַלעגאָלע, — יעכיעל ראַק, — ביז צו די קינדער און אייניקלעך — דאָר נאָך דאָר אַקערלייט.

אַזוי פאַרבינדט א לעבעדיקער פאָדעם די ביאָגראַפיעס פון די בירא־בידזשאַנצעס פונעם ערשטן פינפיאָר און פון היינטיקן טאָג.

דעם אַלטן לערער איסאַק אבראַמאָוויטש פרישקאָלניק האָב איך געטראָפן אין שול, כאָטש די לימודים האָבן זיך שוין געהאַט געענדיקט. א מענטש, וואָס האַלט שוין מיסטאַמע בא די זיבעציק, איז ער נאָך ענערגיש, ווי א יונגערמאַן. מיר איז אויפגעפאַלן זיין דאָרפיש אָפּגעברענט פּאָנעם מיט א ניט־פּאַשעטן אויסדרוק פון גוטסקייט, שאַרפזיניקייט און צוגעלאָזנקייט און מיט עפּעס א פאַרהוילענעם בליק אין די אויגן — א באַדאַכט־רויקן צי א סייכלדיק־פאַרטראַכטן.

צוריק מיט זיבן און פערציק יאָר איז ער געקומען אהער פון מאָהיליאָוו־פּאָדאָלסק און קימאַט די גאַנצע צייט געווען דאָ דירעקטאָר פון דער שול. איצט אונטעריכטעט ער געשיכטע און יידיש. ער איז א פאַרדינסטפולער לערער פון דער רעפובליק. צוויי מאָל געווען דעלעגאַט פון אַלפאַרבאַנדישע לערער־צוזאַמענפאָרן. אין קאַנטישן מוזיי אין כאַבאַראָווסק האָב איך אָפּן סאַמע בעקאָוועדיקסטן אָרט געזען זיין פּאָרטרעט.

ער האָט באַגייסטערט דערציילט וועגן דעם דאָרף, אין וועלכן ער לעבט, וועגן דער שול, וווּ ער אַרבעט.

— וואַלדהיים איז אונדזער היים... אונדזער ערד...

דאָס וואָרט „וואַלדהיים" האָט ער אַרויסגעבראַכט מיט אַזא פלאַטער, מיט וועלכן א פאַרליבטער רופט אויס צום ערשטן מאָל דעם נאָמען פון זיין מיידל.

דער טאָג האָט זיך דערנעענטערט צו זיין סאָף. די זון האָט געגאָסן מיט מילדן גאָלד. און איבערן דאָרף האָט זיך צעלייגט א וואַרעמע און ליכטיקע רויקייט. איך בין געשטאַנען פאַרן דענקמאָל לעקאָוועד די וואַלדהיימער, וואָס האָבן זיך ניט אומגעקערט פון דער מילכאָמע.

נעמען, נעמען, אויסגעקריצטע אין שטיין און אַן אויסגעקריצטער רוף: „מענטשן, ווי לאַנג דאָס האַרץ שלאָגט, געדענקט! געדענקט, פאַר וואָס פאַר א פּרייז ס'איז אויסגעקעמפט געוואָרן אייער גליק!"

דער רוף האָט אָפּגעהילכט אין דער נעשאָמע, און די הייליקע ווערטער האָבן זיך געקנוילט אינעם קלאַפּן פונעם אייגענעם האַרץ.

איך האָב זיך געזעגנט מיטן דאָרף וואַלדהיים, מיט זיינע ווּנדערלעכע מענטשן, וואָס האָבן מיט זייער מי, ענערגיע, שעפערישקייט, איבערגעשטאַלטיקט אָט די ערד, וועלכע איז געוואָרן זייער ליבע, זייער גורל.

ס'האָט אָנגעהויבן דעמערן, ווען מיר זיינען דערפאָרן צו די ברעגן פון בירע. א גרויסע פלאַמיקע זון האָט געזונקען אויף יענער זייט האָריזאָנט. און דער טייך, רויט פון דעם אונטערגייענדיקן זונען־בליק, איז געפלאָסן גיך און רוישיק, דערמאָנענדיק מיר מיינע אייגענע באַרג־טייכן.

און איך, צוגעוווינט צו אַזעלכע שקיעס, האָב פונדעסטוועגן באַדויערט, וואָס איך בין ניט קיין קינסטלער, אַניט וואָלט איך אין אַקוואַרעל־פאַרבן פאַרקערפּערט דעם גאַנצן אַרומיקן קישעף.

ס׳איז פאַראַן אַ גוטע טראַדיציע אין ביראָבידזשאַן — איין מאָל אין יאָר, אין אַ מײַ־טאָג, געוויינלעך אין אַ זונטיק, — אָפּצומערקן די דערגרייכונגען פון באַזונדערע גאַסן אָפן געביט פון קולטור און אַרבעט.

פאַר מײַן קומען איז געווען אַזאַ יאָמטעוו אַף דער לענין־גאַס.

איצט איז אַן אַנדער גאַס אין דער ריי. אַ שיינע, ברייטע גאַס פון לוי־טער נײַ־הײַזער, אַף וועלכער עס געפינען זיך אַ צאָל קולטור־אַנשטאַלטן און סערוויס־אונטערנעמונגען. אַף דער גאַס איז די געבײַדע, ווו עס שפּילן די פאָלקס־טעאַטערס, דער ייִדישער און דער רוסישער, דער פּראָפעסיאָנע־לער קאַמער־טעאַטער און דער עסטראַדע־אַנסאַמבל „פריילעכס״. אַ גאַס, וואָס שנײַדט דורך די גאַנצע שטאָט פונעם וואָקזאַל ביז צו דער בירע און טראָגט דעם נאָמען פון אונדזער גרויסן קלאַסיקער — שאָלעם־אַלייכעם.

דער טאָג איז אויסגעפאַלן אַ זעלטן זוניקער, מיט זיסע רייכעס פון צאַרט־שפּראָצנדיקע בלומען און גרעזער. פון די סאָפּקעס האָט געיאָגט אַ קיל ווינטעלע און שטיפעריש זיך אַ רייץ געטאָן מיטן פלאַטער פון די פאָנען. מענטשן האָבן זיך אַרויסגעשיט פון זייערע הײַזער, קעדיי צו באַטייליקן זיך אין דעם אימפּאָזאַנטן יאָמטעוו. אַ פּיאָנערישער פּויקן־ווירבל האָט גע־מאָלדן דעם אָנהייב פון דער פײַערונג.

אַ בלאָז־אָרקעסטער האָט אופגעשפּילט אַ מאַרש, און אַף דער טריבונע האָבן איינער נאָכן אַנדערן זיך אופגעהויבן וועטעראַנען פון מי. אָט איז די אַרבעטער־דינאַסטיע מענדעלסאָן: זאַכאַרי סאַמוילאָוויטש, זײַן פרוי סאָפיאַ דאַנילאָוונאַ, זייערע קינדער. אַלע אַרבעטן אַף דעם טראַנספאָרמאַטאָר־זאַוואָד. עס גייען גאַנצע מישפּאָכעס, באַהאַנגענע מיט אָרדענס און מעדאַלן, מיט ערן־לענטעס.

איך האָב געזען אַרום זיך פאַרשיידענע פּנעמער. געהערט ייִדישע און רוסישע רייד און געפילט די אומגעצוווּנגענע אַטמאָספער פון קעגנזײַטיקער פאַרשטענדעניש און פרײַנטשאַפט.

— שאָלעם־אַלייכעם!

מיט אָט דעם גרוס הייבט זיך אָן דער פײַערלעכער קאָנצערט פון טאַנץ און געזאַנג. און עס דאַכט זיך, אַז פון די עמאַל־טאָוולען אַף די הײַזער קוקט אַראָפּ ניט נאָר שאָלעם־אַלייכעמס נאָמען, נאָר טאַקע ער אַליין, און מיט אַ ליבלעכן שמייכל באַגריסט ער אַלעמען:

— אַ גוט־יאָמטעוו אײַך, ביראָבידזשאַנער בירגער!

און איך, אַ געקומענער פון ווײַטן מײַרעוו, ווער אַנציקט פון דער גאַס מיט איר הײַנטצײַטיקן גלאַנץ פון ראַכוועסדיקײַט.

צופעליק האָב איך באַמערקט דעם ייִדן, וועלכן איך האָב אין טאָג פון מײַן קומען געזען אין סקווער.

— שאָלעם־אַלייכעם! — האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט איינער קעגן צווייטן, ווי אַלטע באַקאַנטע, און ער האָט זיך מיר ערשט איצט פאָרגע־שטעלט:

— קיווגעק באָריס יאָסיפּאָוויטש.
דערהערט, אַז איך בין געווען אין קאָלווירט „איליטשס געבאָטן”, האָט ער זיך אָנגערופן:
— וואָלדהיים, דאָס איז דאָך מײַן דאָרף!
זײַן פּאָנעם איז באַלויכטן געוואָרן פון אַן אינעווייניקסטן ליכטיקן שמייכעלע, וואָס קומט פון אָנגענעמע דערמאָנונגען.
— איך בין געקומען קיין בירָאבידזשאַן אין 1928 יאָר, מיט די ערשטע איבערוואַנדערער. געווען אַ פּאַסטעך, אַ פישכאַלער. די לעצטע יאָרן אַרבעט איך אַלס מאַליער.
מיר זײַנען דערגאַנגען ביז צו דעם האָטעל, וואָס געפינט זיך, אַגעוו, אויך אויף דער שאָלעם-אַלייכעם-גאַס, און זיך אָפּגעשטעלט.
— דאָ אַקעגן וווין איך, — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַ ניי פינפשטאָקיק הויז, — איך לעב אין אַ דירע פון דריי צימערן, אינאיינעם מיט מײַן פרוי און טאָכטער. דער זון, אַ כאַסענע-געהאַטער, וווינט באַזונדער, און איר ווייסט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, — האָב איך דערפילט אונטערן אָרעם זײַן וואַרעמע האַנט, — אויף אַ מיליאָן וואָלט איך ניט פאַרביטן אונדזער בירָאבידזשאַן... און ניט נאָר איך, קיינער ניט...
זײַנע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף מיר מיט אַ פײַערל פון שטאָלץ, און אין מײַנע אויערן האָבן געקלונגען די ווערטער פונעם אַלטן וואָלדהיימער לערער:
„ס'איז אונדזער היים, אונדזער ערד...”
מײַנע שרײַבערישע וועגן און שטעגן האָבן מיך געפירט איבער אַ סאָך שטעט פון אונדזער לאַנד, און אומעטום האָב איך געהערט אַזעלכע פון הארצן קומענדיקע ווערטער.
דער יאָמטעוודיקער טאָג האָט גענומען טונקלען. די בלויקייט פונעם הימל האָט זיך געלאָשן. און ווי אויף דינעם זײַד האָט אויפגעשפּילט אַ גאָלדענער שטערן.
אויף מאָרגן בין איך אַרויסגעטראָטן אין ראַדיאָ. וואָס זשע האָב איך געזאָגט? און געזאָגט האָב איך אָט וואָס:
— איך בין געקומען צו אײַך פונעם ווײַטן מײַרעוו, קעדיי מיט די אייגענע אויגן אַ קוק טאָן אויף אײַערע אינדערוואַכנס און אויף אײַערע יאָמטויווים. נאָר דאָס, וואָס כ'האָב געזען, האָט איבערגעשטיגן אַלע מײַנע דערוואַרטונגען. איך האָב זיך געטראָפן מיט אײַערע ערשטע איבערוואַנדערער, גרײַזגראָווע שוין, געקומענע אַהער, ווען אויף דעם אָרט, פונוואַנען איך רעד איצט, איז געווען אַ דורכויסיקע זומפּיקע טײַגע. זיי האָבן ניט געזוכט קיין לײַכטע וועגן אין לעבן, נאָר געגאַנגען צו דעם געשטעלטן ציל מיט שווערע, ניט-אויסגעטראָטענע וועגן. איך באַוווּנדער, מיט וואָס פאַר אַ פלײַס זייערע קינדער און אייניקלעך זעצן פאָר די אַרבעט פון זייערע פאָטערס און זיידעס. איין וועג פירט פון די דרײַסיקער צו די אַכציקער יאָרן. אַ וועג פון יונגן ענטוזיאַזם. בירָאבידזשאַן גייט אַקעגן זײַן יובילײ — פופציק יאָר פון מענטשלעכער מי און מענטשלעכער פאַרליבטקייט. פופציק יאָר. דאָס אויג ווערט פאַרכאַפּט פון דעם געזעענעם, וואָס שפּיגלט אָפּ אַ גאַנצע עפּאָכע...
איך מוז זיך מודה זײַן, אַז ווען איך האָב גערעדט באַם מיקראָפאָן,

האָב איך געפֿילט אין זיך אַ ציטער, וואָס איך האָב געזוכט צו באַהאַלטן, מע זאָל אים ניט באַמערקן, ניט אַרויסהערן אין מײַן קאָל. אַ קלייניקייט — איך רעד ייִדיש, און מיך הערט אַ גאַנצע געגנט.

מיט די ערשטע זונענשטראַלן לעבט אויף דער געגנטלעכער צענטער. איך קוק אַרויס אין פֿענצטער. דער פֿרילינגדיקער מאָרגן איז אַ שטילער און פֿריידיקער. ווײַט הינטער די סאָפּקעס גייט אויף די זון. דיביימער שפּרייטן שאָטנס, וואָס פֿלעכטן איבער די גאַסן מיט טונקעלע אוזאָרן.

אַ גוט־מאָרגן דיר, נײַער טאָג!

הײַנט געזעגן איך זיך מיט דיר, מײַן שטאָט בײַ די ברעגן פֿון דער בירע. פֿאַר דער וואָך, וואָס איך האָב געבלאָנדזשעט איבער דײַנע גאַסן, זיך באַקאַנט מיט דײַנע האַרציקע מענטשן, ביסטו, ביראָבידזשאַן, געוואָרן אויך מײַן שטאָט.

איינער אַ קאָרעספּאָנדענט האָט געפֿרעגט באַם ערשטן סעקרעטאַר פֿונעם געגנטקאָם פֿון דער פּאַרטיי אין וואָס באַשטייט דער הויפּט־קוואַל פֿון די דערגרייכונגען אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער עקאָנאָמיק און קולטור פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, האָט ער געענטפֿערט אַזוי:

— מע האָט אַמאָל בײַ אַ קלוגן מאַן געפֿרעגט: „וואָס איז דאָס סאַמע שטאַרקסטע אויף דער וועלט?" האָט יענער געענטפֿערט: „פֿרײַנטשאַפֿט". — „און וואָס איז אויף דער וועלט דאָס סאַמע טיפֿסטע?" — „פֿרײַנטשאַפֿט". — „אויב אַזוי, וואָס איז דאָס סאַמע העכסטע, דערהויבנסטע?" און דער מאַן האָט ווידער געענטפֿערט: „פֿרײַנטשאַפֿט".

מיט אָט דעם ענטפֿער ענדיק איך מײַן דערציילונג וועגן ביראָבידזשאַן. איך וועל נאָך לאַנג געדענקען די אַלע גוטע פֿרײַנט, וועלכע איך האָב באַגעגנט בײַ די ברעגן פֿון דער בירע. זייערע געשטאַלטן זײַנען פֿאַרשריבן אויף אַ לענטע פֿון מײַן נעשאָמע, אַ לענטע, וואָס וועט קיינמאָל ניט אָפּגעמעקט ווערן.

## אַ נײַער שטערן

ווי־אַזוי דאָס האָט פּאַסירט, ווייס איך ביז הײַנט ניט.

איך האָב פּלוצעם פֿאַרבלאָנדזשעט צווישן די ביראָבידזשאַנער גאַסן, וואָס זײַנען, ווי אַ שאָך־ברעט, צעווירעט אין דער לענג און אין דער ברייט, זיך געפֿלאָנטערט גאַס אײַן, גאַס אויס, און אויספּלאָנטערן זיך ניט געקענט, גלײַך אַ שעד וואָלט געפֿירט מיט מיר אַ בייזע שפּיל. און אַרום האָט געבושעוועט דאָס לעבן, אויסטערליש, האַוועדיק, מענטשלעך.

ס׳איז געווען אַ ליכטיק־בלענדנדיקער מײַ־טאָג.

ליכט האָט זיך געגאָסן אויף פֿענעמער, טראָטואַרן, הײַזער. צעליכטיקט און צעשײַנט האָבן געגרינט ביימער און גראָזן. און דער בלויער ווײַטמיזרעכדיקער הימל איז עפּעס באַזונדערס דורכזיכטיק געווען.

מיטאַמאָל האָט פֿון יענער זײַט, ווו די סאָפּקעס קייטלען זיך גאָלדיק באַזוימטע, אָנגעיאָגט אַ דין, טונקל כמאַרעלע און גאַנץ אומגעריכט האָט אַ שפּריץ געטאָן אַ מונטער זומער־רעגנדל, דורכגעוועבט פֿון זון־שטראַלן, און

פול געמאַכט די לופט מיט שנײַדיקע רייכעס, וואָס זײַנען געלעגן אין די גרעזער און אױף די ביימער.

איך בין פאַרלאָפן אונטער א סטריכע און געשטעלט זיך איבערוואַרטן דעם רעגן. מיך האָט פאַרכאַפּט די װוּנדערלעכע שטיפעריי פון בליצנדיקע רעגן־טראָפּנס. מיט זון באַזילבערטע, וואָס זײַנען מיט א דינעם קלימפּער געפאַלן אין די ריגוועס, און כ׳האָב אין דער ערשטער רעגע ניט באַמערקט א יונגע פרוי, וועלכע האָט זיך אויך צוגעשטעלט אױף דעם זעלבן אָרט.

א זייער יונגע פרוי מיט אן אָפן שטאָלץ פּאָנעם, אַרומגעכאַפּט פון פריילינגדיקער צוגעברויגטקײַט, וואָס האָט זיך ווי פאַרמאָסטן מיטן אָפּגלאַנץ פון אירע פײַערדיקע אופגעשויבערטע האָר, און גרויסע העלע אויגן, עט־וואָס פאַרשלייערטע אונטער לאַנגע שוואַרצע ווײַעס.

איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהײַט צו פרעגן:

— אַנטשולדיקט, צום האָטעל „וואָסטאָק" איז נאָך ווײַט?

זי האָט א קוק געטאָן אױף מיר אַזוי, גלײַך זי וואָלט עפּעס ניט פאַרשטאַנען און, אויסשטרעקנדיק א פינגער מיט א לאַנגן רויט־מאַניקיורטן נאָגל, האָט זי א ביסל אָפּלאַכעריש־פאַרוווּנדערט אויסגערופן:

— אָט שטייט איר דאָך באַם סאַמע האָטעל, נאָר פון דער פאַרקערטער זײַט.

— מאָדנע...

און אירע אויגן, צוויי טיפע וואַסערלעך, האָבן מיך שעלמיש אַרומגענומען מיט נאָענטע בליקן און געשמייכלט.

באַלד האָט דער רעגן אויפגעהערט, און זי איז אַוועק.

איך האָב לאַנג נאָכגעקוקט איר מאַלכעסדיקן, ריטמישן גאַנג, גלײַך זי וואָלט געזונגען מיט איר גאַנצן העלן, בייגעוודיקן קערפּער. און איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז עפּעס א באַכיינטע אײדלקײַט איז נאָרוואָס דאָ געווען און פאַרשוווּנדן...

מיר איז אפילע ניט אײַנגעפאַלן, אַז אין אָוונט וועט מיר באַשערט זײַן א צווייטע באַגעגעניש מיט איר.

...איך בין אַרויס פונעם האָטעל.

דער ערשטער וואַל פון דעמערונג האָט אײַנגעהילט די שטאָט. פונעם טונקל וועלנדיקן הימל, דורכגעוואָרפן מיט שטערן, איז לאַנגזאַם געפאַלן אַזא ליבע, אַזא וואַרעמע ווייכקײַט פון א פולער לעוואָנע.

ס׳איז געשטאַנען א ווײַסער ביראָבידזשאַנער אָוונט.

איך האָב צוליב א זייער וויכטיקן איניען פאַרשפּעטיקט צו דעם ערשטן טייל פון א קאָנצערט, צו וועלכן איך האָב שוין פריער געהאַט געקויפט א בילעט.

און פלוצעם, ווי א בליץ איבער א לויטערן הימל!

אױף דער סצענע, א באַלויכטענע פון פלאַמיקע ליכטער, וואָס האָבן געבלענדט, ווי א קישעף־ראָד, האָב איך דערזען די זעלבע יונגע פרוי, מיט וועלכער איך בין הײַנט געשטאַנען אונטער איין סטריכע, ווי אונטער איין דאָך. דאָס איז געווען פאַר מיר אַזוי אומגעריכט, אַז איך האָב געפילט, ווי עס ענדערן זיך די שטריכן אױף מײַן פּאָנעם.

זי איז געווען איבערגעקעמט. אירע צעשאָטענע האָר האָבן געפלאַמט מיט פײַער. דאָס שוואַרצע זײַדענע קלייד האָט שטרענג געצייכנט יעדע

ליניע פון איר קערפער, זיך געקנייטשט, געפעדלט, און יעדער אייווער אין איר האָט מיט אַן אומדערקלערבארער גראַציעזקייט זיך געוויגט.

זי האָט געזונגען אויף יידיש.

אין זאָל האָבן זיכער ניט אַלע פאַרשטאַנען. נאָר איר שטים, אירע אויגן, אירע הענט, גלייכצייטיק אַזעלכע צאַרטע און אַזעלכע קרעפטיקע, ווי פליגל פון מעווען, האָבן גערעדט ניט ווייניקער, ווי די ווערטער.

דער צווייטער טייל, צו וועלכן איך האָב באַוויזן, האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ ליד וועגן דעם, אַז לעבן הייסט יעדן טאָג שטאַרבן פון ליבע.

פון איר געזאַנג האָבן זיך צערוקט און אָפּגעשווומען ערגעץ־ווו די ווענט, די סטעליע, אָנשטאָט זיי האָט געשאַלט אַ הויכער קרישטאָלענער הימל מיט הייסע גאָלדענע שטערן. איר שטים האָט זיך געגאָסן אין אַ פּאַר־כאַפּנדיקן עקסטאַז און ברייט־כוואַליעדיק האָט געקלונגען די בענקשאַפט נאָך ליבע.

און אָט זינגט זי שוין אַ לידעלע זיצנדיק.

פּאַשעט אין עלטערע פרוי זיצט און דערציילט פאַר מענטשן וועגן זיך. אַלץ איז בא איר אין בעסטער אָרדענונג. קינדער פאַרזאָרגט, אייניקלעך לערנען, נאָר סײַווי איז אַ ביסל אומעטיק.

פאַרוואָס?

דערפאַר מיסטאַמע, וואָס די טעג לויפן, פאַלן אָפּ פונעם לעבן, ווי בלעטלעך פון אַ בלום... און איר שטים ווערט פול מיט טרייסט, מיט גלויבן, מיט פײַער, און דאָס פײַער שלאָגט פון אירע האָר, פון אירע אויגן, פון דעם מויל.

מיטאַמאָל, ווי געוואָרפן פון דער הייך, האָט זיך צעקלונגען אַ האַרצי־קע, רירנדיקע שטים, באַפעלעריש באַהערשט די אויפמערקזאַמקייט:

מײַן טײַערע מאַמע,
ניטאָ קיין בעסערס אויף דער וועלט.
מײַן טײַערע מאַמע,
אוי, ווי ביטער, ווען זי פעלט...

און די שטים, אַ צערודערטע, אַ דורכגעזאַפּטע מיט אומרו און געבעט, האָט געצונדן אין די טיפענישן וואָלקנס, זיי געטריבן אין מייעך, אין האַרצן...

מײַן אלטיטשקע יידישע מאַמע...

און יעדער בייג, יעדער קנייטש אויף איר פּנים, וואָס האָט באַגלייט איר געזאַנג, האָט זיך געצויגן אַראָפּ צו די ווינקלען פון מויל, וואָס זײַנען פול געווען מיט טרויער, גלײַך עמעצנס אַ קלאָגנדיקע נשמה, וואָס האָט ניט קיין אָרט אין דער וועלט...

אייניקע מענטשן האָבן ניט באַהאַלטן די טרערן. דער גאַנצער זאַל האָט לאַנג אַפּלאָדירט. זי האָט עטלעכע מאָל זיך נידעריק פאַרבויגן. גאָר־גאָר נידעריק. די האָר זײַנען געפאַלן איבער איר פּנים, עס איינגאַנצן פאַר־דעקט. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז פלאַמען שפּאַרן אַפּיר פון איר שוואַרץ זײַדן קלייד.

איך בין געשטאַנען אַ פאַרשיקערטער פון איר געזאַנג און טיף באַ־דויערט, וואָס כ'האָב ניט קיין בלומען מיט זיך.

אַרויסגייענדיק פונעם קאָנצערט, האָט זיך מיר זייער געוואָלט נאָכאַמאָל

פארבלאָנדזשען צווישן די ביראָבידזשאַנער גאַסן, אַזויווי באַטאָג, נאָר אַזאַ באַגער, ווי אַ כאָלעם, כאַזערט זיך צוויי מאָל ניט איבער. און אָנשטאָט צום האָטעל ביין איך אַוועק צו דער בירע.

מיר האָט זיך געוואָלט הערן דעם סוידעסדיקן רויש פון אירע וואַסערן, וואָס האָט מיר אויסגעזען ווי אַ רעפרען צו יענעם געזאַנג, וואָס האָט זיך נאָרוואָס פאַרענדיקט.

אַ קיילעכדיקע לעוואָנע האָט מיט זילבער באַגאָסן דעם ברעג און די בירע־וואַסערן. און עס האָט זיך געטרונקען אין איר שטראָם אַ נאַכטישער ווייט־מיזרעכדיקער הימל. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויף אים איז אַקאָרשט אויפגעגאַנגען אַ נייַער שטערן...

## דאָרט, ווו די לאַרכנביימער שאָרכען

יעדער מענטש דאַרף אַ וועג.

ווער אַן אויסגעטראָטענע סטעזשקע, ווער אַ גרויסן אויסגעפּאָרענעם שאָסיי פון אַספאַלט און בעטאָן, און ווער אַ שטאָלענעם וועג, וואָס ציט זיך אויף טויזנטער מייַלן. און יעדער וועג האָט זיך זייַן געשיכטע און זייַן גורל.

לויפט איבער שווינדלענדיקע רעלסן אַ באַן. טראָגט זיך דורך נעפּלדיקע וויסטענישן, איילט מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם פאָרויס, פאָרויס.

צווישן טייגע און הימל, צווישן הימל און טייגע.

פליִען פאַרביי אין זייער ברוינער נאַקעטקייט סאָפּקעס און ווערן פאַר־שוווּנדן אין אַ פלאַמיק־רויטער שקיִע.

מיר זייַנען שוין דורכגעפאָרן די לעצטע סטאַנציעס פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט ביראָקאַן, וווּ עס ווערט אַרויסבאַקומען פייַנער מאַרמאָר פון ראָזעווער פאַרב. איזוועסטקאָוואַיאַ, פּונוואַנען דער צוג מאַכט אַ קער אויף רעכטס און דערווייַטערט זיך פון דער טראַנס־סיבירער מאַגיסטראַל אויף צאָפן, קולדור. — דער עלטסטער ווייַטמיזרעכדיקער קוראָרט ,פון אַלפאַר־באַנדישן באַדייַט.

טראָגט דער צוג זיך האַסטיק פאָרויס צו דעם ניי־געבוירענעם שטאָלע־נעם וועג, וואָס באַרירט אויף מייַרעוו די אָזערע בייַקאַל און אויף מיזרעך דעם טייַך אַמור.

מיט צען יאָר צוריק האָט אַ שאָל געטאָן דאָס אַליאַרם־וואָרט — באַם, און ווי אַ מעכטיקער עכאָ, זיך צעקלונגען איבער אונדזער גאַנצן לאַנד. פון דעמלט אָן הילכט עס אין עפיר און אויף די טעלע־עקראַנען, גייט ניט אַראָפּ פון די צייַטונג־ און זשורנאַל־זייַטן. און טויזנטער־טויזנטער מענטשן האָבן פאַרבונדן זייער גורל מיט בייַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל.

דער שווערסטער טייל אַרבעט איז אויסגעפאַלן אויף יענע, וואָס האָבן די ערשטע זיך אַ לאָז געטאָן צו דער בויונג. זיי איז אויסגעקומען שטור־רעמען בערג און טייַכן, אויספּרווון אויף זיך פונציקגראַדיקע פרעסט, גויוער זייַן דעם געפערלעכן אייביקן פרירבאָדן און מיט אייגענע הענט אייַנשטעלן זייער לעבנסשטייגער אין דער טייַגע.

שוין צען יאָר גייט אָן אָט די אויסערגעוויינלעכע שלאַכט מיט דער אומ־געצוימטער ווילדער קראַפט.

באַם בויט דאָס גאַנצע לאַנד. שעליכים פון אַלע רעפּובליקן וועט איר דאָ טרעפן. און אינעם פילשטימיקן כאָר פון אָט דער גראַנדיעזער בויונג הערט זיך אויך די שטים פון אוקראַינע, וועלכע בויט די צווייטע לויט דער גרייס באַם־סטאַנציע — אורגאַל.

וואָס איז אַזוינס אורגאַל?

אַ געוועזענער קליינער ראַזיעזד, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן נאָך דעם, ווי מ׳האָט דורכגעלייגט צו איר רעלסן פון איזוועסטקאָוואַיאַ.

אַרום האָט זיך געשפּרייט אַן אומענדלעכע טעריטאָריע, געוווּנקען מיט אייביקע טייגע־מיראַזשן, און די האָריזאָנטן זײַנען זיך צעשוווּמען אין דער דרעמלענדיקער רויִקייט פון די סאָפּקעס, ווײַט הינטער די באַרגרוקנס טורקוריבגא און טוראַנאַ. און נאָר אַן אַלטער סטרעלאָטשניק האָט דאָ אומעטיק פאַרלעבט זײַנע טעג און נעכט.

איז אַ לעבן געקומען אַהער אינײַנעם מיטן ערשטן „דעסאַנט", וועלכער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אָנהייב נאָיאַבער 1974, ווען באַם איז נאָך געווען בלויז אין דער פאַנטאַזיע און אויף פּאַפּיר.

אין דער פאַרקאָוועטער ערד האָט מען אַרײַנגעשלאָגן דעם ערשטן קײַל. און ווײַט איבער דער טײַגע האָבן זיך צעקלונגען די העק פון דאַנעצקער טעסלערס. בולדאָזערס מיט מעכאַניזאַטאָרן פון די קאַרפּאַטן האָבן מיט אַ טראַסקעריי ווילד געגרילצט, געוועקט די אַרומיקע דרעמלענדיקע שטילקײַט, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן שטורמישע טעמפּן פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט. מע האָט באַדאַרפט פון אַראָפּגעשריבענע וואַגאָנען־קעלטערס מאַכן ווינונגען פאַר די בויער, באַוואָרענען, אַז ס׳זאָל קיין קעלט ניט אַרײַנדרינגען, אויסמײַסטרעווען טאַמבורן פון ברעטער, און דאָס אַלץ אין מוירעדיקע אורגאַלישע פרעסט, ווען פון דער קרירע האָבן צוועקעס זיך צעבראָכן ווי שוועבעלעך. נאָר די באַמאָוצעס האָבן געוווּסט, געגלייבט, אַז ס׳וועט אַדורך ניט קיין סאַך צײַט און זייער אַדרעס וועט ניט זײַן „ערגעץ אין דער טײַגע", נאָר אין אַן אויסגעבויטן יִשעוו, וואָס וועט הייסן — סטאַנציע אורגאַל.

דער ערשטער ווינטער איז אויסגעפאַלן פאַר זיי אַ באַזונדערס שווערער. די נאַטור האָט אונטערגעטראָגן אַ סיורפּריז נאָך אַ סיורפּריז, גלײַך זי וואָלט שוין באַם ערשטן אַרויספאָר געוואָלט אויספּרוּוון די כעוורע אויף שטאַנדהאַפטיקײַט.

— ס׳איז געווען שווער, — האָט מיר דערציילט דער קאָמסאָרג פון צק פונעם אוקראַאינישן קאָמיוג, וואָלאָדיע דוורעטשענסקי, — נאָר מיר זײַנען געווען גרייט צו שוועריקײַטן... מיר האָבן געוווּסט, וווּהין מיר פאָרן און צוליב וואָס מיר פאָרן.

ער האָט גערעדט מיט אַזאַ אופריכטיקײַט, ווי די ווערטער וואָלטן געקומען ניט פון זײַן מויל, נאָר פון זײַן האַרצן.

— דערפאַר אָבער האָבן מיר איצט מיט וואָס זיך צו באַרימען...

עמעס, ס׳איז פאַראַן מיט וואָס. מײַן באַגעגעניש מיט אורגאַל האָט מיך אויסערגעוויינלעך איבעראַשט. איך האָב דערזען ניט קיין גרויסע ליכטיקע שטאָט מיט וווּנדערלעכע גאַסן, הויכע הײַזער, אַספאַלטירטע וועגן און אַ נײַ לעבן, וואָס האַלט אין פאָרמירן זיך. וואַגאָנדלעך, שטיבער, פאַרשאַליעוועטע מיט ברעטער, הילצערנע טראָטוואַרן, אופגעהויבן אויף אַ האַלבן מעטער די הייך, קעדיי די פיס זאָלן ניט זינקען אין קיין טיפע בלאָטעס, זײַנען

קימאַט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. דאָס אויג האָט פאַרכידעשט אופגעכאַפּט די אַרכיטעקטאָנישע עלעמענטן, מיט וועלכע די בויער האָבן באַצירט די הײַזער, אַרײַנטראָגנדיק אין זייער אויסזען דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן קאָלאָריט — מאָטיוון פון אוקראַיִנישן פאָלקס־שאַפן.

שפּעטער וועט מיר אויסקומען צו זען אין פיל אַנדערע סטאַנציעס פאַרשײדענע פאָלקס־אָרנאַמענטן און פאַרשײדענע מאָזאַיִק, אָפּהענגיק פון דעם וואָס עס זײַנען די בויער און פונוואַנען. אַזוי האָבן אין אַלאַנקאַ, אויף סאַמע מיזרעכדיקן באַם־אָפּשניט, די שעליכים פון מאָלדאַוויע צוגעגעבן דעם ייִשעוו שטריכן פון זייערע היימען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז מע געפינט זיך ניט אין ווײַטן סיבירישן מיזרעך, נאָר ערגעץ אין אַ נײַעם קעשענעווער ראַיאָן.

פּאָעטיש קלינגען אין אורגאַל די אוקראַיִנישע נעמען: דער קינדערגאָרטן „הוצולאָטשקאַ", די גאַסן — „קיִעווסקאַיאַ", „קאַרפּאַטסקאַיאַ"... אין אָט די נעמען פאַרפלעכטן זיך אויף אײביקע צײַטן אוקראַיִנע און דער ווײַטער מיזרעך.

אורגאַל איז נאָך יונג. און ווי אַלע ייִשוּווים, געבוירענע פון באַם, לעבט ער איבער זײַן יוּנגקייט שטורמיש, און דער טעמפּ פון זײַן וואַקסן איז איבעראַשנדיק לויט דער האַסטיקייט און דעם פאַרנעם. דער ערשטער „דעסאַנט" איז באַשטאַנען פון 320 יונגעלײַט, הײַנט ציילט אורגאַל באַ צוועלף טויזנט אײַנוווינער. אַזוי האָט די שטאָט אַרײַנגעשריבן איר אייגן בלעטל אין דער געשיכטע פונעם באַם. אַ בלעטל, וואָס איז געוואָרן דער סימבאָל פון העלדנמוטיקער אַרבעט פון טויזנטער סאָוועטישע מענטשן.

וואָלאָדיע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ צוגעלאָזטן מענטש. גערן דערציילט ער וועגן באַם־לעבן. אַליין האָט ער געענדיקט דעם דאָנעצקער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, געבעטן זיך, מע זאָל אים אײַנייִנעם מיט זײַן פרוי שיקן אויפן באַם. ער האָט אַ באַם־טעכטערל, און איצט וואַרט ער אויף אַ ייִנגעלע.

— אויב ס'וועט זײַן אַ זון, מײנען מיר אים אַ נאָמען געבן דאַניִעל לעקאָוועד פּופּציק יאָר ביראָבידזשאַן. און איצט קומט, וועל איך אײַך באַקענען מיט איינעם פון אונדזערע בעסטע בריגאַדירן. זײַן בריגאַדע אַרבעט אַזוי, אַז מע קאָן זיך אײַנליבן אין איר.

ביז מיר זײַנען דערגאַנגען צו דעם בוי־פּלאַץ, וווּ עס האָבן זיך אופגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט ריזיקע הייבקראַנען, און עגבערס האָבן הילכנדיק געהריזעט דעם אייביקן פרירבאָדן, האָב איך שוין געוווּסט, אַז דעם בריגאַדיר רופט מען יורי, אַז ער איז קוים פינף און צוואַנציק יאָר אַלט, פון זיי זיבן איז ער אויפן באַם, אַז וועגן אים האָבן שוין געשריבן אַפילע צענטראַלע צײַטונגען און אַז דאָ ניט לאַנג איז ער באַלוינט געוואָרן מיט אַ מעדאַל.

— אָט איז יורי! — האָט וואָלאָדיע מיר אָנגעוויזן אויף אַ באָכערל, וועמען מע וואָלט, לויט דעם וווּקס און דעם הוילעך, געקאָנט געבן ניט מער ווי אַ יאָר אַכצן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גרוי־פּאַרליאַפּעטער ספּעצאָווקע, די בלויע קאַסקע האָט פאַרשטעלט אַ העלפט פון זײַן ייִנגלש פּאָנעם.

מיטן שפּיץ פון גראָבן פינגער האָט יורי וואַזשנע אַ רוק געטאָן די

קאַסקע אױף אַרוף, און מיט אַ שטים פֿון אײנעם, װאָס איז געװױנט, מע זאָל אים הערן, געפֿרעגט:

— װו טשאָם דעלאָ?[1]

אַ פּאַס שװאַרצע האָר האָט זיך דורכגעשטופּט פֿון אונטער דער קאַסקע, געפֿאַלן איבער זײַנע אױגן אױפֿן פֿאַרשטױבטן פּאָנעם.

װען כ׳האָב געזאָגט, אַז איך װײס װעגן זײַנע אַרבעט־דערגרײכונגען, האָט ער אַ קורצן שמײכל געטאָן.

— פֿאַרגעסט ניט, דאָס איז דאָך באַם!.. אױף אונדז קוקט דאָס גאַנצע לאַנד. — און ס׳איז ניט שװער געװען אױפֿצוכאַפּן אין זײַן ענטפֿער אַן אָפּ־קלאַנג פֿון יענע ענדערונגען, װאָס קומען פֿאָר אין דער פּסיכאָלאָגיע פֿון מענטשן, װעלכער אַרבעט אױף אָט דער שלאָגלערישער בױונג.

„מיר בױען באַם — באַם בױט אונדז". אָט די באַפֿליגלטע װערטער קלינ־גען איבער דער גאַנצער טראַסע.

בײַם מײַן רײַזע איז מיר אױסגעקומען רײדן מיט אַ סאַך באַמאָװצעס, און איך האָב באַװוּנדערט, מיט װאָס פֿאַר אַ פֿילבאַרקײַט זײ פֿאָלגן נאָך דעם װוּקס פֿון דער מאַגיסטראַל — דאָס װערק פֿון אַ שטורמישער און מעכ־טיקער עפּאָכע. זײ באַמיִען זיך אַרבעטן אַזױ, װי עס פּאַסט פֿאַר דעם גײַסט פֿון אָט דער עפּאָכע.

מיר שטײען אױף אַ פֿילשטאָקיקער בױונג, פֿונװאַנען עס זעט זיך בױלעט אָן דער נײַער װאָקזאַל פֿון אורגאַל און די רעלסן, װאָס גײען פֿאַרלױרן אין דער טײַגע־בלױקײַט. פּלוצעם יאָגט פֿאַרבײַ מיט אַ שפּיציקן פֿײַף אַ צוג. דער װינט כאַפּט אױף דעם פֿײַף, צעטראָגט אים װי אַ שאַלנדיקן גרוס איבער דער טײַגע און װערט מיט אים פֿאַרפֿאַלן צװישן די װײַטע סאָפּקעס.

— פּריװעט! אַ גרוס!

אַ צוג האָט זיך געלאָזט אין װעג.

און אין די זונענשטראַלן זעען די רעלסן אױס פֿינקלענדיק־רױט, װי צװײ אָנגעגליטע פֿײַלן, געצילטע אין דער צוקונפֿט.

מיטאַמאָל באַפֿאַלט מיך אַ פֿאַרלאַנג, אַז די צוקינפֿטיקע פּאַסאַזשירן זאָלן, דורכפֿאָרנדיק אױף אָט דעם װעג, געדענקען יענע, װאָס האָבן געשמעטערט אײַז און שטײן, גױװער געװען אומענטשלעכע שװעריקײַטן.

אױף צוריקװעגס איז אונדז אָקעגנגעקומען אַ יונגערמאַן פֿון אַן ערעך אַריבער די דרײַסיק, פֿעסט געבױט, דאָס פּאָנעם אָפּגעברענט סײַ פֿון היצן, סײַ פֿון קעלטן. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, און װאָלאָדיע האָט מיך באַקענט מיט אים:

— דאָס איז אונדזער געאָלאָג, יאָסיף פּאַװוּליװ.

פּאַװוּליװ איז פֿון די װעטעראַנען אױפֿן באַם. זײַן פֿרױ אַלאַ אױך. בײדע האָבן אױסגעמאָסטן ניט אײן טױזנט קילאָמעטער אין דער טײַגע, גע־שפּײַזט קאָמאַרן אין די בלאָטעס, געבלאָנדזשעט צװישן זומפּן, אַרױסגעריסן זיך פֿון װאַלד־סרײפֿעס.

נאָר װען מענטשן האַלטן זיך צוזאַמען אױף שטורעמדיקע װעגן, איז גאָרנישט ניט שרעקלעך, אַפֿילו פֿײַער!

---

[1] װעגן װאָס האַנדלט זיך? (רוס.).

דער טאָג האָט זיך געלאָשן. מײַן ערשטער טאָג אפּן באם.

איבער אורגאַל איז געהאנגען א בלייכע שקיִע. די שטאָטישע קלאַנגען זײַנען געוואָרן שטילער, פאַרדומפּענער.

איך האָב זיך אומגעקערט אין האָטעל און, גייענדיק פארבײַ דעם קינ־דערגאָרטן „הוצולאָטשקא", באמערקט א פּאָרל, וואָס איז געזעסן אױף א זײַטיקער באנק. ביידע זײַנען געווען יונג. ער האָט געשפּילט אױף א גיטאַרע. זײַן צעשויבערטער קאָפּ איז געהאנגען איבער די סטרונעס. זי, אָנשפּאַרנדיק זיך אױף איין האנט אָן דער באנק, האָט מיט א צאַרטער שטים געזונגען:

Котить хвилі наш Черемош,<br>А куди Х не знае,<br>Поміж гори в світ широкий<br>Тече, не вертае.[1]

זי האָט געזונגען אזוי, גלײַך זי וואָלט זיך צוגעהערט צו אירע אייגענע געפילן, און א ליכטיקײַט האָט געשלאָגן פון איר פּאָנעם, זיך געפלעמלט צווישן אירע האָר, ווי צווישן צײַטיקן ווייץ, און עס האָט זיך געדאכט, אז אלץ ארום איז פארוועבט אין א פּאָעטישן הויך פון די ווײַטע קארפּאטן.

— פונוואנען זײַט איר, כעוורע?

א ווײַלע האָבן זייערע בליקן מיך געמאָסטן מיט א באהאלטענער פאַר־שערישקײַט.

— מיר זײַנען פון איוואנאָ־פראנקאָווסקער געגנט, — האָט זי דערנאָך געענטפערט פאר ביידן. דערבײַ זיך צעשמייכלט, און אירע אויגן, גרויסע, בלויע, האָבן געפינקלט, ווי שטערן אין א דאָרעמדיקער נאכט.

דערהערט פונוואנען איך קום, האָבן זיי זיך דערפילט לײַכט און אומ־געצוווּנגען, און ס'האָט זיך אײַנגעשטעלט צווישן אונדז א היימישקײַט. זיי האָבן מיר דערציילט, אז אפּן באם זײַנען זיי אינגאנצן דאָס צווייטע יאָר. געקומען מיט קאָמיוגישע פּוטיאָווקעס נאָכן ענדיקן א פּראָפעסיאָנעל־טעכ־נישע שול. ער איז א עלעקטראָ־שווייסער, און זי א קראנאָוושטשיצע. ביידע ארבעטן שלאָגלעריש. אױף דעם ענדיקט זיך דערווײַל זייער ביאָגראפיע.

— און די פּרעסט שרעקן אײַך ניט?

— דערפאר זײַנען אָבער פאראן א סאך לויטערע טעג, און קיין ווינטן זײַנען ניטאָ. און אָן ווינטן דאכט זיך אויס, אז די פרעסט זײַנען גאָר ניט אזוי שטארק.

איך האָב זיך געזעגנט מיט מײַנע יונגע לאנדסלײַט.

זי האָט ווידער זיך צעזונגען. און די אקאָרדן פון זײַן גיטארע האָבן באגלייט איר געזאנג. און איך האָב געטראכט, אז ניט צופעליק האָבן זיי אויסגעקליבן די באנק לעבן „הוצולאָטשקא", ווײַט־ווײַט פון היימישן דאָרף, ווו איצט איז העלער טאָג, און איך בין גרייט געווען הערן אָן א סאָף דאָס געזאנג פון אָט די צוויי יונגע בויער, וואָס זײַנען שוין ארײַנגעצויגן גע־וואָרן אין שפּעפערישע אופטוען פון אויסערגעוויינלעכע מאסשטאבן, צווישן וועלכע באם איז פאר זיי בלויז א פּראָלאָג.

---

[1] יאָגט די כוואַליעס אונדזער טשערעמאָש, און וווהין — ווייסט ער ניט. פּליסט צווישן בערג אין דער גרויסער וועלט, קערט זיך ניט אום. (אוקר.).

אכט יאָר איז אזיס מוסאיעוו אפן באַם. געקומען איז ער אהער גלײַך פון דער ארמיי. ריכטיקער — געבליבן דאָ, ווײַל ער האָט געדינט ערגעץ ניט ווײַט פונדאנען. אין דער ארמיי איז ער געווען א שאָפער, און מע האָט אים באַלד גענומען אף ארבעט.

א ברייטפלייציקער, א קרעפטיקער, שפריצט פון אים מיט געזונטקייַט. זײַן קײַלעכדיק פּאָנעם, אויסגעשמיסן פון ווינט, איז גאָלדיק־ברוין, ווי גע־שליפענער קופער. זײַן מאשין, דעם אומעטום־גייער, פירט ער קונציק איבער די סאמע צעפאָרענע וועגן, ווו מע קאָן, דאכט זיך, אפילע, קריכנדיק ניט דורכקומען, בלויז די לאַרכנביימער בא די זײַטן טראָגן זיך מיט א שאָרך פארביי.

מיר פאָרן קיין אלאָנקא.

ארום און ארום סאָפּקעס, באדעקטע מיט שיטערן וואלד, זומפיקע טאָלן און גיכע באַרג־טײַכלעך, וואָס שטעלן אָפּ זייער לויף בלויז אין מוירעדיקע פרעסט, ווען די קרירע פארקאָוועט זיי ביזן דנאָ.

דער וועג איז א גרונטאָווער, מיט דריבנע ברוקיר־שטיינדלעך איבער־געשאָטן. ער לויפט לענגויס דער נײַער אײַזנבאן־ליניע. מיטאמאָל אָבער קערט ער אָפּ אין א זײַט און טויכט אוף אין א באַרגשפּאלט. אָט שנײַדט ער דורך א טײַכל און אָט טוליעט ער זיך ווידער נאָענט צו די רעלסן. ערטער־ווײַז איז ער אזוי זומפּיק, אז עס דאכט זיך, די רעדער וועלן אײַנגעזונקען ווערן, נאָר אזיס, א זון פונעם הייסן אזערבײַדזשאַן, כאָטש ער איז געוווינט צו פאָרן אף הארטער ערד, ווי שטיין, זיצט זיכער בא דער באַראנקע.

— ניט געזאָרגט, וועגן וועלן אויך זײַן...

ער שוואכט עטוואָס אָפּ זײַן אָנגעשטרענגטקײַט און נעמט דערציילן וועגן באַקו, ווו ער איז ביז דער ארמיי געווען א לערער פון פיזקולטור, וועגן דעם, אז ער וואַרט אף זײַן באַשערטער און וועט פראַווען זײַן כאַסע־נע אָפן באַם.

לעבן אזיס מוסאיעוון האָט זיך אײַנגעמאָסטעט דער עלטערער פּראָראַב וואַלערי יאַקאָוולעוויטש פּעסטשאַנסקי.

איך האָב שוין געהערט וועגן אים, דעם אינזשעניער פון ניקאָפּאָל, וועגן וועלכן מע זאָגט — א מענטש מיט א כאַראַקטער. אויך אף זײַן גורל איז אויסגעפאַלן דער ערשטער געראַנגל מיט פרעסט און קרירעס, מיט ערד־ציטערנישן און אומרויִקער צעוועקטקייַט פון בערג. איניינעם מיט אלעמען האָט ער דורכגעהאַקט וואַלד־שטעגן און געבויט „ווערעמיאַנקעס". איינמאָל האָט ער שיר ניט אָפּגעפרוירן די פינגער. איצט דערציילט ער וועגן דעם, ווי א סאָלדאַט וועגן זײַנע ווונדן, וואָס ער האָט באַקומען אין שלאַכטן. און מע האָט טאַקע, ווי אין שלאַכטן, באַדאַרפט האָבן א העלדישן כאַראַק־טער, קעדיי אליין זיך ניט פארלירן און נאָך אנדערע אונטערהאַלטן.

אָנגעהויבן האָט ער זײַן באַם־וועג ניט אין אורגאַל, נאָר אפן מײַרעוו־טייל פון דער מאַגיסטראַל. ער האָט עלעקטריפיצירט די טראַסע, אײַנגע־שטעלט די פאַרבינדונג, און אזוי מיט יעדן קילאָמעטער וועג דערגאַנגען ביזן מײַרעוו־טייל.

און די צײַט האָט זיך געטראָגן מיט א גיכקײַט פון אַן איבערקלאַנגיקן אַעראָפּלאַן. ער איז שוין איצט א מענטש אין די מיטעלע יאָרן, און קימאַט צען פון זיי אפן באַם.

קימאט...

אין איינעם א טאָג האָט אים פּלוצעם א צי געטאָן אהיים. צי איז עס געווען די בענקשאפט נאָך א מער איינגעפונדעוועט לעבן, צי האָט ער גע־האלטן, אז — גענוג, צייט זיך אומקערן... אָבער זײַן אין ניקאָפּאָל האָט ער שוין מער ניט געקענט, גלײַך ער האָט אין דער טײַגע איבערגעלאָזט א שטיק הארץ. און אין געצײלטע כאַדאָשים ארום, אָפּגעזאָגט זיך פון א גוטער שטעלע, פון א שיינער דירע, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אפן באַם. דאָס מאָל שוין מיט זײַן גאנצער פאמיליע.

מינאסטאם, אָף שטענדיק.

אפן שויס האָט פעסטשאנסקי געהאלטן איינגעפּאקט דעם רוסיש־יידישן ווערטערבוך, א נאָרוואָס געקויפטן אין אורגאלער ביכער־קראָם.

— איר לייענט יידיש?

אַנשטאָט צו געבן א דירעקטן ענטפער, האָט ער זיך איבערגעבויגן צו מיר, און עס האָבן א שווער געטאָן דערמאָנונגען וועגן דער באָבע זײַנער, וואָס האָט אים קינדווייז אײַנגעוויגט מיט „ראָזשינקעס און מאנדלען”.

די מאשין האָט זיך געטראָגן ווײַטער, און די ערד האָט זיך געדרייט, געפלויגן איניינעם מיט זומפּיקע שטיייוואסערלעך, מיט ווײַטע גרויליק־רויטע פײַערן פון ברענענדיקן טאָרף, און מיט לאָרכנביימער, וואָס האָבן אלע ווײַלע געבויגן אייגער צום אנדערן זייערע צעצווייַגטע קרוינען, שטיל גע־רוישט, ווי זיי וואָלטן אויך עמעצן פארוויגט מיט דער אלטער יידישער וויגליד — „ראָזשינקעס און מאנדלען”...

— סטאָפּ!

אזיס האָט מיט א פלינקער באוועגונג אָפּגעשטעלט די מאשין.

טרעפן זיך מיט דעם שעף פון ספּעציאַליזירטן מאָנטאַזש־צוג 707 מי־כאיל אבראמאָוויטש שאטיילאָ איז געווען ניט אזוי גרינג.

— ער איז ניט קיין קאבינעט־מענטש, — האָט מיר געזאָגט פעסטשאנ־סקי. און איך האָב פארשטאנען, אז זוכן דארף מען אים אָדער אָף דער טראַסע, דאָרט, ווו עס גייען אָן די עלעקטריפיקאציע־ארבעטן, אָדער אָף דער בוייונג פון דעם אורגאלער לאָקאָמאָטיוו־דעפּאָ.

זײַנען מיר טאקע אונטערוועגס פארפאָרן אין דעפּאָ.

א הויכער, זייער א באוועגלעכער, איז שאטיילאָ געשטאנען אין א קרײַז פון מיטארבעטער. איינעם האָט ער געגעבן אָנווײַזונגען, מיט א צווייטן זיך וועגן עפּעס בארעטן. און ס׳איז גלײַך געווען קלאָר, אז מיר האָבן פאר זיך איינעם פון יענעם מין אָנפירער, וואָס אין קרײַז פון ארבעטער און ספּע־ציאַליסטן געפינען זיי אָפּט אָן אויסוועג אין אזעלכע סיטואציעס, וואָס צום אָנהייב דאכט זיך, אז ס׳איז ניטאָ פאר זיי קיין לייזונג.

מיר שטייען אינדרײַען אפן בוי־פּלאַץ. שאטיילאָ און פעסטשאנסקי דער־ציילן מיר די געשיכטע פון דער דעפּאָ־בוייונג.

— מיר האָבן אָנגעהויבן פון נול... — זאָגט שאטיילאָ. פאר אים איז דאָס דער אויסגאנגס־פּונקט, פון וועלכן עס ציילן זיך זײַנע יאָרן אפן באַם. ער איז, אגעוו, אויך געקומען פון ניקאָפּאָל, ווו ער איז געווען שעף פון א גרויסער בוי־אונטערנעמונג.

בייס אונדזער באגעגעניש בין איך די גאנצע צײַט געווען נײַגעריק צו וויסן, פונוואנען שטאמט זײַן פאמיליע־נאָמען, נאָר פרעגן איז עפּעס ניט

אויסגעקומען. קאָן זײַן, אַז ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס קאָן מיך אינטערעסירן, און עפשער האָט ער מיר פּאַשעט געוואָלט דערציילן אַ טשי־קאַווע מײַסעלע פון אַמאָל. אָט איז עס:

— ...אין אַ דאָרף, וואָס האָט געהערט צו אַ רײַכן פּאָרעץ, האָט גע־וואוינט אַ ייִד אַ קרעטשמער. ער האָט געהאַט אַן איין־און־איינציקן זון פון אַ יאָר צוועלף. דער פּאָרעץ איז געווען אַלט און לעהייפעך צום ייִדן קיין קינדער ניט געהאַט. האָט ער זייער איבערגעלעבט דערפון, וואָס זײַן נאָמען וועט אָפּשטאַרבן אינאיינעם מיט אים. לאָזט ער אין אַ טאָג רופן צו זיך דעם קרעטשמער און שלאָגט אים פאָר, יענער זאָל אים, דעם פּאָרעץ, אָפּגעבן דעם זון. דערפאַר וועט ער האַלטן די קרעטשמע דאָס גאַנצע לעבן.

— איך ווייס, — האָט געזאָגט דער פּאָרעץ, — ווי פעסט איר האַלט זיך בײַ אײַער גלויבן, זאָל ער בלײַבן אַ ייִד, נאָר טראָגן מײַן פאַמיליע־נאָמען...

אַן אַנדער ברייִרע האָט דער קרעטשמער געהאַט?

גייט אַזוי שוין דער פינפטער דאָר שאַטײַלאָס. דער פאַרשטייער פונעם ייִנגסטן דאָר, שאַטײַלאָס זון אַלעק לערנט זיך איצט אינעם כאַבאַראָווסקער אײַזנבאַן־אינסטיטוט. מיכאַיל אַבראַמאָוויטש פלאַנירט, אַז ווען ער וועט אין עטלעכע יאָר אַרום אַוועק אויף פענסיע, וועט ער אַריבערפאָרן וווינען קיין בירָאָבידזשאַן, און זײַן אַרבעט אויפן באַם וועט פאָרזעצן זײַן זון — אַלעק שאַטײַלאָ...

— נו, פּאַיעכאַלי?[1] — סיגנאַליזירט אַזיס.

קימאַט אין דער זעלבער צײַט, ווען די שעליכים פון אוקראַיִנע זײַנען אָנגעקומען קיין אורגאַל, האָבן די שעליכים פון מאָלדאַוויע אַרײַנגעשלאָגן דעם ערשטן קייל אויפן ברעג פון דער ווײַטמיזרעכדיקער אַלאָנקאַ, וואָס קײַקלט אירע קלאָרע שטורמישע וואַסערן פון די בערג.

איצט איז דאָ אַ ווויל־אײַנגעאָרדנטער ייִשעוו מיט פילשטאָקיקע הײַזער אין מאָלדאַווישן סטיל, מיט אַ שיינעם האַנדלס־צענטער און אַ רײַך־באַצירטן פּלאַץ, ווו אין די יאָמטויווים טאַנצן די אַלאָנטשאַנער זייער „מאָלדאַוואַנעס־קאַ". דאָ איז אַלץ אויסערגעוויינלעך נײַ, און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איך בלאָנדזשע אַרום אין עפּעס אַ שטאָט אויפן דאָרעם.

דער פרילינג איז געווען אין פולן גאַנג. אויף דער אָנגעפרירטער ערד האָט מען צעלייגט גאַזאָנען, געפלאַנצט ביימער, און איך בין אַנציקט גע־וואָרן פון דעם אַקשאָנעסדיקן וועלן זיך אײַנהיימען אין דער סיבירער ערד און פאַרוואַנדלען זי אין אַ פרעכטיקן ווינקל.

אַלאָנקאַ הייסט אויף יאַקוטיש — אַן אָרט פאַר מײַסעלעך. זעט טאַקע דער גאַנצער ייִשעוו אויס ווי אַ מײַסעלע.

לאָז איך דערווײַל איבער מײַנע באַגלייטער אין דער שיינער אַלאָנקאַ, און מיר טראָגן זיך אַריבער אויף עטלעכע יאָר צוריק, אויף אַן אַרויסלאָז־אָוונט אין טשערנאָוויצער מעדיצינישן אינסטיטוט.

[1] פאָרן מיר? (רוס.).

— וווּהין קלערסטו זיך אוועקלאָזן, לענאַ?
— אַפֿן באַם.
קיינער האָט דעמאָלט ניט אויפֿגענומען ערנסט איר ענטפֿער. נאָר אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום, איבערגעלאָזט היימישע געמיטלעכקייט, אַרבעט, איז לענאַ נעטשיפּיי אָפּגעפֿלויגן אַפֿן באַם.
דאָס איז געווען אַ דרייסטער און געוואַגטער באַשלוס.

ניט לייכט איז אַ יונגן מענטשן, ווען זיין לעבן גייט איבער אויף נייע רעלסן, ווען דאָס צוגעוווינטע און איינגעזעסענע באַקומט אַ נייעם זין, און דער אַעראָפּלאַן טראָגט אים ווייט אַוועק פֿון יענער אומבאַקאַנטער וועלט, צו יענעם אומבאַקאַנטן לעבן, וואָס מע דאַרף ערשט פֿונסניי בויען מיט אייגענע הענט.
— לאַנג האָב איך ניט געקאָנט זיך צוגעוווינען צו דער טייגע, — דערציילט לענאַ. — דערוויילעטערסט זיך אויף אַ פּאָר שפּאַן פֿונעם וואָגאָנדל און שוין ריינגלען דיך אַרום ביימער. און דו ווערסט עפּעס טייקעף ווי קלע־נער אין וווּקס. צו גרויס איז די טייגע... גלייך ווי אויף דער ערד איז מער גאָרנישט ניטאָ, כוץ די גרינלעכע שנייען, די דרעמלענדיקע סאָפּקעס און אַ רויטלעכע שקיע, וואָס לעשט זיך לאַנגזאַם הינטער די ביימער.
אָבער אַ יונגן מענטשן זיינען אייגנטימלעך ניט נאָר קווענקלענישן, נאָר אויך טרוימען. און לענאַ האָט געטרוימט: ס'וועט אַדורך אַ יאָר, אַ צווייטס, און אויף אָט די ערטער וועט אויסוואַקסן אַ נייער יישעוו, און דאָס וועט זיין איר היים, און זי וועט ליב באַקומען אי אָט די ברויגעזע הימלען, אי דעם קורצן פֿרילינג און אַפֿילע די שוויינגנדיקע טייגע, וועלכע וועט אַנט־פּלעקן איר גוטע, ניט איבעריק בלענדנדיקע שיינקייט.
— צייטנווייז איז געווען זייער שווער. דער ווינטער אַ לאַנגער, פֿרעסט ביז די פֿופֿציק און העכער, קיין וועגן זיינען ניטאָ. באַזאָרגט מיט אַלעם נייטיקן האָט מען אונדז מיט דער הילף פֿון ווערטאָליאָטן. ס'זיינען געווען פֿאַלן, ווען דאָס אַראָפּגעוואָרפענע ברויט איז שוין איינדערלויפֿטן פֿאַרשטיי־נערט געוואָרן פֿון קעלט.

מיר האָבן זיך געטראָפֿן מיט לענען, איצט שוין יעלענאַ פּאַוולאָוונאַ, אין דעם אַקאָרשט אויסגעבויטן אינמיטן דער טייגע ריזיקן הייל־קאָרפּוס, ווו עס אַרבעט אַ מעדיצין־פּערסאָנאַל פֿון פֿיר הונדערט מענטשן, צווישן זיי זיבעציק דאָקטוירים פֿון אַלע ספּעציאַליטעטן.
זי איז אַ ווייַלע געבליבן שטיין אין דער טיר, אַ שטאַלטנע, מיט זייער מילדע געזיכט־שטריכן און אַ בלאַנדזשענדיקן בליק, ווי זי וואָלט אין דער ערשטער רעגע געוואָלט כאַפּן, צוליב וואָס האָט זי געלאָזט רופֿן דער הויפּט־דאָקטער אַרמען איירומאָוויטש איירי־אַנץ.
— אַ גרוס פֿאַר אייך פֿון טשערנאָוויץ!
אירע אויגן האָבן אויפֿגעליכטן און אויף צוויי שורעס ווייסע ציין האָט אַ שפּיל געטאָן אַ שמייכל:
— אויף אַזאַ סיורפּריז האָב איך זיך ניט גערעכט.

— וועגן אײַך האָט מיר דערציילט ארמען אײַרומאָוויטש. ער איז דאָך אויך א שטיקל לאַנדסמאַן אונדזערער. אין טשערנאָוויץ געענדיקט די מיטל־שול, אין לוואָוו דעם מעדיצינישן אינסטיטוט. איר זענט, דאַכט זיך, אין איין צײַט מיט אים געקומען אַפן באם, ניט אַזוי?

— יאָ, און דאָ טאַקע האָבן מיר טיפֿע וואָרצלען געשלאָגן. מײַן מאַן איז אויך א דאָקטער. דאָס טעכטערל גייט אין שול. אַלץ איז דאָ ליב און אייגן, אַלץ איז געשאַפן געוואָרן מיט אייגענע הענט...

— אַהיים ציט אײַך ניט?

— מיר פֿאָרן קימאַט יעדער יאָר אין אורלויב, צוערשט קיין לענינגראַד צו דעם מאַנס קרובֿים, דערנאָך צו מיר אין דער בוקאָווינע.

— יעלענא פּאַוולאָוונאַ, אויב א בליק טאָן אַף צוריק, וואָס אַשטייגער וואָלט איר איצט געזאָגט וועגן יענעם באַשלוס אײַערן אַפן ארויסלאָז־אָוונט?

— דאָס איז אַלץ ניט אַזוי פּאַשעט. איך וועל זײַן אָופריכטיק: באם — דאָס איז עפּשער די שווערסטע צײַט מײַנע. נאָר די סאַמע גליקלעכע...

יעלענא פּאַוולאָוונאַ איז אַף דער טראַסע פון אָנהייב אָן, זי האָט באַגלײַך מיט די, וואָס האָבן דורכגעלייגט די רעלסן פון מײַרעוו אַף מיזרעך, דורכגעמאַכט דעם שטאָלענעם וועג פון אוסט־קוט ביז אורגאַל, דורכגעמאַכט דעם וועג פון א מעדפּונקט ביז א מאָדערן אויסגעשטאַטן שפּיטאָל, ווו זי פירט איצט אָן מיט דער טעראַפּעווטישער אָפּטיילונג.

ס'וועלן פאַרגיין יאָרן. ס'וועט קומען א ריי פאַר דערמאָנונגען, און יעלענא פּאַוולאָוונען וועט זיך אויסווײַזן, אַז איר לעבן האָט זיך אָנגעהויבן דאָ, אַף אָט דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל...

כ'האָב זיך באַקאַנט אַפן באם מיט נאָך איין דאָקטער — לאַריסאַ רוווימאָוונאַ יודאָלעוויטש.

א קליין מיידעלע, א שילערן פון זעקסטן קלאַס האָט די מילכאָמע זי פאַרטראָגן פון אוקראַינע אַזש קיין אירקוטסק. דאָ האָט זי פאָרגעזעצט לערנען. דאָ געוואָרן דאָקטער. אין יאָרן ארום א באַוווּסטער דאָקטער, און מיטאַמאָל — באם, וואָס האָט באַדאַרפט ניט נאָר בויער און אינזשעניערן, נאָר אויך דאָקטוירים. און דאָקטער יודאָלעוויטש, שוין א מענטש אין די יאָרן, ענטפערט ווי א סאָלדאַט אַפן רוף פונעם היימלאַנד און ניט נאָר אַליין פאָרט זי ארויס אַפן באם, נאָר מיט איר טאָכטער.

איצט איז די טאָכטער א יוריסט, אַן אויספאָרשער אין אוסט־קוט, און זי, לאַריסאַ רוווימאָוונאַ, איז הויפּט־רענטגענאָלאָג אין אורגאַל.

אָט אַזוי שליסן זיך צונויף ניט נאָר רעלסן, נאָר אויך מענטשלעכע גויראָלעס.

מיר האָבן זיך אומגעקערט פון אַלאָנקאַ.

וואַלערי יאַקאָוולעוויטש האָט געײַלט אַהיים. זײַן טאָכטער האָט זיכער שוין אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אַף ליטעראַטור. זי ענדיקט די אורגאַלער מיטלשול און גרייט זיך אָנקומען אין ביראָבידזשאַנער קולטור־אויפקלערערישן טעכניקום.

לעוואָנע־שײַן האָט באַלויכטן דעם וועג אױף צוריק. אזיס מוסאיעוו האָט זיכער, פּונקט ווי פֿריִער, געפֿירט די מאַשין. ערגעץ ניט ווײַט האָט מען געשווייסט רעלסן. סנאָפּעס פֿונקען האָבן אױפֿגעבליצט, זיך צעשאָטן איבער דער טײַגע־ערד. אַך, ווי שיין זי איז, די ווײַטמיזרעכדיקע טײַגע, אַ באַלויכטענע פֿון געל־בלויע פֿונקען, פֿונקען פֿון פֿרידלעכן פֿײַער, פֿון באַגײַסטערטער מי.

אױפֿן קאַלענדאַר איז דער 29 סענטיאַבער 1984.

איך בין ווידער בײַ זיך אינדערהיים, שרײַב מײַנע פֿאַרצייכענונגען. און מיטאַמאָל ברענגט די ראַדיאָ די לעצטע נײַס — אױפֿן ראַזיעזד באַלבוכטאַ האָט מיט אַ יאָר פֿריִער, ווי ס׳איז געווען פֿאָרויסגעזען, זיך צונױפֿגעשלאָסן די בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל.

קלינגען שוין רעלסן אױף דער גאַנצער לענג פֿון דער גראַנדיעזער טראַסע, זאָגן אָן דעם פֿײַערלעכן אָנקום פֿון באַנען.

# פיר ליבעס

פאר דער קורצער צײַט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אפֿן באַם, האָב איך זיך אָנגעהערט א סאַך אויסטערלישע ליבע־געשיכטעס, געבוירענע אינעם פלאַטער פון מענטשלעכער פרייד, וועלכע איז געווען ניט ווייניק, און אינעם ציטער פון סאַקאַנעס, וואָס האָבן אויך ניט געפעלט.

באַם האָט געבויט דאָסראַוו יוגנט, געבויט אין גלי פון קאַמף מיט דער אומגעצוימטער נאַטור, אין שטורעם און געוויטער. און דאָרט, ווו בויונג, דאָרט לויערט געפאַר, און דאָרט, ווו יוגנט — דאָרט שפּינען זיך ליבעס, ווי איידלשטיינער אויסגעטאָקטע. און כאָטש די ליבעס זײַנען אלט, ווי די וועלט, און אייביק, ווי דאָס לעבן, האָבן זיי אָבער אפֿן באַם געשפּילט מיט פאַרבן פון עפּעס א נײַעם קאָליר און געווען באַשטראַלט מיט יענער יונגער ליכטיקער מיסיע פון שאַפן און בויען. דרײַ פון זיי האָב איך פאַרשריבן אפֿן אָרט.

און די פּערטע?

די פערטע איז געווען א טרויעריקע ליבע, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין אן אנדער צײַט און אף טויזנטער מײַלן מייַרעוודיקער פון דער בײַקאַל־אמורער מאַגיסטראַל. א ליבע, וואָס האָט אופגעפלאַקערט, ווי א פלאַם, און, ווי א פלאַם, זיך אויסגעלאָשן אף אָפענע שליאַכן, צווישן דוירעסדיק־צעצ־פלאַמטן צאָרן. און אויב איך האָב זי צוגעטוליעט צו די דרײַ באַמישע, האָב איך עס געטאָן דערפאַר, וואָס ניט נאָר אפֿן באַם, נאָר אויך דאָרט, ווו ס'האָט דער נעכטן ארומגעבלאָנדזשעט אָן א שטעג און אָן א וועג, לייגט מען אויס נײַע וועגן. מע בויט פאַבריקן, זאַוואָדן און ריזיקע שטעט. און ס'וועבט אונדזער הײַנט, ווי א בונטער פאָדעם, זיך ארײַן אינעם נעכטן. און נאָך האָב איך עס געטאָן מיטן הייסן פאַרלאַנג, אז אזא צײַט, ווי כמארע שוואַרץ, זאָל זיך מער ניט איבערכאַזערן און ליבעס זאָלן מער ניט פאַר־שוועכט ווערן...

## 1. א שפּרונג אין דער פינצטער

נעכטן האָבן זיי אָפּגערעדט וועגן א שפּאַציר אין די בערג.

ער — א מאַטעמאַטיקער, וואָס ענדיקט אין א פּאָר כאָדאָשים ארום דעם אוניווערסיטעט. זי — א פּיאַניסטן, שטודירט אין קאָנסערוואַטאָריע.

ס'איז שאַבעס.

דער טאָג איז א פרײַער, א זוניקער. דער בלויער הימלראַנד אומענד־לעך הויך און דורכזיכטיק צאַרט, איז ערטערווײַז פאַרצויגן מיט דינע וואָלקנדלעך, ווי שנייווײַסע קרוזשעווע.

זיי שפּאַנען איבער אַ שמאָלן שלענגלענדיקן וועג, וואָס פירט אַרויף צו די באַרגשפּיצן. דער וועג איז שטײַל און מעשופּעדיק. אָבער אין די גליד־דער פליִיצט אַזאַ מאָדנע לײַכטקײַט, ווי מיסטאָמע בײַ פייגל, וואָס הייבן זיך מיטאַמאָל אויף און שוועבן אַוועק אין כאַלעל צווישן הימל און ערד.

זיי זײַנען יונג.

און איבער דער וועלט בליט אַ יונגער פרילינג. שטילע ווינטעלעך פאַר־שפּרייטן זיסע ריחות פון שפּראָצנדיקע גראָזן און געעפנטע קנאָספּן, און פײַערלעך ריזלען פאַרהוילענע קלאַנגען.

— היי־היי! — קײַקלט זיך הילכיק איבער די בערג דאָס שטיפערישע געשריי פון יונגער פרייד און ווערט פאַרפאַלן ערגעץ ווײַט, אין די טיפע באַרגשפּאַלטן.

צופוסנס פון די בערג שימערט מיט זילבערנע רונצלען אַ שמאָל באַרג־טײַכל, מורמלט שטיל, גלײַך ס׳וואָלט עמעצן פאַרוויגט. און בײַם ברעג גרינט אַ בערגעלע ערד, וואָס די צײַט האָט נאָך ניט באַוויזן אויסצוגלײַכן, און סע פינקלט אין זונענשײַן אַ רויטער שטערן צוקאָפּנס, וואָס דערמאָנט דער וועלט די פרײַז, מיט וועלכער ס׳איז דעראָבערט געוואָרן די גע־בענטשטע פרייד...

— היי־היי!

זי בלײַבט הינטערשטעליק.

ער דערלאַנגט איר אַ האַנט, טוט זי אַ צי אַרויף צו זיך, נעמט זי אַרום, דערפילט דעם באַריר פון אירע גאָלדענע האָר און דעם גערוך פון איר הויט. און זי, איידל און שלאַנק, גייט פאַרלוירן אין דער וואַרעמקײַט, וואָס שטראָמט פון זײַן קערפּער. זי איז עטוואָס נידעריקער פון אים, הייבט זי אויף צו אים איר בליק, און עס זעט אויס, ווי זי וואָלט געפרעגט מיט די אויגן:

— האָסט מיר דאָך געוואָלט עפּעס זאָגן?

יאָ, ער האָט געוואָלט איר זאָגן, אַז ער האָט זיך פאַרשריבן אין אַ קאָמ־יוגישן בוי־אַטריאַד און וועט באַלד נאָכן באַקומען דעם דיפּלאָם אָפּפאָרן אַפן באַם. נאָר וויאַזוי איר דערקלערן זײַן באַשלוס? צי וועט זי עס וועלן פאַרשטיין? און פּונקט ווי מע פירט אַ דײַטלעכע ליניע איבער אַ צייכענונג, פון וועלכער ס׳ווערט פאַרלאַנגט בלויז געאָמעטרישע שטרענגקײַט, פּונקט אַזוי אַנטשלאָסן הייבן אָן קלינגען זײַנע רייד:

— איך בין זיכער, אַז דו וועסט פאַרשטיין. צו דער בויונג פון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל ציִען זיך איצט אַלע.

ער ווערט אַנשוויגן. זי רעדט אויך קיין וואָרט ניט אַרויס. אַפילו אַ רעגע ווערן אויך אַנשוויגן אַלע אַרומיקע קלאַנגען. נאָר די אויערן בײַ איר זײַנען פול מיט אומרו, און אַ ריטמיש קלאַפּן האַמערט אין די שלייפן.

פּלוצעם טוט זי אַ פאַרצי די ברעמען, וואָס צעטאַנצן זיך פון אינווי־ניקסטן אומרו, און די אויגן שטעלן זיך אָפּ אויף אים מיט אַ פאַרשעריש פײַערל...

וואָס זאָל באַטײַטן אָט דער שווײַגנדיקער בליק?
קיין ענטפער איז ניט געקומען.
שווײַגן איז די שעמעוודיקײַט פון פאַרליבטע.

זי האָט ניט געקענט אָדער עפּשער ניט געוואָלט אויסדריקן דאָס, וואָס זי האָט געפּילט. נאָר אירע אויגן האָבן געקוקט אזוי, ווי זי וואָלט מיט זיי ארומגענומען די גאנצע שיין פון דער זון, וואָס איז געהאנגען איבער דעם שיינעם פרילינג, און ס'האָט געפּלייצט פון זיי א קלאנגלאָזע מעלאָדיע, פאר וועלכער ס'האָט אקאָמפּאנירט דער צערטלעכער ברום פון דעם ווינט אין די בערג.

דערנאָך איז געווען דער אָוונט פאר זיין אוועקפאָרן.

אין יענעם אָוונט האָט זי לאנג מוזיצירט. כוואליעס קלאנגען האָבן זיך געטראָגן אין דער נאכט אריין. שטארקע, בונטע, צעפלאקערטע. און געווען איז אין זיי דער פלאטער פון א ברענענדיק קאָל:

— איך פארשטיי, פארשטיי...

אזוי שפּילן האָט ער זי נאָך קיינמאָל ניט געהערט. די קלאנגען האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין א מעכטיקער און וואונדערלעכער הארמאָניע, און א געמיש פון אקאָרדן האָט אי געלאכט, אי געוויינט...

וויפל זשע צייט איז פארביי?

די צייט, דאכט זיך, האָט אנגעוואָרן די מאָס, פארלאָרן די גרענעץ.

אין זיינע בריוו האָט ער איר דערציילט פון ווינטערדיקע פרעסט, וואָס אפילע קיין אייזן האלט זיי ניט אויס, און פון זומערדיקע היצן, ווי אין דעם מידבער. דערציילט פון בריקן, וואָס זאָטלען אָן אָפּגרונטן, און פון בריקן, וואָס רעכענען זיך ניט מיטן טייך...

און זי האָט אין איר לעצטן בריוו אים געענטפערט:

„טייערינקער מיינער!

איצט איז בא אונדז טיפע נאכט. בא דיר דאָרט איז העלער טאָג, און דו ביסט זיכער אויף דיינע בוינגען. בא אונדז איז שוין ווידער פרילינג. די סעדער בליִען, און די בערג גרינען מיט יונגן גרינס. איך שרייב דיר דעם בריוו אונטערן איינפלוס פון דערמאָנונגען, וואָס זיינען מיך פּלוצעם באפאלן. מיר ווילט זיך כאָטש אין געדאנק אומקערן אונדזער פארגאנגענהייט.

דו ווייסט דאָך, אז איך האָב געגארט אין לעבן נאָך א טיפער און שטארקער ליבע. איך האָב קיינמאָל ניט אנערקענט קיין פארוויינטע אָדער בענקענדיקע. מיר איז צום הארצן געווען נאָר טרערן פון פרייד. און אָט האָב איך געלאָזט א טרער. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז איינינעם מיט מיר האָט די נאכט אויך א כליפּע געטאָן...

איך ווייס, אז דו וועסט קומען צו מיר, ווי נאָר דו וועסט זיך אָפּפּארטיקן מיט דיינע בריקן. צומאָל דאכט זיך מיר, אז איך הער, ווי דער ווינט זינגט אין דעם געפלעכט פון די בריקנבויגנס, און די פינגער מיינע נעמען לויפן איבער די קלאווישן. דו האָסט דאָך שטענדיק געלויבט מיין שפּילן.

היינט האָב איך, גייענדיק איבער דער גאס, פארבלאָנדזשעט צום אוניווערסיטעט, ווו דו האָסט געלערנט. די פיס אליין האָבן מיך פארטראָגן אהין. און מיר האָט זיך געדאכט, אז אָט וועסטו ארויסקומען און מיר וועלן, ווי אמאָל, אוועק אין א לאנגן שפּאציר...

וויפל זשע צײַט איז פאַרבײַ זינט יענעם „אַמאָל“?

לויט דעם קאַלענדאַר — אַ יאָר פיר. לויט די געפאַרן און שוועריקייטן, וועלכע אים איז אויסגעקומען דורכמאַכן, איז אַ לעבן אויך צו ווייניק.

כאַדאָשים האָבן זיך געקייטלט אין אָנגעשטרענגטע פאַרהאָרעוועטע איינדערוואַכנס. פון מײַרעוו ביז מיזרעך, איבער יאַרן און אָפּגרונטן, איבער שאַלקהאַפטיקע ריטשקעלעך און שטורמישע טײַכן זײַנען געהאַנגען בריקן, אין וועלכע ער האָט אַרײַנגעכעזשבנט אויך זײַן כיילעק.

נאָר אַ בריק, ביז זי פאַרייניקט ניט ביידע ברעגן, איז אַ באַגריף קימאַט אַן אַבסטראַקטער — אַ לאַבירינט פון צייכענונגען און כעזשבוינעס, צעפירטע איבער ווײַסע וואַטמאַן־בויגנס. זי ווערט ערשט ווירקלעכקײַט, ווען שטאָל צו שטאָל שווייסט זיך צונויף אין איין גאַנצקײַט.

וואָלט עמעצער אים געזאָגט מיט אַ צײַט צוריק, אַז אַזאַ ריז, ווי די בריק איבער דעם שטורמישן טײַגע־טײַך בורייע, קאָן מען אופשטעלן פאַר געציילטע דרײַ כאַדאָשים, וואָלט ער ניט געגלייבט, ס׳וואָלטן זיך אים ניט געלייגט אפן סייכל אַפילע די בעסטע אינזשעניערישע אויסרעכענונגען.

און אָט שווימען בלומען אָף די בורייע־כוואַליעס. און אויבן, איבער די כוואַליעס, פירן שוין שאָפערן די ערשטע קאָלאָנע לאַסט־אויטאָמאָבילן.

אָבער דער וועג פון די, וואָס האָבן די בריק געבויט, איז ניט געווען מיט בלומען פאַרזייט. ס׳זײַנען געווען שנײַדיקע טעג און נעכט.

און אָט האָט די בריק זיך אויסגעצויגן אין איר גאַנצער קילאָמעטערדיקער לענג. ס׳דאַכט זיך, אַז ערגעץ דאָרט, אין קאָמסאָמאָלסק, ענטפערט איר מיט אַ פריידיקן אָפּקלאַנג אַ צווייטע בריק איבערן אַמור, גלײַך ווי צוויי סטרונעס, אָנגעשטעלטע אין אוניסאָן: צעשפּילט זיך איינע, — רופט זיך אָפּ די צווייטע.

ער איז געשטאַנען באַם ברעג און קיין אויג ניט אָפּגעריסן פון איר מעכטיקער קראַפט, פון איר פּראַכט, פון דעם וווּנדערלעכן געפלעכט פון שטאָל און אײַזן. אָט דער וווּנדער איז געווען ווי אַ ליד, ווי אַ סימפאָניע. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט נאָרוואָס אופגעהויבן אָף זײַנע הענט אָט די גאַנצע פילטאָניקע מאַסע און זי אַוועקגעשטעלט אָף די שטיצזײַלן, זי זאָל שטיין אַזוי אין אייביקײַטן.

ווען ס׳איז געקומען די צײַט פון שטורמישן אײַזגאַנג, האָט די בורייע מיט אַ בּרייטן שטראָם געבראָכן גרויסע הליבעס אײַז, זיי געטריבן מיט אַ ווילדקײַט צו די אײַזברעכער, און זיי זײַנען צעשפּאָלטן, צעקרישלט געוואָרן און אַוועקגעשווומען מיט פרייערכע ווירבלען.

די בריק האָט אויסגעהאַלטן דעם ערשטן גרויסן אײַז־שטורעם.

אינגיכן אָבער איז איר באַשערט געווען זיך אַנטקעגנשטעלן אַ פיל גרעסערן ניסאָיען, ווי דער שטורמישער אײַזגאַנג.

דער פרילינג האָט געהערשט אומעטום.

אין די ווײַטע באַרגאָפּהאַנגען, ערטערווײַז נאָך באַדעקטע מיט שניי, און אין די זומפּיק־צעווירטע טאָלן. אין די אַלטע ווײַסשטאַמיקע בערעזעס און צעגרינטע לאַרכנביימער האָבן פייגעלעך זיך געייסעקט, און בלויע רינגען פון אופגעבליטן באַגולניק האָבן אַרומגעגאַרטלט די סאָפּקעס.

מײַ!

כאַטש אין די בערג האָט מיט א טאָג פריִער געגאָסן א שלאַקסרעגן, האָבן די סינאַפּטיקער ניט פאָרויסגעזאָגט קיין שום סאַקאָנעס.

לײַכטע הויכע וואָלקנס האָבן זיך געדרייט איבער די שפּיצן פון בר־רייִישן באַראָקן, און די טײַגע, א דערפרישטע פון נאַכטישער קילקייט, האָט באַגעגנט א נײַעם זוניקן פרימאָרגן.

באַלד נאָך האַלבן טאָג האָט אָבער א פאַרפלייצונג באַפאַלן די געגנט, באַפאַלן פלוצעמדיק, שטורמיש־ווילד און אומפאַרמײַדלעך, ווי א לאַווינע.

מיט א מעכטיקן געבריל האָט די בורייע, ווי א צעכושטע, געטריבן אירע קאַלעמוטנע וואַסערן, און דער עכאָ האָט ווײַט און הילכיק איבערגע־כאַזערט איר קאַס. אַלץ, וואָס איז איר געשטאַנען אין וועג, איז אָפּגע־שווענקט געוואָרן. ביימער, אַרויסגעריסענע מיט די וואָרצלען, איבערגעקער־טע שיפלעך, פעסער זײַנען געשוווּמען אין א כײַישן קרײַזלויף. א ווײַסער שטויב איז געהאַנגען איבערן טײַך, און פייגל זײַנען מיט א דערשראָקן געשריי אָפּגעפלויגן פון די ברעגן, ווי זיי וואָלטן מוירע געהאַט, אז די צעבושעוועטע בורייע זאָל זיי ניט פאַרטרינקען.

אַלץ, וואָס דער טײַך האָט געטראָגן אויף זײַן אויבערפלאַך, האָט טעמפּ געהאַקט אין די אײַזבערעכער און שטיצזײַלן, זיך פאַרטשעפּעט אין זיי. און גיך איז אויסגעוואַקסן א פאַרפּראַפּונג, וועלכע האָט געהאַמעוועט דעם זידנדיקן שטראָם, פאַרשפּאַרט פאַר אים דעם וועג. און עס האָט זיך גע־דאַכט, אז די ברויזנדיקע וואַסערן זײַנען אימשטאַנד אופּצוּוועקן אַלע בייזע קויכעס פון דער וועלט.

יעדער מינוט האָט די בריק געקאָנט זיך אײַנברעכן אונטערן שווערן דרוק פון דער טײַוולשער שטויסקראַפט.

מענטשן מיט העק, לאָפּעטעס, געדרייטע שטריק, האָבן זיך געוואָרפן צענעמען דעם אָנוואַלגער. מינוטן און שאָען האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין באַוועגונג, אין איין ריטם, שרעק, ווייטיק... ס'האָט זיך געדאַכט, אז ניט די בורייע ווילדעוועט אונטער דער בריק, נאָר אירע שטיצזײַלן און אײַזברעכער וואַקלען זיך, רירן זיך פון די ערטער. און מענטשן האָבן בלויז געבעטן, ס'זאָל אזוי גיך ניט פינצטער ווערן, די זון זאָל וואָס לענגער זיך פאַרהאַלטן.

די נאַכט אָבער איז צוגעפאַלן מיט שווערע רעגנכמאַרעס. פונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען? די אזוי אויך געפּאַרפּולע אַרבעט איז פאַרשווּעריקט געוואָרן. ערגעץ אין סאַמע מיטן טײַך האָט אין קלעם זיך געפונען איינער פון די הויפּט־שטיצזײַלן. די וואַסערן האָבן ניט געקאָנט זיך דורכרײַסן און געשטיגן אין דער הייך. די בריק האָט געהודיעט, וויברירט אונטער די פיס. פּלוצעם איז עמעצער אַריבערגעשפּרונגען דעם געלענדער, און ווען די שײַן פון די פּראָזשעקטאָרן, וואָס האָבן געשמיסן מיט בײַטשן ליכט, האָט אים אָנגעטאַפּט, האָט זיך דערהערט אן אויסרוף פון א צענדליק מײַלער מיטאַמאָל:

— פּי־מאַ, דערזשיס![1]

און פון אונטן האָט אָפּגעענטפערט א שטרענג, באַפעלעריש קאָל:

---

[1] פּימע, האַלט זיך! (רוס.).

— טראָס דאָוויי![1]

ער האָט פלינק זיך געאמפּערט מיט דעם אָנגעהויפּנטן ווינטברוך. דאָס וואַסער האָט מינוטנווייַז אים דערגרייכט ביז דער ברוסט, געקילט דעם קערפּער, וועלכער איז ערשט ניט לאַנג געווען נאַס פון שוויס. און אונטער אים האָט געבושעוועט א טונקעלער אָפּגרונט.

ער איז געווינט געווען נאָך פון קינדווייַז בא זיך אינדערהיים צו באַלאַנסירן, ווי א קאַנאַטן־טענצער, איבער נאַסע גליטשיקע קלעצער, פאַרטראָגענע צו סקאַלעס, דורך שטורמישע בארגטייַכן.

צי האָט ער זיך אָפּגעגעבן א כעזשבן, אז ער שטעלט אין קאָן זייַן יונג לעבן?

נאָר אויב די בריק איז אין א געפאַר?

איז זייַן אייגן לעבן מיטאמאָל געוואָרן ווייַט פון אים. זייַן אייגענע סאַקאָנע האָט זיך אָפּגעטיילט פון אים. ער איז געווען אַרייַנגעשלונגען אין א טויט־געפאַר, אָבער ער האָט זי ניט געזען, ניט באַנומען, ניט געפילט...

וויפל איז דורכגעגאַנגען צייַט? א מינוט, צוויי, צען?

פּלוצעם האָט זיך דערהערט א פאַרטויבנדיקער אופּרייַס, ווי די וועלט וואָלט אייַנגעפאַלן. די בורייע האָט זיך געוואָרפן און געשלייַדערט אין א וויסטן געלויף...

ער איז בייַגעקומען די אָנגעטראָגענע דאַמבע, וואָס האָט געהאַלטן פאַרשפּאַרט די וואַסערן. און די בריק, אופגעבויט פון זייַנע טרוימען, האָט אויסגעהאַלטן דעם ווילדן שטורעם.

בריקן אָבער ווערן געבויט ניט נאָר פון טרוימען, נאָר מיט דער הילף פון שרייַפּעלער און באַלקן. און אין יעדן שרייַפּעלע, אין יעדן באַלקן איז געווען אַרייַנגעכעזשבנט אויך א טייל פון זייַן מויעך, פון זייַן האַרץ...

ווען מע האָט אים אַרופגעצויגן, ניט טויט, ניט לעבעדיק, אַראָפּגעשלעפּט פון אים די נאַסע קליידער און געהאַלפן איבערטאָן זיך אין טרוקענע, האָט ער, קלאַפּנדיק א צאָן אין א צאָן, שפּאַסיק זיך געבעטן:

— רעביאַטקי, כעוורע טייַערע, ס'איז מעסוקן קאַלט, און איך בין א צעפּעסטעטער. פון ווייַטן דאַרעם־מייַרעוו בין איך...

און נאָר די בריק, פון ברעג צו ברעג, איז געשטאַנען באַוועגלאָז און רויִק צווישן דעם אַלגעמיינעם געטומל.

ערגעץ אין דער נאָענט האָט א פויגל א פּאָכע געטאָן מיט די פליגלען:

מאָרגן וועט זייַן א שיינער טאָג.

דעם פויגל מעג מען גלייבן.

דערווייַל איז די נאַכט געשטאַנען א קאַלטע, אן אויסגעווייקטע. צו די וואַגאָנדלעך זיך דערקלייַבן איז געווען ווייַט, און מע האָט באַדאַרפט פריִער זיך א ביסל דערוואַרעמען. איז אָבער ניט געווען קיין שטיקל פּאַפּיר אַף צעצינדן א פייַער. דעמלט האָט ער אַרויסגענומען פון דער קורטקע דאָס סאַמע טייַערסטע — א בריוו פון זייַן געליבטער, און דער שייַטער האָט זיך צעברענט.

ס'איז געווען אין דער טייַגע א נאַכטישע קעלט. און ס'איז געווען די ליבע פון א מיידל, די ליבע, וואָס האָט אַלעמען דערוואַרעמט...

---

[1] דערלאַנג דעם טראָס! (רוס.).

דער שײַטער האָט געטרעשטשעט, די פלאמען האָבן אומרויִק געטאנצט, באלויכטן מיט א מאטער שײַן א קליינעם שעטעך. ווײַטער האָט די פינצטערניש זיך געקנוילט שווארץ און הויך ביזן הימל. די נאכט האָט פארהוילן געקלונגען אין די צווײַגן פון סאָסנעס און לארכנביימער. און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז ער הערט ווײַטע קלאוויר־טענער. אָט ליכטיקע, שאלנדיקע, צעשפליטערטע אין טויזנטער קלאנגען, און אָט שטילע און צארטע, ווי די בענקשאפט פון פארליבטע. ווּהין האָט געפירט די בענקשאפט? צו די פארגאנגענע טעג אין די ווײַטע קארפאטן־בערג? צי עפשער צו דער צוקונפט?..

ווען איך בין מיט דעם יונגן אינזשעניער יעפים מעדריש צוגעפאָרן צו דער בריק, איז שוין לאנג געווען אלץ פארבײַ. אונטער די רעדער פון אונדזער „גאזיק" האָט זיך געשטויבט דער וועג, וואָס איז מיט א צײַט צוריק געווען דער דנאָ פון א יאם. און די בורייע, אויסגעמאטערט פון איר איגענער ווילדקײַט, איז רויִק געגאנגען איר אייביקן גאנג. די פארפלייצונג האָט ניט איבערגעלאָזט קיין שום שפורן. אויב עפשער נאָר איין שפור אין יעפימס הארצן — דער שפור פון א שפרונג אינדערפינצטער.

# 2. אין פלאָנטער פון פײַער

אין יענעם טאָג איז די זון געהאנגען איבער דער וועלט, ווי א ריזיקע פײַערדיקע רייף, און געסארפעט מיט אלע קויכעס. דער טערמאָמעטער האָט געוויזן העכער דרײַסיק גראד אין שאָטן. בלויז אין דער טיף פון דער טײַגע, א פארטראכטע און פארשטומטע אין איר אייביקײַט, האָט די היץ ניט געבראָטן אזוי שטארק.

צוויי געאָלאָגן, אָפגעטײלטע פון זייער באזע אף עטלעכע מײַל, האָבן אין יענעם טאָג אנטדעקט א געדיכט באוועלדערטע סאָפקע, און געפונען דאָרט דאָס, וואָס זיי האָבן א לאנגע צײַט געזוכט:

ארץ!

זיי האָבן געקליבן מוסטערן פון קאָלערליי שטיינער און בארג־ערד און געווען אזוי פארטיפט אין דער ארבעט, אז זיי האָבן אפילע ניט באמערקט דאָס דינע רויך־הײַטל, וואָס האָט אף א רעגע פארשטעלט די זון.

זיי זײַנען געווען אינצווייען — ער און זי.

ביידע יונג. ביידע פארליבט אין זייערע געאָלאָגישע זוכונגען, און דאָס יונגע לעבן האָט געשוימט, געפלייצט, געזונגען ארום זיי.

זי איז געגאנגען א פאָר שפאן פאָרויס. אירע טונקל־בלאָנדע האָר זײַנען געווען צעפלאָכטן, א בלייך־גאָלדיקע פארב האָט פארגאָסן אירע באקן, און די ציין האָבן ארויסגעבליצט פון די פולבלעכע ליפן, וועלכע האָבן געשפילט מיט א ווײַבערישער און קינדערישער זיסקײַט.

פון מאָל צו מאָל האָט זי א קער געטאָן צו אים איר פּאָנעם. אים צוגעוואָרפן א שמייכל, א בליק, א הילכיק וואָרט, וואָס די סאָפקע האָט עס באלד אופגעכאפט, צעטראָגן ווײַט איבער דער טײַגע, און אין זײַנע אויגן האָט געגליט עפּעס א מאָדנער פלאם.

זי האָט ניט שטאַרק געקימערט, וואָס די קאָנסערוון זײַנען שוין געווען אופגעגעסן, דאָס ברויט האָט זיך אויך שוין געענדיקט, געבליבן איז בלויז א פעקל סוכאַרעס, די אַרבעטס־מאַכשירים און די קאַרטע, אָן וועלכע בלײַבן אין דער טײַגע באַטײַט א זיכערער אומקום. דערפאַר אָבער האָבן זיי אין די רוקזעק געטראָגן אָן אויצער ניט בלויז פון פאַרשיידענע מינים ערץ, נאָר אויך פון א סאַך מינעראַלן.

פּלוצעם האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, מיט א שנעלער באַוועגונג פאַרשאַרט די האָר, וואָס דער ווינט האָט פאַסמעסווײַז צעוואָרפן איבער איר פּאָנעם, און איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, אים קורץ א זאָג געטאָן:

— האַכט זיך, דער ווינט טרײַבט פון מײַרעוו א געדיכטן רויך...

זי האָט די ווערטער אַרויסגעבראַכט אַף אַזויפיל אומרויִק, אַז דער שמייכל, וואָס האָט א שטראַל געטאָן אַף זײַנע ליפּן, איז געבליבן א פאַר־גליווערטער. די אויגן־אַפּלען האָבן זיך בא אים אויסגעברייטערט, און ער האָט שטיל, מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם איר געענטפערט:

— מיר ווײַזט זיך אויך אַזוי אויס.

נאָר די אַרבעט האָבן זיי ניט איבערגעריסן. צו פאַרלאָקנדיק איז געווען די סאָפּקע, צו לאַנג האָבן זיי געזוכט דאָס אָרט.

אין א מין שאָ אַרום האָט דער ווינט זיך פאַרשטאַרקט. די קרוינען פון די ביימער האָבן זיך צעוויגט אַזוי, ווי זיי וואָלטן געפּרווט זיך אַרויסרײַסן פון די ערטער און אַנטלויפן וואָס ווײַטער, נאָר די וואָרצלען האָבן זיי ניט געלאָזט. וועווערקעס האָבן אַרומגעהאַוועט, ווי געלע פונקען, געשפרונגען אַף מיזרעך. א פויגל האָט זיך צעשריגן, און זײַן יאָמערלעך געשריי האָט געטראָגן פּאַכעד.

זי האָט א צווייט מאָל זיך אָפּגעשטעלט. א צי געטאָן מיט די נאָזלעכער, גלײַך זי וואָלט אײַנגעזויגן עפּעס א שאַרפן רייעך, און פון אופרעגונג האָט איר ברוסט זיך געהאַלטן אין אײן הייבן און אַראָפּלאָזן:

— די טײַגע ברענט!

איר שטים האָט באַקומען עפּעס א מעשונעדיקן קלאַנג, ווי די ווערטער וואָלטן געפּלאָסן פון אומבאַקאַנטע קוואַלן. זי האָט געקוקט אַף אים מיט א בלאָנדזשענדיקער שרעק אין די פאַרנעפּלטע אויגן. ער אָבער האָט זיך גע־פּאַרעט מיטן רוקזאַק, אָט אים צעבונדן, אָט ווידער צוגיפּגעשנורעוועט. ער האָט אַקשאָנעסדיק ניט געוואָלט אופכאַפּן אירע צעשראָקענע בליקן, ווײַל אין זיי איז געווען דער שרעקלעכער עמעס — א פײַער גייט אַף זיי פון מײַרעוו, עס טיילט זיי אָפּ פון דער סרייפע אינגאַנצן א מעהאַלעך פון א צען קילאָמעטער, און זײַנע אויגן האָבן זיך אײַנגעגעסן אין דער ווײַט.

— אַן אייבערשטע סרייפע, — האָט ער א פליסטער געטאָן אַזוי ווי צו זיך אַליין, און זי האָט באַמערקט, ווי זײַן פּאָנעם האָט מיטאַמאָל פאַרצויגן א בלייכקײַט.

וואָס אַזאַ סרייפע באַטײַט, האָבן זיי גוט געוווּסט. דער ווינט יאָגט דאָס פײַער אונטער די וואָלקנס מיט א געשווינדקײַט פון אַן עקספּרעס־צוג, צינדט אָן צוערשט די אייבערשטע ביימער־שפּיצן, דערנאָך פאַלט עס אַראָפּ מיט א ווילדער טראַסקערײַ, ווי א פײַער־פויגל, און דעמלט ברענט הימל און ערד.

פאַרהאַלטן די צײַט איז געווען אומעגלעך. מע האָט נאָר באַדאַרפט

ארויסרײַסן פֿון איר אַזױפֿיל, װיפֿל ס׳װעט זיך אײַנגעבן אָפּ קאָנען זיך דער־װײַטערן פֿון דער סאַקאַנע.

זײ האָבן זיך געלאָזט אין װעג. געגאַנגען אָפּ מיזרעך. אַלעמאָל איז זײ אױסגעקומען זיך דראַפּען איבער אָנגעװאַלגערטע ביימער, זינקען אין טיפֿן מאָך. יעדער שפּאַן האָט זײ אָפּגעגאָסן מיט קאַלטן שװײס, און די פֿולגע־פּאַקטע רוקזעק האָבן זײ געשלעפּט אָפּ צוריק.

איר איז געװען לײַכטער אַ ביסל, װײַל קימאַט אַלע באַרג־מינים האָט ער איבערגעלאָדן אין זײַן רוקזאַק.

— פּאַרזיכטיק, — האָט זי אים געװאָרנט, און אַלײן זיך באַמיט גײן פּאָרזיכטיק, װײַל זי האָט געװוּסט, אַז אױב זי װעט אין אײַלעניש אױס־װיכנען אַ פֿוס, װעט אים אױסקומען זי טראָגן אָפּ זיך.

איבער זײערע קעפּ זײַנען געשפּרונגען װעװערקעס, געפֿלױגן פֿײגל. אַלץ, װאָס לעבט, האָט איבערגעיאָגט די צװײ געאָלאָגן.

ס׳איז געװאָרן שװער צו אָטעמען.

דאָס פֿײַער איז זײ נאָכגעגאַנגען. געקנאַלט ,געטרעשטשעט, געשאָטן מיט פֿונקען, און אָפּגעשפּאָלטענע שטיקער סרײפֿע האָבן זיך געפּלאָנטערט אין די קרױנען פֿון די בײמער.

— עפּשער איבערלאָזן די רוקזעק?.. — האָט זי מער מיט די אױגן, װי מיט די ליפּן פֿאַרגעלײגט.

— איבערלאָזן די רוקזעק? — האָט ער איבערגעפֿרעגט אַזױ, װי ער װאָלט זײַן אײגענעם געהער ניט געטרױט. — נײַן, קײנמאָל ניט! דאָרט זײַנען די מוסטערן פֿון ערץ, דאָרט איז די קאַרטע מיטן אָנגעצײכנטן אָרט...

און דאָך איז ער אָפּ אַן אױגנבליק באַהערשט געװאָרן פֿון עפּעס אַ שרעק. זי האָט אַ כלינע געטאָן אָפּ אים, װי אַ צעבושעװעטער פֿלאַם, גע־בריט דעם מױעך. ער האָט װי פֿון אַ זײַט דערזען דאָס יאָגנדיקע פֿײַער, און פּלוצעם דערפֿילט זיך אײַנגאַנצן אַ קלײניקער, אַן אומבאַהאָלפֿענער קעגן דער אומגעצױמטער סטיכיי.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אָפּ דער קאַרטע האָט ער געהאַט באַמערקט אַ דין בלױ שלענגעלע ערגעץ ניט װײַט פֿון דעם אָרט, װוּ זײ געפֿינען זיך. אין אײַלעניש האָט ער ארױסבאַקומען די קאַרטע, אױסגעװישט די אױגן, אָנגעפֿולטע מיט רױך, און אופֿמערקזאַם זיך אײַנגעקוקט אין יעדער ליניע, אין יעדן בײגל.

— שטײ! — האָט ער אױסגערופֿן ניט מיט זײַן קאָל, און זי האָט באַ־דאַרפֿט אָנשטרענגען געװױנג קױעך אָפּ זיך אָפּשטעלן.

זי האָט געװוּסט, אַז די קאַרטע װעט זײ ניט צוגעבן קײן גיכקײַט, ניט פֿאַרשטעלן פֿאַר זײ דאָס פֿײַער, װאָס הודיעט שױן גאָר נאָענט. די קאַרטע האָט אָבער פֿאַרט געקאָנט עפּעס אונטערזאָגן.

ער האָט איר אָנגעװיזן אָפּ אַ בלױ שנירעלע, װאָס געפֿינט זיך איבגאַנצן אַ פּאָר קילאָמעטער פֿון זײ. מע דאַרף נאָר פּאַרקערעװען אָפּ רעכטס.

און זײ זײַנען שװײַגנדיקע אַװעק אָפּ רעכטס.

זײ זײַנען געגאַנגען, געגאַנגען, נאָר פֿונעם פֿײַער אָפּ אַ האָר זיך ניט דערװײַטערט. פּאַרקערט, דאָרט, װוּ זײ האָבן געשטעלט זײערע טריט, האָט דאָס פֿײַער זיך ארױסגעריסן פֿאָרױס, און מע האָט באַדאַרפֿט זיך דורכ־שלאָגן דורך אַ פֿײַערדיקער ליניע, קעדײ צו דערגרײכן דאָס טײַכל.

זיי האָבן געבלאַנדזשעט צווישן ביימער, וואָס זייער קאָרע האָט גע־פלאַצט פון היץ, און די קרוינען האָבן געפלאַקערט, ווי פאַקעלן. זיי האָט זיך אויסגעוויזן, אז אָט־אָט צינדן זיך אָן זייערע קליידער, און דאָס וועט הייסן זייער סאָף, ווײַל אפילו די פײַכטע ערד, וואָס וואָלט געקאָנט זיי לעשן, ציטערט אויך פאַר די אָנקומענדיקע פלאַמען.

איצט האָט ער געשפאַנט פאָרויס, געמאַכט א ווארע, און זי האָט גע־פילט, אז אויב זי וועט אומפאַלן, וועט קיין שום קויעך זי מער ניט אופ־הייבן. און ווען זי איז טאַקע געפאַלן, איז ער צוגעשפרונגען צו איר — פאַרשוויצט, קוים זיך האַלטנדיק אַליין אויף די פיס.

— טײַערינקע, שטיי אויף... שטיי אויף וואָס גיכער, ליבע מײַנע...

דאָס איז געווען זײַן ערשטע ליבע־דערקלערונג, אויף וועלכער זי האָט אזוי לאַנג געוואַרט...

די ווערטער האָבן באַרויִקט. אין זיי איז געווען זיכערקײַט און צוטרוי. געווען טרייסט און האָפענונג. דער קויעך פון דער באַרוואָס אנטפּלעקטער ליבע האָט דערוויַיטערט די געפאַר. זי האָט זיך אופגעהויבן און לײַכט, מיט א צעשפּילט הארץ, זיך געריסן צוזאַמען מיט אים דורכן פײַער דעם טײַכל אנטקעגן. ניט פילנדיק קיין שרעק, ניט פילנדיק די פיס. א הייסער שטראָם האָט מיטאַמאָל אָפּגעשווענקט איר מידקײַט.

און ווען ער איז אומגעפאַלן, דעמלט האָט זי געפליסטערט, קוים הערנ־דיק איר אייגענע שטים:

— איינציקער מײַנער, שטיי אויף...

ער האָט אופגעכאַפּט אירע צעשראָקענע בליקן. דערפילט אויף זײַן פּאָנעם אירע פײַכטע אויגן, ער האָט זיך אופגעשטעלט אזא הויכער, זיך ארומגע־קוקט, גלײַך ער וואָלט זיך געשעמט מיט איר צערטלעכקײַט...

און די סרייפע האָט געהוליעט פון אַלע זײַטן, און די פלאַמען האָבן געטאַנצט א שיידים־טאַנץ.

מיטאַמאָל איז זי ווידער אומגעפאַלן. די סרייפע האָט זיך אויסגעלאָשן, ס'איז פינצטער געוואָרן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זי האָט זיך אופגעכאַפּט פון קעלט, אופגעעפנט די אויגן און דערזען — ער שטייט איינמיטן א טײַכל, האַלט זי, ווי א קינד, צוגעטוליעט צו דער ברוסט. און רײַסט ניט אָפּ זײַנע בליקן פון איר פּאָנעם, פון אירע צעעפנטע אויגן.

— מיר זײַנען געראַטעוועט...

זי האָט געפילט זײַנע ווערטער, ווי זיי וואָלטן גלײַכצײַטיק געווען לײַכט, ווי פוך, און שווער, ווי בלײַ. דאָס זײַנען געווען ווערטער פון א מענטשן, וואָס האָט ניט דאָס ערשטע מאָל שוין פאַרזוכט דעם טאַם פון פײַער.

זיי איז נאָך לאַנג אויסגעקומען צו גיין מיטן שטראָם, ארומגערינגלט פון פײַער־ווענט. זיי האָבן געוווּסט, אז מאָרגן וועלן די בראַנדצייכנס אופן פּאָנעם, אויף די הענט פלאַמען מיט אומדערטרעגלעכער היץ, נאָר דאָס סאַמע שרעקלעכע איז שוין פאַרבײַ...

איבער זיי האָט זיך געשפרייט א טונקעלער הימל, דורכגעוואָרפן מיט שטערן. און ס'איז ניט געווען אויף אים קיין איין וואָלקן, וואָס זאָל אויסלעשן די לעוואָנע.

איך האָב געזען די פּאַרקוילטע ביימער, צעפּרעסענע פון סרייפעס. איך האָב זיך געטראָפן מיט די צווײ געאָלאָגן, הײַנט שוין מאַן־און־ווײַב, געעל־טערטע אויף א צענדליק יאָר. מיט א פּאָרטראַגענעם שמייכל פון א גליקלע־כער דערמאָנונג האָבן זיי מיר דערציילט די אויסטערלישע געשיכטע.

## 3. פליען טויבן פאָרן...

ס'איז געווען די צווייטע העלפט מאַרט. איר איז געגאַנגען דער צוואַנ־ציקסטער פרילינג אין לעבן און דער ערשטער אויפן באַם.

זי איז געווען א קראַנקן־שוועסטער, און געקומען צו פאָרן פונקט דעמלט, ווען א נאַרוואַס אופגעבויטער שפּיטאָל האָט געפייערט כאַנוקאַס־האַבאַיס. מע האָט זי פריינטלעך באַגעגנט. ווי א יונגער בוים, וואָס מע האָט פאַרפלאַנצט אין א נײַעם באָדן, האָט זי באַדאַרפט זיך איינוואָרצלען אין א נײַ לעבן. באַדאַרפט דערפילן דעם אייגענעם קויעך צווישן הימל און טײַגע, און זי האָט זיך גיך איינגעהיימישט אין דער האַרבער סיבירער ווירקלעכ־קייט. דערצו האָט ניט ווינציק מיטגעהאָלפן איר פּראַקטישקייט, איר צו־געלאָזטקייט און איר אויסטערלישער כיין.

אַזוי האָט זי, אַשטייגער, נאָכן ענדיקן א מעדשול און נאָכן ווערן א כירורגישע שוועסטער, זיך געיאָוועט אין געגנטקאָם פון קאָמיוג און זיך געבעטן אויפן באַם. מע האָט איר דערקלערט, אַז אַזעלכע ספּעציאַליסטן דאַרף מען דערווײַל ניט, מע דאַרף מאַליערס, שטוקאַטורן.

— גוט, נעמט מיך פאַר א מאַליער, פאַר א שטוקאַטור.

און זי האָט גענומען דערוויזן, אַז אָן איר וועט דער באַם זיך ניט קע־נען באַגיין.

א גאַנץ יאָר איז זי אַזוי געגאַנגען וואָך נאָך וואָך. און ווען זי האָט ענדלעך געפּויעלט, האָבן א שפּיל געטאָן אַלע אירע זיבן כיינען.

א געבוירענע אין די שיינע מאַלערישע קאַרפּאַטן, איז זי געווען א באַ־ווײַז פון אָט דער דאָזיקער שיינקייט. איידל, שלאַנק, מיט פעך־שוואַרצע קורץ געשוירענע האָר, גרוילעכע מאַנדל־פאַרביקע אויגן, וואָס האָבן גע־בלענדט מיט א בלויער שאַטירונג, און אויף איר טונקלהויטיק פּאָנעם זײַנען פאַרשריבן געווען די איידעלע שטריכן פון דער שענסטער מענטשלעכער מײַלע — גוטסקייט.

זי איז געשטאַנען אין דעזשור־צימער באַם פענצטער און אַרויסגעקוקט צום פאַרשנייטן דרויסן. אויף יענער זײַט האָט, ווי א ווײַסער נעפּל, זיך גע־הויבן צו די רויקע הימלען א דיכער שנייקער רויך, גלײַך די טײַגע וואָלט געברענט פון אַלע זײַטן מיט א ווײַסער סרייפע. און עס איז ניט געווען קיין כילעק פון דער דרויסנדיקער ווײַסקייט און דער אינווייניקסטער, וועלכע האָט זי אַרומגענומען.

נאָר וואָס איז עס? צי דען האָט, ווי א שאָטן, דורכגעשווינדלט פאַר די אויגן א באַקאַנטע מענערישע געשטאַלט?

ניין, איר האָט זיך נאָר אויסגעוויזן.

אין פענצטער האָבן אַרײַנגעקוקט הויכע סאָסנעס, שווער זיך געבויגן

צו דער ערד, און דער שניי האָט פאַרדעקט די קרוינען אַזוי, אַז ס'האָבן אײַנגאַנצן זיך ניט אָנגעזען די גרינע צווײַגן.

וואָס פאַר אַ קראַפט וועט זיי דערוואַרעמען, צווינגען נאָכאַמאָל אויפלעבן, אָנפילן דעם אָרום מיט שאַרפע סמאָלע־רייכעס?

פאַרשטייט זיך, אַז דער פרילינג.

נאָר טראַכטן וועגן פרילינג איז נאָך געווען צו פרי. דער גראַדוסניק האָט פעסט זיך געהאַלטן בײַ דעם שטריכעלע מינוס דרײַסיק. דער גאַנצער אָרום איז געווען אײַנגעדעקט אין שניי און פאַרקאָוועט אין אײַז. פונדעסטוועגן האָט זיך געפילט דאָס דערנעענטערן זיך פון דער וועסנע, זיך געפילט טאַקע לויט דעם סאַמע גראַדוסניק. אויב מיט צוויי וואָכן צוריק האָט ער געוויזן פערציק גראַד פראָסט, און מיט אַ כוידעש פריִער האָט זײַן זײַלכל זיך אַראָפּגעלאָזט ביז פופציק גראַד נידעריקער פונעם פרירפונקט, איז דער איצטיקער דרויסן געווען אַן אָנזאָג פון פרילינג.

אין דזשור־צימער, אָנגעפילט מיט רייכעס פון יאָד און כלאָראָפאָרם, האָט געהערשט אַ זעלטענע שטילקײַט, אין וועלכער נאָר דער טרעשטשענדיקער פראָסט האָט זיך אַרײַנגעפּלאָנטערט, גלײַך ווי טריט וואָלטן געסקריפּעט. אַט טרייסלט עמעצער שוין אָפּ בײַ דער טיר דעם שניי פון די אונטעס, און אַלע ווינקלען ווערן פול מיט דער לעצטער רעגע פון דערוואַרטונג.

ניין, איר האָט זיך נאָר אויסגעוויזן.

עטלעכע מאָל האָט די זון דורכגעבויערט דעם ווײַסן נעפּל, אַ לאַך געטאָן מיט אַ ברייטן שמייכל, און דער שניי האָט זיך צעבלענדט מיט אַלערליי קאָלירטע דימענטן. זי איז געשטאַנען בײַם פענצטער און אַרויסגעקוקט, ווי דער פרילינג ראַנגלט זיך מיטן ווינטער און קאָן אים ניט בײַקומען, און געטראַכט, אַז דאָרט אין דער ווײַטער היים אירער פליִען איצט שטראָמען זון, ריטשקעלעך צעלאָזטער שניי לויפן באַרג־אַראָפּ און שווענקען אָפּ די לעצטע רעשטלעך ווינטער, און איר האָט מיטאַמאָל זיך פאַרוואָלט אָפּטאָן דאָס סאַמע אומגלייבלעכע — זיך אויפהייבן אויף דער שכיינעסדיקער סאָפּקע, נעמען דעם נידעריקן זונעד־רייף און אויפהייבן אים הויך איבער דער טײַגע, אויפהייבן אַזוי, אַז ס'זאָל פּלוצעם זיך צעגיסן אַ ווייכע וואַרעמקײַט, ס'זאָל פאַרשווינדן דער ווײַסער רויך און גרינקײַט זאָל אַ שפּריץ טאָן פון אַלע זײַטן...

זי האָט נעענטער צוגעטראָגן די אויגן צו דער שויב, אַ באַמאָלטער מיט פראָסט, נאָכאַמאָל אין איר אַרײַנגעהויכט איר וואַרעמען אָטעם און דערזען פונווײַטן אַ צעפאָרענעם ווינטער־וועג. אויף אים האָט זיך געשלעפּט אַן אָנגעלאָדענער „קראַז“. ער איז לאַנגזאַם געקראָכן, גלײַך ווי ער וואָלט מיט זײַנע הויכע קאַנטיקע רעדער געטאַפּט דעם וועג. און וואָס נעענטער צום אויג, אַלץ גרעסער איז געוואָרן די ריזיקע לאַסטמאַשין. אָט האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, דאָס טירל פון דער קאַבינע האָט זיך געעפנט. אַ וואַרעמקײַט האָט אַ ריר געטאָן איר האַרץ. נאָר ניין, די מאַשין האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט.

ער האָט געוווּסט, אַז זי וואַרט אויף אים און ניט געקאָנט פּויעלן בײַ זיך צו קומען איר אָנזאָגן, אַז ער דאַרף אוועקפאָרן. ער האָט געפילט, ווי עס

ווערט אים ענגער אין דער ברוסט. ס׳איז געווען עפּעס א קויעך, וואָס האָט אים געשראָקן, צוריקגעהאַלטן.

באַלד זעקס כאַדאָשים, ווי ער איז אָפּן באָם. פאַר דער קורצער צײַט איז ער געוואָרן איינער פון די, וועלכע האָבן דורכגעהאַקט דעם וועג אָפּן מיזרעכדיקן באָם־אָפּשניט. געשטורעמט בערג, טײַכן, בײַגעקומען דעם פאַר־ביסענעם אייביקן פרירבאָדן.

אַלץ ווײַטער האָט זיך פאַרויסגערוקט די בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל, און ער האָט אַלעמאָל געקוקט אויף מיזרעך, ווי ער וואָלט אָפּגעמאָסטן מיטן אויג, וויפל עס איז נאָך געבליבן ביזן אָקעאַן.

אים איז שווער און פײַנלעך געווען איבערטראַכטן אַלץ פון אָנהייב. דער אָנהייב איז געווען דאָרט, אין מאָלדאַוויע, ווו ער האָט שטודירט זשור־נאַליסטיק, און פונוואַנען ער איז געשיקט געוואָרן אָפּן באָם דורכמאַכן זײַן ערעוו־דיפּלאָם־פּראַקטיק. נאָר אָנשטאָט אַרומגייען בלויז מיטן בלאָקנאָט איז ער אַליין געוואָרן א רעלסן־לייגער, אַליין דערפילט דעם טאַם פון פיזישער אַרבעט. און איבערגעלאָזט זײַן קסאַוו אויף די רעלסן, וואָס זײַנען געלאָפן צום אַמור.

און אָט האָט זיך דערנעענטערט דער סאָף פון זײַן פּראַקטיק. וואָס טאָן? פאָרן אַהיים, פאַרטיידיקן דעם דיפּלאָם און זיך פאַרזוכן ערגעץ אויף א שטי־לער אַרבעט, אין א שטילן ראַיאָן אָדער זיך אומקערן אַהער, ווו ס׳איז שווער, נאָר ליב. מע האָט באַדאַרפט זיך דערגרונטעווען, זיך אַליין עס אויפ־קלערן, און דאָס איז שווער, ווען די נעשאָמע, א יונגע, איז פול מיט צע־רודערונג.

און די, וואָס וואַרט אויף אים, פאַרנעמט זי דען דאָס לעצטע אָרט אין זײַן צעצווייטקײַט? וויאַזוי וועט ער זיך צעשיידן מיט איר פונקט איצט, ווען זייער ליבע האָט, ווי א בלום, זיך צעבליט?

ער האָט ווידער איבערגעלעבט אין זיקאָרן דעם טאָג פון זייער באַקאַנט־שאַפט. ער האָט דאָך קימאַט באַלד נאָך זײַן קומען געוואַרט אויף אָט דעם טאָג. ער האָט ניט געקאָנט זאָגן, צי איז זי טאַקע אַזוי שיין, ווי ער שטעלט זיך זי פאָר. אין זײַנע אויגן איז זי געווען גרענעצלאָז שיין, ווי א צעעפנטע בלום האָט זי אים אויסגעזען. איינמאָל אין גאַס, ווען זי איז אים אַנטקעגנ־געקומען נאָר נאָענט, האָט ער פון איבעראַשונג א צעוועקטן רוף געטאָן:

— פלאָרינאַ!

און געווען איז אין דעם רוף די שיינקײַט פון צעבליטע סעדער און דער רייך פון בלומען, בלומען...

ער האָט געזען א פאַרבאָרגענעם רעמעז אין יעדער באַוועגונג אירער. זי איז געווען פאַר אים הוילער סאָד, הוילער צויבער.

אין פרײַע טעג האָט ער אומעטום געזוכט אירע טריט. געזוכט אין קלוב, געוואַרט לעבן קינאָ. נאָר די פרײַע טעג זײַנען, ווײַזט אויס, זיך ניט צונויפגעפאַלן.

און אָט איז געשען דאָס אומדערוואַרטעטע — ער האָט זיך צעדראַפּעט א פינגער. אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער אויף אַזאַ מין זאַך אַפילע קיין אַכט ניט געלייגט. איצט אָבער האָט די וווּנד, ווי א שטערן, א לויכט געטאָן פאַר די אויגן:

פאַראַן אַן אויסרייד!

נאָך אין דעם זעלבן טאָג איז ער געשטאַנען פאַר איר א געזונטער, א קרעפטיקער, אָן אָפּגעברענטער פון זון און פראָסט, און בייס זי האָט פאַר־באַנדאַזשירט זײַן וווּנד, האָט ער געקוקט אויף איר פּנים. א ליכט פון שע־מעוודיקייט האָט עס באַדעקט, ווי מיט א דורכזיכטיקן שלייער. מיטאַמאָל האָבן צוויי פאַר אויגן זיך באַגעגנט אָן א וואָרט צו זאָגן. אייגנטלעך, איז אין דעם ניט געווען קיין נויטווענדיקייט, דאָרט, ווו עס ריידן די אויגן, קאָן דאָס מויל שווייגן.

זי האָט פאַרשריבן זײַן נאָמען, דאָס אָרט, ווו ער אַרבעט, און בא וואָס. און איר האָט זיך אויסגעוויזן, אז די שטאָלענע רעלסן דאַרפן זײַן הייס, ווי די הערצער פון די, וואָס בויען דעם וועג.

אין עטלעכע טעג אַרום איז ער ווידער געקומען אויף איבערבינדן. דער־נאָך האָט ער זיך שוין אָפטער געגומען באַווײַזן, אויסזוכנדיק אַלעמאָל אַן אַנדער טערעץ.

איינמאָל, דערציילנדיק איר וויאַזוי ער איז געוואָרן א רעלסן־לייגער, האָט ער א זאָג געטאָן:

— מיר קענען זיך שוין א שטיקל צײַט, און איך ווייס נאָך אַלץ ניט, צי דו האָסט נאָך א נאָמען, אויסער „שוועסטער".

איר פּנים איז געוואָרן ציגל־רויט. זי האָט א רעגע זיך געוואַקלט און... צום ערשטן מאָל פאַרצויגן א צאַרטן מיידלשן שמייכל. אים האָט זיך גע־דאַכט, ווי דער שמייכל שרײַט:

— זע, ווי שיין איך בין...

בא אים האָבן די אויגן אויפגעבליצט, ער האָט פון אַנציקונג ניט געקאָנט זיי אָפּרײַסן פון איר. און ווי דאָס ערשטע מאָל אין גאַס, האָט ער טרוימע־ריש א פליסטער געטאָן:

— פלאָרינא...

— ניין, איך הייס רײַע, רײַע לעוויטינא.

ער האָט זיך אָנגענומען מיט דרייסטקײַט און זי פאַרבעטן אויף א שפּאַ־ציר. ער האָט ניט דערוואַרט אויף קיין דערפאָלג. זי האָט ניט דערווידערט.

דער פאַרנאַכט איז געווען א שטילער, א פראָסטיקער. א ווינטל האָט זיך געשפּילט מיט טרוקענעם שניי. דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די טריט, דער פראָסט האָט געבריט דאָס פּנים, און זיי האָבן זיך פאַרלוירן אין דער גרויסער פאַרשנייטער טײַגע. זיי האָבן ניט געפילט די קעלט. זיי איז געווען גוט אײַנײיִנעם. גוט צו הערן אייגער דעם אַנדערן. גוט צו קוקן אויף די שטערן און אין די אויגן. ווען ער האָט זיך צוגערירט צו איר אַקסל, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּנים און א מורמל געטאָן:

— און בא דיר אין די אויגן פינקלען שטערן...

א פריידיקע נאָענטקײַט האָט געשטראָמט צו אים דורכן באַריר פון אירע וואַרעמע הענט.

— פלאָרינא!

דער נאָמען איז געווען אין אַלץ, אינעם רויש פון דער טײַגע און אין דער טרער, וואָס דער ווינט האָט אַרויסגעבלאָזן פונעם אויג...

סערגיי האָט זיך אָנגעפּעלצט און אַוועק צו רײַען. און, גייענדיק א צופרידענער, געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן:

— איך וועל זיך אומקערן, אומבאַדינגט אומקערן...

און סאַף זומער, נאָך איידער עס האָבן זיך געשטעלט די האַרבע סיבי־רער פרעסט, האָט ער זיך אומגעקערט. מע האָט געפּראַוועט א קאָמיוגישע כאַסענע מיט מאָלדאַווישן ווײַן. רײַע האָט געזונגען, געטאַנצט, זיך געפרייט און געטראַכט, אַז ס'איז ניטאָ קיין גליקלעכערע פון איר אויף דער גאַנצער וועלט. א קליינקייט — פײַערן א כאַסענע אויפן באַם, אין דער טײַגע! וויפל לידער האָט מען אויסגעזונגען, וויפל גוטע ווערטער אויסגערעדט. פּלוצעם האָט סערגיי פּאַרצויגן אַן אַלטע יידישע פאָלקסליד, וועלכע ער האָט גע־הערט זינגען אין רוסיש בא זיך אינדערהיים.

אונטער בערג און אונטער טאָלן
פליען טויבן פּאָרן,
נאָך קיין נאַכעס ניט געהאַט,
שוין אוועק די יאָרן...

דאָס איז אַן אומעטיקע ליד געווען. אזעלכע זינגט מען ניט אויף קיין כאַסענעס. די ליד האָט דערציילט וועגן אָפּגעלעבטע יאָרן, האָפענונגסלאָזער עלטער, נאָר געקלונגען האָט זי אָבער פרייליך, מונטער, דערפאַר ווײַל סערגיי און רײַע זײַנען יונג געווען און וועגן דער עלטער ניט געטראַכט. זיי האָבן געטראַכט וועגן דעם באַם, וועגן שטיינערנע בערג. איבער אָט די בערג, איבער די בלויע באַרגרוקנס גייט איצט די מאַגיסטראַל, וועלכע זיי האָבן געבויט...

## 4. א טראָפּן וואַסער

פון דאָרף צו דאָרף איז א ווײַטער מעהאַלעך.

אין אָט דער ווײַטקייט, באַם סאַמע ראַנד פון בוקאָווינער טראַקט, וואָס שנײַדט זיך דורך א וועג צו די הויכגראַזיקע מאָלדאַווישע סטעפּעס, שטייט א ציכטיק־ווײַסע הילצערנע קרעניצע, מיט א בלוי דעכל און פיר סטריכעס, געשניצטע אין אוקראַיִנישן אָרנאַמענט. און דאָס אַלץ זעט אויס פונווײַטן ווי א טעאַטער־דעקאָראַציע.

אויפן שפּיץ דעכל זיצט, ווי א לעבעדיקע, א ווײַסע טערקלטויב, און, ווי שטראַלן פון באַגינען, גאָלדיקן זיך בא איר צופוסנס עטלעכע, קונציק פאַר־ציקטע צעוואָרפענע בוכשטאַבן:

אַלביעאַ.

דער טאָג איז א הייסער, דער אַספאַלט אַן אָנגעגליטער. די אומבאַוועג־לעכע בלעטער פון דיביימער לענגויס דעם וועג וואַרפן א קאַרגן שאָטן, און דער גומען לעכצט נאָך א טראָפּן וואַסער. פעכלט די קרעניצע מיט איר ווײַסקייט אויף א מײַל די ווײַט, און סע דאַכט זיך, אַז די טערקלטויב אויפן דעכל וואָרקעט צו יעדן דורכפאָרער:

— פאַרהאַלט זיך א ווײַלע... די היץ ברענט... דער וועג איז ווײַט... מײַנע קוואַלן וועלן שטילן דײַן דאָרשט...

און זעלטן ווען עמעצער פאָרט פאַרבײַ, ניט געניסנדיק פון איר פרישן וואַסער. יעדער שלונג טריפט מיט א זיסלעכער קילקײַט, וואָס צעגיסט זיך איבערן גאַנצן לײַב.

שוין א סאַך יאָרן שטייט זי, די קרענעצע, איינע אַליין צווישן הימל און ערד באַגלייך מיט אַלע אַרומיקע געוויקסן, און ס'איז ניט שווער זיך מעשאַיער צו זײַן, אַז סײַ די ווײַסקייט אירע, סײַ די טויב אָפּן דעכל און סײַ דער צערטלעכער נאָמען — אַלבינאַ, („אַלב״ איז אויף מאָלדאַוויש — ווײַס) זײַנען איין געפלעכט פון אַ ווײַספּאַרביקן ליבע־ניגון.

אוּן דורכפאָרער פון נאָענט און ווײַט
בלײַבן פאַרכידעשטע שטיין —
אַ קרענעצע — אַ צויבערשלאָס
קישעפּט מיט איר ווײַסער שײַן...

דאַכט זיך טאַקע צומאָל, אַז אָט וועט פון דער קרענעצע־טיפקייט אַרופּשווימען אַ וווּנדערלעכע רוסאַלקע אין ווײַסן אָנגעטאָן, גלײַך ווי באַשאַפן פון לויטער ליכט, און דאָס ליכט וועט מיט יעדער רעגע זיך בײַטן אין אַנדערע שאַטירונגען, זיך וויקלען אַרום איר שפּילעוודיקן קערפּער, און דער סטעפּישער ווינט וועט, ווי אַ שאַל־רוף אין מידבער, צעטראָגן איבער פעלדער און וועגן:

— אַל־בי־נאַ!

ווער זשע האָט מיט אַזאַ ליבשאַפט די קרענעצע אויסגעמײַסטרעוועט? ווער האָט זי אַוועקגעשטעלט, זיכער ניט צופעליק, אויף אַזאַ האַוודיק אָרט, וווּ סע יאָגט פול מיט לעבן פאַרבײַ אַ לוסטיקע און פריידיקע וועלט? ווער?

עס האָט זיך מאַמעש געהערט דער זיפץ פון דער נאַכט, וואָס איז אויסגעגאַנגען אויף דער שוועל פון אַ נײַ־אײַנבערעכנדיקן טאָג, און שוין האָט דער אָטעם פון אַ סאָף־זומערדיקן באַגינען אים אַרויסבאַגלייט אין וועג.

ער האָט געשפּאַנט מיט אַ קירקע און אַ לאָפּעטע פאַרוואָרפן איבערן רעכטן אַקסל. געשפּאַנט אַזוי, ווי ער וואָלט די פרײַע מאָרגן־שאָען דערשלאָפן אונטערוועגס. און זײַנע שלאַבעריקע טריט האָבן געוועקט דעם דרעמלענדיקן קאַיאָר.

ער איז געגאַנגען פאָרויס, און די געדאַנקען האָבן זיך געוויקלט אויף צוריק, צוריק.

...אַ לויטערער פרימאָרגן, מיט באַשטראַלטע פעלדער און סטעפּעס, וועלכע האָבן געקלונגען פון זון און ליכט. און ער, אַ נאַרוואָס געענדיקטער אַגראָנאָם, האָט אַנטפּלעקט פאַר איר דעם סאָד פון זאַנגען און גרעזער.

אַ זונענשטראַל האָט זי אַ גלעט געטאָן און איר פּאָנעם האָט פײַערלעך אויפגעלויכטן, די אויגן האָבן געפינקלט, גלײַך זי וואָלט אײַנגאַנצן באַשטאַנען פון פלאַמיקער שײַן און ער האָט אײנײַנעם מיט דער פאַרע פון אויפגעוואַכטער ערד אַרײַנגעאָטעמט די פרישקייט פון איר יונגן קערפּער.

— אַלבינאַ!

און זי האָט אַרויסגעהויכט מיט אַ שטילער שטים, ווי דער שאָרך פונעם ווינטעלע:

— אַרעלע...

אירע ליפּן האָבן פאַרהוילן געשמייכלט, און פון דעם שמייכל איז איר ליכטיק פּאָנעם אַזש דורכזיכטיק געוואָרן. ער האָט זי אַרומגענומען. אירע

פלייצעס האָבן געבריט זײַנע הענט. ער האָט זי געקושט, און זי האָט ניט פאַרמאַכט די אויגן, נאָר געקוקט אויף אים, און אַ דינער נעפּל האָט לײַכט פאַרצויגן אירע אַפּלען. אַ כוואַליע פון גליק האָט אים פאַרטרונקען. עפּעס ענלעכס האָט ער נאָך פאַר זײַנע צוויי צענדליק יאָר ניט איבערגעלעבט.

— אַלבינאַ...

ער האָט ניט פאַרשטאַנען, און זי אַליין האָט אויך ניט געוווּסט, פאַרוואָס אַזאַ שוואַרץ־אויגיק מיידל מיט אַ קאַרנהויטיק פּנים זאָל גאָר הייסן אַלבינאַ, דערצו נאָך אַ נאָמען עפּעס ניט קיין יידישער...

וואָס ווײַטער ער האָט געשפּאַנט, אַלץ בוילעטער איז אַלבינאַ אויסגע־וואַקסן פאַר זײַנע אויגן — אַזאַ ליכטיקע, אַזאַ פרישע, און איבערגעלאָזט אַרום אים אַ פלאַטער פון שוואַרצע האָר און זאַפטיקע ליפּן... אָבער ער האָט ניט געקאָנט אויף לאַנג אײַנהאַלטן אין געדאַנק איר בילד, פּונקט ווי עס געשעט אין כאַלעם.

אַ שטיק וועג איז ער געגאַנגען דורך אַ שיטער וועלדל. די ביימער זײַנען שוין געווען באַרירט פון אַ לײַכטן האַרבסטיקן אָטעם. יעדער בוים האָט אָנגעהויבן פאַרבן זײַנע בלעטער אין אַן אַנדער קאָליר, גלײַך ווי אין יעדן בוים איז באַהאַלטן אַ באַזונדער סאָד. פייגעלעך האָבן זיך געייסעקט צווישן די צווײַגן און זיך פאַרגאַנגען אין אַ טרילערדיקן גליקלעכן געלעכטער.

ער איז ווי פאַרכאַפּט געוואָרן פון די פאַרטאָגיקע קלאַנגען און פאַרבן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איבערן וואַלד טראָגט זיך, ווי אַ כוואַליע, אַ ווײַטער עכאָ. אָט שווימט ער אָן, אָט ווערט ער פאַרפאַלן, אָט קערט ער זיך אײַן אַ ווײַלע אַרום ווידער צוריק.

— דאָרשט... דאָרשט...

די זון האָט אָנגעהויבן מאַכן איר ערשטן קרײַז אַרום דער ערד. אירע שטראַלן האָבן רויטלעך געפאַרבט אַ שטיק הימל. דער מאָרגנרויט האָט זיך גיך צעוואַקסן, און די געדאַנקען — נאָך גיכער, נאָך שאַרפער.

...אין יענעם יאָר האָט דער הימל איבערגעפּולט דעם קאָפּ פון היץ. ווי אַ שטיק אָנגעגליט אײַזן, איז איבער דער וועלט געהאַנגען אַ בראָטנדיקע זון און צעשאָטן איבער הימל און ערד פײַערדיקע שטראַלן.

אַ צעהוידעטע, שטיל־שאָרכנדיקע מאַכנע מיט פּעקלעך און זעק, גע־טריבן פון ווילדער רעציכע און געהיט פון באַוואָפנטע אָנגעזויפטע גאַר־דיסטן, האָט קריכעריש־מיד זיך געשלעפּט איבער אַ צעפאָרענעם וועג. זייערע שווערע טריט האָבן זיך אויסגעמישט מיטן שטיקנדיקן געוויין פון קינדער און מיט אײַנצלנע אָפּגעריסענע יידישע ווערטער:

— מאַמע, אַ טרונק...

די ווערטער האָבן אַ בלאָז געטאָן מיט ווייטיק, און אַ צעשוווּמענע גרויליקע שרעק האָט זיך פאַנאַנדערגעוויגט אין דער לופט.

שוואַכע האָבן ניט אויסגעהאַלטן דעם דאָרשט, אַוועקגעפאַלן מיט אָפע־נע מײַלער, אויסגעשטרעקטע צינגער און אויסגעצויגענע צוקנדיקע העלד־זער. און געבליבן אונטערוועגס איינעם מיט פאַרשטויבטע ביימער, אָנגע־שפּאַרטע אין די אייגענע שאָטנס, וועלכע האָבן אויך געכאַלעשט נאָך אַ טראָפּן וואַסער.

א פֿאַרשאָלטענער טאָג האָט געוואָגלט איבער דער וועלט!
אַלבינא איז אויך קוים געגאַנגען, שטיצנדיק זיך אױף זײַן אָרעם. די היץ האָט אויסגעטריקנט דעם אָטעם פֿון אירע לונגען, און די פֿאַרבאַקענע ליפּן האָבן ניט אופֿגעהערט בעטן:
— כאָטש א שלונג... איין איינציקן שלונג... אַלץ אין מיר ברענט...
איר שטים האָט זיך געבראָכן פֿון פֿאַרצווייפֿלונג און דאָרשט.
— שטאַרק זיך, טײַערינקע, עס מוז דאָך ערגעץ זײַן וואַסער... עפּשער א טײַכל... מיר וועלן זיך דערשלעפּן... מע דאַרף נאָר אויסהאַלטן...
ער האָט ניט איבעריק געגלייבט אין דעם, וואָס ער זאָגט. נאָר דורך די ביטערסטע רייד איינגעהאַלטן זײַן טראַגישע רויִקייט.
און די זון?
זי האָט, ווי א זוכנדיק אויג, זיי געפֿונען און געשטאָכן זייערע לײַבער מיט אָנגעגליטע שפּיזיקע שטראַלן.
— אַרעלע, איך וועל ניט דערגיין...
זי האָט א קוק געטאָן אױף אים מיט אומרו, גלײַך זי זאָל זיך האָבן דערשראָקן פֿאַר אירע אייגענע רייד, און עפּשער גאָר פֿאַר זײַן אויסגעטריקנט פּנים, וואָס האָט אין העלן זונליכט אויסגעזען ווי א שטיקל געפּלאַצטע ערד.
ער האָט זי גענומען אױף די הענט. געטראָגן פֿאַר זיך, ווי מע טראָגט א קליין שלאָפֿנדיק קינד, און מיט זײַן סאַפּענדיקן אָטעם נאָך מער פֿאַרשטאַרקט איר דאָרשט.
ווי א קנויל, האָט זי זיך אײַנגעמאַסטעט אין זײַנע ברייטע קרעפּטיקע אָרעמס און ער איז גרייט געווען זי צו טראָגן אַזוי לאַנג, וויפֿל די קויכעס וועלן אים סטײַען, און עפּשער נאָך לענגער...
ער האָט זי געטראָגן, און שנירלעך שווייס האָבן זיך געקײַקלט איבער זײַן לײַב. מיטאַמאָל האָט ער דערפֿילט ווי א פּאָר הייסע בליקן לעכערן דורך זײַן שווייסיקע פּלייצע. ער האָט געוואָלט זיך אומקוקן, נאָר עפּעס ניט געוואַגט. און וואָס ווײַטער ער איז געגאַנגען, אַלץ צודרינגלעכער זײַנען הינטער אים געוואָרן די בליקן, ביז א שטײַפֿהאַריקער פֿאַרשוין פֿון די אָנטערײַבער האָט מיט א צעפּאַרעט פֿולבלוטיק פּנים זיך דערנעענטערט. זײַנע אויגן האָבן געשאָטן מיט סאַם פֿון האַס, און נאָר זײַן קאָל האָט אָפּגעקלונגען עפּעס ווי מענטשלעך:
— וואָס, זי וויל א טרונק?
קיינער האָט אים ניט געענטפֿערט. וואָס קאָן מען ענטפֿערן אױף א פֿראַגע, וועלכע סע שטעלט א געקומענער פֿון אַן אכזאַריעסדיקער וועלט?
זײַנע אויסגעגלעטע פֿינגער האָבן גענומען אָפּשרויפֿן דאָס העלדזל פֿון א פֿעלדפֿלאַש, און ער האָט צוגעטראָגן די קײַלעכדיקע עפֿענונג צו אַלבינעס פּנים:
— בי־טע!
באַ ארענען האָט דאָס האַרץ א ציטער געטאָן. ניט אין דער ברוסט, נאָר ערגעץ העכער, קימאַט אין האַלדז. וואָס האָט ער פֿאַרטראַכט אָט דער פֿאַרשוין? עפּעס ניט קיין גוטס, געוויס. נאָר באַלד האָט אָרן זיך אַליין באַרויִקט: „גיי ווייס, עפּשער האָט אין דער כײַע א מענטשלעכער איווער זיך א ריר געטאָן?“.

דערווײַל האָבן לעבן אלבינעס מויל זיך א גאָס געטאָן עטלעכע וואסער־טראָפּנס, אָבער אירע ליפּן ניט דערגרייכט. זיי זײַנען אראָפּגעפאלן אפן שטויביקן וועג און באלד צעטראָטן געוואָרן.

א טראָפּן נאָך א טראָפּן איז געפאלן. קאַפּ, קאַפּ... א טראָפּן וואסער צי א טראָפּן לעבן?..

— פארוואָס טרינקט זי ניט?

זײַן שטים האָט שפּאָטיש זיך געזיפּט אין אָנגעגליטן רוים. ער האָט ווידער צוגעבויגן די פלאַש נאָענט צו אירע ליפּן. ווי נאָר אָבער דאָס וואסער האָט זיך באוויזן, האָט ער דאָס העלדזל א פארטראָג געטאָן אין א זײַט. זי האָט נאָר געכאַפּט מיטן אָטעם די פײַכטע קילקײַט און נאָך יעדן טריט האָט ער אויסגעשאָסן מיט א טײַוואָלאָניש געלעכטער. עס האָט געלאכט זײַן מויל, זײַנע טײַוועדיקע אויגן, דער גאנצער פארצעפּ זײַנער. ס׳איז געווען א בלוטיק־בייזוויליקער שפּאס, אָפּגעשפּילט פארן ליכטיקן פּאָנעם פונעם הימל און נאָר די זון האָט גלײַכגילטיק צוגעקוקט און ניט אופגעהערט סארפּען.

וויפל האָט געדויערט די „שפּיל”?

פאר איינעם א לוסטיקע מינוט, א צײַטפארטרײַב, פאר א צווייטן — אן אייביקײַט.

פּלוצעם האָט אלבינא זיך ארויסגעגליטשט פון ארנס הענט. אין אירע אויגן האָט זיך צעפלאקערט א פיבערהאפטער פלאם. זי האָט זיי ניט געקאָנט אָפּרײַסן פון דער פלאַש, און אין א בראָכטייל פון א סעקונדע זיך האסטיק ווילד א וואָרף געטאָן אף איר, ווי א פּאנטערע, זי ארויסגעריסן פון יענעמס הענט און מיט אלע פארבליבענע קויכעס זיך אײַנגעגעסן אין דעם אָפּגעשרויפטן העלדזל. ס׳האָט זיך געהערט א זשעדנע שלונג, נאָך א שלונג. א שווערער זעץ איבערן קאָפּ האָט איבערגעריסן דאָס שלינגען... די זון האָט זיך אויסגעלאָשן...

דאָס מיידל איז אומגעפאלן, נאָר די פלאַש פון מויל ניט ארויסגעלאָזט, ווי זי וואָלט פאלנדיק ניט אופגעהערט זויגן די קילע, דערפרישנדיקע פליסיקײַט. און נאָר אין די מוילווינקלען, איבער די געשוואָלענע, פארבאקטע ליפּן, איז טראָפּנווײַז גערונען דאָס וואסער, באַפארבט מיט ווארעם בלוט.

קאַפּ, קאַפּ... א טראָפּן וואסער. צי א טראָפּן טויט?..

א שטורעם האָט זיך צעבושעוועט אין ארנס נעשאָמע, און א פארשטיקטער ברום האָט צעוויגט די טויבקײַט פון דער העפקערער וועלט. די הימלען זײַנען געהאנגען איבער איר פרעמדע, און א פארלוירענער אין רעגעס פון גרויסן פּײַן, האָט אָפּראטעווען דאָס אייגענע לעבן אים אויסגעזעצן אומנוציק.

דאַרשט נאָך וואסער, דאַרשט נאָך נעקאָמע, ווי א צווילינג, זײַנען געווען די צוויי באַגריפן.

איצט האָט די דערמאָנונג ארענעצן א שניט געטאָן, ווי א בײַטש איבערן פּאָנעם. ער האָט צונויפגערוקט די ברעמען אזוי, אז צווישן זיי האָבן זיך דורכגעשניטן טיפע קנייטשן, ווי סטעזשקעס, צו ווײַטע טעג, און מיט א גרימאסע פון ווייטיק פארביסן די אונטערשטע ליפּ.

ער האָט דורכגעמאָסטן נאָך א שטיק וועג.

...שטיי, וואָס איז עס דאָרט, לעבן טראַקט? פונוויַטן שימערט א פרויען־געשטאַלט. אַף א מעהאלעך זעט מען איר ליכטיק, פריש פּאָנעם, זי איז אינגאַנצן אין ווײַסן אָנגעטאָן, ווי א קאַלע. און נאָר אין די צעלאָזטע האָר, פונקט ווי א רויז, פריליִנגדיק צעבליט, גליווערט א בלוטיקער פלעק...

אָט גייט זי אום אנטקעגן, אויסגעוועבט פון זונענגאָלד און הימלשן בלוי, ווי אין א קישעף־וועלט, און עס וויבּרירט איר שטים, ווי א געזאַנג:

— ארעלע, איך וואַרט שוין לאַנג אַף דיר... מײַן האַרץ ברענט פון דאָרשט און אין גאַנצן ארום איז קיין טראָפּן וואַסער ניטאָ...

ער האָט א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט אָפּגעטרייסלט פון זיך א שווערן כאָלעם, און זיך אָפּגעשטעלט.

— אָט דאָ וועל איך גראָבן...

און ער האָט אראָפּגעלאָזט די קירקע אין דער האַרטער טרוקענער ערד.

א טאָג נאָך א טאָג, א וואָך נאָך א וואָך איז געגאַנגען די אַרבעט. ניט איין מעטער גרונט האָט מען באַדאַרפט אויסגראָבן, ביז מע האָט דערגרייכט צו די אונטערערדישע קוואַלן. דער קאָלווירט, צו וועמען ס'האָבן געהערט די ארומיקע פעלדער און סטעפּעס, האָט געשיקט א פּאָר מענטשן צו הילף, אויך אויסגעשריבן דעם נייטיקן מאַטעריאַל.

ארון האָט געאַרבעט, און די געדאַנקען האָבן זיך געצויגן צו יענע טעג. ער האָט ווי געערדט מיט אלבינען, איר דערציילט, וויאַזוי ער האָט אין א צײַט ארום, שוין זײַענדיק אפּן פראָנט, נאָכן אנטלויפן פונם לאַגער, נאָכאמאָל איבערגעלעבט די פּרײַז פון א טראָפּן וואַסער.

...א קליין טײַכל, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. ניט קיין טײַכל אפילע, נאָר א סטרונקעלע א שפּאַן די ברייט. פּרוּוו אָבער מאַכן אָט דעם שפּאַן, ווען די לופט איז אָנגעפּילט מיט בלײַ. דער סוינע שטייט אַף יענער זײַט טײַכל און לאָזט דעם קאָפּ ניט אופהייבן און פון יעדן אופרײַס ווערט דעם טײַכל ענג אין די אייגענע ברעגן, כוואַליעכלעך וויגן זיך אַף זײַן איבערפלאַך, שפּאַלטן זיך, ווערן צעדרויבלט.

און א מעשוגענע זון סאַרפּעט.

א הונגעריקן זעלנער איז שווער מילכאָמע צו האַלטן, א דאָרשטיקן — נאָך שווערער. די מוירע אויסגיין פון דאָרשט האָט זיך פאַרשפּרייט, ווי פײַער איבער טרוקן גראָז.

— דערלויבט מיר, כאַווער לייטענאַנט!

אַן אנדערש מאָל וואָלט דער קאָמאַנדיר ניט אײַנגעשטעלט דאָס לעבן פון איינעם פון זײַנע בעסטע אויסשפּירער, אָבער איצט איז קיין אנדער ברירע ניט געווען.

— נו, ס'באָגאָם![1]

— וועלכער גאָט, אלעקסיי גאוורילאָוויטש? דער, וואָס זעט צו, ווי מע שענדט אונדזערע פרויען, מע הארגעט אונדזערע קינדער, מע פאַרברענט זקיינים לעבעדיקערהייט?.. אזא שוטעף דאַרף איך ניט...

---

[1] נו גיי, זאָל דיר גאָט בײַשטיין. (רוס.).

ווי פאַרזיכטיק אַרן האָט זיך ניט באַוועגט, האָבן די קוסטעס זיך דאָך א ריר געטאָן, און באַלד האָבן פּאַסן פייַער, ווי בליצן, זיי צעשניטן. ער האָט זיך אויסגעצויגן מיט דער ערד גלייַך, דערפילט איר זאַפטיקע קיל־קייַט, די זעלבע ערד, וועלכע ער האָט מיט אזא ליבשאַפט געאַקערט און פארזייט. און עס האָט זיך אָנגעהויבן א געראַנגל אויף טויט און אויף לעבן. ער האָט גוט אויסגערעכנט די דיסטאַנץ, פונוואַנען דאָס פייַער קומט, און א רוק טוענדיק זיך פאָרויס, מיטן גאַנצן קויעך א שלייַדער געטאָן די ערשטע גראַנאַטע:

— פאַר אַלבינען!

דאָס שיסן פון יענער זייַט האָט א ווייַלע אויפגעהערט. דאָס האָט אים דערמעגלעכט זיך נאָך פאָרויסצורוקן אויף עטלעכע מעטער. ער האָט אָפּגע־וואַרט א פּאַסיקע רגע, און ווי נאָר דאָס פייַער האָט זיך באַנייַט, האָט ער א שלייַדער געטאָן די צווייטע גראַנאַטע.

— פאַר אַלע, פון דאָרשט אומגעקומענע...

צוריק איז אים אויסגעקומען פויזען אויף דער פּלייצע, אָפּשטויסנדיק זיך מיט די פיס איבערן גליטשיקן גראָז. ער האָט זיך דערקליבן בעשאָלעם צו די אָקאָפּן מיט צוויי פולע קעסעלעך וואַסער. קיין טראָפּן ניט פארלוירן.

איבער דרייַסיק יאָר טרינקט מען די קרענעצע דורכגייער און דורכפאָ־רער, וואַגלער און וואַנדערער פון נאָענט און פון ווייַט. מע הייבט שוין אָן צו פארגעסן, ווער ס׳האָט זי אויסגעבויט.

איך האָב אויך איין א מיטן זומערטאָג מיט איר קילן וואַסער זיך געע־קוויקט. און טאַקע דאָ אויפן אָרט פאַרשריבן, וואָס ס׳האָט מיר דערמאַלט דער־ציילט דער היפּט־אַגראָנאָם פונעם קאָלווירט „באָלשעוויק" — אַראָן יעפּי־מאָוויטש מינצער.

# פרידלעכע האָריזאָנטן

## שראַמען אויף אַ שטיין

וועגן מײַנע... וווּהין וועלן זיי איצט מיך פירן?

שוין לאַנג ווי מיך מאַטערט אַ ברענענדיקער נײַגער צו דעם טראַנסקאַר־פּאַטישן פּלאַכלאַנד, וווּ דער הימל איז פון אַ זעלטענער לויטערקייט און עס קייטלען זיך אויף מײַלן די גרינע היגלען, באַדעקטע מיט גערטנער פון ווײַנ־טרויבן.

דער קאַיאַר איז אַ פרי־האַרבסטיקער.

דער זומער האָט געמאַכט זײַנע לעצטע טריט איבער די קאַרפּאַטן און איבערגעלאָזט זײַנע פאַרביקע געמעלן אויף ביימער און גראָזן.

פלעכטן זיך איבער די בערג די ערשטע זונשטראַלן. בלייכע, ווי פון ווײַסן גאָלד, זעצן זיי זיך אָן אויף די קאַלטע באַרגשפּיצן, און פון זייער צערטלעכקייט צעוועקט זיך אַ שטורמישער באַרגטײַך. ווירבלט און כוואַליעט זײַנע גרינלעך־גערונצלטע וואַסערן, און אים באַגלייטן אין זײַן שטראָמגעג־לויף הויכע, מיט סאָסנעס באַוואַלדערטע ברעגעס.

לענגויס דעם טײַך דרייט זיך, ווי אַ לויפנדיקע ספּיראַל, אַ גרוי־געג־שליפענער אַספאַלטירטער וועג. וויקלט זיך אַרום דערפער און לאַנקעס, גייט פאַרלוירן צווישן די בערג און באַווײַזט זיך ווידער אין זײַן געדריי.

אײַלט איבער אים מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם אַ נײַער „איקאַרוס". זײַן גערויש פאַרגרעסערט זיך צוליבן קלעטערן אַרויף צו די באַרגהייכן. אין סאַלאָן זיצן פּאַסאַזשירן, די קעפּ פאַרוואָרפן צו די וועגנטלעך פון די ווייכע שטולן. איינציקע קוקן אַרויס צו די ריזיקע באַרגמאַסיוון, וווּ עס ווײַסלען זיך בײַ די ראַנדן הוצוליש־סטיליזירטע סאַנאַטאָריעס און פּאַנסיאָנאַטן. אַנדערע ראַנגלען זיך מיט אַ דרעמל, וואָס וויל ניט אָפּלאָזן.

ווײַט, איבער אַ הויכן באַרגאָפּהאַנג, טרײַבט אַ פּאַסטעך אַ סטאַדע שאָף. און דער טרילער פון זײַן דודקע וואַנדערט מיט אים. ער שווינגט פונוויטן מיט זײַן לאַנגן סוקעוואַטע שטעקן, גלײַך ער וואָלט מיט פאַר־הוילענעם קסאַוו עפּעס פאַרשריבן אויפן בלויען הימל־געוועלב.

— היי־היי!

וועמען באַגריסט ער אַזוי? דעם נײַעם מאָרגן צי אונדז פאַרבײַפאָרנדיקע?

לויפט דער וועג אונטער די רעדער. טאַנצן די סאָסנעס באַם טײַך. און די בערג לויכטן אין זוניקן באַגינען.

די זעלבע בערג, וואָס האָבן מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק צוגעזען

דעם שרעקלעכסטן קאטאקליזם פון אלע צײַטן — דעם אומקום פון טויזנטער און טויזנטער, וועמענס געביין איז אױף אײביק פארבליבן אין די ריוון פון יאָרן; די זעלבע בערג, וואָס האָבן, ווי געטרײַע היטער, אויסבאהאלטן אין זײערע בארג־היילן די העלדישע נעקאָמענעמער...

פינצטערן נאָך איבער די בערג רעשטלעך פון צעגראָבענע טראנשייען, ווי שראמען, וועלכע די צײַט האָט ניט באוויזן צו פארהיילן, און זיי דער־מאָנען, דערמאָנען...

אָן עלטערער מאן מיט א טיף־געקארבט פּאָנעם רײַסט ניט אָפּ זײַנע בליקן פונעם דרויסן. ער קוקט לאנג זיך אײַן אין די לויפנדיקע ווײַטקייטן, און זײַנע אויגן זײַנען פארלאָפן מיט א שטרענגער גרויקייט.

וואָס זעט ער דאָרט, אין די בערג?

קאָן זײַן, אז אין די מילכאָמע־יאָרן האָט ער פארטיזאנעוועט אין אָט דער געגנט, און אײנצלהײַטן פון יענער גרויליקער צײַט באהעפטן זיך אין אײן גאנץ אויסגעגאָסן בילד. עס וואכט אויף אין זײַן דימיען דאָס שוידערלעכע געיעג נאָך שוצלאָזע זקיינים, פרויען און קינדער, מיט געוויינען און יעלאָ־לעס און קורצע שארפע שאָסן, וואָס האָבן איבערגעלאָזט אין די בארג־שפאלטן קײַלעכיקע רויך־קנוילן, וועלכע האָבן ניט געוואָלט פארשווינדן. און עפשער לעבט ער נאָכאמאָל איבער דעם עלנט און די פארלוירנקײַט פון דער לעצטער מינוט, ווען די ערד ווערט אומזיכער, און דער מענטש וויל אנטלויפן פון זיך אליין?..

צינדט דער באגינען אָן די קרוינען אױף די סאָסנעביימער. ברענען זיי, ווי יאָרצײַט־ליכט, אין אָנדענק פון די קדושים...

לעבן דעם אלטן מאן זיצט א יונגע מוטער מיט א קינד אױף די הענט. עפשער אן אייניקל מיט אן אורייניקל. זי זעט אויס נאָך זײער יונג, ווי א מיידל פון א יאָר זיבעצן־אכצן, און נאָר די צערטלעכקײַט צום שלאָפנדיקן קינד, וואָס זי האלט אין אירע אָרעמס, אנטפּלעקט א קוואל פון איבערגע־געבענער איידעלער מוטערלעכקײַט.

א וועטעראן מיט א גראָווען קאָפּ, אָנגעשפּארט אױף די פויסטן, און א שלאָפנדיק קינד, וואָס שפּילט אין שלאָף מיט די אייגענע קוטשערלעך און זעט אויס, ווי פון העלפאנדביין אויסגעטאָקט. דער נעכטן און דער מאָרגן אין אײן אויטאָבוס. און א יונגע מאמע, וואָס וויגט דעם אײן־און־צוואנ־ציקסטן יאָרהונדערט...

לויפט דער וועג. טאנצן די סאָסנעס. פארהוילן שנירלט אין די צווײַגן א פארבענקט פייגלגעזאנג, און דער טײַך שפּרודלט, ריזלט, און די אויגן באוואונדערן די אויסטערלישע אוזאָרן, ענלעכע אױף אָרנאמענטן.

הויך אין הימל טורעמט א גרוי־גרינע סקאלע. זי הענגט איבערן טײַך מיט שלענגלענדיקע איבערגעפלאָכטענע שפאלטן, ווי שראמען, אויסגעקריצט אין שטיין. ווינטן און רעגנס האָבן געשליפן איר שטיינערדיקײַט, געשליפן די שפאלטן, און עס האָט זיך באקומען עפּעס א מעשונעדיקע פאָרם פון א געשלייערטן פרויען־קאָפּ, וואָס קוקט אראָפּ צו די גרינלעכע וואסערן. און ס׳דאכט זיך, אז די סקאלע וועט אָט־אָט זיך אָפּרײַסן פונעם בארגשפּיץ און מיט א מוירעדיקן געהילך צעשפּליטערן דעם געראונצלטן וואסער־שפּיגל.

ווער ווייסט, וויפל הונדערטער יאָרן הענגט זי שוין אזוי?

מײַן קינדהײַט האָט אויך אזא בארגטײַך פארוויגט. אזא רוישנדיקער,

ברויזנדיקער, ווי דאָס לעבן, און אזעלכע בערג און סקאַלעס, וועלכע די צײַט האָט אין לעגענדעס און מײַסעלעך פאַרוועבט, זײַנען געשטאַנען בא מײַן צוקאָפּנס. פלאַקערט אויף אין מײַן זיקאָרן אַן אויסטערלישע לעגענדע, ווי דער אָפּשײַן פון ווײַטע נעכטנס און פלעכט זיך אַרײַן אין מײַנע הײַנטיקע טעג.

...אין אַ שלאָס אויפן סאַמע שפּיץ באַרג האָט פאַרצײַטן געלעבט אַ יונגער ליכטזיניקער גראַף, וואָס האָט העפקערדיק פאַרטאַכלעוועט זײַן יוגנט און זײַן פאַרמעגן.

אין אַ טאָג איז דערגאַנגען צו אים, אַז באַם שענקער אין טאָל וואַקסט אַ שײנע טאָכטער. און טאַקע אײנמאָל, דורכרײַטנדיק, האָט ער זי דערזען און געפּלעפּט געוואָרן פון איר שײנקײַט. ער האָט זי אָפּגעמאָסטן פון דעם ווײַסן נאַקן ביז אַראָפּ צו די קנעכלעך. די בורלאַקישע אויגן זײַנע האָבן זשעדנע געטרונקען די מײדלשע צאַרטקײַט און זײַן פאַנטאַזיע האָט זיך שוין געוואַרעמט אין דער אײדלקײַט פון איר שלאַנקן קערפּער. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז כאָטש ער קאָן דערגרייכן אַלץ, וואָס ער וויל, וועט אָבער דער וועג צו דער שײנער ייִדישקע זײַן ווײַט און שווער.

— מאָשקע, — האָט ער מיטן גאַנצן אימפּעט פון זײַן הייס צערײצט בלוט זיך געווענדט צום שענקער, — אָדער דו גיסט מיר דײַן טאָכטער און איך לאָז דיר איבער פאַר גאָרניט די קרעטשמע אויף שטענדיק, אָדער איך וועל הייסן דיך אויסשמײַסן און אַרויסטרײַבן פון דאָרף...

דער ייִד האָט געקענט דעם גראַפס צערייצטע הערשער־גײַווע, געקענט דעם גליִענדיקן צאָרן, וואָס ווייסט ניט פון קיין ראַכמאָנעס. איז ער טאַקע געשטאַנען פאַר אים מיט אַ בלייך־אויסגעצערט פאַרמעט־פּאָנעם און נאָר אַ פאַרבאָרגענע ביטערניש פון אָרעמקײַט, נויט און אוולעס האָט אַ סאַקאָנעסדיקן ברען געטאָן אין זײַן שווערן שוואַרצן בליק גלײַך אין דעם גראַפס בלויע בייז־פאַרגליווערטע אויגן. אַ פאַרכטיקער געברום האָט מיט אַ נאָגנדיקן געפּלאָטער זיך געפּלאָנטערט אין זײַן צווײשפּיציקער באָרד!

— פאַרעקלעבן, איך בין קוידעם אַ טאַטע, דערנאָך אַ שענקער...

דער גראַף האָט פאַרשטאַנען דעם ווידערשפּעניקן ענטפער. יעדער מוסקול אויף זײַן ברייטן רויט־געוואָרענעם פּאָנעם האָט אויפגעצאַפּלט. ער האָט מיט אַ ווילדן גרימצאָרן אַ קאַפּע געטאָן די שפּאָרן אין פערדס זײַטן, פאַרצויגן די לײַצעס פונעם צײַמל אַזוי, אַז דאָס פערד האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די הינטערשטע פיס, ווי עס וואָלט געפרוווט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם רײַטער.

— פאַרשאָלטענער ייִד!

ער האָט אַ קנאַל געטאָן מיטן שפּיצרוט איבער דעם שענקערס קאָפּ און, ווי געטריבן פון אַ פאַרכאַפּטן שיגאָען, איז ער אוועק אין אַזאַ האַסטיקן גאַלאָפּ, אַז שטיקער ערד האָבן געשפּריצט פון אונטער די פּאָדקאָוועס, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ פאַרצאַרטע שרעק, פאַרקלעמט ווי מיט ווייען פון טויט און לעבן. און דעם שענקערס טאָכטער האָט אין דער שרעקיקײַט אויסבאַהאַלטן איר מײדלשע צניעס פאַרן גאַזלאָנישן ליכט פון לויטערן טאָג און פאַר דער איימעדיקער פינצטערניש פון דער נאַכט.

דער גראַף האָט ניט געדענקט, ער זאָל געווען האָבן אַמאָל אַזאַ דורכפאַל. און נאָך פון וועמען? זײַן אײגנליבע איז געווען שטאַרק געטראָפן.

די בלוטן האָבן געזאָטן פון רעציכע און פארדראָס. לייכטער פון אַלץ וואָלט ער איצט אויסגעפירט זײַן דראָונג. אפילע אוועקגעלאָזט די קרעטשמע מיטן רויך. דעמלט אָבער וואָלט ער פארלוירן אױף שטענדיק די שיינע ייִדישקע. פאר זײַנע אויגן האָט געשוועבט איר שלאַנק געשטאַלט, א נאַרוואָס זיך אָנגעגאָסנס מיט פרויִשער רײַפקײַט. עס האָבן געפלאַטערט אירע לאַנגע צעפּ, וואָס האָבן שטאָלץ פאריסן איר קאָפּ, און דער פלאַטער האָט זיך געטראָגן איבערן גראפס פּאָנעם און גערייצט זײַן באַליידיקטע איינגליבע.

— אויסגעפינען פון אונטער דער ערד! — האָט ער שטרענג באַפוילן.

און זײַנע וועכטער האָבן טאָג און נאכט, ווי הונגעריקע וועלף, גע־לויערט איבער דעם שענקערס שטוב, ביז זיי האָבן געהאַרכזאַם און אקשאַ־נעסדיק ניט אויסגעפירט דעם באפעל — געבראכט זי א געבונדענע אין פאלאץ, וואָס אפן סאמע בארגשפּיץ.

קאַלט און שטום איז געוואָרן באַם שענקער אין שטוב. טרויער האָט געשפּאַרט פון אַלע ווינקלען. באַזונדערס פון יענעם, ווו איר לײדיק בעטל האָט געפּוסטעוועט, ווי א געלעגער פון אַן אוועקגענומענעם מעס.

טאַטע־מאַמע האָבן געשניטן קריִע און זיך געזעצט שיווע...

דער גראף האָט זיך דערנעענטערט צו איר מיט שטילע טריט, ווי א כײַע, וואָס גרייט זיך באַפאַלן איר רויב. זײַן פּאָנעם האָט געפלאַמט. ער האָט קלוימערשט זיך געבייזערט אױף זײַנע וועכטער, מאכנדיק דעם אָנשטעל, אז ער וועט זיי אַלע שווער באַשטראָפן פאר דער אומיידלקײַט. ער האָט זי געקלאַמערט אין זײַנע אָרעמס, אײַנגעזאַפּט די ווארעמקײַט, וואָס האָט גע־שלאָגן פון איר אָטעם, געשטראַלט פון אירע שווארצע האָר, וואָס אין זייער שווארצקײַט האָט מען זיך געקאָנט שפּיגלען.

זי האָט געפּרוּווט זיך באַפרײַען פון זײַנע אָרעמס, זיך ווערן. נאָר זײַנע הענט זײַנען שווער געלעגן אױף איר נאקן. פּלוצעם האָט זי דערפילט, ווי עפּעס א שוואכקײַט באַפאַלט איר קערפּער, יעדער גליד באַזונדער. נאָך א רעגע, און זי וועט פארלירן די מאכט איבער זיך. און זי האָט א זאָג געטאָן לאַנגזאַם, ווי זי וואָלט ערשט געזוכט אין די געדאַנקען יעדן ארויס־געבראַכטן טראָפּ:

— וואַרט צו, מײַן האַר, שפּעטער... די נאכט איז גרויס...

און א גלאַנציקע פײַכטקײַט האָט באַדעקט אירע שווארצאַפּלען.

א מאָדנער געדאַנק האָט אופגעבליצט אין איר מויעך, דער אומרו איז מיטאמאָל אוועק, און זי איז געוואָרן ווײַבעריש צוגעלאָזט. זי האָט ווייך און צארט געפירט מיט איר בלייכער האַנט איבער זײַנע בלאָנדע האָר:

— שפּעטער, מײַן האַר...

זי האָט שטיפעריש געוויקלט ארום זײַן האַלדז אירע לאַנגע צעפּ.

— א ווײַלינקע שפּעטער...

שפּעטער האָבן זיך פארשפרייט איימעדיקע קלאַנגען — די ייִדישקע האָט מיט אירע צעפּ דערשטיקט דעם יונגן גראף.

וואָס עס איז געוואָרן מיטן שענקער דערציילט ניט די לעגענדע. נאָר זײַן טאָכטער האָט מען צוגעבונדן צו א פלאַם־פײַערדיקן פערד און אין א ווילדן גאַלאָפּ געטריבן פונעם סאמע בארגשפּיץ צום אָפּגרונט.

דאָס איז געשען אין ווײַטע צײַטן.

הענגט איצט די סקאַלע איבערן טײַך, ווי א פּרויען־קאָפּ, אויסגעהאַקט אין שטיין.

לעגענדעס שטאַרבן ניט.

לעגענדעס גייען איבער פון דאָר צו דאָר, דערציילן פאַר דער וועלט וועגן הימלשרײַענדיקע אוולעס און וועגן דעם, אז נעקאָמע לאָזט איבער נאָך זיך אן אייביקן זייכער...

לויפט דער וועג. טאַנצן די סאָסנעס באַם טײַך. גאָלדיק גערוויטלט, ליכטיקט דער באַגינען אין די פענצטער פון פילשטאָקיקע אָפּרוהײַזער און הייל־אַנשטאַלטן...

# אף וועגן פון דוירעס

נאָך א פּאָר שאָ טראָגן זיך באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ אין דער טיף פון די קאַרפּאַטן, האָט דער „איקאַרוס" זיך דערנעענטערט צו דער שטאָט, וואָס ציילט איר עלטער נאָך פונעם ווײַטן דרײַצנטן יאָרהונדערט.

קאָלאָמיי.

געקניפּטע וועגן צעלויפן זיך אין דער בלויער אומענדלעכקײַט. וועגן, וואָס האַלטן פאַרטײַעט אָפּגעקילטע טריט פון דוירעס. דאָ און דאָרט, ווי רעשטלעך פון ווײַטן אמאָל, טוען זיך א וואָרף אין די אויגן איינצלנע אָפּ־געבליאַקעוועטע שטיבער מיט גאַנעקלעך פון פּאָרנט.

איך האָב געזען אָט די שטאָט, ווען דער נאַציזם האָט געשטורעמט איירָאָפּע, און גאַליציע, ווי גאַנץ פּוילן, האָט געצוימען זינקען אַלץ טיפער און טיפער אינעם אָפּגרונט פון רעאַקציע און פאַשיזם, באַגלייט מיט ביטערע גזיירעס און גרויליקע רעציכעס אף ייִדן.

איך האָב געזען יענע פאַרצווייפלטע וואָגלער, וועלכע האָבן, פילנדיק די טרוקענע נעגל פון הונגער אין האַלדז, זיך אָפּגעריסן פון זייערע אַלטע אײַנגעזעסענע היימען און פול מיט יוגנטלעכע האָפענונגען, וועלכע זײַנען דאַסראָוו קיינמאָל ניט מעקוייעם געוואָרן, זיך געלאָזט אף פאַרשיידענע וועגן און אומוועגן איבער לענדער און יאַמען.

איך האָב אויך געקענט א טייל פון יענע גוטמוטיקע רעוואָליוציאָנער־אַקשאָנעסדיקע יעכידים, וועלכע זײַנען געבליבן אינדערהיים, זוכנדיק זייער רעכט צו לעבן אף דער וועלט...

דער גוירל האָט אזוי געוואָלט, אז די הענט, וואָס שרײַבן איצט די דאָזיקע שורעס, זאָלן זײַן די זעלבע הענט, וואָס האָבן קימאַט מיט א האַלבן יאָרהונדערט צוריק, וואַרעם זיך געזעגנט מיט יענע איידעלע טרוימער און ניט געוווּסט, אז אין א פּאָר יאָר אַרום וועלן אייניקע פון זיי אַוועק אין די בערג נעקאָמע נעמען אינעם סוינע. אַנדערע וועט באַשערט זײַן אַרײַנצו־שרײַבן מיט זייער בלוט איינס פון די העלדישסטע זײַטלעך אין דער גע־שיכטע פון ייִדן — דעם אופשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

קאָלאָמיי.

געקניפּטע וועגן צעלויפן זיך אין דער בלויער ווײַט און פירן צו נײַע גאַסן מיט הויכע בלאָק־הײַזער, וואָס שפּילן אוף אין א גאָלדענעם זון־שטויב און זען אויס דערפון נאָך העכער, גלײַך זייער הייך וואָלט זיך

פארוועט מיט די ארומיקע בערג. דאָס בילד פארכאפּט מיט זײַן הערלעכקײַט. און ווירקלעך, א סאך פון דעם, וואָס אין פרידלעכע טעג דאכט זיך אונדז אויס ווי א געוויינלעכע דערשײַנונג, ווערט בעעמעס אופטרייסלענדיק, ווען מע דערמאָנט זיך, אז דאָ איז געווען מילכאָמע, אָקופּאציע, טויט...

באם ארײַנפאָר אין שטאָט האָט דער אווטאָבוס זיך אָפּגעשטעלט לעבן א נײַעם וואָקזאל מיט א גאנצער שורע גרויסע שפּילנדיקע פענצטער.

איך האָב זיך אײַנגעגראָבן מיט מײַן בליק אין דער אומגעגנט, געוואָלט געפינען סימאָנים פון יאָרן צוריק. מיר האָט זיך ווי פארגעדענקט, אז פריִער האָט דאָ געדרעמלט א פליכעוואטע פעלד. ס'האָט געשמעקט מיט ווילדגראָז און ס'האָבן געזונגען העפקערע ווינטן און לאָרכן. און ווײַטער באם סאמע הימל־ראנד האָבן זיך געצייכנט צירלעכע דעכער און טורעמס פון פריִצישע הויפן.

ווײַטע טעג האָבן ארײַנגעשפּאנט אינעם הײַנט.

בישכיינעס מיטן וואָקזאל האָט א נײַמאָדישער קאפע צעשטעלט אינעם דרויסן, אין דער ווײַסער זוניקײַט פילפארביקע געעפנטע שירעמס, ווי ריזיקע בלומען־קעפּ און אונטער יעדן שירעם זײַנען בא מירמל־טישלעך געזעסן מענטשן און באדאכט געזופּט שווארצע קאווע.

איך האָב אויך אפּגיך איבערגעכאפּט, ווײַל דער שאָפער האָט געמאָלדן, אז דער אווטאָבוס וועט שטיין א שאָ צײַט און ווער עס וויל קאָן מאכן א קורצן שפּאציר אין שטאָט.

איך בין אוועק איבער נײַע אומבאקאנטע גאסן. עס האָט אזש א שווינדל געטאָן אין די אויגן פון זייער ברייטקײַט, פון זייער גערויש. איך בין געגאנגען גלאט אזוי, ניט האָבנדיק קיין ציל, און אליין ניט באמערקט, וויִאזוי איך האָב זיך ארײַנגעפּלאָנטערט אין א שמאָל געסל, ווי א יעגער אין א שיטער וועלדל. יעדער הויז — א באקאנטער בוים. בא יעדן בוים — זײַן געשיכטע, זײַן סאָד.

אפן ראָג, אין א קיִאָסק, האָב איך דערזען אויסגעשטעלט א פרישן נומער „סאָוועטיש היימלאנד”. איך האָב אים געקויפט און, בלעטערנדיק, זיך אָנגעשטויסן אף א נאָטיץ, אין וועלכער דער אווטאָר דערמאָנט, אז „דער סעקרעטאר פונעם קאָמיוגישן קאָמיטעט פון דער שטאָט קאָלאָמיי יוליוס דראָגאָביטשער האָט געקעמפט אין שפּאניע און איז אומגעקומען הינטער מאדריד”.

דער נאָמען האָט אָפּגעקלונגען פאר מיר מיט א טיפן שארפן ווידערקאָל, פון וועלכן דאָס הארץ האָט זיך א טרייסל געטאָן מיט א נאָגנדיקן צאפּל. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז אין איינער פון אָט די שטיבער, אף איינעם פון אָט די גאנעקלעך איז ער געוואקסן.

צי האָב איך אים געקענט?

ניין, יענעם יונגן קאָלאָמייער העלד האָב איך ניט געקענט. עפּשער טאקע דערפאר האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז ער האָט באדארפט אויסזען ווי מײַן נײַנצניאָריקער ברודער, וואָס איז אויך אף אייביק פארבליבן אין דער שפּאנישער ערד.

מאדריד, קאָלאָמיי, טשערנאָוויץ...

מײַן בליק האָט צוגעצויגן א פרוי, וועלכע האָט אויך געקויפט דעם זעלבן נומער פון זשורנאל. איך האָב ניט געזען איר פּאָנעם. איך האָב נאָר

געזען אירע לאַנגע בלאָנדע האָר, אַראָפּגעשווימענע אויף די אַקסלען. איך האָב געקוקט אויף איר מיט אָנגעשפּיצטע נײַגעריקע אויגן. מיר האָט זיך פאַרוואָלט הערן איר שטים, איר וואָרט.

איך געדענק שוין ניט, מיט וואָס פאַר א ווערטער איך בין צוגעגאַנגען צו איר. אין מײַן זיקאָרן איז בלויז פאַרבליבן איר קוק אויף מיר מיט שטרענגע בליקן. אירע ברעמען האָבן זיך פאַרהויבן און א בלאָנדע פּאַסמע האָר האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון איר שטערן.

זי איז געווען שוין ניט קיין יונגע, נאָר קענטיק פאַרהיט שפּורן פון אַמאָליקער שיינקײַט. דערהערט מײַנע רייד איז איר בליק מילדער געוואָרן.

— איך בין ניט קיין היגע, — האָט זי אויף מײַן פראַגע געענטפערט אויף יידיש, ווי איך האָב זיך צו איר געווענדט. אין דער ערשטער רגע האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זי זוכט ווערטער, גלײַך זי וואָלט זיך באַנוצט מיט א פרעמדער שפּראַך.

איך בין געוואָר געוואָרן, אַז פון פאַך איז זי א לערערן פון רוסישער ליטעראַטור, אַז אַהער איז זי געקומען מיט א טוריסטן-צוג. מיט א באַגײַסטערטער פאַרטראָגנקײַט האָט זי גערעדט וועגן דער אַרומיקער שיינקײַט, וועגן דער הוצולישער צעזונגענקײַט.

וואָס איז עס געווען פאַר א שמועס?

איך האָב זי געפרעגט פונוואַנען זי קען יידיש. זי געהערט דאָך צו דעם נאָכמילכאָמעדיקן דאָר. איר פאָנעם איז באַלויכטן געוואָרן פון אן אינווייניקסטן גוטן שמייכל.

— א ביסל פון דער היים בא טאַטע-מאַמע... איך בין דאָך פון דער ליטע...

דערנאָך פון זיך אַליין.

וואָס ווײַטער דער שמועס האָט זיך פאַרצויגן, אַלץ מער האָב איך באַוווּנדערט, ווי היימיש זי האָט זיך אַרײַנגעפּאַסט אין דער פאַרב און קלאַנג פונעם יידישן וואָרט. און ס'איז געווען מאַמעש פאַנטאַסטיש צו הערן איר ליטווישע אויסשפּראַך. אין דעם אַלט-נײַעם קאָלאָמיי, וווּ ס'האָט אַמאָל אַזוי וויל געקלונגען דער גאַליציאַנער יידיש מיט זײַנע ברייטע צעזונגענע פּאַטן.

זי האָט א קוק געטאָן אויף מיר מיט אירע בלייך-בלויע אויגן, מיך נאָכאַמאָל באַשאָנקען מיט א שמייכל און אויסציִענדיק צו מיר א וואַרעמע האַנט, מיט א שטראַלנדיקן בליק שטיל געזאָגט:

— מאָדנע, וויאַזוי האָבן זיך עס צוויי יידן באַגעגנט אַזש אין די קאַרפּאַטן.

זי האָט אײַליק זיך געזעגנט און זיך אַרײַנגעשניטן אין דער צעשפּילטער ליכטיקײַט. דער שאָרך פון אירע טריט האָט זיך אויסגעמישט מיט די טריט פון אַנדערע. און זי האָט זיך דערווײַטערט, ביז זי איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן.

איך בין געבליבן שטיין אויפן טראָטואַר מיט א וואַרעם אויפגעפלאַטערט געמיט. אין די אויערן האָבן מיר געקלונגען אירע לעצטע ווערטער. איך בין געשטאַנען אַזוי, ווי איך וואָלט געוואַרט, אַז אָט-אָט, און זי וועט זיך אומקערן.

פּלוצעם האָבן צוויי שאָטנדיקע סילועטן זיך צעלייגט איבער דער גאַס.

איך האָב אופגעהויבן די אויגן און דערזען אַף א גאנעקל, וואָס האָט זיכער נאָך געדענקט דאָס געזאנג פון בענקשאפט און ליבע, צוויי אַלטע לײַט, א מאן און א פרוי. זי איז געשטאנען מיטביידע הענט פארלייגט אונטער אירע צעווירענע בריסט, ווי זי וואָלט מוירע געהאַט, זיי זאָלן זיך ניט צע־שיטן. און ער, עטוואָס אין א זײַט, האָט מיט טרוקענע פינגער געטאפט דעם זוים פון א שווארצן אײַזערנעם געלענדער. ביידע האָבן שווײַגנדיקע אראָפּגעקוקט צו דער טומלענדיקער גאס, און איך האָב זיך דערמאָנט איציק מאנגערן:

אַף דער סטאנציע קאָלאָמיי
צווישן א גאנצער איידע
שטייען געהויקערט שאָטנס צוויי,
מײַן באָבע און מײַן זיידע...

איך האָב געוואָרפן דעם לעצטן בליק אַף די צוויי אַלטע לײַט, און אוועקגעשפּאנט צום אוטאָ־וואָקזאל.

## צוויי אויס׳עס

כאָטש דער קאַלענדאר האָט געוויזן אַף הארבסט, איז דער טאָג געווען פארגאָסן מיט זון — א פארפלייצונג פון זון און ווארעמקײַט.

אין דער בלויער לופט האָבן זיך אַרײַנגעשניטן די דאָרעמדיקע קאר־פאטן, זיך געקייטלט אין א פילפארביקער אקווארעל־הארבסטיקער פארבן־שפּיל. און צופוסנס פון די בערג האָט די שווארצע טיסא, געוויינלעך א גרוי־שטאָלענע, זיך אויך געסטאַרעט אויסצוזען בלוי, שווענקענדיק אין אירע וואסערן די הימלישע לויטערקײַט.

דער „איקארוס" האָט שרויפנדיק זיך אראָפּגעלאָזט פון דעם יאבלאָניצער פּערעוואל, זיך געדרייט איבער דעם אספאלטירטן געשלייפלטן וועג. און מיטאמאָל האָט דער שאָפער געמאָלדן:

— יא־סי־ני־א!

איך האָב א פארכידעשטער באטראכט דעם גאנצן ארום, פון וועלכן ס׳האָט א ווייע געטאָן מיט עפּעס א ווארעמער היימישקײַט, גלײַך איך וואָלט אַרײַנגעפאָרן אין א וועלט, וואָס איז פון לאנג מיר שוין באקאנט.

מיט וואָס?

יאָ, פונקט אזעלכע בערג, אַף וועלכע עס שפּארט זיך אָן דער הימל, פונקט אזא הילצערן געטעסעט קלויסטערל באַם וועג, א דענקמאָל פון ווײַטן מיטלאלטער, און פונקט אזא געדיכטער, געל־רויטער בלעטערפאל אין הארבסט, וואָס האלט אָן לאנג אין זײַן אומעטיקער שיינקײַט.

יאסיניא האָט מיר דערמאָנט מײַן אַלטע היים.

איך בין געשטאנען אין ליכט פונעם הארבסטיקן טאָג, וואָס האָט זיך געבאָדן אין גאָלד. צענדליקער דערמאָנונגען האָבן זיך אָנגעצונדן אין מײַן מויער, און איך האָב זיך ווי געייצעט מיט זיך אליין:

זאָל איך עפּשער איבעררײַסן מײַן ווײַטערדיקע נסיעה און פארברענגען

אַ צוויי מעסלעס אין דעם באַרימטן פּאַנסיאָנאַט „אײדלווײס", וואָס אין דער טיף פון די בערג?

און איך בין געבליבן.

איך דאָ, אין דעם מאָלערישן, הויכבאַרגישן ייִשוב, קימאַט אינגאַנצן אַ באַנײַטן, האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן סימאָנים פון אַ געוועזן ייִדיש לעבן. ווי אומעטום אין די בערג, האָבן אויך דאָ פון קאַדמוינים פרידלעך צוזאַמענגעלעבט הוצולן און ייִדן. איניינעם געשלעפּט דעם יאָך פון לעבן. איניינעם געטאַנצט אַף כאַסענעס און געוויינט אַף לעווײַעס. און קיינער האָט ניט געשטערט זייער שטייגער, ביז די פלאַמען פון דער וועלט־שרײפע האָבן ניט דערגרייכט צו די קאַרפּאַטן.

דעם וועג צום פּאַנסיאָנאַט האָב איך בעדייע געהאַט דורכצומאַכן צופוס.

מיט אַ ייִנגלשער מונטערקײַט בין איך אַוועק צו די בערג. איך האָב מיטאַמאָל דערפילט, ווי עפּעס האָט זיך געביטן אין מײַן גאַנג. עס האָט זיך אומגעקערט צו מיר יענער יונגער קרעפטיקער שפּאַן, וואָס איך האָב אים אָנגעוואָרן איניינעם מיט מײַן יוגנט. איך האָב צוריקגעפונען די לײַכט־קײַט פון מײַן קערפּער, כאָטש ער האָט שוין געטראָגן אַף זיך גאַנצע זיבן צענדליק יאָר.

אַזאַ געבענטשטע הײַטערקײַט האָט באַהערשט מײַן געמיט, אַזאַ מאָדנע און גליקלעכע שטימונג, וואָס יאָרנלאַנג קאָן מען זי זוכן און ניט געפינען.

פאַר מיר האָט זיך צעוויקלט אַ ברוינלעכער קנויל פון אויסגעטראָטענע וועגן און שטעגן, ווי אַ קנויל אָדערן איבער די בערג. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס זײַנען די זעלבע שטעגן, וועלכע איך האָב אויסגע־שפּאַנט אין די ווײַטע יונגע יאָרן.

איך בין אַרויס אַף אַ צעבלימלטער לאָנקע. איבער מיר — אַ פּײַערדי־קער הימל מיט רויטע וואָלקנס, און אַרום מיר — אַ יאַם פון קאָלירלײַ פאַרבן, וואָס נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, און ס'וועט דער האַרבסט זיי אויס־לעשן מיט זײַנע ווינטן און רעגנס. פעלדגרילן שפּילן אויס אינעם טראַוויניק זייער וווּנדערלעכן ניגון, און ראַיענדיקע בינען קושן אויס די לעצטע זיסקײַט פון ווילדע מאַרגאַריטקעס.

דער טאָג האָט זיך לאַנגזאַם געלאָשן, כאָטש אין דער ווײַט האָבן נאָך געברענט רויטע שקיע־געוועבן. פּלוצעם האָט דעם הימל פאַרצויגן אַ גרוי־סער צעפלאָסענער וואָלקן, געוואָרן געדיכטער און טונקעלער. עפּעס אַ נעפּלדיקע גרויקײַט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די בערג. און די ערד האָט גענומען רויכערן, גלײַך זי וואָלט וועלן זיך אָפּטיילן פון זיך אַליין, קעדיי זיך צונויפגיסן מיט דער לופט.

די גרויקײַט איז געווען אַ פּלוצעמדיקע, אַ שווינדלענדיקע, וועלכע האָט ווי אַ קישעף געביטן דאָס אויסזען פון דער אַרומיקער לאַנדשאַפט. בליצן האָבן געשפּאָלטן דעם הימל און דערלאַנגט פון איין האָריזאָנט צום צווייטן.

בליצן אין האַרבסט?

וווּנדערן זיך האָב איך אָבער קיין צײַט ניט געהאַט. ערגעץ אין דער הייך האָבן זיך גענומען דרייען ווינטן, שמײַסן מיט אַ קרומען רעגן. אַ גרויסער שרעקעוודיקער אומרו איז געהאַנגען איבער די בערג, און די וועלדער, צעהוידעטע און צעוויגטע, האָבן איימעדיק גערוישט, גערוישט.

אין מײַן ווײַטער יוגנט האָב איך אָפט ליב געהאַט אַרויסצוגיין פון

שטוב, ווען עס האָט געבליצט און געדונערט, און לויפנדיק אנטקעגן דעם נאסן ווינט, וואָס האָט פארכאפּט דעם אָטעם, פלעג איך פילן א גרויסע פרייד, ווי א הייסער שטראָם וואָלט געפלאָסן אין אלע אָדערן.

דאָס אלץ איז געווען — ווען?

און איצט...

איך האָב מוירע באקומען פארן רעגן, פארן ווינט. געפילט א קעלט אין די ביינער. איך האָב זיך פארלוירן אין דעם אָנגעלאָפּענעם שטורעם און ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיך, ווו און וויאזוי זיך אויסבאהאלטן, איבערווארטן, גיין ווייטער אָדער זיך אומקערן?

פּלוצעם האָט א בלייכע ליכט־מארע, ווי א פארנעפּלט שטערנדל, געלע־כערט די גרויקייט. איך האָב זיך געלאָזט נאָך דעם געלן פייערל און, אָפּ־גייענדיק א שטיקל וועג, שטיין געבליבן פאר א פארמאכטער טיר פון ניט־געהובלטע ברעטער.

כ'האָב אָנגעקלאַפּט.

די טיר האָט זיך געעפנט מיט א פארזשאווערטן סקריפּ. א טריבע שיין האָט א שניט געטאָן אין די אויגן. און אף דער שוועל האָט זיך באוויזן א מיטלוואקסיקער קרעפטיקער מענטש, מיט א טונקל פּאָנעם, פון וועלכן ס'האָט א שלאָג געטאָן א געזונטע, ערדישע ווארעמקייט.

— קאָן מען עפּשער דאָ איבערווארטן דעם רעגן?

ער האָט א קוק געטאָן אף מיר מיט א גוטמוטיקן נייגער, ווי ער וואָלט מיך אָפּגעמאָסטן:

— ביטע, אינצווייען וועט זיין פריילעכער.

מיט א פריינטלעכער באוועגונג האָט ער מיך אָנגענומען פארן אָרעם, און איך האָב געפילט די וואָגיקע קרעפטיקייט פון זיין האנט, א הארטע, ווי אויסגעגארבטע לעדער.

— מיך רופט מען איוואן גאווריליאָוויטש. און אייך?

איך האָב אָנגערופן מיין נאָמען. אין געציילטע ווערטער אים איבערגע־געבן, פונוואנען איך קום, ווער איך בין און וויאזוי איך האָב פארבלאָנד־זשעט.

— יאָך בין אוך נישט קא היגער אינגאנצן... — האָט ער מיר א זאָג געטאָן אף עפּעס א זלידנעם יידיש פון א פארוואָרפן גאליציש שטעטל. זיך צעשמייכלט מיט א סאך קנייטשן ארום די גרויע ווייכע אויגן, און זיין שטים האָט געהאט א היימישן און זיכערן קלאנג.

— איר רעדט יידיש?

— ניין. בלויז עטלעכע ווערטער, פארבליבענע פון די יונגע יאָרן, ווען בא אונדז אין דאָרף האָבן נאָך געלעבט יידישע מישפּאָכעס.

אין א ווײַלע ארום האָבן מיר שוין געשמועסט ווי גוט באקאנטע. ער האָט דערציילט, אז ער איז פון יענער זייט קארפּאטן. דאָ האָט ער א טאָכ־טער א וואלד־אינזשעניר, איז ער בא איר צוגאסט. אים האָט אויך פאר־כאפּט דער געוויטער, נאָר זייענדיק א מענטש, וואָס האָט א גאנץ לעבן פארבראכט אין די וועלדער, האָט ער רעכטצייטיק באמערקט די אָנגעלאָ־פענע כמארע און זיך פארקליבן אין דעם שטיבל פאר וואלדוועכטער און יעגער.

— דאָס איז ניט אויף לאַנג, — האָט ער מיך באַרויִקט, — דער רעגן איז נאָך ניט קיין אָסיענדיקער, אַזעלכער וועט באַלד איבערגיין.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט אין דעם שטיבל. אַ קאַפּטשענדיק לעמפּל האָט מאַט באַלויכטן די נאַקעטע ווענט, די פּאַרויכערטע סטעליע. די ווינקלען האָבן זיך אָנגעפּילט מיט טונקלקייט, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ וואַכן ניט־געזעענע שאָטנס, וואָס באַוועגן זיך שטיל אָן פּאַרב און קלאַנג.

אין דער מיט האָט זיך געהייצט אַ בלעכן אייוועלע. רויטע פלאַקער־רעדלעך האָבן פלאַמיק געשפּילט אין דער גרויקייט, פאַרשפּרייט אַ טערפּקע רייעך פון געברענטן יאַלעווע האָלץ און אָנגעוואָרפן אַ בענקענדיקן אומעט.

איך בין געזעסן און געקוויקט זיך מיט דער וואַרעמקייט. אויפן האַרצן איז געוואָרן פרייִלעכער, און איך בין געווען פול מיט דאַנקבאַרקייט איוואַן גאַוורילאָוויטשן און אויך יענעם, וואָס האָט דאָס אייוועלע אויסגעמייסטרע־וועט.

פּלוצעם האָבן מײַן אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן צוויי פֿײַערנדיקע יידי־שע אויסיִעס „נט", אויסגעהאַמערטע אינעם טירל פונעם אייוועלע און באַ־צירטע מיט געקינצלטע אויזערן. דער אָפּשײַן פון די אויסיִעס האָט צע־פלאַמט געפינקלט. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי ברענען און ווערן ניט פאַרברענט...

וויאַזוי האָב איך עס טייקעף ניט באַמערקט?

איוואַן גאַוורילאָוויטש האָט געכאַפּט מײַנע פאַרגאַפטע בליקן, זײַנע אויגן האָבן זיך צעשפּילט מיט אַן אויסערגעוויינלעכן גלאַנץ און זײַן שטים האָט אַ קלונג געטאָן מיט פֿײַערלעכקייט:

— אײַך איז עס באַקאַנט?

— ניין.

— וועל איך אײַך דערציילן.

אַ ווײַלע האָט ער פאַרקלערט געשוויגן, ווי ער וואָלט צונויפגענומען די געדאַנקען. אַ צוגעלאָזנקייט האָט אים מיטאַמאָל איינגאַנצן באַהערשט, און זײַן קאָל איז איבערגעגאַנגען אין אַ סודעסדיקן פליסטער.

— ...אין אַ שכייניש דאָרף האָט געלעבט אַ ייִד, אַ קאָוואַל. ניט גלאַט אַ קאָוואַל, נאָר מאַמעש אַ יוּוועליר. זײַנע רייפן, פּאַדקאָוועס האָבן געשעמט איבער דער גאַנצער געגנט. אַ באַזונדערן אָפּקלאַנג האָבן געהאַט זײַנע אײַזערנע געלענדערס, איבערגעפלאָכטענע מיט אַ זעלטענעם אָרנאַמענט. און אויף אַלץ, וואָס זײַנע הענט האָבן געשאַפן, האָט ער אויסגעשמידט צוויי זייער געקינצלטע ייִדישע אויסיִעס „נט" — נאָכמען טײַבער.

פאַרוואָס ייִדישע?

אַכוץ דעם אייגענעם אַלעפבייס האָט ער מער גאָרניט געקענט. דאָס איז געווען אַ שטיק רויע פאָלקס־ערד, באַלאָדן פון אַ גרויס האַרץ און דורכ־דרינגלעך אויג פון אַ קינסטלער.

אַלט געווען איז ער אַריבער די דרײַסיק. אַ גרויסוואוקסיקער, מיט אומ־געלומפּערט ברייטע אַקסלען, מיט אַ ברוינהויטיק לײַב, גלײַך ס'וואָלטן די פֿײַערן אין דער פאַרסאַזשעטער קוזניע עס אָפּגעברענט, און מיט פעסטע פאַרסמאַליעטע הענט. און אַ קאָל האָט ער געהאַט אַ דונערנדיקס, מיט אַ גרימיקן סקריפּ.

זײַן איינציק זונדעלע פון אַ יאָר צוועלף איז געווען אַ פאַרקלענערטע

קאָפּיע פֿונעם פֿאָטער. ער איז אָפּט געקומען אין דער קוזניע און געהאָלפֿן דעם פֿאָטער בײַ דער אַרבעט. און ס׳האָט מיט גוווּרע און לײַדנשאַפֿט זיך געטראָגן איבערן דאָרף אַ דועט פֿון צוויי האַמערס איבער אַ שטיק צעגליט אײַזן. איינער אַ שווערער, ווי אַ באַס, און דער צווייטער — דין, ווי אַ יונג קעלבל.

ווען די נאַציסטישע האָרדעס האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין די קאַרפּאַטן און געטריבן די ייִדן צו די יאַרן, איז נאַכמען געווען צווישן זיי. מע האָט דערנאָך דערציילט, אַז באַם צעשיסן האָט ער אָנגעשפּאַנט די געוועבן און מוסקולן פֿון זײַן האָריקער ברוסט אַזוי, אַז אַפֿילו די קויל פֿונעם סוינע האָט אים ניט גענומען. מע האָט אים באַגראָבן לעבעדיקערהייט.

איוואַן גאַווריליאָוויטש האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. און איך האָב דערווײַל געטראַכט, אַז אויב דאָס איז טאַקע עמעס, האָט די ערד איבער זײַן קייווער געמוזט מיסטאָמע שרײַען, וואָרעם אַזאַ גוואַר, מיט אַזאַ מעכטיק קאָל, לאָזט זיך אַפֿילו אונטער דעם ערד־צודעק ניט פֿאַרשטומען.

דעם ייִנגל איז געלונגען צו אַנטלויפֿן. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די בערג, געפּאַרטיזאַנעוועט. נאָך דער באַפֿרײַונג האָט ער זיך אומגעקערט אין דאָרף, זיך אַרײַנגעצויגן אין טאַטנס קוזניע און גענומען מאַכן בלעכענע אײַוועלעך, אין וועלכע מע האָט זיך דעמלט זייער גענייטיקט. ער האָט זיי געמאַכט קונציק, אויסגעטאָקט, און אויף יעדן טירל מאַמעש אויסגראַווירט דעם טאַטנס צוויי ייִדישע אויסיעס — „נט".

אין אַ צײַט אַרום האָט ער פֿאַרלאָזט דאָס דאָרף, אָנגעקומען אין אַ פּראָפֿעסיאָנעלער שול, נאָר פֿון מאָל צו מאָל, אין די זומער־כאַדאָשים, פֿלעגט ער אַראָפּקומען, מאַכן פֿאַר עמעצן אַ בלעכן אײַוועלע, ביז ער איז אַוועק זיך לערנען ערגעץ אין אַן אינסטיטוט און דערנאָך אינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן געוואָרן.

ביז הײַנט אָבער געדענקט מען אים אין דאָרף.

פֿאַלט עמעצן אַרײַן אין האַנט אַן אַלטע פּאָדקאָווע אָדער מע געפֿינט אַ בלעכן אײַוועלע, דערמאָנט מען מיט שטאָלץ נאַכמען דעם קאָוואַל און זײַן זון...

איוואַן גאַווריליאָוויטש איז אַנשוויגן געוואָרן. איך האָב אויך געשוויגן. נאָר מאַכנדיק אין געדאַנק דעם כעזשבן פֿון די פֿאַרלאָפֿענע יאָרן, האָב איך ניט־ווילנדיק געצווייפֿלט אין דעם, אַז דאָס אײַוועלע דאָ, קימאַט אַ נײַס, האָט זיך פֿאַרהיט פֿון יענע ווײַטע טעג. מיסטאָמע איז עס געמאַכט געוואָרן אַ סאַך שפּעטער, מיט אַוועלכע פֿיר־פֿינף יאָר צוריק. הייסט עס, אַז עס לעבט און שאַפֿט ערגעץ דער וווּנדערלעכער מײַסטער, דער יוירעש פֿון נאַכמען דעם קאָוואַל.

איבעריקנס, גאַנץ מעגלעך, אַז ער איז שוין פֿון לאַנג אַן אָנגעזעענער קאָנסטרוקטאָר אָדער אַפֿילו הויפּט־אינזשעניער, און דאָס אײַוועלע האָט ער געמאַכט צוליב זאַבאַווע און עס עמעצן אַוועקגעשענקט אַ מאַטאָנע. אַפֿילו אין דעם פֿאַל איז קעדײַ צו באַמערקן, אַז ער האָט, ווי פֿריִער, אויסגעשניטן אויפֿן טירל די צוויי ייִדישע אויסיעס. פּונקט ווי ער וואָלט שטאָלצירט מיט זײַן יערושע־מעלוכע ניט ווינציקער, ווי מיט אַלע זײַנע איצטיקע רעגאַליִעס.

און עפּשער דאַרפֿן גאָר די צוויי אויסיעס הייסן אויף אונדזער אויסלייג

„נייר טאָמיד" — אַ יאָרצייַט־ליכט פאַר די אויסגעהאַרגעטע ייִדן פון זייַן דאָרף, פון אַלע דערפער און שטעטלעך אין דער גאַנצער לענג פון די קאַרפּאַטן...

דער רעגן האָט טאַקע אײַנגיכן אופגעהערט. דער הימל האָט זיך אויסגעלייַטערט. הינטער די בערג האָט די זון אַ לעצטן בלענד געטאָן מיט אַ בינטל בלייכע שטראַלן, באַלד זיי אויסגעלאָשן, און אַ קילער מייַרעוודיקער פאַרנאַכט איז פּאַמעלעך צוגעפאַלן.

מיר איז שווער געווען זיך צו שיידן מיט איוואַן גאָווריליאָוויטשן, מיט וועלכן איך האָב פאַר די געציילטע פאָר שאָ זיך באַוויזן מאַמעש צו באַפרייַנדן, איך האָב אָבער געוואָלט דערגיין צום פּאַנסיאָנאַט, איידער ס׳ווערט פינצטער, און ער האָט אויך געייַלט צו זייַן טאָכטער אין טאָל.

אין דורכזיכטיקן מאַטאָווע הימל האָבן זיך דערווייַל באַוויזן די ערשטע גרויסע שיטערע שטערן. דער וואַלד, ווי אַ פאַרקישעפטער, האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט זייַנע שוואַרצע שאָטנס, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז עמעצער שטייט באַהאַלטן צווישן דיביימער און לויערט מיט שפּיציקע אויגן נאָך די צעגאַנגענע טריט, וואָס ווערן אַלץ ווייַטער און ווייַטער...

## העמשער

עפּעס אַ בערייִשיסדיקע אור־גרויקייַט איז געהאַנגען איבער די בערג, וואָס רינגלען אַרום דאָס טראַנסקאַרפּאַטישע שטעטל כוסט.

אַנעוו, איז עס שוין פונלאַנג קיין שטעטל ניט. דער צענטער און די נייַע ראַיאָנען האָבן אַלע סימאָנים פון אַ גרויסער שטאָט. הויכע וווינהייַזער, מאַגאַזינען מיט שפּיגל־וויטרינעס, אַ בונטער לעבהאַפטער מענטשן־שטראָם איבער די גאַסן.

אויף איינעם פון די בערג, וועלכן מע רופט „זאַמקאָווע" און וואָס איז אַ פּיליגרים־אָרט פאַר טוריסטן, שטאַרצן צום הימל געציינדלטע רויִנען פון אַ כאָרעוון שלאָס, פאַרשטיינערט מיט סוידעס פון אַלטע צייַטן, ווען פרעמדע הערשער האָבן פאַרכאַפּט די טראַנסקאַרפּאַטישע בערג און טאָלן, דערפער און שטעט, פאַרוואַנדלענדיק אַלץ אין אייגענעם באַזיץ.

עפּעס אַ פירשט האָט דעם שלאָס געהייסן אויסבויען אַלס אַ מאַטאָנע פאַר זייַן טאָכטער, וועלכער ס׳איז געפעלן געוואָרן דער באַרג, דער וואַלד און די זילבערנע טיסאַ מיט די רויכערדיקע בלויע ווייַטן.

טאָג און נאַכט איז אָנגעגאַנגען די אַרבעט פון צענדליקער און צענדליקער צונויפגעטריבענע קנעכט. יעדער שטיין איז באַגאָסן געוואָרן מיט שווייס און טרערן, מיט בלוט און קלאָלעס.

דער ווינט דערטראָגט ניט צו אונדז די לעצטע זיפצן פון יענע פאַריאָגטע און פאַרפּייַניקטע. דערטראָגט ניט דערפאַר, וואָס הונדערטער יאָרן זייַנען פאַרבייַ, נאָר פון דאָר צו דאָר, פון מויל צו מויל רופן זיך איבער גרויזאַמער ווילקיר און העראָישע נעקאָמע...

פונקט אין האַלבער נאַכט, ווען פאַרבעטענע סראָרעס און פּריצים האָבן אין ווילדע אָרגיעס געפראַוועט דאָס באַנייַען דעם שלאָס, האָבן אַ רעווע געטאָן פון צווישן די בערג פאַרטויבנדיקע זאַלפּן פון הילצערנע האַרמאַטן.

אַפּרישקיס[1] האָבן געשטורעמט די נעסט פון רויב און גזילע, און דער קאַ־רעוועך שלאָס האָט געפלאַקערט ביז אין ווײַטן טאָג אַרײַן.

דוירעס זײַנען פאַרבײַ.

און אַט, מיט העכער פיר יאָרצענדליקער צוריק האָבן פּאַרטיזאַנער, אורייניקלעך פון יענע נאָבעלע אַפּרישקיס, העלדיש זיך געשלאָגן אין די זעלבע בערג מיט די דײַטשישע אָקופּאַנטן און האַרטי־פאַשיסטן.

איך האָב ארומגעבלאָנדזשעט צווישן די גרויע רויִנען, וואָס האָבן דער־מאָנט אין מאַצייווע־שטיינער אף אַן אַלטן בעסאַלמען. און זיך דערמאָנט אין אַ דערציילונג וועגן אַ כוסטער ייִדיש ייִנגל, מוישעלע שפּיצער, וועלכער האָט געשריבן לידער און דערשאָסן געוואָרן אף דער אייגענער שוועל באַם אַנטלויפן פון געטאָ. אין מײַנע אויערן האָבן געוויינט זײַנע שורעס:

איבער די קאַרפּאַטן צעזייטע, ווי שטערן,\
קלײַבן מיר וועלן דעם צאַר און די טרערן,\
העליש מיט זיי די בערג באַלויכטן,\
ס'זאָל דער סוינע אופציטערן פאַרן קאַיאָר דעם רויטן...

איך בין געגאַנגען איבער דער ווייכער קילער ערד, ווו עס האָבן צו די הימלען זיך פאַריסן די ארומיקע בערג, פון דער הייך האָט זיך אָנגעזען די גאַנצע שטאָט, אײַנגעהילט אין אַ דינעם נעפּל.

איך האָב זיך געלאָזט באַרג־אַראָפּ און, אָפּגייענדיק אַ שטיק וועג, פאַרקערעוועט אין אַן אַלטער גאַס, ווו די הײַזער האָבן זיך געקײַטלט און אַרײַנגעוואַקסן איינס אין צווייטן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ גאַס, אַ פאַרבליבענע פון ווײַטע פאַרדרעמלטע צײַטן.

פּלוצעם האָב איך אין דער טיף דערזען די כוסטער שול, וועגן וועלכער איך האָב שוין געהאַט געהערט. זייער אַן אַלטע שול, וואָס קיינער ווייסט ניט איר אָנהייב. נאָר לויט דעם ביזאַנטיש־גאָטישן געמיש, דאַרף זי אַלט זײַן אַוועלכע פאָר הונדערט יאָר.

ס'איז גראָד געווען שאַבעס.

דער טאָג איז געווען אַ וואַרעמער, אַ ליכטיקער. די זון האָט געשפּילט אין די גרויסע האַלב־רונדע פענצטער, און אַלץ נעענטער זיך גערוקט צו מיזרעך. ברייטע טרעפּ, פון דוירעס אויסגעטראָטענע, האָבן געפירט צו דער מאַסיווער אָפענער טיר, און איך בין אַרײַן אין שול.

קעגן דער דרויסנדיקער זוניקײַט איז דאָס ליכט אינעווייניק געווען פאַר־בלייכט. ס'איז געווען ניט פינצטער, ניט ליכטיק, נאָר אַ מין דעמערונג, וואָס האָט אַ זעץ געטאָן אין דער נאָז מיט אַ שאַרפן רייעך פון קיילעוו, וואַקס און נאָך עפּעס אַ מין טוכלעקײַט. איך האָב זיך ארומגעקוקט, פאַר־הויבן די בליקן צום קופּאָל, אַ באַדעקטן מיט אָפּגעבליאַקעוועטע פרעסקעס, צום אָרנקוידעש מיט אַ טונקל־רויטן פּאָרויכעס פאַרהאַנגען, און איבער אים די לוכעס מיט די אויסיִעס פון אַלע צען געבאָטן.

אַריבערגעבויגן איבער אַ שטענדער, איז געזעסן אַ ייִד אין אַ שוואַרצער אַרומגעגאַרטלטער קאַפּאָטע. פון אונטער דער שוואַרצער יאַרמעלקע זײַנען אַפּיגעקראָכן צוויי לאַנגע געקרײַזלטע פּייעס, פאַרבומענע הינטער די אוי־ערן. זײַן גראָוו באַבערדיקט פּאָנעם איז אויך טונקל געווען. און ער האָט

[1] פאָלקס־באַפרײַער, אופשטענדלער אין די קאַרפּאַטן.

אויסגעזען אזוי, ווי ער וואָלט באַשטאַנען פון הוילער שוואַרצקייט. ער האָט עפּעס געזאָגט מיט אַ געמאָרע־ניגון פון אַ דיקן אָפענעם סייפער. יעדעס וואָרט זײַנס איז געווען מיר סײַ אויסטערליש היימיש, סײַ אויסטערליש פרעמד. און די פרומקייט זײַנע האָט מיר אויך אויסגעזען ווײַט און פאַרהוילן.

— שולעם־אַלייכעם!

דער ייִד האָט אויף מײַן באַגריסונג ניט געענטפערט. ער האָט מיר נאָר צוגעוואָרפן אַ פאַרכידעשטן בליק און מיט צוויי פינגער אָנגעוויזן אויף די ליפּן, אַ סימען, אַז ער טאָר ניט רעדן.

— אַב הרחמן שמע קולנו[1], — האָבן זײַנע ליפּן זיך געבעטן. און איך האָב געטראַכט, פאַרוואָס האָט דער פאָטער פון ראַכמים ניט דערהערט דאָס קאָל פון מוישעלע שפּיצער.

ער האָט פאַרענדיקט די טפילע, פאַרמאַכט דעם סייפער, מיר אַנטקעגנגעטראָגן קאַלטע פינגער, וואָס האָבן קוים אָנגערירט מײַן האַנט און זײַנען גלײַך צוריק אַנטלאָפן, און זײַן אַרומגעוואַקסן מויל האָט אַרויסגעוואָרפן עטלעכע צעבראָכענע ווערטער:

— אַלייכעם שולעם... פון ווי איז אַ ייִד?

ער האָט גערעדט אַזוי, ווי ער וואָלט געווען בלויז אַ האַלבער ייִד. איך האָב קוים פאַרשטאַנען זײַן אונגאַריש ייִדיש.

ער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ פרײַנטלעכן, צוגעלאָזטן מענטשן, און ביסלעכווײַז האָט מײַן געהער זיך צוגעוווינט צו זײַן אויסשפּראַך, — אַ מין ייִדיש־דײַטשמערישער פּלאָנטער.

דער ייִד האָט געהאַט געוויסע קענטעניש אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ער האָט זיך באַלד נאָכגעפרעגט בא מיר, צי האָב איך געלייענט שאָלעם אַשס „דער טילים־ייִד" און צי קען איך אַזאַ שרײַבער, וואָס באַהאַלט זיך אונטער דעם נאָמען — דער ניסטער. ער האָט געדענקט מאָריס ראָזענפעלדן און דאָוויד עדעלשטאַדטן, ביז דער מילכאָמע איז ער געווען אַ שנײַדער און אין דער עלטער אָנגעהויבן דינען גאָט.

— עמעצער דאַרף דאָך אופהאַלטן דאָס ביסל ייִדישקייט, — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט. און פאַרשטייט זיך, אַז וועגן דעם „ביסל ייִדישקייט" האָבן מירביידע געהאַט פאַרשיידענע באַגריפן.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער ייִד באַשטייט פון צוויי האַלבע מענטשן. איין האַלבער מענטש דערמאָנט אין יענער פינצטערער פאַנאַטישקייט פון אַ טייל אונגאַרישע ייִדן, און די צווייטע העלפט פון דעם זעלבן מענטשן איז דער אַמכאָ שער־און־אײַזן, וועלכער איז באַווירקט געווען פון דער פאָרגעשריטענער וועלטלעכקייט, וועלכע האָט אַרײַנגעדרונגען פון דער שכיינישער גאַליציע.

אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ שאַפע מיט אַלטע ספאָרים, פון זיי איז אויך אופגעגאַנגען עפּעס אַ פאַרדומפּטער רייעך, ווי זיי וואָלטן, שטייענדיק אין שאַפע, נאָך אַלץ געלערנט זיך אַליין... איך האָב אַרויסגעצויגן אַ סייפער אין אַ האַלבן לעדער־אײַנבונד און איבערגעלייענט „מוירע נעוווכים". איך

---

[1] אָוו האַראַכמן, שמאַ קוליינו — פאָטער פון ראַכמים, הער מײַן קאָל.

האָב געבעטן דעם ייִדן, צי מעג איך עפּשער נעמען פֿאַר זיך דעם ראָמבאָמס ווערק. ער האָט מיר געגעבן.

בעשאַס אונדזער שמועס וועגן דער הײַנטיקער ייִדישער ליטעראַטור איז אַרײַנגעקומען נאָך אַ ייִד. דערהערנדיק דעם נאָמען „סאָוועטיש היימלאַנד" איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין אונדזערע רייד און מיט אַ ווייכער, וואַרעמער שטים פֿײַערלעך געמאָלדן:

— אָט דעם זשורנאַל שרײַבט אויס מײַן זון אַ שיינע פּאָר יאָר!

איך האָב זיך אַ דערפֿרייטער נאָכגעפֿרעגט, ווער זײַן זון איז און צי האָט ער אַ טעלעפֿאָן און, געזעגענענדיק זיך מיט די צוויי ייִדן, בין איך אַוועק צום נאָענטסטן טעלעפֿאָן־אויטאָמאַט.

— קוואַרטירא לאַזאַראָוויטשאַ?[1]

— דאַ[2], האָט מיר געענטפֿערט אַ זייער צאַרטע פֿרויען־שטים.

איך האָב געזאָגט, צו וועמען איך דאַרף, און דערהערט אין טרײַבל דאָס זעלבע קאָל:

— סאַשע וועט זײַן אין אַ שאָ אַרום. ווער פֿרעגט?

איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט, געבעטן אַ דערלויבעניש צו קומען, אויב קיינער וועט גאָרניט האָבן קעגן, און דערהערט אין טרײַבל אַ לײַכטהאַרציק פֿאַרכידעשטן:

— שטאָ ווי, פּאָזשאַלויסטאַ![3]

געוווינט האָט אַלעקסאַנדער לאַזאַראָוויטש, אַ לערער פֿון באַרוף און אַ פֿיזיקער לויט דער בילדונג, אין איינעם פֿון די נײַע ראַיאָנען. דאָ איז געווען שטיל. אין אָט דער גאַס האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעריסן די צערודערטקײַט פֿון דער שטאָט, דער געדיכטער גאַנג פֿון מענטשן, ווי דאָ וואָלט געווען אַ צווייטע שטאָט.

איך האָב אָנגעקלונגען אין טיר.

מיר האָט געעפֿנט אַ יונגינקע פֿרוי, אַ זייער כיינעווודיקע, מיט אַ פּאָר טונקעלע שײַנענדיקע אויגן. כ'האָב באַלד דערקענט דאָס קאָל, וואָס האָט אַ ריזל געטאָן מיט אַ ווייכן צערטלענדיקן קלאַנג:

— סאַשע, צו דיר...

אַ הויכער ברייטפּלייציקער יונגערמאַן מיט ענערגישע, נאָר זייער אײַנגעהאַלטענע באַוועגונגען, איז מיר אַרויסגעקומען אַנטקעגן. איך האָב זיך געגריסט מיט אים אין רוסיש. און ער האָט מיר אָפּן אָרט געענטפֿערט אויף ייִדיש:

— אַ גוטן־אָוונט... מיר האָט אירע איבערגעגעבן וועגן אײַך.

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט צעוואַרעמטע בליקן און איבערגעכאַזוערט מיט אויפֿגעלויכטנקײַט:

— אַלץ איבערגעגעבן...

ער האָט מיך פֿאַרבעטן אין אַ צימער, אַרומגעשטעלט מיט שאַפֿעס ביכער. די שטימונג איז באַלד פֿון דער ערשטער מינוט אָן געוואָרן אַ האַרציקע, אויפֿגעלייגטע. איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס האָט זײַן פֿאָטער אין

---

[1] לאַזאַראָוויטשעס דירה? (רוס.).
[2] יאָ (רוס.).
[3] וואָס רעדט איר, ביטע! (רוס.).

שול מיר געגעבן דעם אדרעס. ער האָט א שמייכל געטאָן, און זײַן יונג, געזונט פּאָנעם האָט זיך באדעקט מיט א ראָזן פלאַם.

— יאָ, מײַן טאטע איז דאָרט גאבע.

דער טאָן צוזאמען מיטן בליק, וואָס ער האָט מיר גלײַכצײַטיק צוגעוואָרפן, איז געווען מאָדנע. ס'איז געווען א קורצע רעגע פון וואקלעניש, און איך האָב געפילט, אז ער וויל מיר נאָך עפּעס זאָגן:

— מיר דאכט, אז דער טאטע איז צוגעבונדן צו דער שול ניט מאכמעס פרומקײַט, נאָר מאכמעס צוגעבונדנקײַט צו דער אײַנגעוואָרצלטער ייִדישקײַט, וואָס לעבט אין אים פון זײַן פריסטער קינדהײַט.

און זײַנע רייד האָבן געקלונגען אזוי, ווי ער וואָלט געזוכט א פארענטפערונג פאר דעם, וואָס זײַן פאָטער איז גאבע אין שול.

דאָס ערשטע, וואָס האָט מיך אין אים באצויבערט איז געווען זײַן וווּנדערבארער, געלײַטערטער ייִדיש. אזא פארביק, מעכײַעדיק לאָשן, געפארבט מיט גאליצישער צעזונגענקײַט. און איך האָב געטראכט, אז דאָס האָט זײַן פאָטער, א פּאָשעטער שוסטער, וועלכער איז אלפי נעס, טאקע ווײַל ער איז געווען א שוסטער, ניצל געוואָרן פון דעם אָשווענצימער קרעמאטאָריאוויון, אײַנגעפלאנצט אין אים ליבע צו ייִדיש, שיינע טראדיציעס און גוטע מינהאָגים.

דערווײַל איז ארײַנגעקומען זײַן פרוי אירע, א יונגע דאָקטערן, מיט זייער טעכטערל — ראָכעלע, מיט וועלכער די מאמע רעדט רוסיש און דער טאטע — נאָר ייִדיש. מיר האָבן געפירט א געמיטלעכן שמועס און איך האָב בא איר ארײַנקומען געוואָלט איבערגיין אף רוסיש, נאָר ער האָט פאָרגעזעצט אין דעם זעלבן נוסעך, ארויסזאָגנדיק אייניקע געדאנקען וועגן ליטעראטור.

— די נײַע וויסנשאפט האָט איבערגעאנדערשט דאָס פּאָנעם און דעם אינהאלט פון טויזנטער זאכן און באגריפן, די קינסטלערישע ליטעראטור, מיר דאכט, איז מעכוייעוו אין דער ערשטער ריי זײַן אן אויסדרוק און אן אָפּשפּיגלונג פון דער צײַט, טאקע פון די פונדאמענטאלע ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין לעבן.

צי האָט איר אלץ פארשטאנען?

אָבער זי האָט גערן אויסגעהערט און געקוקט מיט אירע טונקעלע שײַנענדיקע אויגן, וועלכע האָבן לײַכט-פרײלעך טייקעף צוגעשטימט צו אלץ, וואָס איר מאן האָט געזאָגט.

אין איינס בין איך אָבער זיכער, אז ייִדיש האָט זיך פעסט אײַנגעפונדעוועט אין אָט דער שטוב, ווו עס האָט געשלאָגן א קוואל פון ייִדישער פאָלקסטימלעכקײַט. און כאָטש די וועלט דאָ איז געווען א ייִדישע, איז זי אָבער געווען ניט קיין פארמאכטע. אין שכײנעס מיט די ווערק פון קימאט אלע ייִדישע שרײַבער זײַנען אין די געגלעזטע שאפעס געשטאנען גאנצע אויסגאבעס אין אנדערע שפּראכן, באזונדערס אין רוסיש, שוין אָפּגערעדט פון ספּעציעלער ליטעראטור וועגן פיזיק. און ווען איך האָב געלויבט זײַן רײַכע ביבליאָטעק, איז ער עפּעס ווי כאָשעוועס געוואָרן בא זיך.

ביז שפּעט אין אָוונט בין איך זיך פארזעסן בא די לאזאראָוויטשעס, און ווען סאשע האָט מיך ארויסבאגלייט, איז געשווומען איבער כוסט א שטילע

אויסגעשטערנטע נאכט. פונעם טונקעלן הימל האָט זיך אָפּגעריסן אַ שטערן און, אופֿלויכטנדיק, אַראָפּגעפֿאַלן הינטער דעם כאַרעוון שלאָס.

איצט, שרײַבנדיק אָט די שורעס, שטייט מיר פֿאַר די אויגן סאשע לאַזאַראָוויטש מיט זײַן ברייט פֿאַרויטלט פּנים, וואָס לויכט מיט פּאַשטעס פֿון אַ געזונט שטיק ערד. אין געהער איז מיר פֿאַרבליבן זײַן קאָל. כאָטש אַ ביסל אַ צעזונגענס, גייט אָבער דאָס וואָרט דורך דעם אויף אַזוי ריין, ווי אַ געטראַנק דורך אַ דינעם ריינעם באָקאַל. און איך קלער, אַז אָט דאָס איז ער, אונדזער העמשעך, דער וואָס אים איז באַשערט אײַנײנעם מיט זײַן אירע און זײַן ראַכעלע אַרײַנשפּאַנען אין איין־און־צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און ווײַטער צי̇ען דעם פֿאָדעם פֿון אונדזער מאַמע־לאָשן.

# אַף יענער זײַט קאַרפּאַטן

וואָס נעענטער צו מוקאַטשעווא, אַלץ אופֿגערודערטער ווערט מײַן געמיט.

וויאַזוי זעט זי אויס, די שטאָט, אין וועלכער ס'האָט מיט קימאַט פֿופֿציק יאָר צוריק זיך פֿאַרהאַלטן מײַן צעיושעטער גרעליף פֿונעם היטלער־געהענעם?

ס'איז געווען פֿרילינג 1938.

איך בין אַנטלאָפֿן פֿון עסטרײַך, דעם ערשטן קאָרבן פֿון דער נאַציסטישער עקספּאַנסיע אַף אונדזער אַלטן קאָנטינענט.

פּראָג, די פֿאַנטאַסטישע שטאָט, אַ פֿאַרייביקטע אין דער גוילעם־לעגענדע, האָט געשפּילט און געלויכטן מיט אירע איליוזאָרישע פֿײַערן. און, ווי אין אַן אופֿגעברויזטן בינשטאָק, געווימלט מיט עמיגראַנטן — ייִדן און דײַטשישע אַנטיפֿאַשיסטן, ווי איך אַנטלאָפֿענע. בא מיר אָבער איז נאָך געווען אַ שטיקל היים, ווו עס האָבן אַף מיר געוואַרט טאַטע־מאַמע. זיי אָבער האָבן שוין ניט געהאַט וווּהין ווײַטער צו לויפֿן...

אין אַ צײַט אַרום איז אויך טשעכאָסלאָוואַקיע פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דעם ברוינעם קאָשמאַר.

פֿון מוקאַטשעוואָ, אָדער מונקאַטש, ווי ס'האָט דעמלט געהייסן, ביז קיין סיגעט אַף דער רומענישער זײַט, איז געווען ווי מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. האָב איך טאַקע אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן זיך געזעגנט מיט דער וווּנדערלעכער שטאָט פּראָג און אָפּגעפֿאָרן קיין מוקאַטשעוואָ — נעענטער צו דער היים...

און אָט בין איך אַ צווייט מאָל אין דער זעלבער שטאָט אַף יענער זײַט קאַרפּאַטן, וואָס האָט זיך פֿאַרקריצט אין מײַן זיקאָרן מיט איר קויטיקײַט, אָפּגעשטאַנענקײַט, ווו די העכסטע מאכט איבער אַ גרויסן טייל ייִדן האָט געהאַט דער מוקאַטשער רעבע. אַ שטאָט, פֿול מיט סוידעס, מיט מיסטיק, מיט אַ ייִדיש לאָשן, וואָס איך האָב קוים פֿאַרשטאַנען.

איך האָב איבערגעלעבט דעמלט אַ סצענע, וואָס שטייט נאָך איצט מיר פֿאַר די אויגן.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער צווייטער טאָג פּייסעך.

איך בין אַראָפּ פֿון באַן און געזוכט, ווו מע קאָן איבערכאַפּן, אונטערלייגן דאָס האַרץ. אַלע ייִדישע קלייטן און שענקען זײַנען געווען פֿאַרמאַכט.

מיר האָט זיך אָבער אויסגעוויזן, אַז פֿון אַלע פּאַרמאַכטע טירן און פֿענצטער שרײַט צו מיר אַרויס:

כל דכפין יתי ויכול...[1]

אוואַדע וואָלט מען מיר אין יעדער יידישער שטוב געגעבן אָפּצועסן. נאָר אין יענער צײַט ניט איך האָב פֿאַרשטאַנען, ניט איך האָב געוואָלט פֿאַרשטיין דעם אומפֿאַרגלײַכלעכן, פֿון דורעס אײַנגעהיימישטן מינהעג.

איך בין אַרײַן אין אַ קריסטלעך טײ־הויז.

וואָס איז עס געווען — גאָטלעסטערונג צי לעהאַכעסדיקײַט? גיכער פֿון אַלץ, ביידע אינײנעם.

ייִדן, שוואַרצע און גראָווע, אין שטרײַמלעך און ווײַסע זאָקן, מיט טאַלעס־זעקלעך אונטערן אָרעם, זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען און געזען דורך דער גלאָזיקער וויטרינע, ווי איך עס געשמאַק דעם טרייפֿענעם פֿרישטיק, עס ברויט. וואָס נאָך מער אַוויירעדיקער האָט געקאָנט זײַן, ווי עסן כאָמעץ אין די טעג פֿון יעציִאַס־מיצראַיִם?

ווי נאָר איך האָב זיך באַוויזן אויף יענער זײַט טיר, איז מען מיך באַפֿאַלן מיט זידלערײַען. עפּשער וואָלטן זיי מיך אַפֿילע געגעריקט, נאָר אַזוווי איך בין געווען אײַנגעטונקען אין כאָמעץ, האָבן זיי זיך ניט געוואָלט דערנענטערן, און דאָס האָט מיך געראַטעוועט.

אין אײַלעניש בין איך אַוועק ערגעץ אין אַ הײַנטערגאַס.

פֿון אַ קליין שולעכל האָט אַ געבראָכן קאָל, מיט אַ קרעכץ, אויסגעווייטיקט פֿון טרערן, זיך געוויקלט אין דער טפֿילע:

מן המצר קראתי יה...[2]

ייִדן האָבן געזאָגט האַלעל, און די אוראַלטע קלאַנגען האָבן זיך געוויגט אין דעם פּייסעכדיקן דרויסן, באַהויכט פֿון עפּעס אַ ניט־ערדישער הייליקײַט.

אַ טרויער נעמט אַרום באַם געדאַנק, אַז אין אַ פּאָר יאָר אַרום זײַנען אָט די אַלע גאָטספּאָרכטיקע ייִדן מיט זייערע פֿרויען און קינדער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין בערג מיט אַש... און דער גאָט, צו וועלכן זיי האָבן גערופֿן, איז געווען טויב צו זייערע טפֿילעס...

און אָט בין איך ווידער אין מוקאַטשעוואָ.

דאַכט זיך, די זעלבע שטאָט פֿון אַמאָל, אין אַ האַלבקרײַז אַרומגענומען מיט נידעריקע בערג, באַדעקטע מיט אַ רײַכער גרינקײַט. די זעלבע לאַטאָריצע קײַקלט צופֿוסנס אירע גרינלעכע וואַסערן. אין צענטער פֿון שטאָט די אַלטע גאָטישע ראַטושע (איצט דער שטאָטראַט). דער ריטערשלאָס פּאַלאַנאָק, אַ זעלטענער אַרכיטעקטור־דענקמאָל פֿון 14־טן יאָרהונדערט.

און דאָך ניט די זעלבע!

אייגנאַרטיק און באַצויבערנדיק איז די שיינקײַט פֿון דעם הײַנטיקן מוקאַטשעוואָ, די צווייטע גרעסטע שטאָט אין די טראַנסקאַרפּאַטן. אַ פּאַרפֿוצטע מיט בלומען־גערטנער און סקווערן, אַרומגעשטעלט מיט גרויסע נײַע ווינמאַסיוון, איבעראַשט זי מיט איר הײַנטצײַטיקײַט.

אין איר נאָענטקײַט קרייצן זיך איבער וויכטיקע עקאָנאָמישע אַרטעריעס,

---

[1] קאָל דיכפּין ייסיי וועייכויל — דער וואָס איז הונגעריק, זאָל קומען און עסן.

[2] מין האמייצער קאָראָסי אדוינוי — פֿון צאַר רוף איך צו דיר, גאָט...

ווי די נאַפט־ליניע „דרוזשבאַ“, די ענערגאָ־ליניע „מיר“, די טראַנס־איירא־פּעישע אײַזנבאַן־מאַגיסטראַל, וואָס פאַרבינדט זי מיט די סאָציאַליסטישע לענדער — אונגארן און טשעכאָסלאָוואַקיע.

אַן אַלטע און אין דער זעלבער צײַט יונגע שטאָט.

ווײַט נאָך האַלבן טאָג.

דער טײַך איז דורכזיכטיק ריין. פון די ווייִנענדיקע איוועס באַם ברעג פאַלן איבער זײַן איבערפלאַך געלע לענגלעכע בלעטער, ווי געלע טרערן. זיי שווימען נאָך בלייכע שטראַלן פון דער האַרבסטיקער זון, גלײַך די לאַטאַריצע שמייכלט אַ צאַרט, אַ ביסל אומעטיק.

אינעם שיין־פאַרפלאַנצטן פּאַרק לענגאויס דעם טײַך, באַם סאַמע ברעג, שטייט אַ יונגע פרוי. דער שטראָמיקער וואַסער־שפּיגל וויגט איר שאָטן.

— העלגאַ?

צי דען איז עס מײַן נעכטיקע באַקאַנטשאַפט מיט דעם שיינעם פאַרונ־גארישטן נאָמען, וואָס האָט עפּעס אַ נאָרדישן אָפּקלאַנג?

איך דערנעענטער זיך צו איר.

— אַנטשולדיקט, איך האָב אַלפּי טאָעס אײַך פאַרביטן מיט אַן אַנדער פרוי, וועלכע האָט שטודירט מעדיצין אין לענינגראַד, און איצט איז זי אַ קינדער־דאָקטער בא זיך אין די טראַנסקאַרפּאַטן.

נעכטן האָט העלגאַ מיך פאַרבעטן צו זיך אַהיים. און איך האָב פאַר־בראַכט מיט איר און איר מאַן, אַ טעכניקער, עטלעכע זייער אָנגענעמע שאָ.

— וויאַזוי וועט זײַן העלגאַ אויף ייִדיש? — האָב איך זי געפרעגט.

אַ לײַכטע פאַרב איז אַרויסגעטראָטן אויף איר העל פּאָנעם. אירע אויגן האָבן פריידיק אַ שפּיל געטאָן:

— הענצע!

און איך האָב געפילט, אַז דער ייִדישער נאָמען האָט אויך אַ טיפן און שאַרפן אָפּקלאַנג.

די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע. זי האָט לעבהאַפט דערציילט וועגן איר אַרבעט, וועלכע זי האָט זייער ליב. פאַרביק געמאָלט דעם נײַעם קינדער־שפּיטאָל. דערבײַ האָט דער האַרטער רוסישער „ר“ געקלונגען בא איר, ווי אַ „ג“ אָדער אַ „ה“, אָדער ווי ביידע צוזאַמען. דאָס האָט איר צוגע־געבן אַ מאָדנעם כיין. מיטאַמאָל האָט איר אויסזען זיך געביטן, דאָס קאָל איז געוואָרן ווייכער, נידעריקער.

...דער טאָג איז געווען אַ נאַסער, אַ רעגנדיקער, מיט אַ נידעריקן פאַר־כמאַרעטן הימל. דער דרויסן האָט געהאַט די פאַרב פון אַש. און אַ קאָלאָנע ייִדן, וועלכע האָבן זיך מיד געשלעפּט איבער זייער לעצטן וועג, זײַנען אויך געווען אשיק־גרוי... זיי האָבן זיך גערוקט פאָרויס, אײַנגעהויקערטע און שוואַכע, זיך געבויגן און זיך געבראָכן אונטער דער לאַסט פון דעם ביסל סקאַרב, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף זיך. איז עמעצער געפאַלן, האָט אַ קויל פאַרשפּאָרט זײַן ווײַטערדיקן גאַנג...

אַן אַלטיטשקע, געהויקערט אײַנדרײַען, איז אומגעפאַלן. אין דער רעגע האָט פון דער קאָלאָנע זיך אָפּגעטיילט אַ שלאַנקע יונגע פרוי און אײַליק זיך צו איר אַ לאָז געטאָן. עסעסאָווצעס האָבן דערשטוינטע, מיט ראָצכיש

פאַרגאַסענע בליקן איר נאָכגעפאָלגט. איר גאַנג האָט אויסגעדריקט זעלבסט־זיכערקייט און ווירדע. דער שאַרפער ענערגישער פּראָפיל — פאַראַכטונג, און די אויגן האָבן געשפּריצט מיט פייַער.

— העלגאַ! — האָט עמעצער פאַרצווייפלט איר נאָכגעשריגן.

באַלד איז לעבן איר אויסגעוואַקסן אַ הויכער געזונטער עסעסאָווער. מיט זייַן קרעפטיקער האַנט זיך אַרייַנגעפּלאָנטערט אין אירע גאָלדענע צעפּ. אונטער אַ צעזעצטן געלעכטער פון די איבעריקע עסעס־לייַט האָט ער זי געשלעפּט אַף צוריק, צוריק... דאָס בלייכע פּאָנעם פון דער יונגער פרוי האָט זיך ווייטיקלעך פאַרקרימט, די האָר האָבן זיך צעפּאַטלט. פּלוצעם האָט זי זיך אַרויסגעריסן פון זייַנע הענט, זיך אויסגעדרייט צו אים און, שווער אָטעמענדיק, מיט אַלע קויכעס אים אַ שפּיַי געטאָן אין פּאַרצעף.

עס האָט זיך דערהערט אַ שפּיציקער קנאַל פון אַ שאָס. און עמעצער אין דער קאָלאָנע האָט אַ פאַרכאַלעשטן געשריי געטאָן:

— הענצעלע... טאָכטער מייַנע!..

אַ דריבנער רעגן האָט אויסגעלאָשן דאָס קאָל, און אַפן פאַרבלאָטיקטן וועג איז געבליבן נאָך אַ טויטער קערפּער, ווי אַ פאַרגליווערטער שאָטן...

— דאָס טראָג איך דעם נאָמען נאָך יענער העלגאַ, — האָט מיר געזאָגט די דאָקטערן, און צוויי קלייניקע טרערעלעך האָבן זיך פאַרהאַלטן אין די ווינקלען פון אירע לאַכנדיק־לעבעדיקע אויגן.

זי איז געווען אַ קינד פון עלטערן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט די נאַציסטישע טויט־לאַגערן, זייַענדיק נאָך אַליין קינדער...

העלגאַ — הענצע...

די געשיכטע מאַכט אויך פעלערן, צומאָל בלוטיקע, און העלגאַ איז איר רעפּרען אַפילע אין די סאַמע רויִקע און געהויבענע טעג פון אונדזער לעבן...

הערמאַן מייעראָוויטש איז אויך איינער פון די, וואָס ווייסן וועגן דער מילכאָמע, וועגן דעם אומקום פון די ייִדן אין די טראַנסקאַרפּאַטן, בלויז פון הערן, פון לייענען. ער איז אַ קינסטלער־אויספורעמער אַף אַ קעראַמישן זאַוואָד. זייַן פרוי, אַגנעסע, איז אַ מוזיק־לערערין. ביידע זייַנען זיי יונג. ביידע עפּעס אַריבער די דרייַסיק. פון זייער וווינונג, אין אַ נייַעם מיקראָ־ראַיאָן, זעט זיך אָן דער מוקאַטשעווער שלאָס „פּאַלאַנאָק", גלייַך ס'וואָלט דער נעכטן אַרייַנגעקוקט צו זיי אין פענצטער.

איך פיל זיך היימיש בא די צוויי יונגעלייַט. אַזאַ אויפגעראַמטע געמיטלעכקייַט פּלייצט אין דעם רייַך־מעבלירטן צימער, אין וועלכן מיר זיצן.

ער רעדט רוסיש, איך — ייִדיש. און מיר דאַכט, אַז ער כאַפּט דורשטיק אויף יעדעס וואָרט מייַנס. אַף מייַן פראַגע, צי געפעלט אים אונדזער זשורנאַל, ענטפערט ער קורץ און קלאָר:

— אַף אַזויפיל, אַף וויפל איך האָב אַ מעגלעכקייַט זיך צו פאַרפולקומען אין דער ייִדישער שפּראַך... האָב אַ מעגלעכקייַט צו לייענען ייִדישע ווערק אין אָריגינאַל.

איך כאַפּ אַ קוק אַף זייַן ביכער־שראַנק. ווירקלעך, עס שטייען אויסגעשטעלט עטלעכע יאָרגענג „סאָוועטיש היימלאַנד".

עס קומט אַרייַן זייַן טאָכטער, אַ שילערין פון פינפטן קלאַס. עטוואָס

אומדרייסט און עטוואָס שעמעוודיק זעצט זי זיך צו אין א זייט. טוט אַלע־מאָל א באַהאַלטענעם קוק מיט אירע גרויסע פאַרוווּנדערטע אויגן. א בליי־כער שמייכל באַדעקט איר קינדיש פּאָנעם.

— אָט דאָס מיידעלע, — גיט הערמאַן צו מיר א זאָג מיטאַמאָל אויף ייִדיש, און עפּעס א וואַרעמער קלאַנג שפּילט אויף אין זיין קאָל, — אָט דאָס מיידעלע מאַכט בעסערע פאַרשריטן פון מיר אין לערנען די לימודים, וואָס ווערן געדרוקט אין זשורנאַל.

זיין טאָכטער לאָזט פאַרשעמט אַראָפּ די אויגן. הייסט עס, זי האָט אַלץ פאַרשטאַנען, וואָס דער פאָטער האָט געזאָגט. און איך טראַכט: ווער ווייסט, ווי ווייט זי וועט אַוועק מיט אירע לימודים, נאָר איינס קאָן פאָרויסגעזאָגט ווערן מיט דער פּינקטלעכקייט פון א גוטן זייגער — זי וועט קענען ייִדיש.

איך האָב געוואַרט אויף אים.

פּינקטלעך, ווי נאָר דער זייגער אויפן טורעם פון דער ראַטושע האָט צעבערעקלט די צוועלפטע שעה, האָט זיך דערהערט א קלאַפּ אין דער טיר פון מיין האָטעל־צימער, און די שוועל האָט אַריבערגעטראָטן א הויכער, שוין עטוואָס געבויגענער אַלטער מאַן, מיט שאַרף־געצייכנטע ליניעס פון א פיין אַליוון לענגלעך־ביינערדיק פּאָנעם און צוויי טרוימעריש גוטע אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך געוויגט א שיין פון עפּעס אַן אומרו. ער האָט מיר אַנט־קעגנגעטראָגן א ברוינע, מיט דינע אָדערלעך איבערגעפלאָכטענע האַנט און העפלעך זיך פאָרגעשטעלט:

— יאָסיף זשופּאַן!

אין מאָלערישן מוקאַטשעוואָ וווינט ער, אָט דער אויסערגעוויינלעך מענטשלעכער, באַשיידענער פאָלקס־לערער און פאָלקס־שרייבער אין פולסטן זין פון וואָרט. זיין לעבן איז ווי געטיילט אויף צוויי העלפטן. פערציק יאָר אונטער פרעמדן יאָך, איבער פערציק — אין די באַפרייטע טראַנסקאַרפּאַטן, ווו עס זיינען צוגעשריבן זיינע יאָרן, זיינע ווערק, זיינע העלדן.

יונג און אַלט קען אים, דעם מאָגערלעכן, ניט לויט די יאָרן ענערגישן מענטשן, וועלכער האָט זיין באַוווּסטזיניק לעבן געווידמעט דער באַפרייונג און פאַרייניקונג פון די טראַנסקאַרפּאַטן מיטן סאָוועטנלאַנד.

מיר זיינען געזעסן איינצווייען. זשופּאַן האָט גערעדט צו מיר, ציִענדיק דעם פּאַפּיראָס מיט זיינע פאַרטריקנטע ליפּן, און זיינע גוטע אויגן האָבן גע־קוקט אין דער ווייטקייט, ווי זיי וואָלטן געזען אין דעם מאָמענט די מענטשן, וועגן וועלכע ער דערציילט, די געשעענישן, וועלכע ער האָט איבערגעלעבט.

און מיט געשעענישן איז רייך זיין לעבן.

אָט איז ער א פאַרפאָלגטער פון דעם האָרטי־רעזשים און אָט פאַלט ער אַריין אין א נאַציסטישן קאָנצלאַגער צווישן טויזנטער ייִדן, וועמענס גורל איז א געכאַסמעטער. אים געלינגט צו אַנטלויפן, ער גאַנוועט די גרענעץ און ווערט א סאָוועטישער אויספאָרשער.

ער האָט אַרויסגענומען פון עם נאָטיצביכל א דאָקומענט, דאַטירט אין אויגוסט 1940. אין אָט דעם פאַרגעלטן פּאַפּיר, ווי איינגעטונקען אין סאַם, ווערט ער באַשולדיקט אין א דערקלערונג, וועלכע ער האָט געגעבן ביים מע האָט אים אַלס לערער פאַרוואָרפן אין א ווייט אָפּגעלעגן דאָרף אין דער טיף

פון די בערג. „די שטראָף איז אפילע א גוטע, יעדנפאלס וועל איך זײַן נעענטער צו די רוסן. און אז פון פּאָליאַנע וועל איך זיך אומקערן ניט אַנדערש, ווי מיט א רויטן שטערן".

ער האָט גערעדט. איך האָב אים ניט איבערגעשלאָגן. איך האָב געהערט דערשיטערנדיקע דערציילונגען וועגן א ווילדער צעבושעוועטקייט פון די האַרטיס, וועלכע האָבן געהאלטן די לייצעס איבער דעם האלדז פונעם פאָלק. און כאָטש דאָס אלץ איז מיר געווען אזוי גוט באקאנט פון מײַן אייגענער היים, האָט ער פונדעסטוועגן אופגערודערט מײַן געמיט.

מיטאמאָל האָט ער מיר געוויזן א פאָטאָגראַפיע. איך האָב זיך לאַנג אײַנגעקוקט אין דעם יונגן פּנים פון א גימנאזיסט.

— דאָס זענט איר?

— ניין, דאָס איז מײַן ברודער וואסיליע!

אין אָוונט, בלײַבנדיק מיט זיך אליין, וועל איך לייענען זײַן דערציילונג „איר וועט באצאָלן", וועגן דעם יונגן מוטיקן לערער פון מוקאטשעוואָ, וואסיליע זשופאן, וועלכן דער אונגארישער מיליטער־געריכט האָט פארמישפּעט צום טויט פאר ראדירן יעדיעס דער סאָוועטישער ארמיי.

איך וועל זיך אויך דערוויסן וועגן א סאך אנדערע העלדישע קעמפער, וועלכע האָבן, פונקט ווי וואסיליע, אָפּגעגעבן זייער לעבן פאר דער באפרײַונג פון די טראנסקארפאטן. צווישן זיי יעווגעניע לייזמאן, סאָרע שווארץ, יאקאָב לייבאָוויטש... נאָך און נאָך. מענדל ווײַס האָט מען געפירט צום טויט אינייִנעם מיט יולי אויפאלוש און זײַן זון, אויך יולי. דער פאָטער האָט געוואָלט טרייסטן, בארויִקן דעם זון פאר דער הינריכטונג, נאָר קיין פּאסיקע ווערטער ניט געפונען. ווי קאָן מען עס טרייסטן א נײַנצניאָריקן, וואָס האָט לײַדנשאפטלעך ליב די ערד, דעם הימל, דאָס לעבן? די צײַט האָט מיט קאָוועד פארהיט זייערע נעמען. און יאָסיף זשופאן האָט, ווי א געטרײַער כראָניקער, נאָר מיט א שטארקער עמאָציאָנעל קינסטלערישער קראפט זיי פארייביקט אין זײַנע ווערק.

און באנאכט וועלן זיך מיר כאָלעמען שיקערע זשאנדארן און יונגע בלייכע פּנעמער אין די לעצטע מינוטן פארן אויספירן דעם אורטייל. איך וועל זען די זון הינטער די ווענט פונעם מאָנאסטיר, ווו זיי זײַנען מערדעריש דערשאָסן געוואָרן. דער שאָטן פון דער זוואָניצע פאלט מיט לאַנגע טונקעלע שטרײַפן אף דער ערד, פארדעקנדיק די טויטע קערפּערס...

...דער זייגער אף דער ראטושע האָט אויסגעצירקלט דרײַ מעלאָדישע קלאַנגען — געגעבן צו וויסן, אז דער טאָג האָט ווײַט אריבערגעשפּאנט די צווייטע העלפט. זשופאן האָט אלץ גערעדט, דערציילט. איצט שוין וועגן געשעענישן פון אונדזער הײַנט. גערעדט האָט ער מיט א טאָן פון א יונגן קעמפער, וועמען עס באאומרויִקט דער גורל פון דער וועלט. און די דינע קנייטשן אף זײַן פּאָנעם זײַנען געווען גיכער אן אויסדרוק פון אופגערעגטקייט, איידער פון אלטקייט.

צום סאָף האָט ער מיר געשענקט זײַן לעצט בוך דערציילונגען „עפּלביימער בליִען" מיט דער אופשריפט „מײַן ברודער..." דאָס איז א באנד, אָנגעפילט מיט קלאַנגען, פארבן, רייכעס פון די קארפּאטן. אין אים איז פארקערפּערט די פארגאנגענהייט און די קעגנווארט, מילכאָמע־יאָרן און פרידלעכע טעג, גורלעס פון איינצלנע מענטשן און פון א גאנצן דאָר,

באכיינט מיט ווארעמען לירי‍זם און טיפער ליבשאפט צו דעם ערדישן שע־טער, וואָס רופט זיך טראנסקארפאטן.

ס'איז שוין געווען צווישן טאָג און נאכט, ווען איך בין ארויסגעפאָרן אַנקוקן דעם שלאָס. פון די ווענט, וואָס שטייען שוין הונדערטער יאָרן, האָט זיך געעפנט פאר מיר אַן איבעראשנדיקע פאנאָראמע. די שטאָט, אמפי־טעאטריש ארומגענומען פון ניט קיין הויכע בערג, האָט זיך געהילט אין א זײַדן־ראָזלעכער דעמערונג. און ווײַטער, באַם סאַמע האָריזאָנט, האָבן זיך אָנגעזען העכערע בערג, באלויכטענע פון א בלייכער זיך לעשנדיקער שקיִע.

וואָס פאר א שיינקייט!

# באַגעגענישן

אין איינעם פון די קישעפדיקסטע ווינקלען אין דעם מײַרעוודיקן טייל פון די אוקראַיִנישע קארפאטן, דאָרט, וווּ די בערג גייען אריבער אין טראנס־קארפאטישן פלאכלאנד, ליגט ברייט צעוואָרפן איבער ביידע מאָלערישע ברעגן פונעם טײַך אוזש דער צענטער פון דעם קאנט — די שטאָט אוזש־גאָראָד, וואָס פירט איר כּעזשבן פון גאָר־גאָר ווײַטע צײַטן.

פּרעכטיקע, ברייט־אספאלטירטע גאסן מיט גרויסארטיקע נײַבויונגען, געמיטלעכע סקווערן און פארקן מיט עקזאָטישע פלאנצן און געוויקסן, וואָס פארבלענדן פאַשעט מיטן געמיש פון זייערע פארבן, פלעכטן זיך איבער מיט אוניקאלע פארצײַטיקע געבײַדעס און פאלאצן, מיט קלויסטערס, וואָס זייערע פארשפיצטע באציילעמטע טורעמס לעכערן זיך אײַן אין דעם דורכזיכטיקן הימל.

איבער די גאסן יאָגן גלאנציקע אוטאָמאָבילן פון אלערליי מארקעס און קאָלירן, און אויף די טראָטואַרן טומלט אויף פארשיידענע לעשוינעס א בונטער מענטשן־שטראָם.

אוזשגאָראָד לעבט מיט דער פיבערהאפטיקייט פון א גרויסער שטאָט.

איך האָב זיך אײַנגעאָרדנט אין דעם פּערצנשטאָקיקן האָטעל מיט דעם היימישן נאָמען „זאקארפאטיא", איינעם פון די שענסטע און מאָדערנסטע האָטעלן, וואָס איז אליין א שטיק מערקווירדיקייט. אין דעם רײַך־דעקאָרירטן וועסטיביול האָט געשוויבלט מיט טוריסטן פון פארשיידענעם עלטער, ליב־האָבער פון אלטערטימלעכע דענקמעלער.

בײַ א טישל, פּונקט אנטקעגן מיר, איז געזעסן א זייער עלעגאנט גע־קליידטער מאן, אינגאנצן א גראָער, לויטן אויסזען עפּשער פון א יאָר זעכ־ציק אָדער עפּעס מער, און לעבן אים — א גאָר יונגע כיינעוודיקע פרוי. א שווארצע, ווי א ציגײַנערן. זיי האָבן עפּעס שטיל גערעדט צווישן זיך, ווי זיי וואָלטן זיך געסוידעט. זי האָט אופמערקזאַם זיך צוגעהערט צו זײַנע רייד. באגלייט יעדע פראַזע מיט א ווארעמען שמייכל.

איך האָב באמערקט, ווי דער מאן כאַפּט אַלעמאָל א פארבאהאלטענעם קוק אין מײַן זײַט. זאָגט עפּעס דער פרוי און ווענדט ווידער אויף מיר זײַן בליק. איך האָב פארשטאנען, אז ער וויל בײַ מיר עפּעס פרעגן, נאָר קווענקלט זיך. מיטאמאָל האָט א מילדער שמייכל באַשלאָגן זײַן געעלטערטן פּנים:

— מאגא טוד מאגיארול?[1]

איך האָב געענטפערט אױף רוסיש, אַז קײן אונגאַריש פאַרשטײ איך, לײדער, ניט. אױף דעם װאָלט אונדזער געשפּרעך זיך מיסטאָמע געענדיקט, װען מיר זאָל אין דער מינוט ניט געװען אײַנפאַלן אַ געדאַנק, אַז עפּשער איז ער אַ ייִד, אײנער פון די װײניציק לעבן געבליבענע זעקס הונדערט טױזנט אונגאַרישע ייִדן, װעלכע זײַנען פאַרטעריש אָפּגעשיקט געװאָרן אין די אַשװענצימער גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס. װי אַזױ איך בין געקומען צו אַזאַ געדאַנק, װײס איך ביז הײַנט ניט. קײן שום אױסערלעכע סימנים האָבן אױף דעם ניט אָנגעװיזן, עפּשער האָב איך עס דערפילט מיטן זעקסטן כוש.

— אַ ייִד? — האָב איך קױם װאָס באַװעגט מיט די ליפּן, װי איך װאָלט זיך אַלײן געשראָקן פאַר דעם אַרױסגעבראַכטן װאָרט.

אין זײַנע גרױלעך־גרינע אױגן האָט אױפגעלױכטן אַ פרײדיק פײַערל.

— יאָ, געװיס!

הײסט עס, מײַן האַשערע האָט זיך באַשטעטיקט. און נאָך: זײַן קורצער ענטפער האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז ער באַהערשט די דײַטשישע שפּראַך.

האָבן מיר טאַקע אין אַ מינוט אַרום פרײַ זיך אָנגעהױבן דורכרעדן. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט. אָנגערופן עפּעס אַ שװערן פאַרונגאַרישטן נאָמען, װעלכן איך האָב באַלד פאַרגעסן, און, װײַזנדיק אױף דער יונגער פרױ, פײַערלעך אױסגערופן:

— דאָס איז מײַן טאָכטער ראָזשי!

אַ שמײכל האָט זיך צעפלאַמט אױף דעם קאָרנהױטיקן פּאָנעם פון דער יונגער פרױ, אַ שפּיל געטאָן אַרום איר אײדל געשניצט מױל. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך קען זי פון ערגעץ, פון אַ גאַנצער און הײמישער װעלט. און אירע שװאַרצע מיט עפּעס אַ בלױלעכן גלי אָנגעפילטע אױגן, האָבן אױסגעזונגען שיר־השירים:

קוק ניט, װאָס איך בין שװאַרץ,
פול מיט פײַער איז מײַן האַרץ,
מאַך קײן װעזן ניט דערפון
דאָס האָט מיך בלױז פאַרברענט די זון.

מיר האָט זיך זײער געװאָלט װיסן, װו איז ער געװען בײס דער נאַציסטישער אָקופּאַציע און װי אַזױ האָט אים געשאָנעװעט דער בלוטיקער שטורעם, װאָס האָט זיך מיט העכער פערציק יאָר צוריק דורכגעטראָגן איבער די ייִדן פון אונגאַרן.

און װי ער װאָלט דערראָטן מײַן געדאַנק האָט ער אין אַ פּרעכטיקער דײַטשישער שפּראַך אָנגעהױבן דערצײלן, װי ער האָט געגראָבן טראַנשײען פאַר די נאַצי־קאָרבאָנעס, װי אַזױ מע פלעגט צעשיסן די קראַנקע און שװאַכע, און די אַנדערע האָבן געמוזט גראָבן קבֿרים פאַר די האַלבטױטע, קבֿרים, אױף װעלכע די ערד האָט זיך באַװעגט, נאָך דעם װי זײ זײַנען פאַרשאָטן געװאָרן.

פון אַ גאַנצער פאַרצװײַגטער משפּחה אונגאַרישע געלערנטע פון ייִדישן אָפּשטאַם איז ער געבליבן אײנער אַלײן. אים האָט באַפרײַט די סאָװעטישע אַרמײ. איצט איז ער אַ דירעקטאָר פון אַן אונטערנעמונג אין בודאַפּעשט.

---

[1] איר רעדט אונגאַריש? (אונג.).

די גאַנצע צײַט פֿון אונדזער געשפּרעך האָט די יונגע פֿרוי געשוויגן. ס'האָט אויסגעזען, ווי זי פֿאַרשטייט קיין וואָרט ניט. אָבער ווען איך האָב אים געפֿרעגט, מיט וואָס זײַן טאָכטער פֿאַרנעמט זיך, האָט זי אַ בלינצל געטאָן מיטן גלי אין די אויגן און, פֿאַרלויפֿנדיק דעם פֿאָטער די רייד, גע־ענטפֿערט אויף רוסיש:

— איך בין אַ לעקטאָר פֿון קונסט־געשיכטע.

און עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט מיט איר'ע פֿערלדיקע ציין צעביסן די עטלעכע רוסישע ווערטער.

זי האָט אַרויסגענומען פֿון דעם לעדער־טאַש אַ קליין בעכערל, אַ כאַרי־פּעס, וואָס זי האָט געקויפֿט בײַ אַן אַנטיקוואַר. איך האָב באַלד דערקענט דעם טראַדיציאָנעלן יידישן קאָס. אויף אים איז טאַקע געווען אויסגעקריצט — „קידוש". זי האָט אויף איר צעביסענעם רוסיש מיך געבעטן עס איבערלייענען און איר פֿאַרטײַטשן. און איך האָב אַ דערשיטערטער געטראַכט, אַז דער ייִד, וואָס האָט קידעש געמאַכט מיט דעם קאָס אין האַנט, איז זיכער פֿאַר־ברענט געוואָרן.

אַזוי איז פֿון קידעש אַפֿן בעכערל געוואָרן קידעש־השם...

איך האָב בײַ דער געלעגנהײַט, אַנווײַזנדיק אויף דעם אויסגעקריצטן וואָרט, געפֿרעגט, צי לייענט ער ניט קיין ייִדיש. ער האָט מיך פֿאַרכידעשט אָנגעקוקט:

— זשאַרגאָן?

מיר איז געוואָרן אומהיימלעך. איך האָב אים געוואָלט עפּעס זאָגן און ניט געקאָנט, ווי אַ קנויל וואָלט זיך מיר געשטעלט אין האַלדז. איך האָב אים געוואָלט דערמאָנען, אַז מיט דעם „זשאַרגאָן" אויף די ליפּן זײַנען ייִדן געגאַנגען אין די גאַז־קאַמערן, אַז מיט דער שפּראַך האָט מען אָרגאַניזירט אויפֿשטאַנדן אין די געטאָס. איך האָב געקוקט אויף אים און געזען דאָס צווייטע פּאָנעם פֿון דעם אונגאַרישן ייִדן — די אָפּגעפֿרעמדקייט, די אַסימילאַציע...

מיר האָבן זיך פֿרײַנטלעך געזעגנט.

מער האָב איך זיי ניט געזען.

דער האַרבסט האָט אַרויסגעשיקט זײַנע שענסטע טעג.

איך האָב געבלאָנדזשעט איבער די פֿאַרביקע אויסגעאַרבעטע גאַסן, זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער בריק, וואָס פֿאַרייניקט ביידע טיילן שטאָט — די נײַע און די אַלטע. איבערן טײַך האָבן זיך געלייגט גאָלדענע פּאַסמעס זון. אירע שטראַלן האָבן געשפּאָלטן דעם טונקעלן וואַסער־שפּיגל און אַרײַנגעדרונגען אין דער טיפֿעניש.

ווײַסע מעוועס האָבן מיט שפּיציקע געשרייען געשוועבט פֿון ברעג צו ברעג. אויף דער בריק זײַנען געשטאַנען מענטשן, און די מעוועס האָבן גע־פּיקט פֿון זייערע הענט שטיקער ברויט. איך האָב אַ פֿאַרווונדערטער צוגע־קוקט די דאָזיקע שפּיל. איך האָב קיינמאָל אין די קאַרפּאַטן קיין מעוועס ניט געזען, און עס האָט אַ בלענד געטאָן פֿאַר די אויגן די אומענדלעכקייט פֿונעם שוואַרצן יאַם, וווּ סע גייט אָן די גרויסע שפּיל פֿון מעכטיקע וואַסערן, וואָס אָטעמען מיט אייביקייט.

איך האָב ניט געקאָנט גענוג זיך אָנזעטיקן מיט דער אַרומיקער שײנ־

קײַט, וואָס האָט אַרויסגערופן האַנאַע. נאָר ס׳איז געווען נאָענט צו האַלבן טאָג, און מיר איז פֿאַרגעשטאַנען אַ וויכטיקע באַגעגעניש.

נאָך אינדערפֿרי האָב איך זיך טעלעפֿאָניש צונויפֿגערעדט מיט יאַקאָב איסאַקאָוויטש שטערנבערג, פּראָפֿעסאָר פֿון אוזשגאָראָדער אוניווערסיטעט, אַז מיר טרעפֿן זיך איינס אַזייגער באַטאָג בײַ אים אינדערהיים.

— אויף יעדן פֿאַל קלינגט מיר נאָכאַמאָל אָן, איידער איר גייט אַרויס, — האָט ער מיך געבעטן.

איך האָב שוין געוווּסט וועגן אים, אַז ער איז אַן אָפּשטאַמיקער פֿון טראַנסילוואַניע, האָט שטודירט אין לענינגראַד, און איז דאָקטאָר פֿון היסטאָרישע וויסנשאַפֿטן. ער איז איינער פֿון די אָנגעזעענסטע געלערנטע אויפֿן געביט פֿון פֿאָרשן די קעגנזײַטיקע האַשפּאָעס פֿון די צוויי שכנישדיקע קולטורן — דער אונגאַרישער און אוקראַיִנישער. ער איז אויך אַן אָפֿטער גאַסט מיט לעקציעס אין בודאַפּעשטער אוניווערסיטעט.

הייסט עס, ער איז אויך אַן אונגאַרישער ייִד. נאָר פֿון וועלכע? פֿון יענע מיט די שטרײַמלעך און ווײַסע זאָקן, צי פֿון די, וואָס האָבן זיך געשטאַרעט צו פֿאַרלייקענען זייער שטאַם? און עפּשער איז ער פֿון די יעכידים, וועלכע זײַנען געקומען פֿון די כאַדאָרים און יעשיוועס און זייער רעליגיע איז געוואָרן דאָס וועלטלעכע ייִדישע וואָרט און די ייִדישע קולטור?

צו דער באַשטימטער צײַט האָב איך אָנגעקלונגען.

אַ ווייכע נידעריקע פֿרויען־שטים האָט מיר געענטפֿערט אויף אַ זייער איידעלן וויל־קלינגענדיקן רוסיש:

— יאָ, איך ווייס וועגן אײַער באַזוך... מײַן מאַן דאַרף פֿון מינוט צו מינוט קומען... איך וועל אײַך טעלעפֿאָנירן.

איך האָב זי באַדאַנקט און געפֿרעגט, ווי מע רופֿט זי.

— לידיאַ מיכײַלאָוונאַ.

עס פֿאַרגייט אַ שעה, און אַ צווייטע שעה. איך קוק אַלעמאָל אויף דעם טעלעפֿאָן־אַפּאַראַט, נאָר ער שווײַגט אַקשאָנעסדיק.

וואָס זאָל עס באַטײַטן? האָט דער פּראָפֿעסאָר זיך איבערגערעכנט?

איך קלײַב אויף דעם נומער. לידיאַ מיכײַלאָוונאַ ענטפֿערט מיר, אַז זי איז זייער באַאומרויִקט, עפּעס האָט ער אינדערפֿרי זיך ניט וואָזשנע געפֿילט, ווי נאָר זי וועט אויסקלאָרן, ווו ער איז, וועט זי מיר טייקעף אָנקלינגען.

קיין האַלבע שעה איז ניט פֿאַרבײַ, ווי ס׳האָט זיך צעהודיעט דער טעלעפֿאָן. לידיאַ מיכײַלאָוונאַ האָט געוויינט אין טרײַבל. איר קאָל האָט געציטערט.

— יאַקאָב איסאַקאָוויטש איז אין רעאַנימאַציע... איך פֿאָר איצט אין קאַרדיאָלאָגיע...

עפּעס איז אין מיר פֿאַרשטיינערט געוואָרן פֿון דער ידיִעה. איך האָב מיט אַ געשפּאָלטן קאָל זי באַרויִקט, אויסגעלייגט צו גוטן... איך וועל וואַרטן אויף אירן אַ קלונג.

ס׳איז שוין געווען אַרום פֿינף פֿאַרנאַכט.

די זון איז לאַנגזאַם געזונקען הינטערן מײַרעוודיקן האָריזאָנט. געוואָרן גרעסער און פֿולער אין קאָליר. איך בין געשטאַנען אין דער טיר אויף אוועקצוגיין, האָט פּלוצעם זיך צעקלונגען דער טעלעפֿאָן, און לידיאַ מיכײַלאָוונאַ, שוין עטוואָס אַ באַרויִקטע, האָט מיר איבערגעגעבן:

— ער וויל אײַך זען... מײַן זון, וואָס איז נאָרוואָס געקומען פֿון בערע־

גאָווא, וועט איך אָפּפירן אַף זײַן מאַשין, — און זי האָט מיר געזאָגט די פאַרב און דעם נומער פון דעם „זשיגולי״.

און אַט פאָרן מיר.

דער יונגער שטערנבערג, זייער א סימפּאַטישער און צוגעלאָזטער, איז אַליין א דאָקטער. טאַקע דערפאר האָב איך געקאָנט קומען צו זײַן פאָטער אין אזא קריטישן מאָמענט.

— ער האָט זיך געפילט ניט מיט אַלעמען און, גייענדיק פונעם אוניווערסיטעט, איז ער אַרײַן אין דער פּאָליקליניק... פון דאָרט האָט מען אים שוין ניט ארויסגעלאָזט... די קאַרדיאָגראַמע איז א שלעכטע... נאָר דאָס קאָן אַמאָל זײַן פון אָנגעשטרענגטער ארבעט, פון איבערגעלאָדנקייט.

אַזוי האָט דער זון מיר דערקלערט, און איך האָב ניט אויפגעהערט צו טראַכטן, וויאַזוי פירט מען עס א געשפּרעך מיט א מענטשן אין אַזא צושטאַנד און באַ אַזעלכע אומשטאַנדן?

— דרײַ־פיר מינוט, ניט מער, — האָט מיך געוואָרנט דער זון. און איך האָב אַליין אויך פאַרשטאַנען, אַז מיסברויכן מיט דער צײַט טאָר מען ניט.

מיר זײַנען דערפאָרן צום שפּיטאָל. א נײַע פילשטאָקיקע געבײַדע, א קליניק פונעם אויזשגאָראָדער אינסטיטוט, ארומגענומען מיט א ברייטן צעוואַקסענעם, שיין געפּלאַנצטן גאָרטן.

עס האָט א שפּריץ געטאָן א רעגנדל. און אין שײַן פון דער אונטערגייענדיקער זון האָבן זילבערנע טראָפּנס געפינקלט אַף די גרעזער און בלומען, אַף די געלע שטאַרבנדיקע בלעטער פון די אקאַציע־ביימער.

מיר זײַנען געגאַנגען דורך א לאַנגן קאָרידאָר, וווּ עס האָבן געהערשט שאַרפע רייכעס פון מעדיקאַמענטן און קאַרבאָל. א קראַנקנשוועסטער אין ווײַסן האָט דורכגעפלאַטערט און איבערגעלאָזט נאָך זיך דעם שאָרך פון אירע שטילע טריט.

דער זון האָט מיר אָנגעוויזן אַף א טיר.

איך בין אַרײַן אין א צימער, וואָס האָט געפעכלט פון ווײַסקייט, און אומדערייסט זיך פאַרהאַלטן א ווײַלע אַף דער שוועל. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ איז קיינער ניטאָ. אין דער מינוט האָב איך דערזען דאָס איינציקע בעט און א פול קײַלעכדיק פּאָנעם, אַף וועלכן ס׳האָט א שײַן געטאָן א בלייכער שמייכל.

— קומט אַרײַן!

יאַקאָב איסאַקאָוויטש האָט מיר דערלאַנגט א ברייטע פלאַכע האַנט, מיר צוגעוואָרפן א בליק, וואָס האָט מיר אויסגעזען אי שטרענג, אי מילד.

— ע, ס׳איז גאָרניט... איך פיל זיך שוין בעסער...

זײַן שטים איז געווען א טיפע, א וואַרעמע, עפּעס ניט ווי באַ אַזא קראַנקן. איך האָב זיך מיסטאָמע ברייט צעשמייכלט, וואָרעם ער האָט באַ מיר באַלד א פראַגע געטאָן:

— וואָס שמייכלט איר?

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך שמייכל פון דער האָפערדיקייט, וואָס שלאָגט פון זײַן פּאָנעם, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן מײַן באַמערקונג:

— האָפערדיקייט? גוט געזאָגט. איך פיל זיך טאַקע זייער האָפערדיק... — און זײַנע ליפּן האָבן זיך פאַרצויגן אין א גרימאַסע, וואָס האָט געקאָנט באַטײַטן סײַ א שמייכל, סײַ איראָניע.

מיטאמאָל האָט זײַן פּאָנעם באַשלאָגן אַ טונקעלער פלאַם, און זײַנע שאַרפע אויגן האָבן געשימערט מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט. עס איז געווען קענטיק, אַז ער ראַנגלט זיך מיט עפּעס אַ געדאַנק.

— איך באַדויער זייער, וואָס איך קען ניט לייענען די ווערק פון די ייִדישע שרײַבער אין אָריגינאַל... זייער אַ רײַכע ליטעראַטור...

איך האָב געקוקט אויף דעם קראַנקן פּראָפעסאָר, וואָס איז געלעגן צו מיר אין האַלבן פּראָפיל, און מיר איז אַדורך עפּעס אַ וואַרעמער שטראָם פון אַ מאָדנער נאָענטקײַט צו דעם פרעמדן און מיטאמאָל נאָענט געוואָרענעם מענטשן.

זײַן זון איז אַרײַנגעקומען, און איך האָב פאַרשטאַנען אָן ווערטער, אַז מײַנע פּאָר מינוט האָבן זיך געענדיקט.

...אין אַ צײַט אַרום, שוין זײַענדיק בײַ זיך אינדערהיים, האָב איך אין דער „זאַקאַרפּאַטסקאַיאַ פּראַוודאַ" געלייענט דעם פּראָפעסאָרס אַ פלאַמיקן פּאָלעמישן אַרטיקל וועגן דעם היסטאָרישן עמעס אַרום דער געשטאַלט פון דעם אונגאַרישן דיכטער רעוואָלוציאָנער — שאַנדאָר פּעטעפי.

אַראָפּ צו די ברעגן פונעם טײַך אוזש האָט זיך געקניפּט און געקנוילט אַ פּלאָנטער פון אַלטע גאַסן און געסלעך, ווו יעדעס הויז, פאַרשאָטנט מיט סוידעס פון ווײַטע צײַטן, איז אַ שטיק פאַרשטיינערטע געשיכטע, אַרײַנגעקנאָטן אינעם שטרענגן סלאַווישן קאָלאָריט.

איך בין געגאַנגען איבער דעם אַלטן פאַרביקן אוזשגאָראָד.

אין אַ שטיל מאָלעריש ווינקל, וווּהין עס דערגייט קוים דער שטאָטישער קלאַנג און ראַש, האָב איך געפונען דאָס געזוכטע הויז און געפונען די טיר, אין וועלכער איך האָב אָנגעקלונגען.

עטלעכע געציילטע רעגעס און איך ווער דער גאַסט פון שמואל מאַשקאָוויטש, אָדער, ווי ער האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט מיט אַ קנאַקנדיקער שטים, האַלב שפּאַסיק, האַלב אין ערנסט:

— שמואל־יאַנקעוו בען צווי האַלייווי...

ער איז אַ מענטש שוין אין די יאָרן, אַ זשורנאַליסט, וואָס איז אין דער יוגנט דורכגעגאַנגען דעם לאַנגן בלוטיקן וועג פון אָשווענטשים ביז בוכענוואַלד. איצט שרײַבט ער וועגן דעם אין אונדזער פּרעסע.

אָט ליגט טאַקע אויף זײַן שרײַבטיש אַ פרישער נומער פון דער געגנטלעכער צײַטונג אויף אונגאַריש מיט זײַנעם אַן אַרטיקל. איך בעט אים מיר איבערגעבן, וועגן וואָס עס גייט אַ רייד.

— אַלץ וועגן דעם זעלבן... דאָ ניט לאַנג האָב איך זיך אומגעקערט פון אַ רײַזע אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, ווו איך האָב מיט אַ גרויסער גרופּע געוועזענע אסירים פונעם קאָנצלאַגער בוכענוואַלד אָנטיילגענומען אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער באַגעגעניש, געווידמעט דעם פערציקסטן יאָרטאָג פונעם גרויסן זיג איבערן נאַציסטישן דײַטשלאַנד און דער באַפרײַונג פונעם לאַגער.

ער קוקט אויף מיר אַ ווײַלע מיט אַ פאַרבלאָנדזשעטן בליק. זײַנע אויגן אונטער האַרטע שטעכיקע ברעמען פאַרציִען זיך מיט אַ נעפּל. עס זעט אויס, אַז ער קלערט וועגן עפּעס זייער שטאַרק.

— עס איז געווען פרילינג 1944. די אונגארישע פאשיסטן, אינאיינעם מיט דעם הענקער אדאָלף אייכמאן, האָבן אָפּגעשיקט די פיר הונדערט טויזנט ייִדן קיין אָשווענטשים. געפירט האָט מען אונדז דורך דער כאָרעווער מיזרעך־אייראָפּע, דורך פארברענטע שטעט און דערפער. ערטערווייַז האָבן סרייפעס זיך געריסן צום הימל, און ער איז געוואָרן פורפור־רויט. אזוי רויט, גלייַך ווי ניט די ערד, נאָר דער הימל האָט אייַנגעזאַפּט אין זיך דאָס פארגאָסענע בלוט...

איך פיל, אז אים ווערט שווער דאָס ריידן, איך פארשטיי, אז אים איז א סאך לייַכטער, ווען ער איז מיט זיך אליין און קאָן אפן ווייַסן בייגעלע פאפיר אויסלייגן זייַנע איבערגעלעבטע גרוילן און שרעקן, וואָס איבער פערציק יאָר הערן זיי ניט אוף יאטערן ווי א ניט־פארהיילטע וווּנד.

— מיר זייַנען אָנגעקומען פארטאָג. אונטער געשרייען און געשלעג האָט מען אונדז אויסגעשטעלט אין צוויי רייען, וועמען לינקס און וועמען רעכטס... מיר האָבן נאָך דעמלט ניט געוווּסט, אז רעכטס הייסט — גאז־קאמער, קרעמאטאָרי.

מיר האָט מען אָנגעוויזן אף לינקס. איך בין דעמלט יונג געווען, און דאָס דריטע רייַך האָט באדארפט ביליקע ארבעטסקראפט. און טאקע אין עטלעכע טעג ארום בין איך מיט טויזנט אנדערע אסירים אָפּגעפירט געוואָרן אין קאָנצלאגער בוכענוואלד, ריכטיקער, אין זייַן פיליאל דאָרא, ניט ווייַט פון דער שטאָט נאָרדהאוזען. אין נאטירלעכע היילן פון דעם בארג קאָפּשטיין האָט מען פּראָדוצירט סנאריאדן „פאו". מיר האָבן וואָכנלאנג געארבעט אונטער דער ערד אָן א ביסל פרישער לופט. מענטשן זייַנען געפאלן פון מידקייַט, פון הונגער, פון גאז...

ווען איך בין דאָ ניט לאנג געווען אין דעם געוועזענעם לאגער דאָרא, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז איך שטיי בא מייַן אייגענעם קייווער.

ער פארהוסט זיך, כאַפּט איבער דעם אָטעם, ווי עס וואָלטן אים נאָך איצט געשטיקט די אונטערערדישע גאזן.

— בוכענוואלד אָבער האָט מיר געראטעוועט דאָס לעבן. פון די ערשטע טעג האָב איך, ווי א מיטגליד פון דער טשעכישער קאָמפּארטיי, זיך אָנגעשלאָסן אין דער אונטערערדישער באוועגונג. מיר האָבן געגרייט דעם באוואָפנטן אופשטאנד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 11 אפּרעל 1945, און דעם 19 אפּרעל האָבן מיר אין באפרייַטן בוכענוואלד אָפּגעהאלטן א טרויער־מיטינג נאָך די פארפייַניקטע און געפאלענע כאווײרים. אף אלע שפּראכן האָט געהילכט די שוווּע פון די בוכענוואלדער אסירים — פארניכטן דעם נאציזם און זייַנע וואָרצלען, קעמפן פאר א וועלט פון פרייַהייַט און שאָלעם...

דורכן פענצטער האָט ארייַנגעקוקט א זוניקער טאָג, זיך געלייגט אף ייַין אופגערעגטן פּאָנעם, און אין זייַנע אויגן האָבן זיך געבראָכן שטיקער גאָלד.

— אָט דאָס איז אינקורצן דער אינהאלט פון מייַן ארטיקל.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז די דערמאָנונגען האָבן אים מיד געמאכט, און איך האָב געפּרוּווט איבערפירן אונדזער שמועס אף זייַן הייַנטיקער געזעלשאפטלעכער טעטיקייַט אלס לעקטאָר און זשורנאליסט. ער לאָזט זיך אָבער ניט איבערשלאָגן און פאלט ארייַן אין מייַנע רייד, דערמאָנענדיק:

— אפן פילטויזנטקעפּיקן מיטינג אין בוכענוואלד האָט אויך אָנטייל־

געקומען דער באַוווּסטער אַמעריקאַנער זינגער, מיטגליד פֿונעם אַלוועלט־לעכן שאָלעם־ראַט — דין ריד. אין פֿריינטלעכן געשפּרעך האָב איך אים געבעטן אָנשרייבן עטלעכע ווערטער פֿאַר די בירגער אין מיין היים. אָט וואָס ער האָט אָנגעשריבן:

„אַלע מיינע פֿריינט און כאַווײרים אין די טראַנסקאַרפּאַטן. אין דעם יאָר, ווען די גאַנצע פּראָגרעסיווע וועלט מערקט אָפּ דעם פֿערציקסטן יאָר־טאָג פֿונעם זיג איבערן פֿאַשיזם, גיב איך איבער אייך, און אין אייער נאָמען דעם גאַנצן סאָוועטישן פֿאָלק, מיין סאַמע גרעסטן דאַנק פֿאַר די קאָלאָסאַלע קאָרבאָנעס, וועלכע איר האָט געבראַכט לעשעם באַפֿרייען די וועלט פֿון פֿאַשיזם.

אַלע מענטשן פֿון גוטן ווילן אויף אונדזער פּלאַנעטע דאַרפֿן פֿאַרייניקן זייערע קרעפֿטן, כּדי ס׳זאָל זיך קיינמאָל מער ניט איבערכאַזערן דער פֿאַשיזם אין אייראָפּע און ס׳זאָל מער ניט זיין קיין נייע וועלט־מילכאָמע. — דין ריד״.

האַרבסט...

פֿאַרגעלטע בלעטער פֿאַלן אויף די טראָטואַרן, פּלאָנטערן זיך אונטער די פֿיס פֿון דעם געדיכט־איילנדיקן האַמוין.

איך גיי פֿון שמועל מאַשקאָוויטשן, מיט וועלכן כ׳האָב זיך נאָרוואָס אָפּגעזעגנט, און קלער, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ באַהאַלטן ווינקעלע אין זיין האַרץ, ווו עס לעבט שטענדיק די מוירע, טאָמער כאַלילע, ס׳זאָל ניט טרעפֿן... שרייבט ער זיינע פּלאַמיקע אַרטיקלען, וואָס דערמאָנען, וואָרענען, וועקן, ווי דער בוכענוואַלדער גלאָק...

איך האָב נאָר געוווּסט, אַז ער הייסט מערמלשטיין.

אין טעלעפֿאָן־בוך האָב איך גלייך געפֿונען אַזאַ פֿאַמיליע־נאָמען, אָבער כ׳בין ניט געווען אינגאַנצן זיכער, צי איז עס דער, וועמען איך זוך.

דאָך האָב איך אָנגעקלונגען.

אין טרייבל האָט זיך אָנגערופֿן עפּעס אַ פֿאַרדומפּטע האַלדז־שטים. איך האָב געזאָגט, ווער עס קלינגט. די שטים האָט מיטאַמאָל זיך געענדערט, און איך האָב דערהערט אַ מונטער עטוואָס הייזעריקלעך קאָל, וואָס זאָגט אויף ייִדיש אין אונגאַרישן נוסעך:

— קומט צו גיין... קומט אומבאַדינגט!

ס׳איז געווען שאַבעס נאָכמיטיק.

די ווונדערבאַרע שטאָט אוזשגאָראָד מיט איר ראַכוועס און לייכטן געמיט, מיט דער באַקוועמקייט פֿון די ברייטע, ווירעס־גלייכע ליכטיקע גאַסן, איבער וועלכע עס האָט אַ גאַנצע וואָך פֿולסירט און געבליצט דער אומרו פֿון אַ דינאַמיש לעבן, האָט שוין אינעם ערשטן רוטאָג איינגעהאַלטן איר אָטעם.

מערמלשטיין האָט געוווינט ניט ווייט פֿונעם האָטעל, און אין אַ מין האַלבער שאָ אַרום בין איך שוין געשטאַנען פֿאַר זיין טיר.

מיר האָט געעפֿנט אַ מענטש פֿון מיטעלן וווּקס, מיט אַ צעשטראַלטער יאָמטעוודיקייט, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פֿון זיינע אויגן און באַלויכטן זיין גאַנץ פּאָנעם.

— שאָלעם־אַלייכעם! — האָט ער מיך פֿריינטלעך באַגריסט. געזאָגט, אַז מע רופֿט אים נאָטע, און מיך פֿאַרבעטן אין אַ שיין מעבלירטן צימער, ווו איך האָב גלייך באַם אַריבערטרעטן די שוועל באַמערקט אַ גאַנצע פֿאַר־ביקע שאַפֿע מיט אויסגעשטעלטע יאָרגענג „סאָוועטיש היימלאַנד". ער האָט אופֿגעכאַפּט מיין פֿאַרכידעשטן בליק און זיך צעשמייכלט:

— איר זעט, דאָ שטייען קימאַט אַלע פֿינף און צוואַנציק יאָר...

און געמיטלעך, פֿון זיך אַליין, האָט זיך אָנגעקניפּט אַ געשפּרעך וועגן דעם מאַצעוו פֿון אונדזער ליטעראַטור, און ער האָט אָנגערופֿן שרייבער און ווערק, וועלכע זיינען אים צום האַרצן.

— אָט שטייען זיי טאַקע בישכיינעס מיט די זשורנאַלן!

ער האָט גערעדט מיט אַ ריכטיקער שפּראַך פֿון אַ געשולטער קולטור, כאָטש פֿון פֿאַך איז ער אַן אינזשעניער.

אָף יענער זייט פֿענצטער האָט אַ האַרבסטיקע זון זיך אָפּגעוויקלט פֿון די געל־ווערנדיקע ביימער און פֿאַרגאָסן דעם צימער מיט גינגאָלד. מערמלשטיין האָט געוואָרפֿן אַ בליק אָף דעם דרויסן און פֿילדייטיק אַ זאָג געטאָן:

— יאָ, די יידישע ליטעראַטור איז נאָך אַלץ זוניק, ניט געקוקט אָפֿן האַרבסט...

און איך האָב געפֿילט, אַז דאָס איז בא אים ניט קיין שפּיל פֿון ווערטער, אָנגעוויייעט פֿון דער האַרבסטיקער שטימונג, נאָר אַ פֿעסטער גלויבן אין דעם קיעם פֿון אונדזער ליטעראַטור, צו וועלכער ער האָט אונטפּלעקט זיין גאַנצע פֿאַרליבטקייט. און איך האָב געטראַכט, אַז אָט דאָס איז ער, דער אַנאָנימער לייענער, דער לאַמעדוואָווניק, אין זכוס פֿון וועלכן די ליטעראַטור לעבט...

פֿון אַ צווייטן צימער איז אַריינגעקומען זיין פֿרוי. זי האָט שוין, זעט אויס, עפּעס געוווּסט וועגן מיר, ווייל זי האָט געקוקט מיט וואַרעמע איינ־לאַדנדיקע אויגן און שטיל געפֿרעגט מיט אַ מילדן שמייכל:

— איר האָט שוין זיכער פֿאַרגעסן, וואָס עס איז אַזוינס טשאָלנט?

מערמלשטיין האָט אויסגענוצט די מינוט און אַ זאָג געטאָן פֿייערלעך:

— גרייט זשע טאַקע, סאָרע, צום טיש. דער גאַסט איז מיסטאַמע הונ־געריק...

און עס האָט זיך אינגיכן באַוויזן דאָס באַקאַנטע געפֿעס, די בלענדנדיקע וויסע כאַלע. און כאָטש דער „טשאָלנט" איז ניט אַרויסגענומען געוואָרן פֿון קיין אויוון, נאָר פֿון אַ קילקאַסטן און איז דערוואַרעמט געוואָרן אָף אַ גאַז־פּליטע, האָט דאָך די צייט זיך אַ קער געטאָן אָף צוריק, אין די ווייטע טעג פֿון מיין קינדהייט.

— דאָס איז בא אונדז אַ מין טראַדיציע. מיר דערמאָנען דערמיט אונד־זערע טאַטעס און מאַמעס, וועלכע זיינען אומגעקומען אָף די בלוטיקע טויט־וועגן בייס דער גרויסער שכיטע...

סאָרע האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַ געדריקטער שטים, און אַזאַ ביינ־האַשמאָשעסדיקער אומעט האָט אַרויסגעקוקט פֿון אירע אויגן, ווי אַ ווייַ־טער אָפּשיין פֿון יענער גרויליקער צייט, ווען זי, אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר צוועלף, איז געטריבן געוואָרן איבער די זעלבע וועגן...

אַ רעגע האָט אַ גליווער געטאָן אַ שווער פֿאַרזונקען שווייגן, ווי אַ שטומער צער, וואָס האָט קיין ברעג ניט. און איך האָב אַ קלער געטאָן: ווי טאַקע קאָן מען פֿאַרגעסן, ווען דער אויסגעברענטער שאַנדצייכן בריט

אפן לײַב? װען אין די נעכט װעקן נאָך אַלץ שוידערלעכע קאָשמאַרן... און א סאַך פון די מערדער גײען אַרום איבער דער װעלט ניט־באַשטראָפטע און לעבן אויס זײערע יאָרן אין װוילטיק?

שײנע עטלעכע שאָ האָב איך פאַרבראַכט בײַ די צװײ האַרציקע מענטשן און װען איך בין אַרויס אין גאַס, האָט איבער דער שטאָט זיך שוין גע־שפּרײט א האַרבסטיקער אָװנט. איך האָב דערזען דאָס טונקעלע געװעב פונעם באַנאַכטיקן הימל, דאָס געלבלעכע ליכט פון דער לעװאָנע און דאָס סוידעסדיקע װינקען פון די שטערן, און מיר האָט ניט אופגעהערט זיך באַמבלען אין קאָפּ:

ס'איז זוניק דער האַרבסט אין די טראַנסקאַרפּאַטן,
און זוניק זײערע פרידלעכע האָריזאָנטן...

זוניק... צי איז עס ניט אונטער דער װירקונג פון מײַן נײַעם פרײַנט נאָטע מערמלשטײן?

---

װען איך געזעגן זיך אַפן אַנדערן טאָג מיט דעם גאַסטפרײַנטלעכן טראַנסקאַרפּאַטן־לאַנד, װײס איך שוין, אַז איך האָב איבערגעלאָזט גוטע, האַרציקע מענטשן, פרײַנט, װעלכע פאַרדינען, מע זאָל זײ געדענקען און אין זיקאָרן באַהאַלטן.

# אין אײגענעם געראַנגל

מיר האָבן זיך באַקענט אין ווילנע.

אין מיטן פֿון אַ שטילן פּראָסטיקן ווינטערטאָג האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין מײַן האָטעל־צימער, ווו איך בין אײַנגעשטאַנען, און נאָך אײדער איך האָב באַוויזן צו ענטפֿערן, האָט די טיר זיך געעפֿנט, ניט אינגאַנצן, בלויז אַ ברייטלעכע שפּאַרונע, און אין דורכלויכט אירן האָט זיך אַרײַנגעשטעקט אַ מענערישער קאָפּ אין אַ טײַער פּוטערן היטל.

— מאָזשנאָ?[1]

און שוין איז ער געשטאַנען אױף דער זײַט שוועל, אַ קרעפּטיקער, אַ מיטלוווּקסיקער, מיט וואַרעמע העל־בלויע אויגן, וואָס האָבן געשפּילט מיט אַן אויסערגעוויינלעכן יוגנטלעכן גלאַנץ.

ס'האָט אויסגעזען ווי אַ ווינט וואָלט זיך אַרײַנגעריסן.

און די טיר הינטער אים איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צוריק צו איר ראַם און אײַנגעשלונגען די שפּאַרונע.

מיך אָבער האָט קײנער פֿאַרפֿריִער ניט צוגעגרייט צו אַזאַ באַגעגעניש און איך בין געווען אין אַ געוויסער פֿאַרלעגנהײַט, ניט וויסנדיק ווער ער איז און צוליב וואָס ער איז געקומען.

עפּשער אַ טאָעס?

ער האָט ייִנגלשגעשיקט אויסגעטאָן זײַן שפּאָגל־נײַע דובליאָנקע, וואָס האָט נאָך ניט אינגאַנצן אָנגעווירן דעם רייעך פֿון שאָפֿענער פֿעל, מיר אַנטקעגנגעטראָגן אַ ראַשיקן שאָלעם־אַלייכעם און מיט אַ ברייטן ווײַסצייניקן שמייכל אויסגערופֿן אױף אַ קאָל זײַן פֿאַרליטווישטן ייִדישן פֿאַמיליע־נאָמען, וועלכער האָט מיר אויך גאָרניט געזאָגט. איך ווייס ניט פֿאַרוואָס, נאָר דער שמייכל זײַנער האָט מיר אויסגעזען עפּעס אַ פֿאַרשעמטער, גלײַך ער וואָלט באַהאַלטן אַ סאָד, וואָס נאָר ער אַליין וויל אים טראָגן, מיט קײנעם ניט טיילן און פֿאַר קײנעם ניט אַנטפּלעקן.

ווי אַלט קאָן ער זײַן?

דאָס פּאָנעם, אַ ביסל געראונצלט, מיט דינע קנייטשעלעך געקניפּט אַרום די אויגן, האָט ניט אויסגעגעבן זײַן עלטער. ער האָט אָפֿן ערשטן קוק אויסגעזען יונגיק פֿריש און פֿאַרברוינט. זײַנע געל־גרויע האָר זײַנען געווען געדיכט, ווי בײַ אַ דרײַסיקיאָריקן, און דאָס מויל, אַ ברייטלעכס, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער אונטערשטער ליפּ, האָט לײַכט געציטערט. און עס איז שווער געווען צו דעראָטן, צי דאָס איז אַן אָנזאָג אױף בייזקײַט, צי אױף מילדקײַט.

---

[1] מע מעג? (רוס.).

פון אים האָט געשפּראָצט מיט אַזויפיל לעבן, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, ווי אָט דער מענטש וואָלט קיינמאָל פון קיין יעסורים ניט געוווּסט.

ווי אַלט איז ער געווען?

ניין, איך וואָלט ניט געגלייבט, אַז ער איז שוין נאָענט צו זעכציק. זײַן יונגקייט האָט אַרויסגעקוקט פון אים, ווי אַ זומערטאָג, וואָס האָט זיך פאַרלוירן אין אָקטיאַבער. ער האָט געטראָגן זײַנע יאָרן מיט גײַווע, ווי מעדאַלן, אָנגעשפּיליעטע אף דער ברוסט.

און עפּשער האָט זיך מיר נאָר אויסגעוויזן.

אינגאַנצן עטלעכע געציילטע מינוטן זײַנען פאַרבײַ, און דער צימער איז פול געוואָרן מיט זײַן געפּאַקטער קנאַקנדיקער שטים, וואָס האָט גע־קלונגען קרעפטיק, יונג, מיט אַ צעראַשטער העפקערדיקער פרייִלעכקייט, ווי ער וואָלט עפּעס פאַרשריגן אין זיך אַליין.

ריידן האָט ער אָנגעהויבן אף רוסיש, וואָס האָט זייער געפּאַסט צו זײַן נאָרדישן אויסזען, גערעדט פרײַ, שפּילעוודיק, אַרײַנוואַרפנדיק פון מאָל צו מאָל ייִדישע ווערטער, ביז ער איז אינגאַנצן אַריבער אף ייִדיש.

— ווי הייסט עס דאָרט באַ קולבאַקן? — און ער האָט גענומען זיך דערמאָנען אף אַ קאָל:

געפילט האָב איך ייִדישע ווערטער,
ווי טײַבעלעך ריינע, ווי טײַבעלעך ריינע,
די טײַבעלעך וואָרקען און וואָרקען אין האַרץ...

און עס האָט זיך געדאַכט, ווי ניט ער, נאָר מוישע קולבאַק אַליין איז געקומען צו מיר צו גאַסט אין ווילנער האָטעל־צימער.

ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַ זשורנאַליסט. שרײַבט אף ליטוויש. ער האָט אָנגעשריבן אַ ייִדישע דערציילונג און וויל מיך גערן באַקענען מיט איר.

— אף ייִדיש?

זײַן פּנים האָט באַשלאָגן אַ בלייכער פלאַם, און זײַנע ליפּן האָבן זיך קרענקלעך אַ דרײַ געטאָן:

— ניין!

אַ ווײַלע איז געוואָרן אומהיימלעך שטיל. און די שטילקייט האָט גע־ענטפערט פון אַלע ווינקלען:

— איך פאַרשטיי אָבער ניט קיין ליטוויש.

אַוודאי האָט ער געטראַכט וועגן דעם, גייענדיק אַהער. נאָר סע מאַכט ניט אויס. ער וועט מיר אַלץ איבערזעצן.

די דערציילונג, געבויט מער אפן קוועך פון שטימונג, ווי אפן סוזשעט, האָט געשילדערט אַ ייִדישן קינסטלער, וואָס האָט אין די יונגע יאָרן אַוועק־געבלאָנדזשעט פון זיך, מיינענדיק, אַז ערגעץ אַנדערש איז פאַרביקער, רײַכער, אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך יעדע וואָג פון געדענקען. און ערשט אף דער עלטער זיך געכאַפּט, אַז דער גאַנצער פאַרביקער רײַכקייט פעלט די אייגענע...

איך האָב אף קיין האָר ניט געצווייפלט, אַז דאָס איז אַ כעזשבן־האַנע־פעשדיקע דערציילונג, אין וועלכער עס דאַרפן זיך אָפּשפּיגלען שווערע מענטשלעכע און שעפערישע מאַטערנישן, און, אַז אונטער דעם קינסטלער

באהאַלט זיך דער, וואָס זיצט קעגן מיר מיט זײַן אײגענער בענקשאַפט און זײַן אײגענעם גערעװגל.

ווילנע, וואָס גיסט זיך בעכערדיק איבער די ברעגן פֿון דעם טײַך וויליע, האָט אים אַמאָל פֿון איר טיף אַרויסגעשוווּמען. ער איז געוואַקסן אין די ייִדישע געסלעך, ווו עס האָט געהויזט אַ גרויזאַמע נויט און עס האָט געשפּילט אַ פֿאַרביקער כאַלעם. און ווען די ייִדישע ווילנע האָט זיך געראַנגלט אין אירע לעצטע גסיסע־ווייען, איז אים בײַגעשטאַנען זײַן ניט־ייִדיש אויסזען. ער איז אַנטלאָפֿן אהין צו די גרויסע פּאַריסענע גאַסן, וואָס האָבן זיך געכײַנדלט צו דער וועלט מיט אַ שימער פֿון זיכערקײַט, ווי ער וואָלט צעריסן קייטן, וועלכע האָבן געפּענטעט זײַן נעשאָמע. ער איז געלאָפֿן מיט אימפּעט און פֿאַרטראָגן געוואָרן ווײַט, אַ סאַך ווײַטער, ווי עס איז נייטיק געווען...

ער איז אַנטלאָפֿן אױף אַ ווײַל און געבליבן אַן אַנטלאָפֿענער אױפֿן גאַנצן לעבן.

איז ער איצט, דורך יאָרן, געקומען צו מיר מיט זײַן אַלטן ייִדישן ניגן. סע האָט זיך אָבער אין זײַן איבערזעצונג קיין ניגן ניט אַרויסגעהערט. עס איז ניט אונטערגעקומען דאָס פּאַסיקע וואָרט, וואָס זאָל באַפֿרײַען דעם וועג פֿאַר יענעם שטראָם פֿון רייד און געפֿילן, וועלכע ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען און ניט געקאָנט. צו מײַן אויער איז דערגאַנגען בלויז אַ טרוקענע, אײַנגעשפּאַרטע און בויערנדיקע שטים, און געסילעט אָפּגעריסענע שטיקער לעבן, איבערגעפֿירטע פֿון ליטוויש אױף ייִדיש.

ער האָט געלייענט, און איך האָב ניט געוווּסט, וווּהין די אויגן אַהינצוטאָן. ניט געגלייבט מײַן אײגענעם געהער. זײַן ייִדיש, וואָס האָט מיט עטלעכע מינוט צוריק אויז פֿריש געשפּרודלט, האָט אָנגעוווירן דעם גאַנצן כיין, געוואָרן אומגעהובלט, בלייך און פֿאַרבלאָזן.

מיטאַמאָל האָט ער איבערגעריסן דאָס לייענען, ווי ער וואָלט זיך אַלײן דערשראָקן פֿאַר דער נעפּלדיקײַט פֿון זײַן לאָשן, פֿאַר זײַן געשפּאָלטענער שטים.

— גענוג!

ער האָט אַ שאַר געטאָן פֿון זיך די צעשיטע בלעטלעך, זיך געענדערט, ווי ניט בלויז די אויגן, נאָר דאָס גאַנצע פּאָנעם וואָלט אַרויסגעקוקט דורך די ברילן. און איך האָב עפּעס ניט געקאָנט באַנעמען, וויאַזוי אַ מענטש קאָן אַזוי לײַכט זיך ענדערן, בײַטן. ער איז געבליבן זיצן אין אַ טיפֿן שטילשווײַגן און געלאָזט ווײַט בלאָנדזשען זײַן בוילעטן, שאַרפֿן בליק.

פּלוצעם, ווי עפּעס אַן אומרו וואָלט אים אופגערודערט, איז דער בליאַסק אין זײַנע אויגן געוואָרן אָנגעגליט, און ער האָט פֿון דער העלער הויט גענומען דערציילן וועגן די לעצטע טעג פֿון ווילנער געטאָ. ער האָט געוואָרפֿן מיט גאַנצע בונטן זעונגען, מיט בילדער פֿון ייִדישן לעבן און שטייגער. זײַן שפּראַך האָט באַקומען דעם פֿריערדיקן פֿאַרביקן גלאַנץ, גלײַך ער וואָלט זיך אומגעקערט פֿון אַ פֿרעמדער ווײַט צו זיך אַהיים.

איך האָב דערזען שמאָלע, דאַלעסדיקע ייִדישע געסלעך, מיט כאָרעווע הײַזלעך איינס קעגן אַנדערן. געפּילט אַ טונקעלן רייעך פֿון אַלטקײַט. איך האָב געזען וועגן, וואָס דרייען זיך און שלענגלען זיך, טיילן זיך פֿאַנאַנדער און פֿאַלן צונויף איינער אינעם צווייטן. און אױף די וועגן — מענער, געבוי־

גענע אינדריַיִען, פרויען מיט קינדער בא דער ברוסט און קינדער בא די הענט. און טויזנטער פענעמער, מיט אַנגעשטרענגטע אופגעלאָפּענע אָדערן בא די שלייפן און באַם האַלדז, ווערן די וועגן ווי צונויפגעגאָסן אין איין פּאָנעם — א פּאָנעם, מיט רויטלעכע וויַיעס איבער דערשראָקענע בלאַנד־זשענדיקע אויגן, ארומגערינגלט פון הענקער מיט צערייצטע הינט. איך האָב געהערט דאָס שאָרכען פון אַן א שיר טריט, וואָס זיַינען געגאַנגען דעם לעצטן וועג...

ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, זיך אזש פארכלינעט פון איַינגעהאַלטענער אופרעגונג. ווערטער זיַינען שוין מער ניט געפלויגן פון זיַין מויל. ס'האָט געדרעדט זיַין פּאָנעם, זיַינע אויגן. ער איז אנשוויגן געוואָרן, ווי א צוגעמאכטע שוועל, און איך האָב געוואָלט אים עפּעס זאָגן אזוינס, וואָס זאָל אים באַפליגלען.

— פארוואָס שריַיבט איר ניט אף יידיש?

— ?!

מיַין פראגע איז געבליבן הענגען אָן אן ענטפער.

דער וויזיט האָט גענומען צאַנקען.

אף יענער זיַיט פענצטער האָט שוין א ביסל איַינגעבויגן זיך דער בלויער ווינטערטאָג, אוועקגעטראָגן צו די הינטערשטאָטישע האָריזאָנטן א קאַלטע בלייכע זון. די דרויסנדיקע שיַין איז געפאַלן אף אונדז ביידן, אריבערגעטראָגן אונדזערע געשטאַלטן אף די טונקעלע געמאָלענע ווענט, באַצייכנט יעדע באוועגונג, און איך האָב פאַרגעליגט, מיר זאָלן זיך אראָפּלאָזן אין רעסטאָראַן עפּעס איבערכאַפּן.

דער זאַל איז געווען א גרויסער, א געוועלבטער, מיט טיפע פארשאָטנטע ווינקלען. הענגלייַכטער פון קרישטאָל האָבן מיט א יאָמטעוודיקן שימער פארגאָסן די וויַיסע טישטעכער און דעם קאָלירטן מענטשן־בוקעט. א דזשאַז־אָרקעסטער האָט געהילכט. ווילדע דינאמישע קלאַנגען זיַינען זיך צעפלויגן אין אַלע עקן, ווי שפּליטערס פון אן אופריַיס, און עס האָט זיך געדאכט, אז די אינסטרומענטן וועלן אָט־אָט פּלאַצן.

אינמיטן זאַל האָבן יונגע פּאָרלעך, מיט צעפלאַמטע פענעמער, זיך געגליטשט איבערן גלאַנציקן דיל. די אייבערשטע האַלבע קערפּערס האָבן געצוקט לייַכט און פריידיק, ווי זיי וואָלטן געלעבט זייער אייגן לעבן, און די אונטערשטע — זיַינען ניט איַינגעשטאַנען, זיך געריסן, געוויגט. יעדער אייוער האָט געטאַנצט אין א נאַקעטער העפקייריס פון הונגעריקע לייַבער...

א מיידל, ווי א שוואַלב, האָט ארויסגעפלאַטערט פארן אָרקעסטער. איר פּאָנעם אָפן, ליכטיק. די הויט פון אירע אנטבלויזטע שולטערס, ווי פון פּערלמוטער. די צעשיטע קאַשטאַנען־האָר אירע, דורכגעפלאָכטן מיט א בייַטשל וויַיסע קאָרעלן, האָבן געלויכטן מיט א גאָלדיקער שפּילעוודיקייַט. זי האָט צונויפגעשנירלט אירע ליפּן און אריַינגעזונגען אין מיקראָפאָן עפּעס א טאַנץ־ליד אף ליטוויש. א שקוואַל פון אקאָרדן האָט געשטורעמט שטאַרק און געדיכט, ווי ס'וואָלט אים ענג געווען אין דער צעהיצטער לופט, און איך האָב פּלוצעם דערהערט, ווי אין דעם שטורעם רייַסן זיך אריַין אנדערע קלאַנגען. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז פונעם מיקראָפאָן צעטראָגן זיך איבערן זאַל גאָר אנדערע ווערטער:

און אז דער רעבע עלימיילעך
איז געוואָרן לוסטיק, פריילעך...

איך בין ניט קיין מיוון, ניט פארשטאנען די מאָדערניזירטע אָראנזשי־רונג, נאָר מיר איז געוואָרן לײַכט אפן הארצן פון די היימישע קלאנגען. און איך האָב געטראכט: וואָס פאר א ווּנדער — א ליטווישער שרײַבער קומט זיך אויסריידן אין יידיש, און א ליטוויש מיידל זינגט ארײַן אין מיק־ראָפאָן א מאָדערנע טאנץ־ליד און ווייסט ניט, אז זי זינגט אן אלט יידיש זעמערל...

ווילנע, ווילנע... זי האָט ניט אָנגעווירן איר יידישן פערלדיקן ניגון!

מיר זײַנען ארויס אין גאס.

ווילנע איז געווען ווײַס. אזא פריילעכע בלויִלעכע ווײַסקײַט. מיליאָנען שנייעלעך האָבן זיך געדרייט אינדערלופטן, זיך ארומגעטומען, געפלאטערט און געפאלן, געפאלן, און שוין ניט געקאָנט זיך צוריק אופהייבן.

מיליאָנען שנייעלעך האָבן אויסגעגלײַכט דעם טראָטואר מיט דער גאס. און אין דער ווײַסקײַט האָבן געפינקלט געלע, רויטע, גרינע פײַערלעך און געצייכנט די גרויסע הײַזער, ווי שאָטנס.

ס'איז געווען ערעוו נײַ־יאָר.

פון א סאך באלויכטענע פענצטער האָט ארויסגעשײַנט די יאָלקע, באַ־צירט מיט קונציק־קאָלירטע שפילכלעך און מיט עלעקטרישע לעמפלעך, פארפלאָנטערטע אין באגילדטע און באזילבערטע סטענגעס. אלץ, וואָס האָט נאָר געהאט פארב, איז מיט פראכט אראָפגעהאנגען פון די יאָלקעס.

מיר האָבן געשפּרײַזט פון איין גאס אין א צווייטער. זיך אָפּגעשטעלט, ווידער געמאכט א שפאן, און נאָכאמאָל זיך פארהאלטן.

עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן די אייגנארטיקײַט פון דער ארכי־טעקטור. שווערע באציילעמטע קלויסטער־טורעמס זײַט בא זײַט מיט הויכע קאנטיקע געבײַדעס, וואָס האָבן געשאָסן אין ווינטערדיקן הימל מיט א שלאל פון פילשטאָקיקײַט.

מיר זײַנען פארבײַגעגאנגען די באוווּסטע „הייליקע אנגא". די פרומע פארגליווערטע שטילקײַט ארום דעם קלויסטער האָט אזוי ניט הארמאָנירט מיט דער ווימלענדיקער רירעוודיקײַט אפן גאס און מיט די אויסגעפוצטע פינקלענדיקע וויטרינעס פון אלערליי געשעפטן.

ס'איז געווען די הײַנטיקע ווילנע, וואָס האָט געבלאנקט מיט א רײַכן שימער פון נײַקײַט.

און גייענדיק אזוי, האָבן מיר זיך ארײַנגעפּלאָנטערט אין א לאבירינט פון שמאָלע קרומע געסלעך. אלטע יידישע געסלעך, ווי פון ווײַטע פאר־נעפּלטע צײַטן פארבליבענע.

— דאָ איז געווען ארײַנגעשפּארט די גאנצע יידישע ווילנע...

ער האָט עס א זאָג געטאָן מיט אזא פארביטערטע קאָל, ווי א יאָסעם, וואָס זאָגט קאַדיש, און מיך האָט אָנגענומען א ציטער.

דאָס זײַנען געווען זײַנע געסלעך, זײַנע פארלאָזטע געסלעך, וואָס האָבן אים געבוירן מיט א זעקס צענדליק יאָר צוריק. אין זיי איז ער געוואקסן, און זיי האָבן געכאָוועט זײַן געמיט. ער האָט זיי געקענט, ווי זיך אליין, אָב־רופנדיק יעדער געסל מיט א באזונדערער צארטקײַט בא זײַן אלטן נאָמען, ווי ער וואָלט געטראָטן אין די טריט פון זײַן אייגענער יוגנט.

— אָט גייען מיר איצט דורך דער יאַטקעווער־גאַס... אַ פּאָר שפּאַן ווײַטער וועט זײַן די גלעזער־גאַס...

איך בין אין ווילנע פריִער קיינמאָל ניט געווען, ניט געזען די גאַסן און געסלעך, וועלן זיי האָבן געאָטעמט מיט לעבנספולקייט און מיט ייִדישער אַלטגעזעסנקייט, וואָס האָט אין מעשעך פון דורות געבליט און זיך געצייטיקט. איך האָב אויך ניט געזען זיי אין טעג פון זייער אומקום...

איך האָב געבלאָנדזשעט איבער פאַרדרייטע געסלעך, און צוזאַמען מיט מיר האָבן געבלאָנדזשעט שאָטנס פון ניט־אויסגעלעבטע לעבנס. זיי האָבן זיך באַוועגט שטיל, אָן פאַרב, אָן קלאַנג, ווי פאַרהוילענע רעשטלעך פון אַ געוועזן לעבן. די שאָטנס האָבן זיך געמערט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לעבעדיקע נעפּאַשעס, אין ייִדן פאַריאָגטע און באַשפּיגענע. ייִדן, וואָס האָבן נאָך געדענקט ניגונים פון לערנען. איך האָב דערזען זייערע איידעלע שטאָלצע זין און טעכטער מיט פלאַמיקע בונטאַרישע הערצער, באַלאָדענע מיט בענקשאַפט און ליבע. און איך האָב דערהערט דעם שאַלנדיקן רוף, וואָס האָט, ווי אַ שטורעמגלאָק, זיך צעקלונגען:

זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג...

איך בין געגאַנגען איבער די געסלעך, ווי איך וואָלט געמישט פאַרגעלטע בלעטער פון אַן אַלטן ייִדישן סייפער. אַ פּראַסטיק ווינטל האָט קלאָגעדיק געשעפּטשעט, גלײַך עמעצער וואָלט אין אַ באַהעלטעניש שטיל געוויינט. פון עפּעס אַ ווײַטן רעקלאַמע־ליכט האָט זיך אַרײַנגעריסן אַ רויטער אָפּשײַן, און דער ווײַס־בלוילעכער שניי האָט באַקומען אַן אַנדער פאַרב...

מײַן באַגלייטער האָט מיך געפירט פון גאַס צו גאַס. אַליין זיך אויך אַרומגעקוקט מיט אומרויִקע בליקן, גלײַך ער וואָלט, ווי איך, געזען די געסלעך צום ערשטן מאָל. ווער איז ער געווען? איינער פון יענע, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון אייגענע טירן און אַוועק אויף דער „אַרישער זײַט", קעדיי ניט פאַרשלונגען ווערן פון די סרייפע־פײַערן? אָדער דער געוועזענער עלטערער מאַן, וועלכער האָט יאָרנלאַנג זיך געהיילט און געשלייערט אין פרעמדע שלייערס? און עפּשער זײַנען עס געווען צוויי העלפטן פון איין גאַנצקייט?

ער האָט ווי דעראַטן מײַן געדאַנק:

— מיינט ניט, אַז באַהעפטן זיך צו אַנדערע קולטורן, הייסט אומבאַדינגט עפּעס פאַרשווערכן... מיר האָבן אָפּט אַרײַנגעאָטעמט אין זיך קאָלערליי ווינטן פון פאַרשיידענע זיך קרייצנדיקע קולטור־קלימאַטן...

זאָל עס געווען זײַן אַן ענטפער אויף זײַן אייגענעם גערעאַנגל? אַ מין וועלן אויסרעדן און פאַרעדן זיך אַליין? איך האָב זיך דערמאָנט אין זײַן הײַנטיקער דערציילונג:

„...דער קינסטלער האָט דאָס גאַנצע לעבן געטראָגן אין זײַן געוויסן יענעם טאָג, ווען אין אַ וויסטן געווײַל האָט זיך אָפּגעריסן הארץ פון הארץ.

— מאַמע...

און די מאַמע האָט מיט פאַרבראָכענע הענט און אַ צעוויייטיקט הארץ זיך געקלאַמערט צום לעצטן מאָל:

— גיי... זון מײַנער... גיי... זאָלסט נאָר ניט פאַרגעסן, ווער דו ביסט..."

איך האָב אַ קוק געטאָן אין זײַנע העל־בלויע אויגן, זיי זײַנען געווען

פאַרשאַטנט. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער זוכט זיך אַליין און קאָן זיך ניט געפינען...

מיר זײַנען דערגאַנגען צו דער גרינער בריק.

איך האָב זיך אָנגעשפאַרט אָן געלענדער. אונטן, אין דער טיפער טונקל־קייט האָבן זיך צעלייגט און געקרייצט די שטאָטישע פײַערן, וואָס האָבן געשפילט און געלויכטן מיט צענדליקער קאָלירן.

ווילנע האָט זיך געוויגט אין איר אַוונטיקן רײַכטום און גלאַנץ.

מײַן באַגלייטער האָט זיך נאָענט צוגעטוליעט צו מיר, ווי אים וואָלט מיטאַמאָל קאַלט געוואָרן אין זײַן דובליאַנקע, און מיט עטוואָס אַ אײַנגע־האַלטענער שטים מיר אָנגעוויזן:

— דאָרט, אונטן איז מיט יאָרן צוריק אַ יונגער ייִדישער דיכטער אין מיטן העלן טאָג און פאַרן פּאָנעם פון דער וועלט אַרײַן ביז איבערן קאָפּ אין אײַז־קאַלטן שטראָם, און שוין...

איך האָב געהאַט געהערט פון יענעם דיכטער, אַ זון פון אַ ווילנער ראָוו, וואָס האָט ניט געקאָנט איבערטראָגן די ראַבאָנישע פאַרשטאַרטקייט און ניט געהאַט דעם קויעך מיט איר איבערצורײַסן. עס זײַנען געבליבן פון אים אײַנגאַנצן דרײַ לידער. די איבעריקע האָט ער מיטגענומען מיט זיך אין דער אייביקייט...

איך האָב אַראָפּגעקוקט צו דער האַלב־פאַרפרוירענער ווילִיע. זי האָט שטיל געריזלט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי לייענט זײַנע דערטרונ־קענע לידער.

אַ גרויסע ווײַסע שטילקייט האָט זיך געשפּרייט איבער די גאַסן, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט צום האָטעל און געבליבן שטיין באַם אַרײַנגאַנג.

ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע אין אַ געוויסן אומרו, און נאָך אַ בלאַסער שמייכל האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אויף זײַנע ליפּן.

— איר וועט געוויס אַמאָל דערמאָנען אונדזער באַגעגעניש, האָב איך צו אײַך אַ ביטע: רופט ניט אָן מײַן נאָמען...

און אין אַ רעגע אַרום צוגעגעבן:

— בעסער, איר זאָלט אײַנגאַנצן פאַרגעסן אין אים...

זײַן קאָל האָט זיך אויסגעמישט מיטן סקריפּ פון די אייגענע טריט, און די שטילקײַט איז געוואָרן אַ שווערע.

— אָט האָט איר געפרעגט, פאַרוואָס איך שרײַב ניט אויף ייִדיש, — האָט ער זיך דערמאָנט מײַן פראַגע, — ס׳איז פּונקט ווי מע זאָל פרעגן באַם בייזן ווינט, פאַרוואָס ער רײַסט די בלעטער פון דיביימער...

אַ פאַרגליווערטע, אָנגעשטרענגטע גרימאַסע האָט זיך צעגאָסן איבער זײַן פּאָנעם. מיטאַמאָל עס שטאַרק געעלטערט. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער אַליין ווייסט ניט, צי זאָגט ער דעם עמעס אָדער ער נאַרט...

מיר האָבן זיך געזעגנט.

זײַנע פינגער האָבן אַרומגעכאַפּט מײַן האַנט, ווי מיט אַ רייף. ער האָט מיט אַ מאָדנעם קויעך מיך אַ ציִ געטאָן צו זיך, און איך האָב אין זײַן אַרומנעמען דערפילט דאָס וואַרעמע בלוט פון דורותס ווילנער ייִדן...

# מיט גלויבן באהעפט...

בערלין.

איך האָב אפילע אין כאָלעם ניט געטראכט, אז מיר וועלן אמאָל זיך באגעגענען, דערצו נאָך אין סאמע הארץ פון דער גרויסער וועלט־שטאָט, אָפּ די בארימטע „אונטער דען לינדען", ווו.

בערלינער דיכטער שלייפן דאָ
די שענסטע ווערטער־שניצערייען.

די גאס, איינגעהילט אין ראָזע ליכט פון א פרילינגדיקן זון־פארגאנג, איבערפלייצט פון סאָף־טאָגיקע קלאַנגען, איז געווען באהויכט פון עפּעס א יאָמטעוודיקייט.

די פּילצאָליקע פּאלאצן און קלויסטערס פון אלטן בערלינער ייִכעס, וואָס האָבן אין דעם ביינהאשמאָשעס־ליכט געפינקלט מיט א פארצייטיקן שימער פון גאָטיק און בּאראָק־פּלאסטיק, האָבן גיייִוועדיק געשפּיצט זייערע טורעמס, ווי אָט־אָט, און זיי וועלן זיך אריינלעבערן אין דעם זיך־לעשנדיקן הימל.

ער איז אין דעם בלענד פון דער פרילינגדיקער צעבליטקייט מיר אנט־קעגן געקומען מיט א יונגן שפּאַן. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז ער איז אויך א טייל פון אָט דער ארומיקער געָרמאנישער פּארצייטיקייט.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך, מיט א געפיל פון אופגעריכטקייט, געשריבן וועגן אים. מיך האָבן דעמלט איבערראשט סיי די פרישע און וויב־רידנדיקע טענער פון זיין פּאָעזיע, און אָנגעלאָדענער מיט דראמאטישן שטאָף פון אינערלעכער שפּאנונג, סיי די צושריפט צו מיר אין א געליייטערטן יידיש, מיט שיינע געציקטע יידישע אויסיעס.

„קום אריין, נעם זאלץ, ווי האָפּענונגג!" האָב איך מיט אָט דער ווענדונג זיינער אָנגעהויבן מיין ארטיקל, אין וועלכן איך האָב געפּרוּווט ארויסברענ־גען די קאָמפּליצירטע דיכטערישע געשטאַלט, וואָס הייסט:

יירגען רענערט.

ער איז נאָך דעמלט ניט געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע דיכטער אין דער דייטשישער דעמאָקראטישער רעפּובליק, ניט געווען נאָך לאורעאט פון דער בעקאָוועדיקער היינע־פּרעמיע. געווען פּאָשעט א יונגער פּאָעט, וועמען ס'האָט געבוירן די צווייטע וועלט־מילכאָמע, און דערצויגן דאָס נאָכמילכאָמעדיקע דייטשלאַנד.

א לירקער מיט אן אייגענער שפּראַך, אן אייגענער שטים, איז זיין פּאָעזיע שוין פון סאמע אָנהייב בארופן געווען צו באריייכערן אָפּ אן אייגנ־ארטיקן אויפן די מאָדערנע דייטשישע דיכטונג.

אלעמאָל, ווען מיר פלעגט אויסקומען זיך אומקערן צו זיינע לידער,

פלעג איך אין מײַן פאַרשטעלונג אים זען אזעלכן, ווי ער איז אַנגעמאָלט אף דער פארביקער הילע פון זײַן בוך „מערקישע דעפעשן". דעם דיכטערס קאָפּ זיצט אף א קערפּער פון א טויב, איבער אים שוועבט אין בלויער דע־מערונג א פולע לעוואָנע — א מין בילד־מעטאפאָר, וואָס דארף סימבאָליזירן ליבע, שאָלעם, פּאָעזיע.

און אָט האָבן מיר זיך באגעגנט.

אָט טרעטן מיר אוף צוזאמען אינעם בערלינער „טעאטער אונטערן דאך" אפן נאָמען פון ערנסט טעלמאַן, איך — א ייִדישער שרײַבער פון ראטנפאר־באנד, ער — א דײַטשער דיכטער, וואָס רעדט מיט גרויס באהאוונטקײַט און ליבע וועגן דער ייִדישער ליטעראטור און אירע הײַנטצײַטיקע שעפער. רעדט וועגן די יאָרן פון די גרעסטע דערשיטערונגען אין אונדזער געשיכטע, וועגן „פאר פינף, פון די זעקס מיליאָן מענער און פרויען, אויסגעמאָרדעטע פון צעיושעטע ראָצכים אין נאָמען פון סוואסטיקע־צייכן, איז ייִדיש געווען די מוטער־שפּראך". און פון זײַנע ווערטער יאָגט אזא צאַר, אז עס דאכט זיך, אז אף זײַנע פּלייצעס דריקט די לאסט פון די מיליאָנען פארפּײַניקטע. אז זײַן געוויסן פּלאָגן די פארברעכנס, וועלכע זײַן לאנד איז באגאנגען קעגן דער מענטשהײַט ביכלאל און קעגן דעם ייִדישן פאָלק ביפראט.

שווארץ ווערט דאָס צימער
פון אזויפיל שרעקלעכע בילדער,
פארבלייכט ווערט דאָס וואָרט...

און סע זעט אויס, ווי אים הערן ניט אוף צו פארפאָלגן די ווײַ־געשרייען פון יענע מאמעס און קינדער

אף זאמד, אָן רו געטריבענע
איבער די אַשוועןצימער גאסן.

פון זײַנע פּערזן שלאָגט דער טרויער פון אומקום, גלײַך עס וואָלטן אים באגלייטן די שאָטנס פון דער גרעסטער און שרעקלעכסטער טויט־פאבריק, ווו אפילע „דער ווינט פאטרולירט אין שווארצע שטיוול" און ווו.

די לעוואָנעס שווײַגן, און די זונען
ווערן בלינד, ווען זיי דערזעען דעם טאָג,
געהילט אין רויך פון קרעמאטאָריעס...

פאר אים, ייִרגען רענערט, איז דאָס קידעש־האשעמיקע ניט קיין צופע־ליקע טעמע. דאָס איז ער אליין, געמאטערט פון א שולד־געפיל פאר דעם גרויסן ייִדישן קורבן, מיטפילנדיק די טראגיק פונעם ייִדישן פאָלק. ער טיילט זיך ניט אָפּ פון די פארברעכנס, ער איז מיט זיי אין די גאז־קאמערן, אף די טליִעס...

פארשטייט זיך, אז פונעם צווייטן וועלטקריג געדענקט רענערט זייער ווינציק, קימאט גאָרניט. „הײַנט איז מיר אפילע קיין צענטל ניט געבליבן פון יענער קינדערשער מוירע פארן הימל..." און דאך אזוי לעבט אוף זײַן פאנטאזיע די מילכאמע־קאָשמארן מיט באָמבע־אופרײַסן און סרייפעס, ווו נאָר „רויִנען און טרויער באצייכענען א רעאליטעט אָן פאטאָס". און סע דאכט זיך אים צומאָל, אז

טיפע שפּורן פון רעדיפּעס און קאַמף פון דוירעס צעטרײסלען זײַן געמיט, בעשאַס זײַנעם א באַזוך אין דעם אַלטן געװעזענעם ייִדישן געטאָ אין פּראַג, אין דער פּראַגער אַלט־נײַ שול. ער װענדט זיך צו דעם װײַטן ייִדישן נעכטן:

אוּן זוכט דאָרט דעם שאָטן,
װעלכן פאַרלוירן ער האָט
אין פלאַמיקן פײַער פון פּאָגראָמען...

און ער פאַרקערפּערט דורך א רעאַליסטישער קאָנקרעטער שילדערונג א װײַטן צײַט־אָפּשניט אין דער געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק:

געקומען מאַלאָכים צו פליִען קײן פּראָג
מיט שטײנער מיט אַלטע באַלאָדן,
עס פאַלן די שטײנער פון הארצן אַראָפּ
און גראָבן זיך אײן אינעם באָדן.
קומען די ייִדן זיך באַזעצן אין פּראָג,
ייִצכאָק און לײװי, און שמועל,
געפינען די ייִדן די שטײנער ניט שװער
און שטעלן זיך בױען א שול.

און אין פאַרבינדונג מיט דער שול צעװיקלט רענערט ברײט די באַרימטע גױלעם־לעגענדע. ער באַזינגט טפילעסדיק דעם סימבאָלישן ייִדןבאַשיצער און זײַן באַשעפער ראַבי לײװי בען בעצאַלעל,

װעמענס נעשאָמע קלאָר
פאַרשרײַבט אױף פּאַרמעט:
„שמא ייִסראָעל...״

ער שפּאַנט אָבער אַרױס פונעם װײַטן מיטלאַלטער און פירט זײַנע העלדן אַרײַן אין אונדזער יאָרהונדערט מיט זײַנע קאָשמאַרן און פאַרברעכנס. ער פרעגט בא ייִסראָעל פּינכעס, דעם גאָטספאַרכטיקן פּראַגער ייִדן, און אָנגעזאָפּטן מיט טוירע און כאָכמע, מיט ייִכעס און קאָװעד, װעלכער האָט די שול ניט נאָר געבױט פאַר גאָט, נאָר זיך אױך פאַרלאָזט אױף גאָט, אױף זײַן גערעכטיקײַט:

ער האָט געבױט אױף גאָט,
װוּ זשע איז גאָט געבליבן?

און ער, דער דיכטער, ענטפערט מיט א פאַרביטערטן אױפגערודערטן װײ־אױסרוף, װי א װידערקאָל פון קידעשהאַשעם צו קידעשהאַשעם:

גאָט שטײט אױף דער װאַנט
זיבן זיבן צװײ נײַן און זיבן...

און דער אױפגערודערטער ענטפער װערט נאָך אױפגערודערטער.
און סע דאַכט זיך, װי מיט אָט דעם ענטפער װיל דער דיכטער, דער מענטש פון אונדזער צײַט, שטעלן זײַן אײגענע מאַצײװע די 77297 ייִדישע

קאַרבאַנעס פון טשעכאָסלאָוואַקיע, פאַרגאַזטע אין די טרעבלינקער גאַז־קאַמערן, און פאַרייביקטע אין די מירמל־טאָוולען אויף דער וואַנט פון דער אַלט־נייַער פּראַגער שול.

דורך פאַרגייַסטיקן און פאַרהייַנטיקן דעם ייִדישן נעכטן, דורך „ליידן און בלוטן", איז רענערט געקומען צו זייַן „אַלטשטאַטישן פּראַגער מעמאַריאַל". אויך דאָס באַהערשן די ייִדישע שפּראַך איז אַ רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן געראַנגל. אים האָט געפירט דערצו „די ליבע צום פּילגעליטענעם ייִדישן פאָלק, די ליבע צו דער טיף־הומאַניסטישער פּראָגרעסיווער ייִדישער ליטעראַטור"...

...רענערט רעדט, לייענט, און איך קום ווידער צום אויספיר, ווי דעמלט, ווען כ'האָב געשריבן וועגן אים, אַז זייַן לירישער העלד איז דער הייַנטצייַטיקער מענטש, פאַר וועלכן ער האָט זייַן פרייַז און זייַן לויב.

מייַן אָרעמער געשענדטער, מידער, יאָרהונדערט
קלאַמערט זיך אין די סטרונעס פון מייַנע געדאַנקען,
זוכט אַקאָרדן און קלאַנגען, וואָס זאָלן שיין זייַן...

מיט אָט דער זוכעניש פון שיינע אַקאָרדן און קלאַנגען שלאָגט רענערט זיך דורך אַ וועג צו אונדזער צייַט מיט אירע גרויסע און קליינע פּראָבלעמען און ווידערשפּרוכן. ער נעמט צו הילף פיגורן און בילדער פון דער ביבלישער, אַלט־גריכישער און קלאַסיש־הומאַניסטישער פאָרשטעלונג־וועלט. ער דערהויבט אין זייַן דיכטונג די פאַרגאַנגענהייט און מאַכט זי פאַר געגנוואַרט. און דורך טיף־לירישע לידער ברענגט ער אַרויס שטיקער לעבן, פּאָרטרעטן און מענטשן. ער פאָרמולירט דורך זיי זייַן באַציִונג צו דער וועלט, צו דער ווירקלעכקייַט, און טראָגט זיי אַריבער אינעם ליכט פון אונדזערע הייַנטיקע טעג.

...אָט די פּאָר פרייַנטלעכע שאַפונגס־שטריכן, וואָס כ'האָב דאָ אָנגעוואָרפן, דאַרפן ניט גענומען ווערן, ווי אַן אָפּשאַצונג פון זייַן שאַפן. דאָ איז נאָר געמיינט דאָס טיף־מענטשלעכע, וואָס דער דיכטער ייִרגען רענערט פאַרמאָגט אין אַ גאָר באַדייַטנדיקער מאָס!

אַ ליטעראַרישער אָוונט אין צענטער פון בערלין.

די לעצטע שאָען פון טאָג האָבן דערברענט, ווי אַ לאָמטערן. דער טעאַטער־זאַל האָט זיך אָנגעפילט מיט דעמערונג. און צוויי שפּראַכן — ייִדיש און דייַטש — אָפּשטאַמיקע פון איין אורקוואַל, האָבן געקלונגען פראַנק און פרייַ. באַפאַרבט פון אַ פּאָעטישער בענקשאַפט, אַ באַהעפטער מיט גלויבן און האָפענונג אין אַ בעסערער וועלט. אין אַ וועלט פון ברידערלעכקייַט, שיינקייַט און דערהויבנקייַט...

# בלומען און טרערן

א יונגער פרילינג האָט געשפּרייזט איבער טיורינגער לאַנד, באַדעקט די דײַטשישע ערד מיט א שימער פון פײַכטן טוי, ווי מיט פּערל פון באַגי־נען. און די ביימער, פון פרישן גרין באַנײַט, האָבן געוואָרפן לאַנגע שאָטנס. ניט קיין שוואַרצע זײַנען די שאָטנס געווען, נאָר טונקל־גרויע. און ס'האָט זיך געדאַכט, אז דער דופטיקער פרימאָרגן נעמט זיך טאַקע פון די פײַכטע שאָטנס איבער דער ערד.

אויך אויף עטטערסבערג, צאַפּנדיק פון ווײַמאַר, איז די לאַנדשאַפט גע־ווען א פאַרביקע. ווי אין א כאַלעם האָבן שטיל געראוישט די אָרומיקע וועל־דער. און אינדערלופטן האָבן זיך געטראָגן די ערשטע רייכעס פון בליונג. נאָר אין די בלויע רוימען איז, ווי א געוויין, נאָך געהאַנגען דער אַלטער געיאָמער פון נאַכטסאַוועט, און אין רויט־צעגליטן מיזרעך האָבן זיך אַנט־פּלעקט און טײַוולאַניש זיך געשוואַרצלט צעשטעלטע געבײַדעס, פאַרלאָזטע ווישקעס, געדיכטע שטעכלדראָט־פאַרצוימונגען, וואָס האָבן ווי פאַרדראָטע־וועט די זוניק צעגלאַנצטע וועלט.

בוכענוואַלד...

שווער האָט זיך געלייגט אפן סייכל, פאַרוואָס גראָד דאָס אָרט, אָט די אָרומיקע שיינקײַט, האָבן די דײַטשן אויסגעקליבן פאַר זייער מאָרד־לאַגער. קאָן זײַן, אז דערמיט האָבן זיי געמיינט צו פאַרטיליקן, פאַרגוואַלטיקן און פאַרשוועכן ניט נאָר דעם מענטשן, נאָר אויך די נאַטור. און אפן געדאַנק זײַנען געקומען דעם דיכטערס פײַנפולע ווערטער:

> פאַרטאָג, ווען מיר שטייען אפן אפעל־פּלאַץ
> און פרירן,
> ציִען זיך וואָלקנס מיט טויזנט צעבליטע קאָלירן.

און ס'איז אפילו אינעם צאַר פון מאַכטלאָזיקײַט דעם סוינע ניט געלונ־גען אויסצוּוואָרצלען אינעם מענטשן די קראַפט פון בענקשאַפט...

בוכענוואַלד.

שוין אזויפיל זיך אָנגעהערט. ניט ווינציקער זיך אָנגעלייענט. און דאָך האָט זיך צעוויכערט א שטורעם אין הארצן בײַם דעם דערנעענטערן זיך צום קאַנגער־טויער, וואָס איז פאַר טויזנטער און טויזנטער געווען דער לעצטער אַרײַנגאַנג...

מיר האָט א שווינדל געטאָן פאַר די אויגן א מעשענע, סאַרקאַסטיש אָפּלאַכערישע אויפשריפט איבערן טויער, ווי א האַלבע לעוואָנע:

„יעדעם דאס ויינע".

פּלוצעם האָט עפּעס זיך א ריר געטאָן אין מיר. א שווערע, אומפאַר־

שטענדלעכע לאַסט איז מיך באַפאַלן. איך האָב מיט די בליקן זיך אײַנגעגעסן אין די ווערטער. זיי זײַנען זיך אָט צעשווּמען, אָט ווידער זיך צונויפגעגאָסן, ווי א וואָלקן, און פון זייער צונויפגוס האָבן דונערן געקנאַלט, בליצן אויפגעלויכטן, און אױפן קרייצוועג צווישן דונערן און בליצן האָט מיט א שטרענגן טרויער געשטורעמט דער בוכענוואַלדער גלאָק, און דער ווינט האָט צעטראָגן דעם עכאָ פון זײַן אַליאַרמירנדיקן געקלאַנג איבער יאַמים און אָקעאַנען, ווי א גרויזאַמע וואָרענונג:

קיינמאָל ניט פאַרגעסן!

ער האָט געקלונגען מיט אַזעלכע מוירעדיקע קלאַנגען, אַז מיך האָט געוווּנדערט, וואָס די שטיינער וויינען ניט.

ס'איז געווען דער ערשטער מײַ.

דער טאָג פון פרײַהײַט און אייניקײַט.

פרײַהײַטס־כאַלעם איז שטענדיק געווען דער גרונט־פּרינציפּ פון דער מענטשלעכער נאַטור. עפּשער דערפאַר האָט אין אָט דעם טאָג, ווי פונוויַיטן, זיך אָפּגערופן דער רעפרען פון דער בוכענוואַלד־ליד:

מיר ווייסן, אַז נאָך נאַכט
דער מאָרגן קומט צו יעדער צײַט,
דאַן פלאַקערט אויף דאָס דרײַ־זונען־ליכט:
פרידן, פרײַהײַט, מענטשלעכקײַט.

פרײַהײַט — די אידיי פון עם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. קיינמאָל פריער האָט די אידיי ניט באַהערשט אַזויפיל ברייטע מאַסן. קיינמאָל אָבער איז זי ניט אַזוי פאַרשעמט און פאַרליגנערט געוואָרן. און קיינמאָל איז דער מענטשהײַט ניט אויסגעקומען אַזוי גרויזאַם און אַזוי טײַער צו באַצאָלן פאַר אָט דעם ליגן.

אין נאָמען פון פרײַהײַט זײַנען באַגאַנגען געוואָרן די גרעסטע קאָרבאָנעסגרייטע העלדנטאַטן. און אין דעם זעלבן נאָמען אויך גרויסע „העלדנטאַטן” פון לעסטערונג און רעציכעס...

ווי קאָן פאַרגעסן ווערן, אַשטייגער, דער כײַישער פאַראָל פון די נאַצישע מערדער — „יעדע מינוט א טויטן קערפּער”.

וויפל ציניִשער סאַדיזם אין אָט דער גזיירע!

אַלץ אַרום ציטערט אויף פון אַזא באַפעל. און דער באַפעל אַליין ציטערט, שוועבט אינדערלופטן, ווי א בלוטיקע האַק, דערמאָנט, אַז אין יעדן יאָרהונדערט זײַנען געווען ́פאַרשיידענע אופאַנים פון מאַטערן און צעברעכן דעם מענטשלעכן שטאָלץ, דעם מענטשלעכן קאָוועד. אָבער אין אונדזער יאָרהונדערט זײַנען אַף אַן אומדערהערטן, אַכזאָריעסדיקן אופן גאַנצע פעלקער דערנידעריקט געוואָרן. וועגן דעם ווייסט די גאַנצע וועלט. וועגן דעם ווייסן קוידעמקאָל מיר, ייִדן, ווײַל מיט אונדזער בלוט זײַנען געשריבן געוואָרן גאַנצע קאַפּיטלען פון גרויסן פעלקער־מאָרד...

איך האָב, גרייטנדיק זיך צו מײַן רײַזע קיין בוכענוואַלד, דורכגענישטערט א גאַנצע ריי ביכער און צײַטשריפטן פון פאַרשיידענע יאָרן. איך האָב זיך באַקאַנט מיט די העלדן פון אויפשטאַנד, געלייענט זייערע ביִאָגראַפיעס, געזען זייערע בילדער — מוטיקע קעמפער פון אַלערלײ נאַציִאָנאַלי־

טעטן, דערונטער ניט ווינציק דײַטשישע קאָמוניסטן און סאָוועטישע געפאַנ־
גענע.

פלוצעם, אף עפעס אַן אַלט פאַרגעלט זײַטל, איז מיר אופגעפאַלן די
פאָטאָ פון דעם לאַגער־קאָמענדאַנט. איך וויל בעקיוון זײַן נאָמען ניט דער־
מאָנען. זאָל ער אויסגעמעקט ווערן פאַר אַלע אייביקייטן!

— צי דען איז עס אַ פּאָנעם פון אַ נאָרמאַלן מענטשן? — האָב איך זיך
געפרעגט.

גאָט האָט דעם מענטשן באַשאַפן לויט זײַן מוסטער, הייסט עס, אין
בערײשיס. באַשאַפן ניט אף צו פּײַניקן און מאָרדן. געגעבן אים הענט ניט
קעדיי צו ברעכן מיט זיי מענטשלעכע געביינער. פיס געגעבן ניט אף צו
דערשטיקן מיט געקאָוועטע שטיוול קינדערשע העלדזלעך... איך האָב גע־
זוכט אין אָט דעם פאַרצוף דעם „צעלעם עלויקים“. געזוכט און ניט געפונען.

אין יענעם טאָג האָט גאָט אָנגענומען די געשטאַלט פון אַ טײַוול. דאָס
געטלעכע האָט אופגעהערט צו זײַן געטלעך...

ס'איז געווען דער ערשטער מײַ.

איך האָב אַרומגעבלאָנדזשעט איבערן אַפּעל־פּלאַץ. איבערן פּלאַץ פון אומ־
קום און גוורע. אף יעדן שפּאַן האָט דער געהענעם זיך אַליין מער פאַנאַנ־
דערגעוויקלט, אופגעעפנט די יעסורימדיקע טיפענישן. איך האָב געזען די
מאָרד־מאַכשירים, און עס האָבן געגליווערט די בלוטן. און ס'זײַנען מיר
נאָכגעגאַנגען די טויט־געשרייען פון די פאַרפּײַניקטע.

איך האָב זיך געפּלאָנטערט צווישן די מירמל־פּליטעס. די מאַצייוועס
פאַר די העלדן־קדושים פון ראַטנפאַרבאַנד, פוילן, פראַנקרײַך... דער פּלאַץ
איז געווען פאַרגאָסן מיט זון — אַ פאַרפלייצונג פון ליכט און וואַרעמקײַט.
און עפעס אַ טונקעלער קלעם איז געווען פאַרבאָרגן אין דעם ליכטיקן, צע־
שטראַלטן טאָג.

מיטאַמאָל זײַנען די זונענשטראַלן, ווי יאָרצײַט־ליכט, געפאַלן אף אַ
שטיין מיט יידישע אויסיעס. און דער שטיין האָט אופגעלעבט מיט עפעס
אַן אַלטן, האַרבן, שטומען צאַר, מיט דעם צאַר פון טויזנטער, טויזנטער
פאַרשניטענע יידישע לעבנס.

ייסגאַדאַל וועיִסקאַדאַש...

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי די אויסיעס קלאָגן מיט אַ שטילן געיאָמער.
שמעלצן פלוצעם זיך צונויף אין איין קאָל, דאָס „צערויר האַכאַים“־קאָל פון
יידישן טרויער...

לעבן מיר איז פלוצעם אויסגעוואַקסן אַ שאָטן. עטוואָס אַ געבויגענער,
אַן אָנגעשפּאַרטער אף אַ באַמבוק־שטעקן.

איך האָב אים ניט באַלד באַמערקט.

ס'איז געווען אַן עלטערער מאַן. און עפשער האָט ער נאָר אויסגעזען
אַזוי געעלטערט. דער ווינטער אף זײַן קאָפּ האָט ווײַס געפּעכלט. דאָס
פּאָנעם איז געווען מיט פינצטערקײַט פאַרצויגן. און אַרום די אויגן האָט
שאַרף זיך געצייכנט אַ נעץ פון דינע רונצלען.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער זעט מיך אויך ניט. אַז ער קוקט דורך
מיר, ווי דורך גלאָז, קוקט מיט אומעט. און דער אומעט איז אופגעשריבן
אף זײַן פּאָנעם, אין זײַנע אויגן.

ווער איז ער? עפּשער א דײַטשישער ייִד, א געוועזענער קאַצעטלער, וועלכער איז אַלפּי־נעס לעבן געבליבן, און איצט געקומען צו זײַן פאַרגאַנגענהײַט?

אונדזערע בליקן האָבן זיך געטראָפן.

— א גוט־יאָמטעוו!

ער האָט א שמייכל געטאָן. באַלד אָבער דעם שמייכל פאַרלאָשן.

ארום האָט געהערשט א פאַרטראַכטע, שווײַגנדיקע שטילקײַט. און איך האָב אין דער שטילקײַט ארויסגעהערט זײַנע געדאַנקען. ארויסגעלייענט זיי פון זײַנע אויגן. ארויסגעלייענט מער, איידער עס וואָלטן גערעדט זײַנע ליפּן. זײַנע אויגן האָבן געפרעגט:

— וויאַזוי קאָן מען עס טראַכטן דאָ פון א יאָמטעוו, ווען אויף יעדן שפּאַן הויכט א קאַלטער אָטעם פון אומקום...

ער האָט זיך טיף פאַרבויגן, ווי מע פאַלט קורים, אוועקגעלייגט אויפן שטיין א בינטל בלומען. און זײַן פּאָנעם איז דערבײַ נאָך פאַרשאָטנטער געוואָרן, גלײַך ער וואָלט זיך מיטאמאָל אין עפּעס דערמאָנט, אין עפּעס, וואָס איז שווער און טרויעריק.

ניין, ער איז ניט קיין היגער. און ניט פון דײַטשלאַנד, ביכלאַל, ער איז געקומען פון בעלגיע אויף קיווער־אָוועס צו דעם אש פון זײַנע פאַרגאַזטע טאַטע־מאַמע. אים אליין, א קינד נאָך דעמאָלט, איז דער גורל בײַגעשטאַנען, און ער איז ארויסגעראַטעוועט געוואָרן.

ער האָט גערעדט מיט עפּעס א פאַרקילטער שטים, ווי א פאַרשטיקטער כליפּ וואָלט געטריפט פון זײַנע ליפּן. ער האָט ניט געוווסט, אז ער וויינט, און ניט אָפּגעווישט די טרערן.

און איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אז לעבן מיר שטייט יענץ אָפּגעראַטעוועטע קינד, דער העלד פון ברונאָ אַפּיצס באַרימטן ראָמאַן „נאַקעט צווישן וועלף"...

איך האָב שוין געהאַלטן אין האַנט זײַן וויזיט־קאַרטע. ער וווינט אין אן אייגענער ווילע ניט ווײַט פון אַנטווערפּן. ער איז קאָמפּאָזיטאָר־פּיאַניסט, אַוטאָר פון א ריי מוזיקאַלישע פאַרפאַסונגען. און איך האָב א טראַכט געטאָן, אז צווישן די זעקס מיליאָן ייִדישע קאָרבאָנעס, זײַנען דאָך געווען איבער א מיליאָן יונגע לעבנס. און צווישן זיי זײַנען דאָך זיכער געווען אַזעלכע באַגאַבטע, טיפע, שעפערישע נעשאָמעס. וויפל געדאַנקען זײַנען געבליבן ניט דערטראַכטע, וויפל ווערק ניט דערשריבענע...

די צײַט האָט ניט טעמפּער געמאַכט דעם שאַרפן ווייטיק. עס איז ניט לײַכטער געוואָרן די לאַסט פון דעם קאָלאָסאַלן פאַרלוסט.

בוכענוואַלד האָט ארײַנגעקוקט אין אונדזערע טעג...

א וואָגן, אן אָנגעפילטער מיט שטיינער. א פאַרשאָלטענער וואָגן מיט פאַרשאָלטענע שטיינער. אויסגעהונגערטע, אויסגעפּלאָגטע אסירים האָבן ניט איין מאָל געמוזט אים שלעפּן באַרג ארויף. געשלעפּט מיט געבראָכענע, פאַרבלוטיקטע רוקנס, און מיט אויגן אויסגעזעצטע פון ווייטיק.

באַם וואָגן איז מיט בלומען אין האַנט געשטאַנען א יאַט, א העל־בלאָנדער, א ליכטיק־אויגיקער. זײַנע העלע בליקן האָבן אומרויִק געבלאָנקעט

פונעם וואָגן צו די טליִעס, פון דאָרט צו דער קרעמאַטאָריע, און ווידער צו דעם וואָגן...

פאַרשטייט ער די גרויזאַמע פאַרגאַנגענהייט? באַנעמט ער די שאַנד, מיט וועלכער דער פאַשיזם האָט באַדעקט דאָס דײַטשישע פאָלק?

ער איז נאָך יונג, זייער יונג! ער שטודירט טעאָלאָגיע און וועט ווערן אין א פּאָר יאָר ארום אַן עוואַנגעלישער גאַלעך.

וואָס באַהעפט אים מיט גאָט און געטלעכקייט? זײַנען דאָך יענע, וועלכע האָבן מיט בײַטשן געשמיסן איבער מענטשלעכע רוקנס, אויך גלויביקע געווען!

מיטאַמאָל:

— מיר טאָרן ניט פאַרגעסן דעם פאַרברעכן, וועלכן מיר זײַנען באַגאַנגען קעגן דעם יידישן פאָלק... פון דאָר צו דאָר דאַרפן מיר דערמאָנען וועגן דעם... זאָלן אַלע קלויסטער־גלאָקן קלינגען, ווי דער בוכענוואַלדער גלאָק...

און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אָט דער יונגער סימפּאַטישער טעאָלאָגיע־סטודענט, טראָגט אין זײַן בלוט אַן אַנדער ביִאָגראַפיע, די ביִאָגראַפיע פונעם יונגן נאָכמילכאָמעדיקן דאָר.

ער האָט א לאַנגע ווײַלע געשוויגן, ווי ער וואָלט וועגן עפּעס געטראַכט, און פּלוצעם א זאָג געטאָן:

— מיר דאַרפן אַלעמאָל דײַטלעך אָנווײַזן אויף די יידישע וואָרצלען אינעם קריסטנטום...

ער האָט מיך פאַרבעטן צו זיך. ער וווינט ניט ווײַט, אינגאַנצן א פּאָר קילאָמעטער פונדאַנען — אין ווײַמאַר.

צי ווייסט ער, אַז ווען עס האָבן איבער די ברוקירטע ווײַמאַרער גאַסן אָפּגעהילכט די הילצערנע טריט פון די געיאָגטע צו פּײַן און פאַרניכטונג, האָבן די אײַנוווינער, די געלאַסענע בירגער פאַרמאַכט זייערע לאָדנס, קעדיי דער טויטן־מאַרש זאָל ניט שטערן זייער רו, זייער געמיטלעכקייט... און עס האָבן געשלעפּט זיך איבער די גאַסן פון ווײַמאַר, איבער די וועגן אָן א צוריק, מענער, פרויען און קינדער.

און דאָס איז געווען אין ווײַמאַר, אין דער שטאָט פון ליכטיקע אידעאַלן און טיף צעצויגענעם קלויסטער־געזאַנג מיט פײַערלעך צעברויזטן אָרגל־שפּיל. אין דער שטאָט, וווּ יעדער שטיין איז אַן עפּאָכע און, וווּ פאַוסט האָט מיט אַזא ליבשאַפט צום לעבן אויסגערופן: „פאַרהאַלט זיך דאָך, דו ביסט אַזוי שיין...״

מײַנע געדאַנקען האָבן זיך איבערגעפלאָכטן, ווי צווײַגן אויף א בוים. איך האָב געפּרוווט זיך פאָרשטעלן, וויאַזוי אין יענער פינצטערער צײַט האָבן געטע און שילער, דער שטאָלץ פונעם דײַטשישן פאָלק, און ניט נאָר פונעם דײַטשישן, אַראָפּגעקוקט מיט ווייטיק פון זייער בעשוטפעסדיקן פאָסטאַמענט אין צענטער פון ווײַמאַר, און געסאַרפּעט פון בושע...

ס'איז שוין געווען שפּעט אין טאָג, ווען איך האָב פאַרלאָזט בוכענוואַלד. די זון איז געשטאַנען הויך אין הימל. די לופט, א פאַרשיקערטע פון פרישע בײַמער־זאַפטן, איז געווען פול מיט הייטערע, טאָגיקע קלאַנגען. דאָס לעבן איז פרידלעך געגאַנגען זײַן אויסגעמאָסטענעם גאַנג, פול מיט גוטע האָפענונגען.

# פֿאַסירט האָט עס דאָ...

## 1. אין יענער נאַכט

אין סאַמע צענטער פֿון בערלין, ניט ווײַט פֿונעם אַלעקסאַנדער־פּלאַץ, פֿאַרזוקט עטוואָס אין אַ זײַט פֿונעם שטאָטישן געטומל, האָבן זיי זיך גע־קרייצט און איבערגעפּלאָכטן, די גאַסן און געסלעך מיט זייערע פּילשטאָקיקע הײַזער, אָפּגעבליאַקעוועטע פֿון אַלטקײַט, און מיט פֿאַרווישטע, צעשוווּמענע ייִדישע אויסיִעס אויף ווענט און פֿאַרטאַלן, איבער וועלכע אַפֿילו די צײַט האָט קיין שליטע ניט געהאַט, ווי זיי וואָלטן יעדן פֿרעמדן פֿאַרבײַגייער געגעבן אָנצוהערן:

— דאָס זײַנען מיר, די רעשטלעך פֿונעם אַלטן ייִדישן שוינענפֿירטל:

שוינענפֿירטל — דאָס ייִדישע געטאָ פֿון אַמאָל, ווען אַהער האָבן איבער־געוואַנדערט שטראָמען מיזרעך־ייִדן, פֿאַרטריבענע פֿון אומעטום, וווּ עס זײַנען אָנגעגאַנגען בלוטיקע גזירעס און רעציכעס. זיי האָבן מיט אַ האַס־טיקער אומרויִקײַט זיך אָפּגעריסן פֿון זייערע אַלטע אײַנגעזעסענע היימען און געבראַכט מיט זיך טוירע און כאָכמע, פֿלינקײַט און אײַנגעשפּאַרטקײַט.

ווען איז עס געווען? וויפֿל דורעס זײַנען פֿאַרגאַנגען?

די שטומע אויסיִעס גיבן ניט קיין ענטפֿער. זיי שווײַגן איבערגעצויגענע מיט גרויקײַט, ווי באַדעקט מיט שטויב פֿון היימען כאָרעווע, דערמאָנען זיי נאָר אין אַ פֿאַרצײַטיק אויסגעלאָשן ייִדיש לעבן. דערמאָנען וויטיקלעך אין יאָרן פֿון געוואַלט, פֿאַרטרײַבונג און פֿאַרניכטונג. אין יאָרן, ווען אָט דאָ איז פֿאַרן פּאָנעם פֿון דער גאַנצער וועלט אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַ טויט־אורטייל איבערן ייִדישן פֿאָלק...

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע זײַנען מענטשן פֿאַראורטיילט גע־וואָרן צום טויט נאָר דערפֿאַר, וואָס זיי געהערן צו אַן אַנדער עטנישער גרופּע.

מיר גייען זאַלבעצווייט איבער די אַמאָליקע ייִדישע קוואַרטאַלן, איך און מײַן באַגלייטער, אַ יונגע דײַטשישע שרײַבערין. מיר גייען גאַס־אײַן, גאַס־אויס, און אונדזערע טריט הילכן אָפּ איבער דעם ברייטן ליידיקן טראָ־טואַר.

אָט־איז דאָס הויז פֿון דעם געוועזענעם ראַבינער־סעמינאַר. אַ מין רע־פֿאָרמירטע יעשיווע אויף אַ דײַטשישן מאַניר. און באַ מיר, אַ געקומענעם פֿון מיזרעך, האָט פּלוצעם זיך אָפּגערופֿן, ווי אַ ווײַ־געשריי דער אַלטער צעצויגענער געמאָרע־ניגן. און אָט גליווערן אויף אַ שכײַנישער וואַנט די לעצטע שפּורן פֿון דער אַדאַס־ייִסראָעל־שול. דאָ האָבן זיי געדאַווענט, די אַנטלאָפֿענע פֿון מיזרעך, געהילטע אין פֿאַרגעלטע טאַלייסים מיט זילבערנע

אטאַרעס. אין דער צײַט פון דעפּאָרטאַציע איז די שול פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א זאַמלפונקט פאַר ייִדן, איידער מע האָט זיי געטריבן צום טויט. די שול איז נישטאָ מער. זי איז אוועק מיטן רויך, פּונקט ווי אירע מיספּאַלע־לים.

ס'איז א וווּנדערלעכער פּריײַטיקצונאַכטס.

איינער פון יענע געלײַטערטע פאַרנאַכטן, וואָס זײַנען אזוי זעלטן אין א גרויסער איבערגעפּאַקטער שטאָט.

איינציקווײַז בלינצלט אויף שײַן אין די פענצטער, צעלייגט איבער די טראָטוארן געלע פּאַסן, און מיר ווײַזט זיך אויס, ווי אָט־אָט און ס'וועט אין איינעם א פענצטער אויפלויכטן דער הייליקער פלאַם פון שאַבעס־ליכט, און איך וועל דערהערן דאָס אײַנגעוואָרצלטע, געבראָכענע ווײַבערישע געוויין.

— גאָטעניו, האַר פון דער וועלט, זײַ זיך מרחם אויף דײַן פאָלק ייִסראָעל...

קיינער האָט זיך ניט מרחם געווען. ניט גאָט, ניט די דײַטשישע שכיינים, מיט וועלכע מע איז איבערגעגאַנגען פון דאָר צו דאָר. אין איין נאַכט, אין דער טרויעריק־באַוווּסטער „קרישטאָל־נאַכט“ פון נאָיאַבער 1938 איז דאָס גאַנצע שוינענפירטל מיט כײַישער רעציכע אויסגעפּלינדערט גע־וואָרן. אין יענער נאַכט, מיט פופציק יאָר צוריק, האָט דאָס פאָלק פון „דיכ־טער און דענקער“ ביידן פאַרשוועכט, סײַ די דיכטער, סײַ די דענקער, און ייִדיש בלוט האָט פאַרטרונקען די גאַסן און געסלעך...

## 2. בעאַטע

מיר גייען זאַלבעצווייט איבער דעם פאַרשניטענעם ייִדישן שוינענפירטל, איך און מײַן באַגלייטערן. מיר שווײַגן א היפּשע ווײַלע, און אין אָט דעם שווײַגן פלאָנטער איך אַרײַן א גאַנצן קנויל פון געדאַנקען.

...ווי קומט עס, בעאַטע פּעטראַס, וואָס דו ביסט אזא טונקעלע, מיט א באַזונדערן גלאַנץ אין דײַנע שוואַרצע אויגן, מיט פּעך־שוואַרצע צעלאָזטע האָר, וואָס מינען זיך אזש אין בלויקײַט?

און עפּשער זײַנען דײַנע אויגן גאָר ניט אזוי שוואַרץ, דײַנע האָר מינען זיך ניט אין בלאָ? עפּשער האָט מײַן דימיען דיך אויסגעטראַכט אזא, דיך אויסגעכאַלעמט, ווי א לעסטערונג קעגן דער נאָרדישער בלאָנדקײַט? כאָטש איך ווייס גאַנץ גוט, אז ניט די פאַרב פון דער הויט באַשטימט דאָס מענטשלעכע אינעם מענטשן...

בעאַטע, צוליב וואָס האָסטו זיך אויסגעלערנט לייענען פון רעכטס אויף לינקס. שוין זשע נאָר אויף צו איבערזעצן די ווערק פון ייִדישע שרײַבער. זײַנען דען דיר ווייניק די רוסישע קלאַסיקער, וועלכע דו איבערזעצסט מיט אזא באַהאַוונטקײַט?

פונוואַנען אזא איבערגעגעבנקײַט צו אלץ, וואָס איז ייִדיש, באַזונדערס צו דער געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק, און צו זײַן שפּראַך, וואָס וויברירט בא דיר מיט אזא פאַטעטישער וואַרעמקײַט.

עפּשער איז עס א שולד־געפיל פאַר דעם פאַרברעכן, וועלכן דײַן פאָלק איז באַגאַנגען?

מיר האָט מען דערציילט, אַז אין דער שטאָט האַלע האָט יאָרנלאַנג אָנ־געפירט מיט דער ייִדישער קהילה אַ יונגע פרוי. זי האָט אַ סאַך גוטס אויפגעטאָן. אַלע אירע טאַטן באַלויכטן מיט גרויס ליבשאַפט. און קיינער האָט ניט געוווּסט, ניט געאַנט אַפילו, אַז זי איז ניט קיין ייִדישע, אַז זי איז די טאָכטער פון אַ געוועזענעם עסעסאָווען.

איך ווייס ניט אויף וויפל דאָס איז עמעס. איך בין אין האַלע ניט געווען. די צייט האָט ניט דערלויבט. נאָר אויב דאָס איז אַזוי, טאָ צוליב וואָס האָט זי עס געטאָן? ווי גרויס האָט באַדאַרפט זיין דער אַגמעסנעפעש, וואָס האָט געבריט איר געוויסן, דערצו אין טעג, ווען איידלקייט און ליבשאַפט האָבן געקלונגען, ווי עכאָס פון אַ ניט־דאַיִקער וועלט.

עפשער אויך דאָס זעלבע שולד־געפיל?

ווי אַ ייִד, אַ זון פון מיין פאָלק, וואָס טראָגט אויף זיך שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר אַן אָנגעהאַנגענע, אויסגעטראַכטע „זינד", גלייב איך ניט אין קיין קאָלעקטיווער שולד. שולדיק זיינען נאָר יענע, וועלכע זיינען די פאַר־ברעכנס באַגאַנגען.

און אויב דעם געדאַנק ציִען עטוואָס ווייטער...

אין מערזעבורג, ניט ווייט פון לייפּציק, באַם ברעג פונעם טייך זאַלע, וואָס פאַלט אַריין אין דער עלבע, שטייט אַ פּרעכטיקער בישאָף־שלאָס פון פריִען מיטלאַלטער. פאַרן שלאָס שוואַרצט זיך אַ ריזיקע אייזערנע שטייג, און אין דער שטייג אַ נאָך מער שוואַרצע וואָראָנע.

אַ לעגענדע דערציילט, אַז באַם בישאָף איז פאַרשוווּנדן אַ טייערער רינג. דער כשאַד איז געפאַלן אויף איינעם פון די דינער, און דער בישאָף האָט געהייסן אים קעפּן. אין אַ צייט אַרום האָט מען אין אַ קראָען־נעסט, נאָענט צום שלאָס, געפונען דעם רינג. און דער בישאָף, עפשער פון כאַראָטע און עפשער פון בייזקייט, האָט באַפוילן בויען אַ שטייג פון אַזאַ גרייס, אַז די וואָראָנע זאָל קענען אַרומפליִען, און פאַרשפאַרן זי האַרט אויף אַלע אייבי־קייטן.

איך האָב געקוקט אויף דעם פאַרשפאַרטן פויגל, אויף דער האַרטקייט, אויף וועלכער ער שלאָגט זיך אָן, פליִענדיק פון איין ווענטל צום צווייטן, און איך האָב געטראַכט וועגן דעם גרויסן אומרעכט, וועלכן מענטשן באַגייען קעגן דער הייִנטיקער וואָראָנע, וואָס מוז אָפּקומען פאַר דער גנייווע פון הונדערטער יאָרן צוריק...

...בעאַטע, מיך וואָלט עפשער געוווּנדערט דיין צאַרטע זייַדענע איידל־קייט, — ווען דו וואָלסט געווען די איינציקע. איך האָב אָבער אַ סאַך אַזעל־כע, ווי דו, אָנגעטראָפן אויף מיינע וועגן איבער דער דדר. אָט איז פּעטער קעלם, אַ יונגער פיזיקער, וואָס האָט אין מאָסקווע פאַרענדיקט דעם אוני־ווערסיטעט. מיט וויפל ליבשאַפט ווידמעט ער זיין פרייַע צייט אויף צו באַ־העפטן זיך מיט דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור. ער איז אויך אַן איבערזעצער פון ייִדיש און זיין לעצטע אַרבעט איז אַ באַנד דערציילונגען פון בער האַלפּערן. אָדער קריסטאַ מים, די לייַדנשאַפטלעכע אויספאָרשערין פון ייִדישע פאָלקסלידער. שוין אָפּגערעדט פון דער האַרציקער, אַניוועסדי־קער אינעס מאַריִאַ קעלנער, וואָס אַדאַנק איר מי, דערשייַנען אין לייפּציק אַ ריי ביכער פון ייִדישע שרייַבער.

צי זייַנען מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק אויך אַזעלכע געווען?

ווינציק, נאָר געווען! איך האָב זייערע נעמען געזען פאַרייביקט אויף דענק־מעלער און געדענק־טאָוולען.

בעאַטע טײַערע, דו ביסט ניט נאָר א הערלעכער מענטש, נאָר אויך א געטרײַע מוטער. צי ווייסטו, וויאַזוי אומגליקלעכע יידישע מאַמעס האָבן אין די געטאָס און לאַגערן פאַרוויגט זייערע אויסגעמאַטערטע, גווסעסדיקע קינדער?

אָט איז די וויגליד, הער זיך אײַן:

שטילער, שטילער, לאָמיר שווײַגן,
קוואָרים וואַקסן דאָ;
ס'האָבן זיי פאַרפלאַנצט די סאָנים,
גרינען זיי אין בלאָ...
שטילער, קינד מײַנס, וויין ניט אוצער,
ס'העלפט ניט קיין געוויין;
אונדזער אומגליק וועלן סאָנים
סײַווי ניט פאַרשטיין...

מיר גייען זאַלבעצווייט. איך און דו. מיט א געדריקטן טרויער לייגט זיך אַלץ געדיכטער דער פאַרנאַכט. שטילער ווערט אויף די גאַסן, און פון דער שפּרעע ציט א פײַכט ווינטל, פאַרטשעפּעט זיך אין א פאַרצײַטיקן לאַמ־טערן און וויל אים אויסלעשן...

## 3. אָן א קייווער

מיר האָבן פאַרקערעוועט צו דער האַמבורגער שטראַסע.

ביז טיף אין די דרײַסיקער יאָרן איז דאָרט געווען אן אַלטער יידישער בייסאַלמען. דער עלטסטער אין בערלין. און א פּאָר שפּאַן ווײַטער איז גע־שטאַנען א מוישעוו־זקיינים־הויז. איצט זײַנען זיי ביידע שוין נישטאָ. אין דער „קרישטאָל־נאַכט" האָט זיך אָנגעהויבן זייער סאָף. דאָס הויז איז אוועק מיטן רויך אינאיינעם מיט די אַלטע קראַנקע. דער בייסאַלמען איז אויך צע־שטערט געוואָרן, און די מאַציייוועס אָרויסגעריסן. נאָר א שטיק רויטע כאַ־רעוודיקע וואַנט מיט צעקאַליעטשעטע, אָפּגעקראַכענע יידישע אויפשריפטן איז געבליבן, פאַרוואָרפן אין א זײַט. און ס'האָט אויסגעזען, ווי פון די רויטע ציגל טריפט נאָך אַלץ אַראָפּ דאָס פאַרגאָסענע יידישע בלוט.

אויפן אָרט פונעם געוועזענעם בייסאַלמען איז איצט א קליינער פּאַרק פאַרלייגט. און דאָרט, ווו דאָס הויז איז געשטאַנען, שרײַען צו די הימלען א הײַפל אין בראָנז געגאָסענע, אויסגעדאַרטע, ביינערדיקע גופים — א דענקמאָל פון פאַרסאַרפּעטע, אין פלאַמען צעגלידערטע, אין פּײַערשאַלן גע־הילטע — און עס דאַכט זיך, ווי עס יאָמערן נאָך איבער אַלע ווײַטן זייערע פאַרשטיקטע קוילעס. און אַרום לויערט אַזא אומעטיקע פּאַרקלערטקײַט.

טיף אין פּאַרק, נאָענט צו דער רויטער וואַנט, פינצטערט אן איין־איינ־ציקע אָפּסנײַ געשטעלטע מאַצייווע.

— דאָס איז די מאַצייווע פון מוישע מענדעלסאָן, — האָט בעאַטע פּעט־ראַס מיר דערקלערט. — ס'איז אָבער ניט זיכער, צי אונטער דעם שטיין איז טאַקע דער קייווער פון דעם יידישן פילאָסאָף...

און איבערן פּאַרק האָט זיך געזיפּט עפּעס א העפקערדיקע עלנטקייט, א פרעמדע און אומהיימלעכע.

און מאָדנע:

איך, א יידישער שרייבער פון סאַמע צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס שרייבט אף דער שפּראַך, וועלכע האָט געהייסן בא מושע מענדעלסאָנען ניט אנדערש ווי „זשאַרגאָן", בין געקומען אף קיִווער־אָוועס צו דעם גרויסן יידן, דעם פאָטער פון דער דייטשישער האַסקאָלע, און מיר דאַכט, אז פון דער מאַציייווע רעדט אראָפּ צו מיר זיין רוף: „זיי א ייד אין שטוב און א דייטש אין גאַס". און עפּעס א באַסקאָל כאַזערט איבער:

— מע דאַרף דעם זשאַרגאָן אָקעגנשטעלן די אויצרעס פון דער טוירע. דאָס וועט דעם פאָלק עפענען די אויגן און עס וועט דערזען דאָס ליכט, וואָס וועט באַלייכטן די מויכעס און די הערצער.

און מושע מענדעלסאָן האָט דעם טאַנאַך איבערזעצט אף דייטש...

בין איך דיר מויכל, קלוגער מענדעלסאָן, דו האָסט געהאַט א גרויסן טאָעס בענעגייע יידיש, וואָס איז געוואָרן מאַמעש א וועלט־שפּראַך, און איר ליטעראַטור, א וועלט־ליטעראַטור. עמעס, איר איז אין אונדזער יאָרהונדערט אויסגעקומען אָפּגיין מיט בלוט... אויך איבער דיין געביין האָבן די טעווטאָנען זיך איזדיעקעוועט. זיי האָבן ניט געקענט דיך דערשטיקן אין גאַז־קאַמערן, האָבן זיי דיין קיִווער פון דער ערד אָפּגעווישט. דו ביסט פונדעסטוועגן געבליבן דער גרויסער ייד, ניט נאָר אין דיינע אייגענע ווערק, נאָר אויך א פאַרייביקטער אין דעם דראַמאַטישן געדיכט „נאַטאַן דער וויי־זע" פון דיין פריינט דעם גרויסן דייטשישן קלאַסיקער יאָהאַן גאָטפריד לעסינג.

ווען איך האָב געקוקט אף דיין ביוסט, אויסגעשטעלט אין דער בערלי־נער יידישער געמיינדע, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז אינעם מאַטן ליכט, וואָס איז געפאַלן אף דיין לענגלעך פּאָנעם, זע איך א בלאַסע הייליקייט פון א זאָקן צו קאָל־נידרע, א באַליכטענעם מיט דער שיין פון שמעלצנדי־קע יאָמקיפּער־ליכט...

ביסלעכווייז האָט גענומען טונקלען.

איבערן פּאַרק האָט דער הימל געשפּרייט א טיפע אָפּגעלאָשענע בלוי־קייט. ערגעץ ווייט האָבן בליצן געשפּאָלטן אינצווייען די אָנגערוקטע פינצ־טערניש. צוזאַמען מיט די בליצן האָבן זיך אריינגעשניטן פרעמדע טריט, זיך אָפּגערופן אין דער שטילקייט פלוצעם, אומגעריכט, זיך פאַרטייעט אין די טונקלסטע ווינקלען.

א יונג פּאָרל, וואָס האָט געזוכט אליינקייט, האָט פאַרבלאָנדזשעט אהער אף די פאַרבאָרגענע פּאַרק־שטעגלעך.

— בעאַטע, לאָמיר זיי ניט שטערן...

# מאציייוועס...

מיט אַ דעם קעפּל וויל איך מײַן אייגענע דערשיטערונג אַרײַנשפּיגלען אינעם געוועב פון דעם אויסטערלישן אייגנאַרטיקן דעפּאַ־פילם, די האַנדלונג פון וועלכן עס צעוויקלט זיך אַפן אַלטן בערלינער ייִדישן בעסוילעם ווײַסענזעע, ווו קימאַט יעדע מאַציייווע דערציילט איר אייגענע געשיכטע.

די קינאָקאַמערע כאַפּט אויף דאָס בילד פון אַ נידעריקן בלײַענעם הימל איבער אַ וואַלד פון שוואַרצע און גרויע עלנטע שטיינער, ווי פאַרלאָזטע כאָרעווע היימען, פאַרזונקענע אין האַרבסטיקן גליוווער.

אַרום די שטיינער, געהילטע אין יאָמער פון ווײַטע פאַרגאַנגענע לעבנס, פלאָנטערן זיך נאָך פאַרוואַקסענע וועגן און שטעגן, שנײַדן דורך ברייטע אַלייען מיט נאַקעטע פאַרשטאַרטע ביימער, אין וועלכע ווינטן קלאָגן אויס דעם טרויער:

— געלעבט האָט אַ פאָלק אין דער שטאָט בערלין, געלעבט און נישטאָ מער...

איז טאַקע דער נאָמען פונעם פילם „געדענקען, הייסט לעבן" ניט קיין צופעליקער. אַ נאָמען, וואָס באַטײַט צוריק־ברענגען די פאַרגאַנגענהײַט צו דער קעגנוואַרט, זי פאַרהײַנטיקן, מאַכן אַקטועל.

צי האָט זיך דאָס אײַנגעגעבן דעם רעזשיסער ראָזשע בערגער־פידלער? בעפּירעש אײַנגעגעבן.

זי האָט אַף אַן אָריגינעלן אופן געפונען דעם היסטאָרישן בונד פונעם נעכטן מיטן הײַנט און מיט אײַנדרוקספולע בילדער, פול מיט פּאַטעטישער קראַפט, אוועקגעטראָגן אין דער ברייטער וועלט דעם אָפּקלאַנג פון אַ זיבנהונדערט־יאָריקן ייִדישן לעבן אין בערלין.

דער בעסוילעם, אַן אייגנאַרטיקער אײַנפאַל, איז אין גרונט דאָס אייגציקע אָרט, ווו עס קייטלט זיך דער אינהאַלט פונעם פילם. פון אים ציִען זיך אַלע שפורן פון אַ געוועזענער פאַרצווײַגטער ייִדישער ווירקלעכקײַט, צו אים פירן זיי צוריק. מאַציייוועס ווערן לעבעדיק, הייבן אָן דערציילן, דערציילן...

מאַציייוועס — שפורן פון ייִדישע בירגער, אָן וועלכע ס'איז ניט צו באַגרײַפן דעם שטאָלץ און רום פון דער דײַטשישער קולטור, וויסנשאַפט, פּאָליטיק און ווירטשאַפט.

אַ קאָדער נאָך אַ קאָדער ציִען זיי פאַרבײַ די געדוילע האָדאָר מיט זייער לעבן און מיט זייער געשיכטע, ווי אופגעשטאַנענע טכיאַס־האַמייסים. אָט איז די מאַציייווע פון וואַלטער ראַטענאַו, דעם דײַטשישן אויסערן־מיניסטער, דעם פאַרפאַסער פונעם ראַפּאַלאָ־אָפּמאַך, דעם ערשטן אָפּמאַך צווישן דײַטשלאַנד און ראַטנפאַרבאַנד, ער איז פון דער רעאַקציע דערמאָרדעט געוואָרן אין

1922. און אָט איז גוסטאוו קאַרפּעלעס, דער ערשטער ביאָגראַף פון היינריך היינע. און סאַמויל פישער, איינער פון די פאַרגעשריטנסטע גרויסע פאַרלעגער. און אָט איז דער קיווער פון דעם וועלט־באַרימטן מאָלער מאַקס ליבערמאַן, וואָס איז יאָרנלאַנג געווען פּרעזידענט פון דער בערלינער קונסט־אַקאַדעמיע, און די פאַשיסטן האָבן אים אכזריעסדיק פאַרטריבן פונדאָרטן. לעבן אים זיין פרוי, וועלכע האָט געהאַלטן פאַר בעסער נעמען זיך פריי־וויליק דאָס לעבן איידער אומקומען אין א טויט־לאַגער.

מאַציי וועס... מאַציי וועס...

א פראָסט נעמט דורך, ווען עס באַווייזט זיך אפן עקראַן דער שוואַרצער מאָנומענט מיט אויסגעקריצטע הימלשרייענדיקע נעמען — הערבערט באַום און זיין פרוי מאַריאַנע. דאָס האָבן זיי בעראָש פון א גאַנצער גרופּע יידישע אונטערערדישע ווידערשטענדלער אונטערגעצונדן די העצע־אויסשטעלונג אינעם בערלינער לוסטגאַרטן „דער סאָוועטישער גאַניידן". די גאַנצע גרופּע איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ, פאַרפייניקט און צעשאָסן געוואָרן. יונגע אַכט און צוואַנציק לעבנס אין עלטער פון ניינצן ביז דרייסיק.

זאָל זייער אָנדענק זיין געהייליקט אין אלע אייביקייטן!

אַוואַדע האָט אין די אָנדערהאַלבן שאָ, וואָס דער פילם האָט געדויערט, ניט אַלץ געקאָנט באַווייזן ווערן אפן עקראַן. דער אויסוואַל איז, פאַרשטייט זיך, געווען א סוביעקטיווער און פראַגמענטאַרישער.

באַגלייט פון גוסטאוו מאַלערס מעלאַנכאָליש־אומעטיקער, קלאַנגענפאַרביקער סימפאָניע „דער טיטאַן", איבערגעפלאָכטן מיט הייטערע יידישע לידער, האָט ראָזשע בערגער־פידלער אופגעשטעלט א מאָזאַיק פון אייגנטימלעכן יידישן שאַפן, באַווויזן צו באַגייסטערן און דערפירן צו שליימעס, וואָס איז גאָר א באַזונדערע דערגרייכונג אין דער דאָקומענטאַלער קינאָ־קונסט.

ווער זשע איז זי, אָט די ראָזשע בערגער־פידלער, דער באַוווּסטער קינאָ־דאָקומענטאַליסט אין דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק? וואָס האָט זי באַוויגן צו שאַפן אַזאַ פילם?

א פרוי אין די מיטעלע יאָרן, מיט א פיין פאַרמירט טונקל־הויטיק פּאָנעם און גליענדיקע אויגן, וואָס שלאָגן מיט אומרו, כאָטש דער אומרו איז א ווייכער און וואַרעמער.

אַן אָפּשטאַמיקע פון יידישע עמיגראַנטן, וועלכע זיינען געקומען פון פוילן נאָך אין פאַריקן יאָרהונדערט, און דורכגעגאַנגען דעם שווערן און פאַרפלאָנטערטן וועג פון מיזרעך־יידישן שטייגער צו דער דייטשישער אַסימיליאַציע, איז זי אַליין שוין א געבוירענע אין פראַנקרייך, אויך געווען אינגאַנצן איינגעוועבט אין דער אייראָפּעישער קולטור.

פלוצעם...

אפן ווייסענזער בעסוילעם אין בערלין האָט זי צופעליק אָנגעטראָפן אפן קיווער פון איר באָבען און אַזויאַרום געפונען א שפּליטער פון איר אייגענעם פאַרגעסענעם אָפּשטאַם. ס׳איז געווען ווי א פאַרשלאָסענער קוואַל וואָלט פלוצעם אופגעריסן און זיך צעגאָסן אין א ווילדן שטראָם, און זי האָט מיטאַמאָל דערפילט, ווי הונדערטער דוירעס וואָלטן זיך איינגעזאַמלט אין איר איינציק לעבן, דוירעס פון צוגעהעריקייט צו דער איינגעוואָרצלטער יידישער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע איז איר פריער געווען פרעמד.

— איך האָב מיטאַמאָל דערפילט, ווי א ליכט גייט אוף פון דער מאַ־

ציוּוע, — האָט זי זיך מוידע געווען פאַר מיר בא אונדזער ערשטער באַגעגעניש, אַ ליכט, וואָס דרינגט אַלץ אײַנגעשפּאַרטער אַרײַן אין מײַן מויעך און אַלע געדאַנקען הערן ניט אויף זאָגן: „דו ביסט אַ ייִדישע, אַ ייִדישע...״

אַט די „באַגעגעניש״ האָט זי געבראַכט אַפן געדאַנק צו שאַפן אַזאַ פילם, אין וועלכן דער גאַנצער בעסוילעם, דער גרעסטער אין איראָפּע, וווּ עס רוען אַלע נעכטנס און אַמאָלן פונעם בערלינער ייִדישן לעבן, זאָל פּלוצעם אופוואַכן, באַקומען לאָשן און דערציילן.

און וווּנדער איבער ווונדער — אַ פּרוּי, וואָס איז לאַנג געווען ווײַט פון ייִדישקײַט, האָט פּלוצעם אַקשאָנעסדיק גענומען גיין צוריק צו איר אײגענעם אָפּשטאַם. די דאָזיקע אַנטפּלעקונג ווערט דערנאָך אינעם פילם אָפּן פײַנסטן אויפן אונטערגעשטראָכן מיט דער אופגעלעבטער וואַרעמקײַט פון ראָזשע בערגער־פידלערס ייִדישן געמיט און דער אייגנאַרטיקער ייִדישער באַפאַרבונג...

דער פילם איז געשאַפן געוואָרן לויט דער ביטע פונעם בערלינער שטאָטראַט קאָרעוו פּופּציק יאָר נאָך דער „קרישטאָל־נאַכט״, וועלכע האָט באַקומען דעם טײַוולשן נאָמען צוליב די אויסגעשלאָגענע פענצטער און אויסגעזעצטע וויטרינעס, וואָס זייערע גלאָז־שפּליטערס האָבן, ווי שטערן, זיך צעוואַלגערט אין שטויב פון אויסגעפלינדערטע ייִדישע גאַסן.

די קינאָקונסט פון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק האָט אין דעם פילם, ווי, אַגעוו, אין אַ סאַך אַנדערע, געווענדט אירע בליקן צו דעם שרעקלעכן גוירל פון די דײַטשישע ייִדן בײַסן פאַשיזם.

און ניט נאָר דאָס.

דער רירנדיקער פילם, וואָס נעמט אַדורך אַלעמענס הערצער און פּילט אָן מיט געיאָמער, פאַרהייליקט גלײַכצײַטיק, באַווײַזנדיק דעם מאָנומענט מיט די אויסגעקריצטע נעמען פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן, דעם אָנדענק פון די זעקס מיליאָן קאָרבאָנעס, ווי אַ צייכן פון אונדזער טרויער און פון אונדזער ייִזקער.

ראָזשע בערגער־פידלער פאַרענדיקט דעם פילם מיט פרילינג. אָפּ די גרינע צווײַגן שפּילט אַ יונגער ווינט און אין בערלינער ייִדישן קולטור־הויז שפּרודלט מיט נעגינע און טאַנץ, מיט בענקשאַפט און פרייד, און מיט אַ שטילן פאַרבאָרגענעם אומעט...

# אין ווין

## ערעוו

אין די מיטעלע דרײַסיקער יאָרן האָב איך אין אײנעם א סאַף־זומערדיקן צווישן־טאָג־און־נאכט, פארלאָזט דאָס טומלדיקע בוקארעשט, די שטאָט פון מײַנע הונגעריקע טעג און העפקערע נעכט, די שטאָט, וווּ עס האָט זיך אנטפלעקט די זיסע קוועל פון מײַנע ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון, און מיט דרײַ געבאָרגטע דאָלער אין קעשענע און א בריוועלע פון שלוימע ביקל צו דעם דעמלט באַוווּסטן יידישן דיכטער און ניט ווייניקער באַוווּסטן מעדיקער ד״ר מײַלעך כמעלניצקי, בין איך מיטן בערלינער ד־צוג אָפּגעפאָרן קיין ווין.

...ווין, אָסטבאַנהאָף!

א וווּנדערלעכע גאלאקטיק פון טויזנטער־טויזנטער פײַערלעך האָט אויפגעפלאַמט פאר מײַנע אויגן. זיי האָבן זיך געלאָשן, געווונקען און ווידער זיך צעברענט, די אומרויִקע, הייסע פײַערלעך פונעם אוונטיקן ווין.

איך האָב געשפּאַנט איבער העל־באַלויכטענע געדרייטע ווינער גאַסן און רינג־אַלייען, און מיך האָט איבעראַשט די געמיטלעכע רויִקײַט. גלײַך איך וואָלט פארפאָרן אין עפּעס א פּאַרוואָרפענער פּראָווינץ, וווּ מע ווייסט ניט פון די מיט א צײַט צוריק אזוי בלוטיק־דערשטיקטע ארבעטער־אויפשטאַנדן און וווּ עס פלאַקערט ניט אַריבער פונעם שכייניש דריטן רײַך דער אָפּשײַן פון ווילדע פאַקעל־צוגן, ווי בענגאַלישע פײַערן. פײַערן, וואָס גרייטן זיך אָנצינדן די וועלט...

ווין, די אַמאָל שטאָלצע עסטרײַכישע קרוינשטאָט, מיט אירע פּרעכטיקע פּאַלאַצן, קונציק געראָנצלטע קאָלאָנאַדעס און קלויסטער־טורעמס, מיט איר גאַנצער פאַנטאַסטישער מיטלאַלטערלעכער גאָטיק, ווי פארשטײַנערטע מוזיק, האָט געלעבט איר געמיטלעך אויסגעמאָסטן לעבן.

און מיר, א געקומענעם פונעם קאָכעדיקן באַלקאַן, וווּ אַלע וועלט־געשעענישן האָבן אָפּגעהילכט מיט א באַזונדערער שאַרפקײַט, האָט אויסגעזען פרעמד די אויסטערלישע ווינער געמיטלעכקײַט.

פּונקט ווי מיט יאָרן, יאָרן צוריק זײַנען גאַסן־מוזיקאַנטן, העפקערע טרובאַדורן, געגאַנגען איבער די הויפן און אין טיף־רירנדיקע, ווער ווייסט פון ווען פארפּאַסטע, לירישע קופּלעטן באַזונגען ווין. ״די בלאָוע־דאָנאַור־שטאַדט״, וועלכער יאָהאַן שטראַוס האָט געשענקט אומשטערבלעכקײַט. און עפּעס א ברייטע, זאַפטיקע לויטערקײַט האָט געשטראָמט פון זייער געזאַנג, ווי דער אָטעם פון די פארבלויטע דונײַ־ברעגעס מיט זייער סאָד און וואַרעמקײַט.

דונײַ און ליד...

זיי האָבן זיך צונויפגעגאָסן, פאַרייניקט, עפשער דערפאַר, וואָס דער טייך איז געווען אזוי פּאַטעטיש, ווי א ליד, און דאָס ליד איז געווען אזוי ראכוועסדיק, ווי דער טייך.

אינעם אלטן בארימטן פראטער, דעם פּאַרק פון קרומע שפיגלען און גיגאַנטישע קארוסעלן, האָט געוועלטיקט א באשטענדיקע יונגע פרייד, און אין גרינציק, דער אידילישער פאַרשטאָט פון צויבערפולער שיינקייט און ראָמאנטישער ליבע, האָט מען אין די פארנאכטן אונטערן פרייען הימל געטרונקען שווארצן „קייזער־ביר" פון ערדענע קריגלעך, און שלאנקע מיידלעך אין בונטער טיראָלער קליידונג האָבן אין א בריליאנטענער לייכטקייט, ווי א פאַרביקער וויכער, געשוועבט אינעם פלאטער פון „ווינער וואלצער", און ס'האָט אויסגעזען, ווי צום טאקט וואלסירן די הימלען, „באהאנגענע מיט פידלען", און אין דער לופט, א פאַרוועבטער אין בלייכער לעוואָנע־שיין, וויגט זיך א טויזנטשטימיקע סימפאָניע פון ליבע.

ווין, די ראָמאנטישסטע שטאָט אין דער וועלט, „די שטאָט פון לידער", האָט אויסגעזונגען איר פרייע, הייסע ליבע־ליד...

דאָס אָוונטיקע ווין האָט געשפילט און געלויכטן מיט טויזנטער אילוזאָרישע פייערן. גערופן אין די קאַפע־הייזער און פינקלענדיקע קאזינאָס, וווּ נאכט־וואנדלער האָבן בא רולעטן־טישלעך זייערע נעכט פאַרשפּילט און יונגע פרויען מיט זשעדנע בליצן אין די רופנדיקע אויגן האָבן דעם רייץ און די גראציע פון זייערע שפּילנדיקע גלידער אין זיידענעם שימער געהילט און אין ריטם פון באנאלע טאנגאָ־שלאגערס זיך קאָקעטיש נאָכגיביק געלאָזט פירן פון פעסטע מענערשע אָרעמס. און דער קרעפטיקער ווין האָט מיט א זיסער גלוסטונג ארויסגעזונגען:

א, דאָנא קלארא,
איך האָב דיך טאנצן געזען...

ווין האָט געוויגט זיך אין א נאקעט פאַרשיקערטן לייכטזין...

און אף הארטע ליידיקע בענק, אין די פּאַרקן און סקווערן מיט אויסטערלישע פאַנטאנען און אלטערטימלעכע בארעליעפן, ווי דאָס פאַרשטומטע געזאנג פון דוירעס, האָבן היימלאָזע אויסגעשלאָפן זייער מידן שלאָף. בעטלער האָבן אינדערשטיל געציילט די „פאַרדינטע" פאַר גראָשן, און דער איינטאָניקער קלאנג פון קופּער האָט, ווי א פרעמדער עלנטער רעפרען, זיך אריינגעוועבט אינעם קאדריל פון ליכט, מוזיק און טייווע...

ווין האָט געפירט א געמיטלעך און זאָרגלאָז לעבן...

פילפאַרביקע, שרייענדיקע אפישן האָבן רעקלאמירט דעם פילם „איך באשולדיק" מיטן באוווּסטן אמעריקאַניש־יידישן ארטיסט פאול מוני אין דער ראָל פון עמיל זאָליא. און ס'האָט אויסגעזען, ווי דער דרייפוס־פּראָצעס, די טראגישע פּרעליודיע צו די דרייסיקער יאָרן, האָט קיינעם ניט געשראָקן, קיינעם ניט געוואָרנט, גלייך ס'וואָלט קיינעם ניט געארט, וואָס דיפּלאָמאטן פירן א געהיימע שפּיל, וואָס די צייטונגען שווייבלען מיט אומרויקע קעפּלעך, וועלכע יינגלעך צעטראָגן מיט א געשריי איבער אלע גאסן, און שווארצע האקנקרייצן, ווי שווארצע שפּינען, באווייזן זיך אלץ אָפטער אף די ווענט פון די גרויע אלט־ווינער מויערן.

ווינער געמיטלעכקייט!

אין באַרימטן אוניווערסיטעט האָבן יונגעלײַט, ווי מיט יאָרן צוריק, פלײַסיק שטודירט פּלוטאַרכן און קאַנטן, זיך באַגײַסטערט, ווער פאַר היינען, ווער פאַר ניצשען, און שטורמיש אַפּלאָדירט דעם געשעצטן פּראָפעסאָר זיגמונד פרויד, גלײַך ס׳וואָלט גאָרניט געגרייט זיך דער טרויעריקער פרילינג. עפּשער דער טרויעריקסטער אין דער געשיכטע פון עסטרײַך.

פרילינג... פרילינג...

איך בין צום ערשטן מאָל אױף א פײַערלעכן אָוונט אין ייִדישן סטודענטן־פאַרבאַנד „יודייא", ווו דאָסראָוו מיטגלידער זײַנען פון דעם עקסטרעם רעכטן נאַציאָנאַליסטישן „בייטאר".

דער אָוונט ווערט געפירט אױף דײַטש.

פּלוצעם שטעלט זיך אויף א הויכער, ברייטפּלייציקער סטודענט, דער־נעענטערט זיך צו דער טריבונע מיט שווערע, טעמפּע טריט און נעמט ריידן ייִדיש. א „בריטן" גאַליציאַנער ייִדיש.

אין זאַל ברעכט אויס א טומל, עס בליצן אויף אויגן, ציין, און פון אלע זײַטן טראָגן זיך ווילדע געשרייען:

— זשאַרגאָן!.. זשאַרגאָן!

דער פּוילישער סטודענט אַנטשולדיקט זיך פאַרלוירן: אים איז שווער צו ריידן דײַטש, ער איז ניט לאַנג אין ווין. און אויסגלײַכנדיק זיך אין זײַן גאַנצער ברייט, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל דערפילט דעם זין פון דער באַליי־דיקונג, נעמט ער פאַרלייענען א ליד פון פונעם ווינער ייִדישן דיכטער מענדל נייגרעשל, געווידמעט דאָוויד האָפּשטיינען. דאָס ליד הייסט „טפילע פאַר דער ייִדישער שפּראַך".

> אָ, הייליקער גײַסט, אָ, גײַסט, דערוואַך
> אין יעדן אָטעם פון מײַן שפּראַך.
> — — — — — — — — — — — — —
> צינד אָן דאָס וואָרט מיט יונגן מוט,
> מיט נײַער קראַפט, מיט נײַעם בלוט...

אױף א רעגע ווערט שטיל. א פאַרשעמטע און געדריקטע שטילקייט. נאָר ענדיקן לאָזט מען ניט.

עפּעס א פאַרשווין שטעכט אין אים אַרײַן א פּאָר שפּיציקע אויגן, וואָס שפּריצן מיט פײַער.

— אָסט־יודע!

און איבערן גאַנצן זאַל צעבושעוועט זיך, ווי א סרייפע, א ווילד צע־פלאַמטע סינע צו ייִדיש.

פרילינג...

איך האָב אָפּגעגעבן מײַן קאָלאָקוויום פון „מיטל־האָך־דויטש". דער פּראָפעסאָר, א גראָווער מאַן פון אַלטן עסטרײַכישן אדל, מיט א שטרענגן ערנסטן אויסזען, א באַוווּסטער גערמאַניסט, לויבט אין קאַרגע ווערטער מײַן דײַטש. עפּשער דערפאַר, וואָס איך בין אַן אויסלענדער. ער פרעגט זיך נאָך אױף מײַן מוטערשפּראַך און איך ענטפער קורץ:

— ייִדיש, הער פּראָפעסאָר!

ער שטעלט אָן אױף מיר זײַנע בלויע אָפּגעבליאַקעוועטע אויגן. אין זיי

לויכט אוף אַן אומדערוואַרטער, פֿאַרכאַלעמטער שמייכל, טוט אַ פֿינקל, און בלײַבט הענגען אַף זײַן שטרענג אָפּגעצויגן פּאָנעם.

איך באַמערק, אַז ער גרייט זיך עפּעס זאָגן. עפּשער דאָס אויסגעדראָשענע „ייִדיש איז אַ פֿאַרדאָרבן דײַטש". נאָר ער קוקט אַף מיר צודרינגלעך. זײַן בליק איז עטוואָס פֿאַרצויגן און וואַרעם. און ער טוט אומגעריכט אַ זאָג. פּאָשעט, ריין און זאַפֿטיק:

— ייִדיש, יונגער פֿרײַנט, איז אַ לאָשן בעאַצמוי!

מיר האָט גענומען שווינדלען פֿאַר די אויגן. אַ דינע שטעכיקע היץ איז מיר אַדורך איבער דער הויט. און מיר האָט זיך געדאַכט, ווי דער גאַנצער אַרום האָט זיך צעזונגען אַף אַ קאָל:

— ייִדיש איז אַ לאָשן בעאַצמוי...

און עפּעס ווי אַ בייז ווידערקאָל האָט זיך אָפּגערופֿן אין מײַן זיקאָרן דער „אָוונט אין דער „יודייאַ".

אַף די מײַרעוו־גרענעצן פֿון עסטרײַך האָט די וועלט מיט שנעלע טריט זיך דערנעענטערט צום גרעסטן קאַטאַקליזם. און עסטרײַך האָט באַדאַרפֿט ווערן דער ערשטער קאָרבן.

פֿרילינג, פֿרילינג...

צוועלפֿטער מאַרט טויזנט נײַן הונדערט אַכט און דרײַסיק...

דער טאָג וועט זײַן אַ זעלטן שיינער, וואַרעמער. די קאַשטאַנען־ביימער וועלן זיך אָנגיסן מיט יונגע זאַפֿטן. און קוים באַמערקבאַר פֿאַרן אויג וועט זיך דורכרײַסן דאָס ערשטע פֿריידיקע גרינס.

די זון וועט ברענען אַף די קופּאָלן פֿונעם אוראַלטן שטעפֿאַנס־דאָם און זײַנע צלאָמים, מיט אַזאַ שטאָלצקײַט פֿאַריסענע צום הימל, וועלן פֿלאַמען ווי פּורפּור־רויטע פֿײַערן.

און אינמיטן פֿרילינג־בלי וועלן מאַטאָריזירטע האָרדעס, ווי רויבגיריקע כײַעס, באַלאַגערן די שטאָט. ס׳וועט פֿאַרשוועכט ווערן דער אוניווערסיטעט, דער אַלטער וווּנדערבאַרער טעמפּל פֿון אייראָפּעיִשער קולטור, און אין זײַנע פֿענצטער וועלן צײַטווײַליק טאַנצן די פֿײַערן פֿון צעלייגטע שײַטערהויפֿנס. און אין פֿלאַמען וועט אופֿגיין דער שטאָלץ פֿון עסטרײַך: הוגאָ פֿאָן האָפֿמאַנסטאַל, אַרטור שניצלער, שטעפֿאַן צווייג און פֿראַנץ קאַפֿקאַ...

— פֿאַרדאַמטע יודען!

סאָלדאַפּאָנישע מאַרשן וועלן פֿאַרטויבן די גאַסן. און פֿון זייערע גרויע פּאָסטאַמענטן וועלן פֿאַרביטערטע אַראָפּקוקן מאָצאַרט און בעטהאָווען.

ווין, די אייביק יונגע שטאָט, וועט, ווי אַ געשענדטע פֿרוי, ליגן פֿאַר די פֿיס פֿונעם דײַטשישן פֿאַשיזם, און אַ יאַם פֿון מענטשן, נעכטן נאָך גלײַכגילטיקע צום פּאָליטישן לעבן, וועלן פֿון מעשוגאַס געריירטע איבערשרײַען איינער דעם צווייטן:

— איין פֿאָלק... איין רײַך... איין פֿיורער!

און אָפֿן שוואַרצנבערג־פּלאַץ וועט דער מעטורעפֿער „פֿיורער" היסטעריש אַרײַנרעווען אין די צעשטעלטע מיקראָפֿאָנען:

— אָסטמאַרק... אַנשלוס...

און ווי צערייצטע הינט, וועלן טויזנטער, טויזנטער שטימען אָפּהילכן:

— הײַל!.. הײַל!

און שטיל, ווי אויסגעשטאָרבן, וועט זײַן נאָר אין צווייטן באַצירק, קלאַנ־

גען מיטן אָטעם פון געפּאר וועלן קריכן ווי שלענג, פּארצווייפלטע זיפצן וועלן זיך דרייען אינעם ווינט, פארוויגט פון אייגענעם קלאַגן. מענטש פאר מענטש וועט זיך אויסבאהאלטן. און אונטער פאריגלטע טירן ווארטן, ווארטן...

שרעק וועט לויערן אין די גאַסן און געסלעך פונעם אלטן ווינער יידישן געטאָ...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין די מיטעלע דרייַסיקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט האָט דאָס טויזנטיאָריקע ווין, מיטן צויבער פון אלטקייט און מאָדערנעם אייראָפּעישן גלאַנץ, געלעבט א געמיטלעך, ריטמיש אויסגעמאָסטן לעבן...

# קאפע „צענטראל"

יעדן אָוונט זייַנען זיי געקומען אהער, די שרייַבער און קינסטלער פון די ווינער יידישע קווארטאלן. געקומען מיט זייערע ניגונים און פארבן. געבראכט מיט זיך דעם שטראל פון פרייד און דעם שאָטן פון זאָרג. און בא טעפּעלעך שווארצער קאווע האָט מען אין א דערהויבענער שטימונג זיך דערציילט פון ווערק, וואָס זייַנען שוין געבוירן געוואָרן. און אזעלכע, וואָס דארפן ערשט קומען אף דער וועלט. אויך יונגע פּרוּוען פון יידישע היימען פלעגן קומען אהער „פארברענגען" די אָוונטן אין „פרייַער קינסטלערישער אטמאָספער".

מ׳האָט דערמאָנט די יאָרן, ווען עס האָט דאָ שטאָלץ געקלונגען דער נאָמען פונעם באַרימטן עסטרייַכישן נאָוועליסט פּעטער אלטענבערג, ווען יידישע שרייַבער האָבן פארמאָגט אן אייגענעם פארלאג, אן אייגענע צייַט־שריפט, און מיט באדויערן זיך געזשאלעוועט:

— עך, ניט יענץ ווין מער!

דער אלטער קעלנער אינעם שווארצן אָפּגעטראָגענעם סמאָקינג, מיטן ווייַסן האנטעכל איבערן אָרעם, איז געווען ווי א באוועגלעכער טייל פון אָט דעם אלטמאָדישן קאפע־הויז מיט די אָפּגעשניצטע פּליושענע שטולן און קליינע גרויע טישלעך. ער האָט אלע שטאמגעסט געקענט בא די נעמען. געוווּסט יעדן, וואָס פאר א צייַטונג צו דערלאנגען, וואָס פאר א קאווע ער טרינקט, און פאר נייַע באזוכער זיך שטענדיק ווי בארימט:

— ביי דיעזעם טיש האט דער אלטענבערג זייַנע געדיכטע אין פּראָזע פארפאסט... זייַן ראפינירטעס עוואנגעליום...

און ס׳האָט זיך געדאכט, אז נאָר דאָ, אין צווייטן באצירק, אף דער טאָ־באָרשטראסע, האָט געקאָנט געבוירן ווערן די קליינע אייגנארטיקע ווינער פּאָעזיע אין פּראָזע, וועלכע דער אלטער קעלנער האָט אזוי טרעפלעך באַ־טיטלט „ראפינירטעס עוואנגעליום".

ווין איז געווען דורכגעוועבט מיט דער גרויסער און וועלט־בארימטער ליטעראטור, וואָס אירע שעפער האָבן צומאָל פארקערעוועט אין דעם אלטן קאפע. קאָן זייַן, אז שטעפאן צוויַיג האָט זייַן „מענדל בוקיניסט" אויך גע־טראָפן בא איינעם פון די טישלעך אין קאפע „צענטראל".

דאָ האָבן אויך אין פארשיידענע צייַטן יידישע שרייַבער איבערגעלאָזט זייער אווטאָגראף אינעם זיקאָרן פון דעם אלטן קעלנער.

— איך האָבע היר דען בערימטען עראָפּעישן עפּיקער שאַלאָם אַש בע־דינט...

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל נאָך מײַן קומען קיין עסטרײַך באזוכט דאָס באַוווּסטע קאפע־הויז, האָט דער אַלטער קעלנער זיך העפלעך אריבער־געבויגן צו מיר, און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט באַדאַרפט אויסקלאָרן, איז געווען:

— אײַן דיכטער אָדער מאַלער?

איך בין ווי געפּלעפּט געבליבן זיצן פון אַזאַ אומגעריכטער פראַגע. אַלע מײַנע דרײַ און צוואַנציק יאָר האָבן זיך צעברענט אויף מײַן פּאָנעם, און איך האָב אין גרויס פארלעגנהײַט קוים וואָס ארויסגעשטאַמלט:

— אײַן שוואַרצן, ביטע!

ער האָט זיך אַ בייג געטאָן און אַ ווײַלע געבליבן קײַלעכדיק. נאָר באַלד זיך ווידער אויסגעגלײַכט און פאַרשווּנדן מיט אַזאַ לײַכטקײַט, גלײַך ער וואָלט פאַרמאָגט פליגל. אין עטלעכע מינוט אַרום זיך אומגעקערט, באַלאַנסירנדיק ווי אַ קונצנמאַכער, מיט דער באַשטעלטער קאַווע אין האַנט.

— ביטע, מײַן הער!

און אויף זײַן פּאָנעם, טונקל, ווי די פאַרב פון געמאָלענער קאַווע, האָט אין דער ברייט זיך געפּאַלדעוועט אַ דינער, פאַרטראָגענער שמייכל.

וויפל קילאָמעטער האָט ער באַדאַרפט דורכמאַכן אַ טאָג, אָט דער אַל־טער זעכציקיאָריקער קעלנער?

און ער האָט עס געטאָן מיט אַזאַ רירעוודיקײַט, מיט אַזאַ באַשײַמפּער־לעכער ליבע צו די, וואָס קומען אהער יעדן אָוונט מיט זייער פרייד און זייער אנטוישונג און ווערן פאַרשיקערט פון אַ „שוואַרצן", ווי פון ווײַן...

ווען ער האָט זיך ענדלעך דערוווּסט, פונוואַנען איך קום און אַז אין מײַן אַקטיוו זײַנען שוין פאַראַן עטלעכע אָנפאַנגערישע נאָוועלן אין ייִדיש, האָבן זײַנע אויגן געגומען גוטמוטיק שטראַלן און ער האָט מיט אַ זינגענ־דיקן אַקצענט עמעצן צוגערופן:

— הער דאָקטאָר, דיעזער יונגערמאַן איסט איין יודישער שריפטשטע־לער.

די לאָמפּן אין קאַפע „צענטראַל" האָבן זיך פּלוצעם גענומען וויגן. איך האָב דערפילט אַ מאָדנע ענגשאַפט פון אָטעם, און אַ צעטומלטער געקוקט צו יענעם טיש, פונוואַנען מ'האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר מיט אַ ליבלעכן שמייכל.

...עס בלענדט מיט טויזנטער פײַערן דאָס אָוונטיקע ווין, און דאָס קליינע הײַפעלע ייִדישע שרײַבער ציט זיך צום אַלטן קאַפע „צענטראַל"...

## אין יענע טעג

פון אָוונט צו אָוונט האָב איך אים געטראָפן צווישן די שטענדיקע זי־צערס פון קאַפע „צענטראַל", כאָטש קיין שרײַבער איז ער ניט געווען און מיט קונסט אויך ניט געהאַט צו טאָן, אויב ניט רעכענען די פּאָטאָגראַפיעס פון שרײַבער, וואָס ער פלעגט מאַכן און אויסרעטושירן מיט אַזאַ ליבשאַפט, אַז יעדער פּאָרטרעט האָט אויסגעזען ווי אַ קונסטווערק.

זײַן נאָמען געדענק איך ניט מער. נאָר שטריכן פון זײַן געשטאַלט, ווי פאַרנעפּלטע קאָנטורן, שווימען אויף אין שטראָם פון פאַרפּלאָנטערטע זיכרוינעס.

וויאַזוי האָט ער אויסגעזען?

איך דערמאָן זיך אַ מאָגער פּאָנעם — הויט און ביין, אַ פאַרשפּיצטע נאָז, ווי בײַ אַ מעס, אַ קײַלעכדיקער קאָפּ מיט געלע שיטערע האָר און אויגן, ווי אַרײַנגעשטעלט אין טיפע גריבער. אויף זײַן שמאָלער קינדערשער פּלייצע האָט ער געטראָגן אַ שפּיציקן הויקער. דאָך האָט ער זיך לײַכט באַוועגט אויף זײַנע דינע, קורצע פיס.

אָבער פון אָט דעם פאַרקריפּלטן אויסזען האָט געשטראַמט אַ דערהויבענע איידלקייט, ער האָט געצויבערט מיט אַ געלײַטערטן, ליבלעכן שמייכל, און אַ זעלטענע גוטסקייט האָט אַרויסגעשטראַלט פון זײַנע ברוינע אויגן.

און אין אַ שעפעריש׳ער געזעלשאַפט האָט ער זיך אַרײַנגעלעבט מיט עפּעס אַ נאַיווער, אויפריכטיקער צוגעלאָזנקייט.

קיינער האָט ניט געוווּסט פּינקטלעך, וווּ ער וווינט און פון וואָס ער לעבט, ווײַל די אָרעמע פּאָר גראָשן, פאַרדינטע באַם פאָטאָגראַפירן, האָבן ווײַט ניט געקלעקט אויף מעפּארנעס זײַן אַפילע זײַן אַלט־באָכערישע אַליינקייט.

ער האָט דעמלט באַדאַרפט זײַן איבער די דרײַסיק. און עפּשער האָט זײַן אויסזען אַזוי אָפּגענאַרט?

אָ, ייִדישער קוואַזימאָדאָ!

זײַן עסמעראַלדע איז ניט געווען קיין ציגײַנער־מיידל, אויך ניט פון די פרויען, וואָס האָבן יעדן אָוונט געבראַכט אין קאַפע „צענטראַל“ דעם רייצנדיקן בליץ פון זייערע אויגן. זײַן עסמעראַלדע איז געווען אַ יונגע דײַטשישע דיכטערין פון ייִדישן אָפּשטאַם, וועלכע ער האָט אינגאַנצן איין מאָל געזען. איין מאָל פאָטאָגראַפירט און דערנאָך געזוכט אירע טריט איבער די גאַסן פון ווין.

מיט מײַן באַקאַנטשאַפט האָט ער זיך מאַמעש דערפרייט. עפּשער האָט די שכייניש׳ע בוקאָווינע אים דערמאָנט זײַן אַמאָליקע ייִדישע היים אין גאַליציע, זײַנע קינדער־יאָרן, און עפּשער דערפאַר, וואָס איך בין געווען נאָך זייער יונג, און ער האָט דערפילט אין מיר אַ כאַווער.

ער האָט באַלד מיר פאַרגעלייגט זיך פאָטאָגראַפירן. איך אָבער האָב געוווּסט, אַז באַצאָלן איז נישטאָ בײַ מיר מיט וואָס, און זיך העפלעך אָפּגעזאָגט. נאָר ער האָט מײַן אָפּזאָג אָנגענומען פאַר אַן אויסרייד און איבער זײַן מאָגער פּאָנעם איז דורכגעלאָפן אַ שאָטן פון באַליידיקונג.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער מיר געבראַכט צוויי פאָטאָגראַפיעס. איינע אויף אונטערצושרײַבן פאַר אים און אַ צווייטע פאַר מיר.

— עפּשער וועט איר אַמאָל מיך דערמאָנען!

דערבײַ זײַנען זײַנע אויגן געווען אָנגעגאָסן מיט אַ צאַפּלדיקער פרייד, ווי בײַ אַ קינסטלער, וואָס האָט אָקאָרשט פאַרענדיקט אַ געמעל.

מיר האָט עמעצער געזאָגט בעסאָד סוידעס, אַז ער שרײַבט לידער, נאָר האָט זיי קיינמאָל קיינעם ניט געוויזן.

אין איינעם אַן אָוונט האָב איך אים געטראָפן אין קאַפע „צענטראַל“, זיצנדיק אין אַ ווינקל איינער אַליין. זײַנע לאַנגע בלייכע הענט האָבן זיך

פיבערהאַפּט געקלאַמערט ארום זײַנע שפּיציקע קני, אין די אויגן האָט זיך געוויגט עפּעס א שנײַדיקער, טרוקענער גלאַנץ. און איך האָב זיך צוגעזעצט און אזוי פאַרזיכטיק געפּרוּווט אויסנוצן די געלעגנהײַט:

— לייענט עפּעס פון אײַערע לידער!

ער האָט אויף מיר געוואָרפן א בליק, גלײַך ער וואָלט מיך געוואָלט דורכלעכערן, און זיך צעלאַכט מיט א מאָדנע הייזעריק געלעכטער, געלאַכט מיט א ברייט אָפן מויל, שטיל און העפטיק, פּלוצעם אָפּגעהאַקט, און זײַנע קינביינער האָבן זיך נאָך מער פאַרשפּיצט:

רוישט א בוים
נעשאַמע־שטיל, די צײַט פון טרוים.
איצט שפּינט די אייביקייט איר ליכט און אירע פאַרבן,
נאָר טיף אין מיר צעוויינט זיך אויף א קאָל
די גאַנצע שרעק פאַר וויאַנען און פאַר שטאַרבן.

געלייענט האָט ער אין דער מאַניר, וועלכע עס פאַרמאָגן פיל דיכטער: פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף צוריק און מיט אויגן, געווענדעטע ערגעץ אין דער ווײַט, געשווּמען אויף דער כוואַליע פון פּאָעזיע.

— ס׳איז דאָך איציק מאַנגער! — האָב איך אן אנטוישטער אויסגערופן.

— איר האָט דאָך געוואָלט לידער... בא מיר זײַנען קיין לידער ניטאָ...

איך האָב ארויסגעפילט, אז ער זאָגט ניט דעם עמעס, נאָר גאָרניט געענטפערט.

ווער האָט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אז אין געציילטע כאָדאָשים וועט קאַפע „צענטראַל״, דאָס שטילע ווינער אינדזל פאַר שרײַבער און קינסטלער, צעשטערט ווערן, עס וועט פאַרשווינדן די מעגלעכקײַט פון צונויפקומען, פון טרעפן זיך, און די גרויסע פענצטער אויף דער טאַבאָרשטראַסע וועלן, ווי אויסגעלאָשענע אויגן, קוקן אויף די ווילדע, מעשוגעדיקע מאַרשן פון א צעבושעוועטן האַמוין.

אין איינעם אזא טאָג האָב איך אים באַגעגנט אין גאַס. ער איז געווען שוואַרץ, ווי די ערד. נאָך מער אויסגעמאָגערט געוואָרן. די נאָז שאַרפער, און דער הויקער נאָך פאַרשפּיצטער.

— נו, וואָס וועט זײַן?

וואָס האָב איך געקענט ענטפערן אויף זײַן פראַגע, ווען דער גוירל פון די ווינער יידן איז געווען א געכאַסמעטער.

ער האָט דערמאָנט קאַפע „צענטראַל״ און געוואָרן אויסגעלאָשן, טרויעריק, מיט א פאַרוואָגלט קאָל געפרעגט, צי געדענק איך אוראָם רייזענען:

אָבער, אז מירביידע לײַדן,
סײַ די וועלט, סײַ איך אליין.
האָט די וועלט ניט ווו צו קומען,
און איך האָב ניט ווו צו גיין...

א ציטער איז מיר אדורך איבערן לײַב. זײַענדיק ארומגערינגלט פון עלנט און שרעק, האָט ער גערופן צוהילף פּאָעזיע. און עס האָט זיך געפילט, אז דאָס איז די לופט, מיט וועלכער ער אָטעמט.

דערווײַל האָט די צײַט מיט בלוטיקע טריט געגרוקט זיך פאָרויס.

ערעוו מײַן פאַרלאָזן ווין האָב איך אים צופעליק דערזען בא דער נאָרד־באַן. ער האָט געוווינט ערגעץ אין יענעם ראַיאָן. צי האָט ער זיך דערפרייט

מיט דער באַגעגעניש? מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז אַפילו אונ־טערגעשפּרונגען אױף זײַנע דינע, קורצע פיס.

— גאָט אַליין האָט אײַך צוגעשיקט!

ער האָט מיך אָנגענומען פאַרן אָרעם, און איך האָב דערפילט דאָס האַס־טיקע קלאַפּן פון זײַן האַרץ.

אַ שיכּור איז פאַרבײַגעגאַנגען, אויסגעגלאָצט אױף אונדז אַ פּאָר פאַר־גלאָסענע קרומע אויגן און אויסגערופן אױף אַ קול:

— שעביקע אָסט־יודן!

מיר האָבן פאַרקערעוועט צום פּראַטער.

עס איז געווען אַ שטילער וואָכעדיקער פאַרנאַכט. אין דער ליידיקייט פון פּאַרק האָבן איינציקע סילועטן געפינטלט אין די אַלייען. מיר האָבן זיך צוגעזעצט. און דעמאָלט איז געשען דאָס אומדערוואַרטעטע.

— איר האָט געוואָלט מײַנע לידער?.. אָט האָט איר זיי... עפּשער וועט איר זיי קענען אויסנוצן... איך — שוין זיכער ניט.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער בוזעם־קעשענע אַ געדיכט באַשריבן העפט.

ס׳איז געווען אַ שווערע רגע.

זײַנע גוטע ברוינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אױף מיר מיט אַ טריבער פײַכטקייט, ווי נאָך אַ געוויין. און אין דער טיפער אויסגעלאָשנקייט זייערער האָט דאָך געגליט אַ פײַערל, זיך געמינעט צווישן שוואַרץ און גרין, ווי די אויגן זײַנע וואָלטן געשלונגען די פרילינגדיקע גרינקייט. געשלונגען, גע־שלונגען...

ער האָט געוואָרפן נאָך עטלעכע צעבראָכענע ווערטער. אַ טיפן זיפץ געטאָן, ווי עס וואָלט אים שווער געווען זיך צו שיידן מיט די שלאָפלאָזע נעכט אין זײַן קליין בוידעם־שטיבל, און איך האָב געפילט זײַן ווייטיק...

עס האָט אָנגעהויבן דעמערן.

אַ קיל ווינטל האָט אַ צי געטאָן פון דעם דונײַ, וואָס האָט ברייט גע־טראָגן זײַנע וואַסערן, און איבערן פּראַטער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ גרוי־סע געלע לעוואָנע.

מע האָט ניט געטאָרט זיך לענגער פאַרהאַלטן. די ווינער דעמערונג איז געווען אַ ניט זיכערע אַפילו פאַר ייִדן מיט אויסלענדישע פּעסער אין קע־שענע. און מיר האָבן זיך געזעגנט...

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך דערנאָך געלייענט זײַנע לידער, געשריבענע מיט אַ דריבנעם אויסגעטאָקטן קסאַוו. איך האָב דערזען אַ דיכטער מיט עכטן, אופריכטיקן צער. אַ דיכטער, וואָס האָט דערפילט דעם אָנהייב פונעם גרויסן ייִדישן חורבן, ער האָט ניט געיאָמערט, ניט געוויינט, ער האָט טיף געטרויערט.

אין אַ צײַט אַרום האָב איך זיך דערוווּסט פון אַ ייִדן אין פּראָג, אַ באַ־וווּסטן מעצענאַט, וועלכער האָט געוואָלט אַרויסגעבן די לידער, אַז צו אים איז געקומען אַ יונגע דײַטשישע דיכטערן, וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פונעם ווינער געהענעם און אים דערציילט אַ הימלשרײַענדיקע געשיכטע.

...ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אין ווין די ערשטע אויסזידלונג פון ייִדן, האָט זיך אין אַ מאָרג, אין אַ ליידיקן קאַסטן, אויסבאַהאַלטן איער אַ באַקאַנטער. מע האָט אים געפונען אין אַ פּאַרטאַג, פאַרזונקען אין אַ טיפן

פאַרכאַלעשטן שלאָף, און עסעסאָווצעס האָבן געהייסן אים באַגראָבן א לע־בעדיקן...

באַם ייִדן האָבן געציטערט די ליפּן בעשאַס ער האָט עס דערציילט, באַ מיר האָט אויך דאָס האַרץ געוויינט. איך האָב ניט געצווייפלט, אַז דאָס גייט אַ רייד וועגן מײַן באַקאַנטן. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי פון ערגעץ ווײַט־ווײַט דערגייט צו מיר זײַן געראַנגל מיטן טויט, און מיר איז געקומען אויפן זינען:

> נאָר טיף אין מיר צעוויינט זיך אויף אַ קאָל
> די גאַנצע שרעק פאַר וויאַנעץ און פאַר שטאַרבן...

אינגיכן האָט אויך פּראָג געטיילט דעם גורל פון ווין. און איניינעם מיט טויזנטער, טויזנטער קאַרבאָנעס זײַנען אויך פאַרגאַזט געוואָרן דער פּראָגער ייִד און די יונגע דײַטשישע דיכטערין, און אַוואַדע אויך דאָס העפטל לידער...

„עפּשער וועט איר אַמאָל מיך דערמאָנען?!"

לייג איך מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, ווי אַ שטיין, אַוועק די ווערטער אויף דײַן אומבאַוווּסטן קייווער, פריַינט פון מײַנע יוגנט־יאָרן. לייג אַוועק ווי אַ פּאָשעטן שטיין, אַ פאַרזונקענעם ביז אין דער העלפט אין זאַמד פון פאַר־געסנהײַט...

און דער דונײַ טראָגט ברייט זײַנע בלויע וואַסערן, ווי ער האָט זיי גע־טראָגן מיט יאָרן, יאָרן צוריק...

# אינהאלט

## פון נאָענט און ווײַט

א נײַער אָנהייב . . . . . . . . . . . 4
דאָס לעבן . . . . . . . . 15
כאוועלע . . . . . . . . 21
נאדיא . . . . . . . . . 26
א פּײַערל אין די בערג . . . . . . . 31
דער ערשטער אָס . . . . . . . 38
נעכט . . . . . . . . . 42
געוויסן . . . . . . . . . 45
א פּארשפּעטיקטער עכאָ . . . . . . 51
שפּיגלווענדס . . . . . . . . . 61
ייִדיש . . . . . . . . . 67
פּאסכא־נאכט . . . . . . . . 70
אייביקע שפּיל . . . . . . . . . 72

## דעם נעכטן אין די אויגן

מײַן פרילינג, מײַן הארבסט... . . . . . . . 78
אָפּקלאנגען... . . . . . . . . . . . 103
בא מײַן אמאָל . . . . . . . . . 128
זי איז געוואָרן זיקאָרן . . . . . . . . 135
צו יענער שוועל . . . . . . . . . 141
א שײַטער אפן וועג . . . . . . . . . 147
געהענעם און ווידערשטאנד . . . . . . . 152

## אין אומרו פון שטורעם

גוורע . . . . . . . . . . . . . . . 156
א געזאנג איבער אלע געזאנגען . . . . . . . . . . 164
אן עמעסדיק מײַסעלע . . . . . . . . . 175
ווידערשטאנד . . . . . . . . . 178
אייכאָ . . . . . . . . . . 182
רוט . . . . . . . . . . 184
פארנעפּלטע ווײַטן . . . . . . . . . 190
מידאס־האדין . . . . . . . . . 205

## אין אויסגערײַפטע טעג

בא זיך . . . . . . . . . . . 210
די רײַע . . . . . . . . . . . 216
אנושקא . . . . . . . . . . . 223

| | |
|---|---|
| שטערן עלטערן זיך ניט... | 227 |
| אף טײַגע־ערדן | 231 |
| פיר ליבעס | 261 |
| פרידלעכע האַריזאָנטן | 282 |
| אין אייגענעם גערשנגל | 315 |
| מיט גלויבן באַהעפט... | 322 |
| בלומען און טרערן | 326 |
| פּאַסירט האָט עס דאָ... | 331 |
| מאַציייוועס... | 336 |
| אין ווין | 339 |

יויסעף בורג

# א פאַרשפּעקטיקטער עכאָ

קינסטלער יע. סקאקאלסקי
רעדאַקטאָר מ. שולמאַן
קינסטלערישער רעדאַקטאָר יע. קאַפּוסטין
טעכנישער רעדאַקטאָר ר. סאַקאַלאַווא
קאָרעקטאָר ד. גראַזאַווסקע

אינפאָרמאַציע־ביולעטען נום. 7734

אָפּגעגעבן אין זאַץ 12.12.89. אונטערגעשריבן צום דרוק 05.06.90 פאָרמאַט $84\times108^1/_{32}$. טיפּאָגראַפיש פּאַפּיר נום. 1. הויכדרוק. באַדינגלעכע דרוקבויגן 18.48. פאַרעגערישע דיסקאָנט־בויגן 20,60. טיר־ראַזש 1575. עקז. באַשטעלונג נום. 1916 פּרייַז 1 רוב. 60 קאָפּ.

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל”, 121069, מאָסקווע, וואָראָווסקי־גאַס, הויז נום. 11.
באַלוינטע מיטן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן מאָסקווער טיפּאָגראַפיע נום. 7 „איסקראַ רעוואָ־ליוציִי” פון „סאָיוזפּאָליגראַפּראָם” פונעם מעלוכע־קאָמיטעט פון פּסר איבער די אינינאָנים פונעם פאַר־לאַג־וועזן, פּאָליגראַפיע און בוך־האַנדל.
121019, מאָסקווע, אַקסאַקאָוו־געסל, הויז נום. 13.

*Иосиф Кунович Бург*

ЗАПОЗДАЛОЕ ЭХО

*(на еврейском языке)*

Художник *Е. Р. Скакальский*
Редактор *М. Я. Шульман*
Худож. редактор *Е. Ф. Капустин*
Техн. редактор *Р. Я. Соколова*
Корректор *Д. С. Грозовская*

ИБ № 7734

Сдано в набор 12.12.89. Подписано к печати 05.06.90. Формат 84×108¹/₃₂. Бумага тип. № 1. Высокая печать. Усл. печ. л. 18,48. Уч.-изд. л. 20,60. Тираж 1575 экз. Заказ 1916.
**Цена 1 р. 60 к.**

Ордена Дружбы народов издательство «Советский писатель». 121069, Москва, ул. Воровского, 11.

Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» В/О «Совэкспорткнига» Государственного комитета СССР по печати.
121019, Москва, пер. Аксакова, 13.

---

**Бург И. К.**

Б 91 Запоздалое эхо: Рассказы, новеллы. На евр. яз. — М.: Советский писатель, 1990 — 352 с.

ISBN 5—265—01439—X

В сборник «Запоздалое эхо» вошли самые значительные произведения, написанные автором в последнее время. Герои рассказов — простые, скромные люди, евреи и гуцулы, живущие и работающие на Буковине.

Написанные в форме лирических исповедей, пронизанные мотивами легенд и сказаний, новеллы И. Бурга продолжают традиции народной литературы.

**Б $\frac{4702210201—271}{083(02)—90}$ 377—90** **ББК 84 Е7**

8.4.Евр
Б91